STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10511

TSVISHN TSEYLEM UN MEZUZE

Helena Szereszewska

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העלענאַ שערעשעווסקאַ

צווישן צלם און מזוזה

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

העלענאַ שערעשעווסקאַ

אויטאָריזירטע איבערזעצונג
פון פּויליש'ן כתב־יד:
דיאַנאַ בלומענפעלד

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1959 — תשי״ט

דעם אָנדענק פֿון
מיין מאַן.

אינהאַלט

פון דער רעדאַקציע — — — — — — — — — — — — — — 9
ערשטע טייל: שרעק — — — — — — — — — — — — — 11
צווייטע טייל: פריינטשאַפט — — — — — — — — — — — 73
דריטע טייל: אויפשטאַנד — — — — — — — — — — — 141
פערטע טייל: די וואַנדערונג אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג — — — 175
פינפטע טייל: אין דייטשישן טראַנזיט־לאַגער — — — — — — 211
זעקסטע טייל: רייכסבאַנלאַגער ספינדלערפעלד — בערלין־קעפעניק 231
זיבעטע טייל: דער וועג צוריק — — — — — — — — — — 355

**
*

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ נייער בייטראָג צו דער געשיכטע פון דעם חורבן פון יידישן לעבן אין פוילן.

עס שפּיגלט אָפּ נאָך אַן אָפּשניט פון דעם טראַגישן קאַמף, וואָס יידן האָבן געפירט פאַר זייער לעבן אין די יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. און הגם עס איז שוין וועגן דעם דאָזיקן קאַמף אַזוי פיל געשריבן געוואָרן און עס זענען שוין דערשינען פיל ביכער, דאַכט זיך אונדז אָבער דאָך, אַז די אויטאָרין אַנטפּלעקט פאַר אונדז גאָר אַ נייע וועלט, וועגן וועלכער מיר האָבן זייער אַ סך געהערט דערציילן, אָבער וועלכע איז זעלטן ווען געשילדערט געוואָרן אויף אַזאַ פּשוטן און בולטן אופן. דאָס איז דאָס לעבן פון יידן אויף דער אַרישער זייט אין אַ קלויסטער־סביבה.

פרוי העלענאַ שערעשעווסקאַ גיט אונדז אין אירע זכרונות אַ גענויע שילדערונג פון דעם לעבן און קאַמף אין דער דאָזיקער סביבה.

אַליין פון אַן אָנגעזעענער יידישער משפּחה, ביי פּיאָטריקאָוו טריבונאַלסקי, וואָס אין סאַמע האַרץ פון קאָנגרעס־פוילן, האָט זי זיך אָבער אויסגעלעבט אין משך פון דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן אין אַן אַסימילירטער סביבה.

איר מאַן, אינזש. סטאַניסלאַוו שערעשעווסקי, וואָס האָט פאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער פּוילישער הייזון־אינדוסטריע, איז געווען טעטיק אין יידישע און נישט־יידישע פילאַנטראָפּישע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, ווייט פון פּראָבלעמען פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

דאָך אָבער האָט דער וואַקסנדיקער עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן געצוווּנגען אים, פּונקט ווי פיל פון זיינע גלייכע יידישע מיטבירגער, צו ווידמען מער אויפמערקזאַמקייט דעם קאַמף פאַר יידישער רעכט אין פוילן.

אַ שטילער, באַשיידענער און זייער האַרציקער מענטש, וואָס

איז דערצויגן געוואָרן אין דער פּוילישער קולטור, איז אינזש. שע־רעשעווסקי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַקטיוון ייִדישן מאַסן־לעבן און ווען אין דייטשלאַנד איז אויפגעקומען דער היטלעריזם און ייִדן אין פּוילן האָבן דערקלערט אַ קאַמף אויף פּאַר ייִדישע רעכט אין דייטשלאַנד, זעען מיר שוין דעם אינזש. סטאַניסלאַוו שע־רעשעווסקי אין די ערשטע רייען פון די אַקטיווע מיטקעמפער.

ווען די נאַציס האָבן פאַרנומען וואַרשע איז אינזש. שערע־שעווסקי געווען איינער פון די אָנפירנדיקע עסקנים פון דער רע־טונג־אַקציע פאַר די ייִדן אין געטאָ. ער האָט אָנגעפירט מיט דער פינאַנציעלער פּאָליטיק פון דעם וואַרשעווער ייִדנראַט, צו וועמענס אָנגעהעריקייט די נאַצישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט אַרויסגעצווונ־גען אויך פיל ייִדישע עסקנים.

בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין אַפּריל 1943 איז ער דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן צוזאַמען מיט פיל אַנדערע מיטגלידער פון דעם ייִדנראַט.

די פרוי און זייערע קינדער איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט אַדאַנק זייער „גוטן אויסזען" און ריינקייט פון דער פּוילישער אויסשפּראַך.

דאָס לעבן אין דער דאָזיקער צייט און זייער רעטונג שילדערט פרוי שערעשעווסקאַ אין איר בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „צווישן צלם און מזוזה", וואָס מיר געבן איבער דעם ייִדישן לייענער אַלס דער 146טער באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום" און וואָס דערשיינט צום 20סטן יאָרטאָג נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פרוי העלענאַ שערעשעווסקאַ, וועלכע געהערט צו די ווייניק לעבנגעבליבענע עדות פון אונדזער טראַגישער עפּאָכע, וווינט זינט דעם יאָר 1949 אין מדינת ישראל צוזאַמען מיט אירע קינדער.

די זכרונות זענען געשריבן אין דער פּוילישער שפּראַך און זע־נען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ייִדיש דורך דיאַנאַ בלומענפעלד.

די רעדאַקציע.

ערשטע טייל

שרעק

פון דער העלפט יוני 1943 ביז דעם 14טן אויגוסט 1944 האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אינעם אַנשטאַלט פאַר פּאַראַליטיקער און אומהיילבאַרע קראַנקע אין וואַרשע, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט נאָנעס — די פעליציאַנער שוועסטער.

דער אַנשטאַלט האָט זיך פריִער געפינען אויף דער גאַס פון 6טן אויגוסט (שוסטעגאָ שיערפּניאַ), אָבער די דייטשן האָבן די געביידע פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל און נאָך דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ האָבן זיי איבערגעגעבן די נאָנעס די געוועזענע היים פאַר ייִדישע סטודענטן אויף דער לעשנאָ גאַס (לעשנאָ עק זשעלאַזנע).

איך האָב געהאַט אַ מעטריקע אויפן נאָמען פון אַליציאַ ביערנאַצקאַ, געבוירן אין דעם זעלבן יאָר וואָס איך. די מעטריקע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „הייליקע באַרבאַראַ קירך" אין וואַרשע. מען האָט מיר אויך פאַרשאַפט אַ פיקטיווע באַשטעטיקונג אַלס די פרוי פון סטאַניסלאַוו מאַיעווסקי.

כ׳האָב געוואָלט נישט איינגעמאַלדן ביי מיין טאָכטער אויף דער לוואָווסקע גאַס — אָבער לאַנג האָב איך דאָרט נישט געקאָנט זיין.

איר באַלעבאָסטע — פרוי יאַנינאַ בליזשינסקאַ — האָט מיט דער איינשטימונג פון איר גלח, פאַר וועלכן זי פלעגט זיך מתוודה זיין, מיר געהייסן זיך וועגדן אינעם אַנשטאַלט אויף לעשנאָ גאַס.

— צי זאָל איך זאָגן דעם גאַנצן אמת דער פאַרוואַלטערין פונעם אַנשטאַלט?

— זאָל גאָט אויסהיטן! — האָט געזאָגט דער גלח — דעם אמת זאָל זי נישט זאָגן.

אויפן סמך פון מיין מעטריקע און חתונה־באַשטעטיקונג, האָט מען

מיך פאַרזאָרגט מיט אַ „קענקאַרטע" — און אין דעם זעלבן טאָג, ווען איך האָב זי באַקומען, בין איך געפאָרן מיט מיין טאָכטער אויף לעשנאַ גאַס.

— אפשר זענט איר אַ יידישע אָדער אַ געטויפטע? — האָט זיך גע־פרעגט אין דער קאַנצעלאַריע די שוועסטער־פאַרוואַלטערין.

— זאָל גאָט אָפּהיטן! — האָב איך פאַרלייקנט בלאָס ווערנדיק — כ'בין אַ גוטע קריסטין.

— איר זענט אַן אלמנה? וואָס איז געשען מיט אייער מאַן?

— מען האָט אים צוגענומען פון דער גאַס. ער האָט געהאַט ביי זיך נישט קיין לעגאַלע צייטונגען.

— ווען האָט דאָס פּאַסירט?

— דעם אַכט און צוואַנציקסטן אַפּריל.

— זינט דעמאָלט איז די מוטער זייער שטאַרק נידערגעשלאָגן — האָט געזאָגט מיין טאָכטער — און זי וואָלט שטאַרק געוואָלט פאַרבלייבן אין אייער אַנשטאַלט ביזן סוף פון דער מלחמה.

— זי רופט מיך מוטער, אָבער זי איז מיין שנור. מיין איינציקער זון איז געפאַלן אין קריג און איבערגעלאָזט אַ ווייב און אַ קינד.

אַזוי האָב איך געזאָגט, ווייל אַזוי איז עס אָפּגערעדט געווען צווישן אונדז.

די שוועסטער־פאַרוואַלטערין האָט אונדז ביידע באַטראַכט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. זי האָט געעפנט די „קענקאַרטע" און הויך געלייענט:

— אַליציאַ מאַיעווסקאַ פון דער היים ביערנאַצקאַ. אייגנטלעך נע־מען מיר דאָ אַן פון 65 יאָר — איר זענט צו יונג פאַר אונדזער אַנשטאַלט... טיילמאָל אָבער מאַכן מיר אַן אויסנאַם.

כ'בין אַלזאָ אָנגענומען געוואָרן און כ'האָב איינגעצאָלט דעם באַ־טרעף, וואָס זי האָט פון מיר פאַרלאַנגט — פינף הונדערט זלאָטעס.

די „שוועסטער" האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול. זי איז געווען פון הויכן ווּוקס, אַ דיקע מיט אַ ברייטן גוטמוטיקן פּנים, איבער פופציק יאָר אַלט. זי האָט געשטאַמט פון פויזן. כ'האָב עס דערקענט לויט איר אויס־שפּראַך. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן ברוינעם נאָנע־מאַנטל, אַרומ־געגאַרטלט מיט אַ שניר פּאַטשערקעס מיט וועלכע די קאַטאָליקן ציילן די תפילות. אַ גרויסער צלם האָט געהאָנגען אויף איר ברוסט. דאָס פּנים

איז געווען באַצירט מיט אַ ווייסן, שטייפן לייוונט — אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַן אַזוי גערופענעם „שטערן", פון וועלכן עס האָט אַראָפּגע־האָנגען אַ שוואַרצער שלייער.

— איך וועל אייך ווייזן די קאַפּליצע — האָט זי געזאָגט.

די קאַפּליצע איז געווען דערלעבן, קעגנאיבער די טרעפּ. אַ האַלבן שטאָק נידעריקער איז געשטאַנען אויף אַ פּיעדעסטאַל די סטאַטוע פון דער הייליקער מוטער אָנגעטאָן אין אַ בלויען מאַנטל מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ.

די נאָנע האָט געעפנט די טיר פון צימער, ווו עס האָט זיך געפינען דער אַלטאַר. ביי דער טיר האָט זיך געפינען דער טויף־בעקן מיטן היי־ליקן וואַסער. זי האָט לייכט באַרירט דאָס וואַסער מיט אירע פינגער און האָט זיך איבערגעצלמט. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע. דערנאָך איז זי גע־פאַלן אויף די קני און האָט זיך נידעריק פאַרנייגט, באַרירנדיק מיט איר שטערן די פּאָדלאָגע. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זי געזאָגט מיט שטאָלץ:

— דאָס איז אונדזער תפילה־אָרט.

און זי האָט געמעגט זיין שטאָלץ. דאָס איז געווען איר אַרבעט. דאָס פריערדיקע תפילה־אָרט פון די שוועסטער־פעליציאַנקעס איז פאַרבליבן אויף דער 6טער אויגוסט־גאַס — דאָס איצטיקע איז איבערגעבויט געוואָרן פונעם עס־צימער אין דער ייִדישער סטודענטן־היים.

די בענק, די בענקעלעך אויף וועלכע מען קניט, הייליקע סטאַטועז און בילדער האָבן די נאָנעס געבראַכט מיט זיך.

דער אַלטאַר איז געווען פאַרפלייצט מיט בלומען און האָט געפינקלט מיט דער ווייסקייט פונעם צודעק, וואָס איז געווען באַזוימט מיט ברייטע שפּיצן. פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען לאָרבער־ביימער און אָלע־אַנדערס. אין מיטן דער גרינקייט זענען געשטאַנען, אין דער נאַטירלעכער גרויס, די פיגורן פון יעזוס און הייליקן יוזעף — מיטן קינד אויף דער האַנט.

כ'האָב דעמאָלט איבערגעלעבט אַן אומגעוויינלעכן מאָמענט. כ'האָב נישט געוווּסט צי דאַרף איך קניִען און זאָגן די תפילה „געגריסט זייִ, מאַריאַ", צי נאָר קניִען און איבערצלמען זיך. כ'בין געשטאַנען לעבן דעם טויף־בעקן אַן אומזיכערע און נישט אַנטשלאָסענע.

האָב איך מיך נישט דעמאַסקירט שטייענדיק אין דעם פאַרהייליקטן אָרט?

אפשר האָב איך מיך באַדאַרפט וואַרפן אויף די קני און אין דער שטילקייט פון דער הייליקייט אויסוויינען מיין צער און טרויער? כ׳בין דאָך געווען נידערגעשלאָגן. ווי אַזוי דאַרף זיך אויפפירן אַ נידערגעשלאָגענע פרוי? — און דערצו נאָך אַ גוטע קריסטין, אין אַ קריסטלעך תפילה־אָרט, וואָס איז פאַרפלייצט מיט בלומען — און דערצו לעבן אַ נאָנע, וואָס איז געפאַלן אויף די קני און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטערן אַז דער פּאָדלאָגע?

כ׳האָב איר אַ קוש געטאָן אין האַנט און כ׳בין אַראָפּ פון די טרעפּ. אויפן האַלבן שטאָק אויף אַ געפלאָכטענער סאָפקע איז געזעסן מיין טאָכטער. כ׳האָב מיך צוגעזעצט לעבן איר.

עס האָט אָנגעהויבן צו קלינגען. פון די קאָרידאָרן, פון דעם העכערן שטאָק, פון דעם נידעריקן און פון אַלע זייטן זענען זיך צוזאַמענגעקומען די נאָנעס אין די ברוינע מאַנטלען און שוואַרצע שלייערס. יעדע האָט געהאַט אַ צלם אויף דער ברוסט. יעדע איינע איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט די הענט פאַרשטעקט אין די לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע אַרבל פונעם מאַנטל צום אַלטאַר צו גאָטעס־דינסט. אויך אַ סך אַלטע פרויען זענען געגאַנגען — כמעט אַלע מיט קאַפּעלושן אויפן קאָפּ, כאָטש זיי האָבן געוווינט אין דער זעלבער געביידע. עס זענען אויך געווען אַ פּאָר מענער.

כ׳האָב באַמערקט אַ פעסט־געבויטע, גרויסע מויד מיט אַ פּאַראַליזירטער האַנט, אַ גרויע פרוי אין אַ וועגעלע, וואָס אַ נאָנע האָט געשטופּט, אַ יונג מיידעלע מיט עקסטאַטישע אויגן, אַ קאַרליק — אַן אמתער קאַרליק מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן, אַ קריכנדיקע פרוי מיט אַ שרעקלעך פּנים און נאָך אַ יונג מיידל, פון אַ יאָר זעכצן, קראַנק אויף עפּילעפּסיע, אונטערגעהאַלטן פון אַ נאָנע.

***

דער אַנשטאַלט פאַר פּאַראַליטיקער און אומהיילבאַרע קראַנקע איז געגרינדעט געוואָרן דורכן גראַף סאַבאַנסקי.

אין דער צייט פון מיין אויפהאַלטן זיך דאָרט האָט מיטן אַנשטאַלט אָנגעפירט די פּאַרוואַלטערין, שוועסטער אַנגעלאַ; די הויפּט־לייטערין,

שוועסטער באַגומילאַ און 18 נאַנעס. דאָרט האָבן זיך געפינען 150 פרויען און 30 מענער. צוזאַמען 180 נפשות. דער גלח האָט געוווינט אין דעם אַנשטאַלט, ווייל עס איז נישט פאַרביי אַ טאָג אָדער צוויי, אַז עמעצער זאָל נישט שטאַרבן. עס האָבן דאָרט אויך געוווינט דער אָרגאַניסט און אַ צאָל פון דער דינערשאַפט.

די וועלכע האָבן זיך געקענט באַוועגן, פלעגן אַליין אַראָפּקומען צום גאָטעסדינסט. אין געוויסע שעהן איז דער גלח געזעסן אין אַ קליין צימערל וווּ מען האָט זיך געקענט מתוודה זיין פון זינד און אַראָפּריידן פונעם האַרצן. מען האָט אויך געקענט הערן דאָס שפּילן און זינגען פון דעם אָרגאַניסט, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע, טיפע שטים.

דאָס רעשט איז באַשטאַנען פון פאַראַליזירטע, וואָס זענען געלעגן אין די בעטן, געפערלעך קראַנקע אָדער גוססדיקע.

צו וועלכער קאַטעגאָריע האָט געהערט די 80־יעריקע אַלטיטשקע, וועלכע האָט זיך נאָך גאַנץ לעבעדיק געהאַלטן אויף די פיס? — צו דער קאַטעגאָריע פון אומהיילבאַר־קראַנקע. צו דער זעלבער קאַטעגאָריע האָבן אויך געהערט דאָס קראַנקע עפּילעפּטישע מיידל און די גרויע פרוי אין וועגעלע. די גרויסע מויד, וואָס האָט בעתן גאָטעסדינסט געזונגען מיט אַ מעכטיקער שטים און האָט געהאַט אַ פאַרדרייטע האַנט, האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון פאַראַליטיקער. צו וועלכער קאַטעגאָריע האָט געהערט דער קאַרליק און דאָס יונגע מיידל מיט די עקסטאַטישע אויגן, וואָס האָבן געברענט פון גאָטספאָרכטיקייט, וועלכע איז געפאַלן אין אָנמאַכט, אויסגעגאַנגען און געשטאָרבן פון דער העפטיקער היציקייט — דאָס האָב איך נישט געוווּסט.

***

צומאָרגנס באַלד אינדערפרי האָט מיין טאָכטער פאַר מיר געבראַכט אַ רענצל מיט זאַכן. זי איז געפאָרן מיט אַ דראָזשקע און איך בין קורץ נאָך איר אָוועקגעפאָרן מיטן טראַמוויי.

אין דעם רענצל איז געווען אַ בילד פון גאָטס מוטער, געקויפט אין אַ געשעפט פון הייליקע זאַכן און אַ ניי געבעט־בוך איינגעבונדן אין שוואַרצע טאָוולען מיט אַן אויסגעקריצטן צלם.

איך האָב געמאַכט אַ גרויסן טעות מיט דעם נייעם געבעט־בוך, אָבער צום גליק האָט דער פעלער נישט געהאַט קיין שום פאָלגן. אַ פרוי אין

מיינע יאָרן האָט באַדאַרפט האָבן אַן אַלט, פאַרוועלקט ביכל מיט אָפּגע־בלייכטע בלעטער, אַפילו מיט אַ ספּעציפישן ריח. מען האָט באַדאַרפט קויפן אין אַן אַנטיק־געשעפט אַן אַלט געבעט־בוך מיט אַ סך הייליקע בילדער צווישן די בלעטלעך, וועגן וועלכן כ׳וואָלט געקענט זאָגן, אַז דאָס האָט געהערט צו מיין מוטער, אָדער אַפילו צו מיין באָבען.

אין דעם רענצל האָב איך נאָך געהאַט 2 בראָשורן פון רעליגיעזן אינהאַלט, וואָס ס׳האָט מיר געשענקט פרוי בליזשינסקאָס גלח.

בליזשינסקאָ, אַ פרוי פון 65 יאָר, אַן עמעריטירטע באַאַמטין, איז געווען זייער שטרענג רעליגיעז. זי האָט געהאַט אַ קולט פאַר יעזוסעס האַרץ און פאַר דעם הייליקן אַנטאָן פון פּאַדואַ. אפשר טאַקע דערפאַר האָט זי זיך אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט מיר — זי האָט מסתמא גע־טראַכט, אַז זייענדיק צווישן נאָנעס, אין אַן אַטמאָספער פון פרומקייט און תפילות, וועל איך מיט דער צייט אָננעמען די קאַטוילישע רעליגיע.

***

די שוועסטער אַמאַריליס האָט מיך אַריינגעפירט אינעם צימער וווּ איך האָב באַדאַרפט וווינען און האָט מיר אָנגעוויזן מיין בעט.

זי האָט געהייסן אַמאַריליס און האָט געטראָגן מיט שטאָלץ און ווירדע איר פּאָעטישן נאָמען. איר פּנים איז געווען בלאַס און פאַרטראַכט. ווען זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט מען געקענט זען, אַז זיי זענען געווען פאַרזונקען אין ענינים נישט פון דער וועלט. פון דער שוועסטער האָט עמאַנירט אַ טיפע שטילקייט און רו.

דאָס צימער איז געווען גרויס, מיט אַ ברייט פענצטער. די ווענט זענען געווען ווייס געקאַלכט. אין די פיר ווינקלען פונעם צימער זענען געשטאַנען פיר בעטן. ביי יעדן בעט — אַ נאַכט־שענקל אָדער אַ קליין טישל מיט אַ שופלאָד און איין שטול.

אַחוץ די בעטן איז געשטאַנען אַ קאָמאָדע מיט פיר שופלאָדן און אויך אַ קליידער־שאַנק. איבער דער קאָמאָדע איז געהאַנגען אַ בילד פון דער הייליקער משפחה.

נאָר איין בעט איז געווען פאַרנומען, אויף דער לינקער זייט ביים פענצטער. דאָרט איז געלעגן אַ פרוי פון איבער פופציק יאָר, מסתמא אַ קראַנקע.

— מיר וועלן היינט אויפשטיין, פרוי טרעפּטע? — האָט געפרעגט די נאָנע.

די קראַנקע האָט נישט געענטפערט. זי האָט נאָר געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, די נאָנע זאָל מיך נישט פאַרשטעלן. זי האָט זיך איינגעקוקט אין מיר ווי אין עפּעס אַ מאָדנע דערשיינונג, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון מיר קיין אויג. ווען די נאָנע איז אַרויס פונעם צימער, האָב איך אויפגעפּאַקט מיין רענצל. כ׳האָב אַריינגעלייגט מיין וועש און פאַרשיידענע קלייניקייטן אין איינעם פון די שופלאָדן פון דער קאָמאָדע, און דעם מאַנטל מיט די קליידער האָב איך אַריינגעהאָנגען אין דער שאַנק. כ׳האָב באַמערקט אַ טשוואָק אין דער וואַנט איבער מיין בעט און כ׳האָב דאָרט אויפגעהאָנגען אַ הייליק בילדל. דורך דער גאַנצער צייט האָט די פרוי נישט אַראָפּגענומען פון מיר די אויגן.

כ׳האָב געטראַכט מיט אַנגסט: צי האָב איך ווידער נישט געמאַכט קיין פעלער, וואָס איך האָב נישט גענומען פון דער פרוי בליזשינסקאַ אַ בילד וועלכן זי האָט מיר געוואָלט שענקען? דאָס איז געווען אַ גרויס בילד אין אַ גאָלדענער ראַם — עס איז אויף אים גאָרנישט געווען אַחוץ אַ רויט האַרץ, דורכגעלעכערט מיט פיילן.

— צי האָט איר געזען אונדזער טייערן אַלטאַר? — האָט פּלוצלינג געפרעגט די פרוי.

זי האָט געהאַט אַ דורכגעטריבן פּנים און אירע אויגן האָבן כיטרע געפינקלט. ווער ווייסט וואָס זי האָט וועגן מיר געטראַכט... זי האָט מיך געפאָרשט ווי אַ דעטעקטיוו. און אפשר האָט זי זיך שוין אַנגעשטויסן, נאָר זי האַלט זיך נאָך אָפּ, כדי אין אַ ווייַלע אַרום מיר צו דערלאַנגען דעם קלאַפּ?

— יאָ, כ׳בין שוין געווען אין דעם געבעט־צימער — האָב איך איר געענטפערט.

— ווען איר וועט גיין צו דער נאָכמיטיק־תפילה, זאָגט פאַר מיר אָפּ דריי מאָל „הייליקע מאַריאַ“.

כ׳האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און כ׳האָב מיך ווייטער פאַרנומען מיט מיינע זאַכן. דאָס טעפּעלע מיט פוטער און דעם לאַבן ברויט האָב איך אַריינגעלייגט אין שופלאָד פונעם טישל און דאָס בעטגעוואַנט האָב איך אויסגעלייגט אויפן בעט.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס איך זאָל טאָן: אַראָפּגיין צי נישט אַראָפּגיין אין דעם תּפֿילה־צימער? צי וועל איך ווידער נישט באַגיין עפּעס אַ פֿעלער? ניין כ׳וועל נישט אַראָפּגיין. כ׳וועל מיך צולייגן אויפֿן בעט. איך בין דאָך אין אַ נידערגעשלאָגענעם צושטאַנד, מעג איך זיין גלייכ־גילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען...

פּונקט פֿיר אַזייגער האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק. כ׳האָב געהערט טריט אין קאָרידאָר, אָבער כ׳בין כסדר געלעגן אויפֿן בעט און כ׳האָב גע־פֿילט ווי די פֿרוי קעגנאיבער מיר נעמט נישט אַראָפּ איר בליק פֿון מיר.

פֿלוצלינג האָט זיך געעפֿנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען זייער אַ הויכע און מאָגערע נאָנע. זעענדיק אַז איך ליג אויפֿן בעט, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— מען דאַרף אַראָפּגיין! מען דאַרף אַראָפּגיין צום גאָטעסדינסט, פֿרוי מאַיעווסקאַ. איר וועט זען, אַז עס וועט אייך גלייך לייכטער ווערן אויפֿן האַרץ...

כ׳האָב מיך אויפֿגעשטעלט, אָנגעטאָן מיין הוט, כאָטש דאָס תּפֿילה־צימער איז געווען אין דעם זעלבן הויז, מיט איין שטאָק נידעריקער. כ׳האָב אַ זוך געטאָן מיין תּפֿילה־ביכל און אַזוי דרייענדיק זיך אין מיין ווינקל, האָב איך דערהערט די זעלביקע שטים, וועלכע האָט גערעדט צו אַנדערע פֿרויען וואָס זענען געווען ביי זיך אין די צימערן:

— מען דאַרף אַראָפּגיין! מען דאַרף אַראָפּגיין צום גאָטעסדינסט, עס וועט אייך גלייך לייכטער ווערן אויפֿן האַרצן...

מיטאַמאָל הער איך די שטים פֿון בעט:

— טרעפּטע, מיין נאָמען איז טרעפּטע — האָט זי זיך פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט.

— און מיין נאָמען איז מאַיעווסקאַ, אַליציאַ מאַיעווסקאַ — האָב איך געענטפֿערט.

כ׳האָב געוואַרט. ס׳בלוט איז מיר אָפּגעפֿלאָסן פֿון פּנים און כ׳האָב געוואַרט, אַז מסתמא וועט זי אַ ליאַדע מינוט מיך אַ פֿרעג טאָן:

— פֿון וועלכע מאַיעווסקיס? צי פֿון די, וואָס האָבן אַ פֿאַבריק פֿון בלייפֿעדער, צי פֿון דעם באַקאַנטן עראַזם מאַיעווסקי, ווייל איך קען די ביידע משפּחות...

אָבער זי האָט נישט געפֿרעגט.

אויף די פייערלעכע תפילות פון דעם גאַנצן חודש יוני פלעגן אויך קומען אַ סך פרעמדע מענטשן פון דער גאַס. דערפאַר האָט קיינער נישט געלייגט קיין ספּעציעלע אַכט אויף מיר. אַריינגייענדיק אין דעם געבעט־צימער האָב איך אײַנגעטונקען די פינגער אינעם הייליקן וואַסער, כ׳האָב מיך איבערגעצלמט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ערשטן פרייען פּלאַץ, וואָס ווייטער פונעם אַלטאַר.

אין דער רייע פאַר מיר איז געזעסן דער קאַרליק, פּון הינטן — די מויד מיט דער אויסגעדרייטער האַנט. די עפּילעפּטיקערין איז געזעסן אויף דער לעצטער באַנק און לעבן מיר איז געזעסן אַ דינסטמיידל, וועלכע כ׳האָב געזען אין קאָרידאָר טראָגנדיק די בערשטן און עמערס.

עס זענען נישט געווען קיין סך נאָנעס. איך האָב איבערגעחזרט צו־זאַמען מיט אַלע:

-- הייליקע מאַריאַ, בעט פאַר אונדז! — און צוזאַמען מיט אַלע האָב איך געזונגען לידער.

עס זענען געווען 4 רייען בענק. אין דער מיטלסטער ריי איז געזעסן אַן אַלטע פרוי אין אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ שוואַרצן אַלטן פילצענעם הוט אויפן קאָפּ. זי האָט געהאַט אַ טעמיטישע נאָז און האָט אויסגעזען ווי אַ ייִדענע פון פאָלק. אַן איינגעבויגענע, האָט זי געדרעמלט די גאַנצע צייט פונעם גאָטעסדינסט. זי האָט גלייך צוגעצויגן צו זיך מיין אויפמערק־זאַמקייט.

דער אַריינגאַנג צום צימער איז געווען פון דעם קאָרידאָר, וואָס האָט געהאַט ברייטע, געדרייטע טרעפּ פון מאַרמאָר. פון ביידע זייטן טרעפּ זענען געווען קאָרידאָרן, וואָס האָבן געפירט צו די דריי שטאָק. די צי־מערן פון די ערשטע צוויי זענען געווען פאַר די נאָנעס און פרויען; דער דריטער שטאָק איז געווען פאַר מענער.

נאָך דעם גאָטעסדינסט בין איך אַרויף אויפן צווייטן שטאָק און כ׳האָב מיך פאַרקערעוועט צום פינצטערן קאָרידאָר. אין דער מיט פון דעם קאָ־רידאָר איז געווען אַ טיר מיט אַ צעבראָכענעם פּילאָנג*. הינטער דער טיר האָב איך געוווינט.

---

* דער מיטלסטער טייל וואָס געפינט זיך אין דער ראַם פון טיר.

— געלויבט זאָל זיין יעזוס קריסטוס — האָב איך געזאָגט עפּענענ־דיק די טיר.

— אויף דור דורות, אמן — האָט געענטפערט פרוי טרעפּטע.

זי האָט אויף מיר געקוקט מיט דורכגעטריבענע אויגן. כ׳האָב גע־עפנט דעם שופלאָד פון מיין טישל און ס׳האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט פאַר שרעק: פון דעם לאָבן ברויט איז געבליבן נאָר אַ העלפט. דאָס טע־פּעלע מיט פּוטער איז געווען כמעט ליידיק.

אַ שרעק האָט מיך באַהערשט צוליב מיין זכרון. צי האָב איך גע־בראַכט נאָר אַ האַלב ברויט און אַביסעלע פּוטער? פאַרוואָס האָב איך גע־מיינט, אַז איך האָב געבראַכט אַ גאַנץ ברויט און אַ פול טעפּל מיט פּוטער?

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך אַ זוך געטאָן אַ נאָדל מיט באַנוול און אַ שערעלע און כ׳האָב אָנגעהויבן נייען. די פרוי טרעפּטע האָט זיך די גאַנצע צייט נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. איך האָב אויך געשוויגן.

זעקס אַזייגער איז אַריינגעקומען אַ נאָנע, אַנגעטאָן אין אַ פאַרטעך און געבראַכט אויף אַ טאַץ די וועטשערע. אַ שיסל געמשטענע קאַשע, ברויט מיט מאַרמעלאַד און טיי. זי האָט דאָס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און ווען איך האָב עס אויפגעגעסן, האָב איך די ליידיקע כלים אַרויסגע־טראָגן אין קאָרידאָר. כ׳האָב אויך מיטגענומען די ליידיקע כלים פון פרוי טרעפּטע.

אַכט אַזייגער, כאָטש ס׳איז נאָך געווען ליכטיק אין דרויסן, האָב איך מיך אָנגעהויבן גרייטן צום שלאָף. כ׳האָב גענומען מיין האַנטעך און כ׳בין אַרויס אין וואַש־צימער. דורך די אָפענע טירן האָב איך געזען אַנ־דערע פרויען, וועלכע האָבן זיך אויך געגרייט צום שלאָף. גייענדיק צום וואַש־צימער וואָס האָט זיך געפינען ביים עק פון קאָרידאָר לעבן דעם אַריינגאַנג צו דער קיך — האָב איך באַמערקט די זעלבע אַלטע פרוי מיט דעם טיפּיש־יידישן אויסזען, וואָס האָט געדרעמלט די גאַנצע צייט פון גאָטעסדינסט. זי האָט געטראָגן אַן אַלט לויז שוואַרץ קלייד, אירע גרויע האָר זענען געווען פאַרקעמט אויף אַרויף און צונויפגענומען אין אַ קליי־נעם גרעק. זי האָט געפירט ביי דער האַנט אַ הויכע בלינדע פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ העל פּנים און האָט מיט אַ שמייכל עפּעס דערציילט. זי האָט די בלינדע געפירט פאַרזיכטיק, העפלעך און צערטלעך — ווי מען פירט אַ קינד וואָס קען קוים גיין.

זי האָט געעפנט די טיר קעגנאיבער אונדז, האָט פריִער אַריינגע־פירט די בלינדע, דערנאָך איז זי אַליין אַריין און די טיר האָט זיך פאַר־מאַכט הינטער זיי.

אַזוי האָבן זיך אין דער צייט אין דעם ברייטן פינצטערן קאָרידאָר טירן געעפנט און טירן פאַרמאַכט. אַלטע פרויען זענען אָדער אַרויסגע־גאַנגען פון זייערע צימערן, אָדער צוריקגעגאַנגען אין זייערע צימערן. עס האָט נאָך פולסירט אַ באַוועגונג, וואָס וועט אין אַ ווײַלע אַרום איבער־געריסן ווערן, די ליכט וועט אויסגעלאָשן ווערן, עס וועט נאָר בלייבן ברענען איין קליין עלעקטריש לעמפל אויפן סופיט ביים סאַמע עק פונעם קאָרידאָר.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען אין צימער, איז די פרוי טרעפּטע געשטאַ־נען אין בלויזן העמד ביי איר בעט. דאָס פענצטער איז געווען ברייט צע־עפנט. דורכן פענצטער האָט מען געקענט זען די חורבות פונעם געטאָ, וואָס איז ביסלעכווייז אַרומגענומען געוואָרן מיט פינצטערניש. פון דער גאַס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען: טריט פון דורכגייער, דאָס רוישן פון די פורן און דאָס קלאַפּן פון די רעדער פון אַדורכפאָרנדיקן טראַמוויי.

פלוצלינג זע איך ווי זי בייגט זיך אַראָפּ, שלעפּט אַרויס פון אונטערן בעט דעם נאַכט־טאָפּ און גיסט אים אויס אויף דער גאַס.

— פרוי טרעפּטע — זאָג איך צו איר אויסער זיך פון שרעק — אין ערגעץ אין וואַרשע וועט איר נישט געפינען אַזויפיל דייטשישע פּאַטרולן ווי אויף אונדזער גאַס. זיי וועלן דאָ קומען און וועלן אויפרייסן אונדזער הויז אין דער לופטן.

— איך פייף אויף זיי, מאַדאַמעשי, אויף דיינע דייטשן, איך מאַך מיך אויס אויף זיי, אַט וואָס! — האָט זי זיך אויסגעדריקט און איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. צי אַרויסגיין אין קאָרידאָר, אַריינפירן אַ נאָנע און איר דאָס אַלץ דערציילן, צי זיצן שטיל אויפן אָרט און שווייגן.

פון צייט צו צייט האָב איך געהערט אין קאָרידאָר שטילע טריט. מסתמא איז עס אַ נאָנע, וועלכע האָט געוואַכט איבער די שווער קראַנ־קע, געגאַנגענע אין דער קיך עפּעס ברענגען פאַר זיי.

איך האָב אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער מורא צו האָבן פאַר דער פרוי.

כ׳האָב מיך געשטעלט אויף די קני לעבן מיין בעט, געזאָגט תפילה

און זיך געצלמט. די גאַנצע צייט פון מיין בעטן האָב איך געפילט דעם בליק פון דער פרוי טרעפטע אויף זיך.

איך האָב נישט געוווסט ווי לאַנג עס דאַרף דויערן די אָוונט־תפילה. צי איז גענוג נאָר אָפּצוזאָגן „פאָטער אונדזערער, וואָס דו ביסט אין הימל״. כ׳בין אַפילו נישט געווען זיכער צי דאַרף איך שעפּטשען דאָס געבעט, צי בעטן שווייגנדיק.

כ׳האָב מיך אויסגעטאָן, געלייגט אין בעט אַריין און זיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע. עס האָט מיך פּלוצלינג אַרומגענומען אַן אומהיימלעכע שרעק פאַר דער פרעמדקייט אַרום מיר... איינזאַם, עלנט אין דעם ים פון אָפּגעזונדערטקייט. צי וועל איך אימשטאַנד זיין צו באַקעמפן די מורא, צי וועל איך זיך באַהערשן און צוגעוווינען צו דער לופט, אַזאַ אַנדערע ווי די לופט פון מיינע לונגען?

***

ווען כ׳בין אַזוי געלעגן אין דעם פרעמדן בעט, מיט די בליקן צו דער ווייסער און קאַלטער וואַנט, צוזאַמען מיט דער פרעמדער און שרעק־לעכער פרוי לעבן דעם פענצטער — האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מיינע דריי טעכטער, וועלכע האָבן זיך געפינען אין דריי פאַרשיידענע געגנטן פון וואַרשע.

צוערשט בין איך מיט מיינע געדאַנקען אַוועק קיין זשאַליבאָזש: מיין יינגסטע טאָכטער, נינאַ, האָט דאָרט געוווינט. זי איז אַלט געווען צוואַנ־ציק יאָר. לויט אירע קריסטלעכע פּאַפּירן האָט זי געהייסן יאַדוויגאַ טאַ־קאַרסקאַ. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ משפּחה פון באַאַמטע מיטן נאָמען קאָשטש. נינאַ, דאָס הערלעך־שיינע מיידל מיט אַ קאָפּ פרעכטיקע שוואַרצע האָר, וואָס האָט אויסגעזען גיכער ווי אַ מאַלאַישע אָדער אינדי־שע פרוי, האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט איר וווינונג. איר אָריגינעלע שיינקייט וואָלט זיך צופיל געוואָרפן אין די אויגן. זי איז געווען געמאָלדן ווי אַ טריקאָטאַזש־אַרבעטאָרין.

זי איז אַרויס פון געטאָ צוזאַמען מיט מיין צווייטער טאָכטער אי־רענאַ — סוף יאַנואַר — צוויי טעג פאַר מיין פאַרלאָזן דעם געטאָ. דער־נאָך האָבן מיר אין משך פון איין חודש געוווינט צוזאַמען אין אַ קליין בוידעם־שטיבל. צום סוף זענען זיך אונדזערע וועגן פונאַנדערגעגאַנגען און איך האָב חדשים־לאַנג נישט געזען אירענאַן און נינאַן.

וועגן וואָס טראַכט נינאַ אין דעם יוני־אָוונט? אָן איינזאַמע — זי איז דאָך אויך איינע אַליין — אַ געשפּאַנטע, שטענדיק אויף דער וואַך אין אַ ים פון פרעמדקייט אַרום זיך.

וואָס טוט איצט אירענאַ און וועגן וואָס טראַכט זי איצט אויף דער ראַקאָוויעצקע גאַס אין מאַקאָטאָוו?

אירענאַ איז אַ דינסטמיידל „צו אַלעם" ביי דער פרוי פון גענעראַל ליטווינאָוויטש. לויט אירע קריסטלעכע פּאַפּירן הייסט זי אַניעלאַ גאַלאַ־גאָווסקאַ. סיי די פרוי קאַטש, סיי פרוי ליטווינאָוויטש ווייסן אַז דאָס זענען ייִדישע מיידלעך, אָבער קיינער אויסער זיי טאָר וועגן דעם נישט וויסן. אירענאַ קאָכט, רוימט די שטובן און קויפט־איין פאַרן הויז. יעדן זונטיק גייט זי אין קאַשטשיאָל. זי איז בכיוון זייער אָרעם אָנגעטאָן — אין אַלטע און אָפּגעטראָגענע קליידער. ווען זי גייט אַרויס אויף דער גאַס, דעקט זי צו איר קאָפּ מיט אַ טיכל און נעמט מיט זיך מיט אַ גרויסן קויש איינצוקויפן. זי האָט אַפילו אַ פאַרערער — עפּעס אַן עלטערער מאַן, אַ גלעזער פון באַרוף. ער קומט צו איר יעדן זונטיק נאָך מיטיק, פון וואָס פרוי ליטווינאָוויטש איז, צוליב די שכנים און דעם סטרוזש, זייער צופרידן.

איך האָב נישט געזען אירענאַ פונקט אַזוי לאַנג ווי נינאַן, און ידיעות וועגן זיי האָב איך דורך מיין עלטסטער טאָכטער, מאַרישאַ, וואָס באַזוכט זיי טיילמאָל. וועגן איר זאָגט מען, אַז זי האָט דעם אַזוי גערופענעם „גוטן אויסזען".

מאַרישאַ וווינט אויף דער לוואָווסקאַ גאַס נומער 1, ביי דער פרוי בליזשינסקאַ, אַן עמעריטירטע באַאַמטין, וועלכע איז די מומע פון מאַ־רישאַס שול־חברטע.

זי וווינט דאָרט מיט איר זעקס־יאָריקן זונעלע. וועגן וועמען טראַכט איצט מאַרישאַ אויף דער לוואָווסקאַ גאַס? מסתמא וועגן מיר — זי ווייסט ווי שווער עס איז מיר. דער ערשטער טאָג אין אַזאַ פרעמדער סביבה — אין אַ הויז קעגנאיבער דעם טויער וואָס פירט אין געטאָ...

***

צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען זייער פרי. די באַדינערין האָט אַריינגעבראַכט הייס וואַסער און אָנגעגאָסן אין שיסל, וואָס איך האָב גע־האַלטן אונטערן בעט. ווען איך האָב מיך געוואַשן, געקעמט און אָנגעטאָן,

האָב איך כסדר געפילט אויף זיך דעם שאַרפן בליק פון דער פרוי טרעפּ־טע. דערנאָך האָב איך אָפּגעזאָגט מיין תפילה, כ'האָב פאַרבעט מיין גע־לעגער און געעפנט די טיר צום קאָרידאָר.

איך האָב דערזען אַן אומגעוויינלעך בילד:

אַ גאַנצע ריי עלטערע פרויען, וועלכע זענען געגאַנגען אין דער ריכ־טונג פון אָפּטריט — יעדע איינע פון זיי האָט געהאַלטן אין איר האַנט דעם נאַכט־טאָפּ. צום מערסטן אויסטערליש איז געווען, אַז קיין איינע פון זיי האָט זיך נישט געפילט אין פאַרלעגנהייט, אָדער פאַרשעמט. זיי האָבן געטראָגן די נאַכט־טעפּ מיט אַן ערנסטן פנים — פאַרזיכטיק ווי זיי וואָלטן געטראָגן וואַזאַנען מיט בלומען.

עס איז געווען אין דער סצענע עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט די ווייטע קינדער־יאָרן. און נישט דאָס טראָגן דעם נאַכט־טאָפּ האָט עס דערמאָנט, נאָר דער אופן ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געטראָגן.

די פרוי טרעפּטע איז נישט געווען צווישן זיי, ווייל זי האָט אויס־געגאָסן איר נאַכט־טאָפּ דורכן פענצטער אויף דער גאַס.

די שוועסטער פּראָספּעראַ האָט געבראַכט דעם פרישטיק: ברויט מיט מאַרמעלאַד און קאַווע.

אַכט אַזייגער האָט גערופן דער גלאָק צו דער מאָרגן־תפילה. כ'האָב אָנגעטאָן מיין הוט און דעם מאַנטל. דעם זעלבן שוואַרצן, קורצן מאַנטל, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ צייכן פונעם מגן־דוד באַנד, וואָס איז געווען צו־גענייט צום אַרבל. איך האָב אין געטאָ אַזוי לאַנג געטראָגן דעם אָרעם־באַנד, אַז אויף דער אָרישער זייט איז מיך נישט איינמאָל באַפאַלן אַ שרעק, אַז איך האָב פאַרגעסן אים אָנצוטאָן. אַזוי בין איך שוין דערצו געווען צוגעוווינט.

כ'האָב גענומען מיין ניי געבעט־בוך און כ'האָב מיך פאַרקערעוועט צום אַרויסגאַנג, וועלנדיק זיין איינע פון די ערשטע צום גאָטעסדינסט.

כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייטער באַנק, לעבן פענצטער, און זיך צוגעקוקט צו די וואָס קומען אָן.

הינטער די בענק האָט זיך געפינען אַ קליין צימערל וואָס איז געווען פאַרייניקט מיט דעם געבעט־זאַל מיט אַ האַלב־רונדער וואַנט, ווו עס איז געשטאַנען אַן אָרגל. דער אָרגאַניסט האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין אינסטרומענט און די נאָנעס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז.

ביי דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דעם אָרגל האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען די פרימאָרגן־תּפילה. דערנאָך האָט געזונגען דער אָרגאַניסט מיט זייער אַ שיינער און איידעלער שטים „זיי באַגריסט מוטער פון דעם דערלייזער" און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מעסע. אַן עלטערער, דיקער גלח, אָנ־געטאָן אין אַ מאַנטל באַצירט מיט גאָלד, האָט אָנגעפירט מיט דער תּפילה. צוויי אַכט־יעריקע יינגעלעך האָבן באַדינט און געקלונגען מיט גלעקלעך. די הויפּט־שוועסטער באַגומילאַ האָט געהאַט אַ באַזונדערע באַנק אין דער ערשטער ריי, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ קני־באַנק, דאָס זעלבע אויך די פּאַרוואַלטערין, שוועסטער אַנגעלאַ.

אין דער דריטער ריי האָב איך באַמערקט אַ מיטליעריקע פרוי אָנ־געטאָן אין שוואַרצן מיט אַ גרויסן פילצענעם הוט אויפן קאָפּ. זי איז גע־זעסן מיט דער פּלייצע צו מיר. זי האָט, שאָקלענדיק זיך כסדר, געדאַוונט מיט ברען פון אַ גרויסן געבעט־בוך. פון אָנהייב האָב איך נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף דעם, כ׳בין צופיל געווען פאַרנומען מיט זיך.

כ׳בין אויפגעשטאַנען ווען אַלע זענען אויפגעשטאַנען; כ׳האָב מיך איבערגעצלמט, ווען אַלע האָבן דאָס געטאָן; כ׳האָב געזונגען צוזאַמען מיט אַלע און כ׳האָב מיך שנעל אויסגעלערנט די איינפאַכע מעלאָדיעס פון די רעליגיעזע לידער.

צוערשט זענען צוגעטראָטן צום אַלטאַר די נאָנעס. נאָך זיי אַ סך פּערזאָנען. איין נאָנע האָט צוגעפירט דאָס עפּילעפּטישע מיידל. דרייענ־דיק מיט די אויגן איז זי מיט מי און מאַטערניש געגאַנגען. יעדער מוסקול פון איר פּנים האָט געציטערט און זיך געקרימט ווען זי האָט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ ענדלעך געקענט אַנידערקניִען פאַר אַלטאַר.

די פרוי פון דער דריטער ריי, וועלכע האָט זיך אַזוי געשאָקלט בעתן דאַווענען, האָט זיך אויך דערנענטערט צום אַלטאַר.

כ׳האָב געקוקט אויף די קינדער וואָס האָבן געקלונגען מיט די גלעק־לעך לעבן אַלטאַר און כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם זון פון מיין עלטסטער טאָכטער מאַרישאַ.

זי האָט מיט אים געוווינט אַ געוויסע צייט אין דער אוניווערסיטעט־היים אויף נאָווי־זיאַזד גאַס, ביי איר געוועזענער לערערין, פרוי פּאַניאַ־טאָווסקאַ, די פרוי פון אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר.

פון דער גאַס נאָווי־זיאַזד ביז צו דער קירך פון דער הייליקער אַננאַ

אויף קראַקאָווער פאַרשטאָט איז געווען נישט ווייט. צוזאַמען מיטן זון פון דעם פּראָפעסאָר קאַמיענייעצקי, פלעגט מיין טאַטערס זון קומען אויפן הויף פון דער קירך. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו דער ציג, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויפן גראָז, צו די טויבן וואָס האָבן געוואָרקעט אויפן דאַך.

דער פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגישן פאַקולטעט, קאָזובסקי, איז געווען דער גלח פון דער קירך פון דער הייליקער אַננאַ, און ער האָט געקענט די קינדער. ווען די מענטשן, וועלכע פלעגן דורכגיין דעם הויף, האָבן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן מיין טאַטערס זון מיט נייגער, האָט דער גלח קאָזובסקי, וועלנדיק אַ סוף מאַכן צו דעם געפּערלעכן צוקוקן זיך, אַריינגערופן דאָס קינד אין דער קירך, אָנגעטאָן אים אַ ווייס העמדל און געגעבן אַ גלעקל אין דער האַנט.

דער יונגער וויקאַר, וועלכער האָט אויך געקענט דאָס קינד, האָט אַ געוויסן טאָג געפרעגט אין אַ פאַרלעגנהייט:

— דאָס איז אַ יידיש יינגל און ער דינט צו דער הייליקער תפילה ביים אַלטאַר?

דער גלח קאָזובסקי האָט אים געענטפערט:

— ובכן, וואָס? פאַר גאָט זענען אַלע קינדער גלייך...

האַלב ניין אַזייגער האָט זיך געענדיקט די ערשטע תפילה און עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע. אַ יונגער גלח וואָס האָט נישט געוווינט אין דעם אַנשטאַלט, נאָר איז ספּעציעל געקומען פון דער שטאָט, האָט אָפּגעפירט מיט דער צווייטער תפילה.

די גאָר פרומע פרויען האָבן געהערט ביידע תפילות. אַ סך זענען אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען, אַנדערע זענען געקומען נאָר צום צווייטן געבעט. איך בין געזעסן אויף ביידע, ווייל איך בין נישט געווען זיכער צי עס וועט נישט מאַכן קיין שלעכטן איינדרוק, ווען איך וועל הערן נאָר איין תפילה...

כ'בין געווען הונגעריק. ווען כ'בין צוריקגעקומען אין מיין צימער, האָב איך געעפנט דעם שופלאָד פון מיין טישל און דאָס בלוט איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן. עס איז נישט געווען קיין ברעקל ברויט, קיין פּיצל פּוטער אין טעפּל.

דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין דער צייט וואָס איך בין

געוועו אין קירך, האָט די פרוי טרעפּטע אויפגעגעסן מיין ברויט און פוטער.

כ׳האָב נישט געזאָגט קיין וואָרט; כ׳האָב נאָר אַ קוק געטאָן אויף איר. אירע ביידע הענט זענען געלעגן אויף דער קאָלדרע — אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן דעם זייגער און אין דער צווייטער — די פאָטאָגראַפיע פון אירע קינדער. זי האָט געהאַט אַן איראָנישן און דורכגעטריבענעם שמייכל אויפן פּנים.

**
*

גראָד אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען די שוועסטער פראַנצישקאַ מיט אַ נייעם גאַסט, וואָס האָט באַדאַרפט וווינען מיט אונדז. די נאָנע האָט איר געוויזן אַ בעט אין ווינקל, קעגנאיבער דער פרוי טרעפּטע און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען. די ניי־אָנגעקומענע איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב. דאָס איז געווען אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר 35, מיטלוווקסיק און דאַר. אירע האָר זענען געווען העלבלאָנד און קורץ געשוירן. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרצן באַנד אויף אַן אויג, אַ שוואַרצן הוט און אַ העלן מאַנטל. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ גרויס פּעקל וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ צייטונג.

זי האָט זיך אָנגעהויבן נערוועז צו דרייען אין איר ווינקל, וואַרפנדיק כסדר אויף אונדז אירע בליקן. זי האָט אויפגעפּאַקט ס׳פּעקל און אַראָפּגענומען דעם מאַנטל. זי האָט געטראָגן אַ טונקל־בלוי קליידל אין ווייסע פּינטעלעך מיט לאַנגע אַרבל, די שיך אויף הויכע אָפּצאַסן. זי איז געווען אַ יונגע פרוי, אַ באַוועגלעכע און איך האָב אין איר נישט געזען קיין שום ספּעציעלן פעלער. צו וועלכער, אַלזאָ, קאַטעגאָריע געהערט זי?

— פּאַני — האָט זיך צו איר אָפּגערופן פון בעט פרוי טרעפּטע — צי קענט איר מיר באָרגן 5 זלאָטעס?

כ׳האָב געזען, אַז זי איז געווען דערשטוינט; זי איז נאָר וואָס אַריין, נישט באַוויזן אָפילו אויסצוטאָן דעם הוט — און דאָ וויל מען שוין באָרגן ביי איר געלט.

— גערן — האָט זי געענטפערט. זי האָט געהאָט אַן אָנגענעמע שטים, פריש און קלינגענדיק.

זי האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע פונעם מאַנטל אַן אַלט ביי־טעלע און האָט העפלעך דערלאַנגט דער פרוי טרעפּטע דאָס געלט.

— איז פרוי זאָפיא לאַזיעוויטש דאָ? — האָט עמעצער געפרעגט הינטער דער טיר.

זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר קלאַפנדיק מיט די אָפּצאַסן. פאַרביי־גייענדיק האָט זי זיך פאַרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז זאָפיא לאַזיעוויטש.

כ׳האָב געהערט אַ שושקעריי און אַ שטיל געשפרעך הינטער דער טיר. זי איז שנעל צוריקגעקומען, אָבער שוין אָן דעם באַנד איבערן אויג. כ׳האָב נישט באַמערקט קיין שום ספּעציעלס אויפן אויג. ס׳איז נישט געווען רויט און נישט געווען געשוואָלן.

— מען האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין אויג אין דעם איבערפולטן טראַמוויי — האָט זי געזאָגט צו דער פרוי טרעפּטע — אָבער כ׳קאָן דאָך נישט כסדר גיין מיט אַ באַנד.

איצט, ווען זי האָט אַרונטערגענומען דעם באַנד, האָב איך באַמערקט אַז זי האָט אַ לאַנגע און האַרבאַטע נאָז. אין אַלגעמיין אָבער איז זי גע־ווען אַ גאַנץ שיינע פרוי.

זי האָט גרענעצלאָז אָנגעהויבן זאָרגן וועגן דער פרוי טרעפּטע. זי האָט איר אויפגעהויבן פון דער פאָדלאָגע דאָס טיכעלע צו דער נאָז; זי האָט איר פאַרבעסערט די קישנס. די פרוי טרעפּטע, שמייכלענדיק כיט־רע, האָט זיך גערן געלאָזט באַדינען.

ווען די שוועסטער פּראָספּעראַ, אָנגעטאָן אין אַ פאַרטעך אויף איר נאָנע־קלייד, האָט אַריינגעבראַכט די טאַץ מיטן מיטיק, האָט זיך פרוי טרעפּטע אָפּגערופן:

— איך האָב פאַר דער שוועסטער אַ פיינעם בחור. כ׳וועל אָנשרייבן צום פּויפּסט, וועט ער קומען און שטעלן אַ חופה.

וואָס איז דאָס? צי האָב איך שלעכט געהערט? אַזוי רעדט מען צו אַ נאָנע? דאָס איז געווען אַ גרויסע באַליידיקונג. ס׳גאַנצע בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן. נישט ריידנדיק קיין וואָרט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, איז די נאָנע אַרויס פון צימער. אָבער וואָס האָט זיך געטראַכט זאָפיא לאַזיעוויטש? זי האָט עס, וואָרשיינלעך, אָנגענומען ווי אַ גוטן וויץ, ווייל זי האָט געלאַכט צו דער פרוי טרעפּטע, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ מיט פאַר־שטענדעניש.

נאָכן מיטיק: אַ גריץ און אַ פליישקניידל מיט קאַרטאָפל, האָב איך

אַוועקגעשטעלט מיין טעפּל אין קאָרידאָר און צוריקקומענדיק, האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין געלעגער. כ׳האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מיין ערנסטער לאַגע. איידער כ׳בין אָנגעקומען אין דעם אַנשטאַלט, האָט מיר מיין טאָכטער אָנגעזאָגט: — „געדענק, דו ביסט נידערגעשלאָגן און דו ווייסט זייער אַ סך. ווייַן כסדר, וועט מען דיך צורו־לאָזן און מען וועט דיר נישט שטעלן קיין שום פראַגן. און אפשר ווערסטו מאַכן דעם אַנשטעל פון אַ קרעטין? אָדער פון אַ פאַנאַטיש־רעליגיעזער? אין אַזאַ פאַל וואָלסטו באַדאַרפט נעמען פון דער אַנשטאַלט־ביבליאָטעק ביכער וועגן די לעבנס־געשיכטעס פון די מאַרטירער. דו מוזסט אַליין דערפילן און אויסקלייבן זיך וואָס פאַרא ראָל צו שפּילן. מוזסט צוטרעפן וועלכע ראָל וועט דיך צום בעסטן באַשיצן.״

— פרוי לאַזיעוויטש, צי קענט איר אַרויסקומען אויף אַ ווײַלע? — האָב איך ווידער דערהערט די זעלביקע שטים.

— איך גיי, פרוי מעק, — האָט זי געענטפערט.

צום נאָכמיטיק־געבעט האָט זי ווידער אָנגעטאָן דעם באַנד אויפן אויג און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער אַלטער פרוי, וועלכע האָט כסדר געדרעמלט בעת די תפילות. זי האָט געזונגען מיט התלהבות אין צוריקקומענדיק אין צימער, האָט זי געזאָגט דער פרוי טרעפּטע, אַז זי האָט פאַר איר אויך געבעטן.

נאָכמיטיק איז געווען אַ שטיקעדיקע לופט און עס האָט אויסגעזען ווי פאַר אַ שטורעם. די וואָלקנס, געיאָגטע דורך די ווינטן, זענען געשוועמען איבערן הימל. קורצע, פלוצימדיקע בליצן האָבן פון צייט צו צייט באַלויכטן די שוואַרצע וואָלקנס.

אין דעם שטורעמדיקן נאָכמיטיק איז געקומען צופאָרן די לעצטע איינוווינערין פון אונדזער צימער.

מען האָט פאַר איר באַשטימט דאָס בעט קעגנאיבער מיר, אין דעם צווייטן ווינקל, לעבן דער טיר.

דאָס איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר 77, אַ מאָגערע און אויסגעטרוקנ־טע, מיט אַן אַלט אָבער שיין פּנים. זי האָט זיך געהאַלטן גלייך ווי אַ שטעקן. ווען זי האָט אויסגעטאָן איר הוט און מאַנטל, האָב איך געזען, אַז זי איז געווען דאָרפיש אָנגעטאָן, אין אַן אויסגעפּאַסטן קאָמזויל און

אַ ספודניצע. באַלד האָט זי אויך אָנגעטאָן אַברייטן באַלעבאַטישן פאַר־טעך מיט שטרייפן.

איר טאָכטער האָט איר אַריינגעברענגט אַ קויש מיט זאַכן און אַ בייטל אין וועלכן עס איז געווען עסנוואַרג. איך האָב געזען ווי זי האָט אַריינגעשטעלט אין איר שופלאָד אַ טעפל מיט פאַווידלע.

מיר האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט ווי זי האָט פונאַנדערגעלייגט אירע זאַכן אין דער קאָמאָדע און איר עסנוואַרג אין דעם נאַכט־טישל. דאָס איז געווען אַ פשוטע דאַרפספרוי.

— ווי הייסט איר? — האָט זי מיך געפרעגט.

איר מויל איז געווען אָן ציינער. איר גרויער קאָפּ — מיט אַ שרונט אין דער מיט האָט דערמאָנט אַן אַלטע שניצעריי.

— מאַיעווסקאַ — האָב איך געענטפערט.

— איך הייס קאַראָלינאַ שטוטשקאַ.

כאָטש עס איז נאָך געווען פרי, האָט זי זיך געלייגט אין בעט אַריין און זיך צוגעדעקט מיט דער פערינע, וועלכע זי האָט מיטגעבראַכט.

זי האָט מיט אַ שטילן קול אָפּגעזאָגט די תפילות — און איז אַנט־שלאָפן געוואָרן.

מיר זענען אויך שנעל איינגעשלאָפן. הינטער דעם פאַרמאַכטן פענצ־טער האָט דער שטורעם געבושעוועט און עס האָט גערעגנט ווי אַ וואָלקן וואָלט אַרונטערגעפאַלן.

פלוצלינג האָט אונדז איבערגעוועקט אַ שטאַרקער געשריי פון קאַ־ראָלינאַ שטוטשקאַ:

— זאָל אונדז דער הייליקער גייסט באַשיצן. — און דערנאָך — אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט, אָמן!

כ׳האָב מיך אָנגעזעצט אויפן בעט און ביים ליכט פון די בליצן האָב איך דערזען ווי אַ נאַקעטע פרוי קריכט איבערן צימער אויף אַלע פיר. זי איז שנעל אַנטלאָפן פון דער זייט וווּ עס איז געווען קאַראָלינאַ שטוטשקאַס בעט.

קאַראָלינאַ איז אַרויסגעשפרונגען פון איר בעט און איז אַרויסגעלאָפן אויפן קאָרידאָר. זי האָט געטראָגן אַ קורץ נאַכטהעמד און, מיט אויפגע־הויבענע הענט, האָט זי פון הינטן אויסגעזען ווי אַ צוועלף־יעריק מיידל.

— וואָס איז אייך געשען? — האָט געפרעגט די שוועסטער פראַנ־

צישקאַ, וועלכע איז גראָד דורכגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר. זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ שטיקל ליכט, ווייל עס איז געווען פינצטער. זי האָט היינטיקע נאַכט געהאַט וואַך און איז געגאַנגען פון דער קיך מיט אַ פלאַש הייס וואַסער.

קאַראָלינאַ שטוטשקאַ איז געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זי האָט נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין וואָרט פון איר מויל. זי האָט נאָר אַ כאַפּ־געטאָן די שוועסטער פאַרן אַרבל און זי אַריינגעשלעפּט אין אונדזער צימער.

אַזוי זענען זיי ביידע אַריין און געבליבן שטיין אין מיטן צימער — די הויכע נאָנע מיטן ליכטל אין דער האַנט און די מאָגערע, שוואַכע קאַראָלינאַ, וואָס האָט זיך אַ טרייסלענדיקע אָן איר אָנגעהאַלטן.

אַ בליק און אַ דונער. די שוועסטער פראַנצישקאַ האָט גלייך באַמערקט די נאַקעטע פרוי טרעפּטע, וועלכע איז געשטאַנען איינגעקאָרטשעט הינטער דער שטול, לעבן בעט.

— איר וועט דאָ גאָרנישט געווינען, — האָט זי געזאָגט צו איר מיט אַ רויִק קול — גייט אַריין אין בעט.

קאַראָלינאַ שטוטשקאַ איז צוגעגאַנגען צו איר נאַכט־טישל און געעפנט דעם שופלאָד.

— זי האָט מיר אויפגעגעסן דאָס גאַנצע טעפּל מיט מאַרמעלאַדע — האָט זי אַ געשריי געטאָן.

און זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען ווי אַן אומבאַהאָלפן און באַעוולט קינד.

*
**

אין דער סצענע איז געווען אַזויפיל גראָטעסק, אַז איך האָב מיך געשטיקט פון געלעכטער, כ׳האָב אין מיין לעבן אַזוי האַרציק נישט געלאַכט ווי יענע נאַכט. אַזוי האָט זיך מיר וויניקסטנס אויסגעוויזן. זאָפיאַ לאָזיעוויטש איז געזעסן אויף איר בעט ענלעך צו אַ געשפּענסט.

צומאָרגנס האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט די גאַנצע צייט מורא געהאַט, אַז די פרוי טרעפּטע וועט איר צעקלאַפּן דעם קאָפּ מיטן שטול אָדער מיטן זייגער, וועלכן זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון איר האַנט אַפילו ווען זי איז געקראָכן אויף אַלע פיר איבערן צימער.

— שלאָפט רויק, — האָט געזאָגט די שוועסטער פראַנצישקאַ — און זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס.

מיר האָבן זיך אויפגעוועקט זעקס אינדערפרי. און וואָס האָבן מיר דערזען?

די פרוי טרעפּקע איז געזעסן אויף אַ טערקישן אופן אין בעט. זי האָט געשניטן מיט אַ שער איר בעטגעוואַנט אויף קליינע פּיצלעך. אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אַ גאַנצער שטויס פון אָפּגעשניטענע שטיקלעך. זי האָט שוין צעשניטן דאָס ליילעך און די גרויסע ציך; איצט האָט זי געשניטן דאָס קליינע ציכל.

זי האָט אויף אונדז נישט געלייגט קיין שום אַכט. ווען מיר זענען געווען ביים פרימאָרגן־געבעט, האָט זי זיך אָנגעטאָן, גענומען מיט זיך דעם זייגער און די פאָטאָגראַפיע און האָט זיך אַרויסגעגנבעט פונעם אָנ־שטאַלט. די שוועסטער פראַנצישקאַ האָט גלייך טעלעפאָנירט צו דעם זון און טאָכטער פון פרוי טרעפּטע און האָט זיי אַלץ דערציילט. איך האָב דער שוועסטער פראַנצישקאַ אויך דערציילט וואָס פאַראַ שרעקלעכע זאַכן עס האָט אָפּגעטאָן די פרוי טרעפּטע, אַז זי האָט אויסגעגאָסן דעם נאַכט־טאָפּ דורכן פענצטער.

— נעמט אייך נישט איבער דערמיט, פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט זי געענטפערט, — מענער וועלכע באַקומען ווייכע געהירן מאַכן נאָך ערגערע זאַכן דורכן פענצטער... דעמאָלט ווייסן מיר ווי אַזוי מיט זיי צו האַנד־לען. מיר לאָזן זיי מער נישט אַריין אין דער קירך.

ווען זי האָט גערעדט וועגן די ענינים, אַזעלכע פּראָסט־מענטשלעכע, איז זי מיר געווען אומגעהויער נאָענט. זי איז אין דעם מאָמענט מער נישט געווען די צעדאַוונטע, פאַרטיפטע און פאַרזונקענע אין אַנדערע וועלטן, נאָנע, זי איז געווען אַ פּשוטע פרוי. פון דעם מאָמענט אָן האָב איך אָנגעהויבן צו קוקן אויף די נאָנעס מיט גאָר אַנדערע אויגן. כ'האָב געזוכט אין זיי דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע — חסרונות און מעלות — און איך האָב געוואַרט אויף ווערטער פּשוטע, געוויינלעכע און טיילמאָל אַפילו טריוויאַלע.

זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַן אַלטיטשקן, וואָס איז גע־זעסן אויף דער געפלאָכטענער סאָפּקע אין הויז. ער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן.

— צו דער מאַמע, — האָט ער גערעדט — באַלעק וויל צו דער מאַמע.

— ער וויינט אַזוי גאַנצע טעג — האָט דערציילט די נאָנע — און זוכט זיין מוטער. ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיינע קינדער־יאָרן. זאָל גאָט אויסהיטן אַריינצולאָזן אַזאַ איינעם אין דער קירך.

נאָכמיטיק איז די פרוי טרעפּטע צוריקגעקומען. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן דעם וועק־זייגער און אין דער צווייטער די פאָטאָגראַפיע אין אַ ראַם. זי איז אַרויס פון אַ דראָזשקע און האָט זיך אַריינגעגליטשט צו־ריק אין צימער אַריין. זי האָט כיטרע געשמייכלט פונקט ווי פריִער.

דער דראָזשקאַזש האָט געוואַרט און געוואַרט אויף דער גאַס, אָבער זי איז נישט אַרויסגעגאַנגען כדי אים צו באַצאָלן. פיר שעה האָט ער זי אַרומגעפירט איבער די גאַסן פון דער פאָרשטאָט פון וואַרשע. ווען ער האָט ביי איר געפרעגט צי ער זאָל בלייבן שטיין, האָט זי אים געהייסן פאָרן ווייטער.

פלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ גרויסן גערודער אויף די טרעפּ און דאָס קלאַפּן פון שווערע שטיוול — עס איז געקומען דער דראָזשקאַזש און שרייענדיק געמאָנט זיין געלט.

גראָד דעמאָלט זענען אָנגעקומען פרוי טרעפּטעס קינדער. דער זון האָט באַצאָלט דעם דראָזשקאַזש, דערנאָך איז ער אַריין אין קאַנצעלאַריע און זיך דורכגעשמועסט מיט דער אָנפירערין. שפּעטער האָבן זיי די מו־טער צוגענומען פונעם אַנשטאַלט.

דאָס בעטל פון דער פרוי טרעפּטע איז געבליבן ליידיק.

***

— צי ווילט איר, פרוי אַליציאַ, איך זאָל אייך מאַכן אַ פּאָרטרעט, איך בין פון באַרוף אַ מאָלערין — האָט איינמאָל געזאָגט צו מיר זאָפיאַ לאָזיעוויטש.

כ׳האָב מסכים געווען.

זי האָט גענומען אַ ווייסן טאָוול און אָנגעהויבן מיט רויטן קרייד צו צייכענען די שטריכן פון מיין געזיכט. זי האָט אויפגעהויבן דאָס שטיקל קרייד צו די אויגן — געמאָסטן און דורכגעמאָסטן, געוווּנקען מיט אַן

אויג — און איך בין געזעסן אויף אַ שטול און געקוקט דורכן פענצטער אויף די חורבות פונעם געטאָ.

קאַראָלינאַ שטוטשקע האָט, זיצנדיק אויף אַ לענשטול, געשטריקט אַ סוועטער. אַלע אַלטיטשקע האָבן געהאַט ווייכע שטולן.

— פאַר מיין זון, פרוי מאַיעווסקאַ, פאַר מיין זון. יאָ, מיין ליבע פרוי מאַיעווסקאַ!

איך האָב זי גערופן קאַראָלינאַ, אָבער זי האָט מיך אַלעמאָל גערופן „פרוי מאַיעווסקאַ". צו זאָפּיאַ לאָזיעוויטש פלעגט זי זאָגן: זאָפּיאַ. מיך האָט זי נישט געוואָלט רופן ביי מיין ערשטן נאָמען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי האָט מיך רעספּעקטירט.

— אָ, די אויגן! — האָט געזאָגט זאָפּיאַ לאָזיעוויטש — שפּאַנישע צי קרעאָלישע, ניין, גיכער מזרחדיקע... — און פּלוצלינג האָט זי אויפגעהערט צו מאָלן. איר האַנט אין וועלכער זי האָט געהאַלטן דאָס קרייד איז געבליבן הענגען אין דער לופטן — און איך האָב דערפילט אַז זי האָט זיך אָנגעשטויסן...

יעדן טאָג האָט זאָפּיאַ לאָזיעוויטש שפּאַצירט איבער דער שטאָט. טיילמאָל פלעגט זי אַפילו צוויי מאָל אַראָפּגיין. אַמאָל האָט זי אָנגעטאָן דעם באַנד אויפן אויג און אַמאָל איז זי אַרויסגעגאַנגען אָן דעם באַנד. ווען איך האָב איינמאָל געזען ווי זי גרייט זיך אַרויסצוגיין אָן דעם שוואַרצן באַנד, האָב איך צו איר געזאָגט:

— אַ סך בעסער מיטן באַנד אויפן אויג, אַ סך זיכערער.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ שמייכל. אין מיר איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס זענען געווען זייער אומפאַרזיכטיקע ווערטער, וועלכע כ'האָב שוין נישט געקענט צוריקציִען. אויב זאָפּיאַ לאָזיעוויטש האָט געהאַט אין באַצוג צו מיר אַ געוויסן חשד, האָב איך איר מיט די דאָזיקע ווערטער געגעבן אַ באַשטעטיקונג. כ'האָב אויסגעזאָגט מיין סוד, וועלכן איך האָב באַדאַרפט שטרענג אָפּהיטן.

דאָס זענען געווען צייטן ווען עס איז געווען געפערלעך אַרויסצוגיין אין גאַס. די צייטן פון כאַפּעניש און בלאָקאַדעס פון הייזער. די דייטשישע פּאַטרולן פלעגן פאַרהאַלטן לויפנדיקע טראַמווייען און אַרויסשלעפּן אַלע פאַרנדיקע: מענער, פרויען און יוגנטלעכע. פון צייט צו צייט האָבן

זיי בלאָקירט הייזער אונטערן אויסרייד אַז זיי זוכן ייִדן אָדער פּאָליטי־שע פֿאַרברעכער.

גלחים, וועלכע זענען געגאַנגען דורך דער גאַס, זענען געווען אין גאַר אַ גרויסער געפֿאַר. מען פֿלעגט זיי אַרעסטירן — ספּעציעל די יונגע. דערפֿאַר טאַקע איז אונדזער יונגער גלח, וואָס פֿלעגט קומען יעדן טאָג כדי צו פֿירן דעם צווייטן גאָטעסדינסט, געגאַנגען ציוויל אָנגעטאָן אין אַ געוויינלעכן מאַנטל און אַ היטל אויפֿן קאָפּ, און אויב ער האָט אַמאָל יאָ געטראָגן זיין גלחישן מאַנטל, האָט ער עס געהאַט פֿאַרשאַרצט אונטערן אויבערמאַנטל. מערסטנטייל האָט ער זיך איבערגעטאָן אין זיין גלחישן מאַנטל אין דעם קליינעם צימערל לעבן דעם קירך־צימער, ווו מען פֿלעגט זיך מתוודה זיין. דאָרט איז זיין גלחישער מאַנטל געהאַנגען אויף דער וואַנט.

ער האָט געהאַט אַ שיינעם, געדיכטן קאָפּ האָר. צוליב זיכערקייט האָט ער נישט געגאָלט זיין קאָפּ. הויך געוואַקסן און שטאַרק געבויט איז ער מיט זיין פּנים געווען ענלעך צו קאָשטשושקאָ.

אין איינעם אַ סעפּטעמבער־פֿרימאָרגן, ווען די שוועסטער פּראָספּע־ראַ, אָנגעטאָן אין אַ פֿאַרטעך, האָט אונדז געבראַכט דעם פֿרישטיק, האָב איך מיך אָפּגערופֿן צו איר:

— דער יונגער גלח שטעלט איין זיין לעבן אין געפֿאַר, קומענדיק צו אונדז יעדן טאָג, צו דער צווייטער תּפֿילה. צי וואָלט נישט געקענט דער אַלטער גלח, וואָס וווינט מיט אונדז אין אַנשטאַלט אויך אָנפֿירן מיט דער צווייטער תּפֿילה? אויב עס מוזן זיין צוויי תּפֿילות, טאָ צו וואָס צוויי גלחים און נישט איינער?

קאַראָלינאַ שטוטשקע, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין איין צאָן אין מויל, האָט געגעסן איר ברויט שניידנדיק עס אין פּיצלעך מיט אַ דאָרפֿישן מעסער.

פּלוצלינג הער איך ווי זאָפֿיאַ לאָזיעוויטש, וועלכע האָט געקוקט דורכן פֿענצטער, האָט זיך אָפּגערופֿן אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך:

—"Ils ne font jamais deux fois la meme chose".

(זיי טוען קיינמאָל נישט דאָס זעלבע צוויי מאָל).

ס'בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן, כ'האָב נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. כ'האָב אַ בליק געטאָן אויף קאַראָלינאַ שטוטשקע. זי האָט לאַנגזאַם

אַרומגעשניטן אַ שטיקל שוואַרץ ברויט. זי האָט נישט געקענט עסן די האַרטע זייט און פרוי זאָפיאַ לאַזיעוויטש פלעגט עס אויפעסן.

— איך פיל נישט קיין עקל, פרוי אַליציאַ, זי איז אַ זויבערע — פלעגט זי זאָגן.

— פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט זיך אָנגערופן מיט אַ רויִקער שטים קאַראָלינאַ שטוטשקע — איר האָט פאַרגעסן אַז עס איז דאָ נאָר איין טאָג אין יאָר, ווען דער זעלבער גלח פירט אָן מיט דריי הייליקע גאָטעסדינסטן נאָך אַנאַנד. אָבער אין אַ געוויינלעכן טאָג מעג ער נאָר איין מאָל אָנפירן ווייל עס מוז זיין אויף דעם ניכטערן מאָגן. ער נעמט דאָך אָן די תפילה, ווען ער פירט אָן מיטן הייליקן גאָטעסדינסט. טאָ ווי אַזוי וואָלט ער עס געקענט טאָן אַ צווייט מאָל?

— כ'האָב געמאַכט אַ שפּאַס — האָב איך געענטפערט מיט אַ פאַר־לאַשענער שטים.

— יאָ, יאָ ליבע פרוי מאַיעווסקאַ — האָט פאַרענדיקט אירע ווער־טער קאַראָלינאַ שטוטשקע.

ווען אויף דעם אָרט פון קאַראָלינאַ וואָלט געזעסן אַ יינגערע פרוי, אַ מער שאַרפזיניקע און נישט אַזאַ גוטמוטיקע, וואָלט זי גלייך אויסגע־נוצט מיינע אומוויסנדיקע ווערטער. זי וואָלט געקענט גלייך דערגיין מיין סוד, מיך שאַנטאַזשירן, צאַפּן פון מיר געלט, דראָענדיק צו דערציילן די נאָנעס ווער איך בין. אָדער זי וואָלט גלייך געקענט גיין צו דער אָנפי־רערין פונעם אַנשטאַלט, דערציילן וועגן איר חשד און איבערגעבן וואָרט ביי וואָרט וואָס איך האָב אַזוי אומפאָרזיכטיק געזאָגט. מען וואָלט מיך גלייך גערופן אין דער קאַנצעלאַריע.

— פרוי מאַיעווסקאַ, — וואָלט מען מיר געזאָגט — איר זענט אַ יידישע און איר האָט דאָס פאַר אונדז אויסבאַהאַלטן. אַזוי ווי דער סוד איז אַנטדעקט געוואָרן, קענען מיר אייך לענגער אין אונדזער אַנשטאַלט נישט האַלטן...

איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און איך האָב באַטראַכט קאַראָ־לינאַ שטוטשקעס הענט. איך האָב געקוקט אויף אירע אַלטע פאַרהאָרעווע־טע הענט, אויף די פאַרהאַרטעוועטע פינגער, אויף די געלע נעגל, אויף יעדן אָדער פון די הענט אין וועלכע עס איז געלעגן מיין גורל. דערנאָך האָב איך אַ קוק געטאָן אויף איר קאָפּ, וואָס איז געווען איינגעבויגן אי־

בער די דראָטן; אויף איר פּנים וואָס האָט אויסגעזען ווי אויסגעשניצט פון אַן אַלטן געלן האָלץ; אויף די אַראָפּגעלאָזענע וויִעס, וועלכע האָבן צוגעדעקט אירע גלייכגילטיקע, אָפּגעבלייכטע אויגן...

כ׳האָב מיך נישט געשראָקן פאַר קאַראָלינאַ שטוטשקע.

***

אין יענער צייט פלעג איך יעדן טאָג אַרויסגיין אויף דער גאַס. כ׳האָב מיך אַרומגעדרייט אויף דער לעשנאָ גאַס. און כ׳בין דווקא אַרויסגעגאַנגען מיט קאַראָלינאַ. כ׳האָב געטראָגן אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ שוואַרצן קורצן זשאַקעט. אויפן אַרבל איז נאָך געווען דער צייכן פון דעם אַמאָל צוגענייטן אַרעמבאַנד מיטן מגן־דוד. אויפן קאָפּ האָב איך געטראָגן אַ הוט. איך האָב געהאַלטן קאַראָלינאַן אונטערן אָרעם און איך בין געגאַנגען איבער דער גאַס אויסבאַהאַלטנדיק זיך אינעם שאָטן פון איר אַרישער אַלטקייט.

מיר פלעגן בלייבן שטיין פאַר די שויפענצטער פון די גאַלאַנטעריע־געשעפטן, מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו קראַגנס, הויזן־האַלטערס, קנעפּלעך און צו אַ צוויי־דריי מענער־העמדער אין בלויע און גרויע שטרייפן.

— איידער איך האָב חתונה געהאַט פאַרן סטאָליער, בין איך געווען אַ נייטאָרין פון העמדער — האָט געזאָגט קאַראָלינאַ שטוטשקע.

טיילמאָל פלעגן מיר אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט גאַס און מיר זענען געגאַנגען לענגאויס דעם מויער הינטער וועלכן עס איז געווען דאָס פאַרברענטע געטאָ — דאָס גרויסע האַרץ, וואָס האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

***

און זאָפיאַ לאָזיעוויטש? וועגן וואָס האָט זי געטראַכט ביי איר טישל, קוקנדיק דורכן פענצטער און קייענדיק די האַרטע שטיקלעך שוואַרץ ברויט, וואָס קאַראָלינאַ שטוטשקע האָט נישט געקענט עסן.

זי האָט שוין קיין שום צווייפל נישט געהאַט וועגן מיין אָפּשטאַם. זי האָט עס מיר נישט צווידייטיק געגעבן צו פאַרשטיין. אָבער איך האָב אויך געוווּסט אַז זי איז אַ ייִדישע — איך האָב מיך משער געווען באַלד דעם ערשטן טאָג ווען איך האָב זי געזען מיטן שוואַרצן באַנד, וואָס האָט צוגעדעקט אַ געזונט אויג און אַ טייל פון איר פּנים.

צי האָב איך מיך געדאַרפט שרעקן פאַר זאָפיאַ לאַזיעוויטש?

זי איז געווען איצט זייער נאָענט באַפריינדעט מיט אַלע נאָנעס און ספּעציעל מיט דער אָנפירנדיקער שוועסטער. אויף ווייסע בלעטלעך, די גרויס פון אַ געוויינלעך פּאָסטקאַרטל, האָט זי פאַר די גוטמוטיקע נאָנעס געמאָלן די הייליקע מוטער מיטן קינד, אָדער בלויז די הייליקע מוטער, וואָס גייט אין הימל אַריין, אַרומגערינגלט פון מלאכימלעך. יעדע נאָנע האָט געוואָלט האָבן אַזאַ בילדל געמאָלן דורך זאָפיען.

אין די אויגן פון דער אָנפירערין האָט זי אַ סך געוווּנען מיט דעם, וואָס זי האָט פריש איבערגעמאָלן די סטאַטוע פון דער הייליקער מוטער, וואָס איז געשטאַנען אויפן פּאָסטומענט אין הויז. דעם מאַנטל האָט זי באַדעקט מיט בלויער פאַרב, די קרוין אויפן קאָפּ און די שטערן — מיט גאָלדענער פאַרב און דאָס קלייד מיט אַ פרישער ווייסקייט. זי האָט דערביי געאַרבעט פון אינדערפרי ביז ביינאַכט.

ווען איך בין דורכגעגאַנגען דורך די טרעפּ אין הויז, האָב איך זי דאָרט געטראָפן ביי דער אַרבעט. זי האָט אַלעמאָל געטראָגן דאָס זעלבע טונקל־בלויע קלייד מיט ווייסע פּינטעלעך; כ׳האָב זי קיינמאָל נישט געזען אין אַן אַנדער קלייד. די ערשטע פאַר טעג האָט זי געטראָגן דעם באַנד אויפן אויג. דערנאָך האָט זי אים אַרונטערגעוואָרפן. וואָס אַמאָל ווייטער איז זי געווען זיכערער ביי זיך.

זייער פיל פרעמדע מענטשן פלעגן קומען אין דעם קירכן־צימער, ספּעציעל אויף טרויער־תפילות נאָך פאַרשטאָרבענע קרובים. מען האָט זיך געקענט יעדע רגע אָנשטויסן אויף עמעצן, וועמען מען האָט געקענט פון פאַר דער מלחמה.

איינמאָל, בעת אַזאַ טרויער־תפילה, האָב איך געטראָפן די אָנפירע־רין פון דער שול אין ווע̇לכער עס האָבן געלערנט מיינע טעכטער. כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען גלייכגילטיק ווי כ׳וואָלט זי קיינמאָל נישט געזען. וואָס וואָלט איך געטאָן ווען זי זאָל מיך אָנרופן ביי מיין ריכטיקן נאָמען, ווען זי וואָלט מיך באַגריסט? מען האָט געמוזט זיך היטן אויף יעדן טריט און שריט.

אין יענער צייט האָבן די יידן, וועלכע האָבן געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן און געמוזט אַרויסגיין אין גאַס, געזוכט פאַרשיידענע אופנים צו מאַסקירן זיך. כ׳האָב געהערט פון איינע, וועלכע פלעגט אַלעמאָל מיט־

נעמען אַ לאַנגע איינגעוויקלטע ראָלקע פון צעראַטע. אַן אַנדערע האָט, פאַרנדיק מיט אַ דראָזשקע, געהאַלטן אַ גרויסן בוקעט בלומען. איינע פון מיינע קרובות, וועלכע האָט געהאַט אַ הונדערט־פּראָצענטיקן קריסטלעכן אויסזען, פלעגט זיך ספּעציעל אויפפאַלנדיק אָנטאָן. זי האָט געטראָגן זייער גרויסע אוירינגלעך און געפירט אַ קליין הינטל אויף דער קייט. אַן אַנדערע ווידער, האָט קיינמאָל נישט אויסגעטאָן דעם שוואַרצן שלייער.

דער שוואַרצער באַנד אויפן אויג איז טאַקע געווען אַזאַ מאַסקע פאַר זאָפיאַ לאַזיעוויטש, כדי אַריינצופירן אין אַ טעות די אויגן פון די אַגענטן וואָס האָבן געלויערט אויף ייִדן. אַ סך אַזעלכע פינצטערע טיפּן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן.

צי איז קאַראָלינאַ שטושקע נישט געווען אַזאַ מאַסקע פאַר מיר? פאַר קיין שום פּרייז אויף דער וועלט וואָלט איך נישט אַרויס אין גאַס מיט זאָפיאַ לאַזיעוויטש, אָדער מיט דער אַלטער פרוי וואָס האָט אַזוי ייִדיש אויסגעזען און וואָס האָט כסדר געדרעמלט בעתן גאַטעסדינסט.

זייער גערן וואָלט איך אַרויסגעגאַנגען מיט דעם מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַראַליזירטע האַנט, אָדער מיט אַ נאָנע, אָדער מיט אַ גלח, אָדער אַפילו מיט איינע פון די געוויינלעכע באַדינערינס. אַזעלכע באַגלייטערינס וואָלטן ביי די שפּיאָנען נישט אויפגעוועקט קיין שום חשד בנוגע מיין פּערזאָן. אַליין בין איך דעמאָלט נישט בכוח געווען אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין.

***

כ׳האָב נאָך אַלץ נישט געפינען פאַר מיר די פּאַסיקע ראָל אין דעם אַנשטאַלט און כ׳בין נאָך כסדר געווען אַ פּערזאָן וואָס קען וועקן חשד. איך האָב קיינמאָל פון קיינעם נישט באַקומען קיין בריוו און קיינער, אַחוץ מיין עלטסטע טאָכטער מאַרישאַ, האָט מיך נישט באַזוכט. זי האָט אויך געהייסן מאַיעווסקאַ. מאַריאַ־באַרבאַראַ מאַיעווסקאַ, געבוירן גראַבטשעווסקאַ. זי האָט געשפּילט די ראָל פון מיין שנור, די פרוי פון מיין איינציקן זון, וועלכער איז אומגעקומען בעת דער מלחמה.

— איר האָט אַ גוטע שנור, פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט נישט איינמאָל צו מיר געזאָגט קאַראָלינאַ שטושקע, — יאָ, מיין ליבע פרוי מאַיעווסקאַ, נישט אַזוי ווי איך.

זי האָט געטראַכט וועגן איר שנור, וועלכע האָט זי זעלטן באַזוכט און האָט נישט געהאַט קיין צייט און קיין האַרץ פאַר איר.

ווען מיך וואָלטן באַזוכט מענטשן מיט אַ נישט צווייפלהאַפטן אויס־זען, וואָלט זיך מיין לאַגע אין דעם אַנשטאַלט פאַרפעסטיקט. דאָס איז געווען זייער וויכטיק פאַר מיר. דערפאַר האָט מיין טאָכטער געבעטן איר באַלעבאָסטע, די פרוי בליזשינסקאַ, זי זאָל מיך אַמאָל באַזוכן.

און זי איז טאַקע געקומען צו מיר אַ געוויסן טאָג און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין קאָרידאָר אויף דער אויסגעפלאַכטענער סאָפקע.

בליזשינסקאַ איז געווען אַ נידעריקע פרוי, אַ דיקלעכע, מיט שיטערע גרויע האָר אויפן קאָפּ. זי איז געווען זייער אַ נערוועזע. מען האָט גע־קענט זען, אַז זי פילט זיך נישט גוט אין דער ראָל פון מיינער אַ קרובה, אָדער פריינדין.

דאָס געשפרעך האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט. איין מאָל האָט זי מיך גערופן אַליציאַ און נאָך אַ ווײַלע — פרוי מאַיעווסקאַ. זי האָט זיך שנעל געזעגנט און איבערגעלאָזט איר שירעם, נאָך וועלכן זי איז דערנאָך צוריקגעקומען.

און דאָך האָבן מיך געזען אין איר געזעלשאַפט נאָר די נאָענעס פּראָס־פּעראַ, פּראַנצישקאַ און אַמאַרילליס, וועלכע האָט אַזוי שיין געטראָגן איר פּאַטעטישן נאָמען. אַחוץ די דריי נאָענטע האָבן מיך געזען אין דער געזעל־שאַפט פון פרוי בליזשינסקאַ עטלעכע אייַנוווינערינס: די כמעט הונדערט־יעריקע פרוי שאַניאַווסקאַ, וועלכע פלעגט זיך אַזוי שאָקלען בעת די תּפי־לות און די פאַרבייַגייענדיקע מיט דער בלינדער ניעמיראָווסקאַ, וועלכע פלעגט שלאָפן בעת די תּפילות.

דאָס איז געווען כמעט ווי גאָרנישט.

דערפאַר טאַקע האָט, אין אַ פּאָר טעג אַרום, מיין טאָכטער מאַרישאַ, געבעטן דעם חבר פון מיין מאַן, אינזשעניער סטאַרק, אַן אַלטער הער מיט אַ פריצישן אויסזען, מיט גרויע געדיכטע וואָנצעס, אַז ער זאָל מיך באַ־זוכן אינעם אַנשטאַלט.

ער איז טאַקע געקומען. ער איז אַריין אין צימער און מיך באַגריסט. מיר זענען אַרויס אין הויז אַריין און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער גע־פלאָכטענער סאָפקע, ווו עס פלעגט זיצן דער ווייַנענדיקער אַלטיטשקער.

עס האָבן אונדז געזען זייער אַ סך מענטשן, ווייל די סאָפּקע איז געשטאַ־נען נישט ווייט פון דעם אַריינגאַנג צו דער קירכע.

און נישט נאָר דאָס. ער איז אַריין אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שוועסטער־אָנפירערין — ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין האַנט, האָט זיך פאַר איר פאַרגעשטעלט און געבעטן מען זאָל ספּעציעל אַכטונג געבן אויף דער פרוי אַליציאַ מאַיעווסקאַ, די פרוי פון זיין חבר.

— איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיטן הער מאַיעווסקי — האָט ער געזאָגט — ער איז געווען אַן אינזשעניער אַזוי ווי איך, און זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש.

ער איז געווען גערירט ווען ער האָט גערעדט די ווערטער. ער האָט דאָך געזאָגט דעם אמת — ער האָט נאָר געענדערט מיין מאַנס נאָמען.

דער וויזיט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אינעם אַנשטאַלט און נאָך דעם וויזיט האָט מיין פּערזאָן שוין נישט געקענט וועקן קיין שום חשד.

***

ווען די טעג זענען געוואָרן קילער האָט זיך קאַראָלינאַ שטוטשקע אָנגעהויבן צו באַקלאָגן אַז עס ציט פון דער פּאָדלאָגע. זי האָט צוגערוקט איר שטול צום פענצטער, ווייל ביים בעט איז איר געווען צו פינצטער; האָט זיך אויפגעשטעלט אויף דער שטול און זיך אַוועקגעזעצט אויפן פענצטער. אַזוי פלעגט זי אָפּזיצן גאַנצע טעג. זי האָט אויסגעזען ווי אַ קוואָקע אויף אַ הינער־שטאַנג.

לעבן איר האָט זאָפיאַ לאַזיעוויטש געמאָלן די הייליקע בילדער און אַביסל ווייטער בין איך געזעסן און פאַרריכט דעם שוואַרצן שלייער פון אַ נאָנע.

כ׳האָב זיך נאָך אַלץ נישט געקענט אַקלימאַטיזירן אין דער פרעמדער פאַר מיר סביבה און כ׳האָב נאָך אַלץ נישט דערפילט וואָס פאַראַ ראָל איך דאַרף שפּילן אין דעם רעליגיעזן אַנשטאַלט.

אַ געוויסן טאָג האָב איך געזאָגט דער שוועסטער פראַנצישקאַ, אַז איך וואָלט געוואָלט אַרבעטן: העלפן אין דער קיך, אָדער פאַרריכטן די וועש; אַז איך קען נישט אַזוי זיצן אָן באַשעפטיקונג — עס מאַטערן מיך צופיל די דערינערונגען...

זי האָט מיר געבראַכט דעם גלחס וועש צו פאַרריכטן — און עטלע־

כע טעג נאָך אַנאַנד האָב איך געצערעװעט און געלאַטעט װאַרעמע רעק־לעך און די אונטערװעש פון דעם גלח. דערנאָך בין איך אַװעק אין קיך און כ׳האָב געהאָלפן די נאָנעס צו קלייבן שװאַרצע קאַרשן, יאַגעדעס און פּאָמידאָרן. בעת דער אַרבעט האָבן זיי געזונגען רעליגיעזע לידער און איך האָב מיטגעזונגען צוזאַמען מיט זיי.

װען זאָפּיאַ לאָזיעװיטש איז אויך אַרײַנגעקומען אין קיך כדי צו העלפן די נאָנעס, האָב איך מיך צוריקגעצויגן פון דער אַרבעט. איך האָב געזען דעם איבערגעטריבענעם אייפער פון זאָפּיאַ און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען אויך אַמאָל ברענגען שאָדן.

**

מיט דער פרוי אַננאַ ביאַלקאָװסקאַ האָב איך מיך באַקענט װען זי איז געזעסן אויף דעם באַסיין אין װאַש־צימער. דורכגייענדיק דורכן קאָ־רידאָר האָב איך זי באַמערקט דורך דער אָפענער טיר. זי האָט מיר גע־געבן צייכנס מיטן קאָפּ איך זאָל אַרײַנגיין. כ׳בין צוגעגאַנגען נענטער.

— העלף מיר אַראָפּגיין פון דער שיסל — האָט זי געזאָגט.

דאָס איז געװען אַ הויכע, דיקע פרוי, יונגער פון מיר. זי האָט גע־האַט שװאַרצע האָר, װעלכע זענען געװען גלאַט פאַרקעמט, צונויפגענו־מען און פאַרפלאָכטן. זי האָט געהאַט רעגולערע שטריכן פונעם פּנים, שײַנענדיקע ציין און אַ שמייכל פול מיט צויבער. זי האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן שטעקנס, װײַל זי האָט געהאַט קראַנקע פיס. גייענדיק האָט זי זיך געשאָקלט פון איין זייט אויף דער צװייטער. זי האָט מיך געדוצט פון דעם ערשטן מאָמענט־אָן.

— זאָג מיר, מײַן טײַערע, װער װוינט ביי דיר אין צימער?

— זאָפּיאַ לאָזיעװיטש, קאַראָלינאַ שטוטשקע און איך.

— און װער פאַרנעמט דאָס פערטע בעט?

— עס האָט געװוינט פרוי טרעפּטע, אָבער זי איז שוין נישטאָ.

— נו, װעל איך מיך אַרײַנציִען צו אייך, װײַל ביי אונדז אין צימער זענען דאָ בלויז אַלטע באַבעס.

צומאָרגנס האָט זי זיך אַרײַנגעצויגן און פאַרנומען פרוי טרעפּטעס בעט.

קעגנאיבער אונדזער צימער האָט געװוינט די בלינדע פרוי ניעמי־

ראָווסקאַ, מיט דער אַלטער וועלכע פּלעגט דרעמלען בעת די תּפילות. זי האָט געהייסן מעכאָוואַ.

פון דעם טאָג, ווען אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט זיך אַריינגעצויגן אין אונדזער צימער, איז די פרוי מעכאָוואַ שוין מער צו אונדז נישט אַריינ־געקומען. זי האָט שוין נישט געקלאַפּט אין טיר, נישט געפרעגט, צי איז פרוי לאָזיעוויטש דאָ. פריִער איז זי געווען ביי אונדז אַן אָפטער גאַסט. זי פלעגט זיך אַוועקזעצן אויפן בעט לעבן זאָפיען און פירן מיט איר לאַנ־גע, שטילע שמועסן.

איינמאָל ווען זיי זענען אַזוי געזעסן לעבן זיך און שטיל געשמועסט, האָב איך באַמערקט, אַז זייערע נעזער זענען איינגאַנצן ענלעך צו זיך. זיי האָבן זיך לגמרי נישט געפילט אומבאַקוועם צוליב קאַראָלינאַ שטוטשקע אָדער צוליב מיר. איך בין אַפילו חושד געווען, אַז זאָפיאַ לאָזיעוויטש האָט דערציילט דער פרוי מעכאָוואַ ווער איך בין. כ׳האָב עס דערקענט פון די בליקן, וועלכע זי האָט צו מיר געוואָרפן — און כ׳האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט וועלן מאַכן פון מיר איר פּאַרטרויאונג־פריינדין און וועט ווערן צו אינטים מיט מיר.

אָבער זי האָט זיך מער נישט באַוויזן אין אונדזער צימער. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ.

דאָס צימער לעבן גיעמיראָווסקאַ האָט פאַרנומען די פרוי, וועלכע האָט זיך אַזוי געשאָקלט בעת די תּפילות. זי האָט געהייסן קאָוואַלסקאַ. מען האָט גערעדט וועגן איר, אַז זי איז אַ פאַרזעסענע מויד און ביז גאָר אַ פרומע. זי איז געגאַנגען מיט אַ שטעקן און זי פלעגט דערציילן, אַז זי איז אַלט זיבעציק יאָר, כאָטש זי זעט נישט אויס אַזוי אַלט. זי האָט גע־האַט שוואַרצע האָר און שוואַרצע ברעמען — און האָט אויסגעזען העכסטנס אויף 55 יאָר.

איינמאָל האָט זי מיך פאַרבעטן צו זיך אין צימער. קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נישט געזען אַזאַ גרויסע צאָל פון הייליקע בילדער. צווישן אַנדערע זענען דאָרט געווען עטלעכע בילדער פון יעזוסעס האַרץ, דורכגעשטאָכן מיט פיילן, און איבער עטלעכע בילדער האָבן אַפילו גע־ברענט בוימל־לעמפּלעך.

— איך בין אַן אַלטע פריילין, פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט זי צו מיר געזאָגט — און דערצו פאַנאַטיש רעליגיעז.

זי איז אויך געגאַנגען מיט אַ שטעקן און זיך געקאַטשעט אויף די פיס.

— ווער האָט זיך דאָס צו אייך אַריינגעצויגן?

— פרוי אַננאַ ביאַלקאָווסקאָ.

— כ׳מוז מיך מיט איר באַקענען.

ווען איך האָב מיך פאַרקירעוועט צום אַרויסגאַנג, האָט זי מיר געזאָגט:

— ווייסט איר ווער עס איז די פרוי, וואָס וווינט מיט מיר? — זי איז אַ טרעפּעקע. אַלע אונדזערע באַקאַנטע קומען צו איר. נישט קוקנדיק אויף אַלץ, פרוי מאַיעווסקאָ, נישט קוקנדיק וואָס איך בין אַזוי פרום, האָב איך ליב ווען זי זעצט זיך אַוועק פאַרויסצוזאָגן מיין צוקונפט.

טראָץ אַלצדינג, טראָץ דעם וואָס זאָפיאַ לאַזיעוויטש האָט זיכער חושד געווען מיין ייִדישקייט, האָב איך געטראָגן מיין סוד ווי אַ שוואַנגערנדיקע פרוי איר עמבריאָן. אין דעם קירך־צימער צי אין דעם פינצטערן קאָרידאָר, אָדער אין דעם העלן דעם בנין — האָב איך דעם סוד געטראָגן און געוואָרעמט שטענדיק, אָן אויפהער — ווי אַ בעל־תשובה. ווי אַ שאָטן איז דער סוד מיר אומעטום נאָכגעגאַנגען. כ׳האָב אים געפילט אין זיך סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. ער איז געווען דער אינהאַלט פון מיין גאַנצער עקזיסטענץ.

אָבער פון דער צייט־אָן, וואָס אַננאַ ביאַלקאָווסקאָ האָט זיך אַריינגעצויגן אין אונדזער צימער — האָב איך אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער ראָל, וועלכע איך האָב באַדאַרפט שפילן. איך האָב אַוועקגעוואָרפן אַלע ראָלן ווי אומנייטיקע רעקוויזיטן... ווייל האָבנדיק אַננאַ ביאַלקאָווסקאָ אַזוי נאָענט, אין דעם זעלבן צימער, וואָלט איך סיי־ווי אַרויס אַ פאַרשפּילטע.

דאָס איז געווען אַ קעגנעריין פאַר וועלכער איך האָב געציטערט. קלוג, יונג, דורכדרינגלעך און דרייסט. זי האָט געהערט צו די סאַמע אַריסטאָקראַטישסטע משפחות אין פוילן. אין דעם צווייטן יאָר פון דער מלחמה איז זי אַוועקגעפירט געוואָרן אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין ראַווענסבריק, ווו זי האָט גערייניקט די אָפּטריטן. דאָרט איז זי פון קעלט און שרעקלעכער פייכטקייט קראַנק געוואָרן אויף די פיס. אַדאַנק איר פאַרצווייגטער און איינפלוסרייכער משפחה האָט זי זיך נאָך אַ געוויסער צייט אַרויסבאַקומען פון ראַווענסבריק און זי איז אָפּגעלעגן אַ גאַנץ יאָר אין

שפּיטאָל פון רויטן קרייץ אין וואַרשע, נישט קענענדיק באַוועגן מיט די פיס. זי איז געקומען צו אונדז אין אַנשטאַלט גלייך פון שפּיטאָל. זי האָט זיך געטרייסלט אויף די פיס, ווייל זי האָט שוין נישט געקענט גיין גלייך.

אַ שטורעמדיקע, אַ טומלדיקע און אַ זעלבסט־זיכערע האָט זי צו אַלעמען גערעדט „פּער דו", אַפילו צו די נאָנעס. זי איז געווען אַ קאַל־ווינערין. אונדזער אַנשטאַלט האָט אָנגענומען נאָר רוימיש־קאַטוילישע פּערזאָנען, אָבער זי איז געווען אַן אויסנאַם. איבעריקנס איז זי, דאַכט זיך, געווען אַ קרובה פון דער גרעפין סאַבאַנסקאַ, די גרינדערין פון אונדזער אַנשטאַלט.

זי איז געווען אַן „ענדעטשקע" (די פּוילישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) מיט עקסטרעם־רעכטע אָנשויונגען. איך האָב מיך איבערגעצייגט אין דעם באַלד דעם ערשטן אָוונט, ווען זי האָט אינעם געשפּרעך מיט זאָפיאַ לאָזיעוויטש באַרירט פּאָליטישע טעמעס.

זאָפיאַ לאָזיעוויטש האָט זיך יענעם אָוונט פאַרגעשטעלט אַלס אַן אַנטיסעמיטקע, אָבער אַן אָנהענגערין פון פּילסודסקי.

איך האָב געפילט מיט מיין גאַנץ וועזן, אַז עס דראָט מיר דאָס גרעסטע געפאַר מצד אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ. אויב זי וועט נאָר אָנהייבן זיך אויסצופרעגן וועגן דער מאַיעווסקי־משפחה, בין איך אַ פאַרפאַלענע. אויב איך וועל שפּילן די ראָל פון אַ פאַנאַטיש־רעליגיעזער, וועט זי גלייך אַנטדעקן די פאַלשקייט. ציִ וואָלט די אומפאַרזיכטיקע פראַגע, וואָס כ'האָב געשטעלט קאַראָלינאָן — די פראַגע וואָס האָט מיך ענדגילטיק דעמאַסקירט אין די אויגן פון זאָפיאַ לאָזיעוויטש, אַזוי גלאַטיק אָנגעגאַנגען ווען איך שטעל זי אין דער אָנוועזנהייט פון אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ?

צוליב דעם אַלעמען האָב איך אויפגעהערט צו זיין אַזוי פלייסיק. כ'האָב אַ סוף געמאַכט צו די אַרבעטן אין קיך און אַ סוף געמאַכט צו דעם צערעוווען דעם גלחס גאַטקעס. איך בין געגאַנגען נאָר צו איין פרימאָרגן־תפילה און נישט אַלעמאָל צו דער נאָכמיטיק־תפילה. כ'האָב אויפגעהערט צו לייענען די לעבנס־געשיכטעס פון די קירכלעכע מאַרטירער און כ'האָב גענומען פון דער אַנשטאַלט־ביבליאָטעק צוויי ראָמאַנען: איינעם אין דער ענגלישער שפּראַך און דעם צווייטן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך.

איך דער ביבליאָטעק האָבן זיך געפינען הונדערטער ביכער אין פיל

שפּראַכן און פון פאַרשיידנאַרטיקן אינהאַלט. אַ סך קאָסטנס זענען גע־שטאַנען נישט אויסגעלאָדן. די אַלע ביכער זענען געקומען פון מתנות. אַ סך פּאַראַליטיקער האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט נישט נאָר ביכער נאָר אַפילו מעבל. זיי האָבן טיילמאָל געוווינט אין אַנשטאַלט עטלעכע און אַפילו צענדליקער יאָר, ביז זייער טויט. נאָכן טויט האָט דער אַנשטאַלט געירשנט אַלץ וואָס איז נאָך זיי פאַרבליבן.

מיט דער ביבליאָטעק האָט אָנגעפירט מאַריאַ סאָקאָלאָווסקאַ, אַ פריי־לין פון 58 יאָר. זי איז געווען איידל און גוטהאַרציק. זי האָט געהערט צו דער רעליגיעזער ברודערשאַפט פון די סאָדאַליסטן. זי האָט אַפילו גע־האַט אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג, וועלכע זי האָט מיר געוויזן. זי איז געווען אַזוי פרום, אַז זי פלעגט פאַר דער מלחמה פאָרן יעדעס יאָר קיין רוים. זי האָט געשטאַמט פון די ראַנד־געביטן.

די אויסערגעוויינלעך פרומע פריילין, וועלכע איך האָב נישט איין־מאָל געזען ווי זי איז געלעגן אַן אויסגעצויגענע פאַרן אַלטאַר, פלעגט מיר ביז איצט אַלעמאָל אויסקלייבן ביכער פון אַ רעליגיעזן אינהאַלט. זי האָט זיך געמוזט שטאַרק וווּנדערן ווען איך האָב אַליין געעפנט דעם קאַ־טאַלאָג און כ׳האָב געבעטן אַ בעלעטריסטיש בוך. זי האָט נישט געוווּסט, אַז איך קען פרעמדע שפּראַכן.

* *
*

אַ פּאָר טעג נאָך דעם ווי אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט זיך אַריינגעצויגן צו אונדז אין צימער — האָט געפּלאַצט די באָמבע מיט זאָפיאַ לאָזיע־וויטש.

מען האָט זי גלייך אַריינגערופן אין דער קאַנצעלאַריע.

— פרוי לאָזיעוויטש — האָט געזאָגט די שוועסטער־פאַרוואַלטערין — איר זענט אַ יידישקע און איר האָט דאָס פאַר אונדז אויסבאַהאַלטן. אייערע פּאַפּירן זענען אין אָרדענונג און קיינער האָט גאָרנישט וועגן דעם געוווּסט. אָבער היות אייער סוד איז אַנטדעקט געוואָרן, קענען מיר אייך לענגער אין אונדזער אַנשטאַלט נישט האַלטן.

— פרוי מאַיעווסקאַ — האָט צו מיר געזאָגט אין קאָרידאָר פרוי קאָוואַלסקאַ, די וועלכע האָט זיך אַזוי געשאָקלט בעת די תפילות, — זעצט זיך אַוועק מיט מיר אויף דער סאָפקע... מען האָט דער לאָזיעוויטש געמאָלדן, אַז מאָרגן מוז זי אַוועק פון דאַנען. עמעצער פון דער שטאָט

האָט געקלונגען און זי געמסרט. מען קען זי דאָ לענגער נישט האַלטן, אָבער מען פירט זי איבער קיין אָטוואָצק אין זייער קלענערער אָפּטיילונג. די שוועסטער פראַנצישקאַ וועט מיט איר מיטפאָרן.

— פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט געזאָגט מעכאָוואַ, די וועלכע האָט געדרעמלט בעת די תפילות, — צי קענט איר אַריינקומען צו מיר איז צי־מער? די פרוי ניעמיראָווסקאַ, די בלינדע, איז איצט נישטאָ. ווייסט איר ווער עס האָט דאָס אָפּגעטאָן? — איר טייער מאַנעלע. זי האָט געהאַט אַ קריסטלעכן מאַן; ער האָט דאָס געטאָן אויס נקמה. צי זענט איר זיך משער געווען, פרוי מאַיעווסקאַ, אַז זאָפיאַ איז מיין טאָכטער?

כ'האָב נישט געוואָלט מער הערן. כ'האָב נישט געוואָלט. כ'האָב אַלע־מאָל געהאַט דאָס געפיל אַז מעכאָוואַ באַגערט נאָר איין זאַך: אַוועקצו־זעצן זיך מיט מיר אין אַ פאַרטונקלט ווינקל און דערציילן מיר אירע סודות. און דערנאָך וואָלט זי מסתמא זיך געוואָלט באַקענען מיט מיינע סודות. דערפאַר האָב איך זי אַלעמאָל אויסגעמיטן.

אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן אין בעט. דאָס וועטער איז געווען אַ שלעכטס: עס האָט געבלאָזן אַ ווינט און עס האָט גע־רעגנט. אין אַזעלכע טעג האָבן איר די פיס נאָך מער ווי געטאָן. זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון איר רענצל אַן אַלטן סוועטער און האָט געגומען אים אויפטרענען. עטלעכע קנוילן וואָל פון פאַרשיידענע קאָלירן זענען געלעגן לעבן איר.

— אַליציאַ, — האָט זי זיך געווענדט צו מיר — וואָס פאַראַ סקאַנ־דאַל! וואָס זאָגסטו צו דעם, אַליציאַ? מיר איז זאָפיאַ גלייך נישט געפעלן געוואָרן. אַזאַ שווינדלערין. איך האָב גלייך געהאַט אַ פאַרדאַכט אַז זי איז אַ ייִדישע.

קאַראָלינאַ שטוטשקע האָט אין דעם ענין אינגאַנצן זיך נישט אַרויס־געזאָגט. ס'קען זיין, אַז די גאַנצע טראַגעדיע איז אַפילו נישט דערגאַנגען צו איר באַוווסטזיין. זי איז שוין געלעגן אין בעט און האָט געשעפּטשעט די תפילות. זי האָט פאַרענדיקט מיט „אָמן" און דערנאָך שטיל צוגעגעבן:

— יאָ, יאָ; ליבע פרוי מאַיעווסקאַ — און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

די נאַכט איז שוין זאָפיאַ נישט געשלאָפן אינעם אַנשטאַלט, אָבער זי איז געקומען צומאָרגנס אַכט אינדערפרי צו דער ערשטער תפילה.

כ'האָב זי נאָך איין מאָל געזען ווען זי איז געשטאַנען אויפן האַלבן

שטאָק אין הויז. זי האָט געוואָרט אויף דער שוועסטער פראַנצישקאַ מיט וועלכער זי האָט געזאָלט אָפּפאָרן קיין אָטוואָצק.

זי האָט נישט געהאַט מיט זיך קיין רענצל, נאָר אַ פּעקל איינגעוויקלט אין אַ צייטונג און אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל. זי האָט געטראָגן דעם שוואַרצן באַנד אויפן אויג.

***

צווישן די עלטערע פרויען, וואָס פלעגן אין די פרימאָרגנס טראָגן די נאַכט־טעפּ צום אָפּטריט, איז געווען איינע, וואָס האָט זיך אַלעמאָל מיט מיר העפלעך באַגריסט. די פּאָר ווערטער, וואָס זי האָט צו מיר גערעדט, האָט זי אַרויסגעזאָגט אין אַ גוטער פּוילישער שפּראַך, אָבער איך האָב אין דעם געפילט אַן צווייפל אַן אויסלענדישן אַקצענט. זי האָט געוווינט אין אַ שמאָלן צימער ביים סוף פון אונדזער קאָרידאָר מיט דער 94־יעריקער שאַניאַווסקאַ.

איך בין אַזוי געווען איינגעהערט אין זיך אַליין, אַזוי פאַרנומען מיטן אָפּהיטן מיין סוד און דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם, פלעג איך אָפט באַגיין פעלערן.

איך בין קיינמאָל נישט געווען נייגעריק צו וויסן ווער עס זענען מיינע מיטוווינערינס. איך בין געווען צופרידן, אַז מען האָט זיך נישט צופיל אינטערעסירט מיט מיין פּערזאָן און מען האָט מיך צורו געלאָזט.

איינמאָל האָט מיר געזאָגט קאָוואַלסקאַ:

— דאָס איז די פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ.

— באמת? אַן אמתע פּרינצעסין?

— יאָ. אַן אַמתע רוסישע פּרינצעסין. זייער אַן אַנשטענדיקע פרוי.

איך האָב מיט איר קיינמאָל לאַנג נישט גערעדט. כ׳פלעג מיך קורץ באַגריסן מיט איר, אָדער געזעגענען פאַר דעם אָנקומען פון דער נאַכט, אויב איך האָב זי צופעליק געטראָפן אין קאָרידאָר אין די אָוונט־שעהן.

***

זאָפיאַ לאָזיעוויטש איז נאָך נישט אָנגעקומען קיין אָטוואָצק. זי איז נאָך געוויס געווען אונטערוועגנס — און שוין האָט איר בעט פאַרנומען אַן אַנדערע.

זי האָט געהייסן יוזעפינאַ גאַדאָמסקאַ און זי איז אַלט געווען 76

יאָר. דאָס איז געווען אַן אַלטע פריילין, פון בארוף אַ לערערין. פונקט ווי אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט זי אויך געהערט צו די אַריסטאָקראַטישסטע משפחות אין פוילן. זי האָט געהאַט אַ שיינעם גרדיכטן קאָפּ גרויע האָר; אַ הויכע מיט אַביסל אַן איינגעהויקערטע פיגור איז זי געווען שטאַרק קורצזיכטיק.

זי האָט אויפגעהאַנגען אַ קליין בילדל איבער איר בעט, גאָר אַ קליינטשיקס און דאָך איז זי געווען פאַנאַטיש פרום. אַ סך פאַנאַטישער פון קאָוואַלסקאַ, הגם זי האָט געהאַט איבער איר בעט צענדליקער הייליקע בילדער און אַפילו בוימל־לעמפלעך. די פאַנאַטישקייט האָט אַרומגערינגלט די בייע־געקומענע פרוי יוזעפינאַ גאַדאָמסקאָ ווי אַן אַרעאָל. מען האָט געקענט זען אין אירע אויגן, מען האָט געקענט דערקענען אין איר גאַנג און באַוועגונגען, אַז איר גאַנץ וועזן, אַז אַלע אירע געדאַנקען זענען גע־ווען געווענדט צום הימל.

קאָוואַלסקאַ דאַקעגן, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער צאָל הייליקע בילדער מיט וועלכע זי איז געווען אַרומגערינגלט, און דעם כסדרדיקן שאָקלען זיך ביים דאַווענען, איז געווען אַ וועלטלעכע און ערדישע פרוי. און ווען זי וואָלט נישט דערמאָנט פון צייט צו צייט אַז זי איז אַזוי פאַנאַטיש פרום, וואָלט קיינער אין דעם נישט געגלייבט. זי פלעגט זיך מתוודה זיין פאַר אונדזער אַלטן גלח אינעם אַנשטאַלט און זי פלעגט זיך באַטייליקן אין אַלע תפילות. אין גאַס איז זי געגאַנגען אין דער געזעל־שאַפט פון פרוי שאַניאַווסקאַ, וועלכע האָט געענדיקט 94 יאָר, די זעלבע וואָס האָט געוווינט מיט דער פרינצעסין אוכטאָמסקאַ. אויף דער לעשנאָ גאַס איז געווען אַ קליין וווּרשט־געשעפט, ווו מען האָט אויך געקענט קויפן פלייש. קאָוואַלסקאַ פלעגט קויפן אַ ביפשטיק און זי האָט אים גע־פּרעגלט אויף אַ מאַשינקע אין קאָרידאָר. זי האָט געפּרעגלט דעם ביפשטיק מיט ציבעלעס, וואָס די נאָנעס האָבן עס זייער נישט ליב געהאַט. זיי האָבן נישט דערלויבט די איינוווינערינס צו קאָכן אויף מאַשינקעס, אָבער קאָ־וואַלסקאַ וואָלט געשטאָרבן ווען זי וואָלט נישט געהאַט איר ביפשטיק מיט ציבעלע. אַזאַ נאַטור האָט זי געהאַט.

פרוי יוזעפינאַ גאַדאָמסקאַ איז געווען אַ שוידערלעכע רעאַקציאָנע־רין און אַנטיסעמיטקע. זי איז געווען מיין קעגנערין אָבער, וואָס אַן אמת, אויף אַ קלענערן שניט ווי ביאַלקאָווסקאַ. איך בין געווען צופרידן וואָס

עס איז מיר געקומען דער געדאַנק איבערצורייסן מיט דער רעליגיעזער ליטעראַטור, ווייל אַ פרוי פון אַזאַ אינטעליגענץ און ערודיציע ווי יוזע־פינאַ גאַדאַמסקאַ וואָלט מיך דעמאַסקירט אין אַ פּאָר מינוט.

איך האָב מיך געלייגט אין בעט אַריין דעם אָוונט מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ שווער האַרץ, טראַכטנדיק וועגן זאָפיאַ לאַזיעוויטשעס גורל. איך בין געווען זיכער, אַז אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום וועל איך אויך אַריינגערופן ווערן אין דער קאַנצעלאַריע און כ׳וועל הערן די ווער־טער:

— פרוי מאַיעווסקאַ, איר זענט אַ יידישקע און איר האָט עס פּאָר אונדז אויסבאַהאַלטן. אייער סוד איז אַנטדעקט געוואָרן... מיר קענען אייך לענגער אין אונדזער אַנשטאַלט נישט האַלטן...

***

איך האָב אין דער צייט אַזוי זיך גענומען צום האַרצן זאָפיאַ לאַ־זיעוויטשעס ענין און כ׳בין אַזוי זיכער געווען, אַז מיט מיר וועט קירצ־לעך אויך דאָס זעלבע געשען, אַז כ׳בין אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ שרעקלעכן אומרו.

איך האָב איצט געלייגט אַכט אויף געוויסע זאַכן און דערשיינונגען, וואָס פלעגן פריִער פאַרבייגיין פאַר מיר אינגאַנצן אומבאַמערקט.

אונדזער טיר, ווי דערמאָנט, האָט נישט געהאַט קיין פּילאָנג, נאָר איז געווען באַדעקט מיט דיקטן. עס האָבן זיך געמערקט אויף דער טיר פאַרזשאַווערטע פלעקן און פונקט די זעלבע פלעקן האָט מען געקענט זען אין די פינצטערע ווינקלען פון צימער, וואָס מען האָט זעלטן גערייניקט.

און פלוצלינג איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס איז דאָך געווען פריִער אַ יידיש הויז, וואָס האָט זיך געפינען אין דער יידישער געגנט, אַרומגערינגלט מיט די מויערן פון געטאָ, וואָס איז ערשט שפּע־טער פאַרשמעלערט געוואָרן צו אַ קלענערן שטח...

די טירן זענען אויסגעזעצט געוואָרן מיט די קאָלבעס פון די דייטשי־שע ביקסן בעת דער לעצטער בלאָקאַדע, און די פאַרזשאַווערטע פלעקן — דאָס איז יידיש בלוט פון די וואָס מען האָט געשלעפּט דורך די טירן, אָדער דערהרגעט אויפן אָרט...

גייענדיק איינמאָל דורכן פינצטערן קאָרידאָר, האָב איך אויפהייבנ־

דיק די אויגן באַמערקט אַ שילדל איבער דער טיר פון מאַגאַזין, ווו די נאָנעס האָבן געהאַלטן זעק מיט קאַשע און מעל, ווי אויך אַנדערע שפייז. דאָס איז געווען אַ לענגלעך שילדל פון ווייסן קאָליר, וואָס איז מיט דער צייט געל געוואָרן. אויפן שילדל זענען געווען יידישע אותיות. איך האָב איבערגעלייענט דאָס וואָרט „קיך". דאָס שילדל האָט מסתמא נאָך גע־האָנגען פון פאַר דער מלחמה — ווען אין דער געביידע איז געווען די היים פאַר יידישע סטודענטן. דאָ האָט זיך, הייסט עס, אַמאָל געפינען די קיך.

פון דעמאָלט אָן, ווען איך בין דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, פלעג איך אויפהייבן מיינע אויגן און קוקן אויף די יידישע אותיות.

איינמאָל האָב איך, זייענדיק אין קיך, באַמערקט אויף דער פאָד־לאָגע צעוואָרפענע פאַרשריבענע פאַפירן. כ׳האָב איין פאַפיר גענומען אין האַנט אַריין. דאָס זענען געווען פראָטאָקאָלן פון דער קאַנצעלאַריע: שי־מאָן שטיינבערג. עס איז געווען דייטלעך קאַליגראַפירט: אַדוואָקאַט שימאָן שטיינבערג.

איך האָב געקענט דעם אַדוואָקאַט שטיינבערג. זיין פרוי איז געווען מיינע אַ ווייטע קרובה. פון וואַנען עס האָבן זיך דאָ גענומען די פאַפירן פון שטיינבערגס קאַנצעלאַריע, אין דער צייט ווען פאַרן קריג־אויסברוך האָט ער געוווינט אויף דער קאָשיקאָווע גאַס און איז דאָרט שפּעטער אומ־געקומען, געטראָפן פון אַ דייטשישער קויל, אָדער שראַפּנעל — האָב איך מיר נישט געקענט דערקלערן.

— פון וואַנען האָבן זיך דאָ גענומען די פאַפירן? — האָב איך גע־פרעגט אַ נאָנע.

— אויפן בוידעם זענען פאַראַן גאַנצע פעק. איך האָב גענומען אַביסל, ווייל איך האָב באַדאַרפט האָבן פאַפיר צו מאַכן פייער.

— אפשר זענען דאָס פאַפירן פון יידן — האָט געזאָגט די שוועס־טער אַלפרעדאַ, — אין די ערשטע טעג, ווען מיר האָבן זיך דאָ איבער־געצויגן, האָבן זיך נאָך אַ סך יידן אויסבאַהאַלטן אויף די בוידעמס. זיי פלעגן אַנטלויפן ווען זיי האָבן אונדז געזען. נאָך נישט לאַנג צוריק, ווען איך האָב אויפן בוידעם אַרונטערגענומען וועש פון די שנורן, האָב איך אָנגעטראָפן אויף איינעם. ער האָט אויסגעזען ווי אַ געשפּענסט.

אין דער קירך, זיצנדיק לעבן קאַראָלינע שטוטשקע בעת דער פרי־

מאָרגן־תפילה, האָב איך געקוקט אויפֿן אַלטאַר אויסגעפּוצט מיט בלומען; דערנאָך אויף די קוסטעס און די גרינסן צווישן וועלכע עס איז געשטאַנען די פיגור פֿון יעזוס און פֿון דעם הייליקן יוזעף. צי האָבן די ייִדן זיך נישט אויסבאַהאַלטן פֿאַר די דייטשן אַט־אָ־דאָ, צווישן די גרינע קוסטעס? ווען זיי וואָלטן איצט געלעבט, וואָלט מען זיי גאַנץ זיכער דערהרגעט... זיי פֿאַרשטעקן זיך און באַהאַלטן זיך אויס פּונקט ווי איך.

ווען דער אָרגאַניסט האָט מיט זיין הערלעך שיינער שטימע געזונגען „אַווע מאַריאַ", האָב איך אַ טיף געריררטע געביסן מיינע ליפּן און די טרערן האָבן זיך לאַנגזאַם געקייקלט איבער מיין פּנים.

נאָך דער תפילה האָט קאַראָלינאַ שטוטשקע, זעענדיק מיין צושטאַנד, נישט ווויסנדיק ווי אַזוי זיך עס אויסצוטייטשן, און וועלנדיק מיך טרייסטן, געזאָגט מיט אַ זיפֿץ:

— יאָ, ליבע פּרוי מאַיעווסקאָ, יאָ, יאָ...

אין דער ביבליאָטעק פֿון אונדזער אַנשטאַלט האָט די איידעלע פֿריילין סאָקאָלאָווסקאָ, טוישנדיק מיר אַ בוך, אַנומלט געזאָגט צו מיר:

— ליבע פּרוי מאַיעווסקאָ, איך ווייס אַז אייך דריקט עפּעס אַ שווערע מאַסע אויפֿן האַרצן. פֿון דער טיפֿעניש פֿון מיין נשמה ראָט איך אייך: גייט צום גלח זיך מתוודה זיין... דאָס באַרויִקט אַזוי! איך ווייס, אַז עס זענען פֿאַראַן אַ סך מענטשן, וועלכע גייען נישט זיך מתוודה זיין, ווייל זיי האָבן געוויסע שטרויכלונגען, וועלכע זיי קענען נישט בייקומען.

דער דאָזיקער פּרוי וואָלט איך מיט דער גאַנצער זיכערקייט געקענט אַנפֿאַרטרויען מיין סוד, זייענדיק איבערצייגט, אַז זי וואָלט מיר געהאָלפֿן און זי וואָלט מיך געשיצט ערלעך און מיט אַלע אירע כוחות.

עס זענען געווען מאָמענטן, אַז עס האָט מיך געצויגן זיך איר צו פֿאַרטרויען — אָבער צו וואָס? צו ווען? אין איר העפּטיקן אופֿן פֿון תפילה־זאָגן האָב איך געזען, אַז זי אַליין האָט אויך אַ שטיין אויפֿן האַרצן — דאָס איז נישט געווען קיין תפילה־זאָגן, נאָר אַ געבעט פֿאַר אויסלייזונג. צו וואָס אַלזאָ צוגיסן נאָך אַ ביטערן טראָפּן צו איר פֿולן בעכער?

— איך קען מיך נישט באַהערשן — האָב איך שטיל געענטפֿערט. איך בין צוריקגעגאַנגען אין מיין צימער. ביידע פּרויען, אַננאַ ביאַל־

קאַוווסקאַ און יוזעפינאַ גאַדאַמסקאַ, וועלכע זענען געלעגן אין די בעטן, האָבן מיך אויפמערקזאַם אַבסערווירט.

***

צי איז דאָס נישט געווען פאַר זיי אויפפאַלנדיק וואָס איך בין אַרויס־געגאַנגען אויף דער גאַס מיט קאַראַלינאַ שטוטשקע? ביידע זענען זיי געווען קלוג און שאַרפזיניק און זיי האָבן גאַנץ געוויס נישט איינמאָל וועגן מיר גערעדט, ליגנדיק לאַנגע שעהן אין די בעטן קעגנאיבער זיך.

פאַרוואָס מיט קאַראַלינאַ און נישט מיט קיין אַנדערער? פאַרוואָס נישט מיט קאַוואַלסקאַ, מיט שאַניאַווסקאַ, מיט דער פרינצעסין און אַפילו מיט דער טרעפערקע? די אַלע פרויען זענען אָן שום צווייפל געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער מדרגה ווי די פשוטע און פּראַסטע פרוי פון פאָלק. וואָס פאַראַ געמיינזאַמס האָט געבונדן אַליציאַ מאַיעווסקאַ מיט קאַראַלינאַ שטוטשקע?

ווי אַ היפּנאָטיזירטע דורך די שאַרפע בליקן פון מיינע צוויי שכנות האָב איך מיך געפילט ווי אַ פויגל, וואָס קען זיך שוין מער נישט באַשיצן.

***

ווען די טעג האָבן אָנגעהויבן צו ווערן קילער און עס האָט ווירקלעך געצויגן פון דער פּאָדלאָגע, האָט קאַראַלינאַ שטוטשקע, פּונקט ווי אַמאָל, צוגערוקט איר לענשטול צום פענצטער, אַרויפגעקראָכן אויף איר און זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם אָנלען פון איר שטול. זי פלעגט אַזוי אָפּזיצן פון אינדערפרי ביז ביינאַכט. און ווען זי איז אַזוי געזעסן אויפן רוקן פון דער לענשטול, אָנגעטאָן אין איר באַלעבאַטישן פאַרטעך — צווישן די צוויי אַריסטאָקראַטקעס וואָס האָבן פון איר געלאַכט און געשפּאָט — פלעגט זי, די איינפאַכע נשמה, זיפצן פון צייט צו צייט און זאָגן:

— יאָ, יאָ, מיין ליבע פרוי מאַיעווסקאַ...

און זיי פלעגן, דערשטוינטע, אויפהייבן די בליקן אייבע פון דעם געבעט־בוך, די צווייטע פון אונטער די ברילן, אויפטרעטנדיק דערביי דעם סוועטער. ווייל די זעלבע מאַיעווסקאַ, וואָס איז אין זייער באַגריף געשטאַנען אויף דער זעלבער הייך ווי זיי, פלעגט דאָך יעדן טאָג זיצן

אין דעם געבעט־צימער לעבן קאַראַלינאַ שטוטשקע, מיט איר אַרויסגיין און, האַלטנדיק זיך אונטערן אָרעם, שפּאַצירן אויף לעשנאָ גאַס.

— יוזעפינאַ, איך וועל עס לענגער נישט אויסהאַלטן. איך וועל זי אַרויסוואַרפן פון דאַנען, די קאַראַלינאַ שטוטשקע — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ.

— זי ווישט זיך אָפּ די נאָז מיט דער האַנט — האָט מיט פאַרביסע־נע ליפּן געזאָגט יוזעפינאַ.

— איך קען נישט פאַרטראָגן דעם אופן פון איר תפילה־זאָגן.

אַרויסוואַרפן קאַראַלינע שטוטשקע? הייסן אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער צימער — דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז געווען אַ קלייניקייט.

פיר אַזייגער, ווען קאַראַלינאַ איז געווען אין קירכע־זאַל ביים גע־בעט, האָט אַ נאָנע אַריבערגעטראָגן אַלע אירע זאַכן צוזאַמען מיטן לייַ־לעך, די קישנס און פערינע אין אַן אַנדער צימער. זי האָט אויך נישט פאַר־געסן די שיסל און דעם נאַכט־טאָפּ. זי האָט אַפילו איבערגעטראָגן איר לענשטול, כדי קאַראַלינאַ זאָל זיך נישט פילן באַעוולט. קיינער האָט ביי איר נישט געפרעגט קיין מיינונג. איבעריקנס, אין דעם אַנשטאַלט האָט שוין געהערשט אַזאַ אָרדענונג. די נאָנעס האָבן לויט זייער איינזען אַרי־בערגעטראָגן די איינוווינער פון איין צימער אין אַן אַנדערן.

דעם זעלבן אָוונט האָט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ געזאָגט:

— זי איז טרויעריק — דו הערסט פרוי יוזעפינאַ! זי איז טרויעריק, אַז מען האָט איר צוגענומען די קאַראַלינאַ שטוטשקע. זי איז דאָך געווען פאַרלייזט, דו פאַרשטייסט? די נאָנע האָט געפינען אין איר בעט איר זונס פאַרלייזיקטע שמאַטעס, וואָס ער האָט איר געבראַכט צו פאַריכטן. דו ווייסט נישט וואָס עס זענען לייז! דו האָסט נאָך גאָרנישט איבערגע־לעבט! לייז און טינוף — דאָס איז געווען מיין ראַווענסבריק.

זי פלעגט זיך אַלעמאָל אויסדריקן ווולגאַר, אָנרופנדיק זאַכן ביים ריכטיקן נאָמען. אַזאַ נאַטור האָט זי געהאַט.

— שוועסטער, נעם צו דאָס פאַרשטינקענע שווענקעכץ און ברענג מיר אַן אַנדער טעפּל קאַווע פון דער קיך! — אַליציאַ, דו וווּנדערסט זיך מסתמא אַז איך רייד אויף אַזאַ אופן, אָבער איך בין געווען אין ראַווענס־בריק און איך האָב יעדן טאָג גערייניקט די אָפּטריטן. דרעק איז געווען

אַ טאָג־טעגלעכע זאַך פאַר מיר, און אַזוי פּשוט ווי לופט, ווי ברויט און זאַלץ...

אַזוי פלעגט זי זיך אויסדריקן אין קעגנוואַרט פון יוזעפינאַ און אַפי־לו אין דער געזעלשאַפט פון דער הויפּט־נאַנע, שוועסטער באַגומילאַ, מיט וועלכער זי איז געווען זייער באַפריינדעט. קיינעם האָט דאָס איבעריקנס נישט שאָקירט. די צייטן זענען געווען שרעקלעכע. מיט אַ טאָג פריִער האָבן די דייטשן אויפגעהאָנגען אויף אַ באַלקאָן פון לעשנאָ גאַס 17 יונ־גע גלחים. מען זאָל זיך גוט אַריבערבייגן דורכן פענצטער וואָלט מען געקענט זען דעם באַלקאָן מיט די געהאַנגענע. ריזיקע מחנות מענטשן זע־נען געשטאַנען אונטן אונטער דעם באַלקאָן...

אויף דער צווייטער זייט פון לעשנאָ גאַס, קעגנאיבער דעם עק פון זשעלאַזנע און דעם מויער, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ, איז גע־ווען אַן אויסגעהאַקטער טויער. כ׳האָב אַמאָל געזען ווען ביים פאַריכטן דעם טויער האָט געאַרבעט אַ גרופּע מענטשן אין געשטרייפטע קליידער. די נאָנעס האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען געווען גריכישע ייִדן.

אין דעם ים פון צעשטערונג זענען נאָך געשטאַנען איינצלנע גאַנצע, נישט באַרירטע הייזער, ווייט איינס פונעם צווייטן. מען האָט געשמועסט, אַז די געביידע, אין וועלכער עס האָט אין געטאָ אַמטירט די ייִדישע קהילה אויף דער דזשיקע גאַס — איז נישט געווען פאַרברענט. דאָרט האָט זיך כלומרשט איצט געפינען אַ גרויסער קאָנצענטראַציע־לאַגער. דורך דעם טויער אין געטאָ האָט געפירט דער וועג צום פּאַוויאַק.

טיילמאָל האָב איך מיך אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט. כ׳האָב געהערט דעם טומל פון לאַסט־אויטאָס, וואָס זענען געפאָרן פון דער זשע־לאַזנע אין דער ריכטונג פון געטאָ.

מען האָט אויך געהערט דעם גערויש פון אויטאָמאָבילן. די אַרעס־טירטע האָבן אַלע צוזאַמען איבערגעחזרט איין און די זעלבע פראַזע, אפשר זייערע נעמען?... זיי האָבן אפשר געוואָלט אַז די מענטשן, וועלכע זענען ציטערדיקע געשטאַנען הינטער די פענצטער, זאָלן וויסן וועמען מען פירט אַרויס די נאַכט?...

איך פלעג אויך אויפשטיין פון בעט, צוגיין צום פענצטער און אַרויס־קוקן דורך אַ שפּאַרע. איך בין אַזוי געשטאַנען אין נאַכטהעמד, ציטערנ־דיק פון טויטשרעק.

— וואָס ריידן זיי, אַליציאַ? — האָט געפרעגט שטילערהייט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ.

— איך קען נישט אונטערשיידן קיין ווערטער.

זי פלעגט אויך אויפשטיין פון בעט און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן, האָט זי זיך דערנענטערט צו מיר. און ווען דער לעצטער לאַסט־אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן, האָט זי אַ זיפץ געטאָן:

— זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען...

אין חודש יולי, אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין דעם אַנשטאַלט, האָב איך שטייענדיק אַזוי אַמאָל ביים פענצטער דערזען, ווי אַ פּאָר לאַסט־אויטאָס זענען אַריינגעפאָרן אין דעם געטאָ־טויער. די אויטאָס זענען פול געווען מיט מענער און פרויען, מערסטנטייל יונגע מענטשן ווי אויך אַ פּאָר קינדער. אַלע זענען זיי געווען פיין אָנגעטאָן — אַ טייל פרויען מיט קאַפּעלושן אויף די קעפּ. לעבן זיי זענען געשטאַנען טייערע לעדערנע רענצ־לעך. עס זענען אָנגעפאָרן אַן ערך 8 אויטאָמאָבילן. אַלע זענען זיי פאַר־פאָרן אין געטאָ אַריין.

— ווער זענען די מענטשן אין די לאַסט־אויטאָס? — האָב איך מיך געפרעגט ביי אַ נאָנע.

— דאָס זענען ייִדן — האָט זי געענטפערט.

דערנאָך האָב איך מיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען געווען ייִדן פון „האָטעל פּאָלסקי אויף דער לאַנגע־גאַס...

נישט ווייט פון מויער איז צווישן די חורבות געשטאַנען איין הויז — כמעט נישט באַרירט. אין דעם הויז האָט זיך געפינען אַ דייטשער אַמט. דורך אַ לאַנגער צייט פלעגט דאָרט יעדן פרימאָרגן, אַרום 7 אינדערפרי, אָהינקומען אַ ייִדישע אַרבעטער־גרופּע פון דעם וואַרשעווער געטאָ. יונגע פרויען און מענער, צוזאַמען אַן ערך פון 12 מענטשן. איין פרוי פלעגט אַפילו מיטברענגען מיט זיך אַ קליין מיידעלע.

איך האָב זיי אָבסערווירט דורכן פענצטער ווען זיי האָבן דאָרט גע־אַרבעט אַרום דעם הויז. אייניקע האָבן געטראָגן קוילן, אַנדערע האָבן גע־גראָבן, די פרויען האָבן מסתמא געראַמט. ביינאַכט פלעגט מען זיי צוריק־פירן אין די טיפּעגישן פונעם געטאָ.

שפּעטער איז שוין די גרופּע מער נישט געקומען. איך האָב זיי שוין מער קיינמאָל נישט געזען.

*

אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין דעם אַנשטאַלט, ווען כ׳בין אַזוי איינמאָל געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט — איז אַריין אין צימער די שוועסטער פראַנצישקאַ.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מיר — די אומגעוויינלעך הויכע נאָנע.

— כ׳האָב געהערט — האָט זי געזאָגט — אַז די דייטשן האָבן אויפ־געקאָפּעט אַ בונקער אין געטאָ און האָבן דאָרט געפינען אַ מיידעלע פון אַ יאָר 14. זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן, אַז זי האָט נאָך גע־לעבט. זיי האָבן זי אַרויסגעשלעפּט פון בונקער און — דערשאָסן.

יעדן זונטיק האָב איך געהערט ווי אונדזער גלח האָט געפּרעדיקט. אָפט פלעגט ער זיין פּרעדיקן פאַרבינדן מיט די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך נישט לאַנג צוריק אַזוי טראַגיש אָפּגעשפּילט. ער האָט גערעדט וועגן דער אויסראָטונג פון די יידן.

— אַלצדינג וואָס עס איז געשען מיט די יידן — האָט ער געזאָגט — איז דאָס אַ שטראָף פאַר די שווערע זינד וועלכע זיי זענען באַגאַנגען. דאָס איז גאָטס שטראָף. די דייטשן זענען נאָר דאָס ווערקצייג פאַר דער שטראָף, וואָס גאָט האָט אויף זיי געשיקט. די גערעכטיקייט האָט געמוזט זיגן.

ווי שטאַרק האָב איך געליטן ווען איך בין אַזוי געזעסן לעבן קאַראַ־לינאַ שטוטשקע און זיך צוגעהערט צו דער דרשה. איך האָב מורא געהאַט פאַרן גלח, ווייל האָבנדיק אַזעלכע אַנשויונגען, וואָלט ער מיר קיין האַנט נישט אויסגעשטרעקט ווען ער וואָלט געוווּסט אַז איך בין אַ יידישע. און ווער ווייסט צי ער איז מיך אַמאָל נישט חושד? כ׳האָב מיך קיינמאָל פאַר אים נישט מתוודה געווען און כ׳בין קיינמאָל נישט צוגעטראָטן צום אַל־טאַר, ווען ער איז דאָרט. אפשר שפּיאָנירט ער מיך און איך ווייס נישט וועגן דעם?...

ער האָט לגמרי נישט אויסגעזען צו זיין אַזאַ אַנטיסעמיט. ער איז געווען אַ דיקער מאַן מיט אַ גוטמוטיק פּנים און האָט ליב געהאַט צו לאַכן. ער האָט געהאַט דערביי פּריצישע מאַנירן. איינמאָל בין איך מיט אים גע־גאַנגען דורכן קאָרידאָר — כ׳האָב באַדאַרפט אַריינגיין אין דער קאַנצע־לאַריע. ער האָט מיר אָפּגעגעבן דאַמען־ערע און זיך שאַרמאַנט פאַרנייגט.

כ׳ווייס נישט צי ער האָט געוווּסט וואָס איך האָב געטאָן דעם ערשטן זונ־טיק פון יעדן חודש. מיט גרויס פּערזענלעכער אָנשטרענגונג און מוט, פלעג איך איבערלאָזן מיין פרישטיק אומבאַרירט און גאַנץ פרי אַרויסגיין פון אַנשטאַלט איינע אַליין, האַלטנדיק אונטער דער האַנט מיין געבעט־בוך.

— כ׳גיי צו מיין גלח זיך מתוודה זיין — פלעג איך זאָגן צו דער נאָנע — כ׳וועל צוריקקומען אין אַ שעה אָדער צוויי...

און כ׳בין געגאַנגען אין דער קירך פון הייליקן קאַרל באָראָמעוש אויף דער כלאָדנע גאַס. כ׳בין געזעסן אויף אַ באַנק, געטראַכט וועגן מיינע טעכטער — און נאָך אַ געוויסער צייט בין איך צוריקגעגאַנגען אינעם אַנשטאַלט.

כ׳האָב נישט געמוזט זיך מתוודה זיין פאַר דעם גלח פון אונדזער אַנשטאַלט. כ׳האָב געהאַט אַ רעכט צו האָבן אַן אייגענעם גלח אין שטאָט, פאַר וועלכן איך בין מיך כלומרשט מתוודה.

עס האָט אַמאָל געטראָפן, אַז ווען כ׳בין געקומען אין דער קירך, איז דאָרט קיין לעבעדיקע נשמה נישט געווען. עס איז שוין געווען נאָך דער תפילה און קיינער איז נישט פאַרבליבן. איך האָב מיך אָוועקגעזעצט אויף אַ נידעריקער לאַנגער באַנק, לעבן דעם צימערל פאַר די, וועלכע קומען זיך מתוודה זיין. כ׳האָב נישט באַמערקט אַז דאָס איז טאַקע די באַנק פאַר די יעניקע וועלכע ווילן זיך מתוודה זיין.

פּלוצלינג האָט איך אַ ציטער געטאָן און אויסגעדרייט מיין קאָפּ. עמעצער האָט אויף מיר געקוקט. אין דעם צימערל איז געזעסן דער גלח און האָט געוואַרט איך זאָל זיך דערנענטערן. אפשר איז ער אפילו געווען אומגעדולדיק וואָס ער פאַרלירט צייט אומזיסט. פאַרפאַלגט פון זיין בליק בין איך צוגעגאַנגען צום אַלטאַר און כ׳האָב אַנידערגעקניט. כ׳האָב פאַר־לייגט די הענט און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אַ גרויסן מעשענעם לייכ־טער, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר. פאַר מיר איז געווען דער הילצער־נער צלם מיט קריסטוסעס פיגור.

איך האָב געקניט פאַר דעם אַלטאַר, אונטערן גרויסן צלם איינע אַליין אין דער קירך, פילנדיק כסדר אויף מיינע אַקסלען די פרעגנדיקע בליקן פון דעם גלח.

ער האָט מיט דער גאַנצער זיכערקייט געוווּסט ווער איך בין. אין

יענע שוידערלעכע צייטן האָט זייער אָפט פּאַסירט, אַז אַ ייִדישע פרוי, אָדער אַ ייִדישער מאַן איז, האָבנדיק אַפילו גוטע אַרישע פּאַפּירן, געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. עפּעס אַ שאַנטאַזשיסט האָט זיי געקענט פאַרפאַלגן, אָדער אַ באַלעבאָסטע האָט זיי נישט געוואָלט לענגער האַלטן ביי זיך אין שטוב. אויב זיי האָבן געהאַט גענוג געלט, האָבן זיי געקענט זיך אַריינציִען אין אַן אַנדער, פון פריִער צוגעגרייטער פאַר זיי דירה, פאָרויסזעענדיק אַזעלכע פאַלן. אָבער ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע צוגעגרייטע דירה, אָדער פריינט וואָס וואָלטן געוואָלט זיי צונעמען אויף אַ נאַכט אָדער אַ פּאָר נעכט, האָבן זיי אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן און געגעכטיקט הויפּטזעכלעך אין אַ קירך, וואָס איז געווען אַמזיכערסטן...

נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך מיך אויפגעהויבן פון קניִען און, באַגלייט פון דעם גלחס בליקן, האָב איך מיך פאַרקירעוועט צום אַרויסגאַנג. די אָפּצאָסן פון מיינע אָפּגעטראָגענע שיך האָבן הויך געקלאַפּט אָן דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און דער עכאָ פון דעם קלאַפּן האָט זיך עטלעכע מאָל אָפּגעהילכט.

אין גרויס שרעק בין איך געגאַנגען דורך דער כלאָדנע גאַס. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז יעדער מאַן וואָס איז מיר געקומען אַנטקעגן, איז אַ שפּיאָן, אָדער אַ שאַנטאַזשיסט, וועלכער וועט מיך גלייך אָפּפירן אין דער פּאָליציי.

עס איז נישט געווען לעבן מיר קאַראָלינאַ שטוטשקע, מיט וועלכער איך האָב מיך געפילט זיכער און פריי פון געפאַר.

אויף דער זשעלאַזנע לעבן לעשנאָ האָט זיך געפינען אַ שפּייז־געוועלבל.

— דאָרט איז דאָ אַ טעלעפאָן, פרוי מאַיעווסקאַ — האָט מיר אַמאָל געזאָגט, מיט אַ לייכטן שמייכל, פרוי מעכאָווא, צוואַרפנדיק אַ באַטייטנדיקן בליק...

כ'האָב מיך קוים דערשלאָגן צום אַריינגאַנג פון אונדזער אַנשטאַלט, מיט דעם קרייץ וואָס הענגט איבערן טויער.

***

— הער, פרוי יוזעפינאַ, — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ —

איך ווייס שוין ווער עס וועט זיין אויף קאראלינא שטושקעס פלאץ. דאס איז די פרינצעסין אוכטאמסקא!

יוזעפינא גאדאמסקא איז געווען אזוי קורצזיכטיק, אז דאס געבעט־בוך האט זי געמוזט האלטן ביי די סאמע אויגן. זי איז פשוט געלעגן מיטן קאפ אויפן געבעט־בוך. זי האט נאר א צי געטאן מיט די אקסלען און ווייטער געדאוונט.

דעם זעלבן אוונט איז די פרינצעסין אוכטאמסקא שוין געווען ביי אונדז אין צימער. א נאנע האט איר נאכגעטראגן אירע צוויי רענצלעך, בעטגעוואנט און א לענשטול. זי איז צוריקגעגאנגען און געבראכט נאך די שיסל און דעם נאכט־טאפ. דערנאך האט זי ארייגערוקט א קליין שווארץ שענקל, וואס האט געהאט בלויז שופלאדן. מען האט זי ארי־בערגעצויגן, פונקט ווי קאראלינא שטושע, נישט אנפרעגנדיק זיך ביי איר אינגאנצן. איידער זי האט באוויזן צו באגרייפן וואס און ווען, זענען שוין אלע אירע זאכן געווען ביי אונדז אין צימער.

די נאנע האט ארונטערגעשטעלט אונטערן בעט די רענצלעך, די שיסל און דעם נאכט־טאפ. זי האט פארבעט דאס בעט און אויפן נאכט־שענקל אוועקגעשטעלט א וואזאן מיט בלומען. לעבן דעם בעט האט זי אוועק־געשטעלט די לענשטול. און אזוי האט די פרינצעסין אוכטאמסקא זיך גע־פונען צוזאמען מיט אונדז.

די נאנע האט געזאגט:

— זאל זיין געלויבט — און גלייך געוואלט פארלאזן דאס צימער. אבער זי האט זיך באלד צוריקגעקערט, געעפנט דעם שופלאד פון דער קאמאדע, ארויסגענומען דאס רענצל פון אונטערן בעט און איבערגעלייגט דער פרינצעסינס זאכן פון דעם רענצל אין דער קאמאדע. די גאנצע פרא־צעדור האט געדויערט א פאר מינוט.

אננא ביאלקאווסקא און יוזעפינא גאדאמסקא האבן ליגנדיק אין זייערע בעטן, מיט גרויס נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו דעם אלעם. איינע פון הינטער די ברילן, האלטנדיק דעם סוועטער; די צווייטע פון הינטער דעם געבעט־בוך. די פרינצעסין איז געווען צעטומלט און אירע באקן האבן געפלאמט... מיר האבן אלע דריי געזען איר ארעמקייט: איר אפגעקראצטע שיסל און דעם בלויען נאכט־טאפ, באדעקט מיט ווייסע פינטעלעך.

— מיין ליבע פרוי אַליציאַ — האָט זי צו מיר געזאָגט — שטעלט מיר אַרויף דאָס קליינע רענצל אויפן שענקל, איך בעט אייך!

איך האָב גענומען דאָס קליינע לעדערנע רענצל און כ׳האָב מיך אַזש איינגעבויגן אונטער דער לאַסט. וואָס איז דאָס? זענען דאָרט געווען שטיינער? וואָס האָט דאָרט געקענט זיין? אָבער נישט זאָגנדיק קיין וואָרט האָב איך עס אַוועקגעשטעלט אויפן שענקל לעבן דעם לייכטער.

אַ קליין בילדל אין אַ לענגלעכער ראַם — די שוואַרצע טשענסטאָכאָווער „מאַטקע־באָסקע" — האָט די פּרינצעסין אַליין אויפגעהאָנגען אויפן טשוואָק, אויף וועלכן עס איז פריִער געהאָנגען קאַראָלינאַ שטורטשקעס בילד: יעזוסעס האַרץ דורכגעשטאָכן מיט פיילן. דעם דיקן פראַנצויזישן שוואַרץ־אייגעבונדענעם געבעט־בוך האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן נאַכט־שענקל. זי האָט תּפילה געזאָגט אין פראַנצויזישער שפּראַך.

***

זי איז געווען אַן אמתע הויך וואוויל־געבוירענע פּרינצעסין, אַ רוסישע „קניאַגיניאַ". נאָכן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין יאָר 1917 — איז זי אַנטלאָפן פון רוסלאַנד קיין פּוילן. זי האָט געהערט צו די וויסגוואַרדייער און זי האָט געלעבט אין פּוילן ווי אַן עמיגראַנטין — 25 יאָר.

איר מאַן איז געלעגן אין דעם אַנשטאַלט, אַ פּאַראַליזירטער צוועלף יאָר. ער איז געשטאָרבן מיט 8 יאָר צוריק. היות מען האָט אין דעם אַנשטאַלט אָנגענומען נאָר רוימיש־קאַטוילישע, האָבן די פּרינצעסין און איר מאַן אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן.

פון דער צייט זינט דער פּרינץ אוכטאָמסקי איז געשטאָרבן, איז די פּרינצעסין געווען אויף קעסט ביי די נאָנעס. מען האָט זי באַהאַנדלט פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע פּענסיאָניסטן, בנוגע וווינונג און באַשפּייזונג נישט בעסער און נישט ערגער. אָבער צוליב איר הויכן טיטול, האָט זי גענאָסן פון געוויסע ספּעציעלע פּריווילעגיעס: זי האָט געהאַט אַן אייגן בענקל אין דעם געבעט־צימער, אויף וועלכן קיינער חוץ איר איז נישט געזעסן, לעבן דער פּאַרוואַלטערין פונעם אַנשטאַלט, שוועסטער אַנגעלאַ.

די פּרינצעסין איז אַלט געווען אַ יאָר 74. אַ נידעריקע און אַ דיקלעכע, האָט זי געטראָגן אויף די אויגן אַ צוויקער אויף אַ זיידן שנירל,

וועלכן זי האָט כסדר פאַרלייגט און אַרונטערגענומען, דאַוועגענדיק אין דער קירך פון איר פראַנצויזישן געבעט־בוך, סיי זומער, סיי ווינטער האָט זי געטראָגן דעם זעלבן שוואַרצן פילצענעם קאַפעלוש מיט אַ שוואַרצער וואַל וואָס האָט איר פאַרדעקט אַ האַלבן שטערן.

מיט איר קורצער און דיקלעכער פיגור איז זי גיכער ענלעך געווען צו אַן אַלטער ייִדישער פרוי. איך וואָלט קיינמאָל אין לעבן נישט געוואַגט אַרויסצוגיין מיט איר אויף דער גאַס.

אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט ליב געהאַט די פרינצעסין און אפשר נישט בלויז צוליב סנאָביזם. זי האָט געהאַט מער ווי הונדערט פרויען אויסצוקלייבן אויפן אָרט פון קאַראָלינאַ שטוטשקע — און דאָך האָט זי אויסגעקליבן די פרינצעסין. יוזעפינאַ גאַדאָמסקאַ האָט געהאַט לגבי דער פרינצעסין אַ געפיל פון פאַראַכטונג און זי גערופן „מאָסקיעווקע".

— איך ווייס נישט ווו זי דרייט זיך אַרום, די „מאָסקיעווקע" — האָט זי געזאָגט.

זי האָט זי נישט געקענט פאַרטראָגן צוליב טיף־איינגעוואָרצלטע סיבות: דאָס איז געווען דער היסטאָרישער האַס פון אַ פּאָלאַק צו אַ רוס. אָבער זי האָט צו אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דער אַנטיפּאַטיע — זי האָט געוווסט, אַז מען קען זי פאַרטרייבן פון דעם צימער, ווו זי האָט זיך אַזוי גלענצענדיק געפילט.

צו דער פרינצעסין אוכטאָמסקאַ פלעגן אָפט קומען באַזוכער: לאַנדסלייט, ווייסגוואַרדייער, פּונקט אַזעלכע עמיגראַנטן ווי זי. זיי האָבן מערסטטייל געוווינט אין דער פאָרשטאָט פון וואַרשע, אין פּראַגע, ווו זיי האָבן געהאַט די רוסיש־אָרטאָדאָקסישע צערקווע און אַ פּאָפּ. זיי פלעגן איר ברענגען אין אַ שאַכטל קוכנס, ווורשט, פּוטער, אָדער קעז. זיי זענען מיט איר געזעסן אויף דער געפלאָכטענער סאָפקע אין הויז און גערעדט צווישן זיך רוסיש.

זי פלעגט קומען נאָר צו איין גאָטעסדינסט. קיינמאָל נישט געזעסן אויף אַ נאָכמיטיק־געבעט. זי האָט זיך מתוודה געווען נאָר ערב די גרויסע יום־טובים. אַריינגייענדיק אין דער קירך, האָט זי זיך אַלעמאָל טיף פאַרנייגט פאַר דעם אַלטאַר. זי האָט קיינמאָל נישט געקניט, ווייל זי האָט געליטן פון אַרטרעטיזם. און מען האָט עס פון איר נישט פאַרלאַנגט, ווייל עס האָבן געטראָפן פאַלן, ווען די אַלטיטשקע האָבן זיך נישט גע־

קענט אויפהייבן פון די קני און מען האָט זיי געמוזט, קניענדיקע, אַרייג־טראָגן אין די בעטן אַריין, דערפאַר האָבן די שווער אַרטרעטיש־קראַנקע געהאַט דאָס רעכט נישט צו קניִען.

אייינמאָל אין אָוונט, ווען מיר זענען אַלע פיר שוין געלעגן אין די בעטן, האָבן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ און יוזעפינאַ גאַדאָמסקאַ אָנגעהויבן צו פירן אַן אַנטיסעמיטישע דיסקוסיע.

— פאַלשע, פאַראַזיטן, מיט שנאה צו אַלץ און צו אַלעמען, קיינמאָל נישט געווען קיין פאַטריאָטן פון דער ערד, וועלכע זיי באַוווינען... — האָט געזאָגט יוזעפינאַ.

— פאַרוואָס? — האָט מיט אַ רויִקער שטים זיך אָפּגערופן די פרינ־צעסין, — איך האָב געהאַט אין פעטערבורג אַ ייִדישע פריינדין, וויפל חן און צויבער האָט די פרוי באַזיצט, וואָס פאַר אַ ברייטע און נאָבעלע וועלט־אַנשויונג האָט זי געהאַט.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, טראַכטנדיק פון די ווייטע צייטן, ווען זי האָט אין איר פּאַלאַץ, אָנגעטאָן אין אַ קלייד מיט אַ שלעפּ, אויפגענומען געסט. אַ באַדינער מיט ווייסע הענטשקעס, ווייסע זאָקן און לאַקירטע שיך, האָט אַריינגעטראָגן אַ טאַץ טיי אין טעפּעלעך פון אַלטן זאַקסישן פּאָר־צעלאַן...

— עקלדיקע עגאָיִסטן, די ייִדן, — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — זיי וואָלטן זיך געלאָזט אויפהענגען פאַר אַ גראָשן.

— אָבער ניין, — האָט מיט אַ רויִקער שטים געענטפערט די פּרינ־צעסין, — הערט וואָס עס האָט אייינמאָל פּאַסירט מיט מיר און מיין מאַן אין רוסלאַנד. מיר זענען געפאָרן קיין קרים דורך קישעניעוו. אין קישע־ניעוו זענען מיר אַראָפּ פון דער באַן כדי זיך דורכצושפּאַצירן אויפן וואָק־זאַל. ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין אונדזער וואַגאָן, האָבן מיר פעסט־געשטעלט, אַז מען האָט אונדז פולשטענדיק באַגנבעט. מיר האָבן נישט געהאַט ביי זיך נישט קיין געלט, נישט די רייזע־בילעטן. אַלץ איז געווען אין די רענצלעך, וועלכע מען האָט צוגעגנבעט. מיר האָבן אַפילו נישט געהאַט אונדזערע דאָקומענטן. די באַן האָט געענדערט פון אָרט און מיר זע־נען טרויעריקע געבליבן אויפן וואָקזאַל. מיר האָבן קיינעם נישט געקענט אין קישעניעוו און קיינער האָט דאָרט אונדז נישט געקענט. מיר האָבן אָבער געמוזט ערגעצוו שאַפן געלט, כדי צו קענען ווייטער פאָרן. דעמאָלט

האָט אַ גאָר פרעמדער מאַן, וואָס איז דאָרט, פונקט ווי אַ סך אַנדערע מענטשן, געשטאַנען לעבן אונדז און געהערט די געשיכטע — אַרויסגעגומען זיין געלט־בייטל און אונדז געבעטן מיר זאָלן נעמען וויפל מיר דאַרפן. דאָס איז געווען אַ ייִד, אַן אַדוואָקאַט פון פעטערבורג. ער האָט אונדז נישט געקענט; ער האָט אונדז געזען דאָס ערשטע מאָל.

אַזאַ געשיכטע האָט דערציילט די פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ. דאָס, וואָס זי האָט זיך געשטעלט ווי אַ פאַרטיידיקערין פון ייִדן, האָט גאָרנישט געשעדיקט איר גוטן נאָמען און נישט אָפּגעשוואַכט דעם צוטרוי, וואָס די נאָנעס האָבן צו איר געהאַט. אָבער איך? צי וואָלט איך געקענט דערציילן אַזאַ געשיכטע?

אין יענע מוראדיקע צייטן, ווען אויך די פּוילישע באַפעלקערונג האָט געליטן (נישט אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן ווי די ייִדן, אָבער זיי זענען געווען שרעקלעך פאַרפאָלגט) — האָט מען כמעט אומעטום געהאַסט ייִדן. זאָפיאַ לאַזיעוויטש האָט ספּעציעל אָנגעטאָן די מאַסקע פון אַן אַנטיסעמיט, גלייבנדיק אַז אויף אַזאַ אופן וועט זי זיך גיכער ראַטעווען. ווען איך האָב נישט געקענט די ייִדן פאַרטיידיקן, האָב איך געשוויגן. ווען איך וואָלט אָפן פאַרטיידיקט די ייִדן, וואָלט איך גלייך אַרויסגערופן אַ חשד... אָבער צי האָט מען מיך גלייכצייטיק נישט חושד געווען, אַפילו ווען איך האָב געשוויגן?

וויפל נעצן האָבן געלויערט אויף מיר יעדן איבערגעלעבטן טאָג! ווי פאַרזיכטיק און אויפמערקזאַם איך האָב געמוזט זיין מיט יעדן וואָרט און יעדער טאַט, דערצו נאָך איצט, ווען איך בין געווען דער ציל־ברעט פאַר די צוויי דורכגעטריבענע און דערפאַרענע פרויען ביים פענצטער.

גלייכצייטיק האָב איך מיט אַ ציטער געטראַכט וועגן מיינע דריי טעכטער. צי איז רויק דורך דער היינטיקער טאָג? צי געפינען זיי זיך נישט, חלילה, אין עפּעס אַ געפאַר.

דעמאָלט טאַקע איז אויפגעשווומען די געשיכטע מיט זאַוואַדזקאַ, וואָס האָט מיך טיף אויפגעטרייסלט — און די געשיכטע מיט דער אַלטער פרוי, וואָס האָט נישט געוואָלט שטאַרבן.

***

— אָליציאַ! — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ אַריינקומענדיק

אין צימער — האַלט מיך צו, ווייל דער שלאַק וועט מיך טרעפן! כ׳האָב מיך באַקענט מיט דער קאָוואַלסקאַ. ווייסטו, ווי זי האָט זיך פאַר מיר פאַרגעשטעלט? „איך בין אַן אַלטע פריילין און פאַנאַטיש רעליגיעז״. זי מוז זיין געווען גערירט „אויפן קאַסטן״ — דאָס איז געווען דער באַליבטסטער אויסדרוק פון אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ.

זי אָט ווייטער דערציילט, אַז זי איז געזעסן אויף דער געפלאַכטענער סאָפּקע אין קאָרידאָר אַנטקעגן דעם צימער ווו עס האָבן געוווינט קאָ־וואַלסקאַ און די טרעפּערקע. דערזעענדיק מיך איז קאָוואַלסקאַ אַרויסגע־קומען אַנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן און צוהינקענדיק ווי געוויינלעך.

— עס איז מיר זייער אַנגענעם מיט אייך זיך צו באַקענען. מיין נאָ־מען איז קאָוואַלסקאַ...

זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען, שמייכלען און פאַרנייגן — ווי זי וואָלט זיך געפינען אין אַ סאַלאָן. מען האָט געקענט באַלד זען, אַז זי איז געווען שטאָלץ מיט דער באַקאַנטשאַפט.

זי האָט איר נאָך דערציילט וועגן אַ געוויסן קאַראָל און מאַלגאָשיאַ, וואָס באַזוכן זי פון צייט צו צייט. דאָס זענען די קינדער פון אירער אַ פריינדין, וועלכער זי האָט מיט אַ געוויסער צייט צוריק געטאָן אַ סך טובות און איצט צאָלט איר יענע אָפּ מיט דאַנקבאַרקייט. קאַראָל איז אַלט דרייסיק יאָר — מאַלגאָשיאַ צוויי און צוואַנציק.

— אפשר ווילט איר זיך באַקענען מיט מאַלגאָשיאַ? קאַראָל האָט אַ פינף־יאָריקן זונעלע אין סקאָלימאָוו און ער באַזוכט אים אָפט; זייער אַ ליב און קלוג קינד. און איך בין אַן אַלטע פריילין. כ׳בין אַלט זיבעציק יאָר. אַלע זאָגן אַז איך זע נישט אויס אויף מיינע יאָרן, אָבער איך בין ווירקלעך אַזוי אַלט. יאָ, טייערע פרוי ביאַלקאָווסקאַ. איך קען אייך גלייך וויַיזן מיין קענקאַרטע און איר קענט אויסרעכענען לויט דער דאַטע ווען איך בין געבוירן געוואָרן. איך האָב געענדיקט אין אָקטאָבער זיבעציק יאָר. כ׳פריי מיך זייער, וואָס איך האָב מיך מיט אייך באַקענט. ווען איר האָט אַ פרייע מינוט, קענען מיר כאַפּן אַ שמועס אויף דער סאָפּקע, אָדער אויף אַן אַנדערער — אַזוי האָט זי געפּלאַפּלט.

— און איצט, פרוי יוזעפינאַ, — האָט ווייטער געזאָגט אַננאַ ביאַל־קאָווסקאַ, — האַלט זיך ביים בעט מיט ביידע הענט, ווייל אין אַ רגע

אַרום וועט דיך אַ שלאַק טרעפן, ווען דו וועסט הערן וואָס איך וועל דיר זאָגן.

— עס האָט געפּלאַצט אַ באָמבע: זאַוואַדזקאַ איז אַ ייִדישע. דער גאַנצער אַנשטאַלט רעדט וועגן דעם.

זאַוואַדזקאַ אַ ייִדישע? ס׳בלוט איז מיר אַנטרינען געוואָרן. כ׳וואָלט שוין גיכער געגלייבט, אַז דער גלח איז אַ ייִד. כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן טישל, אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, זיי זאָלן נישט זען די בלאַס־קייט פון מיין פּנים. מיט ציטערנדיקע הענט האָב איך געעפנט אַ בוך און געמאַכט דעם אָנשטעל אַז איך לייען...

אָבער שנעל האָט מיך עפּעס אונטערגעהויבן פון דער שטול: צי פאַרראַט איך מיך נישט אין די אויגן פון די צוויי פרויען דערמיט וואָס איך רעאַגיר נישט הויך, הערנדיק אַזאַ אויסערגעוויינלעכע ידיעה?

ווייל, אויב זאַוואַדזקאַ איז אַריינגעפאַלן, איז ווי אַזוי קען זיך אָפּ־היטן מאַיעווסקאַ, וואָס האַלט אין איין באַגיין פעלערן, וועלכע איז אומ־באַהאָלפן, נישט פאַרזיכטיק און קען זיך נישט אַרויסדרייען פון קיין פאַר־פלאָנטערטער לאַגע?

כ׳בין אַרויס פון צימער, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ סאָפקע אין דעם סאַמע פינצטערן ווינקל פון קאָרידאָר — און מיט אַ ציטערנדיק האַרץ האָב איך אין איינזאַמקייט נאָכגעטראַכט וועגן דער אויסערגעוויינלעכער געשעעניש.

***

מאַריאַ זאַוואַדזקאַ איז געווען די פאַנאַטישסטע איינוווינערין אין אונדזער אַנשטאַלט. זי איז נישט געווען סתם פרום. זי האָט איבערגע־טריבן אין איר פרומקייט. זי האָט אַליין אויף אייגענער האַנט אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו זאָרגן וועגן קריס־טוסעס וווּנדן.

צו דער געזעלשאַפט האָט געהערט די בלינדע פרוי ניעמיראָווסקאַ, וואָס האָט געוווינט מיט מעכאָווא; די אַלטיטשקע שאַניאַווסקאַ; פרוי גאַז־דאָווסקאַ פון פויזן, וועלכע פלעגט נאָר רעדן וועגן ביסקופן; קאָוואַלסקאַ און איר מיטוווינערין די טרעפּערקע; נאָך איין בלינדע פרוי און די יונגע פריילין שימאַנסקאַ מיט איר פריינדין — פרוי גראַבסקאַ.

זיי האָבן מיך אויך געוואָלט אַריינציִען אין דער געזעלשאַפט, אָבער איך האָב אויף אַ העפלעכן אופן אָפּגעזאָגט.

היות פרוי יוזעפינאַ און מאַריאַ סאָקאָלאָווסקאַ זענען נישט געווען קיין מיטגלידערינס, האָב איך אויך געקענט, אָן צו וועקן יעדן חשד, נישט געהערן צו זייער געזעלשאַפט.

מאַריאַ זאַוואַדזקאַ איז אַלט געווען פופציק יאָר. איר פיגור און איר פּנים האָבן אויסגעזען זייער פּראָסט. זי האָט געהאַט געדיכטע און געקרייזלטע גרויע האָר. איר אויסזען איז געווען פּשוט, הונדערט פּראָצענטיק אַריש און גערעדט האָט זי מיט אַ דיקער שטימע. זי איז געווען דערביי ענערגיש, פריינטלעך און אויסערגעוויינלעך דינסטפאַרטיק.

זי האָט אָפּגעהיט די קריסטלעכע מצוות. דאָס איז זי טאַקע, צוזאַמען מיט מאַריאַ סאָקאָלאָווסקאַ, אַרומגעגאַנגען יעדן טאָג איבער אַלע צימערן אויף אַלע דריי שטאָק, אַפילו אין דער מענער־אָפּטיילונג, און דערנאָך געגאַנגען איינקויפן פאַר די שווער־קראַנקע און פאַר אַזעלכע וואָס האָבן נישט געטאָרט אַרויסגיין אין גאַס.

קיינער האָט אַזוי אייפעריק נישט געדאַוונט ווי זי. יעדן טאָג איז זי צוגעטראָטן צו דער תפילה, פּונקט אַזוי ווי די נאָנעס. ביי אַ געוויסער שטעלע, בעת דער תפילה, פלעגט זיך דער גלח אַזוי ווי אויפהייבן אויף די שפּיץ־פינגער צום הימל. צווישן אַלע אָנוועזנדיקע פלעגט נאָר זי אַליין אויך אויפשטיין און אין רעליגיעזער התלהבות אויפהייבן זיך אויף די שפּיץ־פינגער, פּונקט אַזוי ווי דער גלח האָט עס געטאָן.

זי האָט געהאַט אַ באַזונדער צימער; זי און מאַריאַ סאָקאָלאָווסקאַ. קיינער אַ חוץ זיי ביידן, האָט נישט געהאַט אַזאַ פּריווילעגיע.

איר צימער האָט זיך געפינען לעבן דער קאַנצעלאַריע — אַ פּאָר טריט פון דעם קירכן־זאַל.

נישט איינמאָל פלעגט זי מיך פאַרבעטן צו זיך. דאָס איז געווען אַ געבילדעטע פרוי — זי האָט געקענט פראַנצויזיש און אויך איטאַליעניש. איך פלעג איר זינגען פראַנצויזישע באַלאַדן, וועלכע האָבן זי גערירט ביז צו טרערן.

אויב קאָוואַלסקאַ האָט געהאַט אַ גאַלעריע פון הייליקע בילדער, האָט מאַריאַ זאַוואַדזקאַ געהאַט אַ מוזעום.

לענגאויס דער גאַנצער וואַנט, ביים אַריינגאַנג זענען געשטאַנען

טישן, פאַרייניקטע און צוגעדעקטע מיט ווייסע טישטעכער, וואָס האָבן אימיטירט אַן אַלטאַר. אויף די טישן — אומצייליקע גרעסערע און קלע־נערע סטאַטועטן פון הייליקע; אַ גרויסע צאָל צלמים און פאַרשיידענע רע־ליגיעזע חפצים, צענדליקער געבעט־ביכער און אַנדערע ביכער פון אַ רע־ליגיעזן אינהאַלט.

אויף אַלע ווענט אַרום און אַרום האָבן געהאָנגען בילדער, לעבן בעט איז געשטאַנען אַ קני־בענקעלע. אין דעם צימער האָט געהערשט אַ קירכ־לעכע אַטמאָספער.

דערפאַר האָט אַזוי מאָדנע נישט האַרמאָניזירט מיט דער סביבה די גומענע פלאַש אויף וואַסער, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ טשוואָק לעבן דעם שפּאַנישן ווענטל, אונטער וועלכן עס איז געשטאַנען אויף אַ בענקל אַ שיסל צום וואַשן זיך. זי האָט געליטן פון רעוומאַטיזם.

דעם זעלבן טאָג, באַלד נאָכן גאָטעסדינסט, ווען זאַוואַדזקאַ איז אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן פון די שווער קראַנקע פרויען, האָט זי אָנגעטראָפן אויף איינער, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען אין דעם אַנ־שטאַלט.

די ניי־געקומענע האָט זיך צוגעקוקט צו מאַריאַ זאַוואַדזקאַ און אָנ־געהויבן צו שרייען:

— איך קען זי! זי איז אַ זשידוווקע! זי קומט פון אַ יידישער היים! איך האָב ביי זיי געוואַשן וועש און איך קען גוט די „פּאַניושאַ".

זאַוואַדזקאַ איז אַ טויט־בלאַסע אַנטלאָפן פון צימער, אויסגעזוכט די הויפּט־שוועסטער באַגומילאַ — און געפאַלן צו אירע פיס.

אַ פאַרחלשטע, אין גרעסטן אַנגסט, שטיקנדיק זיך פון געוויין, האָט זי אַלץ דערציילט.

דעמאָלט איז די שוועסטער באָגומילאַ מיט אַ צעפּראַלטן נאָנע־אוניפאָרם, קלינגענדיק מיטן צלם און מיטן קייטל, אַריין מיט אַ ווילדן כעס אין דעם צימער פון דער ניי־אָנגעקומענער:

— הער, דו־דו... — זי האָט געוואָלט זאָגן כאָלערע! אָבער האָט זי דען געקענט אַזוי זאָגן? — אויסוווּרף! געמיין און נידעריק שטיק. אויב דו וועסט נאָך אַ פּאַרע לאָזן... אויב דו וועסט נאָך אַ פּיפּס געבן וועגן זאַוואַדזקאַ, וועסטו פּגרן און פאַרפוילט ווערן און וועסט באַשטראָפט ווערן, אַז דאָס גיהנום וועט דיך איינשלינגען! און וועסט נישט געפינען קיין

אויסלייזונג נישט אויף דער און נישט אויף יענער וועלט. און די שטייסט דאָך שוין סיי־ווי ביים ראַנד פון טויט, די שלאַנג!

אַזוי האָט זי צו איר גערעדט אין שרעקלעכן צאָרן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די פּאַראַליטיקער, וואָס זענען געלעגן האַלב־לעבעדיק פון שרעק.

דערנאָך האָבן אַלע גאַנעס זיך באַמיט דעם גאַנצן ענין צו פאַרטושן.

— דאָס איז אַ ליגן — האָבן זיי געטענהט אויף רעכטס און אויף לינקס — עס האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ, דער אַלטער פּיקולסקאַ. זי רעדט פון וועג. זי איז אַהערגעקומען זייער אַ קראַנקע און וועט שנעל אַוועק צום הער יעזוס.

— אַליציאַ — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — האָסט געהערט? די גאַנעס זאָגן, אַז דער אַלטער כאַלערע פּיקולסקאַ האָט זיך אין מוח איבערגעדרייט. אָבער וויפל שרעק האָט די זאַוואַדזקאַ איבערגעלעבט... שטעל דיר פאָר, אויב דאָס וואָלט געווען אמת...

די אַלטע פּיקולסקאַ איזווירקלעך שנעל „אַוועק צום הער יעזוס". דער גלח האָט איר געגעבן די לעצטע סאַקראַמענטן און איר מוחל געווען די זינד. זי איז געשטאָרבן אין מיטן דער נאַכט.

עס איז נישט פאַרביי אַ טאָג אָדער אַ נאַכט, אַז מיר זאָלן נישט הערן דאָס קלינגען פון גלעקל — דאָס איז דער גלח געגאַנגען צו שטאַרבנדיקע, האַלטנדיק אין די הענט די הייליקע זאַלבן.

אויב איך האָב אים געטראָפן אויף מיין וועג, פלעג איך קניען און זיך צלמען. אויב עס האָט אים געטראָפן די פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ — האָט זי זיך בלויז טיף פאַרנייגט. דאָס זעלביקע קאָוואַלסקאַ. זאַוואַדזקאַ פלעג פאַלן אויף ביידע קני. מעכאָוואַ פלעג שנעל אַנטלויפן פון וועג — און אַפילו אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט זיך געצלמט און פרום אונטערגעבויגן דעם קאָפּ.

דער גלח פלעגט באַזוכן די געפּערלעך קראַנקע, וועלכע זענען כסדר אָפּגעשטאָרבן, אָבער אויף זייער אָרט זענען צוגעקומען פון שטאָט און דער אַרומיקער געגנט — נייע.

טיילמאָל האָט מען געבראַכט אַזעלכע שווער־קראַנקע, אַז זיי זענען גלייך געשטאָרבן. אַ געוויסער פרינץ מירסקי איז געשטאָרבן אויפן אַכטן טאָג פון זיין קומען אין אַנשטאַלט. דער מינהג אין אַנשטאַלט איז געווען

נישט צו רופן קיין דאָקטאָר צו אַ שווער־קראַנקן — מען האָט בלויז גערופן דעם גלח. און די קראַנקע פלעגן שטאַרבן — האָבן געמוזט שטאַרבן — רעזיגנירטע, מאַכנדיק שלום מיט גאָט, אין רו און מנוחה.

אָבער איינע האָט זיך צעבונטעוועט.

— אַ דאָקטאָר! — האָט זי געשריגן — רופט אַ דאָקטאָר! — האָט מען געהערט אירע געשרייען פון דערווייטנס.

די נאָנעס זענען געווען צעטומלט און דערשטוינט.

— זי דאַרף זיך פרייען אַז זי גייט צום הער יעזוס — האָבן זיי געזאָגט.

און איך האָב מיר געטראַכט, הערנדיק דאָס געשריי פון דער פרוי: וואָס וואָלט געווען מיט מיר, ווען איך וואָלט קראַנק געוואָרן? צי וואָלט איך נישט, פונקט ווי זי, גערופן מען זאָל ברענגען אַ דאָקטאָר? וואָלטן מיר געקלעקט כוחות צו שפּילן ביזן סוף מיין ראָל — די ראָל פון אַ גאָטפאָרכטיקע קריסטין?

און אפשר — און אפשר איז די בונטאַרין געווען אַ ייִדישע?

איך האָב געקענט די געשיכטע פון אונדזערס אַ קרובה, אַן אַלטיטשקע, וואָס עס האָט אַ פּוילישע פרוי, איר זונס אַ פריינדין, איינגעאָרדנט אין אַ דאָרף ביי אירס אַ משפּחה, אויסבאַהאַלטנדיק זי דאָרט פון די דייטשן.

ווען די אַלטע איז שווער קראַנק געוואָרן, האָט מען צו איר גערופן אַ גלח. זי איז געווען אין אַ גוססדיקן צושטאַנד. און ווען זי האָט געקענט אַביסל כאַפּן דעם אָטעם — האָט זי אויסגערופן:

— שמע ישראל!...

ער האָט איר געגעבן די לעצטע זאַלבן. זי איז געשטאָרבן, און ער האָט איר פאַרמאַכט די אויגן... ער איז אַרויס פון צימער זייער טיף באַאיינדרוקט.

— עס ווייזט זיך מיר אויס, — האָט ער געזאָגט, — אַז די קריסטין איז נישט אינגאַנצן קאַטויליש.

אונטערן איינדרוק פון דער אומגליקלעכער צעבונטעוועטער פרוי, האָב איך מיך אין אַ געוויסן מאָמענט איינגעבראָכן.

כ׳בין אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און איינגעגראָבן מיין פּנים אינעם קישן.

— אַליציאַ, מיין ליבע אַליציאַ! וואָס איז איר? פאַרוואָס וויינט זי?

— האָט די פּרינצעסין געפרעגט אומבאַהאָלפן.

— אַליציאַ, ווי שעמסטו זיך נישט — האָט גערעדט אַננאַ ביאַל־קאָווסקאַ — פאַרוואָס וויינסטו? ענינים פּריוואַטע צי אַלגעמיינע? אויב אַלגעמיינע, ווייסטו דאָך אַז אַלץ איז גאָרנישט ווערט...

— פרוי אַליציאַ, ווי מעג מען, ווי מעג מען אַזוי... עס זעט דאָך אויס ווי אָן שום סיבה, ווי קען מען אַזוי? — האָט געזאָגט פרוי יוזעפינאַ.

כ׳האָב מיך ענדלעך באַרויקט.

כ׳האָב אויסגעגלייכט מיין קלייד, וואָס איך האָב ליגנדיק געהאַט צע־קנייטשט, כ׳בין דורכגעגאַנגען דעם פינצטערן קאָרידאָר, דערנאָך דאָס הע־לע הויז. כ׳בין אַראָפּ אַ שטאָק נידעריקער, פאַרבייגעגאַנגען די טיר פון דער קירך און כ׳בין שטיין געבליבן פאַר אַ נידעריקע קליינע טיר, וואָס האָט געפירט צו דעם חדרל ווו עס זענען געווען די הייליקע חפצים און כלים פון דער קירך.

ביי דער טיר אויף דער פוטרינע איז געהאַנגען אַ פאַרגעסענע מזוזה.

כ׳בין שטיין געבליבן פאַר דער טיר און כ׳האָב מיך אָנגעלענט. די מזוזה איז געווען איבער מיין קאָפּ ווי אַן אויסרוף־צייכן.

אַמאָל זענען אין דער דריישטאָקיקער יידישער געביידע זיכער געווען צענדליקער מזוזות. מען האָט זיי אַרונטערגענומען, ווען מען האָט געמאָלן די צימערן און די קאָרידאָרן. די איינע מזוזה האָט מען פאַרגעסן. זי איז געל געוואָרן פונקט ווי די פוטרינע, דערפאַר האָט זי זיך נישט אָנגעזען.

אפשר אין די צייטן פון געטאָ, אָדער אפשר נאָך פריער, אין די צייטן ווען דאָ איז געווען די יידישע סטודענטן־היים, האָט זיך הינטער דער טיר געפונען דער גאַרדעראָב־צימער, אָדער אַ מאַגאַזין. דאָס צימערל איז געווען לעבן דער קירך און איז געווען מיט איר פאַרייניקט מיט אַן אויסגעהאַק־טער וואַנט, געבויט אין אַ האַלב רונדן בויגן.

איצט איז דאָ געווען דאָס צימערל פאַר די קאַטוילישע הייליקע חפצים.

פון דאָרט איז דער גלח אַרויסגעקומען אָנגעטאָן אין זיין גלחישן מאַנטל באַפּוצט מיט גאָלד.

דאָרט איז געשטאַנען דער אָרגל אויף וועלכן עס האָט געשפּילט דער אָרגאַניסט פאַר די זינגענדיקע נאָנעס:

„דו ביסט אַביגאַיל — וואָס דו וואָרעמסט דודן...״

דאָרט איז געשטאַנען אַ קני־בענקל.

דאָ האָבן זיך די נאָנעס מתוודה געווען און די מויד מיט דער פאַ־

ראַליזירטער האַנט האָט מיט אַ טיפער שטים שטיל דערציילט וועגן אירע זינד.

דאָ פלעגן קומען פרוי יוזעפינאַ, די בלינדע ניעמיראָווסקאַ, קאַראָלי־נאַ שטוטשקע און די פאַנאַטישע קאָוואַלסקאַ.

דאָ פלעגט קניִען דאָס קאַרליק־מיידל, דאָ פלעגט דאָס עקזאַלטירטע מיידל אַריינפאַלן אין פאַנאַטישן עקסטאַז. דאָ פלעגט אַריינקריכן דאָס פאַרזעעניש מיט איר שרעקלעך פנים.

און די קראַנקע אויף עפּילעפּסיע, דרייענדיק מיט די אויגן און שאָק־לענדיק מיטן קאָפּ, דאָ האָט זי אויסגעצויגן אירע אויסגעדאַרטע הענט, נישט קענענדיק אַרויסריידן קיין וואָרט. און דאָס איז געווען איר ווידוי.

אין דעם חדר איז געשטאַנען אַ שראַנק וווּ עס האָט געהאָנגען דעם גלחס מאַנטל; און אַ קאָמאָדע אין וועלכער עס זענען געלעגן טישטעכער באַזוימטע מיט שפּיצן פאַרן אַלטאַר און דעם הייליקן טיש. עס זענען אויך געשטאַנען עטלעכע בענק, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט קיין פּלאַץ אין דעם קירכן־צימער.

אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ הילצערנער צלם וואָס איז פאַר־שוואַרצט געוואָרן פון אַלטקייט.

וויפל מאָל דער גלח אָדער די נאַנע האָבן געעפנט די טיר צו דעם צימער, האָט די מזוזה געקוקט אויפן צלם, און דער צלם — אויף דער מזוזה.

און אַזוי זענען אַנטקעגן זיך געהאָנגען, אין רו און מנוחה, די צוויי סימבאָלן: די מזוזה און דער צלם. דער צלם און די מזוזה.

צווייטע טייל

פריינטשאַפט

אַלע נאָנעס אין אונדזער אַנשטאַלט — די הויפּט־שוועסטער און די פּאַרוואַלטערין אַריינגערעכנט — האָבן געטראָגן אומגעוויינלעכע נעמען וואָס מען טרעפט נישט אין טאָגטעגלעכן לעבן. דאָס זענען געווען נעמען, וועלכע זיי האָבן אָנגענומען ווען זיי זענען אַריין אין קלויסטער.

כמעט אַלע אָן אויסנאַם האָבן זיי געשטאַמט פון פּויזנער אומגעגנט, פון רייכערע דאָרפישע משפחות, וועלכע עס האָט אימפּאָנירט צו האָבן אַ טאָכטער פאַר אַ נאָנע.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דער קירך — אַלע אָנגעטאָן אין די זעלביקע קליידער — מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, האַלטנדיק די הענט אין די ברייטע אַראָפּפאַלנדיקע אַרבל פון זייערע נאָנע־קליידער, פלעגן זיי פאַלן אויף די קני פאַרן אַלטאַר און באַרירן מיטן שטערן די פּאָדלאָגע. אין די ערשטע טעג פון מיין זיין דאָרט האָב איך נישט געקענט אונטערשיידן איינע פון דער אַנדערער, אַזוי ענלעך האָבן זיי אויסגעזען. אין מיין באַגריף זענען דאָס נישט געווען קיין פרויען, נייערט געשטאַלטן.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט זיך דער אונטערשייד צווישן זיי אָנגעהויבן פּרעציזירן. כ׳האָב זיי שוין געקענט ביי זייערע נעמען און כ׳האָב געוווּסט דאָס אָרט, וועלכן עס האָט פאַרנומען יעדע פון זיי אין דעם גרויסן מעכאַניזם, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אונדזער אַזיל.

אַ סך שפּעטער דאַקעגן האָב איך מיך באַקענט מיט די הויפּט־שטריכן פון זייערע כאַראַקטערן. די נעפּלדיקע געשטאַלטן האָבן זיך לאַנגזאַם פאַרוואַנדלט אין געוויינלעכע פרויען מיט זייערע מעלות און חסרונות.

די פּראָטעקטאָרין פון די איינוווינערינס אין אונדזער קאָרידאָר איז געווען די שוועסטער אַמאַרילליס.

פריִער האָט די פונקציע געהערט צו דער שוועסטער פראַנצישקאַ, אָבער פון דער צייט אָן וואָס די שוועסטער פראַנצישקאַ איז אָוועקגעפאָרן

קיין אַטוואַצק, באַגלייטנדיק זאָפיאַ לאָזיעוויטש, האָט די פליכטן איבער־גענומען די שוועסטער אַמאַרילליס.

אין די אָוונטן פלעגט זי אַרומגיין איבער אַלע צימערן האַלטנדיק צוויי גרויסע טשייניקעס, פון וועלכע זי האָט יעדער איינוואוינערין אָנגעגאָסן אַ הייסע פלאַש וואַסער. די פלעשער מיטן הייסן וואַסער האָבן מיר אַריינגעלייגט צופוסנס פון די בעטן כדי זיי אָנצווואַרעמען. די צימערן האָבן געהאַט צענטראַלע באַהייצונג, וואָס האָט אָבער כמעט קיינמאָל נישט פונקציאָנירט. מיר זענען געפרוירן געוואָרן און געהאַט געשוואָלענע פינגער פון קעלט.

— אַמאַרילקאַ — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — גיס מיר אָן הייסע וואַסער אין דער פלאַש. אויב דער קאָרעק וועט ווידער אויסשיסן און מיין בעט וועט פאַרגאָסן ווערן, וועט עס זיין דיין שולד.

אַזוי פלעגט זי צו איר ריידן. זי האָט איר גערופן „אַמאַרילקאַ", ווייל אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט זיך אויף אַלץ געקענט דערלויבן.

— און איצט זאָג מיר, ליבינקע, ווי אַזוי האָסטו געהייסן ווען דו ביסט נאָך געווען אין דער היים. וולאַדזיאַ, צי מיעטשיאַ, צי מאַריניאַ?

די נאָנע האָט געשוויגן. זי האָט שוין געקענט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ און זי האָט זיך נישט ערנסט באַצויגן נישט צו אירע רייד און נישט צו אירע פראַגן, וואָס האָבן זי אָפט געשטעלט אין פאַרלעגנהייט. זי האָט בלויז געזאָגט:

— געלויבט זאָל זיין... — און פאַרלאָזט דאָס צימער.

עס איז כמעט קיינמאָל נישט פאַרביי קיין נאַכט עס זאָל זיך עמעצן גישט אויסגיסן אין בעט די פלאַש. די קאָרקעס זענען נישט געווען גוט צוגעפאַסט — אָדער צו גרויס, אָדער צו קליין. דעם לעצטן אָוונט האָט עס געטראָפן די פרינצעסין. מאָרגן וועט עס טרעפן די פרוי יוזעפינאַ. און דאָס איז געווען אַ גרונט צום לאַכן, אַזאַ מין אַרט פון אונטערהאַלטונג.

די פרויען פון די אַנדערע קאָרידאָרן זענען אונדז מקנא געווען מיט דער שוועסטער אַמאַרילליס.

— אַזאַ ערנסטע און אַזאַ רויִקע.

ספּעציעל די פרויען פון קאָרידאָר ווו עס האָבן געוווינט זאַוואַדזקאַ און סאָקאָלאָווסקאַ. זייער פּראָטעקטאָרין איז געווען די שוועסטער געראַנאַ, אַ קליין־געוואַקסענע, טרוקענע, אַסקעטישע נאָנע און דערצו אַן

אויסערגעוויינלעך פרומע. זי איז געווען זייער באַפריינדט מיט מאַריאַ זאַוואַדזקאַ, וועלכע האָט גייסטיק אַנטשפּראָכן דעם פאַנאַטיזם פון דער נאָנע.

האָבנדיק אַזאַ באַשיצערין, האָבן די פרויען וועלכע האָבן דאָרט גע־וווינט, געמוזט זייער אָפּהיטן דאָס גיין צו די תפילות און איבערהויפּט געמוזט שטרענג אָפּהיטן אַלע רעליגיעזע פאַרשריפטן.

די שוועסטער גערמאַנאַ האָט געקענט זייער שיין וואַשן און פּרעסן. צו איר האָט אויך טאַקע געהערט די פאַרוואַלטונג און פאַרזאָרגונג פון דער אַלטאַר־וועש. דאַקעגן צו דער שוועסטער אַמאַרילליס האָט געהערט די פונקציע פון באַפּוצן דעם אַלטאַר מיט בלומען.

דעם אַלטאַר האָט מען דעקאָרירט אָפּהענגיק פון דער צייט אין יאָר, אָדער אָפּהענגיק פון די יום־טובים. טיילמאָל האָט מען באַדעקט דעם אַל־טאַר נאָר מיט ווייסע בלומען, טיילמאָל — נאָר מיט רויטע. איינמאָל מיט איריס־פלאַנצן, איינמאָל ווידער מיט רויזן אָדער ליליעס.

קיינער איז נישט געווען אַזוי צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט ווי די שוועסטער, וואָס האָט געטראָגן דעם פּאָעטישן נאָמען — אַמאַרילליס.

ביי די גאָר שווער־קראַנקע האָבן געאַרבעט די נאָנעס ראַפאַעלאַ און בענעדיקטאַ. די שוועסטער בענעדיקטאַ האָט אויך געהאַט די קוואַליפיקאַ־ציעס פון אַ פעלטשערקע. זי האָט געקענט מאַכן אַן איינשפּריצונג, שטעלן באַנקעס און אַפילו שטעלן פּיאַווקעס. די שוועסטער ראַפאַעלאַ איז געווען די שענסטע צווישן די נאָנעס: הויך, מיט אַ שלאַנקער פיגור און אַן איידל פּנים, האָט זי דערמאָנט פרויען פון די רענעסאַנס־צייטן.

די קיך האָבן געפירט די באַריידעוודיקע שוועסטער גענציאַנאַ און די פריילעכע שוועסטער אַלפרעדאַ. ווען מ׳וואָלט צוגעמאַכט די אויגן, ווי זשע לייכט וואָלט מען זיך געקענט פאָרשטעלן די שוועסטער אַלפרע־דאַ — אַ שוואַרצאויגיקע, קליינע, דיקלעכע און אַ לאַכנדיקע — מיט די גראַבליעס אין די הענט, וואַרפנדיק די סנאָפּעס אויף דעם וואָגן. אָדער אַ זיצנדיקע מיט אַ פאַרשאַרצט קליידל אויף אַ בענקעלע, מעלקנדיק די קו, אָדער אַרומיאָגנדיק זיך נאָך די הינער איבערן הויף.

וואָס האָט געצוווּנגען אַזאַ פריילעך דאָרפיש מיידל אַריינצוטרעטן אין אַ קלויסטער און זיך אונטערוואַרפן די שטרענגע געזעצן? — כ׳האָב נישט געקענט אויף דעם געפינען קיין ענטפער.

אין די ערשטע צייטן פון מיין זיין אין דעם אַנשטאַלט, אין דער צייט ווען איך בין געווען אַזאַ פּלייסיקע און כ׳האָב געאַרבעט אין דער קיך, זענען געוויינלעך געזעסן לעבן דעם קאַסטן פון קאַרשן אָדער יאַג־דעס צוויי אָדער דריי נאָנעס. אויב עס איז געזעסן די שוועסטער אַלפּרע־דאַ, האָט זי ליבערשט געוואָלט פירן אַ געוויינלעכן שמועס, ווי צו זינגען רעליגיעזע לידער. זי פלעגט ביים לאַכן ווייזן אירע פּרעכטיקע ציין.

— ווען מיר האָבן געווינט אויף דער שוסטעגאַ, שיערפּניאַ גאַס — האָט זי דערציילט — און עס איז אונדז אויסגעקומען דורכצוגיין דעם פּאָליטעכניקום־פּלאַץ, פלעגן די יינגלעך אויף אונדז אָנווייזן מיט די פינ־גער. און ווייסט איר ווי זיי האָבן אונדז גערופן? — „אָ, עס גייען די שוואַרצע וואָראָנעס!״. — זי פלעגט זיך קאַטשען פון געלעכטער, אַזאַ פריילעכע איז געווען די שוועסטער אַלפּרעדאַ.

די שוועסטער פלאָרינאַ האָט געהאַט דעם אַמט פון עקאָנאָמיסטין. צו איר האָבן געהערט די פונקציעס פון פאַרזאָרגן, באַהייצן און פאַריכטן אין דעם גאַנצן אַנשטאַלט. זי איז געווען אַ נאָנע־אינזשעניער. אויב די ליכט איז קאַליע געוואָרן, האָט זי צוגעשטעלט אַ לייטער, פאַרקאַטשעט די אַרבל, אַרויסגעדרייט די קאָרקעס — און אַזוי לאַנג מאַניפּולירט, ביז זי האָט פאַריכט דאָס ליכט.

כ׳האָב זי אַ סך מאָל געטראָפן ביי אַזאַ אַרבעט. אַ פּאַרזונקענע אין אַן אַנדער וועלט, איז זי פּלוצלינג מענטשלעך געוואָרן: געכאַפּט אַ האַמער, טשוועקעס און אַ צוואַנג און צוזאַמענגעקלאַפּט, אויפגעקלאַפּט; קאָלך האָט זיך געשאָטן און זי האָט געקלאַפּט מיט אַ האַמער, שטייענדיק אויפן לייטער.

איינמאָל האָט זיך אָפּגערופן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ:

— פרוי יוזעפינאַ, איך וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן כדי צו זען וואָס פאַראַ אונטערוועש זיי טראָגן...

אויף דעם האָט זיך אָפּגערופן די פרינצעסין:

— גייט און גיט אַ קוק ווען זיי טיילן די וועש; זיי וואַשן פאַר אונדז און זיי וואַשן פאַר זיך. אפשר וועט אייך געלונגען צו שטילן אייער ניי־געריקייט.

— ניין, פרינצעסין, זיי זענען שעמעוודיקע, איך קען זיי. קודם־כל באַהאַלטן זיי זייער אונטערוועש, אַז קיינער זאָל עס נישט זען.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז אונדזערס אַ לעמפּל האָט זיך אויסגע־ברענט. עס איז געוואָרן פינצטער, חושך מצרים. די פענצטער זענען גע־ווען פאַרשטעלט. אונדזערע ראָלעטן זענען געווען פון דיק, שוואַרץ פּאַ־פּיר, וואָס מיר האָבן אין די אָוונטן אַרונטערגעלאָזט.

אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ איז אַרויס אין קאָרידאָר און אָנגעהויבן צו שרייען:

— העי, וויקטשאַ! מיכאַלינקאַ! — האָט זי געדופן די דינסטמיידלעך — איז דאָרט דאָ די שוועסטער פלאָרינאַ? לויפט נאָך איר ווי אַמשנעלסטן!

די שוועסטער פלאָרינאַ איז גראָד צוריקגעקומען פון דעם קעלער ווו עס שטייען די מאַשינען. די צענטראַל־באַהייצונג האָט געהערט צו איר; אויב עס איז געווען אַביסל קאָקס, איז איר פליכט געווען אַרייַנצוואַרפן עס אין אויוון אַריין.

זי האָט אָוועקגעשטעלט דעם טיש אינמיטן צימער, איז אַרויף אויף אַ בענקל, אויפגעהויבן די הענט, אַרויסגעדרייט דאָס אויסגעברענטע לעמפּל און אַרייַנגעדרייט אַ נייס.

עס איז פּלוצלינג ליכטיק געוואָרן און זי איז נאָך געבליבן מיט אירע אויפגעהויבענע הענט. ווען זי איז אַזוי געשטאַנען, האָבן מיר באַ־מערקט, אַז זי טראָגט לאַנגע, כמעט ביז צו די ביינדלעך, ווייסע, וואַרעמע אונטערהויזן. מען האָט זיי אַרויסגעזען פון אונטער איר נאַנע־קלייד.

אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט גאַנצע דריי טעג נישט אויפגעהערט צו לאַכן. איך האָב אויך געלאַכט און די פּרינצעסין — אויך. אַפילו פּרוי יוזעפינאַ האָט געלאַכט אויף איר שטייגער: באַהאַלטנדיק איר קאָפּ אין די אַקסלען און זשמורענדיק אירע קורצזיכטיקע אויגן. קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווסט, ווייל עס איז נישט דערגאַנגען ווייטער. דאָס איז געווען דער סוד פון אונדזער צימער.

**
*

די הויפּט־קוואַרטיר פון די פעליציאַנער נאָנעס האָט זיך געפונען אין קראָקע. דאָרט האָט געוווינט די גענעראַל־דירעקטאָרין: די הויפּט־שוועס־טער פון אַלע פעליציאַנער נאָנעס פונעם לאַנד. פון צייט צו צייט איז געפאָרן צו איר אונדזער פּאַרוואַלטערין, די שוועסטער אַנגעלאַ.

אָפט פלעגט אונדז פאַרלאָזן איין נאָנע און אויף איר אָרט זענען

שפּעטער געקומען איינע אָדער אַפילו צוויי, פון קראָקע אָדער פון אַנדערע טיילן פון לאַנד. דאָס אַלץ פלעגט פאָרקומען אויפן באַפעל פון דער הויפּט־שוועסטער אין קראָקע.

איינמאָל האָט זיך ביי אונדז באַוויזן די שוועסטער פאַבריציאַ. פון אָנהייב האָט זי געאַרבעט און צוגעהאָלפן דער שוועסטער פּראָספּערא. דערנאָך האָט זי אינגאַנצן אויפגעהערט צו אַרבעטן. זי איז געווען נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע, וועגן וועלכער זי האָט נישט גערן גערעדט. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די קאָרידאָרן, אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג, זי פלעגט אויך אַריינקומען אין אונדזער צימער און לאַנג שמועסן וועגן נישט וויכטיקע ענינים. דערנאָך האָט מען זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, פון וואַנען זי איז שוין קיינמאָל נישט צוריקגעקומען.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער שוועסטער פּראָספּערא. זי איז געווען אַ יונגע נאָנע, נאָך אַפילו קיין 25 יאָר אַלט. פון נידעריקן וווקס, אַ שטילע און אַ פאַרטראַכטע, מיט בלויע אויגן און פרעכטיק שיי־נע ראָזע באַקן.

— וואָס פאַרא שיינע שוועסטער מיר האָבן — האָבן געזאָגט די פרויען פון אונדזער קאָרידאָר — זי האָט אַ פּנים ווי אַ פרישער עפּל.

אָבער אירע שיינע, ראָזע באַקן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַלש. אין אַ געוויסן טאָג איז זי אַוועק אין שפּיטאָל און שוין מער קיינמאָל נישט געקומען צוריק. זי האָט געהאַט טובערקולאָז פון די געדערעם.

— אַליציאַ, — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — דאַרפסט וויסן אַז זיי אַלע שטאַרבן פון טובערקולאָז, כאָטש זיי דערנערן זיך בעסער פון אונדז, האָבן אַן אייגענע קיך, אָבער זייער אַרט לעבן... די הויפּט־נאָנע, שוועסטער באַגומילאַ, איז אויך קראַנק אויף די לונגען. און דאָס איז אַ גרויסער שאָד, ווייל זי איז דער איינציקער מענטש דאָ מיט וועלכן מען קען ריידן.

אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט זיך טאַקע אַמערסטן באַפריינדט מיט דער הויפּט־שוועסטער באַגומילאַ. כ׳האָב זיי אָפּט געזען ווי זיי האָבן שפּאַ־צירט איבערן קאָרידאָר און לעבהאַפטיק געשמועסט. די שוועסטער באַ־גומילאַ איז געווען זייער אַ טיכטיקע און ענערגישע. פון הויכן וווקס, כמעט ווי די שוועסטער פראַנצישקאַ, וואָס איז אויפן באַפעל פון דער קראָ־

קעווער הויפּט־שוועסטער, אַוועקגעפאָרן קיין אָטוואָצק כדי אָנצופירן מיט דער דאָרטיקער אָפּטיילונג.

— זי איז אַן אויסערגעוויינלעך פיינער מענטש — האָט וועגן איר גערעדט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ.

און די געוויינלעכע באַדינערינס?

וויקטשאַ און מיכאַלינקאַ זענען געווען אַלטע פּשוטע דאָרפישע מיידן, וועלכע האָבן געדינט ביי די נאָנעס אַ יאָר דרייסיק. אויסער זיי זענען דאָרט נאָך געווען דריי יונגע מיידלעך פון דער שטאָט, וועלכע מען האָט גענומען צו הילף: אירקאַ, וולאַדקאַ און מיעטשאַ. אירקאַ איז געווען אַ לאָמע.

אין די אָוונטן פלעגט אין דער קירך אַריינקומען דער אָרגל־שפּילער, וועלכער איז געווען אַ יונגער מענטש — נישט קיין הויכער, אַ דיקלעכער, מיט ברילן.

פון דער קיך האָבן זיך געטראָגן הילכיקע געלעכטערס ביז אין דער שפּעטער נאַכט. צווישן די שטימען פון אירקאַ, וולאַדקאַ און מיעטשאַ, האָט זיך טיילמאָל אַפילו געהערט די שטים פון דער פריילעכער שוועס־טער אַלפרעדאַ.

די הילכיקע געלעכטערס און שפּאַסן האָבן געשטערט דעם שלאָף פון די עלטערע פרויען, וועלכע זענען שוין לאַנג געלעגן אין די בעטן, אָבער זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרקלאָגט; אַזוי האָבן זיי געלעכצט צו הערן אַביסל געלעכטער אין דער דאָזיקער אַטמאָספער.

זיי וואָלטן קיינמאָל אין לעבן זיך נישט געטוישט מיט די אַנדערע אַלטע פרויען פון דעם נידעריקערן שטאָק, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט די שוועסטער גערמאַנאַ.

זיי האָט קיינער נישט געשטערט צו שלאָפן. זיי האָבן דאָרט גע־קענט גלייען אין רעליגיעזן אייפער וויפל ס׳האַרץ האָט געגלוסט, אונטער דעם וואַכנדיקן אויג פון דער נאָנע. אַזוי האָט טאַקע אויך געטאָן די אַל־טיטשקע סעמיטיש־אויסזעענדיקע קאָשינסקאַ, וואָס האָט דאָרט געוווינט.

וויפל מאָל כ׳בין דורכגעגאַנגען דורך זייער קאָרידאָר, האָב איך גע־וואָרפן אַ בליק אין איר ווינקל. קאָשינסקאָס בעט איז געשטאַנען ביי דער סאַמע טיר. זי פלעגט דאָרט ליגן פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, האַלטנ־

דיק די פּאַטשערקעס אין דער האַנט און ציילנדיק די תפילות —מיט אירע אויגן געווענדט צום הימל.

כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט זי זאָל ריידן וועגן געוויינלעכע זאַכן; זי האָט אויך קיינמאָל נישט געשמייכלט. זי איז געווען אַזוי אַלט, אַז זי האָט שוין נישט געקענט אַליין גיין. אין די ערשטע טעג פון מיין זיין דאָרט, איז זי נאָך געקומען צו די תפילות אָנשפּאַרנדיק זיך אָן שוועסטער גערמאַנאַס אָרעם. זי פלעגט מאַכן אַן אומגעוויינלעכן איינדרוק, די גרייז־גרויע אַלטע פרוי מיט דעם אולטראַ־סעמיטישן אויסזען — וועלכע פלעגט צוטרעטן צום אַלטאַר צלמענדיק זיך.

שפּעטער איז זי שוין מער נישט געקומען אין דער קירך. זי פלעגט שוין כסדר ליגן אין בעט. אין אַ צייט אַרום האָט אַן אַנדערע פרוי פאַר־נומען איר געלעגער.

**
*

איינמאָל איז בעת דעם גאָטעסדינסט אַריינגעקומען אַ פרוי, וועלכע איך האָב דאָרט געזען צום ערשטן מאָל. זי איז אַריין אַביסל אומגעשיקט. די תפילה האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. זי איז געקומען אָן אַ הוט און אָן אַ מאַנטל — אין אַן עלעגאַנט לילאַ וואָלן קלייד. זי האָט געקענט אַלט זיין אַ יאָר 65. איר קאָפּ איז געווען זייער פיין פאַרקעמט, איר פּנים האָט געהאַט רעגולערע שטריכן און זי האָט באַזיצט אַ שיינע פיגור. זי איז געווען אַ דאַמע אין יעדער הינזיכט.

מען האָט געקענט זען, אַז זי איז שרעקלעך צעטומלט. זי האָט נישט געוווּסט צי דאַרף זי זיך אַוועקזעצן אָדער קניִען. זי האָט באַמערקט, אַז כמעט אַלע פרויען האָבן געטראָגן קאַפּעלושן אויף די קעפּ און זי איז גע־ווען אין בלויזן קאָפּ. זי האָט אויך נישט געהאַט מיט זיך קיין געבעט־בוך. ענדלעך האָט זי געפונען עפּעס אַ פּלאַץ און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. אויף איר פּנים האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן פון אומרו.

זי האָט געהייסן מאַקאָווסקאַ און טאַקע דעם זעלבן טאָג איז זי גע־קומען צופאָרן אין אונדזער אַנשטאַלט. מען האָט איר באַשטימט אַ פּלאַץ אין איינעם פון די צימערן אונטער דער אויפזיכט פון דער שוועסטער גערמאַנאַ.

גלייך פון דעם ערשטן מאָמענט אָן האָב איך דערקענט אַז זי איז אַ ייִדישע. איך האָב מיך גלייך אָנגעשטויסן נישט צוליב די שטריכן פון

איר פּנים, ווייל זיי זענען געווען אינגאַנצן נאָרמאַל, נאָר צוליב איר אויפפירן זיך.

מיט דער צייט האָט זי זיך שוין מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון אַנדערע. זי האָט זיך שוין מער נישט פאַרשפּעטיקט; זי פלעגט שוין קו־מען מיט אַ מאַנטל און אַ הוט אויפן קאָפּ, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ געבעט־בוך. זי איז אויפגעשטאַנען צוגלייך מיט אַנדערע אין די מאָמענטן ווען מען האָט באַדאַרפט אויפשטיין און זי האָט זיך אויך אויסגעלערנט צו זינגען רעליגיעזע לידער.

אַן ענין איבער וועלכן איך האָב זייער אַ סך געטראַכט האָט דעמאָלט כסדר געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. איך האָב שוין געוווּסט אַז איך בין נישט געווען די איינציקע יידישע פּרוי אינעם אַנשטאַלט. ווי אַזוי אָבער האָבן זיך אַריינבאַקומען אין דעם אַנשטאַלט מאַקאָווסקאַ, די אַלטע קאָשינסקאַ, מעכאָוואַ און קאָוואַלסקאַ?

מאַקאָווסקאַ האָט זיך געקענט אַריינקריגן אין דעם אַנשטאַלט פּונקט אַזוי ווי איך. ביידע האָבן מיר געהאַט אַ „גוטן אויסזען" פון פּנים און אונדזערע קענקאַרטעס און מעלדונג־פּאַפּירן זענען געווען אין אָרדענונג. די שוועסטער־פּאַרוואַלטערין האָט נישט געמוזט דערקענען, ווער מיר זע־נען אין דער ווירקלעכקייט. אָבער די סעמיטישע פּנימער פון קאָשינסקאַ און מעכאָוואַ האָבן אַזש געשריגן צום הימל. צי האָט די שוועסטער־פּאַר־וואַלטערין זעענדיק זייערע פּנימער געשטעלט די זעלבע סאַקראַמענטאַלע פראַגע:

— צי זענט איר אַ יידישע, אָדער אַ געשמדטע? — אָט דאָס איז עס טאַקע: אַ געשמדטע?

אין דעם ערשטן יאָר פון דער מלחמה האָט אַ גרויסע צאָל יידן אָנ־גענומען דעם קאַטוילישן גלויבן. נישט נאָר אַסימילירטע יידן, נאָר אויך פּשוטע, געוויינלעכע בירגער און אַרבעטער, וועלכע האָבן אָפט אַפילו גערעדט אַ שלעכטן פּויליש. די יידישע קהילה האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן אַ לאַנגע רשימה פון מענטשן, וועלכע זענען פון איר אַרויס־געטראָטן — און מיר פלעגן געפינען אין די רשימות נעמען פון גוטע באַ־קאַנטע און אַפילו קרובים.

מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז די דייטשן וועלן רודפן

די ייִדישע ראַסע און אַז אַזאַ צי אַן אַנדערע רעליגיע וועט פאַר זיי נישט האָבן קיין שום באַדייטונג.

ווען דאָס איז נאָך אַ געוויסער צייט באַקאַנט געוואָרן — זענען אַ סך פון די געשמדטע צוריק אַריינגעטרעטן אין דער ייִדישער קהילה.

איז טאַקע גאַנץ מעגלעך, אַז די דאָזיקע פרויען זענען געווען געשמדטע — און די גלחים וועלכע האָבן זיי געטויפט אין יענער צייט, האָבן זיי אַריינגעגעבן אין דעם אַנשטאַלט.

עס איז אויך מעגלעך, אַז די משפחות פון די פרויען האָבן געגעבן אַ געוויסע גרויסע סומע געלט לטובת דעם אַנשטאַלט.

***

עס איז געווען אין מיטן דעצעמבער 1943.

אין די צימערן און אין די קאָרידאָרן איז געווען שרעקלעך קאַלט. די שוועסטער פלאָרינאַ האָט נישט באַקומען קיין קאָקס און די רערן פון צענטראַל־באַהייצונג האָבן נישט געוואַרעמט. וועגן זאָפיאַ לאַזיעוויטש האָבן שוין אַלע פאַרגעסן; זאַוואַדזקאַס ענין איז אויך שטיל געוואָרן.

דורכגייענדיק איינמאָל דורכן קאָרידאָר האָב איך אָנגעטראָפן אויף מעכאָווּאַ. זי האָט זיך צו מיר אָפּגערופן:

— פרוי מאַיעווסקאַ, צי קענט איר אויף אַ ווײַלע אַריינקומען צו מיר אין צימער? פרוי ניעמיראָווסקאַ איז ביי דער קאָוואַלסקאַ.

צי האָב איך געקענט אָפּזאָגן? שוין בלויז דאָס אַקצענטירן, אַז ניע־מיראָווסקאַ וועט נישט זיין אין דעם צימער, האָט געזאָגט עדות, אַז זי האָט נישט פאַרגעסן ווער איך בין און זי וויל מיר עפּעס פאַרטרויען. אפשר וועגן איר טאָכטער זאָפיאַ לאַזיעוויטש און אפשר עפּעס וועגן זיך אַליין. איך האָב נישט געהאַט קיין סך צוטרוי צו דער פרוי, ווייל זי איז געווען אַלט און האָט שוין נישט געקענט זיך קאָנטראָלירן אין אירע געפילן און ווערטער; דערפאַר האָב איך שטענדיק מיך באַמיט זי אויסצומיידן.

— איך בעט אייך, פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט זי געזאָגט, פאַרמאַכנ־דיק נאָך מיר די טיר — איך האָב דאָ אַ קליינע לעדערנע וואַליזע — לייגט עס אַוועק ביי אייך אונטערן בעט.

עס פלעגט טרעפן, אַז ווען איך בין געגאַנגען מיט קאַראָלינע שטור־טשקע דורך דער לעשנאָ גאַס, האָב איך פון דערווייטנס געזען מעכאָוואַ,

וואָס איז אונדז אַנטקעגנגעגאַנגען. דעמאָלט האָב איך געשטעלט שנײַ־לערע טריט און נעמענדיק שטאַרקער אונטערן אָרעם קאַראָלינאַ שטוטשקע, האָב איך מיך גיך פאַרקערעוועט אין אַ זײַטיק געסל, כּדי אויסצומײַדן די באַגעגעניש.

איך האָב דאָס נישט געטאָן צוליב אַנטיפּאַטיע צו דער מעכאַוואַ; דאָס איז נאָר געווען אַן אונטערבאַוווסטזיניקע רעאַקציע פון פּאַרזיכטי־קייט. צוויי ייִדן האָבן נישט געטאָרט זײַן צוזאַמען, ווײַל די סעמיטישע אײַגנשאַפטן, וואָס דרעמלען אין יעדן פון אונדז, האָבן זיך אומדערוואַרט נאָך מער פאַרשטאַרקט צוליב דער נאָענטקייט. דאָס איז געווען אַ באַ־קאַנטע אַלגעמיינע טעאָריע אין יענע צײַטן.

אָבער צי האָב איך געקענט נישט נעמען דאָס רענצל? כ'האָב עס צוגענומען אַן אַ וואָרט און כ'בין אַרויס פון צימער.

דערנאָך ווען איך האָב עס אַרונטערגערוקט אונטער מײַן בעט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אום גאָטעס ווילן פאַרוואָס האָט זי מיר געגעבן צו היטן דאָס רענצל?

זי האָט געוווינט מיט אַ בלינדע און נאָר זיי ביידע זענען געווען אין צימער. צי האָט די בלינדע געוווסט, אַז מעכאַוואַ האָט אַ וואַליזקע אונ־טערן בעט?

און אפשר האָט זי מורא געהאַט פאַר דער נאָענע, אָדער פאַר דער באַדינערין וואָס האָט געררוימט? אָבער דאָס רענצל איז דאָך געווען פאַר־מאַכט מיט אַ שליסל. מיר האָט זי עס איבערגעגעבן אויף פאַרשלאָסן; אין אונדזער אַנשטאַלט זענען די דײַטשן קיינמאָל נישט געקומען. איז פאַרוואָס?

איך האָב מיר עס אויסגעטײַטשט, אַז די אַלטע ייִדישע פרוי, וואָס איז אַזוי געווען צוגעוווינט אָוועקצוגעבן אויף רעכטס און לינקס אירע זאַכן אין זיכערערע הענט ווי אירע אייגענע — האָט שוין פאַרלוירן איר קלאָרן שכל.

זי האָט פאַרגעסן אַז אין אַנשטאַלט זענען אירע זאַכן באַשיצט. און אפשר האָט זי געמיינט, אַז זי איז מער פאַרדעכטיקט ווי איך בין? אַז מײַנע אַקציעס שטייען העכער? אַז וועגן מיר ווייסט קיינער נישט, אַחוץ איר — אין דער צײַט וואָס וועגן איר רעדט מען שוין אפשר?...

**
*

— און דו, אַליציאַ, פֿאַרוואָס זאָגסטו „כ׳גיי צום פענצטער״, אַנ־שטאָט „כ׳גיי צו צום פענצטער״? צי ווייסטו נישט אַז נאָר ייִדן ריידן אַזוי? יאָ, מיין טייערע!

פון וואַנען קען איך וויסן אַז אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט זיך שוין נישט אָנגעשטויסן? גאָט אין הימל! ווי אַזוי האָב איך געקענט מאַכן אַזאַ טעות? כ׳האָב געזאָגט „כ׳גיי צום פענצטער״ אָנשטאָט „כ׳גיי צו צום פענצטער״.

עס זענעןווירקלעך געווען ספּעציפישע אויסדרוקן וועלכע נאָר ייִדן האָבן באַנוצט אין דער פּוילישער שפּראַך. די פּיפּיקע פּאָלאַקן האָבן אַדאַנק דעם גלייך דערקענט אַ ייִד.

נאָך יענער באַמערקונג בין איך זייער געפאַלן ביי זיך. דערצו נאָך מעכאָוואָס לעדערנע וואַליזקע אונטער מיין בעט, וואָס איז געווען אין אַזאַ בולטן קאָנטראַסט צו מיין אָפּגעניצטער געוויינלעכער פּיברענער וואַ־ליזע...

— כ׳וועל דיר עפּעס דערציילן, פרוי יוזעפינאַ, און דו הער זיך אויך צו, אַליציאַ. איר ווייסט דאָך שוין אַז איך בין געלעגן איבער אַ יאָר צייט אין שפּיטאָל פון רויטן קרייץ. ווען כ׳בין דאָרט געלעגן, איז אין אַ גע־וויסן טאָג אַריינגעפאַלן אַ ייִדישע פרוי מיט אַ גרויס געשריי אין אונ־דזער זאַל, ווו עס זענען געווען פרעמדע בעטן און אויף זיי זענען געלעגן פערצן פרויען. עפּעס אַ בחורל האָט זי פאַרמסרט פאַר דער דייטשישער זשאַנדאַרמעריע. אָנשטאָט זיך צו פאַרשטעקן אין עפּעס אַ גרוב — האָט זי אָנגעהויבן אַרומצולויפן צווישן די בעטן ווי אַן איבערגעשראָקענע הון. צום סוף האָט זי זיך איינגעקאָרטשעט לעבן עפּעס אַ בעט און איינגאַנצן געציטערט. אָבער אַלע האָבן זי געזען. און טאַקע באַלד זענען אָנגעקומען די דייטשן און האָבן זי צוגענומען.

זי האָט דערציילט די מעשה פּראָסט און פּשוט, אָן שום קאָמענטאַרן. זי האָט נישט פאַרדאַמט דאָס בחורל און נישט געהאַט קיין מיטלייד פאַר דער פאַרפאָלגטער ייִדישער פרוי. און טאַקע דערפאַר האָט די דערציילונג אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ שרעק. זי האָט אַזוי לייכט געקענט אַריבערגיין צום טאָג־אָרדענונג איבער דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין איר אָנוועזנהייט. די דאָזיקע ייִדישע פרוי איז דאָך דערנאָך דורך די

דייטשן דערשאָסן געוואָרן, אָבער איר טויט איז פאַר אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ נישט געווען וויכטיק.

אַ דערשיטערטע האָב איך געטראַכט: זי ווייסט שוין מסתמא וועגן מיר און דערפאַר טאַקע האָט זי דערציילט די געשיכטע: „הער זיך אויך צו, אַליציאַ״.

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט דאָך ביאַלקאָווסקאַ געהאַט אומ־באַוועגלעכע פּיס. צי האָט זי געקענט העלפן דער געיאָגטער פרוי? אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל — צי האָט זי די געדרודפטע יידישע פרוי געקענט אויסבאַהאַלטן אונטער איר קאָלדרע?

אָבער איך האָב נישט געטראַכט וועגן איר הילף. איך האָב דאָס אַפילו נישט פאַרלאַנגט פון איר. איך האָב נאָר געוואָלט זי זאָל רחמנות האָבן אויף דער פרוי; דאָס איינע האָב איך געוואָלט. דערווייל איז אין אירע רייד נישט געווען קיין שפור פון רחמנות.

דערפאַר האָב איך מיך יענע נאַכט געלייגט אין בעט אַריין מיט אַ ביטער געפיל. און קוקנדיק אַזוי אויף די ווייסע און קאַלטע ווענט, האָב איך געצווייפלט צי אַפילו אין דעם אַנשטאַלט וועל איך געווינען דעם קאַמף פאַר מיין לעבן. און ווען איך האָב אַזוי געקוקט אַ פאַרזאָרגטע אויף די ווענט קעגנאיבער מיר, האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן מיינע דריי טעכטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דריי פאַרשיידענע געגנטן פון וואַרשע.

צי איז נינאַ געזונט ביי די הערשאַפט קאָשטש אין זשאָליבאָזש? יאָ, נינאַ איז געזונט, אָבער וואָס פאַראַ שוידערלעכע איבערלעבונג האָט זי נישט לאַנג צוריק דורכגעמאַכט! עס איז געווען אַ בלאָקאַדע אין זייער הויז; די דייטשן האָבן געזוכט יידן — און מען האָט אַפילו צוגענומען פון אַ וווינונג קעגנאיבער איר עפּעס אַן עלטערן מענטשן.

שנעל, בליץ־שנעל האָט די פרוי קאָשטש אַראָפּגעריסן פון נינאַן די קליידער, אַריינגעלייגט זי אין בעט אַריין און צוגעדעקט מיט דער קאָל־דרע. אַרומגעוויקלט איר קאָפּ מיט אַ האַנטעך און אויפן נאַכט־טישל אַוועק־געשטעלט עפּעס אַ פלעשל מיט מעדיצין און אַ טערמאָמעטער, און שוין זענען די דייטשן אַריין.

— קראַנק, קראַנק! — האָט זי געזאָגט — קראַנק! טיפוס!

דעמאָלט האָבן זיך די דייטשן צוריקגעצויגן און זענען אַרויס פון צי־מער. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר קראַנקייטן.

ווען איז דאָס געווען? ווען איז דאָס געשען? אפשר האָט דאָס פּאַסירט גראָד אין אַזאַ טאָג און אין אַזאַ מאָמענט, ווען איך האָב געלאַכט...

צי איז אירענאַ, וואָס וווינט אין מאָקאָטאָוו, געזונט? — יאָ, אירענאַ איז געזונט און זי איז אינדערפרי, ווי געוויינלעך, אַרויסגעגאַנגען מיט איר קיישל איינצוקויפן. זי איז אַרויס ווי תמיד מיטן קויש אין דער האַנט און מיט אַ גרין וואָלן טיכל אויפן קאָפּ. און ווען זי איז אַזוי געשטאַנען און איינגעקויפט קרויט און בוראַקעס, האָט איינע פון די קונדן אַ גע־שריי געטאָן:

— קוקט מענטשן, דאָס מיידל איז אַ ייִדישע!

און גלייך האָבן אַלע זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן. און גלייך האָבן מענטשן זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען אַרום דעם מיידל מיטן קיישל אין דער האַנט, אַרום דעם דערשראָקענעם מיידל, מיין טאָכטער, וועלכער איך האָב מיט גאָרנישט געקענט העלפן אין דער שוידערלעכער שעה.

דעמאָלט האָט אַן אַנדערע פרוי, פּונקט אַזאַ פרעמדע ווי די ערשטע, וואָס איז דאָרט אויך געשטאַנען און געקויפט גרינס, זיך אָפּגערופן:

— וואָס רעדט זי? איך קען דאָס מיידל שוין אַ סך יאָרן, אַפילו אירע עלטערן קען איך.

און באַלד זענען זיך די מענטשן פונאַנדערגעגאַנגען; באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען. און די פרוי האָט געזאָגט צו דעם מיידל, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע:

— האָב נישט קיין פאַרדרוס, קינד. אַלץ וועט נאָך גוט זיין.

אירענאַ האָט זי געזען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן...

און פאַרוואָס? פאַרוואָס איז יענע מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אימ־פּולס פון איר האַרץ? זי האָט זיך דאָך אָנגעשטויסן אַז אירענאַ איז אַ ייִדיש קינד, פּונקט ווי די ערשטע. און דאָך האָט זי איר געראַטעוועט און נישט געלאָזט זי אומברענגען.

וועלכן טאָג איז דאָס געשען? און אין וועלכער שעה?

און איצט — מאַרישיאַ.

סיי מאַרישיאַ, סיי איר קינד זענען איצט נישטאָ אין וואַרשע. זיי

זענען אין סולעיוועק ביי אַ דייטשקע, אַ פאָלקס־דייטשקע, אַ געוויסע פרוי מושאָל.

די פרוי מושאָל האָט געהאַט אַ מאַן — אַ ייִד און צוויי דערוואַקסע־נע קינדער: אַ זון און אַ טאָכטער. איר מאַן איז אומגעבראַכט געוואָרן אין געטאָ. די קינדער האָבן געהאַט אַרישע פּאַפּירן: מיעטשיסלאַוו און מאַ־רילאַ רוזשיצקי. און געמאַכט האָבן זיי דעם אָנשטעל אַז זיי זענען פרוי מושאַס שוועסטערנקינדער.

אונדזער אַ קרוב, אַ סטודענט לעאָן איז געווען מאַרילאַס חתן.

מאַרילקאַ האָט געוווינט אין סולעיוועק, אין אַ קליינער געדוגגענער ווילע, וווּ זי האָט אויסבאַהאַלטן איר חתן. זי איז געווען זייער אַ שיין, שוואַרץ־האָריק מיידל.

איר מוטער, פרוי מושאָל, האָט געהאַט אַ דירה אויף דער מאַרשאַל־קאָווסקאַ גאַס און אַ געשעפט פון קיך־געשיר אויף דער גראַניטשנאַ גאַס. איר זון האָט געאַרבעט אין געשעפט. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַריער.

איר דירה אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס איז געווען אַ גרויסע און צוויי צימערן זענען געווען רעקווירירט.

אין איינעם האָט געוווינט אַ דייטשקע נאַטאַליאַ און אין צווייטן — צוויי ייִדישע געשטאַפּאַ־מיטאַרבעטאַרינס.

אין דער דירה האָבן זיך געפונען אונדזערע זאַכן, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ.

פון דער לוואָווסקאַ גאַס צו דער מאַרשאַלקאָווסקאַ איז געווען איין שפּרונג. פלעגט טאָקע מאַרישיאַ דאָרט אַריינגיין כדי צו נעמען אַ קישן אָדער אַ קאָלדרע, וועלכע זי האָט אַוועקגעטראָגן פאַר די שוועסטער.

איינמאָל האָט איר געעפנט די טיר די פרוי מושאָל.

— עס איז געשען אַ גרויס אומגליק — האָט זי צו איר שטיל גע־זאָגט. — לעאָן איז אַרויס פון דער ווילע, האָט אָנגעטראָפן אויף אַ דיי־טשישן פּאַטרול און מען האָט אים דערשאָסן. ער לעבט נישט. מאַרילקאַ גייט אַראָפּ פון זינען. פאַר מיט מיר צו איר און טרייסט זי.

מאַרישאַ איז דעם זעלבן טאָג אָפּגעפאָרן מיטנעמענדיק מיט זיך איר ייִנגעלע.

צי איז מאַרילקאַ אימשטאַנד געווען צו וווינען אַליין אין דער ווילע נאָכן אומקום פון איר חתן לעאָן? — ניין, זי איז נישט אימשטאַנד געווען.

— מאַרישאַ, פאַרלאָז וואַרשע און וווין צוזאַמען מיט מאַרילקאַ. זי האָט דיך ליב. צאָל פאַר דיין דירה אויף דער לוואָווסקאַ גאַס. דאָס וועט זיין דיין פאַרזיכערונג אין פאַל פון אַ געפאַר.

און אַזוי אַרום האָט שוין מאַרישאַ געוווינט אין סולעיוּוועק זינט אָקטאָבער, און איצט איז געווען העלפט דעצעמבער און עס האָבן זיך דערנענטערט די ווייַנאַכטן. איך האָב קיין אַנונג נישט געהאַט ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן בעת אַזאַ פייערלעכן יום־טוב. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז כ׳וועל באַגיין געוויסע אומפאַרזיכטיקייטן, וועלכע וואָלטן מיך געקענט פאַראַטן. נאָך מער האָט דערפאַר מורא געהאַט מאַרישאַ און זי האָט טאַקע באַשלאָסן מיך אָוועקצונעמען אויף דעם יום־טוב קיין סולעיוּוועק.

***

— אַך־אַך! — האָט פּלוצלינג אַ געשריי געטאָן די פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ — עס האָט זיך מיר אויסגעגאָסן די פלאַש מיט וואַסער! דער קאָרעק איז אַרויסגעשפּרונגען. מיין ליבע אַליציאַ, העלפט מיר אין מיין אומגליק, איך בעט אייך!

זי איז אַרויס פון בעט און זי איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן אין איר לאַנגן פלאַנעלענעם נאַכטהעמד. איך האָב אַרויסגענומען פון איר שופלאָד אַ ליילעך און איך האָב איר געהאָלפן איבערציִען איר בעט.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט — האָט זי געזאָגט טרויעריק — איך קען נישט פאַרשטיין ווי אַזוי עס האָט זיך פאַרנעצט מיין איינציקע פאַר שוואַרצע טריקאָטן.

— דער קאַלאָריפער איז היינט וואַרעם — האָב איך געזאָגט — הענגט עס אויף, וועט עס ביז אינדערפרי טרוקן ווערן.

זי האָט איר אונטערוועש פאַרזיכטיק אויפגעהאָנגען אויף דעם קאַלאָריפער — כ׳האָב געזען ווי זי האָט עס אויסגעגלייכט מיט דער האַנט. דערנאָך האָט זי פאַרלייגט אין פירן איר נאַסן ליילעך און זי האָט אים אויך אויפגעהאָנגען דערלעבן. ווען זי איז צוריקגעגאַנגען צום בעט, האָט זי פאַרבעסערט די פּאַפּירלעך מיט וועלכע זי האָט פאַרדרייט די לאָקן אויפן קאָפּ, פאַרלאָשן דאָס ליכטל און זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין.

איך האָב צו איר שטיל גערעדט, כדי נישט אויפצוּוועקן פרוי יוזעפינאַ און אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ:

— און אייער קראַנקער פּענכער, וועגן וועלכן איך האָב אַזוי פיל מאָל געהערט? צי וואָלטן אייערע פריינט פון פּראָגע נישט בעסער גע־קויפט פאַר דער פּרינצעסין אַביסל וואַרעמע אונטערוועש אַנשטאָט קוכן?

איך האָב מיט איר גערעדט פראַנצויזיש און איך האָב זי גערופן „פּרינצעסין" און זי האָט זיך צו מיר געווענדט: „מאַ שער אַליס".

— מאַ שער אַליס — האָט זי מיר אויך אַזוי שטיל געענטפערט — כ'וואָלט זיי נישט געקענט וועגן דעם זאָגן. גלייבט מיר, איך וואָלט בשום אופן נישט געקענט זיי וועגן דעם זאָגן.

נישט איינמאָל האָב איך וועגן איר געטראַכט: די דאָזיקע פרוי, אַזאַ שטילע, רויִקע און אַזאַ צוריקגעהאַלטענע — יאָ, טאַקע אַ צוריקגעהאַל־טענע און נישט קיין רעזיגנירטע... אַ העפלעכע און אַ פריינטלעכע; אָן פאָדערונגען, אָן אַ ברעקל סנאָביזם. זי האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן מיט אַ פּוילן באַוווּסטזיין, כדי צו פאַרזיכערן אַ דאַך איבערן קאָפּ איר פּאַראַליזירטן מאַן. זי האָט אויסגעפירט די רעליגיעזע פליכטן מיט ווירדע — נישט פאַר זיך, נאָר פאַר די נאָנעס, וועלכע האָבן איר געגעבן שוץ. און זי האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין שום פאַנאַטיזם.

ווו איז, אום גאָטעס ווילן, אַהינגעקומען איר גרויסע פריצישקייט? אין וועלכן קעמערל פון איר אָרגאַניזם האָט עס נאָך תשובה געטאָן? דאָס וואָס זי האָט גערן גערעדט און תפילה געזאָגט אין פראַנצויזיש, האָט נאָך גאָרנישט געמיינט. די פראַנצויזישע שפּראַך איז געווען איר נאַטירלעכע, צווייטע שפּראַך, וועלכע זי האָט פון אירע קינדער־יאָרן־אָן באַהערשט פונקט אַזוי גוט ווי רוסיש.

די נאָכט האָב איך זי פאַרשטאַנען: „גלייבט מיר, מאַ שער אַליס, איך וואָלט זיי קיינמאָל נישט געקענט וועגן דעם זאָגן".

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען איך האָב געעפנט מיינע אויגן, האָב איך דערהערט די שטים פון יוזעפינאַ:

— וואָס זע איך? די שוואַרצע טריקאָטן פון דער פּרינצעסין הענגען שוין ווידער אויף די קאַלאָריפערן. איז די מאָסקוויטקע דאָ? ניין, זי איז נישטאָ איצט. איך דערקלער אייך, פרוי אַננאַ, אַז איך קען נישט פאַר־טראָגן...

זי האָט איבערגעריסן אין דער מיטן, זי האָט נישט געקענט פאַרענ־דיקן די פראַזע. זי האָט געהאַסט די פּרינצעסין.

— גענוג! גענוג! — האָט אַ געשריי געטאָן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — דאָס זענען נישט קיין קריסטלעכע געפילן!

איך באַמערקט פון דער ווייטנס, אַז יוזעפינאַ איז פון כעס רויט געוואָרן און טרוקענע פלעקן זענען איר אַרויס אויפן פנים, פונקט אַזוי ווי ביי דער מאַקאָווסקאַ.

דעם פרימאָרגן האָט זי אַ סך לענגער געקעמט מיט אַ באַרשט אירע שיינע גרויע האָר און זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו ריידן. זי איז לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען דעם צימער, באַהאַלטנדיק איר קאָפּ אין די איינגעהויקערטע אַקסלען.

צוערשט איז זי אַרויס אין פינצטערן קאָרידאָר, דערנאָך אין הויז, ביז זי איז שטיין געבליבן פאַר דער טיר וואָס פירט צו דער זאַקריסטיע. דאָ וועט זי צוואַרטן אויפן גלח, ווייל זי איז געקומען זיך מתוודה זיין נאָך איר היינטיקן אויסברוך.

וואַרטנדיק, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער ראַם פון דער טיר — די מזוזה האָט געהאָנגען איבער איר קאָפּ ווי אַן אויסרוף־צייכן.

***

אין ערגעץ אין דער וועלט זענען נישט געווען אַזוי פיל פליי ווי ביי אונדז אין אַנשטאַלט. אונדזערע ליילעכער, ציכלעך און נאַכטהעמדער זע־נען פשוט געווען באַדעקט מיט זיי. אַמייניסטן האָבן זיי זיך געפונען אין דעם קירכע־צימער. די נאָנעס וועלכע פלעגן פאַלן אַלע ווײַלע אויף די קני, האָבן געהאַט פול פליי אין זייערע לאַנגע, וואָלענע נאָנע־קליידער.

וווהין עס איז געפאַלן דער בליק, האָט מען געקענט זען פרויען וואָס קראַצן זיך. אינמיטן פון זינגען די רעליגיעזע לידער, האָבן זיי זיך גע־כאַפּט פלוצלינג פאַר אַ קני, אָדער זיי האָבן זיך געקראַצט אין די לענדן. דאָס איז געווען אַן אמתע פּלאָג.

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, אַליציאַ, — האָט זיך אָפּגערופן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ, כאַפּנדיק אַ פלוי אויף דער קאָלדרע — עס ווייזט מיר טיילווייז אויס, אַז סאָקאָלאָווסקאַ... אַז דער נאָמען סאָקאָלאָווסקאַ איז נישט איר ריכטיקער נאָמען. דאָס מוז עפּעס זיין אַ גרעפין פון די מזרח־געביטן. וואָס זאָגסטו דערויף?

איך האָב גאָרנישט געענטפערט דערויף. דאָס געשפּרעך איז נישט

געוועז אנגענעם פאַר מיר. איך האָב מיך געפילט ווי איך וואָלט געגאַנ־גען אויף אַ גליטשיקן ברעט.

— אויב דו מיינסט, אַליציאַ, אַז די פרוי גראַבסקאַ — די פריינדין פון דער בלינדער פריילין שימאַנסקאַ — הייסט אויף אַן אמת גראַבסקאַ, האָסטו אויך אַ טעות. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר מאַן איז אַ פּול־קאָווניק און געפינט זיך גאָר אין רומעניע. צוליב זיכערקייט־טעמים האָט זי געענדערט אירע פּאַפּירן.

— מיינער אַ קוזין האָט אַ קאָנספּיראַטיוון נאָמען פון דעם טאָג־אָן, וואָס דער קריג איז אויסגעבראָכן — האָט זיך אָפּגערופן פרוי יוזעפינאַ.

— כ׳האָב דיך געפּאַקט, שוואַרצע כאָלערע — האָט אויסגערופן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ. זי האָט געעפנט ס׳פענצטער און זי האָט אַרויסגע־וואָרפן די פלוי אויף דער גאַס. — און איך זאָג אייך — האָט זי ווייטער געטענהט — אַז כמעט אַ העלפט פון די איינוווינער אין אונדזער אַנ־שטאַלט, האָט נישט קיין ריכטיקע פּאַפּירן.

אַלזאָ, דאָס איז עס — האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן. אָט דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מען האָט מיך קיינמאָל נישט געפרעגט פון וועלכע מאַיעווסקיס איך שטאַם. דאָס איז געווען אַ שטילער אָפּמאַך. צום גליק, האָבן נישט נאָר ייִדן, נאָר אויך פּאָליאַקן געענדערט זייערע נעמען און האָבן געלעבט מיט פאַלשע פּאַפּירן.

די נעמען זענען געווען ס׳רוב געוויינלעכע, זאַוואַדזקאַ, מאַיעווסקאַ, יאַבלאָנסקאַ, קאָשינסקאַ, מאַלינאָווסקאַ. צענדליקער טויזנטער אַזעלכע נעמען זענען געווען אין פּוילן און דאָס איז טאַקע געווען דאָס גוטע.

אָבער פאַרוואָס האָט זיך גראָד דעם פרימאָרגן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ אָנגעכאַפּט אָן דער טעמע? עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי קוקט אויף מיר מיט אַ ספּעציעלן בליק. נעכטן האָט זי דערציילט וועגן אַ געיאָגטער ייִדישער פרוי, איצט דערציילט זי וועגן פאַרשטעלטע נעמען... ווער קען גאַראַנטירן, אַז זי וועט נישט זאָגן מאָרגן: „אַליציאַ, איך האָב דיך גע־פּאַקט און דערקענט; אָנו דעק אויף די קאָרטן. זאָג ווי דו הייסט אויף אַן אמת און ווער דו ביסט, ווייל דו ווייסט וואָס איך קען טאָן“.

און אפשר האָט זי גערעדט וועגן דעם כדי מיך צו באַרויִקן? אפשר האָט זי נישט געוווסט, אַז איך בין אַ ייִדישע, אָבער זי האָט חושד געווען, אַז פּונקט ווי גראַבסקאַ, האָב איך צוליב אַ געוויסער סיבה געענדערט

מיין נאָמען? זי האָט אפשר געוואָלט איך זאָל זיין רויק און זיכער, אַז קיינער וועט מיך וועגן גאָרנישט פרעגן, ווייל עס זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע ווי איך אין אַנשטאַלט.

***

טראָץ אַלעמען, נישט קוקנדיק אויף איר אַביסל ברוטאַלן אופן פון באַנעמען זיך, נישט קוקנדיק וואָס זי איז געווען אַזוי אומגעצוימט און קאָמפּראָמיסלאָז, אַפילו טראָץ אירע ראַדיקאַלע אַנשוויונגען — האָט מיין האַרץ געצויגן צו אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ צוליב אַ טיף־איינגעוואָרצלטער סיבה: זי האָט געהאַט 3 טעכטער, פּונקט אַזוי ווי איך.

די עלטסטע, עוואַ, 24 יאָר אַלט, איז געווען אַ פּרעכטיק מיידל, געזונט ווי אַ ריב, מיט טאַטאַרישע שטריכן פון פּנים. פּונקט ווי די מוטער, איז זי געווען ענערגיש, לעבעדיק און פול מיט אונטערנעמונג־גייסט. זי האָט געאַרבעט אויף די טראַמווייען ווי אַ קאָנדוקטאָר. זי האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט 5 אַזייגער אינדערפרי. האָט געטראָגן אַ מונדיר און אַ היטל פון אַ טראַמוויי־אַנגעשטעלטע.

טיילמאָל פלעגט זי אַריינפאַלן צו אונדז.

— איך האָב שמוציקע הענט — האָט זי געזאָגט.

— טאָ נעם און וואַש עפּעס — האָט איר געענטפערט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — וואַש איבער אַ פּאָר זאָקן, אָדער אַ בלוזקע, וועסטו גלייך האָבן ריינע הענט.

— ווו זאָל איך עס אויפהענגען? — האָט געפרעגט עוואַ.

— ווו עס זאָל נישט זיין. הענג עס אויף ווו דו ווילסט. לייג עס אַרויף אויפן קאַלאָריפער.

זי האָט זיך אַ דריי געטאָן איבערן צימער און איז אַוועק. זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט.

— צי ווייסטו, אַליציאַ, וואָס זי האָט מיר געזאָגט? — אַז אירס אַ קאָלעגע, אויך אַ טראַמוויי־אַרבעטער ווייסט ווו עס באַהאַלט זיך אויס אַ ייִד און ער וויל זי נעמען פאַר אַ שותּפטע. זיי קענען פאַרדינען אַ סך געלט... און איך בין אויף איר אַרויף: אַ כאָלערע זאָל עס נעמען, אַוועק פון אַזאַ שותּפות! עס דאַרף דיך עקלען אַזאַ געלט! זאָג דאָך, אַליציאַ, וואָס איז איר איינגעפאַלן!

די צווייטע טאָכטער האָט געהייסן יאַאַשיאַ, און איז אַלט געווען

ניינצן יאָר. דאָס איז געווען אַ נאַיִוו, אומאַנטשלאָסן מיידל און אַביסל אָנעמיש. עס האָבן איר געפעלט זעקס פּאָדערשטע ציין, אָבער זי האָט שוין געהאַט אַריינגעשטעלט קינסטלעכע.

— צי האָסטו אַן אָנונג, אַליציאַ, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט? ביים סאַמע אָנהייב פון דער מלחמה, בעתן באָמבאַרדירן האָבן מיר זיך אויס־באַהאַלטן אין אַ שוץ־גרוב. עמעצער איז דורכגעגאַנגען מיט אַן אייזער־נעם שטאַנג. דאָס איז געווען שרעקלעך... אַזאַ יונג קינד.

יאַאַשיאַ האָט נישט געאַרבעט און געוווינט ביי אַ מומע.

די דריטע — סטעפאַניאַ — איז אַלט געווען 17 יאָר און זי איז גע־ווען אַ קעלנערקע אין אַ קליינעם קאַפע־הויז אויף דער ווספּולנאַ גאַס.

צוויי טעג פאַר ווייַנאַכט איז געקומען צו פאָרן מיין טאָכטער מאַרי־שיאַ, כדי מיך מיטצונעמען קיין סולעיוווּעק.

— וואָס פאַרא גוטע שנור דו האָסט, אַליציאַ, — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — מיך האָט קיינער נישט פאַרבעטן צו זיך אויף יום־טוב.

כ׳האָב מיך געזעגנט מיט די איינוווינערינס פון מיין צימער. כ׳בין אויך אַריין אין דעם צימער פון מעכאָווא און ניעמיראָווסקאַ.

— פּרוי מאַיעווסקאַ — האָט געזאָגט מעכאָווא — איר פאָרט קיין סולעיוווּעק? מיר האָבן דאָרט אַ ווילע.

זי וואָלט גערן מיט מיר גערעדט אויף דער טעמע און אויך וועגן אַנדערע ענינים, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין צייט און אין צימער האָט זיך געפונען די פרוי ניעמיראָווסקאַ. איך האָב מיך אויך געזעגנט מיט דער שוועסטער אַמאַריליס און מיט קאָוואַלסקאַ, וועלכע איז גראָד דורכגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר.

דער אַרויספאָר קיין סולעיוווּעק איז נישט געווען אַזאַ גליקלעכער איינפאַל. ער האָט אָבער נישט געבראַכט קיין שום שלעכטע פאָלגן.

סולעיוווּעק איז געווען איבערגעפולט מיט ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. איבעריקנס — נישט נאָר סולעיוווּעק, נאָר אויך אַנדערע דערבייאיקע ערטער ווי: לעשנאַ פאָדקאָווא, שווידער, כיליצע, סקאָלימאָוו אָדער מילאַנוווּעק. אומעטום אין די געגנטן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אונ־דזערע באַקאַנטע.

***

די ווילע אין סולעיוווּעק, וועלכע די פרוי מושאל האָט געדונגען פאַר

איר טאָכטער מאַרילקאַ, איז געווען גענוג ווייט פון דער סטאַציע. אויפן וועג זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען צענדליקער הייזער, אַ סך פון זיי נישט באַוווינטע, ווייל עס איז געווען ווינטער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין יעדן פון די הייזער זענען אויסבאַהאַלטן ייִדן...

איך האָב געקוקט אויף די פאַרמאַכטע טירן, אויף די פאַרמאַכטע לאָדנס איבער די פענצטער; געזען אַ פּוסטקייט און אַ שטילקייט און איך האָב געטראַכט: צי איז נישט די פּוסטקייט און שטילקייט נאָר אויסערלעך? — אפשר האָט אין עפּעס אַ קליין צימערל, אָדער אין אַ קעלער, אָדער אין אַ פאַרמאַסקירטן בוידעם עמעצער געוווינט און געליטן?...

די דירה וווּ מאַרילקאַ האָט געוווינט איז געווען אויפן פּאַרטער. האָט געהאַט עטלעכע צימערן און אַ קליין גערטנדל. צו אַ שפּייז־געוועלבל איז געווען זייער ווייט. מאַרילקאַ האָט אַלץ איינגעקויפט — זי פלעגט מיטנעמען מיט זיך אַ שליטן, וועלכן זי האָט געשלעפּט אויף אַ שטריק; און אויף דעם שליטן האָט זי געברענגט אַלע זאַכן וואָס זי האָט איינגעקויפט.

מאַרילקאַ איז געווען זייער אַ שיין מיידל מיט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר. דערפאַר האָט זי טאַקע מורא געהאַט צו וווינען אין וואַרשע. דאָ איז זי אָנגעגאַנגען אַלס אַ פאָלקס־דייטשקע.

זי האָט געהאַט צוויי באַקאַנטע דייטשן, אָפיצירן, וועלכע פלעגן זי באַזוכן. איינער האָט געהייסן שמידט און דער צווייטער — האַרטוויג. פון די געשפּרעכן, וועלכע זיי האָבן געפירט מיט מאַרילקאַ, האָבן זיי זיך אַפילו אָנגעשטויסן, אַז זי האָט געהאַט אַ ייִדישן חתן, וועלכן זי האָט פאַרלוירן אין טראַגישע אומשטענדן. זי האָט זיי פאַרגעשטעלט מיין טאָכטער ווי אירס אַ פריינדין.

די וויזיטן פון די צוויי דייטשן זענען געווען ווי אַ שילד הינטער וועלכן עס האָט זיך באַשיצט אַ צוויידייטיקע געזעלשאַפט, וואָס פלעגט זיך אָפּשטעלן אין דער ווילע. דאָרט האָבן געגעכטיקט ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן פאַרלוירן דעם דאַך איבערן קאָפּ און נאָך נישט געהאַט געפונען קיין נייעם. אַ באַלאַגערטער און אַ גערודפטער האָט געקענט זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן און אָפּרוען.

דאָס אויסזען פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפינען אין דעם הויז וואָס פלעגט באַזוכט ווערן דורך די דייטשן, האָט אָבער נישט גע־

טאָרט װעקן קײן שום צװײפל. אַזאַ הױז האָט אױסגעװיזן צו זײַן אַ זי־כערער אָרט.

צו װײנאַכט איז אױך געקומען צופאָרן די פרוי מושאָל מיט אירס אַ פרײַנט, הער יוזעף. ער האָט אױך געאַרבעט אין איר געשעפט פון קיד־געשיר אױף דער גראַניטשנאַ גאַס.

הער יוזעף, אַ ייִנגערער פון דער פרוי מושאָל, איז געװען אַ לעגיאָ־נער בעת דעם ערשטן װעלט־קריג און ער האָט געהאַט אַ קולט פאַרן מאַר־שאַל פּילסודסקי. זײַן באַליבטע באַשעפטיקונג איז געװען אױסצולײגן קאָרטן — דערבײַ פלעגט ער אױך זינגען לעגיאָנערישע לידער.

ער איז געװען אַ ייִד, אָבער ער האָט קײנמאָל נישט גערעדט װעגן זײַן אָפּשטאַם.

די פרוי מושאָל איז געװען אַ דיקע, פאַר דער צײַט גרוי־געװאָרענע פרוי, פון אומגעפער פופציק יאָר. זי האָט געהאַט אַ העל פּנים און רעגו־לערע שטריכן. זי איז געװען אַ שװײַגנדיקע און אַ צוריקגעהאַלטענע. אי־רע אײגענע קינדער זענען אַנגעגאַנגען װי אירע שװעסטער־קינדער און זי האָט געשפּילט די ראָל פון אַן אַלטער פרײַלין.

אַ סך ייִדן האָבן געהאַט איר צו פאַרדאַנקען זײערע לעבנס און אײגנ־טום. זי האָט געפירט אַ טאָפּלטע שפּיל: װי אַ פאָלקס־דײַטשקע, װאָס איז געבױרן אין בערלין, האָט זי אױפגענומען אין איר װי־לע אין סולעיװעק דײַטשישע אָפיצירן; און אין איר הײם אױף דער מאַרשאַלקאָװסקאַ גאַס האָט זי אַלעמאָל אױסבאַהאַלטן ייִדן. אין געשעפט אױף גראַניטשנאַ, איז זי געװען אַ פאַרמיטלערין פון דירות — זי האָט אױך געהאָלפן מיט עצות און געלט.

איצט, אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער, האָט זיך אין אַ קעלער פון איר הױז אױסבאַהאַלטן אַ ייִד, װעלכן עס איז געלונגען צו אַנטלױפן פון אַ בונקער אין געטאָ. דאָס איז געװען אַן אױסערגעװײנלעכע געשיכטע.

דער מענטש האָט געהאַט, צוליב זײַן אױסבאַהאַלטן זיך דורך אַ סך חדשים אונטער דער ערד, אײַנגאַנצן אַ געל פּנים און עס האָט זיך פון אים געטראָגן אַ ספּעציפישער פאַרפױלטער ריח. עס איז אוממעגלעך געװען צו שטײן נאָענט לעבן אים.

פרוי מושאָל און איר זון מיעטשיסלאָװ, װעלכער איז געװען אַ ני־

דעריקער, בלאַנדער מאַן, ענלעך צו זיין מוטער — האָבן די גאַנצע וואָך געוווינט אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס און יעדן זונטיק פלעגן זיי אַרויסקומען קיין סולעיווועק, אַלעמאָל מיטן הער יוזעף.

טיילמאָל פלעגן זיי אויך מיטברענגען יוזעפס פינף־יעריק טעכטערל, וואָס האָט געוווינט ביי אַ פוילישער משפחה אויף דער פיענקנאַ גאַס. דעמאָלט האָט מיין טאָכטערס זונעלע געהאַט מיט וועמען זיך צו שפּילן און ער איז געווען דערמיט גליקלעך.

מיעטשיסלאַוו איז אַלט געווען 24 יאָר. זיין כלה איז אויך געקומען צופאָרן צו ווייַנאַכט. זי האָט געוווינט אויף אַרישע פאַפּירן ביי אַ שניי־דערין, ביי וועלכער זי האָט געאַרבעט ווי אַ דינסט, העלפנדיק גלייכצייטיק ביי דער שניידעריי. אויף אַזאַ אופן האָט זי פאַרדינט פאַר זיך אויפן לעבן. איר באַלעבאָסטע האָט נישט געוווּסט, אַז זי איז אַ ייִדישע.

עס איז אויך געקומען צופאָרן נאַטאַליאַ, אַ דייטשקע פאַר וועלכער מיין טאָכטער האָט זייער מורא געהאַט. זי האָט אין וואַרשע פאַרנומען אַ צימער ביי דער פרוי מושאַל און עס האָט נישט געפּאַסט זי נישט צו פאַרבעטן.

אין דער צייט האָבןביידע ייִדישע געשטאַפּאָ־מיטאַרבעטאָרינס שוין נישט געוווינט אין איר דירה.

ווער זענען געווען יענע צוויי מיידלעך? דאָס זענען געווען יונגע און שיינע ייִדישע מיידלעך, פאַרמשפּטע צום טויט, וועמען די דייטשן האָבן געשאָנקען דאָס לעבן אונטער איין באַדינג: אַז זיי וועלן זיין ביי די דייטשן אויף דינסט, אַז זיי וועלן מסרן און דעקאָנספּירירן די אויסבאַהאַלטענע ייִדן אויף אַרישע פאַפּירן. זיי האָבן דערפאַר באַקומען פון די דייטשן געלט און זיי האָבן זיך עלעגאַנט אָנגעטאָן.

די צוויי דייטשישע אַפּיצירן — שמידט און האַרטוויג — זענען אויך פאַרבעטן געוואָרן צו ווייַנאַכט.

מאַרילקאַ האָט צוזאַמענגעשטעלט צוויי טישן און זיי איבערגעדעקט מיט ווייסע טישטעכער. צוזאַמען מיט מאַרישיאַ האָט זי אַלץ צוגעגרייט און עס איז געווען זייער פריילעך. מען האָט זיך געטיילט מיטן הייליקן אָלטאַר־ברויט און מען האָט געזונגען ווייַנאַכט־לידער.

**
*

פרוי מושאָל איז געזעסן אויבן־אָן און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים האָט זי מיט אירע קלוגע אויגן געקוקט אויף אַלעמען.

נאָך דער וועטשערע האָט פאַן יוזעף, דרייענדיק זיינע געדיכטע וואָנצעס געררייצט זיך און געשפּאַסט מיט מאַרילקאַן. מיעטשיסלאַוו האָט זיך געוויצלט מיט זיין כלה. די צוויי אָפיצירן זענען געזעסן שטייף און ערנסט — איינער אויף דער רעכטער זייט און דער אַנדערער אויף דער לינקער זייט פון נאַטאַליאַ. נאַטאַליאַ איז געווען די קעניגין פון אָוונט.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ באַשיידן שוואַרץ קלייד מיט לאַנגע אַרבל, צוזאַמענגענומען ביים האַלדז מיט אַ ווייסער קאַמייע. אירע האָר זענען געווען גלאַט פאַרקעמט און צונויפגענומען פון הינטן. אירע האָר זענען געווען ווי בראַנדז. זי האָט געהאַט ברוינע האָר, ברוינע אויגן און אַ ווייס אַלאַבאַסטער פּנים.

אין אירע לאַנגע, גראַציעזע פינגער מיט די געפּלעגטע נעגל, האָט זי דעליקאַט געהאַלטן אַ גלעזל מיט וויין. זי האָט גערעדט לייכט און מיט אַ סך חן. איר דייטש ריידן איז געווען פאַרוואָרפלאָז און מיט אַ גלענצנדיקן אַקצענט. זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ זייער דיסטינגירטער פערזאָן מיט גוטע מאַנירן. זי איז געווען צוריקגעהאַלטן און זי האָט נישט קאָקעטירט.

אין דעם זייער באַשיידן מעבלירטן צימער מיט נאַקעטע ווענט און אַ נידעריקן באַלקן — האָט זי אויסגעזען פּרעכטיק.

ווי שטאַרק האָב איך באַדויערט, וואָס איך האָב פאַרלאָזט וואַרשע, ווען איך בין אַזוי געזעסן ביי דעם יום־טובדיק־געדעקטן טיש — קעגנאיבער די דייטשישע אָפיצירן און דער פּרעכטיק שיינער פרוי, פאַר וועלכער איך האָב אַזוי מורא געהאַט...

לעבן מיר איז געזעסן מיין טאָכטער מיט איר יינגעלע. אַלע דריי האָבן מיר געשאַפן איין פאַמיליע־גרופּע. נאַטאַליאַ האָט געקוקט אויף אונדז. אין אירע אויגן איז נישט געווען קיין שום שנאה, אָבער עס איז געווען אַ נייגעריקייט, פאַר וועלכער איך האָב אַמשטאַרקסטן מורא געהאַט.

צי וועט זי זיך נישט טיילן מיט אירע באַאָבאַכטונגען מיט איר שכן האַרטוויג? ווער קען עס גאַראַנטירן, אַז אין אַ ווײַלע אַרום וועט זי נישט איבערבייגן איר קאָפּ אין זיין זייט און אים זאָגן:

— איך בעט אייך איר זאָלט זיך צוקוקן צו דער פרוי. וועמען דער־מאָנט זי אייך?

און ער וועט פאַרלייגן דעם מאָנאָקל אויפן אויג און וועט אַ קוק טאָן אויף מיר מיט אויפמערקזאַמקייט.

— איר זענט גערעכט — וועט ער זאָגן — דאָס איז אַ יידישע פרוי. וואָס טוט זי אין אונדזער געזעלשאַפט?

צוואָס בין איך דאָ אַהערגעקומען, אום גאָטעס ווילן! איך שטעל אויס אויף געפאַר מיין טאָכטער מיט איר קינד, און אויך, אין אַ געווי־סער מאָס, די פרוי מושאָל.

ווער איז געווען די נאַטאַליאַ פאַר וועלכער איך האָב אַזוי געציטערט?

ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך איר אַוועקפאָרן, האָט מען מיר דערציילט איר געשיכטע.

זי האָט געשטאַמט פון מינסק־מאַזאָוויעצק, אַ קליין שטעטל לעבן וואַרשע, פון אַן אָרעמער יידישער משפחה. זי איז אַלט געווען 24 יאָר און זי איז געווען פאַרהייראַט.

נאָכן אומקום פון אירע עלטערן און איר מאַן, איז איר געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן און אַריינקריגן זיך אין וואַרשעווער געטאָ. פון דאָרט איז זי אַריבער אויף דער אַרישער זייט, ווו זי האָט זיך אַרומגעשלעפט און געהונגערט.

עס איז איר געלונגען צו באַקומען אַ פאָר סוועטערס, וועלכע זי האָט פאַרקויפט לעבן די האַליעס.

דאָרט האָט זי געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ דייטשישן פליער, וועלכער האָט זי מיט זיך מיטגענומען. ער האָט איר אויסגעאַרבעט אַרי־שע פאַפירן און דערנאָך האָט ער איר געדונגען אַ צימער אויף דער מאַר־שאַלקאָווסקאַ גאַס נומער 81, טאַקע ביי דער פרוי מושאָל.

דאָס איז געווען אַ געשיכטע ווי אין „פיגמאַליאָן”. דאָס מיידל האָט געקענט ריידן נאָר יידיש און פויליש. עס איז אַפילו נישט געווען זיכער צי זי האָט געענדיקט אַן עלעמענטאַר־שולע. נאָך אַ קורצער צייט האָט זי גלענצנדיק באַהערשט די דייטשישע שפראַך. זי האָט געזונגען מיט אַ קלינגענדיקער שטים לידער און אַריעס, וועלכע זי האָט זיך אויסגעלערנט פון גראַמאָפאָן־פּלאַטעס. זי האָט זיך געקעמט און אָנגעטאָן ווי אַ טיפּישע דייטשקע. זי איז געווען גלענצנדיק געבויט; שטאַרק און הויך. אַזעל־

כע אַרט פרויען האָט מען טיילמאָל געטראָפן צווישן ייִדן. זי האָט געקענט זיין נאָר: אָדער אַ ייִדישע אָדער אַ דייטשישע פרוי. אין קיין שום פאַל האָט זי נישט געקענט אָנגיין פאַר אַ פוילישע פרוי.

אין דער צייט ווען איך האָב מיך מיט איר באַקענט, איז זי געווען די אָנפירערין פון אַ דייטשישער פאַבריק, וואָס איז צוגענומען געוואָרן ביי ייִדן. אין די באַנען איז זי געזעסן אין די דייטשישע אָפטיילונגען.

זי איז נישט אַרויס אַפילו אויף אַ סעקונדע פון איר נייער ראָל, הגם אין דעם הויז האָט מען פון איר אַלץ געוווּסט — האָט זי זיך קיינמאָל נישט צוריקגעקערט צו איר פאַרגאַנגענהייט.

מען האָט אויך געשמועסט, אַז זי איז דעם פּליערס כלה. ער האָט צוגעזאָגט מיט איר חתונה צו האָבן און ער האָט וועגן דעם געשריבן צו זיין משפּחה. מען האָט אַפילו דערציילט, אַז ער האָט זיי געשריבן וועגן איר אָפּשטאַם און טראָץ דעם האָט זיך זיין משפחה נישט קעגנגעשטעלט.

דאָס איז געווען אַן אומגעוויינלעכער ווייַנאַכט־אָוונט. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז, אַחוץ די צוויי דייטשישע אָפיצירן און פרוי מושאָל, די גאַנצע געזעלשאַפט באַשטאַנען פון בלויז ייִדן.

**
*

איך בין צוריקגעפאָרן אין אַנשטאַלט מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטע־רונג און דאָס דאָזיקע געפיל האָט מיך ממש דערשטוינט. איך האָב מיר עס אויסגעטייטשט דערמיט, וואָס צו וווינען אין סולעיוועק איז, לויט מיין מיינונג, געווען געפערלעכער ווי דאָס זיין אין אַנשטאַלט.

כאָטש די געזעלשאַפט פון די צוויי דייטשישע אָפיצירן, מיט וועלכע עס האָט זיך פאַרבונדן די פרוי מושאָל, האָט אַרומגערינגלט די ווילע מיט אַ געוויסער שוץ, האָב איך מיך דאָרט שלעכט געפילט. איך בין קיינמאָל נישט אַרויס ווייטער ווי אין גערטנדל. איינמאָל האָב איך, שפּאַצירנדיק דורך דעם פאַרשנייטן וועג, באַמערקט הינטערן פּלויט עפּעס אַ מאַן, וואָס האָט זיך אויפמערקזאַם צו מיר צוגעקוקט. און איך האָב שוין שפּעטער אויפגעהערט צו שפּאַצירן אַפילו אין גערטנדל. איך האָב מורא געהאַט צו זיין אין סולעיוועק.

ווען כ'בין צוריקגעקומען אין אַנשטאַלט, ווי נאָר כ'האָב געעפנט די טיר צו אונדזער צימער, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין צור־

ריקגעקומען אַהיים. ווייל, צי איז דאָס נישט געווען מיין היים איצט? כ'בין שטיין געבליבן אויפן שוועל און כ'האָב פרייער אָפּגעאָטעמט.

— אַליציאַ! — האָט אַ רוף געטאָן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ. זי האָט גאָרנישט מער געזאָגט, נאָר זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַרויסגעשלעפּט איר רענצל פון אונטערן בעט; זי האָט זיך איינגעגראָבן אין אים און אַרויסגעצויגן צוויי מענער־העמדער: איינס אין שטרייפן, דאָס צווייטע אין קעסטעלעך.

— קוק זיך צו — האָט זי געזאָגט — איך האָב עס באַקומען ווי אַ פּרעזענט פון דער שוועסטער באַגומילאַ. איך וועל פון דעם זיך אויפנייען אַ נאַכטהעמד; וואָס זאָגסטו, אַליציאַ?

זי האָט עס גענייט צוויי טעג. ווען זי האָט עס פאַרענדיקט נייען, האָט זי אָנגעטאָן דאָס העמד און שפּאַצירט איבערן צימער. דאָס העמד האָט געהאַט פון הינטן שטרייפן און פון פאָרנט קעסטעלעך. אָבער דאָס האָט איר גאָרנישט געשטערט.

— דאָס איז נאָך עפּעס אַ פאַרשטאָרבענעם — האָט זי געזאָגט.

אין דער צייט האָט זי שוין אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין אויף דער גאַס, אַלעמאָל אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. און ווען זי האָט זיך בעסער געפילט, האָט זי אַפילו באַזוכט די מומע, ביי וועלכער עס האָט געוווינט איר טאָכטער יאַאַשיאַ.

איינמאָל איז זי אַוועק זייער פרי און זיך נישט באַוויזן דעם גאַנצן טאָג.

— וואָס איז געשען מיט דער פרוי אַננאַ? — האָט יעדע ווײַלע געפרעגט די פּרינצעסין. זי האָט זיך אומרויִק געדרייט אין איר ווינקל, אַרויסגעקוקט אין קאָרידאָר; איינמאָל איז זי אַפילו אַראָפּ פון די טרעפּ און איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אויף דער געפלאַכטענער סאָפקע, אויף וועלכער עס איז געוויינלעך געזעסן דער וויינענדיקער אַלטיטשקער. אָבער דער פראָסט האָט איר דורכגענומען און זי איז צוריקגעקומען אין צימער אַריין.

— פרוי אַננאַ הוליעט מסתמא ערגעץ־ווו — האָט געזאָגט יוזעפינא.

אָבער איך האָב דערפילט אין איר שטים אַן אומרויִקייט. דער טאָג איז געקומען צום סוף. עס איז געווען גרוי און נעפּלדיק — און זי איז

אַלץ געזעסן לעבן פּענצטער אַריבערגעבויגן נידעריק איבער איר געבעט־בוך.

עס איז שוין געווען נאָך זעקס אין אָוונט, ווען אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ איז ענדלעך צוריקגעקומען.

זי האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט, נישט אַראָפּנעמענדיק אַפֿילו דעם מאַנטל. זי איז געווען זייער מיד און מאָדנע געענדערט אויפֿן פּנים.

— ווייסט וואָס עס האָט פּאַסירט, פּרוי יוזעפֿינאַ? די דײַטשן האָבן נעכטן בעת אַ גאַס־געיעג געכאַפּט יאַשיאַן און זי אַוועקגעפֿירט אין פּאַוויאַק אַרײַן. כ׳קום צו דער מומע און זי איז נישטאָ. ווו איז יאַשיאַ? — יאַשיאַ איז נישטאָ. צי קענסטו זיך פֿאָרשטעלן, פּרינצעסין, וואָס איך האָב אָפּגעאַרבעט? איך האָב באַוועגט אַלע ספּרוזשינעס, אַלע! אַלע! און יאַשיאַ איז דאָ, זי איז שוין דאָ צוריק. זי איז געזעסן אין פּאַוויאַק אַ טאָג מיט אַ נאַכט... אָבער איך בין אָפּגעקומען מיט שרעק!

יעדעס מאָל, ווען איך האָב געטראַכט וועגן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַס טעכטער, האָב איך מיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פֿון דעם געפֿיל פֿון אײַפֿערזוכט. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכע אײַפֿערזוכט, דאָס איז גיכער געווען אַ ביטער געפֿיל פֿון באַדויערן, אַז אירע טעכטער קו־מען צו איר, אַז זי קען אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט זיי, אַז זי האָט פֿאַר־בונדן איר לעבן מיט זייערס, און אַז זיי מוזן זיך נישט פֿאַרשטעקן, ווי מײַ־נע קינדער...

איצט האָב איך געזען פֿאַר זיך אַ צעבראָכענע מאַמע, וועלכע האָט שיעור נישט פֿאַרלוירן איר קינד, ווײַל דאָס צוריקקערן זיך פֿון יאַשיאַ איז געווען ממש ווי אַ נס.

אין דעם מאָמענט איז דאָס שוין נישט געווען די אַלמעכטיקע אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ. זי האָט איצט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ סך אַ שוואַ־כערע פֿון יעדער איינער פֿון אונדז.

כ׳בין צו איר צוגעגאַנגען, כ׳האָב אויפֿגעקנעפּלט איר ברוינעם מאַנטל, כ׳האָב אים פֿון איר אַראָפּגענומען און אַרײַנגעהאָנגען אין דער שאַנק אַרײַן. דאָס איז געווען אַלץ וואָס איך האָב געטאָן כדי זי צו טרייסטן.

***

צומאַרגנס זענען צום אַנשטאַלט פאַרפאָרן גרויסע וועגענער מיט אַנטיק־מעבל, בילדער און קאַסטנס מיט אַלטן פאָרצעלאַן. דאָס זענען געווען די זאַכן פון דער גרעפין סאַבאַנסקאַ, די גרינדערין פון אונדזער אַנשטאַלט. זי האָט דאָס אַלץ אַרויסגענומען פון איר גוט, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט אַריינפאַלן אין דייטשישע הענט. זי האָט זיך געטראַכט, אַז ביי אונדז וועלן די זאַכן זיין זיכערער.

מען האָט דעם ווערטפולן אוצר אַוועקגעשטעלט אויף די בוידעמס. מיט אַנווייזונגען ווו און וואָס, האָט זיך פאַרנומען דער פאַרוואַלטער פון דעם אַנשטאַלט, אַן אַלטער אַריסטאָקראַט, וועלכער האָט ביי אונדז גע־וווינט.

דורך לאַנגע שעהן האָט מען געהערט דאָס קלאַפּן פון שווערע שטיוול פון די מענער, וואָס האָבן אַרויפגעטראָגן דאָס מעבל און די קאַסטנס, זייערע אויסרופן און אויסגעשרייען. דערנאָך איז אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען צו פאָרן די גרעפין סאַבאַנסקאַ. דאָס איז געווען אַ הויכע און מאָגערע פרוי פון איבער זעכציק יאָר. צו דער תפילה אין דער קירך האָבן זי אַריינגעפירט, אָפּגעבנדיק איר כבוד, די הויפּט־שוועסטער און די שוועסטער־פאַרוואַלטערין. זי האָט זיך אַוועק־געזעצט לעבן דער פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ. איך האָב אויף איר געקוקט פון דערווייטנס. אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ איז דעם טאָג אויך געקומען צום גאָטעסדינסט.

***

— הער מיך אויס, אַליציאַ, — האָט צו מיר געזאָגט אַננאַ ביאַל־קאָווסקאַ, שמייכלענדיק חנעוודיק אויף איר אייגנאַרטיקן אופן — איך האָב אַ באַקאַנטן, מאַריאַן. ער איז אַלט 36 יאָר, שיין און עלעגאַנט. ער וויל חתונה האָבן מיט יאַאַשיאַ, דו קענסט זי דאָך, אַליציאַ — זי איז אַן אמת קעלבל. און פאַרוואָס וויל דער מאַריאַן, פונקט איצט, אין אַזעלכע שרעקלעכע צייטן, חתונה האָבן און דאָס דווקא מיט יאַאַשיאַ? — ווייל עס איז אים עפּעס איינגעפאַלן אין קאָפּ אַריין: ער וויל האָבן אַ קינד. קאָנסטו דאָס פאַרשטיין? און ווער וואָלט עס אין אַזעלכע צייטן געוואָלט איינגיין אויף דעם? — טאַקע יאַאַשיאַ, וועלכע איז אַ שטילע און אַ גע־

לאָסענע... און כ׳וועל דיר נאָך עפּעס פאַרטרויען: ער איז אַ פראַנקיסט — ער האָט אין זיך ייִדיש בלוט. דערביי איז ער אַ פּראַקטיצירנדיקער — ער איז אַ זעלאַנט, ווי זאַוואַדזקאַ און ער איז באַפריינדעט מיטן ביסקופּ. צי באַווייזט דאָס נישט אויך, אַז ער האָט אין זיך ייִדיש בלוט? וועסט אים נאָך היינט זען, ווייל ער קומט צו מיר אַהער.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז דורכגעגאַנגען דעם צימער אָן אַ שטעקן. זי האָט זיך געוואָלט איבערצייגן צי זי וועט קענען גיין אָן דעם שטעקן. דערנאָך האָט זי זיך ווידער אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן אויפצו־וויקלען די וואָל פון אַ קנויל.

— עס איז דאָ נאָך אַ זאַך, וואָס מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט — האָט זי ווייטער געזאָגט — איך בין אָן אַ גראָשן געלט און ער איז אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש. יאַאַשיאַ קען נישט שווער אַרבעטן, אַפילו לייכט אויך נישט... יאַאַשיאַ דאַרף האָבן עמעצן, וואָס זאָל אויף איר אַכ־טונג געבן, זי איז אַזוי אָנעמיש און פויל. נישט לאַנג צוריק איז זי געווען מיט דער מומע ביי אַ דאָקטאָר. ער האָט איר געהייסן עסן יעדן טאָג זעקס ציבעלעס. זי וועט שטינקען מיט ציבעלע ווי אַ ייִד...

זי האָט אויפגעהויבן דאָס קלייד, אַרונטערגערוקט דעם זאָק, געכאַפּט אַ פלוי, זי אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער — נישט איבעררייסנדיק אויף אַ מאָמענט דאָס ריידן.

— איך דערצייל דיר וועגן מיינע פאַרבאָרגענע דאגות און דו — גאָרנישט. אַפילו דער פּרינצעסין וואָלט איך וועגן דעם נישט דערציילט און דו — גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט.

פינף אַזייגער פאַרנאַכט איז געקומען מאַריאַן.

— דאָס איז פּרוי אַליציאַ מאַיעווסקאַ — האָט זי מיך פאַר אים פאַרגעשטעלט.

ער האָט זיך פאַרנייגט און מיר אַ קוש געטאָן אין האַנט. דאָס איז געווען אַ הערלעך־שיינער מאַן מיט עלעגאַנטע מאַנירן. דערביי האָט ער געהאַט אַ גרויסאַרטיקן קאָפּ.

נאָך אַ ווײַלע בין איך אַרויס פון צימער און איך האָב זיי איבער־געלאָזט אַליין.

— ער וויל גלייך חתונה האָבן — האָט צו מיר געזאָגט ביינאַכט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ. — ער האָט נישט קיין צייט אויף צערעמאָניעס. ער

באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי, אַליציאַ, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שטילן קול.

קיינער איז נישט געווען אין צימער, אָבער זי האָט מיר דאָס געזאָגט גאָר שטיל.

פּלוצלינג האָט זיך אָן אַ קלאַפּ געעפנט די טיר און עס האָט אַריינגעבליקט אין צימער אַריין די שוועסטער באַגומילאַ. זי האָט אַ ווונק געטאָן צו אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ, וועלכע איז גלייך צו איר אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר.

עס זענען נישט פאַרביי קיין צען מינוט און זי איז שוין געווען צוריק. זי האָט זיך געקאַטשעט גייענדיק, ווייל זי האָט זיך נישט אָנגעלענט אויף אַ שטעקן — דעם שטעקן האָט זי געהאַלטן פאַרקערט — ווי אַ סצעפּטער.

— איך וויל, אַליציאַ! — האָט זי גערופן לאַכנדיק — איך וויל, אַליציאַ!

כ'בין בלאַס געוואָרן. ס'בלוט איז מיר אַנטרינען געוואָרן. צוגעוווינט צו שלעכטע קאָרטן, האָב איך נישט דערוואַרט קיין שום גוטס.

***

אויפן דריטן שטאָק פון אונדזער אַנשטאַלט, גראַד איבער דעם קירכן־צימער, זענען געווען צוויי קליינע צימערלעך. אין איינעם האָט געוווינט אַ פרוי, וואָס איז געווען קראַנק אויף אַן אונטערהויטיקע פאַרלייזונג. דאָס איז געווען אַזאַ אָריענטאַלישע קראַנקייט, וועלכע מען האָט ביי אונדז נישט געקענט היילן.

זי איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון די שוועסטער שוין צען יאָר צייט. אין דעם צימערל האָט מען זי געבראַכט פון דער שוסטעגאָ־שיער־פּניאַ גאַס, ווו עס איז פריִער געהאַט געווען אונדזער אַנשטאַלט. זי האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט איר צימער און קיינער אַחוץ די נאָנעס האָט נישט געזען איר פּנים.

און פּלוצלינג האָט איר משפחה צוגענומען די פרוי צו זיך און איר צימער איז געבליבן שטיין ליידיק. די הויפּט־שוועסטער באַגומילאַ, וועלכע איז געווען זייער באַפריינדעט מיט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ, האָט איר גלייך געלאָזט וועגן דעם וויסן.

— עס איז דאָ אַ צימער — האָט זי געזאָגט — אַ פרייער צימער אויפן דריטן שטאָק, מיט אַ קליינעם קאָרידאָר, אין וועלכן עס שטייט אַ שאַנק און אַ בענקל מיט דער שיסל. אָבער אַליין קענט איר דאָרט נישט וווינען, איר מוזט זיך אויסקלייבן עמעצן.

ביאַלקאָווסקאַ איז גלייך געגאַנגען אָנקוקן דאָס צימער. זי האָט געעפנט די שאַנק און אַריינגעקוקט אינעווייניק; געעפנט דאָס פענצטער, אויסגעפרווט מיט דער האַנט די ספּרוזשינעס פונעם לענשטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט. אַלץ איז איר געפעלן געוואָרן.

— וועמען קלויבט איר אויס פאַר אַ שכנטע? — האָט געפרעגט די שוועסטער באַגומילאַ.

— אַליציאַ מאַיעווסקאַ — האָט ביאַלקאָווסקאַ געענטפערט.

***

אויפן קאָרידאָר האָב איך געטראָפן די מעכאָוואַ און כ׳האָב איר געזאָגט שטיל:

— איך ציִ מיך איבער; וואָס וועט זיין מיטן רענצל?

זי האָט זיך דערשראָקן; זי האָט געמיינט, אַז איך פאַרלאָז דעם אַנשטאַלט.

— איך ציִ מיך אַריבער אויפן דריטן שטאָק. אפשר אייך אָפּגעבן דאָס רענצל?

— ניין, פּרוי מאַיעווסקאַ, איך בעט אייך, זאָל עס נאָך זיין ביי אייך.

איך האָב מיטגענומען מעכאָוואָס רענצל און כ׳האָב עס אַוועקגעשטעלט אויף דער שאַנק אין פינצטערן קאָרידאָר.

אַלץ איז געשען בליץ־שנעל. וויקציאַ, די באַדינערין, האָט צוגערוימט דאָס צימערל און אין פופצן מינוט אַרום זענען מיר שוין געווען אַריבערגעצויגן.

— אַליציאַ — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — איך בין אַנטציקט מיט אונדזער צימער. דו ווייסט דאָך, אַז די נאָנעס דערלויבן נישט צו קאָכן אויף מאַשינקעס, און זיי זענען גערעכט, ווייל עפּעס אַן אַלטע באַבע וואָלט נאָך געקענט אונטערצינדן דאָס הויז — אָבער ווער וועט אונדז קאָנטראָלירן? מיר וועלן זיך אויסקאָמבינירן אַן עלעקטריש אייוועלע און מיר וועלן קאָכן און פרעגלען וואָס מיר וועלן נאָר וועלן. איך

פיל מיך אַזוי, ווי כ׳וואָלט געווען ראָבינזאָן קרוזאָ. אָבער דו בענקסט שוין מסתמא נאָך דער פרינצעסין און נאָך יוזעפינאָן, איך קען דיך!

זי איז אַריין אין קיך און האָט געזאָגט צו דער שוועסטער גענציאַנאַ:

— שוועסטער, גיב נאָר אַ זון אין דיין מיסטקאַסטן. איך דאַרף האָבן עפּעס אַן אַלט עלעקטריש אייוועלע נאָך אַ פאַרשטאַרבענעם. און — אַ פאַן, אַ געוויינלעכע פאַן, וואָס מען פרעגלט אויף איר.

אַ טריומפירנדיקע האָט זי געבראַכט דיביידע זאַכן. זי האָט גלייך אַריינגעהאַקט אַ טשוואָק אין דער וואַנט פון קאָרידאָר און אויפגעהאָנגען די פאַן. דאָס אייוועלע האָט זי אַוועקגעשטעלט אויפן טישל צווישן די בעטן. די בעטן זענען געשטאַנען לעבן דער וואַנט; איר בעט ביים פענצטער און מיין בעט ביי דער טיר.

דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אויף דער לענשטול פון דער פרוי וואָס האָט געהאַט לייז אונטער דער הויט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— אָ, ווי איך קען דיך, אַליציאַ. איך גיב מיין קאָפּ, אַז דו וועסט זיך קיינמאָל נישט אַוועקזעצן אויף דער שטול. דו מיאוסט זיך און איך פיל מיך ווי איך וואָלט געזעסן אויפן טראָן. ווייל אין ראַווענסבריק בין איך געזעסן אויף דרעק — דערפאַר איז עס אַזוי.

זי האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטיקל גריכישן טיול, אפשר אַ מעטער די לענג, פון אַמאַראַנט־קאָליר, און זי האָט עס אויסגעשפּרייט אויף אירע קני.

— דאָס האָב איך אויך באַקומען פון דער שוועסטער גענציאַנאַ — האָט זי געזאָגט — עפּעס אַ צעדרייטע אַלטע האָט געגומען און אָפּגעפאַרבט אַזאַ שיינעם טיול אויף אַזאַ משונהדיקן קאָליר. וואָס וואָלט מען געקענט פון דעם אויפנייען, אַליציאַ?

— ווען נישט דער אַמאַראַנט־רויטער קאָליר, וואָלט איך געקענט צושניידן ביוסט־האַלטערס פאַר יאָאַשיאַ. איך האָב אַפילו אין מיין רענצל אַ פאָרם צו קאָפּירן.

— אָ, שנייד צו, איך בעט דיך — האָט זי אויסגערופן — זאָל עס יאָאַשיאַ האָבן צו איר אויסשטייער. זי וועט דאָך מער גאָרנישט האָבן. איך האָב אויסגעשפּרייט דעם טיול אויפן טיש און צוגעשניטן לויט

דעם פֿאָרם, פֿיר ביוסט־האַלטערס. צומאָרגנס האָט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ זיך געבאָרגט בײַ איר באַקאַנטע אַ האַנט־נײַמאַשין.

— דאָס לייגט זיך זייער גוט צונויף! — האָט זי אויסגערופֿן אַן אַנטציקטע, צונויפֿפּנײַענדיק די טיילן — ווי פֿעיִק דו ביסט, אַליציאַ!

דאָס גאַנצע איבערציִען זיך, דער גאַנצער פּראָצעס, אַזאַ פּלוצימדיקער, אַזאַ אומדערוואַרטעטער — האָט געמאַכט אויף מיר אַ גרויסן אײַנדרוק. איך בין געווען איבעראַשט. עס האָט מיך נישט געוווּנדערט, וואָס מען האָט מיך אַריבערגעצויגן, נישט פֿרעגנדיק זיך בײַ מיר. כ׳האָב געוווּסט אַז דאָס איז שוין אַזאַ מינהג אין ד׳עם אַנשטאַלט. צי האָט מען דען געפֿרעגט אַ דעה בײַ קאַראַלינאַ שטוטשקע און אַפֿילו בײַ דער פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ?

אָבער פֿאַרוואָס האָט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ מיך אויסגעקליבן און נישט קיין אַנדערע? פֿאַרוואָס נישט די רוזיִקע און פֿאָרנעמע פּרינצעסין, וועלכע זי האָט אויפֿריכטיק ליב געהאַט?

וואָס שייך יוזעפֿינאַ, האָט זי נישט געהאַט אין דעם פֿאַל קיין שום שאַנסן. אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט פֿיינט געהאַט פֿאַנאַטיש־רעליגיעזע מענטשן. דאָס, וואָס זי האָט מיך גראָד אויסגעקליבן, האָב איך מיר פֿאַרטײַטשט דערמיט, וואָס איך בין געווען ייִנגער פֿון אַנדערע.

זי האָט פֿיינט געהאַט נישט נאָר פֿאַנאַטיש־רעליגיעזע, זי האָט אויך נישט ליב געהאַט קיין אַלטע מענטשן. די פֿרויען פֿון אונדזער קאָרידאָר האָט זי גערופֿן „אַלטע באַבעס" און די פֿרויען פֿון אַנדערע קאָרידאָרן — „אַלטע כאַלערעס". אין איר באַגריף איז יעדע אַלטע פֿרוי געווען דורכגעטריבן און כיטרע; פֿול מיט איבערגעשפּיצטקייט און בייזקייט, וואָס זי האָט אָנגעזאַמלט דורכן לאַנגן לעבן — און נאָך פֿאַרשטאַרקט צוליב די ליידן אויף די עלטערע יאָרן. די כאַראַקטער־שטריכן האָבן זיי באַהאַלטן הינטער דעם צעקנייטשטן שטערן און אפֿשר נאָך טיפֿער — הינטער די אויסגעלאָשענע אויגן.

זי האָט געעצהט צו היטן זיך פֿאַר די אַלטע כאַלערעס. דער בעסטער באַווײַז איז, ווי אַזוי די אַלטע פּאַקולסקאַ האָט שיעור נישט אומגעבראַכט די זעלאַנטין זאַוואַדזקאַ...

אַפֿילו פֿאַר ווירדיקע עלטערע פֿרויען האָט זי אויך נישט געהאַט קיין ברעקל רעספּעקט. זי פֿלעגט זאָגן, אַז זיי זענען „צעדרייטע", אַז יע־

דע פון זיי האָט אַן „איבערגעדרייטן מוח“. דער בעסטער באַווייז איז, אַז אַן אַלטע נעמט און פאַרבט אויף אַמאַראַנט־קאָליר אַזאַ פּרעכטיק שטיק טיול און דערפאַר וועט די אָרעמע יאַאַשיאַ האָבן אַזעלכע אויסטערלישע ביוסט־האַלטערס צום אויסשטייער.

נישט קוקנדיק אויף אַלע אומשטענדן, האָב איך מיך געפילט ווי אַ שולדיקע לגבי דער פּרינצעסין און יוזעפינאַ.

ווען איך בין אַריין אין דעם צימער נאָך עפּעס אַ קלייניקייט, איז יוזעפינאַ געלעגן אַן אויסגעדרייטע מיט איר פּנים צו דער וואַנט, זי האָט אַפילו נישט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף מיר. איך האָב געוווסט, אַז זי ליידט.

דאָס צעשיידן זיך מיט דער פּרינצעסין האָט מיר פאַרשאַפט אַ ספּעציעלן עגמת־נפש. עס וועלן מיר שטאַרק פעלן די שטילע שמועסן, וועלכע מיר האָבן געפירט, ליגנדיק אין די בעטן קעגנאיבער זיך, דעמאָלט ווען יענע צוויי זענען שוין געשלאָפן. זי איז געווען אין דעם זעלבן עלטער וואָס מיין מוטער, וועלכע איך האָב אין געטאָ פאַרלוירן. און זי האָט געהאַט מוט צו פאַרטיידיקן ייִדן אין יענעם נישט פאַרגעסלעכן אָוונט. נישט איינמאָל האָט זיך מיר געגלוסט אָנצונעמען אין מיינע ביידע הענט איר צעווייטיקטן קאָפּ און איר אַריינשעפּטשען אין אויער מיין סוד, וועלכן איך האָב אַזוי שטרענג אָפּגעהיט פאַר דער גאַנצער וועלט.

***

אין יאַאַשיאַס חתונה־טאָג איז אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ אויפגעשטאַנען אַ סך פריִער ווי געוויינלעך. האָט זיך אָנגעטאָן, פיין צוגעקעמט און אָפּגעפּרעגלט צום פרישטיק צוויי דין־צעשניטענע ציבעלעס.

— ווייסט, אַליציאַ, — האָט זי געזאָגט צו מיר — זינט דער דאָקטאָר האָט באַפוילן יאַאַשיאַן צו עסן זעקס ציבעלעס אַ טאָג, הער איך נישט אויף צו טראַכטן וועגן ציבעלעס. איך האָב נישט פאַר דיר קיין סודות: כ׳האָב געקויפט די ציבעלעס אין געוועלבל. מיר האָבן צוויי טירן; צוויי טירן טיילן אונדז אָפּ פון קאָרידאָר — מעגן מיר גאַנץ דרייסט פּרעגלען ציבעלעס.

זי איז געשטאַנען לעבן דעם עלעקטרישן אייוועלע, צוהאַלטנדיק די פאַן מיט איין האַנט און אין דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ הילצערנעם לעפל צו מישן די ציבעלעס.

געטריבן פון אַן אימפּולס, פון וועלכן איך האָב מיר נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, בין איך צוגעגאַנגען נאָענט צו איר און איך האָב אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף איר אַקסל.

— איך ווינטש יאַשיאַן גליק, ווי אַן אייגענער טאָכטער — האָב איך געזאָגט.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ; איך האָב געזען אַז זי איז געווען טיף גערירט. מיר זענען אַזוי געשטאַנען דורך אַ ווײַלע נאָענט לעבן זיך. איך האָב געזען פון איר שמייכל, פון דעם אופן ווי זי האָט געקוקט אויף מיר, אַז זי איז צופרידן פון מיין ברכה.

— הער, אַליציאַ, רוף מיך ביי מיין ערשטן נאָמען, רוף מיך נונאַ. יעדער רופט מיך אַזוי, איך בעט דיך!

כ'האָב געשוויגן. כ'האָב מורא געהאַט פאַר דער אינטימקייט. טראָץ אַלעמען, איז זי געווען אַ געפערלעכע פרוי. כ'האָב מיר געטראַכט: און ווען איך וואָלט דיר אַנפאַרטרויט אַז איך בין אַ ייִדישע — וואָס וואָלסטו דעמאָלט געזאָגט?

אין דעם מאָמענט איז זי געווען פריינטלעך געשטימט צו מיר. אָבער ווען זי וואָלט געוווסט מיין סוד, ווי אַזוי וואָלט זי דעמאָלט רעאַגירט?

זי האָט געוואַרט. זעענדיק אַז איך שווייג, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איך גיי נישט איין, אַז מיין האַרציקע רעאַקציע וועט זיך נישט איבער־חזרן, אַז איך וועל מיך ווידער צוריקציִען צו מיינע געדאַנקען, צו וועלכע זי וועט נישט האָבן קיין שום צוטריט.

***

שפּעט אין אָוונט, ווען מיר זענען שוין געלעגן אין די בעטן, האָט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ גערן געשמועסט. אין מיר האָט זי געהאַט אַ גוטע צוהערערין, ווייל איך האָב זיך מיט איר קיינמאָל נישט געשפּאַרט.

אָפט האָט זי פאַרטשעפּעט ייִדישע טעמעס און איך האָב דעמאָלט נישט געוווסט צי האָט זי גערעדט דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט אַ חשד, אָדער פאַרקערט, אַז זי האָט אין באַצוג צו מיר קיין שום חשד נישט גע־האַט.

איינמאָל האָט זי זיך גאָר ברייט פונאַנדערגערעדט וועגן אַ סך

אַריסטאָקראַטישע, גרעפישע משפחות אין פוילן, וועמענס בלוט איז גע־וועז געמישט מיט יידיש. זי האָט אַפילו אויסגערעכנט זייערע נעמען.

— דו האָסט קיין אַנונג נישט וויפל גרעפישע משפחות זענען גע־מישט מיט יידן...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי פּלוצלינג אָנגעהויבן צו ריידן וועגן מיר:

— איך טראַכט וועגן דעם, אַליציאַ, אַז דו וואָלסט בשום אופן נישט געקענט זיין קיין יידישע. דו ביסט נישט קיין פּראַקטישע, דו האָסט נישט קיין לעבנס־כיטרעקייט; יעדער קען דאָך מיט דיר טאָן, וואָס ער וויל! אַ, יידישע פרויען זענען נישט אַזעלכע...

און זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. אפשר האָט זי געוואַרט אויף מיינס אַ וואָרט, אויף עפּעס אַ ווידערשפּרוך? היות זי האָט געזאָגט: „דו וואָלסט נישט געקענט זיין קיין יידישע", האָט זי וואַרשיינלעך וועגן דעם געטראַכט. עס זענען געווען מאָמענטן, ווען זי איז מיך חושד גע־ווען, אַז איך בין יאָ אַ יידישע און זי האָט געזוכט אין מיר יענע כאַראַק־טעריסטישע יידישע שטריכן. זי האָט זיי נישט געפונען, האָט זי אַלזאָ איר טעאָריע אַנולירט.

„דו וואָלסט נישט געקענט זיין"... — איז דען נישט געווען קיין פראַגע אין די ווערטער, אַז איך זאָל פּראָטעסטירן? קיין סיבה איך זאָל אָפּאָנירן?

זי האָט מסתמא געוואָלט דערהערן: וואָס? איך — אַ יידישע? וואָס איז אייך איינגעפאַלן? אָבער איך האָב געהאַט אַ צונויפגעדריקטן האַלדז און כ'האָב מיך נישט אָפּגערופן מיט קיין איין וואָרט.

— אַליציאַ! ווייסטו וואָס עס טוען אונדזערע פּאַרטיזאַנער, די „יענד־רושעס" אונדזערע, ווייסטו וואָס זיי טוען? ווען עס געלינגט זיי צו כאַפּן אַן אָפּטיילונג פון יידן, און זיי האָבן אַמאָל געכאַפּט פיר הונדערט יידן אין די שטיין־ברוכן ביי בוסק, גיבן זיי איבער די יידן צו די דייטשן. עס גייט אַרויס אַ „יענדרוש" פון וואַלד — אַ דייטשישער אָפיציר קומט אַנט־קעגן און די אָפּטיילונג מיט די יידן ווערט איבערגעגעבן צו די דייטשן. דער דייטשישער אָפיציר סאַלוטירט — „יענדרוש" סאַלוטירט און גייט צוריק אין וואַלד אַריין...

ווי כיטרע, ווי דורכגעטריבן זי נעמט זיך צו מיר, האָב איך גע־טראַכט.

כ׳האָב נישט געזאָגט צו די „יענדרושעס" האַנדלען גוט אָדער שלעכט. עס האָט מיך געשטיקט אין האַלדז און קיין שום וואָרט האָט נישט גע־קענט דורך מיין האַלדז דורכגיין. איך האָב מיך דערמאָנט וועגן זאָפיאַ לאָזיעוויטש. וואָס פאַראַ דרייסטקייט האָט די פרוי געהאָט. זי וואָלט מיט דער גאַנצער זיכערקייט געזאָגט, זייענדיק אויף מיין אָרט: „גוט אַזוי, איך קען נאָר באַגריסן אַזאַ טאַט".

— אַליציאַ, מען זאָגט אַז הונדערט טויזנט יידן באַהאַלטן זיך אויס בלויז אין וואַרשע. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן זיי אַרויסקריכן פון די באַהעלטענישן און וועלן אויסשעכטן אַלע פאַלאַקן.

כ׳שמייכל אין דער פינצטער מיט אַ געפיל פון מיטלייד. ווען די ווערטער וואָלטן געזאָגט וויקטשיאַ אָדער מיכאַלינקאַ, די דינסטמיידלעך פון אונדזער אַנשטאַלט, וואָלט מען דאָס נאָך געקענט פאַרשטיין, אָבער אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ! — דאָס איז דאָך אוממעגלעך צו פאַרשטיין...

און דאָך האָט זי אַזוי גערעדט און אַליציאַ מאַיעווסקאַ האָט גע־הערט די ווערטער און זיי אויפגענומען מיט שווייגן.

***

צומאָרגנס נאָך דעם שמועס, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דעם גאָטעסדינסט צו אונדז אין צימער, האָב איך דערזען עפּעס אַ פרעמדע פרוי. דאָס איז געווען אַ מאָגערע בלאָנדע פרוי פון אַ יאָר דרייסיק. זי האָט געהאַט אַ פאַרוויינט פנים.

זי איז געזעסן אויף דער לענשטול, ווו עס פלעגט זיצן די קראַנקע פרוי מיט דער אונטערהויטיקער פאַרלייזונג. אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ איז גע־זעסן אויף אַ שטול לעבן איר.

— דאָס איז פריילין לעוואַנדאָווסקאַ — האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר מיר און צו איר: — דאָס איז פרוי מאַיעווסקאַ.

ווען פריילין לעוואַנדאָווסקאַ האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגע־גאַנגען, האָט צו מיר געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ:

— צי ווייסטו נישט וועגן עפּעס אַ דירה פאַר מאַרישיאַ לאַנדאַו? דאָס איז איר לערערין. מען האָט דערהרגעט מאַרישאַס עלטערן אין עפּעס

אַ פאַרשטאַט, ווען זי אַליין איז געווען אין וואַרשע. זי האָט וועגן גאָרנישט געוווּסט. ווען זי איז צוריקגעקומען צו זיי, האָט מען איר וועגן דעם דער־ציילט. זי איז ווידער געפאָרן קיין וואַרשע און איז אַוועק צו דער פריילין לעוואַנדאָווסקאַ. איך קען די מאַרישיאַ, דאָס איז אַזאַ פיין קינד, זי איז אַלט צוואַנציק יאָר. מען מוז דורכויס געפינען פאַר איר אַ דירה.

טרערן זענען געפלאָסן איבער איר פּנים; זי האָט זיי אָפּגעווישט מיט דער האַנט.

— איך ווייס נישט וועגן קיין שום פרייער דירה — האָב איך גע־זאָגט.

כ׳בין בלאַס געוואָרן. כ׳בין געשטאַנען פאַר איר אין מאַנטל מיטן הוט, אַן אויפגעטרייסלטע, נישט ווייסנדיק צוליב וואָס מער: צי פון אירע טרערן, צי פון איר דערציילונג.

— זעץ דיך אַוועק, אַליציאַ. פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלאַס געוואָרן? איך קען דאָס מיידל און אירע עלטערן האָב איך אויך געקענט. איך גיי שוין. איך מוז איר שאַפן אַ דירה, אַפילו פון אונטער דער ערד.

זי האָט זיך אַ דריי געטאָן איבערן צימער, אָנגעטאָן דעם מאַנטל, אַרומגעוויקלט איר האַלדז מיט אַ פאַטשיילע, אָנגעשפאַרט זיך אויפן שטעקן און איז אַוועק.

אין עטלעכע שעה אַרום איז זי צוריקגעקומען:

— איך האָב געפונען! — האָט זי אויסגערופן אַ צעשטראַלטע — און כ׳האָב שוין צו וויסן געגעבן דער לעוואַנדאָווסקאַ.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און זיך פאַרטראַכט.

— דו דאַרפסט וויסן — האָט זי געזאָגט נאָך אַ ווײַלע — אַז פריי־לין לעוואַנדאָווסקאַ איז אַ פראַנקיסטין, פּונקט ווי מאַריאַן. זי האָט אין זיך יידיש בלוט. אפשר דערפאַר האָט זי זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרץ דעם ענין מיט מאַרישיאַ לאַנדאַו.

אָבער דו — האָט איך געטראַכט — דו האָסט נישט קיין יידיש בלוט און דאָך ביסטו מיט קראַנקע פיס אַרומגעלאָפן אַזוי פיל שעהן איבער דער שטאָט, כדי צו געפינען אַ צימער פאַר דעם מיידל...

זי איז אַרויפגעגאַנגען און אַראָפּגעגאַנגען פון טרעפּ, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן און שטעלנדיק פאָרזיכטיק די טריט אויף דער גליטשיקער גאַס.

און דאָס אַלץ צוליב אַ יידיש קינד, אַ קינד פון יידן, וועלכע זי האָט אַזוי געהאַסט און פאַראַכטעט.

און איך האָב מיר נאָך עפּעס געטראַכט, אַרומגעכאַפּט מיט פּלוצימדיקע געפילן: ווער ווייסט? אפשר וואָלט זי מיט מיר אויך אַזוי געהאַנדלט?

פון דעם טאָג אָן האָב איך אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ.

***

די ערשטע וואָס איז געקומען צו אונדז מיט אַ באַזוך איז געווען די פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ.

כאָטש זי האָט געוווינט מיט איין שטאָק נידעריקער, איז זי געקומען אָנגעטאָן אין אַ הוט. אין דעם זעלביקן פילצענעם הוט וואָס זי האָט געוויינלעך געטראָגן, מיט אַ שוואַרצער קורצער וואָלקע, וואָס האָט צוגעדעקט אַ העלפט פון איר פּנים.

אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט זי אויפגענומען בכבודיק, צעשפּרייטנדיק ברייט די הענט און קאָטשענדיק זיך אויף די פיס — האָט זי זי אַוועקגעזעצט אויפן לענשטול.

מיר האָבן שוין צען טעג געוווינט אין אונדזער נייעם צימער און איך האָב נאָך אַלץ נישט געקענט זיך אַרויסשלאָגן פון געדאַנק די פריערדיקע איינוווינערין. כ'האָב נאָך אַלץ געקוקט מיט אומצוטרוי אויף די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע, אויף יעדן שטיקל מעבל, אַפילו אויף די שויבן פון פענצטער. אויף דעם לענשטול האָט איך מיך קיינמאָל נישט אַוועקגעזעצט — און איצט ווען די פּרינצעסין האָט זיך אויף אים אַוועקגעזעצט, האָב איך געהאַט געוויסן־ביסן, עפּעס אַן אומאָנגענעם געפיל, אַז מיר האָבן אָפּגעטאָן אַ בייזוויליקן שפּאַס.

— אַליציאַ, זע נאָר זע, די פּרינצעסין איז צו אונדז געקומען. דאָס איז זייער שיין פון איר זייט. איצט וועלן מיר דערוואַרטן ווייטערדיקע באַזוכן: פריילין סאָקאָלאָווסקאַ, פרוי זאַוואַדזקאַ, פרוי יוזעפינאַ...

— איך וויל שוין נישט מיט פרוי יוזעפינאַ — האָט געזאָגט די פּרינצעסין — מען האָט מיך שוין היינט אַריבערגעטראָגן ערגעץ אַנדערש.

— ווהין? מיט וועמען וווינט די פּרינצעסין?

— איך וווין מיט דער פרוי מאַקאָווסקאַ און מיט נאָך צוויי פרויען. צוזאַמען זענען מיר פיר אין קאָרידאָר פון דער שוועסטער גערמאַנאַ.

זיצנדיק אַזוי לעבן דער פּרינצעסין און קוקנדיק אויף איר, האָב איך גלייכצייטיק געטראַכט: צי גיט זיך אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ אָפּ אַ חשבון פון דער קריוודע וואָס זי איז באַגאַנגען לגבי דער פּרינצעסין און פרוי יוזעפינאַ?

זי האָט צעשטערט די האַרמאָניע, וואָס האָט געהערשט אין יענעם צימער און עס איז קיין שום צווייפל נישט געווען, אַז דיביידע פרויען זענען באַעוולהט געוואָרן.

איך האָב נישט געקענט די, וועלכע מען האָט גענומען אויף אונ־דזער אָרט, מעגלעך אַז דאָס זענען געווען אומבאַקאַנטע פרויען פון דער שטאָט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די נאַנעס האָבן וואַרשיינלעך דערפילט די אַנטיפּאַטיע פון דער פרוי יוזעפינאַ צו דער פּרינצעסין, דערפאַר האָבן זיי זי אַריבערגעפירט צו דער עלעגאַנטער מאַקאָווסקאַ. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס וועט זיין די געהעריקע געזעלשאַפט פאַר דער פּרינצעסין.

יוזעפינאַ האָט פאַרלוירן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ, פאַר וועלכער זי האָט, וואָס אַן אמת, מורא געהאַט — אָבער ביידע האָבן זיי געשטאַמט פון דעם זעלביקן שיכט, ביידע האָבן זיי געהאַט די זעלביקע פּאָליטישע אָנשוי־אונגען און, מ׳זאָל אַזוי אַ גוטן זוך טאָן, האָבן זיי געהאַט די זעלבע קרוי־בים. זי האָט אויך פאַרלוירן מיך, מאַיעווסקאַ, לגבי וועלכער זי האָט גע־האַט פריינטלעכע געפילן. מען האָט געקענט דערקענען אין אירע אויגן, אַז זי איז אַן איינזאַמע און הונגעריקע נשמה, וואָס גאַרט נאָך אַביסל וואַרעמקייט, ווי אַ דורשטיקער באַגערט וואַסער.

און די פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ?

— אָבער דערפאַר וועט די פּרינצעסין האָבן צוויי טריט צו דער פריילין סאָקאָלאָווסקאַ, וועלכע וווינט אין דעם זעלביקן קאָרידאָר! דאָס איז אַזאַ וווּנדערבאַרע פרוי — האָט געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ כדי זי צו טרייסטן.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן, הערנדיק די ווערטער.

— אַליס! — האָט זי געזאָגט און אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט, וואָס זי האָט גלייך צוריקגעצויגן. זי איז געווען קאַרג אַרויסצווייזן אירע עמאָציעס. זי איז געווען אַזאַ געזעצטער מענטש ווי אַ גוט אָנגעשטעלטער פּרעציזער מעכאַניזם. און אַזוי האָט זי געוואָלט בלייבן ביזן סוף.

אָבער זיצנדיק לעבן איר, נאָענט פון אירע קני, און קוקנדיק אויף

די קנײטשן אונטער אירע אויגן און אויף איר האַנט, וואָס זי האָט צוריק־געצויגן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר טאַקע אין דעם מאָמענט האָט זי שיעור נישט פאַרלוירן איר גלײכגעוויכט.

נאָך דער פּרינצעסין איז צו אונדז געקומען מאַריאַ זאַוואַדזקאַ. פּונקט ווי פריִער די פּרינצעסין, האָט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ זי אָוועקגעזעצט אויף דעם לענשטול פון דער קראַנקער, וואָס האָט דאָ פריִער געוווינט.

זאַוואַדזקאַ האָט געטראָגן אַ הוט אויפן קאָפּ און אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ גרויסן בײטל, ווײל נאָך דעם וויזיט ביי אונדז, האָט זי זיך געקליבן צו גײן אין שטאָט כדי אײנצוקויפן פאַרשײדענע קלײני־קײטן פאַר די שוווער־קראַנקע. זי האָט נאָך כסדר אָפּגעהיט די קריסטלע־כע פליכטן. דער אינצידענט מיט פּיקולסקאַ איז פאַרגעסן געוואָרן. זי האָט זיך געפילט פרײ, זי האָט געלאַכט און ווײל זי האָט שלעכט געהערט אויף אײן אויער, האָט זי גערעדט זײער הויך. נאָך איר אַוועקגײן האָט זיך אָפּגערופן אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ:

— אויב דו ווילסט פרעגן ביי מיר אַ מײנונג, אַליציאַ, וועל איך דיר זאָגן, אַז אַזעלכע פרומע פרויען זענען אין מײנע אויגן זײער פאַרדעכ־טיק. די נאָנעס האָבן זײ פײנט, ווײל זײ קריכן אַרײן אין זײער געביט, אין דער טעריטאָריע פון זײער הערשאַפט. די נאָנעס האָבן פײנט ווען עמעצער איז פרומער פון זײ. אַלץ דאַרף האָבן אַ גרענעץ און מען דאַרף נישט איבערטרײבן...

נאָך דער זאַוואַדזקאַ איז געקומען קאָוואַלסקאַ און לאַווירנדיק אין אונדזער ענגן צימערל צווישן דעם בענקל און טישל, האָט זי פּונקט אַזוי ווי אַלע אונדזערע געסט, ענדלעך געאַנקערט אויפן פאַראַרעמטן לענשטול.

— איר האָט אַן אָנגענעם צימערל — האָט זי געזאָגט אַרײנקומענ־דיק.

ביאַלקאָווסקאַ ענטפערט איר:

— איר האָט זיך אויך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן, פרוי קאָוואַלס־קאַ, איר מיט דער טרעפּערקע זענט אין אײער צימער אין צווײען.

— יאָ, אָבער דאָס איז נישט דאָס זעלבע, ווײל מיר האָבן בלויז אַ צימער און דאָס איז אַן אַפּאַרטאַמענט. אינטערעסאַנט וואָס עס וואָלטן געזאָגט קאַראָל און מאַלגאָשיאַ, ווען זײ וואָלטן געזען די וווינונג.

אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ האָט שוין געקענט קאַראָל און מאַלגאָשיאַ. קאָ־

ראַל איז געווען אַ הויכער און שיינער מאַן. מאַלגאָשיאַ, נישט קיין הויכע, מיט אַ רונדיק פּנים. זי איז געווען אַ שיינינקע די מאַלגאָשיאַ. ביידע האָבן זיי געזאָרגט פאַר דער קאָוואַלסקאַ מיט אויסערגעווייגלעכער איבערגע־געבנקייט. ווען זי איז קראַנק געוואָרן אויף גריפּע, זענען זיי יעדן טאָג געקומען און האָבן זיך שטאַרק באַאומרויקט צוליב איר געזונט. זי איז געלעגן אונטער איר גאַלעריע פון בילדער אין אַ ווייסע יאַקע און זיי זע־נען געזעסן טרויעריק.

זיי האָבן איר געקושט די הענט, געגלעט דעם קאָפּ. קאַראָל פלעגט אַ געוויסע צייט קומען אַפילו צוויי מאָל אַ טאָג. ער איז געווען אַ גרוי־סער און שטאַרקער מאַן און ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, ווייל עס איז נישט פאַרביי קיין טאָג די דייטשן זאָלן נישט כאַפּן אויף די גאַסן.

דאָס אַלץ האָט געקענט זיך אויסווייזן מאָדנע פאַר דער טרעפּערקע, וועלכע האָט געוווינט מיט קאָוואַלסקאַ, ווייל זי האָט געוווסט, אַז דאָס זענען די קינדער פון קאָוואַלסקאַס פריינדין. קאָוואַלסקאַ האָט אַמאָל גע־טאָן אַ סך טובות דער פריינדין און די קינדער האָבן איר איצט אָפּגע־דינט. די דאַנקבאַרקייט איז אָבער איבערגעגאַנגען אַלע גרענעצן.

ביאַלקאָווסקאַ פלעגט אין יענער צייט אָפט אַריינקומען צו קאָוואַלס־קאַ און זעענדיק די ביידע קינדער ווי זיי זיצן אַזוי נאָענט לעבן זיך און ווי האַרציק זיי זענען פאַרטרויערט — איז איר איינגעפאַלן זיי אויסצו־שדכנען, און זי האָט שוין אַפילו דערפון גערעדט מיט קאָוואַלסקאַ.

ווען קאָוואַלסקאַ האָט זיך געזעגנט און איז אַרויס, האָט ביאַלקאָווסקאַ זי באַגלייט ביז צו די טרעפּ און דערנאָך ביז צו איר צימער, ווייל זיי האָבן געהאַט נאָך עפּעס צו ריידן. צוריקקומענדיק האָט זי זיך אָנגערופן בזה הלשון:

— די קאָוואַלסקאַ קומט עפּעס אויס צו זיין פאַרדעכטיק אין מיינע אויגן. זי רעדט פּויליש מיט אַ מאָדנעם אַקצענט. אַלץ איז ביי איר „זיס": קאַראָלס קינד, אונדזער צימער און מאַקאָווסקאָס לילאַ קלייד. ווען מיר זענען אַראָפּ פון די טרעפּ האָט זי מיר דערציילט, אַז פאַר דער מלחמה פלעגט זי פאָרן יעדן יאָר קיין קאַרלסבאַד. ווער איז געפאָרן פאַר דער מלחמה קיין קאַרלסבאַד? — רייכע ייִדן. קאָוואַלסקאַ איז אַ ייִדישע, איך זאָג עס דיר. קאַראָל און מאַלגאָשיאַ זענען אירע קינדער. איצט גיב איך

מיר אָפּ אַ חשבון, אַז מאַלגאָשיאַ איז אינגאַנצן ענלעך צו דער קאָוואַלסקאַ. און איך האָב זי געוואָלט חתונה מאַכן מיט קאַראָלן.

איך האָב געהערט אירע ווערטער און געשמייכלט אין זיך. כ'האָב גע־טראַכט וועגן די צייטן ווען מיר האָבן געוווינט אַלע פיר צוזאַמען. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז איך בין נישט געווען אין צימער, דעמאָלט האָט זי גאַנץ זיכער אַריינגעטענהט אין יוזעפינאַ און אין דער פּרינצעסין אויף אַזאַ אופן:

— פרוי יוזעפינאַ און דו, פּרינצעסין, אויב איר וועט פרעגן מיין מיינונג, וועל איך אייך זאָגן אַז די אַליציאַ איז פאַר מיר אַ רעטעניש; זי נעמט קיינמאָל נישט קיין אַנטייל אין אונדזערע געשפּרעכן אויף ייִדי־שע טעמעס. עס האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז זי זאָל זאָגן איר מיינונג וועגן עפּעס. און פון דער צווייטער זייט, קען איך אין איר נישט געפינען קיין איין כאַראַקטעריסטישן ייִדישן שטריך... ווער איז זי אַלזאָ, אום גאָטעס ווילן?

היינט האָבן מיך שוין אירע ווערטער נישט איבערראַשט. זיי זענען פון מיר אַראָפּגעשוואומען ווי רעגנוואַסער. איך האָב שוין אינגאַנצן פאַר איר נישט מורא געהאַט. אויב זי האָט מיך אַפילו פאַרדעכטיקט — בין איך געווען הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז זי וועט מיר קיינמאָל אָפן נישט שטעלן די פראַגע צי איך בין אַ ייִדישע. זי איז געווען צו גוט דערצויגן, זי זאָל מיך פרעגן אויף אַזאַ אופן.

***

אין חודש אַפּריל, פאַר די יום־טובים, איז צו מיר געקומען צופאָרן מאַרישיאַ. זי האָט מיך געפרעגט צי איך וויל ווידער פאָרן קיין סולעיו־וועק, אָבער איך האָב אָפּגעזאָגט.

אין איר וווינונג אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס איז מאַרישיאַ גע־קומען איין אָדער צוויי מאָל אַ וואָך. זי האָט געוואָלט, אַז דער סטרוזש זאָל וויסן, אַז זי וווינט נאָך דאָרט, אַז זי האָט זיך נישט אינגאַנצן אַרויס־געצויגן, אַז זי איז מיט איר קינד אַוועקגעפאָרן אויף אַ געוויסע צייט אויף פרישע לופט. טייל מאָל איז זי אַפילו ספּעציעל אַריינגעגאַנגען צום סטרוזש און געפרעגט זיך וועגן עפּעס אַ קלייניקייט.

— איך וועל נישט פאָרן צו דיר — האָב איך געזאָגט — איך פיל

מיך דאָ זיכערער ווי אין סולעיוועק. איך קען נישט פאַרגעסן דעם מאַן וואָס האָט זיך צו מיר אַזוי אויפמערקזאַם צוגעקוקט, ווען איך האָב שפּאַצירט איבערן גערטנדל.

— אָבער וואָס וועט זיין, אויב דו וועסט מאַכן אַ טעות אין די יום־טובדיקע צערעמאָניעס בעת די גאָטעסדינסטן? יעדער קאַטאָליק טרעט צו פאַר פאַסכע זיך מתוודה זיין.

— כ׳וועל ווידער גיין אין דער קירך אויף דער כלאָדנאַ גאַס און כ׳וועל דאָרט זיצן אַ שעה אָדער צוויי...

איך בין ווירקלעך אין אַ פּאָר טעג אַרום דאָרט אַהינגעגאַנגען. אין אַ שוואַרצן קאָסטיום מיט אַ שוואַרצן הוט, מיט אַ געבעט־בוך אין דער האַנט, האָב איך ביי קיינעם נישט געוועקט קיין חשד. און דאָך האָט מיין האַרץ אַזוי אומרויִק אין מיר געקלאַפּט... כ׳האָב געוואָרפן מיינע בליקן אויף רעכטס און אויף לינקס ווען איך בין געגאַנגען דורך דער זשעלאַזנאַ גאַס. פון דער אָגראָדאָוואַ איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ דייטשישער פּאַט־רול, וועלכער האָט געפירט צוויי יונגע מענטשן, אַ מאַן און אַ פרוי. זיי זענען געגאַנגען רויִק, אַרומגערינגלטע מיט דייטשן. עס איז פאַר מיר קיין שום ספק נישט געווען, אַז דאָס זענען געווען יידן.

איך האָב אויף זיי געקוקט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. זיי זענען שוין פאַרבייגעגאַנגען און זענען אַריין אין דער זשעלאַזנאַ. געוויס אין דער ריכטונג פון אַלייע שוכאַ.

ווען איך האָב אַזוי געקוקט אויף די צוויי אומגליקלעכע מענטשן, איז לעבן מיר פאַרבייגעגאַנגען אַ שכן פון דעם הויז, וווּ איך האָב געוווינט פאַר דער מלחמה. ער איז געווען פאַרהייראַט מיט אַ קריסטין. דאָס איז געווען זיין צווייטע פרוי.

ער האָט מיך דערקענט. ער האָט מיר נאָכגעקוקט. אין אַ מאָמענט ווען איך האָב אויך נישט ווילנדיק זיך אויסגעדרייט צו אים, האָבן זיך אונדזערע אויגן באַגעגנט. הגם ער איז געווען אַ געשמדטער ייִד, איז ער געווען אין דער זעלביקער געפאַר וואָס איך: אויף דער אַרישער זייט, אויף אַרישע פּאַפּירן.

אויפן עק פון זשעלאַזנאַ און כלאָדנאַ בין איך אויף אַ ווייַלע שטיין געבליבן; נאָר אויף איין ווייַלע, כדי אָפּצואָטעמען און דערנאָך גיין ווייטער.

אויף דעם פּלאַץ איז אין די צייטן פון געטאָ אַריבערגעוואָרפן געווארן אַ בריק דורך דער כלאָדנאַ גאַס. אומצייליקע מחנות מענטשן זענען דאָ דורכגעגאַנגען. אונטן איז געווען די אַרישע זייט פון דער כלאָדנאַ גאַס; אויבן מחנות ייִדן, וואָס זענען געגאַנגען דורך דער בריק.

כ׳האָב פלוצלינג אַ טראַכט געטאָן: צי קען נישט מיין בלאַסקייט מיך פאַרראַטן? די כלאָדנאַ גאַס איז פול מיט אַגענטן — זיי קענען נאָך באַמערקן דעם פרויען־געשפּענסט, די פרוי פון יענער זייט בריק...

אַזוי בין איך געגאַנגען יענעם פרימאָרגן צו דער קירך פון הייליקן קאַראָל פּאָראָמעוש... איך האָב זייער מורא געהאַט.

אָבער, בין איך דען אַליין געווען אין אַזאַ לאַגע? אַלע ייִדן אויף דער אַרישער זייט האָבן מורא געהאַט צו גיין איבער די גאַסן.

אַפילו די, וועלכע האָבן געהאַט אַ הונדערט־פּראָצענטיקן גוטן אויסזען, אַפילו די קרובה מיינע, די בלאָנדע, וואָס האָט געטראָגן גרויסע אויירינגלעך און געהאַלטן אויף אַ שטריקל אַ קליין הינטעלע, אַפילו זי אויך. זי האָט זיך אין דעם מודה געווען, ווען מען האָט מיט איר גערעדט אונטער פיר אויגן.

אַפילו מאַרישיאַ, מיין עלטסטע טאָכטער, וועלכע האָט לאַווירט צווישן אירענאַ, נינאַ און מיר, אין אַ שטרויען היטעלע אויף איר בלאָנדן קאָפּ, אַפילו זי האָט מורא געהאַט צו גיין איבער די גאַסן.

אָבער די מורא האָט מען נישט געטאָרט אַרויסווייזן פאַר דער וועלט. מען האָט עס געמוזט אויסבאַהאַלטן אין די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה. דאָס פּנים האָט נישט געטאָרט זיין פאַרזאָרגט; דער גאַנג האָט באַדאַרפט זיין אַ לייכטער און עלאַסטישער. די אויגן אויסגערוטע. אַזוי האָט מען באַדאַרפט גיין איבער די גאַסן, כדי נישט אַנטדעקט צו ווערן.

טיילמאָל האָט מען געזען אַנטקעגנגיין דעם בעסטן פריינט, אָדער אַ קרוב, וועלכן מען האָט שוין לאַנג נישט געזען, אַפילו אַ ברודער צי אַן אייגענע שוועסטער. צוליב פאַרזיכטיקייט האָט מען געמוזט גלייכגילטיק פאַרבייגיין, נישט מודה זיין זיך אין דער באַקאַנטשאַפט מיט דער קלענסטער באַוועגונג, מיט אַ שמייכל צי אַפילו מיט אַ פינטל פון אויג...

ווייל אויף דער אַרישער זייט, האָט אומעטום און אַלעמאָל געלויערט אַ געפאַר.

**
*

נאָך עטלעכע וואָכן האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַי־תּפילות, צו וועלכע איך בין פון צייט צו צייט געגאַנגען. יעדעס מאָל האָב איך דאָרט געזען אונדזערע שכנים פון דריטן שטאָק, דאָס פּאָרפּאָלק בינדער.

זיי האָבן געוווינט אין פּונקט אַזאַ קליין צימערל מיט אַ קאָרידאָרל ווי אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ און איך. די בינדער איז געווען אַ שיינע, אַ דיקע פרוי פון אַ יאָר פופציק. זי פלעגט אַראָפּגיין אין דער קירכע אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן ברייטן שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ, און זי פלעגט זיך זעצן אויף אַ באַנק לעבן דער טיר. הינטער איר איז געזעסן פרוי גראַבסקאַ, די פריינדין פון דער בלינדער פריילין שימאַנסקאַ.

אַמשטאַרקסטן האָט מען געהערט דאָס זינגען פון באַשיאַן, דאָס מיידל מיט דער פּאַראַליזירטער האַנט. נאָך איר, דאָס זינגען פון דער פרוי בינדער — אונדזער שכנה. איר מאַן איז געזעסן אויף דער לעצטער באַנק לעבן פענצטער, צוזאַמען די צוויי צי דריי מענער, וועלכע די נאָנעס האָבן דערלויבט צו קומען אין דער קירכע, ווייל זיי האָבן נאָך נישט באַמערקט קיין שום פאַרדעכטיקטס.

ער האָט נישט געהאַט קיין געבעט־בוך, ער האָט נישט געדאַוונט און נישט געזונגען. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז שווער קראַנק אויפן האַרץ. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט זיין שטים, דערפאַר האָט שוין זיין פרויס שטים הויך געקלונגען איבער דעם געבעט־צימער. בינדער האָט געהאַט איין שיקלדיק אויג; ער איז געווען אַ דיקלעכער מאַן פון מיטעלן וווקס; זיין פּנים האָט אויסגעדריקט ליידן. נאַכלעסיק אָנגעטאָן און מיט אַ סעמיטישן פּנים, האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט קיין וואָרט.

די פרוי בינדער דאַקעגן איז געווען ענלעך צו אַ רויז. אַ שטראַלנדיקע מיט אַ שמייכל האָט זי גערעדט אַ גלענצנדיקן פּויליש, פלעגט אַרויסגיין אין גאַס, כדי צו דערליידיקן פאַרשיידענע ענינים. זי האָט גערן גערעדט מיט אַנדערע פרויען, פשוטער אָנגעטאָן און פראַסטערע פון איר.

מען האָט וועגן זיי גערעדט, אַז דער מאַן איז שווער קראַנק אויפן האַרץ און די פרוי מוז אים פלעגן. דערפאַר האָט מען זיי אָנגענומען אין דעם אַנשטאַלט און מען האָט זיי געגעבן אַ באַזונדער צימער. בינדער האָט קיינמאָל נישט געעפנט ס׳מויל, אַפילו אין דער קאַנצעלאַריע ביי דער

שוועסטער־פּאַרוואַלטערין אין טאָג פון זייער אָנקום אין אַנשטאַלט. די פרוי האָט גערעדט פאַר אים.

ווען די שוועסטער־פּאַרוואַלטערין האָט געשטעלט די שטענדיקע פראַגע, צי זיי זענען נישט קיין יידן? צי זיי זענען נישט קיין געשמדטע?
— איז בינדער בלאָס געוואָרן... און די פרוי בינדער האָט געענטפערט:
— זאָל גאָט אויסהיטן, מיר זענען קאַטאָליקן!

און אַזוי אַרום זענען זיי אויפגענומען געוואָרן און זיי האָבן באַצאָלט דעם סכום, וואָס מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט: טויזנט זלאָטעס.

איך האָב פאַרדעכטיקט, אַז בינדער איז אַ ייד, אָבער וואָס שייך זיין פרוי, האָב איך נישט געהאַט די זיכערקייט. עס האָט מיך געוווּנדערט, אַז זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר זייער „קענקאַרטע" אַ נאָמען וואָס קלינגט נישט אינגאַנצן פּויליש. דאָס האָט אָבער געקענט געשען דערפאַר, וואָס זיי זענען געבליבן ביי זייערע אייגענע נעמען. אין אַלגעמיין אָבער האָב איך אין יענער צייט נישט געלייגט צופיל אַכט אויף דעם פּאָרפאָלק.

איך האָב מיך באַפריינדעט מיט דער גרויער פרוי אידזשיקאָוואַ פון דער שוועסטער גערמאַנאַס קאָרידאָר. פרוי אידזשיקאָוואַ פלעגט אַריינפאָרן אין דעם קירכן־צימער אויף אַ וועגעלע, וועלכעס ס'האָט געשטופּט די שטרענגע נאָנע.

זי האָט געוווינט לעבן דער פריילין סאָקאָלאָווסקאַ, אַן איידעלע און פּאָעטישע פון דער נאַטור, איז זי געווען אין איין צימער מיט אַן אָרדינערער און פּראָסטער פרוי מיטן נאָמען קאַטשאָראָווסקאַ. זי האָט זייער געליטן צוליב דער נישט פּאַסיקער געזעלשאַפט; אָבער זי האָט נישט געוואַגט וועגן דעם צו ריידן צו דער נאָנע, ווייל אַן אומחן צו אַ שכן איז נישט געווען קיין קריסטלעך געפיל. האָט זי אַלזאָ געליטן שווייגנדיק.

זי האָט געהאַט אַן איינציקן זון אין טערקיי. ער האָט זיך אַהינבאַקומען נאָך דעם ווי די פּוילישע אַרמיי איז צעשמעטערט געוואָרן. זי האָט נאָר געוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין טערקיי, אָבער זי האָט נישט געהאַט פון אים קיין שום ידיעות.

יעדן טאָג דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, אַלעמאָל אין דער זעלבער שעה, האָט זי געעפנט דאָס פענצטער. זי פלעגט זיך אויפהייבן אויף דעם וועגעלע און אויסציִען די הענט.

— אָ, זון מיינער! — האָט זי גערופן אין אירע געדאַנקען — אָ, זון

מיינער אין דעם ווייטן טערקיי. איך בענטש יעדן קלאַפּ פון דיין האַרץ, יעדן ציטער פון דיינע ברעמען און יעדן טריט דיינעם! און ער הערט מיך, פרוי מאַיעווסקאַ, — פלעגט זי צו מיר זאָגן, שאָקלענדיק מיט איר קאָפּ. — דריי אַזייגער עפנט ער זיין פענצטער, בייגט זיך אַריבער און הערט זיך איין צו מיין שטים, און ווען ער בענקט זייער שטאַרק נאָך מיר, קען ער אונטערשיידן מיין יעדעס וואָרט...

דערווייל איז איר מיטווינערין, פרוי קאַטשאַראָווסקאַ, געזעסן אויף איר בעט און שטיל געזאָגט תפילות. זי האָט געהערט יעדעס וואָרט פון דער פרוי אידזשיקאָווא און זי האָט איראָניש געשמייכלט. זי האָט זי געהאַסט מיטן קלאַסן־האַס און זי האָט עס איר אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסגעוויזן. זי האָט נישט אויפגעהויבן קיין שום זאַך, וואָס אידזשיקאָווא האָט עפּעס אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז יענע קען עס אַליין נישט אויפהייבן. זי האָט נישט אַרויסגענומען אין קאָרידאָר אַריין דער קראַנקערס טעפּלעך צוזאַמען מיט אירע אייגענע, נאָכן עסן; זי האָט איר קיינמאָל נישט געהאָלפן אַריבערגיין פון בעט אין וועגעלע אַריין.

צי האָט די שוועסטער גערמאַנאַ געוווּסט וועגן דעם? אפשר האָט זי יאָ געוווּסט, אָבער אין איר אַסקעטישער פאַרביסנקייט האָט זי באַטראַכט קאַטשאַראָווסקאַ ווי אַן אומגליק פון גאָט און זי האָט געוואָלט, אַז די ביידע פרויען זאָלן בייקומען און באַזיגן אין זיך דעם קעגנזייטיקן האַס אין נאָמען פון פּרינציפּ: „האָב ליב דיין שכן ווי זיך אַליין".

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער פרוי אידזשיקאָווא, האָב איך דורך דער אָפענער טיר אַריינגעקוקט אין דעם צימער, אין וועלכן עס האָט אַמאָל געוווינט פרוי קאָשינסקאַ, די אַלטע פרוי מיטן סעמיטישן אויסזען, וועלכע פלעגט פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, אַ פאַרזונקענע אין געבעט, ציילן די תפילות. די אַלטיטשקע איז שוין דאָרט מער נישט געווען.

אויף איר בעט — אַ נסים! — האָב איך דערזען אַ ליגנדיקע אַ סך אַ יינגערע, אָבער מיט דער גאַנצער זיכערקייט — אַ ייִדישע פרוי. כ'האָב זי קיינמאָל נישט געטראָפן אין דעם קירכן־צימער. זי האָט זיך וואַרשיינלעך געמאַכט קראַנק, ווייל זי האָט נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן בעת אַ געבעט אין דער קירכע. איך האָב מיך שפּע־

טער דערוווּסט, אַז זי הייסט קאַזובסקאַ און האָט אַ יונגע טאָכטער, וואָס באַזוכט זי.

איינמאָל האָב איך געטראָפֿן דאָס מיידל; זי איז געזעסן אויף דער געפלאָכטענער סאָפֿקע לעבן דעם אַרײַנגאַנג אין דער קירך. זי איז נישט אַלט געווען מער ווי צוואַנציק יאָר.

כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. זי האָט געטראָגן אַ קלייד פֿון ציגל־קאָליר, מיט אויערינגלעך אין די אויערן. זי האָט געהאַט אַ קײַלעכ־דיק, קינדיש און טרויעריק פּנים; די האָר — געקרײַזלטע.

דאָס קינד קומט צו אָפֿט אַהער, האָב איך מיר געטראַכט, זיצנדיק לעבן איר. מסתּמא האָט זי אַ שלעכטע וווינונג אויב זי רײַסט זיך אַזוי אָפֿט אַרויס פֿון דער היים און קומט דאָ אַהער, צו דער מוטער. ווי שטאַרק זי שטעלט זיך אויס אויף אַ געפֿאַר און דערבײַ האָט זי גאָרנישט אַזאַ גוטן אויסזען.

זי איז געווען אין מײַן טאָכטער ניבאַס יאָרן, צו וועלכער איך האָב שרעקלעך געבענקט.

כ׳האָב געקוקט אויף אירע הענט, וועלכע זענען געווען פֿאַרפלאָכטן אַרום אירע קני, זי האָט געטראָגן אַ דין גאָלדן רינגל אויף איר פֿינגער. כ׳האָב געקוקט אויף די בלויע אָדערן פֿון אירע הענט. כ׳האָב נישט גע־קענט פֿון איר אַוועקגיין, כ׳האָב נישט געהאַט קיין כּוח פֿון איר אַוועק־צוגיין...

אין דעם קאָרידאָר פֿון דער שוועסטער גערמאַנאַ האָט איצט אויך געוווינט די פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ. כ׳בין אַ געוויסן טאָג אַרײַן צו איר.

זי איז געזעסן אויפֿן בעט און לעבן איר איז אויף אַ שטול געשטאַ־נען אַ קליין רענצל, וואָס איך האָב אַמאָל אויף איר בקשה אַוועקגעשטעלט אויף דעם שענקל. איך האָב מיך לעבן איר אַוועקגעזעצט און אַרײַנגע־קוקט אין דער וואַליזע. עס זענען דאָרט געלעגן שרײַב־מכשירים: צוויי טינטערס אויף אַ שווערן שטענדער פֿון גרינעם מאַלאַכיט, אַ פּרעסער צו־צוהאַלטן פּאַפּירן, צוויי לײַכטער און אַ שאַכטל אויף פּאַפּיראָסן. אויף יעדער זאַך איז געווען אויסגעקריצט אַ קרוין פֿון דער קעניגלעכער משפּחה.

זי האָט מיר יעדע זאַך דערלאַנגט, איינס נאָכן אַנדערן, און ווען איך האָב מיט אויפֿמערקזאַמקייט און פּיעטעט אַלץ איבערגעקוקט, האָט זי

יעדע זאַך באַזונדער איינגעוויקלט אין זייד־פּאַפּיר און פאַרזיכטיק צוריק־געלייגט אין דער וואַליזע.

— שער אַליס, צי קענט איר אַוועקשטעלן די וואַליזע אויפן שענקל? איך בעט אייך!

כ׳האָב גענומען די וואַליזע, זי איז געווען זייער אַ שווערע, און כ׳האָב זי אַוועקגעשטעלט אויפן שענקל לעבן דעם לייכטער מיטן ליכטל.

— מערסי — האָט געזאָגט די פּרינצעסין.

היות עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג, האָט איר מיטוווינערין, פּרוי מאַקאָווסקאַ, געטראָגן איר וואָלן לילאַ קלייד, וואָס איז געווען אין אַ שיינעם קאָנטראַסט צו אירע גרויע האָר.

— איר האָט אַ זיס קליידל, — האָט צו איר איינמאָל אין קאָרידאָר געזאָגט פּרוי קאָוואַלסקאַ. מיט דער איינציקער, אויסערלעך אַזוי אומשול־דיק־קלינגענדיקער פראַזע, האָט קאָוואַלסקאַ אויפגעדעקט אירע קאָרטן.

דער אויסדרוק „זיס" אין שייכות מיט קינדער אָדער זאַכן — איז קיינמאָל נישט באַנוצט געוואָרן דורך די פּאַליאַקן. הערנדיק די עטלעכע ווערטער האָט מאַקאָווסקאַ נישט געהאַט קיין שום צווייפל, אַז קאָוואַלסקאַ איז אַ יידישע. זי האָט געהיימנישפול אַ שמייכל געטאָן..

אין יענע טעג פלעגט צו אונדז אָפט קומען יאַאַשיאַ. זי איז געווען מיד און בלאַס. זי האָט זיך אויך באַקלאָגט אויף איבלדיקייט און קאָפּ־ווייטיק און זי האָט כסדר געוואָלט זיין לעבן דער מוטער.

— האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַליציאַ? דאָס איז אַ כאָלערע, דער מאַריאַן. אין אַזאַ שרעקלעכע צייט, ווען אויף אַלע גאַסן הענגען באַקאַנט־מאַכונגען מיט די נעמען פון דערשאָסענע... גראָד אין אַזאַ צייט... דאָס איז דאָס יידישע בלוט... — זי האָט רחמנות געהאַט אויף יאַאַשיאַ, נאָך אַזאַ קינדישע און אומבאַהאָלפענע...

טיילמאָל איז יאַאַשיאַ געקומען, ווען ביאַלקאָווסקאַ איז נישט געווען אין צימער, זי איז מעגלעך געווען ביי דער קאָוואַלסקאַ און אפשר גאָר זיצנדיק אין קאָרידאָר האָט זי געפירט אַ שטילן שמועס מיט דער הויפּט־שוועסטער באַגומילאַ. און אפשר איז זי געגאַנגען אין איינעם פון די גע־וועלבלעך, כדי צו פאַרקויפן אירע צוקער־אויסאַרבעטונגען?

אין דער צייט האָט זי געמאַכט פאַרשיידענע צוקערלעך אין אונדזער צימער און דערנאָך עס פאַרקויפט אין שטאָט.

זי האָט ערגעצווו זיך פאַרשאַפט אַ מאַשין צו מאָלן פלייש און אַ גרויסע פאַן. זי האָט געקויפט צוקער, קאַרטאָפל, פאַרשיידענע איילן און געשמאַקע צוגאָבן. זי האָט אין דער פאַן געמאַכט אַ מאַסע פון קאַרטאָפל און צוקער; דורכגעמאָלן דורך דער מאַשין, צעטיילט אויף שטיקלעך און צוגעגעבן געשמאַק און קאָליר. דערנאָך האָט זי דאָס געדרייט אין קליינע קייקעלעך און אַרומגעוויקלט מיט ביבולע־פּאַפּיר. איך האָב איר געהאָלפן ביי דער אַרבעט.

אָבער נאָך עטלעכע טעג זענען די צוקערלעך קאַליע געוואָרן און זיי האָבן געפּלאַצט. האָט זי אַליזאַ, אַוועקגעשטעלט די קאַרטאָפל און אָנגע־הויבן זיי אויסצואַרבעטן פון באָבעס.

— אַליציאַ, דאָס איז אַ גלענצנדיקער רעצעפּט פאַר מאַכן צוקער־לעך, אָבער איך קען אים דיר נישט געבן, ווייל דאָס איז אַ פּראָפעסיאָ־נעלער סוד.

אין אונדזערע קרייזן האָט זי פאַרקויפט די צוקערלעך צו דעם אַדמי־ניסטראַטאָר פונעם אַנשטאַלט. דאָס איז געווען אַן עלעגאַנטער מאַן פון די אַמאָליקע צייטן, דאַכט זיך אַפילו אַ קרוב פון דער גרעפין סאַבאַנסקאַ, די גרינדערין פונעם אַנשטאַלט. ער האָט זייער געלויבט די צוקערלעך.

יאַשיאַ איז געזעסן אויף דעם לענשטול — און געוואַרט אויף איר מוטער.

איך האָב געקוקט אויף יאַשיאַ, אויף אירע אונטערגעהאַקטע אויגן און בלאַסע באַקן.

— איר שטעלט אייך אויס אויף אַ געפאַר, קומענדיק צו אונדז אַזוי אָפט — האָב איך געזאָגט.

— אָבער איך מוז איצט זיין מיט מיין מוטער — האָט זי געענטפערט.

ווען איך האָב אַזוי געקוקט אויף דער טאָכטער פון אַננאַ ביאַל־קאָווסקאַ, ווי שטאַרק האָב איך געבענקט נאָך מיינע טעכטער, וועלכע האָבן געוווינט אין פאַרשיידענע געגנטן פון וואַרשע.

אין די צייטן בין איך שוין טיילמאָל צו זיי געפאָרן. כ׳האָב מיך אָנ־גענומען מיט מוט און כ׳האָב זיי באַזוכט.

— ביי וועלכער שוועסטערן־טאָכטער ביסטו היינט געווען, אַליציאַ?

— האָט געפרעגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ נאָך מיין צוריקקומען — ביי יאַד־זשיאַ צי אַניעלקאַ?

איך האָב איר דערציילט מיט אַ סך ליבע וועגן מיינע טייערע שוועס־טערן־טעכטער, וועלכע זענען געבליבן אָן טאַטע־מאַמע און האָבן געהאַט נאָר מיך איינע אויף דער גאַנצער וועלט.

— ווי שטאַרק דו האָסט זיי ליב, די טעכטער פון דיינע שוועסטערס — האָט געזאָגט ביאַלקאָווסקאַ — דו רעדסט וועגן זיי מיט אַזויפיל האַרץ!

דעמאָלט האָב איך איבערגעריסן דעם שמועס אין דער מיט. צי האָב איך מיך נישט פאַרראַטן? צי האָט זי, אַזאַ קלוגע, נישט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז אין דעם פאַראַן, וואָס די שווייגנדיקע אַליציאַ איז פּלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטורמישן שטראָם?...

כ'בין אַנטשוויגן געוואָרן. כ'האָב מער נישט געוואָלט וועגן זיי דער־ציילן.

— און פאַרוואָס קומען זיי צו דיר קיינמאָל נישט? — האָט זי ווײ־טער געפרעגט.

זי האָט געהאַלטן אויף אירע קני אַ לאָקשנברעט, וואָס זי האָט גע־באָרגט אין דער קיך, זי האָט געדרייט די קייקעלעך פון דער צוקער־מאַסע, באַפּאַרבט אויף ראָזאַ־קאָליר און זי האָט זיי אויסגעלייגט אויף דעם ברעט.

— זיי דרייען זיך געגוג אַרום אויף די גאַסן פון זייער געגנט — האָב איך געענטפערט — כ'וויל נישט זיי זאָלן דאָ אַהערקומען.

זי האָט פאַרשטאַנען און אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט אויך נישט געוואָלט, אַז יאָאַשיאַ זאָל צו אונדז אַזוי אָפט קומען.

— זי קומט צו מיר, ווייל זי ווייסט אַז איך קען צו איר נישט פאָרן מיט מיינע קראַנקע פיס... אָבער איך וועל פאָרן קיין בוסק און איך וועל מיך אויסהיילן. אין יולי וועל איך פאָרן; מאַריאַן וועט מיר געבן ס'געלט.

פּלוצלינג האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אַ נאָנע.

— עס איז געשען אַן אומגליק — האָט זי געזאָגט — אַ לאַסט־אויי־טאָ האָט איבערגעפאָרן צום טויט די פרוי גראַבסקאַ און פריילין שי־מאַנסקאַ אויף דער ביעלאַנסקאַ גאַס.

ביאַלקאָווסקאַ האָט אַוועקגעשטעלט דאָס לאָקשנברעט אויפן בעט, זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויס פון צימער. ווען זי איז צוריק־געקומען האָט זי געזאָגט:

— זעסטו? ווייל וואָס פאַראַ פּאָר איז דאָס געווען? איינע אָן אַלטע,

די צווייטע אַ בלינדע... און דאָך האָבן זיי זיך געדרייט אויף דער טומל־דיקסטער גאַס. זיי האָבן געוואָלט אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט...

דורך צוויי טעג האָט דער גאַנצער אַנשטאַלט גערעדט וועגן פרוי גראַבסקאַ און פריילין שימאַנסקאַ. מען האָט דורכגעפירט אַ טרויער־תפילה און דערנאָך האָט מען מער נישט גערעדט וועגן דעם פּאָרפּאַל. אין דעם אַנשטאַלט איז טויט געווען אַ געוויינלעכער ענין, אַ פּשוטע טאָג־טעגלעכע דערשיינונג מיט וועלכער מען האָט שלום געמאַכט און אויף וועלכער מען האָט אָפט געוואַרט מיט אומגעדולד און מיט בענקשאַפט.

***

אַ געוויסן טאָג, אין חודש מאַי, בין איך געקומען אין דער וווינונג פון די הערשאַפט קאָשטש אויפן זשאָליבאָזש. איך האָב נישט געזען מיין טאָכטער נינאַ זינט פערצן חדשים. כ׳האָב זי געטראָפן אין אַ פאַרטעך מיט אַ בעזעם אין דער האַנט, ווייל זי איז געווען פאַרנומען מיטן צו־רוימען די וווינונג. כ׳האָב פלוצלינג אַ טראַכט געטאָן: נינאַ האָט זיך זייער געענדערט. כ׳האָב מיך צו איר צוגעקוקט פון דער נאָענט — זי האָט געהאַט געפאַרבט די האָר אויף אַ טונקל־געלן קאָליר.

— נו, און וואָס, נינעלע — האָט איך געפרעגט קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם — נו און וואָס?

זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען איבערן צימער. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם עמער, די באַרשט, די שטויב־טיכער — און זיי אַריינגעטראָגן אין קיך אַריין.

— איך רוים צו די וווינונג, ווייל צוליב מיר קען מען נישט צונע־מען קיין דינסטמיידל.

זי האָט מיך אַריינגעפירט צו זיך אין צימערל.

כ׳האָב געקוקט אויף די ווענט, אויפן סופיט, אויף יעדן שטיקל מעבל און כ׳האָב געטראַכט: דאָ איז זי געווען איינע אַליין בעת דער באָמבאַר־דירונג, אין פינצטערניש, אין אַ ליידיקער דירה. זי איז קיינמאָל נישט אַרונטערגעגאַנגען אין קעלער, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר פרעמדע מענטשן...

— ליבינקע מיינע — האָב איך געזאָגט — וואָס פאַר אַ גליק איז דאָס פאַר מיר, אַז איך זע דיך!

— אַך, מאַמעלע, כ'האָב מיר געפּאַרבט די האָר. כ'מיין אַז אַזוי וועט זיין בעסער.

— מיט וועמען ביסטו געווען? ווער איז מיט דיר געגאַנגען?

— פרוי עמיליאַ.

ווער איז געווען די פרוי עמיליאַ?

זי איז געווען אַן אלמנה נאָך אַ באַאַמטן און זי האָט געהאַט צוויי קינדער: אַ 19־יעריקע טאָכטער און אַ 17־יעריקן זון.

אין איר דריי־צימערדיקער וווינונג אויף זשאָליבאָזש האָט זי אויס־באַהאַלטן יידן, נישט איינעם, נאָר דריי — און טיילמאָל פיר. זי איז געווען פאַר זיי נישט נאָר די באַלעבאָסטע, נאָר אויך אַן עצה־געבערין, פאַרזאָרגערין און טרייסטערין.

זי האָט נישט געהאַלטן די יידן צוליב געלט ווי פיל אַנדערע האָבן דאָס געטאָן. זי האָט נאָר געוואָלט האָבן צו עסן פאַר זיך און פאַר אירע קינדער. זי האָט דאָך נישט געקענט אַרבעטן; זי האָט געמוזט היטן די יידן, אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט זייערע משפחות, דערליידיקן דאָקו־מענטן און איינקויפן פאַר אַלע. יעדן אויגנבליק האָט געקענט געשען עפּעס אומדערוואַרטס: אַן אַבלאַווע, אַדער אַ בלאָקאַדע פון הויז, צי אַ שאַנ־טאַזש פון וועלכן מען האָט זיך געמוזט ראַטעווען. די איינוווינער פון דער פרוי עמיליאַ האָבן זיך נישט געדרייט איבער די גאַסן, זיי זענען געווען גאַנצע טעג און נעכט אינדערהיים.

נינאַ האָט געוווינט ביי דער פרוי עמיליאַ איין חודש. היות אַחוץ איר האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן נאָך דריי מענטשן, האָבן מיר באַ־שלאָסן, אַז מען דאַרף זי איינאָרדענען ערגעצווו אַנדערש. זי איז אַרי־בערגעגאַנגען צו דער משפחה קאָשטש, קרובים פון דער פרוי פון גענעראַל ליטווינאָוויטש, אירענאַס באַלעבאָסטע.

נאָך נינאַס אַרויסציִען זיך, האָט די פרוי עמיליאַ ווייטער פאַר איר געזאָרגט און זי באַזוכט. אָפט פלעגט אויך קומען צו נינאַן פרוי עמי־ליאַס שיינע טאָכטער.

טאַקע דאָס וואָס מען האָט נינאַן באַזוכט, האָט אין יענער צייט גע־האַט אַ גאַר גרויסע באַדייטונג. קריסטן, וועלכע האָבן באַזוכט די יידן, האָבן געהויבן זייערע שאַנסן פון דורכלעבן און געשטאַרקט זייער פּאָזי־ציע קודם־כל אין די אויגן פונעם סטרוזש און פון די אַנדערע לאָקאַטאָרן.

פרוי עמיליאַ האָט געהאַט אַ יונג, שיין פּנים און אינגאַנצן גרויע האָר. עס האָט זי אַרומגערינגלט אַ סוד, וועגן וועלכן עס האָבן אַפילו נישט געוווּסט אירע קינדער.

זי האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער משפחה פון אַ קליין שטעטל אין די מזרח־ראַנדגעביטן. ווען זי איז אַלט געווען 16 יאָר, האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ קריסט, אַוועקגעפאָרן מיט אים קיין וואַרשע, זיך געשמדט און מיט אים חתונה געהאַט.

עס האָט דעריבער געקענט זיין, אַז איר באַציִונג צו יִדן איז געווען ווי אַן אויסקויף פון די זינד, וועלכע זי איז באַגאַנגען, ווען זי איז נאָך געווען גאָר יונג. דאָס איז געווען דער פּרייז, וועלכן זי האָט איצט געצאָלט פאַר איר מאַמעס טרערן, פאַר איר טאַטנס קלאָגן פאַר דער שאַנדע, וואָס זי האָט פאַרלאָזט די משפחה.

איינמאָל אין אַ גרויער שעה, ווען זי איז געווען ביי נינאַן, אין אַ מאָמענט פון אַן אינטימען שמועס, האָט זי דאָס אַלץ דערציילט נינאַן.

***

זונטיק בין איך געפאָרן אויף דער ראַקאָוויעצקאַ גאַס צו מיין טאָכטער אירענאַ.

כ׳האָב מיך אַפילו נישט געקענט באַגריסן מיט איר, ווייל זי האָט געהאַט ביי זיך אין קיך אַ פריינדין — די וועשערין.

— אָ, פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט זי צו מיר געזאָגט — פרוי ליטווינאָוויטש איז נאָך נישט צוריקגעקומען. אָבער ביטע, וואַרט צו אַביסל.

דערנאָך, ווען די פריינדין איז אַוועק, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אין קיך און מיר האָבן געשמועסט צווישן זיך בעת אירענאַ האָט געקאָכט דאָס מיטיק.

אין די אָוונטן פלעגט זיך ביי דער פרוי ליטווינאָוויטש פאַרזאַמלען אַ געזעלשאַפט וואָס האָט געשפּילט אין קאָרטן. אירענאַ האָט איצט געהייסן אַניעלקאַ. זי האָט דערלאַנגט די געסט טיי, סאַנדוויטשעס און טייל־מאָל אַפילו בראָנפן. מען האָט איר געגעבן טרינקגעלט. די הערן האָבן אין איר קעגנוואָרט גערעדט וועגן איר פראַנצויזיש — און נאָך זייער אַוועקגיין האָט זי מיט פרוי ליטווינאָוויטש געלאַכט אין קיך פון די זאַפּטיקע ווערטער. עס איז דאָרט אַפילו געווען איין עלטערער מאַן, וואָס האָט זיך

דערלויבט טיילמאָל אַ קניפּ צו טאָן אַניעלקאָן, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנ־גען מיט דער טאַץ.

— אַניעלקאַ איז אַן אמתע דאָרפישע מויד — האָט ער געזאָגט טוישנדיק די קאָרטן.

אין די צייטן זענען די יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אויסבאַ־האַלטן אויף אַרישע פּאַפּירן, געווען די בעסטע דינסטמיידלעך, זיי האָבן געהאַט אַלע מעלות: ערלעכע, אַרבעטזאַמע און מאָראַלישע. ביי זיי האָט זיך עס דאָך געהאַנדלט וועגן זייער לעבן. אַ וווינונג איז געווען די ערשטע גאַראַנטיע פון אויסדויער. דערפאַר האָבן זיי געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט, כדי צו באַפרידיקן זייערע ברויטגעבער. אָבער טאַקע דערפאַר האָט אויף יעדער גוטער דינסט געקענט פאַלן אַ חשד.

פרוי ליטווינאָוויטש, וואָס איז געווען קלוג און דערפאַרן, וועלנדיק שאַפן די זיכערסטע באַדינגונגען פאַר דעם מיידל, וואָס האָט זיך ביי איר אויסבאַהאַלטן, פלעגט בכיוון אויסטראַכטן אויף איר בילבולים, דערציילנ־דיק די שכנות:

— זי האָט מיר צוגעגנבעט צען זלאָטעס, וועלכע כ'האָב אַוועקגע־לייגט אויפן טישל אונטערן לייכטער און איך בין חושד, אַז זי האָט מיר אויך צוגעגנבעט אַ נאַכטהעמד.

— עס קומט צו איר צוגיין עפּעס אַ גלעזער, וואָס וויל מיט איר חתונה האָבן. עס איז מיר אַ שאָד פאַר אַזאַ...

— די מויד איז אַ שליאָך! פול שפּינוועבס הענגט אַראָפּ איבער די ווינקלען און די גלעזער ווישט זי אָפּ מיט אַ שמוציקער שמאַטע. איך האַלט זי נאָר דערפאַר, ווייל זי איז אַ פריילעכע.

אפשר דערפאַר האָט זיך אירענאַ געשאַפן אַ געוויסע פּאָזיציע אין דעם הויז. דער סטרוזש, וואָס איז געזעסן אין טויער האָט צו איר פריינט־לעך געשמייכלט און ער פלעגט איר אַפילו, פון צייט צו צייט, פאַרבעטן אויף אַ גלעזל בראָנפן.

— און ווייסט איר וואָס נאָך? — האָט די פרוי ליטווינאָוויטש שטיל געערעדט אויף די טרעפּ — דאָס מיידל איז דאָך אויפן קאָפּ געפאַלן. זי האָט געהייסן שרייבן אין דער „קענקאַרטע", אַז זי איז פון באַרוף אַ קראַנקנשוועסטער. זי — און אַ קראַנקנשוועסטער!... זי איז אַמאָל געווען

אַ דינסטמיידל אין אַ שפּיטאָל און לעמבערג, ווו זי פלעגט אַרויסטראָגן די נאַכט־טעפּ...

אירענאַ האָט ווירקלעך געענדיקט די שול פאַר קראַנקנשוועסטערס, דערפאַר האָט זי אויפגעגעבן איר אמתן באַרוף אין דער „קענקאַרטע".

— פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט צו מיר געזאָגט אירענאַ, קושנדיק מיין האַנט ביים געזעגענען זיך — איך דאַנק אייך פאַר דעם וויזיט. קומט נאָכאַמאָל אַריין, ווען איר וועט האָבן פרייע צייט.

אירענאַ האָט נישט געקענט צו מיר ריידן ווי צו איר מוטער, ווייל אַחוץ איר זענען נאָך געווען עטלעכע פּערזאָן אין דער היים פון פרוי ליטווינאָוויטש, וועלכע האָבן נישט געטאָרט וויסן וואָס עס האָט מיך מיט איר געבונדן.

**
*

אין דער העלפט פון יולי איז אין סולעיוּוועק שווער קראַנק געוואָרן דאָס יינגעלע פון מיין עלטסטער טאָכטער.

— איך מוז מיך אומקערן צוריק קיין וואַרשע — האָט זי געזאָגט, — ווייל איך קען נישט קיין שום דאָקטאָר אין סולעיוּוועק, צו וועלכן איך זאָל האָבן צוטרוי.

זי האָט אים גענומען אויף איר האַנט און אַוועקגעטראָגן אויפן וואָקזאַל. אין וואַרשע איז זי אַריינגעשטיגן אין אַ דראָזשקע און זי האָט זיך געהייסן פירן אויף דער לעוואַנדאָווסקאַ גאַס צו איר וווינונג.

פרוי בליזשינסקאַ האָט איר געעפנט די טיר.

— וואָס איז געשען? — האָט זי געפרעגט.

— ס׳קינד איז קראַנק געוואָרן, כ׳האָב מיט אים געמוזט קומען צו פאָרן.

זי האָט אים אויסגעטאָן און אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. דערנאָך האָט מען באַדאַרפט קלינגען נאָך אַ דאָקטאָר. אָבער צו וועלכן? יעדער איינער וועט ביים אונטערזוכן גלייך דערקענען, אַז דאָס איז אַ ייִדיש קינד...

אַ גוטער פריינט פון אונדזערע קרובים האָט איר רעקאָמענדירט דעם דאָקטאָר שימאַנסקי. זי האָט צו אים גלייך געקלונגען פון עפּעס אַ געשעפט, ווו עס האָט זיך געפונען אַ טעלעפאָן.

ער איז געקומען דעם זעלבן טאָג. ער האָט באַטראַכט דאָס קינד — אָבער ביי דער פּראָצעדור האָט ער נישט אַוועקגעשאַרט די קאָלדרע.

— דאָס איז שקאַרלאַטין; מען דאַרף דאָס יינגל נעמען אין שפּיטאָל.

— דאָס איז אוממעגלעך, דאָקטאָר, ווייל דאָס איז אַ יידיש קינד.

— אויב אַזוי — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — וועלן מיר אים מוזן היילן אין דער היים.

פּרוי בליזשינסקאַ האָט זיך אָבער גוואַלדיק איבערגעשראָקן פאַר דער שלאַפקייט — זי האָט מורא געהאַט אַז זי וועט זיך אַנשטעקן.

דער דאָקטאָר האָט איר געגעבן ספּעציעלע פאַרהיטונג־פּילן, באַ־מיט זיך זי צו באַרויקן און ער האָט זיך מיט איר פאַרנומען מער, ווי מיט דעם קראַנקן קינד. ער איז געקומען אַ סך מאָל, ווייל דאָס איז געווען אַ שקאַרלאַטין מיט קאָמפּליקאַציעס. מאַרישיאַ האָט אים זייער ווייניק גע־צאָלט פאַר זיינע וויזיטן, אָבער ער האָט מער נישט פאַרלאַנגט.

דעמאָלט פלעג איך צו זיי קומען יעדן טאָג, אין דער זעלבער צייט. איך האָב מיך אַריינגעזעצט אין טראַמוויי אויף דער זשעלאַזנאַ גאַס און כ׳בין אויסגעשטיגן אויף דעם פּלאַץ פון פאָליטעכניקום. דערנאָך האָב איך מיך פאַרקערעוועט אויף דער לוואָווסקאַ גאַס און כ׳בין אַריין אין טויער נומער איינס. דער סטרוזש האָט געהאַט צוויי זין, פאַר וועלכע איך האָב מורא געהאַט...

מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און זיכערע טריט בין איך דורכגעגאַנ־גען דורכן הויף. צי האָט עס זיי נישט געוווּנדערט, וואָס איך פלעג דאָרט קומען יעדן טאָג?

אין דער דירה האָבן זיך געפילט מעדיקאַמענטן און פּראָפילאַקטישע מיטלען, מיט וועלכע די פרוי בליזשינסקאַ האָט זיך באַמיט צו פאַרהיטן פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער קראַנקייט. איך בין געזעסן אין אַ צווייטן צימער און די טיר פונעם קראַנקן קינדס צימער איז געווען ברייט אָפן. אין דער צייט פלעגט מאַרישיאַ אַראָפּגיין כדי צו דערליידיקן אירע ענינים.

איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזער אַנשטאַלט, ווו איך האָב מיך געפונען, כדי אים אַביסל צו פאַרווילן.

— אויפן דאַך געפינט זיך אַ טעראַסע — האָב איך אים דערציילט — אויף דער טעראַסע זענען דאָ הינער און קאַטשקעס. דאָרט שטייט אויך

אַ באַנק אויף וועלכער עס זיצן די נאָנעס און קוקן זיך צו. אויפן בוידעם זענען פאַראַן שמאָלע טרעפּ וואָס פירן צו דער טעראַסע.

— כ׳וואָלט געוואָלט זען די הינער און די קאַטשקעס — האָט גע־זאָגט דאָס קראַנקע ייִנגעלע.

טײלמאָל האָב איך אים געזונגען רעליגיעזע לידער, אָבער דאָס האָט אים געלאַנגווײליקט.

— וואָס זעט מען פון דער טעראַסע? — האָט ער געפרעגט.

— גאַנץ וואַרשע — האָט איך געענטפערט.

— כ׳׳וואָלט געוואָלט פון דאָרט זען גאַנץ וואַרשע... — האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב געקוקט אויף אים פון דערווײטנס און כ׳האָב געטראַכט: ווי בלאַס ער איז און וואָס פאַראַ אונטערגעהאַקטע אויגן ער האָט!

און נאָך האָב איך געטראַכט: אײנזאַם קינד, אויב ער וועט איבער־לעבן די מלחמה — ווי אַזוי וועלן זיך די קינדער־יאָרן אָפּרופן אויף זײן לעבן?...

— נו, און וואָס אַליציאַ, דו גײסט שוין ווידער צו מאַרישיאַ? — האָט געפרעגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ — יעדן טאָג גײסטו צו איר?

זי האָט געוווּסט, אַז מאַרישיאַ וווינט שוין נישט אין סולעיוועק, אַז זי איז צוריקגעקומען מיט איר קראַנק ייִנגעלע און זי איז בײ זיך אין דער וווינונג.

אָבער איך האָב איר נישט געזאָגט, אַז דאָס קינד איז קראַנק אויף שקאַרלאַטין, ווײל איך האָב עס איר נישט געטאָרט זאָגן.

— יאָ! — האָב איך געענטפערט — יעדן טאָג גײ איך צו איר.

— און איך פאַר די טעג אַוועק קײן בוסק און דו וועסט בלײבן אַלײן.

אין אָוונט, ווען זי האָט זיך געוואַשן אין פינצטערן קאָרידאָר, האָט זי אַוועקגעשטעלט דאָס אָנגעצונדענע ליכטל, נישט ווי געוויינלעך אויף דעם שענקל, נאָר אויף מעכאָוואַס לעדערנער וואַליזע. דאָס איז געווען אַ קלײן שטיקל ליכט, וואָס האָט זיך שנעל אויסגעברענט און איבערגע־לאָזט אויף דעם לעדער אַ טונקעלן פלעק.

צומאָרגנס האָב איך בײם אַרײנגײן אין דער קירכע געטראָפן מע־כאָוואַ.

— פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט זי געזאָגט — היינט נעם איך אָפּ די וואַליזע.

— גוט, איך וועל זי אייך ברענגען.

— ניין, קאַראָלינאַ שטוטשקע וועט זיצן אויף דער סאָפקע לעבן דער טיר; גיט איר די וואַליזע.

איך האָב מיר געטראַכט: ווי ווייט האָט זיך די פרוי צוגעוווינט צו קאָנספּיראַציע! איך האָב דאָך אַליין געקענט איר אַריינטראָגן די וואַליזע צו יעדער צייט. איך האָב שוין דעמאָלט פאַר קיינעם נישט מורא געהאַט. און ווען אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ וואָלט אַפילו געזען, אַז איך טראָג אַרויס דאָס רענצל און וואָלט געפרעגט צו וועמען עס באַלאַנגט, אַפילו דעמאָלט וואָלט איך געקענט זאָגן אָן מורא:

— דאָס איז מעכאָוואָס רענצל און איך טראָג עס איר טאַקע אָפּ.

ווייל ביאַלקאָווסקאַ האָט שוין דעמאָלט געהאַט געוווּסט, אַז מעכאָ־וואַ איז אַ ייִדישע, און עס וואָלט זיך איר אויסגעוויזן לעכערלעך אַזאַ האַנדלונג פון איר זייט.

— די נאָנעס ווייסן גאַנץ גוט, אַז מעכאָוואַ איז אַ ייִדישע — האָט זי מיר איינמאָל געזאָגט. — זאָל זי נאָר שטיל און רויִק זיצן. איבעריקנס, דאָס איז אַן אנשטענדיקע פרוי און זי פאַרנעמט זיך מיט דער בלינדער ניעמיראָווסקאַ.

איך האָב געטאָן ווי מעכאָוואַ האָט מיך געבעטן. אין דעם מאָמענט ווען איך האָב געזען קאַראָלינאַ שטוטשקע לעבן דער טיר, האָב איך איר איבערגעגעבן די וואַליזע.

פאַרוואָס האָט מעכאָוואַ צו דער מיסיע אויסגעקליבן קאַראָלינאַן? ווייל זי האָט געוווּסט, אַז קאַראָלינאַ שטוטשקע וועט, אין איר פּשטות, זיך איינגאַנצן נישט אינטערעסירן מיט דעם ענין.

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, האָב איך ביי יעדער באַגעגעניש מיט מע־כאָוואַ, געהערט פון איר פאַלגנדיקע ווערטער:

— פרוי מאַיעווסקאַ, ווי אַזוי האָט מען געקענט אַזוי רויִנירן די וואַליזע? אויף דער לעדער איז דאָ אַ טונקעלער פלעק, וועלכן מען קען נישט אַרויסנעמען.

צי האָב איך איר דען געקענט זאָגן, אַז דאָס האָט געטאָן אַננאַ ביאַל־

קאָווסקאַ? איך האָב אָנגענומען דעם פאָרוואורף מיט אַ געפיל ווי איך אַליין וואָלט באַגאַנגען עפּעס אַ שלעכטע טאַט.

אין יענער צייט האָב איך מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די נאָמעס ווייסן פון די אויסבאַהאַלטענע ייִדן ביי זיי אין אַנשטאַלט.

איך האָב מיך דערין איבערצייגט ווען אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז צו דער תפילה אין דעם געבעט־צימער אַריינגעקומען אַ הויכע און מאָגערע פרוי מיט ספּעציעל־כאַראַקטעריסטישע סעמיטישע שטריכן.

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און זי איז געווען אַזוי אויבערגעשראָקן, אַז זי האָט זיך אַפילו נישט איבערגעצלמט נישט ביים אַריינקומען און נישט בעת די תפילות.

דערנאָך האָב איך זי עטלעכע מאָל געזען אין דעם קאָרידאָר פון דער שוועסטער גערמאַנאַ. זי איז געווען פאַרכמורעט און שווייגנדיק. איך האָב נישט געקענט איר נאָמען.

אפשר האָט זי גערעדט פויליש מיט פעלערן, דערפאַר האָט זי בעסער געוואָלט שווייגן. זי האָט זיכער געשטאַמט פון דער פאָלקס־מאַסע. מען האָט עס געקענט דערקענען פון אירע באַוועגונגען און פון איר אויפפירן זיך.

דערפאַר בין איך אין דעם פאַל געווען זיכער, אַז מען האָט די פרוי אָנגענומען אין אַנשטאַלט, וויסנדיק ווער זי איז.

און זאָפיאַ לאַזיעוויטש, פאַרוואָס האָט מען אַרויסגעשיקט זאָפיאַ לאַזיעוויטש?

ווייל עמעצער האָט טעלעפאָנירט פון שטאָט און קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן, אַז די נאָנעס באַהאַלטן אויס ייִדן.

— זיי ווייסן אויך, אַז מאַקאָווסקאַ איז אַ ייִדישע — האָט צו מיר אַ געוויסן טאָג געזאָגט אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ. דערנאָך האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן צוגעגעבן: — איך קען זי נישט פאַרטראָגן, די מאַקאָווסקאַ.

עס האָט מיך געוווּנדערט, פאַרוואָס זי האָט אַלעמאָל, ווען נאָר זי האָט גערעדט וועגן דער מאַקאָווסקאַ, געמוזט צוגעבן:

— איך קען זי נישט פאַרטראָגן.

פאַרוואָס? — די מאַקאָווסקאַ האָט געמוזט האָבן אין זיך עפּעס אַזוינס וואָס האָט זי אויפגערעגט. איך האָב מיר אויסגעטייטשט, אַז דער

אומחן, וואָס זי האָט געוואָרפן אויף מאַקאָווסקאַ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מאַקאָווסקאַ איז געווען פיין אַנגעטאָן, האָט געפלעגט אירע נעגל און זיך באַמיט צו זיין אַלעמאָל שיין פאַרקעמט.

ביאַלקאָווסקאַ, דאַקעגן, איז געווען באַשיידן אָנגעטאָן, מיט גלאָט צוגעקעמטע האָר און האָט איבערהויפּט נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף איר אויסזען.

***

אין יולי האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקמאַרש פון דעם דייטשישן מיליטער. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז עס דאַרף אויסברעכן אַן אויפשטאַנד.

ביאַלקאָווסקאַ מיט דער הויפּט־שוועסטער באַגומילאַ האָבן שוין לאַנג וועגן דעם זיך געשושקעט אין קאָרידאָר.

— אַליציאַ, זי איז אַ פּיפּיקע, די שוועסטער באַגומילאַ, אָבער דערציל וועגן דעם קיינעם נישט! זאָל דיך גאָט אויסהיטן!

וועגן די ענינים האָט מען גערעדט בסוד־סודות און דאָך האָב איך געוווסט, אַז מאַריאַן, דער נייעם איידעם פון ביאַלקאָווסקאַ, געהערט צו דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פונקט ווי דער 17־יעריקער שילער, דער זון פון פרוי עמיליאַ, אויך דער גלעזער, מיין טאָכטער אירענאַס פאַרערער.

מען האָט דערציילט, אַז אַלע קעלערס פון די הייזער זענען מיט זיך פאַרייניקט דורך אונטערערדישע קאָרידאָרן. מען האָט געקענט דורכגיין פון איין עק שטאָט ביז דעם צווייטן, נישט אַרויסשטעלנדיק דעם קאָפּ אינדרויסן. פון אַ לאַנגער צייט האָט מען געזאַמלט געווער און מאָבילי־זירט זעלנער, דאָקטוירים און סאַניטאַרן. אָבער קיינער האָט נישט געוווסט ווען דער אויפשטאַנד וועט אויסברעכן. די אַטמאָספער איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע. מען האָט געוואַרט.

היות די קלאַנגען וועגן די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד זענען דורך פאַרשיידענע שפּיאָנען דערגאַנגען צו די דייטשן, האָט אָנגעהויבן צו הערשן אַ שרעקלעכער טעראָר. עס איז נישט פאַרביי קיין איין טאָג אָן מאַסן־עקזעקוציעס.

אין די צייטן פלעג איך שטיין ביים פענצטער און זיך צוקוקן צו

דעם צוריקציִענדיקן זיך מאַטאַריזירטן מיליטער. די לעשנאָ גאַס איז גע־ווען איינע פון די אַרטעריעס פון צוריקמאַרש.

נאָך דעם מיליטער האָבן זיך געצויגן וועגענער און וועגעלעך איינ־געשפּאַנטע אין פערד. דאָס זענען געווען געוויינלעכע פויערישע וועגע־נער און אויף זיי זענען געזעסן פרויען און קינדער; פון הינטן זענען גע־ווען צוגעבונדן קי און פערד. אַ טייל פרויען זענען געגאַנגען צופוס דער־לעבן, בכדי צו פאַרלייכטערן די פערד, און זיי האָבן זיך מיט די הענט אָנגעהאַלטן ביי די וועגענער.

כ׳האָב אויך געזען אויף די וועגענער חזירים, גענדז, זעק מיט מעל אָדער מיט ווייץ און טיילמאָל אַפילו מעבל.

אויף די וועגענער האָט זיך געפונען די באַפעלקערונג פון גאַנצע דער־פער און אפשר אַפילו פון גאַנצע געגנטן. טאָג און נאַכט אָן אויפהער האָבן זיי זיך אַזוי געצויגן דורך דער לעשנאָ גאַס.

איינמאָל, אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג, האָט מיך אויפגעוועקט אַ טופּען מיט די פיס. אין דעם ערשטן אויגנבליק האָב איך געמיינט, אַז דאָס מאַרשירט מיליטער אונטער די פענצטער. כ׳בין אַראָפּ פון בעט און כ׳האָב פאַרזיכטיק אָוועקגערוקט דעם שוואַרצן פאַרהאַנג. עס האָט שוין געטאָגט.

כ׳האָב אַביסל אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ און איך האָב דערזען אַ שווי־דערלעך בילד:

טויזנטער מענטשן אָנגעטאָן אין געשטרייפטע קליידער זענען אַרויס־געגאַנגען פון דעם אָפענעם טויער, וואָס האָט געפירט צום געטאָ. ווי אַ שטראָם זענען זיי אַראָפּגעשווומען פון דער זשעלאַזנאַ גאַס צו דער כלאָד־נאַ. זיי זענען געגאַנגען אין גלייכע רייען, צו אַכט אין יעדער ריי.

כ׳האָב צווישן זיי אויך געזען אַ יינגעלע פון אַ יאָר צען, אין אַ גע־שטרייפטן אנצוג.

איינער האָט פאַרלוירן אַ טעפּל, וואָס איז מיט אַ טומל אַראָפּגע־פאַלן אויפן אַספאַלט פון דער גאַס. ער האָט אים נישט אויפגעהויבן; ער איז געגאַנגען ווייטער.

די מחנה איז באַשטאַנען געוויס פון עטלעכע טויזנט מענטשן. נאָך זיי זענען געפאָרן אַ פּאָר וועגענער איינגעשפּאַנטע אין פערד און אויף די וועגענער זענען געלעגן וואַליזעס און אַנדערע זאַכן.

דאָס איז געווען אַן עוואַקויִרטער קאָנצענטראַציע־לאַגער, וועגן וועלכן עס זענען געגאַנגען קלאַנגען, אַז ער געפינט זיך אויף דער אַמאָליקער דזשיקע גאַס — אין דער געביידע ווו עס האָט אין געטאָ אַמטירט די יידישע קהילה.

קעגנאיבער אונדזער אַנשטאַלט, אויף דער צווייטער זייט פון לעשנאָ גאַס הינטער די מויערן פון געטאָ, איז געשטאַנען אַ נישט־צעשטערטע געביידע.

פאַר דער מלחמה איז דאָרט געווען אַ שולע. איצט, האָט מען גע־שמועסט, געפינט זיך דאָרט אַ דייטשישער שטאַב. די געביידע האָט אויס־געזען ווי אַ פעסטונג.

דורך אַ גאַנצע ריי טעג האָבן לאַסט־אויטאָס אַרויסגעפירט קאַסטנס און מעבל פון דער געביידע. אין אַ דערבייאיקן הויז האָט זיך וואַרשייג־לעך געפינען עפּעס אַ פאַבריק, ווייל אין געוויסע שעהן האָט מען געקענט זען אין די פענצטער אַ סך פרויען און מיידלעך. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו דער עוואַקואַציע, געלאַכט, געפּאַטשט מיט די הענט און געזונגען פאַ־טריאָטישע לידער. איין אָפיציר האָט זיי געדראָט מיט אַ רעוואָלווער.

**
*

איך האָב איצט געוווינט אַליין, ווייל ביאַלקאָווסקאַ איז אַוועקגע־פאָרן קיין בוסק זיך היילן. איינמאָל בין איך אַרויס פון אַנשטאַלט, כדי צו פאָרן צו מאַרישיאַ. די טראַמוויי־סטאַציע איז געווען אויף דער זשע־לאַזנאַ גאַס לעבן כלאָדנאַ.

ווען כ׳בין אַזוי געשטאַנען אויף דער סטאַציע און כ׳האָב געוואַרט אויפן טראַמוויי, האָב איך באַמערקט אויפן עק גאַס די ניאַניע פון מיין יונגסטער טאָכטער נינאַ, וואָס איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע. איך האָב די ניאַניע גלייך דערקענט און כ׳האָב מיך מורא־דיק איבערגעשראָקן פאַר דער פרוי. כ׳האָב מיך צוריקגעצויגן צו דער כלאָדנאַ גאַס און כ׳בין געבליבן שטיין פאַר אַ שויפענצטער פון אַ גע־שעפט. נאָך פופצן מינוט בין איך צוריקגעגאַנגען צו דער סטאַציע. זי איז שוין דאָרט נישט געווען.

ביי מאַרישיאַ אין דער וווינונג האָב איך געטראָפן די פרוי עמיליאַ.

— גרוסן פֿון נינאַ, — האָט זי געזאָגט — איך בין נעכטן ביי איר געווען.

פֿרוי עמיליאַ האָט געטראָגן אַ זומער־קלייד אין שטרייפֿן. אירע גרויע האָר מיטן יונגן פּנים האָבן געשאַפֿן אַ קאָלירפֿולן קאָנטראַסט צום טונ־קעלן ראַנד פֿון דעם שטרויענעם הוט.

זי איז געקומען מיט אַזאַ ענין: אויב מאַרישיאַ וואָלט זיך געניייטיקט אין אַן איבעריקער דירה, וואָלט זי עס געקענט דערליידיקן אין זשאָלי־באָזש.

מאַרישיאַ האָט אַ צייט באַטראַכט אָט דעם פֿאָרשלאָג. איר זונעלע איז געזעסן אין צווייטן צימער לעבן שרייבטיש און האָט געצייכנט. ער איז שוין איצט געווען אַ רעקאָנוואַלעסצענט; אַ בלייכער מיט אונטער־געהאַקטע אויגן.

— פֿרוי עמיליאַ, — האָט זי געזאָגט — גראַד איצט, אין די לעצטע טעג האָט מען אָנגעהויבן צו שמועסן אין אונדזער הויז, אַז איך בין אַ ייִדישע. איך האָב מורא דאָ צו פֿאַרבלייבן; איך מוז ענדערן די דירה.

— ווי לאַנג וועט געדויערן דער אויפֿשטאַנד?

— אַלע מיינען, אַז צוויי וואָכן. די רוסן זענען הינטער וואַרשע. כ׳וואָלט געוואָלט זיין דורך דער צייט מיט מיין מוטער.

זי האָט זיך צו מיר געווענדט:

— דו מוזסט בעטן די פֿאַרוואַלטערין, זי זאָל דערלויבן מיר מיטן קינד וווינען מיט דיר בעתן אויפֿשטאַנד.

איך האָב אַ ציטער געטאָן ווען איך האָב דערהערט, אַז מען איז זי חושד אין דעם הויז. איך האָב געוווסט וואָס פֿאַראַ שרעקלעכע רעזולטאַטן דאָס קען ברענגען.

דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר איך בין צוריקגעקומען אין אַנשטאַלט, בין איך אַריין אין דער קאַנצעלאַריע און מיט טרערן אין די אויגן, האָב איך געבעטן די שוועסטער־פֿאַרוואַלטערין זי זאָל דערלויבן מיין שנור מיטן קינד צו וווינען מיט מיר צוזאַמען אין דער צייט פֿון אויפֿשטאַנד.

— מיר ווילן נישט אין אַזאַ צייט זיך צעשיידן — האָב איך גע־זאָגט — מיר ווילן זיין צוזאַמען.

זי האָט דערלויבט. פּונקט ווי יעדער איינער, האָט זי אויך געטראַכט, אַז דער אויפֿשטאַנד וועט נישט דויערן לענגער ווי צוויי וואָכן.

אינטערעסאַנט איז געװען דער אַלגעמײנער גלױבן אין אַ צװײ־װאָ־כיקן טערמין. מענטשן האָבן זיך אַפּילו אָפּגערעדט, אַז זײ װעלן זיך טרעפן אויף דעם אָדער יענעם אָרט אין צװײ װאָכן אַרום.

— אָבער זי װעט זיך מוזן אַלײן פאַרזאָרגן מיט עסן — האָט גע־זאָגט די פּאַרװאַלטערין.

צומאָרגנס בין איך װידער געפאָרן צו מאַרישיאַ און כ׳האָב איר מיט־געטײלט דעם רעזולטאַט פון דעם געשפּרעך.

— דאָס גאַנצע הויז רעדט שוין דערפון אַז איך בין אַ ייִדישע — האָט זי געזאָגט — כ׳האָב שרעקלעך מורא דאָ צו װױנען. די פרוי בלי־זשינסקאַ דערצײלט מיר װעגן די אַלע קלאַנגען.

דעם 30סטן יולי פאַרמיטאָג איז זי מיטן קינד געקומען צו פאָרן מיט אַ דראָזשקע אויף דער לעשנאָ גאַס, אין אונדזער אַנשטאַלט. זי האָט מיט־געבראַכט מיט זיך אַ רענצל און אַ קײשל, אין װעלכן זי האָט געהאַט שפּײַז.

זי האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין דעם װינקל פון אַננאַ ביאַלקאָװסקאַ און זי האָט גלײך אָפּגעקאָכט אויף דער עלעקטרישער מאַשינקע אַ זופּ פאַר זיך מיטן קינד.

— װען װעט זיך אָנהײבן דער אויפשטאַנד? — האָב איך געפרעגט.

— אין די נאָענטסטע טעג — האָט זי געענטפערט — עס האָט מיר װעגן דעם געזאָגט עמעצער, װאָס האָט קאָנטאַקטן מיט דער אונטערער־דישער אָרגאַניזאַציע.

***

דעם ערשטן אויגוסט, זעקס אַזײגער אינדערפרי איז די אַכציק־יע־ריקע פרוי װיטקאָװסקאַ, פון דער שװעסטער גערמאַנאַס קאָרידאָר, אַרויס װי געװײנלעך כדי צו היטן עמעצנס װױנונג.

נאָכמיטאָג זענען די שװעסטער־פאַרװאַלטערין און די שװעסטער פלאָרינאַ אַרויס אין מאַרק אַרײַן, כדי דאָרט אײַנצוקויפן. זײ האָבן מיט זיך מיטגענומען דעם באַדינער װאַלענטי, װעלכער האָט געשטופּט אַ האַנט־װעגעלע.

דרײַ אַזײגער איז געפאַלן דער ערשטער שאָס.

דריטע טייל

אויפשטאַנד

דריי אַזייגער נאָכמיטאָג איז געפאַלן דער ערשטער שאָס אין דער געגנט פון אונדזער אַנשטאַלט.

די אַלטיטשקע וויטקאָווסקאַ, וועלכע איז אַרויס אין שטאָט זעקס אינדערפרי, האָט שוין נישט באַוויזן זיך אומצוקערן. זי איז געוואָרן אָפּגעשניטן פון אונדז. דערפאַר האָט זי שוין געמוזט פאַרבלייבן אין דער דירה, וואָס זי האָט געהיט. ווען זי וואָלט ריזיקירט און געפּרוווט דורכגיין די גאַסן ווו מען האָט געקעמפט, וואָלט זי דערשאָסן געוואָרן.

דאָס זעלבע איז געשען מיט דער שוועסטער־פאַרוואַלטערין, שוועסטער פלאָרינאַ און דעם באַדינער וואַלענטי. זיי זענען שוין אויך נישט צוריקגעקומען אין דעם אַנשטאַלט אַריין און זיי זענען אויך אָפּגעשניטן געוואָרן פון אונדז. מעגלעך, אַז זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין דער נאָענטער קירך, אָדער אין אַן אַנדערן קלויסטער, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ געגנט, וואָס דער אויפשטאַנד האָט עס נאָך נישט געהאַט אַרומגענומען.

אויפן שטח פון גרויס־וואַרשע איז אונדזער אַנשטאַלט געווען ווי אַ קליין אינדזל. אין אַנדערע געגנטן האָט נאָך אפשר דאָס לעבן פּולסירט, אָבער אויף אונדזער אינדזל איז עס געוואָרן אָפּגעשטאָרבן. די גאַסן זענען געוואָרן פּוסט און יעדע באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

מען האָט געהערט דאָס פייפן פון קוילן, דאָס רוישן פון עראָפּלאַנען און עס האָבן זיך פון דערווייטנס געהערט באָמבען־אויפרייסן.

אונדזער פענצטער האָט זיך געפונען אַנטקעגן דעם אַמאָליקן געטאָ, אַנטקעגן דעם הויז ווו עס האָט זיך מכלומרשט געפונען אַ דייטשישער שטאַב. די דייטשן האָבן אַוועקגעשטעלט אויפן דאַך פון דעם הויז אַ מאַשין־געווער און האָבן געשאָסן אין די פענצטער פון אונדזער אַנשטאַלט.

ווען עס איז אַריינגעפאַלן די ערשטע קויל אין אונדזער צימער, זע־

נען מיר — מאַרישיאַ, איר זונעלע און איך — אַרויסגעלאָפן אין קאָ־רידאָר.

— לאָמיר זיך דאָ אָוועקזעצן, לעבן דער וואַנט. מיר וועלן מיט דער שאַנק פאַרשטעלן די טיר און איבערלאָזן אַ שמאָלן דורכגאַנג...

מיר זענען פאַרזיכטיק אַריין אין קאָרידאָרל און פאַררוקט די טיר מיט דער שאַנק. אָבער די קוילן האָבן דורכגעלעכערט די שאַנק און זענען געפלויגן דורכן קאָרידאָר צום הויכן פענצטער.

ווען מיר זענען אַזוי געשטאַנען, נישט ווויסנדיק ווו זיך אויסצובאַ־האַלטן פון די קוילן, איז פון הינטן צו אונדז אַרויפגעלאָפן דורך די טרעפּ דער פאַרוואַלטער.

— עס איז אַ געפאַר דאָ צו זיין — האָט ער געזאָגט.

מיר זענען מיט אים אַרויפגעגאַנגען אויף עפּעס אַ בוידעמל, וואָס איז געווען איבערפולט מיט אומנייטיקע מעבל, קאַסטנס און פאַרשיידענע צעבראָכענע שטולן. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ שטענדער מיט אַ טאָוול, אויף וועלכן עמעצער האָט אָנגעהויבן צו מאָלן אַ בילד. אַלץ איז באַדעקט געווען מיט שטויב און שפּינוועבס.

דאָס בוידעמל האָט געהאַט אַן אויסגעבויגענעם הילצערנעם דאַך און דאָס קליינע, שמאָלע פענצטערל איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. די ליכט־שטראַלן זענען געפאַלן דורכן פענצטערל און באַלויכטן דעם שטויב. אַ ריזיקער שיכט פון שטויב האָט זיך אויפגעהויבן ווען מיר זענען דאָרט אַריין.

און טאַקע דערפאַר, וואָס דאָרט איז געווען אַזוי ענג און דאָס פענצ־טערל איז געווען אַזוי קליין, און עס האָט געהערשט אַ בין־השמשות, און אפשר צוליבן שטויב, וואָס האָט געטאַנצט אין דעם שאַרפן שמאָלן ליכ־טיקן שטראַל, האָט מען געקענט האָבן די אילוזיע פון זיכערקייט. אונ־דזערע שטאַרק־קלאַפּנדיקע הערצער האָבן זיך לאַנגזאַם באַרויקט. דאָס דאָזיקע שוץ־ווינקל איז געווען אונדזער ערשטע סטאַציע, אין וועלכער מיר האָבן געקעמפט פאַר אונדזער לעבן אין יענע געפערלעכע טעג.

דער גלח איז געזעסן אויף אַ לענשטול און ער האָט געשמועסט מיט אַ פרעמדן הויכן מאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם שטענדער אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען די נאַר־וואָס אָנגעהויבענע מאָלעריי. ריידנ־דיק מיטן גלח, האָט ער געקוקט אויפן בילד אַריבערבייגנדיק דעם קאָפּ.

דער אויפשטאַנד האָט אים געטראָפן אויף אונדזער גאַס און ער איז אָפּ־געריסן געוואָרן פון זיין משפחה. הערנדיק דאָס קלאַפּן פון מאַשין־געווער איז ער אַריין אין אונדזער אַנשטאַלט. ער האָט נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי ער וועט אימשטאַנד זיין אָוועקצוגיין פון דאַנען, כדי זיך צו פאַרייניקן מיט זיין משפחה.

דערזעענדיק אונדז אַריינקומען, האָט דער גלח זיך אַ ריר געטאָן פון זיין אָרט. ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט זיינע הענט ווי אַ באַלעבאָס וואָס נעמט אויף געסט. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קאַסטן. דער אַד־מיניסטראַטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן גלח און זיי האָבן גלייך זיך אַריינגעטאָן אין אַ פּאָליטישן שמועס.

— עס וועט געוויס לאַנג נישט דויערן — האָבן זיי געזאָגט — די רוסן שטייען הינטער וואַרשע.

— און די הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס די דייטשן האָבן פאַר־לאַנגט צו מאַכן אָקאָפּעס? אַ טראַכט צו טאָן: הונדערט טויזנט מענטשן! זיי וועלן די מענטשן נישט קריגן...

דערנאָך זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן זיך צוגעהערט צו דעם וואַקסנדיקן אַליאַרם אין דרויסן: צו די אויפרייסנדיקע גראַנאַטן, פייפנדיקע קוילן און צו דעם קלאַנג פון צעקנאַקטע שויבן, וואָס זענען מיט אַ גערויש געפאַלן אויפן אַספאַלט.

דער גלח האָט אויסגעצויגן זיין האַנט און צוגעטוליעט צו זיך אונ־דזער יינגעלע. ער האָט אים אַרומגענומען און געהאַלטן לעבן זיך. זיין האַנט האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן קינדס בלאָנד קעפּל — עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וויל נאָך יעדן שטאַרקן קראַך באַרויִקן זיין אייגן קלאַפּנדיק האַרץ אין דער נאָענטקייט פון דעם שווייגנדיקן קינד. און אפשר האָט ער געטראַכט, אַז דאָס קינד האָט מורא, און עס וועט זיך פילן רויִ־קער לעבן אים, ווי לעבן זיין איבערגעשראָקענער מוטער?

ער האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. און ער האָט דאָך גע־קענט זאָגן: זאָג אָפּ אַ תפילה, אָדער: צי דאַוונסטו פלייסיק יעדן טאָג? — ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

אפשר אונטערן איינדרוק פון דער געפערלעכער שיסעריי האָט זיך אין אים דערוועקט אַ פאָטער־אינסטינקט? אפשר איז ער נישט געווען קיין גלח אין דעם אויגנבליק, נאָר אַ פאָטער, וואָס ער איז עס קיינמאָל נישט

געווען און איצט האָט ער געזעטיקט זיין האַרץ און זיינע אויגן מיט דער אײדעלער שײנקייט פון דעם קינד?

זיצנדיק נאָענט האָב איך מיך שטאַרק דערמיט געוווּנדערט. זעענדיק ווי האַרציק ער טוליעט צו זיך דאָס קינד, האָב איך געטראַכט וועגן זיין פּרעדיקן, וואָס כ׳האָב געהערט אַזויפיל מאָל. כ׳האָב מיך צוגעהערט צו זיין פּרעדיקן מיט אַ ציטער אין מיין האַרץ...

— אַלץ וואָס איז געשען מיט די ייִדן, איז אַ שטראָף, איז אַן אויס־לייזונג פאַר זייערע עבירות... די דייטשן זענען נאָר געווען אַ ווערקצייג פון דער שטראָף...

און דאָ איצט נעמט ער אַרום דאָס ייִדישע קינד.

כ׳בין אויך שטאַרק באַזאָרגט געווען וועגן מיינע טעכטער — אי־רענאַ און נינאַ, און אין מיינע געדאַנקען האָב איך מיך מיט זיי געזעגנט, ווייל איך האָב נישט געוווּסט צי איך וועל זיי נאָך אַמאָל ווען עס איז זען...

דערנאָך האָב איך געטראַכט: ווו איז מאַריאַן אין דער קריטישער שעה? אויף וואָס פאַראַ פּונקט שטייט ער און אויף וועלכער גאַס? דער מענטש איז מיר געווען נאָענט און איך האָב מיך געשראָקן וועגן אים. ער איז געווען ווי אַ מיטגליד פון מיין משפּחה. עס האָט מיך מיט אים פאַר־רייניקט דער בונד פון בלוט.

כ׳האָב אויך געטראַכט פון פרוי עמיליאַס זון, וועלכער איז אַלט געווען 17 יאָר און האָט זיך נאָך געלערנט אין דער שולע. ער איז אויך ערגעץ געשטאַנען אויף אַ פּאָזיציע לעבן אַ מאַשין־געווער, אָדער מיט אַ גראַנאַט אין דער צונויפגעדריקטער האַנט האָט ער געוואַרט ביי אַ ווינקל פון גאַס.

און וועגן דעם גלעזער — אַן עלטערן מענטשן, וועלכער פלעגט קו־מען אין דער קיך צו מיין טאָכטער אירענאַ.

אויף וועלכער גאַס שטייט ער איצטער מיט דער ביקס?

**
*

ווען די ערשטע קוילן האָבן אָנגעהויבן אַריינצופאַלן דורך די פענצ־טער אין די פראָנט־צימערן, האָבן די פרויען, וועלכע זענען דאָרט געווען,

אָנגעהויבן צו שרייען. זיי זענען מיט אַ טומל אַרויס אין קאָרידאָר, רופנ־דיק די נאָנעס ווי קינדער רופן אַ מאַמע.

איצט, ווען די שוועסטער־פּאַרוואַלטערין איז נישט צוריקגעקומען, האָט די הויפּט־שוועסטער באַגומילאַ איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דעם אַנשטאַלט.

רוזק און מיט ווירדע האָט זי איבערגענומען די לייטונג אין אירע הענט. אָנגעהויבן האָט זי דערמיט, וואָס זי האָט געהייסן אַלע בעטן פון די פּראָנט־צימערן אַריבערטראָגן אין די קאָרידאָרן. און היות עס איז געװאָרן ענג, ווייל די בעטן האָט מען אָוועקגעשטעלט איינס לעבן צווייטן אין צוויי רייען — און די נאָנע האָט נישט געוואָלט, אַז די פרויען זאָלן זיך אַרומדרייען און זיך אויפרעגן, האָט זי זיי אַלע געהייסן זיך אַוועק־לייגן אין די בעטן. זענען אַלזאָ אַלע — סיי די קראַנקע, סיי די געזונטע געלעגן — און די נאָנעס האָבן זיך געדרייט צווישן זיי אין דעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן די בעטן.

דערנאָך, פאַרויסזעענדיק ערגערע סכנות, האָט זי גלייך אָנגעהויבן צו מאַכן צוגרייטונגען כדי אַריבערצוטראָגן די שווער־קראַנקע — און עס האָבן זיך געפונען כמעט הונדערט שווער־קראַנקע פרויען און מענער — אין די גרויסע קעלערן, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט אַריינגיין דורכן הויף.

— אַ בעט לעבן אַ בעט; פרויען אין איין אָפּטיילונג, מענער אין דער צווייטער! — אַזאַ באַפעל האָט זי אַרויסגעגעבן.

אין די זעלבע קעלערן האָט זי אויך געהייסן אַריבערטראָגן דעם אַל־טאַר פון דעם קירכן־צימער. מען האָט אויך אויפגעהאָנגען עטלעכע ביל־דער אויף דער וואַנט איבער דעם אַלטאַר.

ביינאַכט, ווען עס איז שוין געווען פינצטער און די שיסעריי איז שטיל געוואָרן, זענען מיר אַראָפּ פון בוידעם.

כ׳האָב מיך אַריינגעגליטשט אין אונדזער צימער און כ׳האָב צוגענו־מען דאָס אַלומיניום־טעפּל, וואָס איז געשטאַנען אויפן עלעקטרישן איי־וועלע. טאַפּנדיק אין דער פינצטער האָב איך אויך געפונען דעם בייטל מיט צוקער, וועלכן כ׳האָב צוגענומען. דערנאָך בין איך אַראָפּ נידעריקער, און גייענדיק צווישן די בעטן בין איך אַוועק אין דער ריכטונג פון דער קיך. נאָך מיר זענען געגאַנגען מאַרישיאַ מיטן קינד. אין אַ געוויסן מאָ־

מענט האָב איך אָנגעטראָפן אויף מאַריאַ סאָקאָלאָווסקאַ, וועלכע האָט צו־זאַמען מיט די נאָנעס געאַרבעט ביים אַריבערפירן די קראַנקע.

— דאָס איז דאָס יינגעלע? — האָט זי געפרעגט. — ווי הייסטו יינגעלע?

— מאַציעק מאַיעווסקי — האָט ער געענטפערט.

זי האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער דעם העלן קאָפּ.

— ער זעט אויס ווי אַ קליינער לאָרד — האָט זי צו מיר שטילער־הייט געזאָגט.

— פרוי מאַיעווסקאַ! — האָט מיך אַ רוף געטאָן קאָוואַלסקאַ, וועלכע איז געלעגן אין בעט און געגעסן זופּ פון אַ טעפּל. צוויי נאַפט־לאָמפּן האָבן באַלויכטן דעם קאָרידאָר. לעבן קאָוואַלסקאַס בעט איז געשטאַנען אַ נאַכט־שענקל און אויף אים — אַ צלם באַהאָנגען מיט פּאַטשערקעס. דער צלם האָט געגלאַנצט אין דער האַלב־טונקלקייט פון דער שווערער לופט, וואָס איז געווען איבערגעפּולט מיט די אָטעמס פון די ליגנדיקע פרויען און מיט דער פּאַרע פון דער הייסער זופּ.

— זעצט אייך אַוועק אַ ווײַלע אויף מיין בעט — האָט געזאָגט קאָ־וואַלסקאַ. — דאָס איז דאָס יינגעלע? איר זענט צוזאַמען, און קאַראָל מיט מאַלגאָשיאַ זענען נישטאָ מיט מיר און איך ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט זיי...

— פרוי קאָוואַלסקאַ, — האָב איך צו איר געזאָגט — איך האָב נאָך צוויי שוועסטערן־טעכטער, וועלכע איך האָב ליב ווי זיי וואָלטן געווען מיי־נע אייגענע קינדער. און איך ווייס אויך נישט וואָס מיט זיי טוט זיך.

זי האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט.

— וואָס פאַרא שאָד, וואָס אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ איז נישט מיט אונדז. זי וואָלט אונדז אַלעמען צוגעגעבן מוט.

איצט, טאַקע אין די קריטישע מאָמענטן, ווי שטאַרק האָב איך באַ־דויערט וואָס ביאַלקאָווסקאַ איז אַוועקגעפאָרן קיין בוסק זיך צו היילן די פיס. אָבער אויב זי וואָלט נישט אַוועקגעפאָרן וואָלטן דען מיין טאָכטער מאַרישיאַ מיט איר זונעלע מאַציעק געקענט זיין מיט מיר?

קעגנאיבער קאָוואַלסקאַ איז געלעגן פרוי יוזעפינאַ מיטן געבעט־בוך ביי די אויגן. ווייטער אין דער ריי איז געשטאַנען דאָס בעט מיט קאַראָ־לינאַ שטושקע.

— פרוי מאַיעווסקאַ! — האָט מיך אַ רוף געטאָן קאַראָלינאַ.

ווען איך בין צו איר צוגעגאַנגען, האָט זי שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז זי האָט מיך גערופן. זי האָט געשעפּטשעט אַ תפילה, אָבער אירע אָפּגע־בלאַקעווטע אויגן האָבן געקוקט אויף מיר. איר פּנים, ווי אויסגעשניצט פון געלן אַלטן האָלץ, איז געווען געווענדט צו מיר. כ'האָב געוואַרט, אפשר וועט זי עפּעס זאָגן. זי איז אין משך פון איין טאָג קלענער און איינגע־קאָרטשעטער געוואָרן.

— וואָס טוט זיך מיט אונדזער זאָפיאַ? — האָט געפרעגט מעכאַווא. זי איז אַ פאַרזאָרגטע געזעסן אויפן בעט פון דער בלינדער ניעמיראָווסקאַ און האָט געהאַלטן די האַנט צווישן אירע ביידע הענט.

כ'האָב זיך נישט געוואָלט לענגער פאַרהאַלטן. דורך דער גאַנצער צייט האָב איך געטראַכט וועגן דעם ווו מיר וועלן זיך אַהינטאָן די נאַכט. מיר האָבן נישט געקענט אַרויסרוקן די בעטן פון אונדזערע צימערן, ווייל גלייך אין דרויסן זענען געווען די טרעפּ.

אין דער קיך האָב איך געזאָגט צו דער שוועסטער גענציאַנאַ:

— איך בעט אייך אַביסל זופּ פאַר מיין שנור מיט איר קינד; זי האָט נישט געקענט היינט קאָכן, ווייל מען האָט אַריינגעשאָסן אין אונ־דזערע צימערן.

מיין ביטע איז געווען קעגן דעם אָפּמאַך מיט דער פאַרוואַלטערין; זי האָט דערלויבט מיין טאָכטער מיט איר קינד צו פאַרבלייבן אין אַנשטאַלט אונטערן באַדינג אַז זיי וועלן זיך אַליין באַשפּייזן. אָבער צי דען האָבן מיר געקענט פון פאָרויס וויסן, אַז מען וועט אין אונדזער צימער אַריינ־שיסן? דאָס איז געווען אַ העכערע קראַפט.

און דאָך האָב איך מיט אַ פאַרקלעמטן קול געבעטן די זופּ. איך האָב דערלאַנגט דאָס טעפּל מיט אַ זשעסט פון אַן אָרעמער פרוי וואָס בעט אַ נדבה.

— איך בעט אייך אַביסל זופּ פאַר מיין שנור מיטן קינד — האָב איך געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

זי האָט אָנגענומען אַ קאָך־לעפל מיט זופּ פון דעם קעסל און אָנגע־גאָסן אין דעם טעפּל. זי האָט מיר אויך געגעבן צוויי שטיקלעך ברויט.

דערנאָך האָב איך געזאָגט: „גאָט זאָל אייך באַצאָלן" און נישט „אַ

שיינעם דאַנק". נישט ווילנדיק איז מיר דורך די ליפּן דורך דער דאַנק פּוז אַ בעטנדיקער פּרוי.

— גאָט זאָל אייך באַצאָלן — האָב איך געזאָגט.

וויקציאַ און מיכאַלינקאַ — די צוויי דינסטמיידלעך — האָבן גע־וואַשן די טעפּלעך.

— פּרוי מאַיעווסקאַ, ווו וועט איר איצט וווינען? — האָבן זיי גע־פּרעגט.

כ׳בין געשטאַנען מיטן טעפּל זופּ אין דער אויסגעצויגענער האַנט.

— כ׳ווייס נישט — האָב איך געענטפערט.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און וויקציאַ האָט זיך אָפּגערופן:

— מיר וועלן אייך אָפּגעבן אונדזער צימער און מיר וועלן גיין ער־געץ אַנדערש.

— אַך, וויקציאַ... — כ׳האָב נישט געקענט מער ריידן. כ׳האָב נישט געפונען קיין ווערטער, כדי איר צו דאַנקען.

**
*

האַלטנדיק אין דער האַנט אַן אָנגעצונדן שטיקל ליכטל, האָט אונדז וויקציאַ אַריינגעפירט אין איר צימער. דאָס צימער איז געווען אויפן ערשטן שטאָק. אָן אַ זייט פון דעם געדרייטן קאָרידאָר האָט אַ טיר געפירט צו די קלענערע צימערלעך, ווו עס האָט געוווינט די דינערשאַפט.

מיר האָבן נאָר אַראָפּגעצויגן די שיך און נישט אויסטוענדיק זיך, אין די קליידער, האָבן מיר זיך אַריינגעלייגט אין די בעטן, וואָס זענען געווען פול מיט פליי און מיר זענען גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

צומאָרגנס אינדערפרי איז מאַרישיאַ אויף אַלע פיר אַריינגעקראָכן דורך די טרעפּ אין אונדזער צימער אַריין און זי האָט אַרויסגעצויגן פון אונטערן בעט די וואַליזע. זי האָט עס צוגענומען קריכנדיק אויף דער ערד און איז צוריקגעקומען אויף דעם זעלבן אופן, קריכנדיק אויף אַלע פיר איבער די טרעפּ, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט שטיקלעך גלאָז פון די אויסגעהאַקטע שויבן.

אין מיטן טאָג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די שיסעריי. מיר האָבן געזען דורך אַ פענצטער, אַז אַ סך מענטשן לויפן דורכן הויף צו די קע־לערס, זענען מיר אויך אַראָפּגעלאָפן.

אונדזער הויז, אַ גרויסער פאַרמאַכטער בלאָק, איז באַשטאַנען פון אַ פאָדערשטער, זייטיקער און הינטערשטער געביידע. דער הויף איז געווען אויסגעלייגט מיט לענגלעכע געלע ציגל; אין מיטן הויף, אַן אויסגעמויערטער קרייז און אין דעם קרייז — גרויע ערד, אויף וועלכער עס האָבן געזאָלט וואַקסן בלומען. איצט האָט מען נאָר ווו נישט איז געזען אַביסל גראָז אויסגעטריקנט פון דער זון. אין דעם אַרומגעמויערטן קרייז זענען אויף צוויי נידעריקע קברים געשטאַנען צוויי צלמים. צוויי פרויען פון אונדזער אַנשטאַלט, וועלכע זענען געשטאָרבן אינמיטן דער נאַכט, זענען פאַרטאָג דאָ באַערדיקט געוואָרן.

באַהאַלטנדיק די קעפּ אין די אַקסלען זענען מיר שנעל דורכגעלאָפן דעם הויף און זיך באַהאַלטן ביי דעם אַריינגאַנג צו דער זייטיקער געביידע.

אַ געוויסע צייט זענען מיר געזעסן אויף דער ערד אין הויז, דערנאָך זענען מיר מידע אַריינגעגאַנגען אין אַ פאַרטער־וווינונג, אין וועלכער די טיר איז געשטאַנען אָפן.

דאָרט האָט געוווינט אַ יונג פאַרפאָלק און מערערע פרעמדע מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער דער וווינונג. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט און קיינער האָט אויף אונדז נישט געלייגט קיין אַכט.

דורך דער אָפענער טיר פון דעם צווייטן צימער האָט זיך געזען אַ ברייט געלעגער באַדעקט מיט אַ צודעק. אַ סך פאַרשיידענע קאָלירטע קישעלעך זענען אויף אים געלעגן; צווישן זיי, אַ גרויסער פּלושענער בער.

אַ קליין קעצל איז אַרומגעלאָפן איבער דער וווינונג און האָט טרויעריק געמיאַוקעט. אין אַ געוויסן מאָמענט איז עס אַרויפגעשפּרונגען אויפן געלעגער און זיך צוגעטוליעט צו דעם פּלושענעם בער. אויף דעם פּאָן פון דער טראַגעדיע, וואָס די שטאָט האָט איבערגעלעבט, האָט דאָס קליינע באַשעפעניש דורכגעמאַכט זיין אייגענע טראַגעדיע. עס האָט פאַרלוירן זיין מוטער־קאַץ און לעכצנדיק נאָך אַביסל וואַרעמקייט, האָט דאָס פאַרלוירענע און איבערגעשראָקענע קעצעלע געזוכט שוץ, פאַרטיידיקונג און טרייסט ביי דעם פּלושענעם שפּילעכל.

די נאָענטסטע נאַכט ווי אויך פיל וויטערדיקע טעג און נעכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין קעלער.

מיר זענען פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען אין די צימערן פון וויקציאַ און מיכאַלינקאַ און צוריקגעגאַנגען אין קעלער אַריין.

מען איז דאָרט אַראָפּ דורך אַ פּאָר טרעפּלעך. עס זענען דאָרט גע־שטאַנען קאַסטנס און בענקלעך און אַפילו אַן אַלטע לענשטול; לעבן דער וואַנט — אַ טיש באַדעקט מיט פאַרשיידענע אַלטע, אומנייטיקע זאַכן. אויף דער פּאַדלאָגע זענען געלעגן קאַלדרעס און דעקן. אין דער סאַמע הויך האָט זיך געפונען אַ קליין, לאַנג פענצטערל.

פון דעם קעלער האָט געפירט אַ טיר צו אַן אַנדערן קעלער. אין ביי־דע קעלערן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די איינוווינער פון דעם הויז, אַ סך פרעמדע מענטשן, וואָס זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייערע היימען און אַ פּאָר מענטשן פון אונדזער אַנשטאַלט.

פון איין וואַנט זענען אַרויסגענומען געוואָרן די ציגל און עס האָט אַרויסגעטונקלט אַ גרויסער, פינצטערער לאָך. דאָס איז געווען אַ גרוב, וואָס האָט פאַרייניקט מיט די קעלערן פון אַנדערע הייזער.

פון דער הייל איז אַ געוויסע נאַכט אַרויסגעקומען אַן אָפּטיילונג פון אויפשטענדלער, וואָס האָט זיך איינקוואַרטירט אין אונדזער הויז.

***

מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז די דייטשן וואַרפן אַראָפּ פון די אייראָ־פּלאַנען צינד־באָמבעס און צינדן סיסטעמאַטיש אונטער די הייזער, איינס נאָכן צווייטן. אָבער מען האָט געגלייבט, אַז די רוסן וועלן קומען, ווייל זיי זענען דאָך געווען אַזוי נאָענט לעבן וואַרשע.

די נאַכט האָבן מיר אויסגעלייגט אויפן טיש דעם מאַנטל און דאָס קינד איז געשלאָפן אויפן מאַנטל. איך און מאַרישיאַ זענען געזעסן לעבן אים. לעבן אונדז זענען געזעסן די בענדערס, דער מאַן און פרוי, וואָס זע־נען געווען אונדזערע שכנים.

אויף די לענשטולן זענען געזעסן דער גלח און דער אַדמיניסטראַ־טאָר און אויף דער ערד זענען געלעגן עטלעכע צענדליק מענטשן.

דער גלח האָט געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט באַרויקט און צוגעגעבן מוט. ריידנדיק וועגן ייִדן האָט ער ווידער קרעפטיק אַרויסגעזאָגט זיינע אַנטיסעמיטישע אָנשויונגען.

— האָט גלויבן אין גאָט, מיינע קינדער. פּוילן וועט צוריק אויפ־שטיין. נאָר געדענקט, איר זאָלט זי שיצן קעגן ייִדישן גיפט, ווייל אומע־טום געפינט זיך דער שעדלעכער גיפט, אין דער קונסט, פּאָעזיע, ליטע־

ראַטור... און די מאָדערנע טענץ, צום ביישפּיל טאַנגאָ, איז דאָס נישט קיין ייִדישע דערפינדונג? צי איז דאָס נישט קיין סם, וועלכער טריפט אַריין לאַנגזאַם אָבער אומברחמנותדיק אין די נשמות און צעשפּרייט פאַר־דאַרבונג צווישן אונדזער יוגנט?...

צי זענען מיר און די בענדערס, וואָס זענען געזעסן לעבן אונדז, נישט געווען אַ פאַרבאָרגענע קהילה אין דעם ים פון פרעמדקייט? מאַראַנען, אין דעם קאַמף פאַרן לעבן, האָבן מיר געמוזט שווייגנדיק צושטימען צו די דאָזיקע ווערטער.

די נאַכט האָבן די בענדערס זיך אָנגעשטויסן, אַז מיר זענען ייִדן. און מיר האָבן דערלויבט זיי זאָלן אַזוי גלייבן; מיר האָבן נישט אָפּגעווענדט אונדזערע אויגן. אונדזערע אויגן האָבן נישט אָפּגעשטויסן זייערע פרעגנ־דיקע בליקן.

— מיר זענען פון לאָדזש — האָט שטיל געזאָגט די פרוי בענדער.

מיר האָבן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

צוועלף בייננאַכט איז אַריינגעקומען אַ נאָנע מיט אַ טעפּל זופּ אין איין האַנט און טעפּעלעך מיטן קאָך־לעפל אין דער צווייטער.

צוערשט האָט זי דערלאַנגט די זופּ דעם גלח און דעם אַדמיניסטראַ־טאָר, דערנאָך אונדז און די בענדערס; די רעשט האָט זי פונאַנדערגע־טיילט צווישן די פרעמדע.

מיר האָבן אויפגעוועקט דאָס קינד, ווייל מיר האָבן געוואָלט ער זאָל עסן עפּעס וואַרעמס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן טיש און לאַנג גע־ווישט די פאַרשלאָפענע אויגן.

צוזאַמען מיט דער נאָנע האָט זיך מיטגעשלעפּט אַן אַלטיטשקע פון אונדזער אַנשטאַלט. זי האָט שוין מסתמא געהאַט ווייכע געהירן, ווייל זי האָט מיטגעבראַכט אַ בייטל מיט עטלעכע צענדליק ליידיקע פלעשלעך. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען איבערן קעלער, קלאַפּנדיק מיט די ליי־דיקע פלעשלעך. ענדלעך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער הייל, אַרומ־גענומען מיט אירע הענט דעם בייטל און אים צוגעטוליעט צו זיך. זי האָט אָפּגעהיט איר אוצר. ווען מען וואָלט געפּרווט צונעמען ביי איר די פלעשער, וואָלט זי זיך מסתמא געפילט אומגליקלעך, ווי עמעצער, ביי וועמען מען האָט צוגענומען זיין פאַרמעגן און ער איז געבליבן אַן אַנשפּאַר.

אין איין מאָמענט האָט דער ווינט אַ שטאַרקן פלאַטער געטאָן און ס׳פענצטערל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן צוליב אַ נאָענטן אויפרייס. עס האָט זיך אַ שיט געטאָן אויף אונדז שטויב און קאַלך.

אונדזער יינגעלע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש און האָט אָנגעהויבן אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם שטויב און די שטיקלעך קאַלך.

דער גלח האָט צו אים אויסגעצויגן זיין האַנט.

— האָסט זיך דערשראָקן, מאַציעק? — און ער האָט אים צוגעצויגן צו זיך.

— האָסט מורא?

ניין. ער האָט איצט נישט מורא געהאַט. דאָס איז געווען אַ מוטיק קינד. ער האָט זיך נאָר געשראָקן ווען ער האָט געוווינט מיט זיין מוטער אויף דער לוואָווסקאַ גאַס, ציִ אויפן נאָווי־זיאַזד, ווען די מוטער איז אַוועק פון שטוב און האָט אים איבערגעלאָזט אַליין...

ער האָט געוווּסט וואָס דאָס הייסט אַ „כאַפּעריי״. דאָס וואָרט האָט ער אַזויפיל מאָל געהערט, און ער האָט געוווּסט, אַז זיין מוטער קען אַמאָל נישט צוריקקומען. דורך דער גאַנצער צייט, ווען די מוטער איז אַוועק, איז ער געשטאַנען לעבן דער טיר אין קאָרידאָר. ער האָט געוווּסט, אַז זיין לעבן איז פאַרבונדן מיט איר לעבן...

— עך, מאַציעק, מאַציעק — האָט דער גלח געקרעכצט.

ער האָט געהאַלטן דעם קינדס קעפּל אין זיינע ביידע הענט און שמייכלענדיק גוטמוטיק, האָט ער אים אַריבערגעבויגן צו זיך. דאָס יינגל, אָנגעלענט אָן דעם גלחס קני, האָט זיך צוגעקוקט צו די שפּינען, וועלכע האָבן זיך געוויגט אין די שפּינגעוועבן אונטער דעם נידעריקן באַלקן. ער איז געווען מיד, דאָס איז שוין נישט געווען די ערשטע נאַכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אַ קעלער.

און איך האָב געטראַכט קוקנדיק אויף זיי: ציִ ווייסט דער גלח, ציִ ווייסט ער נישט? איז ער גאָרנישט חושד?...

ער וווינט אין אַנשטאַלט און אַלע נאָנעס זענען זיך פאַר אים מתוודה. אָבער זיין זונטיקדיק פּרעדיקן? „מען טאָר זיך נישט אַנטקעגנשטעלן גאָטס אורטייל״... ציִ האָבן נישט די ווערטער באַדייט, אַז מען טאָר נישט ראַטעווען יידן?

ער האָט געוווינט אין אַנשטאַלט — ציִ איז דאָס מעגלעך, אַז ער

האָט נישט געוווסט, אַז דאָרט באַהאַלטן זיך אויס יידישע פרויען און מענ־לעך — אויך מענער? עס זענען דאָך געווען דרייסיק מענער אין דעם אַנ־שטאַלט, האָבן דאָך צווישן זיי אויך געקענט זיין יידן.

און אויב ער האָט יאָ געוווסט, טאָ פאַרוואָס האָט ער אויף אַזאַ אופן געפּרעדיקט? פאַרוואָס האָט ער געוואָרפן אַ מורא אויף די מענטשן, וועל־כע זענען אין זייערע געדאַנקען נאָך אַזוי פאַרבונדן געווען מיט די שרעק־לעכע איבערלעבונגען אין געטאָ, פּונקט ווי אַ ניי־געבוירן באַשעפעניש איז פאַרבונדן מיט דער מוטער. פאַרוואָס האָט ער אַזוי גערעדט, אויב ער האָט געוווסט?

איך האָב געזען אין מיינע געדאַנקען די קנ׳ענדיקע שוועסטער באַ־גומילאַ ביים מתוודה זיין זיך, ווי זי האָט געשעפּטשעט: „עס איז מיין קריסטלעכער חוב צו ראַטעווען יידן״... זי האָט זיכער אַזוי גערעדט. אַנ־דערע — אפשר נישט, אָבער זי — מיט דער גאַנצער זיכערקייט.

האָט ער אַלזאָ געוווסט צי נישט געוווסט?

— עך, מאַציעק — האָט ער איצט ווייך גערעדט — עך, מאַציעק, מאַציעק!...

איין האַנט האָט ער לייכט אַוועקגעלייגט אויפן קינדס קאָפּל. דאָס איז געווען אַ בענטשנדיקער זשעסט. זיין האַנט האָט ווייך און צאַרט באַ־רירט דעם קינדס האָר. ער האָט נישט געפרעגט, ווי עס האָבן געוויינלעך געטאָן די גלחים: „צי ביסטו אַ געהאָרכזאַם קינד? צי האָסטו ליב יעזוס־קריסטוס?״ צוגעטוליעטע צו זיך, האָבן זיי זיך צוגעהערט צו דער שיי־סעריי און צו דעם שוידער פון די אויפרייסנדיקע הייזער, וואָס האָבן אַ פלי געטאָן אין דער לופטן און האָבן אַ טרייסל געטאָן ביי יעדן קלע־נערן אויפרייס.

דעמאָלט טאַקע, טאַקע דעמאָלט האָבן מיר דערהערט אַ טופּען מיט די פיס, ערגעץ־ווייט אונטער דער ערד, און פּלוצלינג האָט זיך פון דער פינצטערער הייל באַוויזן אַן אָפּטיילונג פון די אויפשטענדלער.

די אַלטיטשקע מיט די פלעשלעך, וועלכע איז געזעסן לעבן דער הייל, האָט אַ געשריי געטאָן און זיי, דורכגייענדיק מיט שנעלע טריט דעם קע־לער, זענען פאַרשוווּנדן הינטער דער אָפענער טיר.

זיי זענען געווען עטלעכע צענדליק אין צאָל. אייניקע האָבן געהאַלטן ביקסן, אַנדערע — רעוואָלווערן, און ווידער אַנדערע — די אַזוי גערו־

פענע „מאַלאַטאַוו“־פלעשלעך. זיי האָבן אויך געטראָגן אַ מאַשין־געווער; ביי די רימענס האָבן זיי געהאַט גראַנאַטן.

דאָס זענען געווען זייער יונגע מענטשן און איך האָב צווישן זיי דערקענט אַ ייִד, מסתמא אַן אַרבעטער, וואָס האָט אויסגעזען שטאַרק און קרעפטיק.

זיי זענען דורכגעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן. אַראָפּגעבויגענע דורך דער הייל, האָבן זיי אויסגעלייכט זייערע פּלייצעס אין דעם קעלער.

דערנאָך זענען דורכגעגאַנגען די סאַניטאַרן, יונגע מיידלעך, אפשר 16־יעריקע. זיי האָבן געהאַלטן אַ טראָג־בעטל. און ביים סאַמע סוף איז געגאַנגען דער פאַרבינדלער, אַ צען־יעריק ייִנגל.

איז דאָס אַ פילם? — האָב איך געטראַכט. — זענען מיר אין אַ טעאַטער? אפשר זענען מיר אין אַ טעאַטער־זאַל און פאַר אונדזערע אויגן איז אַ בינע... דאָס אונטערערדישע מיליטער איז פאַרבייגעגאַנגען. עס האָט זיך באַוויזן פון אונטער דער ערד און עס איז פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. אַ קורצע ווײַלע האָבן מיר נאָך געהערט דאָס טופּען פון די פיס — דערנאָך איז אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן.

פאַרטאָג האָט אַ נאָנע אונדז געבראַכט אַ קרוג מיט קאַווע און געזאָגט:

— אין טויער און ביי יעדן אַריינגאַנג שטייען עטלעכע אָדער עטלעכע צענדליק... מען זאָגט, אַז זיי וועלן היינט באַלאַגערן דאָס הויז, וואָס שטייט קעגנאיבער. „מיר וועלן די פעסטונג באַזיגן“, זאָגן זיי.

דערנאָך זענען מיר אַרויס פון דעם קעלער און זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּלעך. מידע און נישט אויסגעשלאָפענע, ציטערנדיקע פון קעלט האָבן מיר געקוקט אַרויף אויף דעם טונקל־גרויען רויך פון די שריפות...

עטלעכע אויפשטענדלער זענען געשטאַנען אָדער געזעסן לעבן אונדז. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון לייכטזיניקע קינדער. זיי האָבן איינער ביים אַנדערן איבערגעקוקט די ביקסן; צוגעבונדן און אויפגעבונדן די גראַנאַטן, וועלכע זיי האָבן געהאַט באַפעסטיקט ביי די רימענס.

פּלוצלינג האָבן מיר איבעראַשטע, דערהערט פון אַ פּאַרטער־וווינונג דעם קלאַנג פון אַ קלאַוויר און דערנאָך אַ כאָראַל געזאַנג.

מען האָט געזונגען „וואַרשאַוויאַנקאַ“ און דערנאָך דאָס אַזוי פּאָפּולערע אין יענער צייט ליד, וועגן „אַ האַרץ אין דעם רוקזאַק“:

„דאָס ליד, דאָס האַרציקע
זינג איך פאַר דיר, מיין טייערינקע;
דאָס איינציקע לידעלע
זינג איך פאַר דיר, מיין מיידעלע".

— — — — — — — — — — — —

„און ער האָט ווייטער מאַרשירט."

מיר האָבן זיך צוגעהערט צו דעם הויכן שפּילן און זינגען מיט אַ ציטערדיק האַרץ.

אויף דער צווייטער זייט גאַס, הינטער די מויערן פון אַמאָליקן געטאָ, האָט געוואַכט אַ דייטשישער אַמט. אויב די אויפשטענדלער האָבן פּלאַנירט אין אַ פּאָר שעה אַרום צו באַפאַלן די באַפעסטיקטע געביידע, האָבן זיי דאָך מיט זייער אויפפירונג זיך אַליין פאַרראַטן.

די דייטשן וועלן איצט זיין פאָרזיכטיק און אפשר אפילו אַראָפּברענגען אַ גרעסערע מיליטער־אָפּטיילונג.

אַכט אַזייגער זענען מיר געגאַנגען צום גאַטעסדינסט אין קעלער אויף דער צווייטער זייט פון הויף. דאָרט האָט מען געהאַט אַריבערגעטראָגן דעם אַלטאַר, די בענק און דעם קאָנפעסיאָנאַל. מערערע אויפשטענדלער זענען געקומען זיך מתוודה זיין פאַרן אַרויסטרעטן אין קאַמף.

דאָס איז געווען אַ שוץ־גרוב. דער אַלטאַר האָט זיך געפונען אין אַ שוץ־גרוב, און דערנעבן, אין אַ ברייטן טונקעלן קעלער, זענען אין די בעטן געלעגן ביי אַ הונדערט קראַנקע.

דורך דער אָפענער טיר פון דעם גרויסן שוץ־קעלער איז אַריינגעקומען דער קאַרליק און זי האָט זיך געשטעלט אויף די קני, אויף דער בעטאָנענער ערד לעבן אַלטאַר. נאָך איר זענען אַריין דאָס מיידל מיט דער פּאַראַליזירטער האַנט און דאָס מיידל מיטן עקסטאַטישן פּנים און ביידע האָבן זיי אויך אַנידערגעקניט לעבן אַלטאַר. דערנאָך האָט זיך אַריינגעשלעפּט די פרוי — דאָס פאַרזעעניש — און האָט זיך אויך אַוועקגעשטעלט לעבן יענע מיידלעך. צום סוף איז אַריינגעקומען אַ נאָנע, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן די קראַנקע אויף עפּילעפּסיע. דער קאָפּ האָט זיך ביי איר געטרייסלט און זי האָט אויף אַ מאָדנעם אופן געשטעלט די פיס. יעדער מוסקול אין איר פּנים האָט געציטערט, ווען זי האָט דרייענדיק

מיט די אויגן און פֿאַכנדיק מיט די הענט זיך ענדלעך אָוועקגעזעצט, צלמענדיק זיך מיט דער נישט געהאָרכזאַמער האַנט.

די אויפשטענדלער האָבן, זיצנדיק אויף די בענק, זיך צוגעקוקט צו אַט דעם מענטשלעכן אָפּפאַל. זיי האָבן געזען די מורא אויף זייערע פּני־מער, דאָס ציטערן פון זייערע קערפּערס ביי יעדן שאָס, זיי האָבן געזען זייערע איבערגעשראָקענע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט דורכן פענצטערל אין הימל אַריין, ווו עס זענען געשוווּמען די קנוילן פון טונקעלן רויך. דאָס איז געווען אַ פּאַטעטיש בילד, די שרעקלעכע מורא פאַרן טויט פון די באַשעפענישן, וועלכע זענען געווען אַזוי באַשטראָפט דורכן גורל...

מיר האָבן זיך דורך איין נאַכט אויך אויסבאַהאַלטן אין דעם שוץ־גרוב צוזאַמען מיט די אַלע פרויען, לעבן די שווער־קראַנקע. אָבער מיר האָבן בעסער געוואָלט זיין אין דעם קעלער, ווו דער גלח איז געווען. ער אַליין האָט אויך בעסער געוואָלט זיין אין דעם צווייטן קעלער. בטבע איז ער געווען אַ האַרציקער מענטש. ער האָט ליב געהאַט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און אַ געוויינלעכן, נישט־געצווונגענעם געשפּרעך.

זענען מיר טאַקע גלייך נאָך דער תפילה אַראָפּגעגאַנגען אין יענעם קעלער און נאָך אַ ווײַלע איז אויך געקומען דער גלח און דער אַדמיניס־טראַטאָר פונעם אַנשטאַלט.

***

— ווער איז דער באַר־קאָמאַראָווסקי, — האָט געפרעגט דער גלח.

— כ'האָב ביז איצט פון אים נישט געהערט.

— איך האָב אויך וועגן אים קיינמאָל נישט געהערט — האָט גע־זאָגט דער אַדמיניסטראַטאָר — אָבער ער מוז האָבן אַ קאָפּ אויף די פּליי־צעס, אויב ער פירט אָן מיט דעם אויפשטאַנד.

דערווייל איז פון דער הייל אַרויסגעקומען נאָך איין אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך פאַרייניקט מיט דער ערשטער גרופּע.

צוועלף אַזייגער האָבן די אויפשטענדלער געעפנט דאָס טויער און אָנגעהויבן די אַטאַקע. זיי האָבן גענומען מיט זיך לייטערס, וועלכע זיי האָבן צוגעשטעלט צו דער מויער פון אַמאָליקן געטאָ. אָבער זיי זענען צור־ריקגעשטויסן געוואָרן. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן איבערלאָזנדיק אָפן דאָס טויער, און זיי האָבן לעבן דעם אָפענעם טויער אָנגעהויבן צו בויען באַריקאַדן אין הויף.

זיי האָבן אין דעם אַריינגעוואָרפן וואָס נאָר זיי האָבן געהאַט אונ־טער דער האַנט: פּעסלעך, קאַסטנס, בענק. זיי האָבן געבראַכט פון די וווינונגען שרענק, שטולן, טישן און סאָפעס. די דייטשן האָבן אַריינגע־שאָסן אין דעם אָפענעם טויער, דערהרגעט איינעם און פאַרוווּנדעט עט־לעכע. די באַריקאַדע איז געווען שלעכט אויפגעבויט, זי איז זיך שנעל צעפאַלן פון אַלע זייטן.

עמעצער האָט באַמערקט:

— פאַרוואָס האָבן זיי נישט אויפגעבויט די באַריקאַדע פאַר דער אַטאַקע? ווען דאָס טויער איז נאָך געווען פאַרמאַכט? פאַרוואָס האָבן זיי נישט פאַרויסגעזען די מעגלעכקייט פון צוריקקער? איצט קענען יעדן מאָ־מענט אָנקומען די דייטשן און אַלעמען אויסהרגענען.

זיי האָבן גלייך אויסגעגראָבן אויפן הויף אַ גרוב — לעבן די קברים פון די צוויי אַלטיטשקע פון אונדזער אַנשטאַלט — און זיי האָבן באַגראָבן דעם דערהרגעטן קאַמפּס־חבר. קיינער האָט נישט געהאַט קיין צייט אַוועק־צושטעלן אַ צלם.

מיר זענען געזעסן אין דעם קעלער, ווען מען האָט געבראַכט אויף אַ טראָג־בעטל אַ פאַרוווּנדעטן, וועלכער האָט שרעקלעך געשריגן. דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אויף דער אָגראָדאָוואַ גאַס לעבן דער ביאַלאַ גאַס. מען האָט אים באַדאַרפט איבערטראָגן אין שפּיטאָל־אַריין דורך צענדליקער היילן און קעלערס. די עפענונג דורך וועלכער מען האָט גע־בראַכט דאָס לייזיקע טראָג־בעטל איז איצט געווען צו ענג פאַרן בעטל מיטן פאַרוווּנדעטן. מען האָט באַדאַרפט די הייל פאַרברייטערן.

אַלע האָבן זיך געוואָרפן צו דער אַרבעט: איינער מיט אַ האַמער, אַ צווייטער מיט אַ לאָפּעטע, אַ דריטער האָט צעהאַקט די ציגל מיט אַ שטיין און דאָס טראָג־בעטל מיטן פאַרוווּנדעטן איז ענדלעך אַדורכגעגאַנגען.

די אַטאַקע איז נישט געלונגען. די אויפשטענדלער האָבן זיך צוריק־געצויגן מיט פאַרלוסטן. זיי האָבן איבערגעלאָזט דעם טויער ברייט גע־עפנט און די דייטשן האָבן אין אים אַריינגעשאָסן פון מאַשין־געווער.

די נאָנע, וועלכע האָט עטלעכע שעה שפּעטער געבראַכט אַ טעפּל זופּ, איז נישט געקומען דורכן הויף. זי איז דורכגעגאַנגען דורך די וווינונגען פון דער דיאַגאָנאַלער געביידע. און זי האָט אונדז דערציילט:

— מען זאָגט, אַז עס ברענען די דערבייאיקע הייזער. איינער אין

אַרויף אויפן דאַך און האָט צוגעלייגט די האַנט צו דער מויער פון אַ דער־בייאיקן הויז — די וואַנט איז געווען הייס. אין פרוי מאַקאָווסקאַס צימער שטייט אויפן פענצטער אַ מאַשין־געווער.

און דאַך איז געווען גאָר אַנדערש אויף אַנדערע פונקטן פון דער שטאָט. אויף דער כלאָדנאַ גאַס האָבן ס.ס.־לייט, וואָס זענען געווען אַרומ־גערינגלט דורך די אויפשטענדלער, אויפגעריסן אַ געביידע צוזאַמען מיט זיך אַליין אין דער לופטן. מיר האָבן געהערט דעם אויפרייס.

די נאַכט האָבן מיר, זיצנדיק אין דעם קעלער, זיך מער געשראָקן ווי די פריערדיקע נאַכט, ווייל עס האָבן אויף אונדז געלויערט זייער אַ סך געפאַרן. דאָס שיסערייַ פון מאַשין־געווער און גראַנאַטן; די צעשטער־באָמבעס און די צינד־באָמבעס געוואָרפענע פון די נידעריק־פליענדיקע אייראָפּלאַנען; די ברענענדיקע הייזער אַרום און אַרום; די דייטשן, וועלכע וועלן מסתמא אויסשיסן אַלע איינוווינער פון אונדזער געביידע, ווייל דאָ האָבן זיך געפונען די אויפשטענדלער; און צו דעם אַלעם נאָך איין שרעק: „אייער שנור איז זייער ענלעך צו אייך... דאָס איז אַזוי מאָדנע" — האָט געזאָגט אַ פרוי אין אונדזער קעלער, מיט וועלכער מיר האָבן צופעליק פאַרבונדן אַן אומשולדיקן געשפרעך. דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו דער שרעק, פונקט ווי עס וואָלט פאַר אונדז נישט גענוג געווען אַלע אַנדערע זאָרגן.

די נאַכט האָט מאַרישיאַ, וואָס איז געווען זייער מיד און אויסגע־שעפּט, זיך אָוועקגעלייגט אויפן טיש לעבן איר זונעלע און זי איז איינ־געשלאָפן. זיי זענען ביידע געשלאָפן נישט קוקנדיק אויף די שיסערייען און אויפרייסן. כ'בין געזעסן לעבן זיי און כ'האָב געטראַכט וועגן מיי־נע צוויי אַנדערע טעכטער.

מאַקאָטאָוו און זשאַליבאָזש. פון איין עק ביזן צווייטן זענען מיינע געדאַנקען געלאָפן מיט דער שנעלקייט פון אַ שאָס. ווו זענען זיי אין דעם מאָמענט מיינע טעכטער: אירענאַ און נינאַ? אין וואָס פאַראַ קעלער באַ־האַלטן זיי זיך אויס?

פאַרטאָג, ווען דורכן פענצטערל האָט זיך אַריינבאַקומען דער פריי־מאָרגנדיקער קאַלטער נעפּל, האָב איך מיט פאַרשלאָפענע אויגן זיך אַרומ־געקוקט. עפּעס אַ פרעמדער מאַן, וועלכן מיר האָבן נישט געקענט, האָט

זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע, גענומען זיין צודעק און צוגעדעקט די שלאָפנדיקע מאַרישיאַ...

*****

דער פּאַרבינדלער, דאָס קליינע צעניעריקע יינגל, האָט זיך כסדר געדרייט איבער אונדזער קעלער. איינמאָל איז ער פאַרשווונדן אין דער הייל, אַ צווייט מאָל איז ער אַרויס פון דער הייל. האָט געבראַכט אינס־טרוקציעס. ער איז געווען אַביסל העכער פון מאַרישיאַס זון.

— גיב נאָר אַ קוק, מאַציעק, אויף דעם זעלנער — האָט געזאָגט דער גלח. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט און געוויזן אויף אים מיטן פינגער.

אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צום יינגל. אין וואָס פאַראַ געפאַר האָט ער זיך געשטעלט. כדי דורכצוגיין פון דעם קעלער פון איין הויז אין אַ קעלער פון אַ צווייטן הויז, האָט ער טיילמאָל געמוזט דורכ־לויפן דורך דער גאַס, ווייל נישט אומעטום זענען די קעלערס געווען פאַר־בונדן. און דווקא איז אַזאַ קליין יינגל אימשטאַנד געווען דאָס צו טאָן שנעלער און בעסער ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

— לאָמיר דורך אים שיקן אַ בריוו אויף דער אַגראַדאָוואַ גאַס — האָב איך געזאָגט צו מאַרישיאַ — שרייב אַן אַ קאַרטל.

— וועסטו זיין אויף דער אַגראַדאָוואַ גאַס — האָבן מיר אים גע־פרעגט — צי קענסטו זיך אַהינבאַקומען אויף דער אַגראַדאָוואַ נומער 60?

— איך וועל דאָרט זיין — האָט דאָס יינגל געענטפערט — און איך קען מיטנעמען דעם בריוו.

אויף דער אַגראַדאָוואַ גאַס האָט געוווינט מאַרישיאַס געוועזענער לע־רער. ער און זיין ווייב זענען געווען זייער באַפריינדעט מיט אונדז.

דאָס יינגל איז פאַרשווונדן אין דער פינצטערקייט פון דער הייל און נאָך אַ פּאָר שעה האָט ער אונדז געבראַכט אַן ענטפער.

— ביי אונדז ברענען די הייזער אַרום און אַרום — האָבן זיי גע־שריבן.

אָנגעלענט אָן דעם גלחס קני, מיטן קאָפּ אויף דעם גלחס אַקסל, האָט מאַרישיאַס זון אַן אַנטציקטער געקוקט אויפן פאַרבינדלער. איז ער נישט געווען קיין העלד? כ'האָב מיר אַ טראַכט געטאָן: פון דער גאַנצער גרופּע אויפשטענדלער, וועט די איינע געשטאַלט פאַרבלייבן אין זיין זכרון אויף אייביק.

אין דער נאַכט האָבן די אויפשטענדלער פאַרלאָזט אונדזער הויז. איינער איז נאָכן אַנדערן אַריין אין דער הייל, דורך וועלכער זיי זענען געקומען — און שוין זענען זיי פאַרשוווּנדן. זיי האָבן איבערגעלאָזט דעם פרישן קבר אויפן הויף און מערערע דערהרגעטע חברים הינטערן מויער פון דעם אַמאָליקן געטאָ.

זיי האָבן מיט שנעלע טריט דורכמאַרשירט דעם קעלער און אונדז האָט זיך ווידעראַמאָל אויסגעוויזן, אַז מיר זיצן אין אַ טעאַטער און קוקן אויף דער בינע. צוערשט זענען געגאַנגען די זעלנער — דער ייִד איז נעבן צווישן זיי — דערנאָך די יונגע מיידלעך־סאַניטאַרן און ביים סוף — דער יונגער פאַרבינדלער.

דאָס הויז איז איצט פאַרבליבן אָן אויפשטענדלער. דאָס טויער צו דער גאַס איז געשטאַנען אָפן און די דייטשן האָבן זיך געפונען קעגנאיבער אויף דער צווייטער זייט גאַס...

***

נישט קוקנדיק אויף די כסדרדיקע שיסערייען און אויפרייסן, וועלכע האָבן זיך צו אונדז געטראָגן פון דער שטאָט, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די לופט איז דורכגעדרונגען מיט אַ געפערלעכער און שוידערלעכער שטילקייט.

מיר האָבן דערוואַרט יעדע רגע אַ קאַטאַסטראָפע, די מוראדיקע נקמה פון די דייטשן.

דער גלח האָט געזאָגט:

— זיי וועלן קיינעם נישט שענקען דאָס לעבן. דאָס איז זיכער.

און דער אַדמיניסטראַטאָר:

— זיכער ווי אָמן אין אַ תפילה.

בינדער, וועלכער איז געזעסן לעבן אונדז, האָט זיך צעוויינט אויפן קול. די נערוון האָבן שוין נישט געקענט אויסהאַלטן די שפּאַנונג. זיינע אָרעמס האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן; ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל פון טאַש און פאַרשטעלט זיין פּנים.

— נו, נו, באַרויִק זיך — האָט געזאָגט זיין פרוי. זי האָט זיך דער־שראָקן פאַר זיין האַרץ. ער — אַלעמאָל אַזאַ שטילער און שווייגנדיקער, קיינער האָט קיינמאָל אַפילו זיין שטים נישט געהערט, האָט זיך פּלוצלינג צעזאַמענגעבראָכן. דאָס איז געווען שרעקלעך.

פון די שכנותדיקע קעלערס זענען אַלע אַריבער צו אונדז. עס איז גע־וואָרן ענג און שטיקעדיק. אין אָנבליק פון דער לויערנדיקער געפאַר, האָבן אַלע געוואָלט זיין נאָענט פונעם גלח. קיינער האָט נישט געגלייבט אין אַ רעטונג; יעדער האָט זיך צוגעהערט... נאָך אַ מאָמענט און אויפן הויף וועט זיך דערהערן דאָס קלאַפּן פון די געקאָוועטע דייטשישע שטיוול; נאָך אַ מאָמענט און זיי וועלן אַרונטערגיין אין קעלער; נאָך אַ מאָמענט און אַלע הערצער וועלן פּלאַצן אין דעם קראַך פון דער שיסעריי.

די נאַכט איז קיינער נישט געשלאָפן מיט אַ צודעק. אַ גרופּע פרויען האָבן הויך תפילה געזאָגט; אַ וויינענדיקע מוטער האָט צוגעדריקט צו אירע ברוסטן אַ זויג־קינד; דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט זיך געטוליעט; די אַלטיטשקע מיט די פּלעשלעך, וועלכע פלעגט אַלעמאָל אַזוי רויִק זיצן לעבן דער הייל, איז איצט נערוועז אַרומגעגאַנגען איבערן קעלער, נישט קענענדיק זיך געפינען קיין אָרט.

פאַרטאָג איז געקומען די נאָנע.

— שוועסטער! שוועסטער! — האָט זיך אויפגעהויבן דער גלח — נו, און וואָס הערט זיך, שוועסטער? צי זענען די דייטשן אריין? זענען זיי שוין דאָ?

— עס איז קיינער נישטאָ — האָט זי געענטפערט — דאָס טויער איז אָפן.

זי איז געווען ווייס ווי די וואַנט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געשלאָפן. איז זי געשטאַנען לעבן דער טיר און האָט קוים געריִרט מיט די ליפּן. זי האָט אויסגעזען ווי אַ געשפּענסט. דער גלאַנצנדיקער צלם אויף איר טונקעלן אוניפאָרם האָט זיך געוויגט ווי אַ וויזער פון אַ זייגער.

זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט דעם אומרו און שרעק פון די שווער־קראַנקע, וועלכע זענען געווען אויסבאַהאַלטן אין דעם צווייטן שויך־גרוב און פון די יעניקע אין קאָרידאָר, וועלכע זענען קיינמאָל נישט אַראָפּ אין שויך־גרוב. זי האָט געבראַכט מיט זיך דעם פחד פון דעם קאַרליק און פון דער קריכנדיקער פרוי־פאַרזעעניש און פון דעם מיידל, וואָס איז געווען קראַנק אויף עפּילעפּסיע.

**

דאָס טויער איז געווען ברייט אָפן, די אויפשטענדלער זענען מער

נישט געווען, טראָץ דעם זענען די דייטשן נישט געקומען. די זון איז פאַר־גאַנגען, דער אָוונט איז אָנגעקומען און זיי האָבן זיך נישט באַוויזן.

קיינער האָט נישט געשאָסן אין די פענצטער אָדער אין דעם אָפע־נעם טויער.

אָבער עס האָט זיך געפילט זייער אָנוועזנהייט. מען האָט געהאָט דעם איינדרוק, אַז עמעצנס אויגן פאָלגן אונדז נאָך אָן אויפהער. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין זייער פעסטונג און געלויערט און געוואַרט.

אפשר האָבן זיי נישט געהאַט קיין צוטרוי, אפשר האָבן זיי געמיינט, אַז עס איז אַ שפּיצל, אפשר האָבן זיי געמיינט, אַז אין הויז באַהאַלטן זיך אויס עטלעכע טויזנט אויפשטענדלער וועלכע וועלן מיט פאַרגרעסער־טע כוחות מאַכן אויף זיי נאָכאַמאָל אַן אָנפאַל?

די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס, האָבן אָנגעהויבן איינער נאָכן צווייטן אַרויסגיין אויפן הויף. כאָטש זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער שטילקייט, האָבן זיי, זעענדיק די גייענ־דיקע אַהין און צוריק, נאָכמער זיך אָנגענומען מיט מוט. צוויי צי דריי דרייסטערע קינדער האָבן אַפילו זיך אָנגעהויבן צו יאָגן אַרום די קברים.

אין אָוונט איז די אַלטיטשקע, וועלכע איז כסדר געזעסן אין קעלער, קלאַפּנדיק מיט די ליידיקע פלעשער, אַוועקגעקראָכן דורכן הויף אין דעם צווייטן שוך־קעלער. די איינוווינער פון די זייטיקע געביידעס האָבן זיך אויך אָנגענומען מיט מוט און האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז צוריקצוגיין אין זייערע דירות. מיר זענען אויך אַרויס פון קעלער און נאָך אונדז די בענדערס. באַהאַלטנדיק די קעפּ אין די אַקסלען, נישט זיכער צי אין אַ מינוט אַרום וועט אונדז נישט טרעפן אַ קויל, האָבן מיר זיך דורכן אַריינ־גאַנג פון הויף אַריינבאַקומען אין דעם צימער פון וויקציאַ און מיכאַלינקאַ.

דער הויף איז געווען באַדעקט מיט אַש און סאַזשע, וואָס דער ווינט האָט געבראַכט אין אונדזער זייט. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס שכנותדיקע הויז אויף דער זשעלאַזנאַ גאַס ברענט, אויך דאָס דערבייאיקע הויז אויף לעשנאָ. נאָר אונדזער הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפן סאַמע עק איז נאָך געווען אומבאַרירט אין דעם ים פון פלאַמען.

— מיר זענען דאָ אין דעם צימערל זייער נאָענט פון אייך — האָט געזאָגט די פרוי בינדער.

מיר האָבן אַרונטערגענומען די שיך און אָנגעטוענערהייט האָבן מיר

זיך געלייגט אין די בעטן אַריין. די בעטן זענען געווען שרעקלעך שמוציק. די פליי זענען געשפרונגען איבער די קישנס, און די וואַנצן זענען געקראָכן איבער די ווענט; אָבער מיר האָבן געלעכצט נאָך שלאָף ווי אַ דורשטיקער נאָך וואַסער.

פאַרטאָג האָט אונדז אויפגעוועקט דאָס קלאַפּן פון פערדישע קאָפּי־טעס אויף די ציגל, מיט וועלכע עס איז געווען אויסגעלייגט דער הויף.

אין דערוואַרטונג פון דעם ערגסטן האָבן מיר זיך מיט קלאַפּנדיקע הערצער אַ וואָרף געטאָן צו די פענצטער. דער הויף איז געווען איבער־פולט מיט פערד און אויף זיי — ווערמאַכט־סאָלדאַטן. דאָס זענען געווען זעלנער, עלטערע מענטשן, פאָטערס פון משפחות.

אייניקע זענען געזעסן אויף די פערד, אַנדערע זענען אַרומגעגאַנגען איבערן הויף און אַריינגעקוקט אין יעדן אַריינגאַנג פון דער געביידע. צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט די נאַנעס, וועלכע האָבן גערעדט דייטש. זיי האָבן געשטאַמט פון דער פויזנער געגנט און זיי האָבן געקענט דייטש פונקט אַזוי גוט ווי פויליש.

מען האָט געקענט זען אַז זיי האָבן מורא, אָבער זיי האָבן זיך באַ־מיט, מ'זאָל דאָס נישט באַמערקן. זיי האָבן זיך אויך באַמיט צו זיין פריי אין געשפּרעך און אין האַלטונג, וואָס איז שווער אָנגעקומען, ווייל זיי האָבן נישט געוווסט וואָס פאַראַ ווענדונג עס קען אָננעמען דער וויזיט. מען האָט געקענט דערוואַרטן די ערגסטע רעזולטאַטן.

אָבער די הויכע געשטאַלט פון דער שוועסטער באַגומילאַ און די שיינקייט פון דער שוועסטער ראַפּאַעלאַ האָבן, ווייזט אויס, געמאַכט אַן איינדרוק אויפן קאָמענדאַנט פון דער אָפּטיילונג. ער איז געווען זייער העפלעך.

דערנאָך זענען די זעלנער אַרויפגעשפּרונגען אויף זייערע פערד און מיט אַ גרויסן טומל זענען זיי אַרומגעפאָרן אַרום דעם מויערל, וווּ עס זע־נען געווען די קברים, און זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער דעם טויער.

אַלע איינוווינער פון די געביידעס האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. אין אַלגעמיין איז דאָס געווען אַ גוטמוטיקער וויזיט. טאַקע די זעלבע דייטשי־שע זעלנער, אָבער אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעקנאָטן פון גאָר אַן אַנדער ליים. אייניקע פון זיי — די וואָס זענען אַראָפּגעגאַנגען אין

קעלער אַריין און געפונען דאָרט דעם קירכן־ווינקל, האָבן אַנידערגעקניט פאַרן אַלטאַר און פרום תפילה געטאָן.

צי וועט זיך מיט דעם ענדיקן? זיי זענען אַוועקגעפאָרן, אָבער צי וועלן זיי נישט צוריקקומען? צי וועט מען ענדלעך קענען אָפּעסן אַביסל זופּ אָן מורא, אָן שרעק? נאָך צוויי וואָכן זענען אַוועק אין שפּאַנונג, פון האָפענונגען אַז די רוסן וועלן קומען, און אַנטוישונגען אַז עס גייט נישט אַזוי ווי מען האָט זיך געריכט; אַז די הילף אויף וועלכער מען האָט מיט אַזאַ זיכערקייט געוואַרט, האָט פאַרפירט, נאָך צוויי וואָכן, לאַנגע ווי די אייביקייט, צי האָט שוין נישט באַדאַרפט אָנקומען דער מאָמענט פון פאַרלייכטערונג?

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס נאָר געווען אַן אויספירונג פון אַ פאָדערשטער אָפּטיילונג, וואָס איז געקומען אויף דעם שונאס טעריטאָריע כדי אויסצופאָרשן צי די אויפשטענדלער האָבן מיט דער גאַנצער זיכערקייט פאַרלאָזט די געביידעס. זיי האָבן דאָס איבערגעגעבן זייער קאָמענדאַנט. דער וועג איז געווען פריי און עס האָט זיי גאָרנישט געדראָט.

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן מיר דערהערט אַ פייף אויפן הויף, דאָס כאַראַקטעריסטישע פייפן פון די ס.ס.־לייט, אַזוי גוט באַקאַנט סיי דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם געוועזענעם געטאָ, סיי דער פוילישער באַפעלקערונג.

די ס.ס.־לייט זענען געקומען, אין שטיוול און מיט גומענע פייטשעס, מיט אַן אָפּטיילונג פון דער זשאַנדאַרמעריע. זיי האָבן אָנגעהויבן צו רופן אַלע פּריוואַטע איינוווינער פון דעם הויז און אַלע פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן זינט דעם טאָג פונעם אויסברוך פון דעם אויפשטאַנד.

עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע פון עטלעכע צענדליק מענטשן. מען האָט צו זיי צוגעטיילט די שטאַרק באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען און מען האָט זיי באַפוילן אַרויסצומאַרשירן דורכן טויער צו דער לעשנאָ גאַס, וואָס האָט געברענט.

דאָס איז געווען די ערשטע סעלעקציע.

נאָך אַ ווײַלע האָט זיך ווידער דערהערט אַ פייף. איצט האָבן זיי צוזאַמענגערופן אַלע נאָנעס, דעם גלח, דעם אָרגאַניסט, די דינערשאַפט און

די אַלע פּערזאָנען, וועלכע געהערן נישט צו דעם אַנשטאַלט, אָבער זענען געקומען איז טאָג פונעם אויסברוך פון דעם אויפשטאַנד אין דעם הויז אַריין.

מען האָט זיי געגעבן אַ האַלבע שעה צייט צו זיין גרייט.

צו דער קאַטעגאָריע וואָלטן אויך געהערט קאַראָל און מאַלגאָשיאָ, ווען זיי וואָלטן גראָד דעמאָלט געקומען באַזוכן די פרוי קאָוואַלסקאַ.

צו דער קאַטעגאָריע האָט געהערט די טאָכטער פון דער אַלטיטשקער שאַניאַווסקאַ, וועלכע איז גראָד געקומען באַזוכן איר מוטער און זי האָט שוין דאָ געמוזט בלייבן.

צו דער קאַטעגאָריע האָבן אויך געהערט מיין טאָכטער מאַרישיאָ מיט איר זונעלע.

איך בין געווען אויסער זיך פון צער, אַז איך וועל מיך מוזן מיט זיי שיידן. איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן די שוועסטער באַגומילאַ און איך האָב זי געפונען אין דעם גרויסן קעלער, ווו עס זענען געשטאַנען די בעטן מיט די שווער־קראַנקע.

דאָרט איז געווען אַ שרעקלעך שטיקנדיקע לופט און — כאָטש עס איז געווען די פרימאָרגן־שעה, האָט דאָרט געברענט אַ נאַפט־לאָמפּ. דורך די שמאָלע און קליינע פענצטערלעך האָט זיך דאָס טאָג־ליכט מיט שוועריקייט אַריינבאַקומען.

איך האָב אין דעם האַלב־טונקעלן קעלער געזען די געשטאַלטן פון די נאָנעס, וועלכע האָבן זיך דאָרט אַרומגעשלייכט. איך האָב לויטן ווקס דערקענט די שוועסטער באָגומילאַ און איך בין געפאַלן צו אירע פיס:

— שוועסטער! — האָב איך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן — צי קען מען נישט ראַטעווען מיין שנור און זי אָנטאָן אין אַן אוניפאָרם און דאָס קינד אויסבאַהאַלטן צווישן די שווער־קראַנקע?

כ׳האָב אָנגעוויזן אויף די קראַנקע, וואָס זענען געלעגן איינע לעבן דער אַנדערער, און פלוצלינג האָט זיך איינע פון זיי אויפגעזעצט אויפן בעט. דאָס איז געווען די יידישע פרוי, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק אָנגעקומען אין אונדזער אַנשטאַלט, די זעלבע וועלכע האָט זיך אַזוי אומגעשיקט באַנומען בעת דער תפילה און האָט אַלעמאָל געשוויגן, ווייל זי האָט גערעדט אַ שלעכטן פויליש.

מיין האַנט האָט זיך פאַרהאַלטן און אָנגעוויזן אויף דער פרוי. ביי

איר, טאַקע לעבן איר האָב איך געגאַרט אויסצובאַהאַלטן אונדזער קינד.

— ניין! — האָט טרוקן געענטפערט די שוועסטער באַגומילאַ.

זי, וועלכע איז אַלעמאָל געווען אַזוי העפלעך, וועלכע האָט אַלעמאָל געהאַט פאַר מיר אַ שמייכל, האָט מיך איצט אָוועקגעשטופּט פון זיך.

— ניין! — האָט זי געזאָגט נאָכאַמאָל. — איר קענט בלייבן, ווייל איר וווינט ביי אונדז, אָבער אייער שנור איז יונג, זאָל זי גיין צו זיי אַרבעטן.

אַ, גאָט! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, זייענדיק ביים ראַנד פון פאַרצווייפלונג — איך וועל אָוועקפאַלן און שטאַרבן דאָ ביי אירע פיס, דעמאָלט וועט זי דאָך זיי דאָ מוזן איבערלאָזן.

— אפשר קען איך קריגן עפּעס אַ פּאַפּיר, עפּעס אַ צייגעניש, אַז זי אַרבעט אין דער קיך...

זי האָט אויפגעהויבן איר שטים:

— איך וועל נישט געבן קיין שום צייגעניש! זאָל זי גיין, זי געהערט נישט צו אונדז! דאָ איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר איר!

— גייט צוזאַמען מיט אייער שנור. — האָט מיט אַ רויִקער שטים געזאָגט די שוועסטער ראַפאַעלאַ.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך הער איר שטים פון דער ווייט. אַ דערשטיקטע פון דער טונקלקייט און דושנעקייט פון דעם קעלער, צע־שמעטערט פון די ווערטער בין איך אַ ווײַלע געשטאַנען שטום, דערנאָך איז שטיל געוואָרן אַרום מיר... איך בין געלאָפן אין דעם צימער פון וויק־ציאַ און מיכאַלינקאַ, וווּ עס האָבן זיך געפונען מיין טאָכטער מאַרישיאַ מיטן זון.

— די שוועסטער באַגומילאַ האָט נישט דערלויבט אייך אויסצובאַ־האַלטן דאָ. איך גיי מיט אייך, כ׳וועל מיך נאָר געזעגענען.

כ׳בין געגאַנגען צום קאָרידאָר פון דער שוועסטער אַמאַריליליס, ווו איך האָב אַמאָל געוווינט. כ׳בין געגאַנגען דורך דעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן די בעטן, אויף וועלכע עס זענען געלעגן די פּרויען — אַלע איצט שוידערלעך בלאַס און פאַרוויסט.

— איך גיי — האָב איך זיי געזאָגט — איך גיי מיט מיין שנור. איך פאַרלאָז דעם אַנשטאַלט. כ׳בין נאָר געקומען זיך געזעגענען מיט אייך.

איך האָב געוויינט. כ׳האָב זיי געקושט די הענט... די פרוי יוזעפינאַ, די בלינדע ניעמיראָווסקאַ, קאַראָלינאַ שטוטשקע.

— יאָ, יאָ, מיין ליבע פרוי מאַיעווסקאַ — האָט געזאָגט קאַראָלינאַ, זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אירע אויסגעלאָשענע אויגן און זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. כ׳בין נישט געווען זיכער צי זי האָט באַנומען, אַז אונדזערע וועגן צעגייען זיך.

— פרוי אַליציאַ! — האָט געזאָגט פרוי יוזעפינאַ — זאָל אייך גאָט פירן, מען דאַרף נישט... מען דאַרף נישט... — האָט זי כסדר אָפּגעריסן אירע הענט פון מיינע ליפּן. זי איז געווען טיף גערירט.

— ווער איז געקומען? וואָס האָט פּאַסירט? — האָט געפרעגט די בלינדע פרוי ניעמיראָווסקאַ.

— דאָס איז פרוי מאַיעווסקאַ. זי גייט אַוועק מיט איר שנור — האָט איר פאַרטייטשט מעכאַווע — איר האָט נישט געהערט דאָס פייפן? די דייטשן זענען אויפן הויף; די ס.ס.־לייט...

כ׳האָב מיך געזעגנט מיט דער יאָמערנדיקער קאָוואַלסקאַ, מיט דער אַלטער שאַניאַווסקאַ, מיט דער טרעפּערקע, כאָטש איך האָב מיט איר אָפּי־לו קיין פּאָר ווערטער נישט אויסגעטוישט בעת מיין זיין אין אַנשטאַלט. כ׳האָב געוואָרפן אַ בליק אויפן טאָוול, וווּ עס איז געווען געשריבן „די קיך" איבער דער טיר פון מאַגאַזין, אויף די יידישע אותיות פון דעם בלעכל, אויף וועלכן איך האָב געקוקט אַזויפיל מאָל...

דערנאָך בין איך געלאָפן צו דער שוועסטער גערמאַנאָס קאָרידאָר, וווּ עס האָט געוווינט די פּרינצעסין אוכטאָמסקאַ. דער קאָרידאָר איז גע־ווען פאַרוואָרפן מיט שטיקלעך גלאָז.

זי איז געלעגן אין בעט. און ווי שטאַרק האָט זי זיך געענדערט. לעבן איר — מאַקאָווסקאַ, אינגאַנצן נישט ענלעך צו דער אַמאָליקער מאַ־קאָווסקאַ, וואָס האָט אַזוי געזאָרגט פאַר איר אויסערלעכקייט. ווייטער — קאַזובאָווסקאַ, אַ יידישע צו וועלכער עס פלעגט קומען איר יונגע טאָכטער אָנגעטאָן אין אַ קלייד פון ציגל־קאָליר. די קאַזובאָווסקאַ וואָס האָט געהאַט אַזאַ יידיש פּנים, אַן אויסגעדאַרטע און איבערגעשראָקענע, האָט זי איצט געהאַט נאָך אַ מער סעמיטישן אויסזען.

כ׳בין צוגעפאַלן צו דער פּרינצעסין.

— איך גיי — האָב איך צו איר געזאָגט — איך גיי מיט מיין שנור; איך פאַרלאָז דעם אַנשטאַלט.

איך האָב אָנגענומען איר קאָפּ מיט מיינעביידע הענט — אַזוי ווי איך האָב עס מיר נישט איינמאָל פאָרגעשטעלט — כ׳האָב אָנגענומען מיט ביידע הענט איר צעווייטיקטן קאָפּ. צי זאָל איך איר זאָגן? איצט, ווען איך ווייס, אַז איך וועל זי שוין מער קיינמאָל נישט זען. צי זאָל איך איר זאָגן ווער איך בין?

פון דער פּרינצעסינס בעט ביז צו דעם בעט פון איזשיקאָווסקאַ איז געווען נאָר דריי טריט. איר פּנים אַרומגערינגלט מיט די גרויע האָר, האָט איצט אויסגעזען ווייסער פון דעם קישן אויף וועלכן זי איז געלעגן. קושנדיק אירע הענט, האָב איך זיי געפרעגט:

— איר האָט מורא?

— איך האָב מורא נאָר פאַר דעם פּחד — האָט זי געענטפערט — און דעם שונא וועל איך קיינמאָל צו זיך נישט צולאָזן.

אַזוי האָט זי געזאָגט, אָבער איך האָב איר נישט געגלייבט. אַלע האָבן מורא געהאַט. אַלע אָן אויסנאַם. אַלטע און קראַנקע, און די וועלכע דער גורל האָט אַזוי געקריוודעט, די אַלע קאַליקעס. אַלע האָבן געציטערט פאַרן לעבן, געקעמפט פאַרן לעבן ביזן לעצטן אָטעמצוג.

דערנאָך בין איך אַראָפּגעלאָפן דורך די טרעפּ אויפן ערשטן שטאָק, דורך דעם קאַנאַקנדיקן גלאָז אונטער די פיס, און כ׳בין שטיין געבליבן פאַר דער קליינער טיר לעבן דעם קירכע־צימער. די העכערע טייל פון דער טיר איז געווען צעשמעטערט און אויסגעהאַקט פון אַ גראַנאַט.

מען האָט געזען דורך דער עפענונג דעם פאַרניכטעטן אַלטאַר. אויף דער וואַנט לעבן פענצטער איז געהאָנגען דער צלם, אַ נישט באַרירטער.

אויף דער פוטרינע פון דער טיר איז געהאָנגען די געלע מזוזה, אַ נישט באַרירטע. און אַזוי זענען געהאָנגען אַנטקעגן זיך דער צלם און די מזוזה, די מזוזה און דער צלם...

***

עס איז געבליבן אַ קורצע צייט. אָבער צי קען איך אַוועקגיין נישט געזעגענענדיק זיך מיט מאַריאַ סאָקאָלאָווסקאַ און זאַוואַדזקאַ? איך האָב געוווסט ווו זיי זענען; איך בין אַראָפּגעלאָפן אין דער קאַפּליצע, וואָס

האָט זיך געפינען אין קעלער. דאָרט האָבן זיי ביידע געקניט פאַרן אַל־טאַר — פאַרזונקענע אין תפילות.

— איך גיי מיט מיין שנור — האָב איך צו זיי געזאָגט. איך וויל זיך מיט אייך געזעגענען, און זאָל אייך גאָט האָבן אונטער זיין שוץ.

אַזוי האָב איך געזאָגט, ווייל איך בין געווען אין אַ תפילה־אָרט.

זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער תפילה־זאָגן און זיי האָבן אויף מיר געקוקט ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַן אַנדערער וועלט. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם זענען זיי צוריק אַראָפּ פון די הימלען אויף דער ערד. דאָס איז נישט געווען קיין פּלאַץ אויף פראַגן און ענטפערס, אויף דערשטוינענע אויסשרייען און אַפילו נישט אויף געזעגענונג־קושן. איך האָב נאָר אַוועק־געלייגט מיינע הענט אויף זייערע אַקסלען און כ'האָב מיט מיין בליק באַגעגנט זייערע ברייט־צעעפנטע אויגן...

און איצט צו די בינדערס, צו אונדזערע חברים פונעם קעלער. ווען איך בין צו זיי געלאָפן אויף די טרעפּ, האָט אָנגעהויבן צו רעגענען און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שירעם. דאָס קינד איז נאָך אַ קראַנקייט, האָב איך געטראַכט, נאָך אַ שווערער שקאַרלאַטין און איצט וועט ער נאָס ווערן אויפן רעגן. איין גאָט ווייסט ווי לאַנג מיר וועלן אַזוי מוזן גיין צופוס...

די בינדערס זענען געזעסן אין אַ קליין צימערל, צונויפגעקאָרטשע־טע נאָענט לעבן זיך, ווי צוויי שוואַרצע פייגל.

— איך גיי מיט מיין שנור — האָב איך צו זיי געזאָגט — און כ'בין באַזאָרגט, ווייל עס רעגנט און מיר האָבן נישט קיין שירעם. דער קליי־נער איז נאָך אַ שווערער קראַנקייט און ס'איז אומבאַוווּסט וואָס פאַר אַ וועג עס וואַרט אויף אונדז.

איך וועל אייך געבן אַ שירעם — האָט געזאָגט בינדער. ער איז געווען זייער גערירט, ווען ער האָט אים מיר דערלאַנגט — דאַ דאַרף איך אים נישט — האָט ער צוגעגעבן.

ס'ערשטע מאָל האָב איך געהערט זיין שטים. אין דעם קעלער האָט ער קיינמאָל מיט קיין וואָרט זיך נישט אָפּגערופן.

ענדלעך בין איך צוריקגעקומען אין דעם צימער און אָנגעהויבן זיך צו פּאַקן. מאַרישיאַ האָט זיך אָפּגערופן:

— נעם נישט קיין סך זאַכן. יעדע זאַך וועגט און עס וועט זיין צו שווער... איך גיי שוין.

כ'האָב אַוועקגעשטעלט דעם שירעם אין אַ ווינקל און כ'האָב אָנגעהויבן צו פּאַקן אין אַ האַנט־בײַטל אַביסל זאַכן: אַביסל ברויט און אַ ביי־טעלע מיט צוקער. אָנשטאָט אַ צודעק האָב איך גענומען מיין ווינטער־מאַנטל אויף דער האַנט.

כ'האָב ווידער דערהערט דעם פייף און כ'האָב מיך אָנגעהויבן נער־וועז צו דרייען איבערן צימער. כ'האָב אויסגעצויגן די האַנט כדי צו עפע־נען די טיר, אָבער זי האָט זיך אַליין געעפנט, ווייל פּלוצלינג איז אַריין גלייך אויף מיר די גרעפין סאָבאַנסקאַ, די גרינדערין פון אונדזער אַנ־שטאַלט, און נאָך איר — דער אַדמיניסטראַטאָר. נישט ריידנדיק קיין וואָרט, אין אַ שרעקלעכער געאיילעניש, האָבן זיי, נישט אויסטוענדיק זיך, זיך אַוועקגעלייגט אויף וויקציאַ און מיכאַלינקאַס בעטן, וואָס זענען געווען איבערפולט מיט פליי.

זיי האָבן זיך צוגעדעקט מיט די קאָלדרעס הויך, איבערן האַלדז און ערשט איצט האָבן זיי פון אונטער די קאָלדרעס אַראָפּגעוואָרפן די שיך אויף דער פּאָדלאָגע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי מאַכן דעם אָנשטעל פון קראַנקע, כדי צו קענען פאַרבלייבן אין אַנשטאַלט.

איך בין געווען אַזוי איבעראַשט, אַז איך האָב פאַרגעסן מיטצונעמען דעם שירעם, וואָס איז געבליבן שטיין אין ווינקל.

ווען כ'בין אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, האָב איך מיך דערמאָנט וועגן בינדערס שירעם. איך האָב מיך שוין נישט געקענט צוריק אומקערן — מאַרישיאַ איז שוין אַראָפּגעגאַנגען און עס איז שוין נישט פאַרבליבן קיין צייט, און דער שירעם איז מיר געווען אַזוי נייטיק, ווי דאָס לעבן...

אַ דייטשישער זעלנער איז געגאַנגען אַרויף אויף די טרעפּ פון וועל־כע איך בין אַראָפּ. גלייכצייטיק האָב איך דערהערט דאָס פייפן אויפן הויף. איך זאָג צום זעלנער:

— דער שירעם!

— כ'האָב צו אים גערעדט פויליש און ער האָט מיך געפרעגט אויך אויף פויליש, מיט אַ שלעזישן אַקצענט:

— וואָס זאָגט איר, פּאַני?

— איך האָב איבערגעלאָזט אַ שירעם אין ווינקל פון דעם צווייטן צימער, דאָ אין קאָרידאָר.

— איך וועל אים אַ זוך טאָן און אייך ברענגען — האָט ער גע־ענטפערט.

***

דער הויף, אויסגעלייגט מיט געלע ציגל, אין דער מיט אַ פּאַרמויער־טער צוים און אינעווייניק גרויע ערד, אויף וועלכער עס האָט באַדאַרפט וואַקסן גראָז אָדער אַפילו — בלומען. איצט זענען דאָרט געווען קברים. זעקס צלמים אויף זעקס בערגלעך. קברים פון אַלטיטשקע פון אונדזער אַנשטאַלט און דער זעקסטער איז געווען דער קבר פון אַן אויפשטענדלער.

זעכצן נאָנעס, דער גלח, דער אָרגאַניסט און די דינערשאַפט זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַ ריי אויפן הויף. לעבן זיי איז געשטאַנען מאַ־רישיאַ מיטן זונעלע, די טאָכטער פון פרוי שאַניאַווסקאַ און דריי פרעמ־דע מענער, וועלכע איך האָב געקענט פון קעלער. זיי זענען נישט אַרויס אויפן ערשטן רוף. זיי האָבן זיך פריער געהאַט אויסבאַהאַלטן. אָבער זיי האָבן זיך איבערגעשראָקן, אַז די דייטשן וועלן אָנהייבן דורכצוזוכן די קעלערס און זיי וועלן דערשאָסן ווערן, אויב מען וועט זיי געפינען. דער־פאַר זענען זיי איצט אַליין אַרויס.

איך האָב מיך אָנגעהויבן צו געזעגענען מיטן גלח און די נאָנעס. איך האָב זיי אין האַרציקע ווערטער געדאַנקט פאַר דער שוץ און פאַר די אַלע גוטסקייטן וואָס זיי האָבן פאַר מיר געטאָן בעת מיין זיין אין דעם אַנשטאַלט.

דאָס יינגעלע איז געשטאַנען ווי אַ פאַרלוירענער לעבן דעם גלח און די נאָנעס. ער איז בלאַס געוואָרן און האָט אַ ציטער געטאָן ווען דער גלח האָט אַוועקגעלייגט זיינע ביידע הענט אויף זיין קעפל. דער גלח האָט אים געבענטשט צום אומבאַקאַנטן וועג.

דער גלח האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו די גרויסע קרייזן פון דעם געדיכטן רויך, צו דעם גרויען רויך מיט די רויטע פלעמעלעך, וועל־כע האָבן זיך כסדר געהויבן צום הימל. דערנאָך האָט ער זיינע אויגן צו־געמאַכט און תפילה געזאָגט אין זיך. איך האָב געוווּסט אַז ער ווענדט זיך צו דער גאַנצער הימלישער מאַכט — צו גאָט, צו אַלע הייליקע און מלאכים

און בעט ביי זיי גנאָד פאַר דעם קינד. ער האָט אים איבערגעצלמט דריי מאָל, האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן מיט צאַרטקייט.

עס האָט זיך מיר פּלוצלינג דערמאָנט דער ביבלישער יצחק, וועלכן מען האָט אָפּגענאַרט. צי האָבן מיר נישט אָפּגענאַרט דעם גלח? צי איז אין דעם פאַל אונדזער קינד נישט געווען ווי יעקב אבינו, וועלכער האָט אָנגענומען דאָס בענטשן וואָס איז נישט געווען פאַר אים באַשטימט? און פּונקט ווי יעקב, וועט ער דאָס טראָגן מיט זיך דורכן לעבן...

— שנעל! שנעל! — האָט גערופן דער דייטש.

איך האָב אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן צי עס גייט נישט דער זעלנער מיט בינדערס שירעם. איך האָב געוואָלט אָפּציִען די רגע... מאַרישיאַ האָט אָנגענומען איר קינד ביי דער האַנט און זיי זענען ביידע שנעל געגאַנגען צום טויער. דער דייטש האָט מיר אַ זעץ געטאָן מיט דער פּייטש איבער מיין פּלייצע און ער האָט מיך מיט דער פויסט אַ שטופּ געטאָן אין זייער זייט.

מיר זענען געווען זיבן מענטשן אין דער גרופּע: דריי — פון קעלער, די טאָכטער פון דער פרוי שאַניאַווסקאַ און מיר דריי. היות עס איז געווען אַזאַ קליינע גרופּע, האָט מען אונדז צוגעטיילט נאָר איין זעלנער, וואָס זאָל אונדז באַגלייטן, אַ זעלנער אין די עלטערע יאָרן מיט אַ ביקס.

מיר זענען דורכגעגאַנגען דורכן טויער, קלאַפּנדיק מיט די שיך. דאָס קלאַפּן האָט זיך מיט אַ הויכן עכאָ אָפּגעשלאָגן אין די געלע ווענט פון הויף, וואָס זענען געווען דורכגעלעכערט פון די קוילן.

דערנאָך זענען מיר אַרויס אויף דער לעשנאָ גאַס, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ ים פון פלאַמען.

דאָס איז געשען דעם 14טן אויגוסט 1944, עלף אַזייגער פאַרמיטיק.

**
*

אין די ערשטע טעג פון מאַי 1945, צוריקקערנדיק זיך פון לאַגער, ווען מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אין קראָקע — האָב איך געטראָפן אויף דער גאַס אַ נאָנע, וואָס האָט געטראָגן דעם אוניפאָרם פון די פעליציאַנער־שוועסטער. כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר:

— שוועסטער, וואָס איז געשען מיט אייערע נאָנעס אין וואַרשע?

זייער אַנשטאַלט האָט זיך געפונען אויף דער לעשנאָ גאַס. איך האָב אַ געוויסע צייט ביי זיי געוווינט.

זי האָט געענטפערט:

—די נאָנעס און דעם גלח האָט מען דערלויבט צו פאָרן קיין קראָקע. די דינערשאַפט האָט מען אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

— און די קראַנקע? — האָט איך אַ רוף געטאָן. — הונדערט און פופציק אַלטע און קראַנקע מענטשן?

— מען האָט זיי אַלע אויסגעשאָסן און דאָס הויז האָט מען אונטער־געצונדן. דאָס הויז איז פאַרברענט געוואָרן מיט די אַלע קראַנקע.

— אָ גאָט! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — איז וואָר־זשע האָט זיך געראַטעוועט? אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ וואָס איז געפאָרן קיין בוסק היילן אירע פיס; די אַלטיטשקע וויטקאָווסקאַ, וועלכע איז פאַרטאָג אַרויס בדי צו היטן אַ דירה; און איך — אַליציאַ מאַיעווסקאַ...

— ווען איז דאָס געשען, שוועסטער?

— דאָס איז געשען דעם 14טן אויגוסט, 12 אַזייגער בייטאָג.

פערטע טייל

די וואַנדערונג אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג

מיר גייען דורך דער לעשנאַ גאַס איבערן אַספאַלט, וואָס איז איבגאַנצן ווייך פון דער היץ. פון ביידע זייטן גאַס ברענען הייזער, אַרומגענומענע מיט שטילקייט. מען זעט נישט קיין פרויען וואָס זאָלן לויפן, קיין מענער מיט עמערס וואַסער און מ׳זעט אויך נישט קיין וויינענדיקע, איבערגעשראָקענע קינדער.

מען זעט קיינעם נישט. די פענצטער שפּייען אַרויס פייער מיט רויך, די פאַרברענטע ווענט צעפאַלן זיך ווייך און דעמאָלט קען מען זען די אינערלעכע טייל פון אַ דירה: אַ בילד, אַ גלעזערנע קאָמאָד, אַ וואַש־צימער, אַ האַנטעך... קיין מענטשן זעט מען אינגאַנצן נישט. די הייזער ברענען אין איינזאַמקייט.

אַזוי גייען מיר אין דער מיט פון דער טראַגישער גאַס אין אַן אומדערטרעגלעכער היץ. די דריי מענער, וועלכע מיר קענען פון קעלער, די יונגע פרוי, וואָס איז געקומען באַזוכן איר מוטער אינעם אַנשטאַלט און האָט נישט געהאַט דאָס רעכט דאָרט צו פאַרבלייבן און מיר דריי: מיין טאַכטער מאַרישיאַ, איר זיבניאָריקער זון און איך.

פאַר די טויערן פון די הייזער ליגן מתים, פאַרשוואַרצטע און פאַרטרוקנטע. טיילמאָל לויפט דורך דער גאַס אַ ווילד־געוואָרענע קאַץ, וואָס פאַרשווינדט צווישן די חורבות. טיילמאָל ווען מיר הייבן אויף אונדזערע אויגן, זעען מיר אַ פאַרבלאָנדזשעטן פויגל אין די געדיכטע קרייזן פון געדיכטן רויך.

אַחוץ דעם טראַסק פון געשפּאָלטענע מויערן און דעם גערויש פון זיך קרישלענדיקע ציגל, ווערט מיט גאָרנישט נישט געשטערט די שטילקייט פון דער נאָכמיטאָג־שעה פון יענעם אויגוסט־טאָג.

דער דייטשישער זעלנער, וואָס באַגלייט אונדז, שלעפּט גלייכגילטיק זיינע פיס. ער איז קורץ און דיק, אָן קיין שום אויסדרוק אויף זיין פּנים. אַן עלטערער מאַן, אַ רעזערוויסט, טראָגט ער די ביקס אויפן אַקסל, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ לאָפּעטע, אַ גראַבלע. דאָס איז נישט קיין זעלנער, אַ פּויער פון דאָרף, וועלכן מען האָט אַוועקגעריסן פון פעלד. קיינער האָט פאַר אים נישט קיין מורא.

ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען לעבן שפּיטאָל אויף דער פּלאָצקאַ־גאַס, האָט זיך טאַקע דערפאַר איינער פון אונדזער גרופּע אָנגערופן:

— ווען מען זאָל אַזוי אַ שפּרונג טאָן און זיך באַהאַלטן אין דעם שפּיטאָל, וואָלט דער זעלנער אַפילו נישט געשאָסן.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן, און דערנאָך האָט ער געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויפן זעלנער.

עס האָט געוואָלדיק געצויגן און געלאָקט אַ שפּרונג צו טאָן און זיך באַהאַלטן אין שפּיטאָל.

פון דער גאַס זעט מען אַ טירל און אַ נידעריקן אייזערנעם פּאַרקאַן. ווייטער איז אַ גערטנדל, אַ טראָטואַר און באַלד אַ גרויסע טיר. נישט קיין טויער, נאָר אַ פאַרמאַכטע טיר.

די ריזיקע איז נישט קיין גרויסע, כאָטש עס איז נישט באַוווּסט צי ביים אָנרירן די קליאַמקע, וועט זיך די טיר עפענען. אָבער, אויב זי וואָלט זיך יאָ געעפנט, וואָלט מען זיך געקענט דאָרט אויסבאַהאַלטן און פאַר־בלייבן. דער זעלנער וואָלט נישט נאָכגעלאָפן נאָכן אַנטלויפנדיקן, ווייס־דיק אַז די איבערגעבליבענע וועלן זיך צעלויפן אויסבאַהאַלטן צווישן די חורבות.

אָבער קיינער האָט נישט געהאַט דעם מוט דאָס צו טאָן.

מיר גייען ווייטער מיט אַ צעוויי׳טיקט האַרץ צוליב דער פאַרפאַלע־נער געלעגנהייט.

וויפל מאָל איז מען אין יענע צייטן געווען גרייט אַוועקצוגעבן אַ האַלב לעבן כדי צו דערגרייכן דעם אָנגעמערקטן ציל. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס וואָלט געווען אַ שריט, פאַר וועלכן מען וואָלט טאַ־קע געקענט באַצאָלן מיטן לעבן.

דער שפּיטאָל אויף דער פּלאָצקאַ־גאַס איז געוואָרן „ליקווידירט" צו־

זאַמען מיט די קראַנקע, קראַנקנשוועסטערס און דאָקטוירים אין אַ גאָר קורצער צייט אַרום — אפשר טאָקע דעם זעלבן טאָג...

***

איך טראָג אַ טיכל אויפן קאָפּ און אַ שוואַרצן קורצן זשאַקעט. טאַקע דעם זעלביקן, וואָס האָט נאָך די צייכנס פון דעם אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד, וואָס כ׳האָב געטראָגן אין געטאָ.

מאַרישיאַ טראָגט אויך אַ טיכל אויפן קאָפּ. אונטערן מאַנטל טראָגט זי אַ פאַרטעך; מיר זעען אויס פּשוט, ווי געוויינלעכע פרויען. יעדנפאַלס מיינען מיר, אַז מיר זעען אַזוי אויס.

און דאָס קינד? בלאָס און נישט דערנערט. שווייגנדיק און גערולדיק וואַנדערט ער מיט אונדז טריט נאָך טריט. ער הוסט אָפּ פון דער שטיקעניש פונעם בייסנדיקן רויך פונקט ווי מיר — און ער זעט די פאַרקוילטע מתים פאַר די טויערן און פאַרבלאַנדזשעטע פייגל, וואָס פליִען אויפן טונקעלן פאַן פונעם הימל.

פּלוצלינג באַווייזט זיך פאַר אונדז דאָסביידל פון אַ וואַכפּאָסטן. אינעווייניק זענען פאַראַן אַ סך דייטשן, און אפשר אוקראַיִנער, קיינער ווייסט עס נישט.

זיי פאַרהאַלטן אונדז:

— האַלט!

— האַלט! — זאָגט איינער און פאַרהייבט די האַנט אין דער הייך.

צי ווילן זיי אונדז צוריקפירן? צי אַרעסטירן? און אפשר גאָר דערהרגענען?...

פאַרן ביידל זעען מיר אַ קליינע גרופּע פון זעקס מענטשן. מיר דערנענטערן זיך און צוזאַמען מיט זיי שטייען מיר אויפן אָרט, ציִען אויס די העלדזער. וואָס וועלן זיי אונדז זאָגן?

אָבער זיי ריידן נישט. זיי לאָזן דורך איינעם נאָכן צווייטן דורכן שמאָלן דורכגאַנג — צוערשט די מענער. זיי רעווידירן מיט געשיקטע פינגער און נעמען צו ביי יעדן איינעם די זייגערלעך.

דערנאָך די פרויען. מען נעמט צו ביי יעדער פרוי די רינגלעך און בראַשקעס. אָ, ביי איינער האָבן זיי צוגענומען דאָס גאַנצע געלט, מיטן גאַנצן צירונג וואָס זי האָט געהאַט מיט זיך.

מיר באַמיִען זיך אומבאַמערקט אַראָפּצוציִען אונדזערע רינגלעך פון די פינגער און באַהאַלטן זיי אין דער קעשענע. מיר גייען דורך די לעצטע. בלאָסע, אין טויטשרעק טראָגן מיר אונדזערע פּעקלעך.

דאָס קינד שלעפט זיך נאָך אונדז נאָך. ער האַלט זיך צו ביי זיין מאַמעס מאַנטל פון הינטן, ווייל דער דורכגאַנג לעבן דעם וואַכביידל איז אַ שמאָלער. מאַרישיאַ מיטן טיכל אויפן קאָפּ און געקעסטלטן פאַרטעך וואָס קוקט אַרויס פון אונטערן מאַנטל — וואָס קען שוין אַזאַ איינע האָבן ביי זיך?

די מוטער גייט נאָך זיי מיטן קאָפּטיכל פאַרבינדן אונטער דער גאָמבע אין אַ שלייף. זי האָט אַפילו נישט קיין רינגל אויפן פינגער. פּשוט־טע, גרויע פרויען. אַזוי מיינען מיר, זעען מיר אויס. מיר שיידן זיך נישט אונטער סיי מיטן אויסזען, סיי מיט די קליידער פון טויזנטער אַנדערע. אַן עלטערע פרוי גייט מיט איר טאָכטער מיטן קינד ביי דער האַנט.

אַזוי גייען מיר אַריבער אויף דער צווייטער זייט. מען האָט ביי אונדז קיין שום זאַך נישט צוגענומען.

די זון הייבט זיך וואָס אַמאָל העכער. די ברענענדיקע שטאָט שטייט שוין ווייט הינטער אונדז!

קילאָמעטער־לאַנגע גאַסן זענען שוין הינטער אונדז און מיר גייען אַלץ, גייען...

מיר געפינען זיך איצט אויף דער פאַרשטאָט. די הייזער זענען דאָ מערסטנס הילצערנע, אַרומגעצאַמטע, הינטערן צוים זעען זיך פרוכטן־גערטנדלעך. דער וועג איז אַ שלעכטער, פול מיט זאַמדן.

אויפן סאַמע ראַנד פון דער שטאָט שטייט אַ קירך מיט אַ הויכן קירכנטורעם. די זון שטראַלט אָפּ פונעם פאַרגילדעטן צלם אויפן טורעם און פון די שויבן־פענצטער פון די רויט־ציגלנע מויערן. דאָס איז די קירך פון הייליקן סטאַניסלאַוו קאָסטקאַ; דער זאַמלפונקט פון אונדזער וואַנ־דערונג.

אַרום דער קירך און אינעווייניק אין דער געביידע געפינען זיך גאַנ־צע מחנות מענטשן. זיי זיצן אויף די בענק, אויף דער פאָדלאָגע, אויף די טרעפּ פונעם אַלטאַר. אייניקע האָבן קלומעקלעך, טייל — פּעקלעך מיט זיך. אַנדערע האָבן גאָרנישט. מוטערס מיט זויגקינדער, אַלטע לייט, קינ־דער, יונגע מענטשן. פון פאַרשיידענע שיכטן; בעטלער, דאַמען מיט קאַ־

פּעלושן, פּרויען מיט טיכלעך אויף די קעפּ, טייל מיט בלויזע קעפּ; אַר־בעטער, סוחרים, גוט־געקליידטע מענער און אָפּגעריסענע, קבצנים.

מיר זעצן זיך אַוועק אויף אַ טרעפּל פון אַלטאַר לעבן דעם אַרויס־גאַנג, אונטערן גרויסן צלם מיטן אויסגעשפּרייטן קריסטוס וואָס הענגט אַראָפּ מיט אַן איבערגעבויגןליידנדיק פּנים. זיינע פיס גרייכן ביז אונ־דזערע פּלייצעס.

מיר זיצן אַזוי אונטערן צלם אַרומגענומען מיט די הענט אונדזערע קני. לעבן אונדז געפינען זיך אונדזערע פּעקלעך. מיר לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פון זיי. דאָס ביסל זאַכן און די אַלטע בייטלען זענען ווי אַ טייל פון אונדז אַליין, אַ דערגענצונג צו אונדזערע פּערזאָנען.

מיר זענען אַזוי געזעסן פאַרקוקט אינעם פאַרשידנאַרטיקן המון, וואָס האָט זיך געוויגט פאַר אונדזערע מידע אויגן. עפּעס אַ פרעמדע פרוי האָט זיך דערנענטערט און זיך אויך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פונעם אַלטאַר.

— פון וואַנען זענען די מענטשן? — פרעגן מיר — פון וועלכע גאַסן?

— פון פאַרשיידענע — ענטפערט זי. — איך בין פון דער גדאַנסקאַ־גאַס. די דייטשן האָבן פאַרברענט אונדזערע הייזער און מיר זיצן דאָ פון אינדערפרי.

אַזוי שמועסן מיר זיך אויס מיט דער פרוי. זי איז שוין נישט קיין יונגע. אירע האָר זענען גרוילעך, אונטער די אויגן האָט זי אַ נעץ פון קנייטשן. זי האָט שוין זייער אַ סך געליטן אין איר לעבן. צוויי קינדער זענען איר געשטאָרבן און דער מאַן איז איר ערגעצוווּ געוואָרן פאַרפאַלן. אָבער זי האָט געהאַט, צום גליק, אַן אייגענע דירה אויף דער גדאַנסקאַ־גאַס און האָט אַפילו איין צימער פאַרדונגען.

— און איצט, מעדאַמעשי, האָט מען אַלץ פאַרברענט.

זי דערציילט אונדז וועגן אירע צרות. מיר הערן זי אויס גוטמוטיק. מיר ווייזן איר אַרויס אונדזער מיטגעפיל און מיר שטימען צו.

פאַקטיש טוליען מיר זיך צו דער פרוי, ווייל, אין איר שאָטן פילן מיר זיך אַביסל באַשיצט. לעבן איר הייבן מיר אָן זיך צו פילן זעלבסט־זיכערער.

אָבער גאָר שנעל פאַרלירן מיר די זיכערקייט און ס׳כאַפּט אונדז אַרום אַ שרעק. אין דער קירך קומען אַריין צוויי דייטשישע אָפיצירן.

זיי בלייבן שטיין, קוקן זיך אַרום, ווי זיי וואָלטן עמעצן געזוכט — דערנאָך גייען זיי ווייטער און אָט דערנענטערן זיי זיך צו אונדז.

די צוויי עלעגאַנט געקליידטע אָפיצירן קלינגען מיט די שפּאָרן. איינער פון זיי טראָגט אַ פּעלערינע וואָס איז אונטערגענייט מיט אַ בלוט־רויטן טוך.

זיי קוקן אויף אונדז. ריידן עפּעס שטיל איינער צום צווייטן. מאַרישיאַ דרייט אַוועק דעם קאָפּ.

איינער זאָגט:

— פאַרוואָס ווילסטו נישט קוקן אויף מיר? בין איך דען אַזוי שרעקלעך?

און דער צווייטער, אין דער פּעלערינע, האָט צוגעגעבן:

— אין אייך פליסט גאַנץ זיכער אונגאַריש בלוט. מען זעט עס אין אייערע אויגן. צי שטאַמט איר פון אונגאַרן?

פון אונגאַרן? גאָט אין הימל, ער האָט שוין עפּעס דערקענט אין די אויגן. אויב זיי, די דייטשן האָבן דערקענט אונדזער אַנדערשקייט, ווי שווער וועט עס זיין זיך אָפּצוהיטן און אָפּנאַרן די וואַכזאַמקייט פון די פּאָלאַקן...

— יאָ, זאָג איך — מיין באָבע איז געווען פון אונגאַרן.

— איך האָב באַלד אַזוי געטראַכט — ווייזט ער אויף מיר מיטן פינגער — קום מיט אונדז, קום...

מאַרישיאַ רייסט זיך אויף פון די טרעפּ:

— די מוטער וועט נישט גיין. איך וועל גיין.

זיי גייען צום אַרויסגאַנג. זי גייט זיי נאָך. זיי פירן מיט זיך עטלעכע צענדליק מענטשן: אַ פּאָר אַרבעטער, אַן אַלטע פרוי, אַ הענדלערקע און אַ מאַן אין אַ מונדיר פון אַ באַן־אַרבעטער.

פון אָנהייב האָבן מיר רויִק געוואַרט. כ׳האָב אַרויסגענומען אַ שטיקל ברויט און אַ שטיקל צוקער פאַרן קינד. אָבער ווען עס איז אַריבער אַ שעה־צייט און מאַרישיאַ איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען, איז מיין זאָרג געוואַקסן מיט יעדער רגע.

— היט אָפּ די זאַכן — זאָג איך צום קינד און איך לויף אַרויס פאַר דער קירך.

אָבער אַ מאָמענט שפּעטער כאַפּט מיך אַרום אַ שרעקלעכע מורא.

איך שטעל זיך פֿאָר, אַז איך קען אים פֿאַרלירן, אַז מען קען אים אינצווישן אַוועקפֿירן. איך גיי צוריק אַריין, איך נעם מיט זיך די זאַכן מיטן קינד און אַזוי שפּאַנען מיר, ווי פֿאַרלוירענע, אַרום דער קירך. איך פֿרעג ביי פֿרעמדע:

— צי ווייסט איר נישט, וואָס איז געשען מיט די מענטשן וואָס די אַפּיצירן האָבן צוגענומען?

אָבער קיינער ווייסט נישט. אייניקע זאָגן:

— מעגלעך, אַז די פֿרויען האָט מען צוגענומען צו דער אַרבעט אין דער בעקעריי אָדער אין דער קיך.

אַנדערע זאָגן:

— אפֿשר האָט מען זיי גענומען צו רוימען אָדער צו גראָבן אין גאָרטן...

אַנדערע ווידער ריידן גאָרנישט. זיי גיבן נאָר אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אויב מען האָט זיי צוגענומען, וועלן זיי שוין מסתמא נישט צו־ריקקומען.

דער פּלאַץ אַרום דער קירך איז געווען צעגראָבן. אויסגעקאָפּעטע ערד, טיפֿע זאַמדן. מיט אַ צעבראָכן האַרץ קריך איך איבער די זאַמדן און שלעפּ מיט זיך דאָס קינד.

דאָס איז נישט קיין זאַמד — אַ ים אַ גאַנצער. און דער המון מענטשן, דורך וועלכן איך שטופּ זיך דורך — דאָס איז פֿרעמדקייט. און אַלץ צו־זאַמען — אַ ים מיט פֿרעמדקייט, אין וועלכן מיר וועלן באַלד פֿאַרזונקען ווערן אָן שום רעטונג.

דער פּלאַץ איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן. איך זע אַ טירל און פֿאַרן איינגאַנג — אַ זעלנער מיט אַ ביקס. ער שטייט אויף וואַך און היט דעם אַריינגאַנג. ער איז איינער אַליין. קיינער איז נישטאָ לעבן אים.

טאַפּטשענדיק אינעם זאַמד און זיך אומקוקנדיק יעדע ווייל אויפֿן קינד, דערנענטער איך זיך צום זעלנער. ווען איך בין שוין לעבן אים, שטעל איך אַוועק די פּעקלעך אויף דער ערד. איצט האָב איך פֿרייערע הענט און איך קען אויפֿשפּילען די בלוזקע און אַרויסנעמען די באַהאַל־טענע בראָש.

איך רוף זיך אָן צום זעלנער:

— עס זענען געקומען אַפּיצירן און האָבן צוגענומען מענטשן פון דער קירך. צווישן זיי איז געווען מיין טאַכטער. זי איז ביז איצט נישט צוריקגעקומען. איך גיב אייך די גאָלדענע בראַש און דערוויסט אייך וואָס איז געשען מיט מיין טאַכטער. זי הייסט מאַריאַ מאַיעווסקאַ.

איך שטיי פּאַר אים מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט. אויף מיין האַנט ליגט מיין מוטערס בראַש אויסגעזעצט מיט רובינען, מיט אַ דין קייטעלע.

— אַ בראַש? — זאָגט ער — איר ווילט מיר געבן אַ בראַש? איך בין קיין פאַרשאָלטענער ס.ס.־מאַן. זיי נעמען צירונג. איך האָב אין דער היים אַ ווייב מיט פינף קינדער, נאָך וועלכע איך בענק. איך דאַרף נישט האָבן אייער בראַש. ווי נאָר מען וועט מיך באַפרייען פון דער וואַך, וועל איך זיך פרעגן וואָס עס איז מיט זיי געשען, אפשר וועל איך זיך עפּעס דערוויסן. איך ענטפער אים:

— איך וועל אויף אייך וואַרטן אין דער קירך לעבן דעם אַלטאַר ביים אַריינגאַנג. איר וועט מיך דאָרט געפינען. געדענקט איר, ווי זי הייסט?

— מאַריאַ — זאָגט ער — מאַריאַ...

מיר קערן זיך אום צוריק אין דער קירך און מיר זעצן זיך ווידער אויף די טרעפּלעך אונטערן גרויסן צלם. דער זייגער שלאָגט אויס דריי. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט אַרום אונדז. עס איז שוין נישטאָ מער די פוילע פאַרשלאָפענע אַטמאָספער וואָס האָט געהערשט פריער. מענטשן שטיין אויף, גייען אַרום, פּאַקן איבער די זאַכן, פאַרפעסטיקן די רוקזעק... עס זעט אויס, ווי מען וואָלט אין אַ ווייל אַרום געדאַרפט ערגעץ גיין... גיין? און וואָס וועט זיין, אויב מאַרישיאַ וועט נישט באַווייזן צוריקצוקומען און מיר ביידע וועלן זיין געצוווּנגען אַרויסצומאַרשירן. דעמאָלט וועלן מיר זיך פאַרלירן און קיינמאָל מער נישט געפינען.

עס נעמט מיך ווידער אַרום אַ מוראדיקע זאָרג. וואָס זאָל איך טאָן? צי וואַרטן אויפן זעלנער, צי אויסזוכן עפּעס אַ פאַרבאָרגן ווינקל אין דער קירך און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן?...

ווען איך זיץ אַזוי אַ דערשלאָגענע, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, באַמערק איך פּלוצלינג — אַ דערשטוינטע — אַ גאַנצע ייִדישע משפּחה,

וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון אונדז ביי אַ וואַנט. אַ פאָטער, אַ מו־טער און אַ זון פון אַ יאָר צען.

מיין איבערראַשונג האָט נישט קיין גרענעץ, ווייל די משפחה איז ייִדיש נישט נאָר לויטן אויסזען, נאָר אויך מיט די זשעסטן, באַוועגונגען און אַפילו מיט דער קליידונג. מען האָט זיי מסתמא אַרויסגעשלעפּט פון עפּעס אַ הויז, צוזאַמען מיט אַלע איינוווינער. אפשר מיט זייערע באַלע־באַטים, ביי וועלכע זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. דערנאָך האָט מען דאָס הויז זיכער אונטערגעצונדן.

קוקנדיק אויף זיי, טראַכט איך: זיי זענען אַרויס גאַנץ, און וויפל זענען איבערהויפּט נישט אַרויס. זיי האָבן אַוודאי געמיינט אַז דאָס איז אַ בלאָקאַדע, און נישט אַראָפּ אונטן ווען די דייטשן האָבן געפּייפּט... זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא געהאַט צוליב זייער אויסזען און זיך אויסבאַ־האַלטן אין די שענק, באַהעלטענישן, צי קעלערס. דערנאָך האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז. און וואָס איז געשען מיט יענע, וואָס זענען דאָרט געבליבן?

אָבער די אָט־אָ־דאָ — די דאָ...

דער פאָטער באַוואַקסן, אַנגעטאָן אין אַ גרויער קאַפּאָטע מיט צוויי קנעפּלעך ביים גאַרטל פון הינטן. אַזעלכע קאַפּאָטעס האָבן געטראָגן נאָר די פרומע. די מוטער מיט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ — אַ ברייט פּנים, קיילעכדיקע און פאַרוווּנדערטע אויגן. ווי אַזוי האָט זי זיך נישט באַ־דאַרפט צו וווּנדערן?

אַזאַ המון מיט מענטשן אַרום און אַרום — און זיי האָבן זיך מסתמא אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער, אָדער אין אַ קליין חדרל, די טיר פאַר־שטעלט מיט אַ שאַנק, וואָס האָט געהאַט טאָפּלטע טירן, אָבער וועגן דעם האָט קיין שום פרעמדער נישט געוווּסט... און דאָס ייִנגל? — שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן.

איך קוק אויף זיי און איך טראַכט: צי האָבן זיי קענקאַרטעס? בכלל דאָקומענטן? וואַרשיינלעך האָבן זיי נישט קיין שום פּאַפּירן און ריידן נאָך דערצו אַ שלעכטן פּויליש.

ביי די קירך־טירן באַווייזן זיך די זשאַנדאַרמען. מענטשן שטעלן זיך אויף, הייבן זיך אָן צו קערעווען צום אַרויסגאַנג. די ייִדישע משפּחה הייבט זיך אויף פון דער פּאָדלאָגע און נעמט זיך אומגעשיקט צונויפזאַמ־

לען די זאַכן. דורך אַ מאָמענט נעמט מיך דורך אַ שרעק, דער פאָטער מיטן זון זאָלן נישט אַמאָל אַנטאָן די היטלען אויף די קעפּ. עס אַנטשטייט אַ גרויסער טומל אין דער קירך — אַלע זענען אויף די פיס; מען באַוועגט זיך, מען דרייט זיך, מען רופט און מען ליאַרעמט...

איך קוק אַ פאַרזאָרגטע אויפן קינד. ער איז בלאַס און שטום אין זיין אומרו, אָבער ער וויינט נישט. דאָס קען איך גיכער נישט איינהאַלטן מיינע זיפצן, מיינע טרערן און קלאָגן.

— פאַני — זאָגט צו מיר דורכגייענדיק איינע אַ פרעמדע פרוי — אויב איר האָט מיט זיך פּראָוויאַנט, טאָ לאָזט אים בעסער איבער, ווייל די דייטשן נעמען אים צו.

פּראָוויאַנט? אַביסל צוקער און אַ פּאָר שטיקלעך ברויט. דאָס איז אונדזער פּראָוויאַנט.

מיר זיצן נאָך אַלץ, כאָטש יענע גייען שוין אַרויס. אַ העלפט מענטשן איז שוין אַרויסגעגאַנגען. די זעלנער און זשאַנדאַרמען יאָגן און שטופּן כסדר. שוין נישט לאַנג און זיי וועלן אונדז נעמען — וואָס וועט דעמאָלט זיין?

ווי איך וואַרט אַזוי און קוק אויס דעם זעלנער, וואָס האָט זיך געזאָלט דערוויסן — דערזע איך די אָנקומענדיקע מאַרישיאַ...

— באַרויק זיך — זאָגט זי — איך בין דאָך דאָ.

— ווו ביסטו געווען? פאַרוואָס אַזוי לאַנג? ווען ס'וואָלט געדויערט נאָך אַביסל, וואָלט איך שוין אַוועק מיטן קינד און דו וואָלסט אונדז שוין נישט געפונען.

— יאָ, — זאָגט זי — דערפאַר טאַקע האָב איך אַזוי מורא געהאַט...

זי דערציילט אַז זי איז געווען אין דער קאַנצעלאַריע — זי מיט נאָך אַכט מענטשן. יעדער האָט — איינער נאָכן צווייטן — געמוזט דערציילן וואָס ער ווייסט פון אויפשטאַנד. דערפאַר האָבן זיי אומיסטן אויסגעקליבן מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן, און דאָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט.

— וועגן וואָס האָבן זיי געפרעגט?

— וועגן די אויפשטענדלער. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אידיאָט. — „האָסטו געזען די אויפשטענדלער?״ — כ'האָב געזען איינעם; — „ווו האָסטו אים געזען?״ — אויפן הויף; — „וואָס האָט ער געטראָגן?״ — אַן עמער האָט ער געטראָגן; — „און פון וואַנען ווייסטו

אַז דאָס איז געווען אַן אויפשטענדלער?" — ווייל מענטשן האָבן אַזוי געזאָגט; — און דאָ האָב איך מיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ: פון וואָס וועל איך איצט לעבן? עס איז פאַרברענט געוואָרן מיין ניי־מאַשין.

איך דערצייל איר וועגן דעם זעלנער לעבן דעם טירל. אַז ער האָט מיר צוגעזאָגט זי אויפצוזוכן.

— האָט ער דיך נישט גערופן? האָסט נישט געהערט עמעצער זאָל רופן — מאַריאַ?

זי האָט נישט געהערט. איבעריקנס, דאָרט זענען געווען טויזנטער מענטשן. ווי אַזוי האָט זי געקענט דערהערן?

— טראַכט שוין נישט וועגן דעם. מיר דאַכט זיך, אַז שוין נישט לאַנג וועט קומען די ריי אויף אונדז און מען וועט אונדז אַרויסיאָגן פון דער קירך.

איך דערצייל איר נאָך, אַז עפּעס אַ פרוי האָט מיר געראָטן, כ'זאָל איבערלאָזן דעם פּראָוויאַנט, ווייל די דייטשן נעמען אים סיי ווי אַוועק.

— גלייב נישט, ס'איז אַ ליגן. וויפל האָבן מיר אינגאַנצן צו עסן? מיר האָבן דאָך גאָרנישט.

איך ווייז איר מיט די אויגן אויף דער ייִדישער משפּחה; זיי רירן זיך שוין פון אָרט. דער ערשטער גייט דער פאָטער, נאָך אים די מוטער מיטן זון.

צי זענען דאָ, צווישן דעם טויזנט־קעפּיקן המון, נישטאָ די פּאָלאַקן ביי וועמען די ייִדישע משפּחה האָט זיך אויסבאַהאַלטן? ס'קען זיין, אַז זיי זענען דאָרט יאָ דאָ, נאָענט אַפילו, אָבער זיי ווילן נישט אַז מ'זאָל באַמערקן אַז זיי בינדט עפּעס מיט די ייִדן. אָבער די דיניקע פּעדעם פון בונד, דער פלויד, וואָס שוועבט פון זיי, גיט אפשר טאַקע צו דער ייִדי־שער משפּחה דאָס געפיל פון זיכערקייט און מוט.

איצט קומט די ריי אויף אונדז. מיר רירן זיך פון אָרט. מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין צוזאַמען מיטן גאַנצן המון.

— שנעל! שנעל! — רופן די דייטשן.

מיר גייען אַרויס פון דער קירך, דערנאָך גייען מיר דורכן פּלאַץ, דורכן טירל און מיר מאַרשירן מיט די דאָרפישע וועגן איבער די פעלדער.

דאָס קינד גייט מיט אונדז טריט ביי טריט — רויק און שווייגעדיק. ענדלעך קומען מיר צו אַ באַן־ליניע. קיין באַן איז נישטאָ. זעצן מיר

זיך אויס אויף די בעטאָנענע פּלאַטן און מיר וואַרטן; אַלע זעצן זיך אויס — מידע, פאַרמאַטערטע. די סטאַציע איז איבערגעפּולט מיט מענטשן.

מיר קוקן זיך אַרום ווו מיר געפינען זיך דאָ. מיר דערזעען אַ קאַליקע, אַ מענטש אָן פיס — וואָס איז געקראָכן, געפּויזעט, זיך געריִרט. די דייטשן האָבן אים אַרויסגעוואָרפן צוזאַמען מיט אַנדערע איידער זיי האָבן אונטערגעצינדן דאָס הויז ביים פאַרברענען וואַרשע.

ס׳איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי ער האָט דורכגעמאַכט דעם לאַנגן און שווערן וועג פון וואַרשע ביז אַהער. איז ער די גאַנצע צייט געקראָכן?

מיר קוקן זיך ווייטער אַרום און מיר דערזעען אַ בעטלער. אַן אַלטן בעטלער, אפשר פון אַ יאָר אַכציק. ער שטייט לעבן אייזערנעם סלופּ און בעטלט. אַפילו דאָ, פון געוווינהייט מסתמא, אַפילו דאָ אין דעם צוזאַמענגעשלעפּטן המון פון צעבראָכענע און דערנידעריקטע מענטשן, ציט ער אויס אַ האַנט און מורמלט עפּעס מיט די ליפּן וואָס דעקן צו זיין מויל אָן ציינער.

און אפשר זאָגט ער אַ תפילה?

אויף די בעטאָנענע פּלאַטן זיצט די יידישע משפחה. די מוטער האַלט אַ קויש און זיי עסן רויִק אַרויס פונעם קויש. דער פאָטער טראָגט אויפן קאָפּ אַ שוואַרצן פילצענעם קאַפּעלוש און דאָס ייִנגל — אַ היטל, טיף אַראָפּגעצויגן, ביז צו די אויערן. זיי זענען אַזוי באַיווו, אַז זיי עסן מיט פאַרדעקטע קעפּ. זיי שיידן זיך אונטער אַזוי שטאַרק פון אַלע אַז מיר דערוואַרטן יעדע מינוט די קאַטאַסטראָפע. איינער קען אַ געשריי טאָן אַז דאָס זענען ייִדן; עמעצער קען זיי אָנווייזן צו די דייטשן — אַפילו די דייטשן אַליין קענען יעדן אויגנבליק זיי דערקענען און צונעמען...

אָבער ווי עס ווייזט אויס, לייגט קיינער נישט קיין אַכט אויף זיי. איך טראַכט: ווי איז דאָס מעגלעך? צי זעען זיי נישט? צי באַמערקן זיי נישט? איך קען נישט פון זיי אָפּרייסן די אויגן. מיינע געדאַנקען וויקלען זיך אַרום זיי. איך קוק אויף זיי און איך באַטראַכט זייער טרויעריק לעבן אויף דער אַרישער זייט.

אפשר האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַן אַלט הויז אין פאַרשטאָט, אין אַ קיך פון אַ פאַרטער־הויז, וואָס האָט געפירט אין אַ קעלער. מען האָט געעפנט אַ טירל אין דער פּאָדלאָגע — אַזאַ פירעקיק דעקל — און אונטן האָבן אַראָפּגעפירט טרעפּלעך...

און אפשר גאָר האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם? עס זענען געווען קיכן וואָס האָבן געהאַט אַ טירל אין סופיט צו אַ בוידעמל. און אפשר דאָרט טאַקע, ווערנדיק פאַרפרוירן אין ווינטער און דערשטיקט פון היץ אין זומער, האָבן זיי פאַרבראַכט לאַנגע, פיינלעכע טעג און נעכט...

ווען איך זיץ אַזוי און טראַכט וועגן דעם, קומט אָן די באַן וואָס פאַרהאַלט זיך אויף דער סטאַציע. אַלע לאָזן זיך צום וואַגאָן. די קאַליקע — עמעצער האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט, אַ צווייטער האָט אים אָנגענו־מען אונטער די אָרעמס — האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן די בענק. דער אַלטער בעטלער מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט, איז מיטגעריסן גע־וואָרן מיטן המון. ער קוקט באַוווסטלאָז דורך די שויבן פון וואַגאָן און פינטלט מיט די האַלב־בלינדע אויגן.

די באַן גיט אַ פייף און נעמט רירן פון אָרט. קיינער ווייסט נישט וווהין, וווהין? זי בלייבט שטיין אויף יעדער קלענסטער סטאַציע. זי פאָרט לאַנגזאַם. אייניקע שפרינגען אַרויס פון וואַגאָן. מיר האָבן געזען ווי איי־נער איז אַרויסגעשפרונגען אין אורסינוו און קיינער האָט אויף אים נישט געשאָסן.

— מען שפרינגט פון די וואַגאָנען — זאָג איך — לאָמיר אויך שפרינגען.

— דאָס זענען איינצלנע מענטשן — זאָגט מאַרישיאַ — און מיר זענען דריי.

טראָץ דעם האָבן מיר אַ שטאַרקן באַגער אַרויסצושפרינגען. די באַן גייט לאַנגזאַם — אַזוי לאַנגזאַם, אַז מען וואָלט געקענט שווערן, אַז דער מאַשיניסט פירט אומיסטן אַזוי, כדי צו פאַרלייכטערן די פאָרנדיקע צו אַנטלויפן.

אויף די קליינע פּראָווינץ־סטאַציעס שטייען מחנות מענטשן וואָס קוקן זיך צו מיט מיטלייד צו די באַנען וואָס פירן אַרויס די באַפעלקערונג פון וואַרשע. די, וועלכע שפרינגען אַרויס, קענען זיכער לייכט זיך אויס־באַהאַלטן צווישן די מענטשן, וואָס ווייזן אַרויס אַזוי פיל פאַרשטענדע־ניש און מיטגעפיל.

מיר וואַרפן פון דער זייט אַ בליק אויפן קינד. מיר ווייסן, אַז ער וועט נישט וועלן שפרינגען פון וואַגאָן. ער פאַסט זיך גיכער צו צו דער שווערער לאַגע ווי אַ דערוואַקסענער. ער איז רויִק און באַהערשט. ער

קוקט אַרויס דורכן פענצטער. זעט פעלדער,ביימער און אַנטלויפנדיקע הייזער. ער האָט דאָס שוין לאַנג נישט געזען.

**
*

פּרושקאָוו. די באַן איז געבליבן שטיין. מיר זענען אַרויס און זיך צונויפגעמישט מיט טויזנטער אַנדערע.

דאָס איז געווען אַ גרויסער לאַגער פאַר דער באַפעלקערונג פון וואַר־שע. דאָ איז פאָרגעקומען די סעלעקציע. פון דאַנען האָט מען אַוועקגע־פירט קיין דייטשלאַנד די יעניקע וואָס זענען געווען פעיק צו דער אַר־בעט. אַ סך פון זיי זענען שוין געזעסן אין פּרושקאָוו דריי צי פיר טעג און אַפילו לענגער. זיי זענען געשלאָפן אויף די בעטאָנענע פּאָדלאָגעס — אין ענגשאַפט און שמוץ. אָבער עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעקויפט און אַנטלאָפן פונעם לאַגער.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך באַמערקט, אַז עפּעס אַ מיידל האָט געגעבן דעם זשאַנדאַרם אַ רינג. ער האָט אים אַריינגערוקט אין טאַש אַריין, זיך אויסגעדרייט און — זי איז געגאַנגען נאָך אים. ער האָט זי געוויס אַרויסגעפירט פונעם לאַגער.

— זעסט? טיילמאָל געלינגט עס...

— אָבער איך האָב נאָך נישט די דרייסטקייט — האָט געזאָגט מאַ־רישיאַ — אפשר שפּעטער, נאָך אַ צוויי, דריי שעה...

מיר האָבן זיך אָבער נישט פאַרהאַלטן אין פּרושקאָוו אַפילו נישט קיין צוויי שעה. מיר זענען גראָד אָנגעקומען צו אַ סעלעקציע. מען האָט אָפּגעטיילט געוויסע אויף רעכטס, די אַנדערע — אויף לינקס. די פון דער רעכטער זייט האָבן באַדאַרפט פאָרן קיין דייטשלאַנד. די עלטערע מענטשן האָט מען פאַרהאַלטן און זיי אַוועקגעשיקט אין די דערפער און אין קליי־נע שטעטלעך.

איך האָב שרעקלעך מורא געהאַט פאַר דער סעלעקציע. איך האָב געציטערט פאַר דעם, ווייל מען האָט אונדז געקענט פונאַנדערטיילן.

צוערשט איז דורכגעגאַנגען מאַרישיאַ. זי האָט געהאַלטן ס׳קינד ביי דער האַנט. זי איז געווען יונג און אויסגעזען געזונט. עס איז נישט גע־ווען קיין שום צווייפל, אַז מען וועט זי נעמען צו אַרבעט.

מיט אַ ציטעריק האַרץ בין איך נאָך איר נאָכגעגאַנגען מיט שנעלע

און ענערגישע טריט. כ׳בין קיינמאָל אין מיין לעבן אַזוי נישט געגאַנגען. דאָס איז געווען אַ געקינצלטער גאַנג, דיקטירט דורך שרעק און פאַרצווייפלונג. דער דייטש האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיין בייטש און אָנגעוויזן די רעכטע זייט. איך האָב געטויגט צו אַרבעט.

איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט און באַוויזן צו קומען צום באַוווסטזיין, אַז מען צעטיילט אונדז נישט, האָט מען שוין אונטערגעשטעלט די באַן און אונדז אַנגעלאָדן אין די פּי־וואַגאָנען.

דער טראַנספּאָרט האָט געהאַט פּופצנהונדערט מענטשן. יעדער איינער האָט געקריגן אויפן וועג אַ לאַבן ברויט. מיט אונדז איז פּונקט אַזוי געשען, אַז מיר זענען אַריין אין לעצטן וואַגאָן. לעבן דער הינטערשטער וואַנט האָבן מיר פונאַנדערגעשפּרייט דעם מאַנטל. ס׳איז געווען אַזוי ענג, אַז מען האָט מיט גרויס שוועריקייט זיך קוים געקענט אַ ריר טאָן. מיר זענען געזעסן אויף אונדזער ברויט...

ווען דער צוג האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, גערירט פון אָרט און אָנגעהויבן צו פאָרן אין דער אומבאַקאַנטער ריכטונג — האָבן זיך אַלע אינעם איבערגעפולטן וואַגאָן איבערגעצלמט. מיר האָבן זיך איבערגעצלמט און מאַרישיאַס יינגעלע אויך.

און יענע? די יידישע משפּחה — צי האָבן זיי געדענקט, אַז מען דאַרף זיך איבערצלמען?

איך האָב געזען ווי זיי זענען אַרויפגעקראָכן אין וואַגאָן. צוערשט האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט דער פאָטער און ער האָט דערלאַנגט די האַנט דער פרוי. זי האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן — מענטשן האָבן זי אַרויפגעשטופּט פון אונטן; ענדלעך האָבן זיי ביידע אַרויפגעצויגן זייער זון.

ווער איז געפאָרן אין זייער וואַגאָן? אומעטום איז געווען אַזאַ געמיש ווי ביי אונדז. מענטשן פון דער גדאַנסקאַ און כרוביעשאָווסקאַ גאַסן, אייגנטימער פון געוועלבלעך, הענדלערקעס, הויז־סטרוזשעס, גנבים און פּראָסטיטוטקעס...

די טירן פון אונדזער וואַגאָן זענען געווען ברייט צעעפנט. אייניקע זענען געזעסן אין די טירן מיט די פיס אַרונטערגעהאָנגען אין דרויסן. עטלעכע קינדער האָבן זיך דורכגעריסן דורכן המון, זיך צוזאַמענגעקליבן און געקוקט אויף דער אַנטלויפנדיקער לאַנדשאַפט. די זון איז אונטערגעגאַנגען און עס איז לאַנגזאַם געוואָרן פינצטער.

איך בין געווען אינגאַנצן זיכער, אַז דער פרומער ייִד האָט אין דעם מאָמענט געדאַוונט מנחה־מעריב אין זיינע געדאַנקען. און כ׳האָב געצי־טערט פון שרעק צי ער שאָקלט זיך נישט ביים שעפּטשען אין זיך די תפילה. עס איז פאַר מיר געווען אַ פּיינלעך רעטעניש וואָס איך האָב נישט געקענט אויפלעזן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך אַפילו אַ טראַכט געטאָן: אפשר געבן זיך די ייִדן גאָרנישט אָפּ קיין חשבון אין וואָסער סכנה זיי געפינען זיך? און אין זייער אומבאַגרענעצטער נאַיִוו־קייט בלייבן זיי נאַטירלעך אַזוי ווי זיי זענען. אפשר וועקט טאַקע זייער נאַטירלעכקייט — אין די הערצער פון די אומגליקלעכע און פאַרשפאַ־טענע וואָס רינגלען זיי אַרום — אַ טיף פאַרבאָרגן געפיל פון רחמנות וואָס באַפעלט זיי צו שווייגן?

צווישן די קינדער, וואָס זענען פאַרזאַמלט ביי דער אָפענער טיר פון וואַגאָן, געפינט זיך אויך מאַרישיאַס זונעלע; די העלע האָר פאַרדעקן אים די אויערן און דעם שטערן. ער זעט אויס ווי אַ פּאַזש — ווי אַ קליינער פּאַזש פון מיטלאַלטער. אויפן פּאָן פונעם שמוציקן פּי־וואַגן לעבן אַנדערע קינדער מיט איינפאַכע שטריכן פון פּנים — איז זיין פּאָעטישע שיינקייט, וואָס ציט די אויפמערקזאַמקייט, פּונקט אַזוי געפערלעך, ווי דאָס שאָקלען זיך פונעם ייִד וואָס דאַוונט אין זיך.

אַ פרוי וואָס זיצט לעבן אונדז קוקט אויף אים מיט אַ ספּעציעלן בליק. איר קאָפּ איז אַרומגעבונדן מיט אַ האַנטעך. זי איז אַנגעטאָן אין אַ כאַלאַט געמאַכט פון אַן אונטערשלאַק פון אַ מאַנטל און טראָגט אַלטע, אָפּגעטראָ־גענע שטעקשיך. זי האַלט אויף אירע קני איר פּיריאַריקן זון וואָס איז קראַנק אויף מאַזלען. כאָטש דער טאָג איז אַ הייסער, איז דאָס קינד אָנ־געטאָן אין וואַרעמע סוועטערס, קאַמזוילס און מאַנטלען. עס וויינט און רעדט פון היץ.

אירע צוויי טעכטער — מיעטשאַ און דאַנושאַ — זיצן אין דער אָפע־נער טיר פון וואַגאָן. דאַנושאַ איז אַ שלאַנקע, אַ שיין בלאָנד מיידל מיט אַ קינדיש פּנימל.

— דאַנקאָ! — רופט די מוטער פון וואַגאָן — נעץ איין אַ טיכל אין וואַסער און ווישן אָפּ דעם שווייס פונעם קינדס שטערן ווייל ער וועט דיר אָוועקשטאַרבן...

— דאָס איז איר אומגעזעצלעך קינד, מיינע ליבע מענטשן. אָבער זי

זאָרגט זיך דען וועגן דעם? דאָס קינד רופט מיך „מאַמאַ“ און אויף איר קוקט זיך עס אַפילו נישט אום. דאָס איז נישט קיין מאַמע — דאָס איז אַ צויג.

זי הייבט אויף די שטים און צערעדט זיך שוין נישט בלויז צו די, וואָס זיצן נישט ווייט פון איר, נאָר אירע רייד דערגייען איצט צום גאַנצן וואַגאָן, אַפילו צו די אין דער טיפעניש פון וואַגאָן.

— איר דאַרפט וויסן דערפון, מיינע מענטשן, אַז איך געהער צו די יעניקע וואָס האָבן ליב צו שפּאָרן. אַלע קליידער און שוכוואַרג האָב איך אַריינגעפּאַקט אין וואַליזעס און אַראָפּגעטראָגן אין קעלער אַריין, איך בין אַרומגעגאַנגען איבער דער וווינונג אין אַ פּאָדשעווקע פון אַן אַלטן מאַנטל און אין אָפּגעטראָגענע שטעקשיך גוט פאַרן מיסטקאַסטן. און אַזוי האָבן מיך די דייטשן געכאַפּט. גיט אויף מיר אַ קוק. איך ברענג נאָר חרפּה מיינע קינדער — דער אָרעמער מיעטשאַ און דער צויג.

אַלע קוקן אויף איר. זי איז טאַקע אויסטערליש אָנגעטאָן ווי אין אַ וואַנדער־וועג צו דער אומבאַקאַנטקייט.

נאָכן איבערכאַפּן דעם אָטעם, רעדט זי ווייטער:

— פאַרן אַוועקפאָרן האָט די צויג מיך געשלאָגן מיט אַ וואַלגערהאָלץ. איך האָב מיר געמוזט אַרומבינדן מיט אַ האַנטעך די ביילן, דערפאַר זע איך אויס ווי אַ טערק. דער אָרעמער בענקאַרט, איז קראַנק אויף מאָזלען, צוליב דעם איז ער אַזוי ארומגעוויקלט... אָדער ער וועט שטאַרבן, אָדער ער וועט זיך אַרויסדראַפּען און בלייבן לעבן.

זי בייגט זיך אַריבער צום קינד און קושט עס מיט אומבאַגרענעצטער צאַרטקייט.

— ווען נישט איך און די אָרעמע מיעטשאַ, וואָלט שוין דאָס עופהלע לאַנג נישט געלעבט. מיר וואָלטן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַר אים אַוועקגעגעבן; מיר שטעלן זיך אויפן קאָפּ כדי אים צו פאַרווילן. אָביער מיעטשאַ האָט גאָט געקריוודעט מיטן אויסזען... איינער האָט ער געגעבן צו־פיל, דער צווייטער — צו ווייניק. וואָס טוט די אָרעמע מיעטשאַ? זי איז נייטאָרין און צעשטעכט זיך די פינגער. וואָס טוט דאַנקאַ? — זי טאַנצט אין אַ באַלעט. און אפשר מיינט איר, מענטשן, אַז דער ממזר איז פונעם דירעקטאָר פון באַלעט? — גייט שוין גייט, פון אַן איינגעדאַרטן סטו־דענט, וואָס וויינט קעגנאיבער און איז אָרעם ווי אַ קלויסטער־מויז.

אַלע קוקן איצט אויף דאַנקאַ, אויף איר הערלעך פּנים, וואָס איז פאַרקוקט אין דער אַרומיקער לאַנדשאַפט. זי רעאַגירט נישט אויף דער מוטערס ווערטער, אַפילו נישט מיט קיין פינטל פון איר אויג. זי איז ווייט און גלייכגילטיק, ווי ס׳וואָלט נישט געווען קיין רייד וועגן איר, נאָר וועגן עפּעס אַ פרעמד מיידל, וואָס ס׳אינטערעסירט נישט קיינעם.

אויף דער באַנק קעגנאיבער דער אָפענער טיר זיצט עפּעס אַ פרוי, וואָס זעט אויס ווי די פאַרקערפּערונג פון יאוש. זי איז די פרוי פון אַ פּראָקוראָר און זי פאָרט מיט איר דינסט אין דער אומבאַקאַנטקייט. די דינסט — אין אַ שוואַרץ קלייד, אַ שוואַרצן הוט, מיט גלאַט־פאַרקעמטע האָר — זיצט טאַקע לעבן איר.

די פרוי האָט איבערגעלאָזט אין דער ברענענדיקער היים אַ בלינדע צוועלף־יאָריקע טאָכטער. די דייטשן האָבן זי נישט געלאָזט מיטנעמען און דאָס הויז איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיטן בלינדן קינד.

— צי קענט איר זיך עס פאָרשטעלן? — זאָגט די דינסט צו אַ שכנטע פון דער רעכטער זייט — די הינטישע זין האָבן אַרויסגעריסן פון אונדז אונדזער פריילין, זי איבערגעלאָזט אין שטוב און אונטערגעצונדן דאָס הויז...

אין אַ ווײַלע אַרום דערוויסט זיך דער וואַגאָן וועגן דער טראַגישער געשיכטע. יעדער קוקט איצט אויפן טרויעריקן פּנים פון דער אומגליק־לעכער מוטער. אירע גלעזערנע פאַרלאָשענע אויגן זענען פאַרקוקט אינעם רויטן אָפּגלאַנץ פון דער אונטערגייענדיקער זון...

— איז וווּהין, אַלזאָ, פאָרן מיר?

עפּעס אַ פאַרכמורעטער מאַן מיט אַן אויסגעשמירט פּנים פון סאַזשע זאָגט, אַז מען פירט אונדז קיין אָשוויענטשים. דאָרט וועט מען אונדז וואַר־שײַנלעך אויסשעכטן.

— זיי וועלן מיט אונדז טאָן — זאָגט ער — דאָס זעלביקע וואָס מיט די ייִדן.

דער מאַן וואָס זיצט אויף די הוילע ברעטער לעבן אונדז און לענט זיך אָן אָן דער זעלביקער הוידענדיקער וואַנט פון לויפנדיקן וואַגאָן, איז איינער פון די דריי, וועלכע מיר קענען פונעם קעלער אויף דער לעשנאָ־גאַס. ער איז אַלט בײַ פערציק יאָר, אין פּרושקאָוו האָט ער געפינען זיין

פופצן־יאָריקע שוועסטערן־טאָכטער וועלכע פאַרט איצט צוזאַמען מיט אונדז.

— מען פירט אונדז — זאָגט ער — אָדער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָדער אין אַן אַרבעטער־לאַגער. אָבער אויב מען פירט אונדז אין אַן אַרבעטער־לאַגער, איז צו וואָס דאַרפן זיי אַזויפיל קינדער?

און טאַקע אַזוי, וואָס דאַרפן די דייטשן אַזויפיל קינדער?... קיינער קוקט שוין נישט אויף קיינעם, נאָר יעדער טראַכט זיך: ס'איז אַזוי שווער צו קריגן עסן. ווי לאַנג וועלן די דייטשן וועלן געבן עסן אונדזערע קינדער? מען שווייגט לאַנג. אַלע זענען איינגעהערט אינעם מוראדיקן קלאַפּן פון די הערצער...

פלוצלינג בלייבט דער צוג שטיין.

דער אָוונט איז אַ וואַרעמער און אַ שטילער. פון די שטערן אויפן הימל און דעם ווייסן שיין פון דער לבנה איז ליכטיק ווי בייטאָג. אַביסל ווייטער פון דער באַן־ליניע איז אַ פעלד. הינטערן פעלד — אַ וועלדל. די באַן־שוצן שפּרינגען אַראָפּ פון דער באַן און לויפנדיק לענגאויס די וואַגאָנען רופן זיי, מען זאָל אַרונטערגיין ווער עס דאַרף. מענטשן גייען אַראָפּ, באַהאַלטן זיך הינטער די סנאָפּעס. אַ סך באַהאַלטן זיך אינגאַנצן נישט. מיר שפּרינגען אויך אַראָפּ פון די וואַגאָנען.

עס איז אַזוי ליכטיק, אַז איך זע דייטלעך ווי אייניקע, לויפנדיק פון איין סנאָפּ צום צווייטן, אַנטלויפן אין וועלדל אַריין. קיינער שיסט נישט אויף זיי.

עס נעמט אונדז ווידער אַרום, פּונקט ווי אויף דער פלאַצקאַ־גאַס, אַ געוואַלטיקער באַגער צו אַנטלויפן. — לאָמיר אַנטלויפן — זאָג איך — דאָס איז נאָך די פּוילישע ערד. מיר וועלן זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די סנאָפּעס און דערנאָך וועלן מיר אַנטלויפן אין ווילדל. מיר וועלן שוין געפינען אַ כאַטע וווּ מיר וועלן קענען איבערנעכטיקן.

מיר שטייען צווישן די רעלסן הינטערן לעצטן וואַגאָן. ווען דער צוג וואָלט זיך פלוצלינג צוריקגעצויגן, וואָלט ער אונדז געקאָנט דערהרגענען.

מיר זענען גרייט איבערצולאָזן און פאַרלירן אַלץ וואָס מיר האָבן אין וואַגאָן: די מאַנטלען, דאָס עסן — אַלץ. ווייל אפשר פירט מען אונדז טאַקע קיין אָשוויענטשים כדי אונדז אויסצומאָרדן?

פלוצלינג באַווייזט זיך פאַר אונדז דער באַן־שוץ מיט אַ ביקס. איך

רייס אַראָפּ פון זיך די בראַש און איך לייג זי אַוועק אויף זיין אויסגע־צויגענער האַנט. איך קען נישט ריידן פון אויפרעגונג. איך הייב אויף די צווייטע האַנט און מיט אַ רונדיקן זשעסט ווייז איך אים אַן אויפן פעלד און וועלדל וואָס טונקלען זיך נישט ווייט.

ער דראָט מיט דער ביקס.

— ליאָס! — רעוועט ער — ליאָס אונד שנעלל!

דאָס קינד הייבט אָן צו וויינען: — לאָמיר נישט אַנטלויפן — בעט ער זיך. ער ציטערט אויפן גאַנצן לייב. ער האָט מורא פאַרן אַנטלויפן.

מיר גייען צוריק אין וואַגאָן.

עס פאַלט צו די נאַכט. די ערשטע נאַכט אינעם זיך טרייסלענדיקן וואַגאָן. עס איז אַזוי ענג, אַז מיר זיצן מיט אונטערגעבויגענע פיס אָנגע־שפּאַרט איינער אָן צווייטן.

צי קאָן מען שלאָפן מיט איינגעבויגענע פיס? מיר שלאָפן טאַקע נישט, נאָר מיר כאַפּן אַ דרעמל. יעדע ווײַלע וועקן מיר זיך און מיר טראַכטן: צו וואָס דאַרפן די דייטשן האָבן אַזוי פיל קינדער?

מיר טראַכטן פאַרזאָרגטע: ווער ווייסט? אפשר וועלן זיי די קינדער אָפּטיילן פון די מאַמעס און טאַטעס?...

מיר האָבן מורא וועגן דעם צו רעדן. מיר האָבן אַפילו מורא וועגן דעם צו טראַכטן.

מיר זענען שיון לאַנג אַריבערגעפאָרן די גרענעץ. די פעלדער, די וועלדער, דערפער און שטעטלעך — דאָס איז דייטשלאַנד... וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון אונדזער היים? פון אונדזער אמתער היים, וווּ מיר האָבן געשאַפן אַ פאַמיליע? — עס איז אונדז גאָרנישט געבליבן אַ חוץ די עטלעכע שמאַטעס און אונדזערע בייטלען.

מיר שלאָפן נישט — מיר דרעמלען.

...אויב מיר וועלן אויסציען די פיס, וועלן מיר אָנטרעפן אויפן קינד וואָס איז קראַנק אויף מאָזלען, אָדער אויף דער פרוי מיטן אַרומגעבונדע־נעם האַנטעך אויפן קאָפּ, וואָס שלאָפט לעבן אים אָן איינגעקאָרטשעטע. מיר טאָרן זיך נישט פאַרטשעפּען מיט דער פרוי. מיר מוזן זיין זייער פאָרזיכטיק מיט איר. זי האָט אַזאַ פרימיטיווע און אומבאַהערשטע נאַטור. זי ווייסט נישט פון קיין צוימען; זי רעדט וואָס עס קומט איר אויף דער צונג.

מיר האָבן דאָך אַלע געהערט ווי אַזוי זי האָט אין עטלעכע פראַזן אויפגעדעקט איר נשמה, אירע ליידן, אירע אַנטוישונגען, איר אימפּולסיוון טעמפּעראַמענט. זי איז אַ געפּערלעכע שכנטע און מיר האָבן מורא אַנצור־הייבן מיט דער פרוי.

זי וואָלט פּלוצלינג געקענט עפּעס זאָגן וועגן אונדז. וועגן אונדז אָדער אונדזער קינד. שוין כאָפּן מיר אויף פון צייט צו צייט אירע בייזע בליקן, וואָס זענען געווענדט צו אונדז: — „אינטעליגענטקעס" — רעדט זי דורך די ציין...

אויב מיר וועלן ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, זענען מיר פאַרלוירענע. מיר מוזן זיין גרוי, מיר מוזן זיך צעשמעלצן אינעם המון.

דער לעצטער וואַגאָן, ווו מיר געפינען זיך, טרייסלט זיך צום שטאַרקסטן. מיר לענען זיך אָן ביי דער וואַנט און טרייסלען זיך מיט.

עס טאָגט שוין. די זון שטייט שוין אויף.

דאָס קינד, וואָס איז קראַנק אויף מאָזלען, דערלעדיקט זיך אין אַ פּושקע פון קאָנסערוון. די פּושקע וואַנדערט פון האַנט צו האַנט כדי עס זאָל צום סוף דורך עמעצנס הענט אויסגעגאָסן ווערן דורך דער אָפענער טיר.

— פאַני — זאָגן אַנדערע — צי וועט איר באָרגן די פּושקע פאַר אונדזערע קינדער?

— פאַרוואָס נישט? — ענטפערט זי — וואָס איז עס, אַ פּושקע פון גאָלד?

און אַזוי דערלעדיקן זיך אין דער פּושקע אַלע קינדער און נאָך זיי — די דערוואַקסענע.

ערשט דאַן, ווען די זון איז שוין אויפגעשטאַנען און די באַן פאַר־האַלט זיך אויף אַ זייטיקן וועג — שפּרינגען אַראָפּ די מענטשן מיט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג. מען דאַרף גיין אין די קוסטעס זיך צו דערלע־דיקן, אַ טרינק טאָן אַביסל וואַסער און אפשר זיך אַפילו אַביסל אָרומ־וואַשן ביי אַ ברונעם...

צוזאַמען מיט אַלע, שטייען מיר אויך אויף פון דער פּאָדלאָגע און מיט אויפגעשוואָלענע פיס קערעווען מיר זיך צום אַרויסגאַנג.

— וואָלדעק — זאָגט די פרוי מיטן האַנטעך אויפן קאָפּ — מיין אָרעם קינדעלע, וואָס וואָלט פון דיר געוואָרן, ווען דו וואָלסט נישט גע־

האָט קיין באָבע, וואָס האָט דיך ליב מער ווי דאָס לעבן? — כ׳וועל דיך אַרויסטראָגן אויף דער לופט, וועסטו זיך אויפפרישן.

זי נעמט דאָס קינד אויף אירע הענט און שפּרינגט אַראָפּ פון וואַגאָן. מיר שפּרינגען אויך אַראָפּ נאָך זיי.

מענטשן זוכן אויס ציגל און פלאַטשיקע שטיינדלעך און מאַכן פאַר זיך פּרימיטיווע אייוועלעך. זיי לייגן אונטער צווייגן, ווילדן גראָז, צינדן אָן אַ פייער און שוין טראָגט זיך אַ גרויער רויך צום הימל.

זיי קאָכן קאַווע צי זופּ. אייניקע קאָכן אין טעפּלעך, אַנדערע אין פּושקעס פון קאָנסערוון.

אַך, ווי אונדז גלוסט זיך צו טרינקען עפּעס וואַרעמס. מיר גייען אַרום און זוכן צווישן די רעלסן אַ פּושקע, אָבער ליידער געפינען מיר נישט.

און אפשר צוגיין צו די, וועלכע קאָכן, און בעטן אַביסל קאַווע פאַרן קינד, וואָס איז אַזוי בלאַס און מיד...

מיר האָבן אָבער מורא. בעסער זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן. אַזוי שטייען מיר אויף די רעלסן און קוקן אויף די רויטע פייער־צונגען וואָס קריכן אַרויס פון צווישן די שטיינער און אויף די מענטשן וואָס זיצן אַרום דעם פייער און וואַרעמען זייערע קאַלטע הענט.

צוויי דייטשישע באַן־אַרבעטער שטייען נישט ווייט און קוקן אויף אונדזער צוג. מיר גייען צו זיי צו.

— צי ווייסט איר נישט — פרעגן מיר — צי ווייסט איר נישט וווהין מען פירט אונדז?

ניין, זיי ווייסן נישט.

— אייניקע זאָגן — פּרוּוו איך ווייטער — אַז מען וועט אונדז אָפּ־טיילן פון די קינדער. מיר האָבן דערפאַר מורא. צי ווייסט איר נישט עפּעס דערפון?

— אַך, וואָס רעדסטו, דאָס קען דאָך נישט זיין! זיי רויק. מיר האָבן פון אַזעלכע זאַכן נישט געהערט — זאָגן זיי אויפגערעגטע.

איינער פון זיי טראָגט אַ בייטל אויפגעהאָנגען איבערן אַקסל. ער נעמט אַרויס פון בייטל זיין פרישטיק, וואָס איז איינגעוויקלט אין אַ פּאַ־פּיר. ער וויקלט עס אויף פאַרזיכטיק, אַז ער זאָל אַ קרישקע נישט פאַר־לירן און ער דערלאַנגט אונדזער קינד אַ פּענעצל ברויט מיט מאַרמעלאַד. ער האָלט דאָס שטיקל ברויט אין זיין פאַרהאָרעוועטער האַנט וואָס איז

געל פון די שמירעכצן. און אַ קליין, דין, קינדיש הענטל נעמט פון אים דאָס ברויט...

דערנאָך גייען מיר צוריק אין וואַגאָן און מיר פאָרן ווייטער. מיר פאָרן אַ גאַנצן טאָג. פאַרנאַכט בלייבן מיר ווידער שטיין אויף אַ בלינדער באַן־ליניע. מיר געפינען זיך אין עפּעס אַ זומער־פּלאַץ. מיר ווייסן נישט ווי עס הייסט און מיר זעען נישט קיין שום איינוווינער, ביי וועלכן מען וואָלט געקענט זיך איבערפרעגן. די קליינע הייזקעס, באַהאַלטענע אין גאָרטנס, שטייען ליידיק מיט פאַרמאַכטע טירן און פענצטער. די שטעגן זענען באַוואַקסן מיט גראָזן.

מיר גייען לענגאויס דעם צוג מיטן וועג וואָס איז באַדעקט מיט שטיינדעלעך און אונדזער מאַטשעק לויפט אַרום מיט אַ פּאָר קינדער.

מיר טראַכטן און רעדן נאָך אַלץ פונעם באַן־שוצמאַן, וואָס האָט צו אונדז געזאָגט: „ליאָס אונד שנעללי!“ און האָט נישט גענומען די בראָש. דער אומגלויבלעכער פאַל הערט אונדז נישט אויף צו וווּנדערן. ער האָט דאָך געקענט צונעמען ביי אונדז די בראָש און דערנאָך אַרייניאָגן אין וואַגאָן...

ווען מאַרישיאַ און איך רעדן אַזוי דערפון, הערן מיר פּלוצלינג, אַז עפּעס אַ מיידעלע רופט: — „זשיד! זשידי!“ (ייִד, ייִדו!).

עס נעמט אונדז אַרום אַ טויט־שרעק. וואָס רעדט זי? האָט מאַטשעק געהערט די ווערטער, צי האָט ער נישט געהערט? אויב ער האָט יאָ געהערט, ווי אַזוי וועט ער רעאַגירן?

מיר גייען דורך די רעלסן און מיר נעמען אים אַן פאַר דער האַנט:
— קום שוין צוריק אין אונדזער וואַגאָן — זאָגן מיר.

ער גייט מיט אונדז אָן אַ ווידערשטאַנד. מיר ווייסן נישט צי דאָס מיידל שפּיאָנירט אונדז נאָך... אונדזער וואַגאָן איז ווייט, ביים סוף, דער לעצטער וואַגאָן פון דער באַן.

דער וואַגאָן איז ליידיק. אַלע זענען אַרויס כדי צו כאַפּן אַביסל פרי־שע לופט, אויסצוציִען די פיס, טרינקען און אָנגעמען אין די פלאַשן פריש וואַסער פון ברונעם...

אַלע — חוץ דער פרוי פון פּראָקוראָר. זי זיצט כסדר אויפן זעלביקן אָרט — אין דער זעלביקער פּאָזיציע. און פונקט ווי פריער, זענען אירע גלעזערנע, פאַרלאָשענע אויגן פאַרקוקט אין הימל.

נאָך עטלעכע טעג פון דער וואַנדערונג אין אַן אומבאַקאַנטער ריכ־טונג; נאָך פיל סטאַציעס אויף בלינדע באַן־ליניעס, פעלדער, אָדער שטעט פון אומבאַקאַנטע נעמען — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די זיצנדיקע ביי דער אָפענער טיר:

— מענטשן, ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן? — מיר זענען שוין דאָ איינמאָל געווען. איך דערקען די פעלדער און די רויטע קירך היג־טערן וועלדל. מיר פאָרן צוריק. איך שווער ביי גאָט און ביי אַלע הייליקע, אַז מיר פאָרן צוריקוועגס...

עס נעמט אונדז אַרום אַן אומרו. אַלע גיבן זיך אַ וואָרף צו דער אָפע־נער טיר פון וואַגאָן. עס הערן זיך שטימען:

— איך דערקען אויך די וועגן. מיר זענען שוין געפאָרן דורך דאַנען. וואָס קאָן דאָס זיין, אום גאָטס ווילן?

— מיר קרייזן אַרום — זאָגט איינער — דאָס איז אַ געשפּענסט־צוג.

מיר זענען שוין לאַנג פאַרבייגעפאָרן ערפורט; צוויי מאָל זענען מיר שוין געווען אין קאַרלסרוהע. מיר זענען שוין פאַרביי — דאַרמשטאַדט און מיר פאַרהאַלטן זיך אויף אַ זייטנוועג פון דרעזדען.

מענטשן שפּרינגען ווידער אַראָפּ פון וואַגאָן.

— וואַלדעק — זאָגט די פרוי מיטן האַנטעך אויפן קאָפּ — וואַל־דעק, לויף נישט אַזוי שנעל, ווייל דו וועסט פאַרשוויצט ווערן.

וואַלדעק איז שוין איצט געזונט און ווען די באַן שטייט לויפט ער אַרום צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער.

אויף דער סטאַציע איז דאָ אַ פּאָמפּע. אויב מען האָט געדולד צו וואַרטן אין דער ריי קען מען זיך אַפילו אַרומוואַשן.

וואָס איך מיך אַליין און איך קעם מיך ביי דער פּאָמפּע. איך לייג אַוועק די בלוזע און דאָס קעמל אויפן שטיין. איך לויף אין גאַייל צוריק אין וואַגאָן, ווייל מיר ווייזט זיך אויס, אַז מען האָט מיך גערופן. און ווען דער צוג רירט פון אָרט, זע איך, אַז איך האָב פאַרגעסן מיין קעמל, וואָס איז געבליבן ליגן אויפן שטיין.

דאָס איז געווען אַן אָנדענק־קעמל. ס'האָט געהערט צו מיין מוטער.

אַך, — טראַכט איך טרויעריק — צי איז דאָס נישט קיין שלעכטער סימן? איך זיפץ און שלינג די טרערן. מיין אומרו איז אומבאַגרענעצט. צי איז נישט דער צוג אַ בייזער גייסט, געלאָזן אין גאַנג דורך שדים און

רוחות? טרייבט אַן אַ ציל דורך אומבאַקאַנטע וועגן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג?

פאַראַן אָבער נאָך אַ סיבה פון מיין אומרו: איך האָב אויפגעהערט צו גלייבן אין אונדזער „גוטן אויסזען". אויב אַ קליין מיידעלע האָט זיך אַנגעשטויסן אויפן אמת — איז וואָס טראַכטן אַנדערע?

איצט גייען מיר שוין נישט ווייט אַוועק פון אונדזער וואַגאַן אויף די סטאַציעס, כדי זיך נישט צו וואַרפן אין פרעמדע אויגן. מיר מיינען, אַז אונדזערע מיטפּאַרער האָבן זיך שוין צו אונדז צוגעוווינט. מיר זעצן זיך נאָענט אויפן גראָז — צום בעסטן אין שאָטן פון די ביימער — און באַטראַכטן שטיל די געפּאַר, פון וועלכער עס איז אונדז געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען. ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פּאַסירן? פון וואָס האָט זיך דאָס מיידל אַנגעשטויסן?

מיר קומען צום באַשלוס, אַז אפשר זענען אונדז אַ סך מענטשן חושד, אָבער זיי זאָגן גאָרנישט...

די כסדרדיקע שמועסן אויף די דאָזיקע טעמעס און דאָס גלייבן אין שלעכטע סימנים רופט אַרויס ביי אונדז טרויער און נידערגעשלאָגנקייט. מיר דערוואַרטן נישט קיין שום גוטס פונעם גורל — און מיטן לויף פון דער צייט ווערט פאַרלאָשן אין אונדזערע הערצער די האָפענונג אויף אויסדויער...

***

נאָך אַ געוויסער צייט בלייבן מיר ווידער שטיין נישט ווייט פון אַ גרויסער סטאַציע מיט אַן אומבאַקאַנטן נאָמען. עס איז צוועלף אַזייגער בייטאָג. אַפילו דער דאַך פון וואַגאַן באַשיצט אונדז נישט פון דער ברענענדיקער זון.

צווישן די רעלסן גייען דורך באַן־אַרבעטער, איטאַליענער. זיי טראָגן אַ קעסל מיט זופּ — מיטיק פאַר זיך און פאַר די איבעריקע אַרבעטער. זיי פאַרהאַלטן זיך. זיי זעען אונדזערע מידע, הונגעריקע פּנימער, די אונטערגעהאַקטע אויגן ביי אונדזער קינד. „אַ פּאָרקאָ מיסעריאַ!" — זאָגן זיי און גיבן אונדז אַוועק זייער זופּ. דאָס איז אונדזער ערשטע זופּ נאָך אַזוי פיל טעג.

אַ צווייט מאָל עסן מיר זופּ אויף דער סטאַציע האָף, אין בייערן. מיר קומען־אָן קיין האָף צומאָרגנס און דאָס מאָל פאַרהאַלטן מיר זיך אויף

דער סאמע סטאַציע. דייטשקעס פון הילף־קאָמיטעט שטייען אין ווייסע פאַרטעכער, לעבן די קעסלען און זיי טיילן די זופּ אין פּערגאַמין־טעפּלעך, אַ געדיכטע אַרבעס־זופּ.

— אָך! — זיפצן זיי מיט מיטלייד — אָך, אָרעמע מענטשן, מיר ווייסן, אַז איר זענט אַנטלאָפן פאַר די באָלשעוויקעס!

מיר קוקן פאַרוואונדערטע אויף זיי: הייסט עס, אַז אַזוי קלינגט די אָפיציעלע ווערסיע פון אונדזער רייזע. מיר זענען אַנטלאָפן פון די באָל־שעוויקעס. מיר האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער דייטשישער מאַכט און געבעטן מען זאָל אונדז עוואַקויִרן. מיר קומען פון אייגענעם, נישט באַצווינגטן ווילן. קיינער האָט נישט פאַרברענט אונדזערע הייזער.

איצט, אויף דער סטאַציע האָף, באַוועגט זיך יעדער איינער פון אונדז פריי איבער דער פּלאַטפאָרמע. מיר זעען שוין נישט קיין באַנשוץ. דאָס איז שוין נישט פּוילן און ס׳וואָלט שוין נישט געהאַט קיין זין צו אַנט־לויפן. אַ פרעמד לאַנד און פרעמדע מענטשן. איצט האַלטן מיר זיך ביי דער באַן, וואָס איז די לעצטע פאַרבינדונג אין דער קייט, וואָס בינדט אונדז מיטן לאַנד, אין וועלכן עס זענען געווען אונדזערע היימען...

איך גיי מיר איצט פריי איבער דער ברייטער פּלאַטפאָרמע. אַנטקעגן מיר גייט אַן אָפיציר, וואָס האַלט אויף אַ קייט אַ ריזיקן וואָלף־הונט: — „זוך דען יודי!“ — שרייט ער פּלוצלינג. ער לאָזט אים אָפּ פון דער קייט און דער בילנדיקער הונט וואַרפט זיך מיט גרויסע שפּרונגען פאָרויס.

נאָך אין געטאָ האָב איך געהערט פון הינט, וואָס ווערן ספּעציעל דרעסירט אויסצושפּירן יידן. זיי האָבן כלומרשט דערקענט אַ ייִד לויטן ריח. איך האָב קיינמאָל נישט געגלייבט אין די קלאַנגען.

איצט, ווען איך בין שטיין געבליבן אויג־אויף־אויג מיט דער ווירק־לעכקייט, האָב איך מיך שווידערלעך דערשראָקן. אין אַ ווייל אַרום וועט דער הונט מיך צערייסן. צוריקגיין און אַנטלויפן? מיין לויפן וואָלט דאָך מיך אָבער פאַראַטן.

גיי איך אַלזאָ ווייטער מיט אַ בלאַס פּנים, אָבער מיט אַ זיכערן און עלאַסטישן טראָט, ווי עמעצער וואָס איילט זיך צו דער אַרבעט. דער הונט לויפט פאַרביי מיר מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג. איך פיל זיין הייסן אָטעם.

אַ ווייל שפּעטער קער איך זיך צוריק צו אונדזער וואַגאָן און דערצייל

מאַרישיאַ וועגן מיין איבערלעבונג. — „וואָס זאָגסטו?" —וווּנדערט זי זיך. זי וויל זען דעם הונט. זי גייט צו צו דער טיר און זוכט אים. דער הונט איז שוין אָבער נישטאָ.

פּלוצלינג הערן מיר אַ שרעקלעכן געשריי. אַ געשריי פון אַ קינד, וואָס ס׳צערייסט די נשמה:

— מאַמע! מאַמע!...

מיר גיבן זיך ווידער אַ וואָרף צו דער טיר און מיר זעען דאָס ייִדישע ייִנגעלע מיט די גרויסע אויערן. דאָס ייִנגל פון וואַרשע, וואָס האָט פאַר־לוירן די אָריענטאַציע, איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן דעם וואַגאָן, וווּ עס איז געזעסן זיין מוטער.

ער רופט נישט „מאַמאַ", נאָר אויף ייִדיש — „מאַמע"! ער לויפט פאָרויס, דערנאָך צוריק. ער איז טויט־ווייס, נאָך אַ געוויסער צייט, אפשר נאָך אַ פערטל שעה, זעען מיר אים, ווי ער גייט דורך מיט זיין פאָטער, לעבן אונדזער וואַגאָן. דאָס קינד וויינט. די טרערן רינען איבער זיין פּנים. דער פאָטער דערקלערט אים עפּעס זשעסטיקולירנדיק מיט דער האַנט און באַמיט זיך אים צו באַרויִקן.

ווען ער איז אַזוי געגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרמע — אין האַרץ פון פיינטלעכן דייטשישן לאַנד — איז דער ספּעציעל־דרעסירטער הונט צו דערקענען ייִדן, ווי אַ קויל דורכגעלאָפן לעבן אים. און ער — אַראָפּגע־בויגן איבערן קינד — האָט עס גאַרנישט באַמערקט און האָט ווייטער גע־רעדט צו זיין קינד...

אין צוויי טעג אַרום איז דער געשפּענסט־צוג, אַרומקרייזנדיק דייטש־לאַנד, ווידער געקומען צו פאָרן קיין האָף. מיר באַקומען אויף דער זעלבער סטאַציע צום צווייטן מאָל זופּ אין פערגאַמין־טעפּלעך פון די פרויען פון הילף־קאָמיטעט.

מיר הערן ווידער אַמאָל די זעלבע ווערטער:

— מיר ווייסן, אַז איר זענט אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס. אַך, אָרעמע מענטשן.

פון האָף פאָרט די באַן קיין מינכען און פון מינכען אויף צפון — קיין האַנאָווער. פון האַנאָווער פאַרקירעווען מיר זיך צום דרום — און אויפן פינפטן טאָג פון דער רייזע בלייבן מיר שטיין אין לינץ.

דא וועלן מיר בלייבן א גאנצן טאג. דא וועלן מיר זיך קענען אויס־באדן.

פון דעם פלאץ ווו די באן איז געבליבן שטיין ביז צו דער באד — איז געווען זייער ווייט. מיר זענען געגאנגען אין לאנגע רייען דורך די גאסן פון דער שטאט. די באפעלקערונג האט געקוקט אויף אונדז מיט נייגעריקייט.

די גאסן געדרייטע, ריינע. די הייזקעס באדעקט מיט רויטע דעכער. א געפלעגטער גארטן האט ארומגערינגלט יעדעס הויז. ווי גערן וואלטן מיר פארבליבן אין דער שטאט.

— צי וואלטן מיר געקענט בלייבן ביי אייך? — פרעגן מיר די דורכ־גייענדיקע דייטשקעס — קענען מיר באקומען ארבעט?

— ניין — האבן זיי געענטפערט — ליידער האבן מיר נישט פאר אייך קיין ארבעט.

אין דער צייט האבן מיר נאך נישט געוווסט, אז מיר זענען דאס אייגנטום פונעם דייטשישן רייך. מיר האבן נישט געטארט זיך דערוויי־טערן פונעם טראנספארט און זיך איינארדענען אויף דער אייגענער האנט. דאס וואלט געהייסן דעזערציע.

אין א שיטערן סאסנע־וועלדל איז געשטאנען א ריזיקער באראק. אין דעם באראק איז געווען א באד. עס האבן זיך דארט געקענט באדן גלייכ־צייטיק א טויזנט מענטשן. ספעציעלע אויוונס האבן דעזינפעקטירט די קליידער. די סאניטארן האבן נאכקאנטראלירט די ריינקייט. די פארליי־זיקטע האט מען געגאלן די קעפ. א סך פרויען זענען ארויסגעקומען פון דארט מיט אפגעגאלטע קעפ.

מענטשן זענען געזעסן הינטער די סאסנעס און געווארט אויף זייער ריי. אייניקע האבן געווארט, אנדערע זענען שוין אפשר געווען נאך דער באד. עס איז נישט געווען קיין שום ספעציעלע קאנטראל אדער צוואנג.

מיר האבן דעמאלט נישט געוווסט, אז פיל פון די, וואס זענען גע־זעסן אונטער די סאסנעס, זענען איבערהויפט זיך נישט געגאנגען באדן. די פארזיכטיקע האבן געראטעוועט זייערע זאכן און טייל מאל אפילו זייער לעבן. עס האבן דאך אויך געקענט זיין צווישן זיי — יידן.

מיר זענען אריין דורך די ברייט־געעפנטע טירן פון דער געביידע,

ווי פייגל אין אַן אַנגעשטעלטער נעץ. צי האָבן מיר דען געקענט פאַרויס־זען וואָס עס האָט זיך אינעווייניק געטאָן?

מיר האָבן זיך ליידער נישט געקענט באַרימען, אַז אונדזער שריט איז געווען פאַרזיכטיק און באַרעכנט. די וועלכע זענען געבליבן זיצן ביי די סאָסנעס זענען געווען קליגער און פאַרזיכטיקער פון אונדז. מיר האָבן גע־האָט מיט זיך אַ געמלט קינד. מיר האָבן פריער באַדאַרפט זיך גוט אַרומ־קוקן און אויספרעגן. אפשר וואָלט זיך געפונען עמעצער, וואָס וואָלט אונדז געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין צוואַנג־באַד.

מיר זענען אַריין דורך דער אָפענער טיר פון באַראַק צו דער אָפּטיי־לונג פאַר פרויען. באַלד ביים אַריינגאַנג האָבן מיר זיך געפונען אין אַ געדיכטער מאַסע פון נאַקעטע קערפּערס. צווישן דער קאָמפּאַקטער טויזנט־קעפּיקער מחנה פרויען זענען אַרומגעגאַנגען מונדירטע וועכטער.

מיר זענען געבליבן שטיין אומאַנטשלאָסן און דערשראָקן. די וועכ־טער האָבן אונדז באַפוילן זיך אויסצוטאָן און אין איין רגע זענען אונדזערע קליידער פאַרפאַלן געוואָרן אין די דעזינפעקציע־קאַמערן.

מיר האָבן נאָך מיט זיך געהאַט אונדזערע האַנט־בייטלען מיט זאַכן. מיר האָבן פאַרוואָרפן האַנטעכער אויף די אַקסלען און זיך פאַרקערעוועט צו דער ריזיקער האַלע, ווו עס זענען געווען די שפריץ־בעדער. מאַרישיאַ מיטן קינד אויף דער האַנט, איך נאָך איר מיט די בייטלען און זייף. אויף איין מאָמענט, אויף איין קורצן מאָמענט, האָב איך אָוועקגעלייגט דאָס שטיקל זייף אויף דער באַריערע און עס איז אין זעלבן אויגנבליק פאַר־שווונדן געוואָרן. און שוין זענען מיר געבליבן אָן זייף.

— סטאָפּ! — האָט געשריי געטאָן דער וועכטער און פאַרקערע־וועט דעם נאַקעטן המון מיט פרויען צו דער קאָמיסיע, וואָס האָט קאָנט־ראָלירט די ריינקייט פון די קעפּ.

איך האָב מיר געשטעלט אין דער ריי און נאָך מיר — מאַרישיאַ מיטן נאַקעטן יינגעלע אויף דער האַנט. זי האָט אים געדריקט צו זיך און געוואָלט אים אַזוי האַלטן דורך דער גאַנצער צייט.

איך בין דורכגעגאַנגען די ערשטע. —„סטאָפּ!“ — האָבן די וועכטער געזאָגט צו מאַרישיאַ — אַזוי קאָן מען נישט גיין. לאָז אַראָפּ דאָס קינד אויף דער פּאָדלאָגע — זאָל יעדער איינער גיין באַזונדער“. זי האָט אים אַראָפּגעלאָזט און דאָס האַרץ איז ביי איר אָפּגעשטאָרבן.

ער איז געגאַנגען אַליין — ווי שוצלאָז אין זיין נאַקעטקייט — אויף דער גרענעץ פון לעבן און טויט.

דורכצוגיין די קורצע שטרעקע — איז דאָס נישט געווען קיין אייביקייט פאַר אונדזערע צאַפּלענדיקע הערצער?

דער מאָמענט, ווען ער איז געשטאַנען אַ פּאַרציטערטער אַליין פאַר די אויגן פון די גראָבע דייטשישע וועכטער און הונדערטער נאַקעטע פרויען — צי איז דאָס געווען אַ רגע בלויז, צי אַן אייביקייט!

וועגן וואָס האָט ער דעמאָלט געטראַכט? ער האָט דאָך געהאַט דאָס באַוווסטזיין פון געפאַר — צי האָט ער זיך נישט געזעגנט מיטן לעבן?

צי איז עס נישט געווען מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך? — ער איז דורכגעגאַנגען רויִק. קיין שום שטים האָט זיך נישט אויפגעהויבן קעגן אים. קיינער האָט אויף אים נישט אָנגעוויזן.

צי האָבן זיי נישט געזען? צי האָבן זיי זיך נישט אָנגעשטויסן? — אַך, זיי האָבן מסתמא געזען און געוווסט, נאָר עס האָבן זיך אפשר אין זייערע הערצער אַ ריר געטאָן געוויסע טיף־פאַרבאָרגענע געפילן, וואָס האָבן זיי געהייסן שווייגן...

מאַרישיאַ האָט אים ווידער גענומען אויף דער האַנט און מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין דער גרויסער האַלע מיטן רינענדיקן וואַסער פון סופיט.

וואָס איז דאָס געווען? — האָב איך וויינענדיק געשעפּטשעט אין איר אויער — וואָס איז דאָס געווען? זאָג... דאָס קינד האָט דאָך מיט נסים אויסגעמיטן דעם טויט...

די וועכטער האָבן זיך געדרייט אַרום די פרויען און קיינער האָט זיך פאַר זיי נישט געשעמט. זיי זענען געווען ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער באָד־פּראָצעדור, פּונקט ווי די קראַנען, די רערן און קאַנאַלן ווו ס׳וואַסער איז אָפּגעפלאָסן.

אין אַ דערבייאיקער האַלע זענען געלעגן אונדזערע האַנט־פּעקלעך. ווען מיר האָבן זיך אויסגעטאָן האָב איך אינעם טערמאָס אַריינגערוקט די בראַנדזאָלעטקע, וואָס איך האָב געהאַט באַהאַלטן ביי זיך. דורך דער גאַנצער צייט פון באָדן זיך האָט מיך געפּייניקט דער געדאַנק, צי עמעצער וועט ביי אונדז נישט צונעמען דעם טערמאָס.

— לאָמיר זיך גיין אָנטאָן — האָב איך געזאָגט — איין גאָט ווייסט צי מיר וועלן געפינען אונדזערע פּעקלעך.

מיר זענען אַריין אין דער צווייטער האַלע. אין צווישנצייט האָט מען דאָרט אַוועקגעלייגט די קליידער נאָכן דעזינפעקטירן. מיר האָבן געהאַט אונדזערע נומערן. אָבער ווער האָט דען דערויף געלייגט אַכט?

אַ באַרג מיט קליידער, שיך, וועש און מאַנטלען איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. נאַקעטע פרויען זענען אַרומגעלאָפן אַרום דעם אָנגעוואַל־גער. זיי האָבן אַפּגעוואָרפן אַן אַ זייט נישט זייערע זאַכן. געזוכט און גע־טרעטן דערויף, זיך אויפגערעגט און געקריגט.

אונדזערע שיך זענען פאַרלוירן געגאַנגען. מיר האָבן געפונען נאָר איין פּאַנטאָפל. אַלע אונדזערע זאַכן מיט די האַנט־בייטלען האָבן מיר מער נישט געקענט געפינען. איך בין געלאָפן פון עק ביז עק איבער דער גרויסער האַלע, זוכנדיק דעם טערמאָס מיט דער בראַנדזאָלעטקע אינעווייניק, נאָר אין ערגעץ האָב איך עס שוין נישט געפינען.

כ'בין צוגעגאַנגען צו אַ וועכטער:

— עס זענען פאַרפאַלן געוואָרן אַלע אונדזערע זאַכן און שיך. איך האָב געהאַט אַ טערמאָס און אין דעם טערמאָס — אַ גאָלדענע בראַנדזאָ־לעטקע.

— וואָס? עס איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ בראַנדזאָלעטקע? וואָס פאַר אַ קאָליר איז געווען דער טערמאָס?

— אַ בלויער.

דער וועכטער איז געווען ביז גאָר אויפגערעגט.

— יאָהאַן! קאַספּער! איינע גאָלדענע קעטטע, הער גאָט!

זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום באַרג פונאַנדערגעשפּרייטע זאַכן. אַ טערמאָס מיט אַ גאָלדענער בראַנדזאָלעט האָט נישט געטאָרט פאַרלוירן ווערן אויף דער דייטשישער ערד. זיי זענען געווען אַזוי אויפגערייצט ווי עס וואָלט זייי געגאַנגען אין לעבן. פּלוצלינג האָבן זיך אין זיי דערוועקט טיף־איינגעוואָרצלטע מידות פונעם דייטשישן פאָלק: סיסטעמאַטישקייט, ליבע פאַר אָרדענונג און מעטאָדישקייט.

עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן אַז מיר געפינען זיך אין אַ גיהנום. נאַקעטע, פאַרזאָרגטע פרויען זענען געלאָפן הין און צוריק און האָבן גע־ליאַרעמט, אין דער צייט ווען אַנדערע, אָנגעטוענע — אָנגעלאָדן מיט גרויסע פּעקלעך — האָבן פאַרלאָזט די באָד.

צי איז די פרוי, וואָס האָט געטראָגן אַ האַנטעך אויפן קאָפּ אַרויס־

געגאַנגען אָנגעטאָן אין איר כאַלאַט פון דעם לילאַ־אונטערשלאַק? וואָר־שיינלעך — ניין. זי האָט נישט אויסגעזען צו זיין קיין צו־געוויסנהאַפּ־טיקער מענטש. איצט זענען די יעניקע, וואָס האָבן עפּעס געהאַט, געבליבן ביי גאָרנישט און די וואָס האָבן פריער גאָרנישט געהאַט, זענען איצט רייך געוואָרן אויפן חשבון פונעם צווייטן...

אונדזער יינגעלע האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו וויינען. ער איז גע־שטאַנען אויף דער שוועל און די טיר האָט זיך פּלוצלינג פאַרמאַכט. אַ גרויסער בייל האָט זיך גלייך באַוויזן אויף זיין שטערן... און מיר האָבן נאָך אַלץ פיבערהאַפט אַרומגעזוכט אונדזערע שיך.

— עס איז דאָ! — האָט אַ געשריי געטאָן איינער פון די וועכטער — עס איז דאָ אַ בייטל מיט אַ בלויען טערמאָס.

זיי האָבן אונדז דערלאַנגט דעם בייטל, וואָס איז געווען האַלב ליי־דיק, אַ ביסל עסן איז נאָך פאַרבליבן אויף דער סאַמע דנאָ. עס איז שוין נישט געווען קיין וועש און נישט קיין האַנטעך.

— איז די בראַנדזאָלעט דאָ? — האָבן געפרעגט די וועכטערס. אַלע דריי האָבן זיך גרופירט אַרום אונדז.

כ׳האָב גענומען דעם טערמאָס און אים איבערגעדרייט. דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן און די בראַנדזאָלעט איז אַרויסגעפאַלן.

זיי האָבן אָפּגעזיפצט מיט אַ דערלייכטערונג און זיך צעלאַכט: — „עפּעס אַזוינס האָט בשום־אופן נישט געקענט פאַרלוירן ווערן" — האָבן זיי געזאָגט.

דער טערמאָס האָט זיך אַלזאָ אָפּגעפינען און צום סוף, ווען מיר האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג, האָט זיך אויך געפינען מאַרישיאַס צווייטער פּאַנטאָפל, מיינע און דעם קינדס שיך. מיר האָבן אויך געפינען אונדזערע מאַנטלען און קליידער. פאַרפאַלן איז געוואָרן אַ גרויסער טייל פון פּראָוויאַנט, דעם יינגלס סוועטער, מאַרישיאַס וועש און איר איינצי־קער האַנטעך.

— מיט וואָס וועסטו זיך אָפּווישן? — האָב איך זי טרויעריק גע־פרעגט — דאָ ליגט אַ שטיקל צודעק.

— אָבער דאָס איז נישט מיין.

— איז וואָס אויב ס׳איז נישט דיין?

— איך מיאוס זיך עס צו נעמען.

כ'האָב אויפגעהויבן דאָס שטיקל צודעק, אָבער כ"האָב עס גלייך צו־ריקגעוואָרפן. אויסגעמוטשעטע און אויסגעמאַטערטע זענען מיר ענדלעך אַרויס פון דעם באַראַק. לעבן דעם אַריינגאַנג, אויף אַ שטויס שמאַטעס, איז געזעסן דאָס ייִדישע ייִנגעלע און האָט געוויינט. אפשר האָט ער ווידער פאַרלוירן זיינע עלטערן?

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ סאָסנע־בוים און געקוקט אויף אים. מיר האָבן געזען ווי פון דער טיר איז אַרויסגעקומען זיין מוטער און דערנאָך פון אַן אַנדערער טיר — זיין פאָטער. ער איז געווען אַן אַ קאָפּע־לוש. זיי האָבן איצט געהאַט נאָר איין פעקל מיט זיך.

האָבן זיי זיך אַלזאָ געפינען און אַלע דריי האָבן זיך אַוועקגע־זעצט אונטער אַ בוים. איך האָב נישט געקענט אָפּרייסן מיינע אויגן פון זיי. צי איז דאָס נישט געווען אויסטערליש. אַזוי פיל מאָל האָבן מיר זיך בעת דער וואַנדערונג געטראָפן מיט דער ייִדישער משפחה!

איך האָב געטראַכט, אַז אויף עפּעס אַן עטאַפּ וועט זיך צום סוף אָפּ־רייסן דער נישט זעבאַרער פאָדעם וואָס פאַרבינדט אונדז. און מיר וועלן קיינמאָל זיך נישט קענען דערוויסן וועגן זייער גורל.

***

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צו אונדזער צוג, איז די זון שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען. אין אונדזער אָפּוועזנקייט האָט מען ריין גע־מאַכט די וואַגאָנען און זיי דעזינפעקטירט. מען האָט אויך צוגעטשעפּעט מערערע וואַגאָנען.

מיר האָבן איצט געהאַט פּאָר שכנים פרעמדע מענטשן. מיר האָבן זיי געזען צום ערשטן מאָל. פיל פון אונדזערע מיטפאָרער זענען איבער־געגאַנגען ערגעץ אַנדערש.

די פרוי מיטן האַנטעך אויפן קאָפּ, אירע טעכטער און קליין אייניקל זענען שוין מיט אונדז נישט געווען. עס איז אויך מער נישט געווען מיט אונדז די טרויעריקע פרוי פון פּראָקוראָר מיט איר דינסט. אָבער פונקט ווי פריִער איז לעבן אונדז געזעסן דער מאַן, וואָס מיר האָבן געקענט פון דעם קעלער אויף דער לעשנאָ־גאַס און זיין פופצן־יאָריקע שוועסטערן־טאָכטער.

ווידער האָבן מיר זיך געפלאָגט אַ גאַנצע נאַכט איבער אומבאַקאַנטע

שטחים. דורך דער אָפענער טיר זענען פאַרבייגעלאָפן פעלדער, וועלדער, וועכטער־ביידלעך, קירכן, הייזקעס מיט רויטע דעכער און איינזאַמע, דאָ און דאָרט פונאַנדערגעשפרייטע ביימער.

פאַרטאָג זענען מיר פאַרפאָרן אויף אַ זייטנוועג פון אַן אומבאַקאַנ־טער סטאַציע. מיר זענען ארויסגעשפרונגען פון וואַגאָן אין דעם געלן טרו־קענעם טיפן זאַמד אַריין.

מענטשן האָבן גלייך אָנגעהויבן צו זאַמלען שטיקלעך האָלץ און טרו־קענע שטענגלעך. זיי האָבן געמאַכט קליינע אויוונס פון ציגל און שטיי־נער און צוגעשטעלט צו קאָכן. דערנאָך האָבן זיי אויסגעלאָשן דאָס פייער און אַ גרויסער דינער שטרייך פון רויך האָט זיך געצויגן פונעם אַש אַרויס.

אַ סך האָבן אַראָפּגעצויגן די שיך און אַרומגעגאַנגען באָרוועס. אַ באָרוועסע איז אויך אַרומגעגאַנגען דאָס פּופּצניאַריקע מיידל פון אונדזער וואַגאָן. טאַפּטשענדיק אין דעם זאַמד האָט זי אַרויפגעטראָטן אויפן אַש פון אַ פאַרלאָשן פייער. זי האָט זיך אָפּגעברענט אַ פוס אויף אַ שרעקלעכן אופן. מען האָט זי אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן כמעט אַ באַוווסטלאָזע.

אויף דער וויסטער סטאַציע האָבן עטלעכע מענטשן פון אונדזער טראַנספּאָרט זיך דערנענטערט צום לאָקאָמאָטיוו און איינער פון זיי, וואָס האָט געקענט רעדן דייטש, האָט געפרעגט דעם מאַשיניסט:

— מיר זענען, זאָגט מען, אין די געגנטן פון בערלין — האָט ער געזאָגט — פאַרוואָס האָבן מיר געקרייזט אַרום און אַרום דעם לאַנד אַזוי לאַנג? מיר זענען געפאָרן פינף טעג און זעקס נעכט.

— ווייל קיין שום קאָנצענטראַציע־לאַגער — האָט דער מאַשיניסט געענטפערט — האָט אייך נישט געוואָלט אַריינלאָזן. אומעטום איז אי־בערפולט.

— אַזוי? — איז ער דערשטוינט געוואָרן.

— אַזוי, אַזוי — האָט געזאָגט דער מאַשיניסט — מיר זענען גע־פאָרן פון איין קאַצעט אין אַנדערן.

— און וואָס וועט איצט זיין?

דער מאַשיניסט האָט אַ צי־געטאָן מיט די אַקסלען. ער האָט נישט געוווסט.

די נייעס, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, האָט אין אַ פּאָר מינוט אַרום דערגרייכט דעם גאַנצן טראַנספּאָרט. אָבער עס איז נישט

פאַרבליבן קיין צייט אויף צו וווּנדערן זיך אָדער קאָמענטירן, ווייל די באַן־וועכטערס האָבן געהייסן צוזאַמענגעמען די פּעקלעך פון די וואַגאָנען.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן פייף. דער ליידיקער צוג האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און איז אַוועקגעפאָרן.

מיר זענען געשטאַנען אויף די זאַמדיקע בערגלעך און מיר האָבן געקוקט אויפן אָפּפאָרנדיקן צוג, וואָס איז געווען אַזוי ווי דער לעצטער פאָדעם, וואָס האָט אונדז געבונדן מיט דער היים. מיר האָבן אַלע געקוקט אין איין ריכטונג און געהאַט דעם איינדרוק, אַז די ערד צעשפּאַלט זיך אונטער די פיס.

נאָך אַ געוויסער צייט זענען נאָך אונדז געקומען צופאָרן עטלעכע צענדליק לאַסט־אויטאָס. מען האָט אונדז צוגענומען אין אַ טראַנזיט־לאַגער. אין דאָזיקן טראַנזיט־לאַגער האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן דריי וואָכן צייט.

פינפטע טייל

אין דייטשישן טראַנזיט-לאַגער

אַ ברייטער, זאַמדיקער, פלאַכער שטח נישט ווייט פון אַ שיטערן סאָסנע־וועלדל. אויפן דאָזיקן שטח שטייען מערערע הילצערנע באַראַקן, באַשמירטע מיט שוואַרצער גלאַנציקער סמאָלע.

דאָ און דאָרט — הינטער די ווענט, אָדער אויף די נידעריקע בערג־לעך — זעט מען אַביסל גראָז. קייןביימער און קוסטעס זעט מען אינ־גאַנצן נישט.

אין מיטן — אַ גרויסער זאַמדיקער פּלאַץ און אַרום דעם פּלאַץ שטייען די באַראַקן.

אַ געדיכטער שטעכלדראָט רינגלט אַרום דעם לאַגער. אויף איין זייט איז פאַראַן אַ טירל און פון דאָרט ציט זיך אַ וועג. אַראָפּצו פירט דער וועג צו אַ דייטשישן דאָרף און אַרויף — אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט.

דאָס טירל צום וועג שטייט אָפן. ווער עס וויל קען אַרויס און אַראָפּ־גיין צום דאָרף. אויפן בערגל שטייט אַ ווינטמיל און מען קאָן זען די אַרומקרייזנדיקע פליגלען.

עס שאַפן זיך פאַרלעך.

אויב די פרוי האָט דעם חן פון יוגנט און זי רעדט נישט קיין סך, נאָר הערט זיך גוטמוטיק צו — דעמאָלט פאַרגעסט דער מאַן וועגן זיין ווייב, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים.

דאָס טירל איז אָפן — ווער עס וויל קען אַרויסגיין. מענטשן גייען אַרויס, קומען צוריק. קיינער אַנטלויפט נישט.

די זופּ, וואָס מען גיט אין טראַנזיט־לאַגער, איז פעט און געדיכט — געקאָכט אויף פלייש פון די פּושקעס. יעדער איינער באַקומט אַ ברוינע עמאַלירטע שיסל מיט צוויי הענטלעך און אַ צינערנעם לעפל. אין דער זעלבער שיסל קאָן מען זיך וואַשן און אַפילו עפּעס אויסוואַשן. יעדער

איינער באַקומט אַ האַלבן ליטער זופּ אין דער ברוינער שיסל און שוואַרצע קאַווע אין אַ ברוין טעפּל.

אַ געוויסער מאַדעיסקי, אַ יונגער מענטש פון דער כרוביעשאָווסקאַ־גאַס — אַ דאַרער, אַ שוויַיגנדיקער, וואָס פלעגט גיין שטיל און געלאַסן — האָט צוליב דער נאַרהאַפּטיקער זופּ זיך רעגיסטרירט אין צוויי באַ־ראַקן: אין איינעם — ווי מאַדעיסקי און אין צווייטן — ווי שיטשינסקי, און ער וועט קריגן צוויי פּאַרציעס זופּ.

ווער וועט איצט דערוועגן צו אַנטלויפן? קיינער אַנטלויפט נישט, כאָטש די צוקונפט איז אַזוי אומבאַקאַנט.

לעבן דעם אַריינגאַנג, אויף דער וואַנט פון באַראַק, איז צוגעקלאַפּט אַ פּאָסט־קעסטל. צי מעג מען אַנשרייבן אַ בריוו און אים אַריינוואַרפן אין פּאָסט־קעסטל? צי נעמט מען אַרויס בריוו?

דער דייטש, וואָס פירט אָן מיטן לאַגער, צעלאַכט זיך:

— איר קענט שרייבן בריוו. שרייבט וויפל איר ווילט!

קיינער האָט נישט קיין שרייב־פּאַפּיר, נישט קיין קאָנווערט, נישט קיין דייטשישע פּאָסטמאַרקעס. מיר האָבן צוויי קאַרטלעך נאָך פון פּוילן. צוויי קאַרטלעך אָן מאַרקעס, זייער אַלטע, מיט אַן אויפשריפט אויף פּוי־ליש: „קאַרטקאַ פּאָטשטאָווואַ". מיר האָבן אויך אַ בלייפעדער. אין באַראַק שטייט אַ טיש, ביי וועלכן מען קען זיך אַוועקזעצן. מיר ווילן אָנשרייבן אַ בריוו. מיר ווילן אַז עמעצער זאָל וועגן אונדז וויסן.

מיר קענען אָבער נישט שרייבן צו פריינט אין ברענענדיקן וואַרשע, מען מוז אַרויסשיקן דעם בריוו ערגעץ אַנדערש. אַלזאָ וווהין?

מיר האָבן אין גענף אַ ווייטע קרובה. זי הייסט לוציאַ הערש, איר מאַן איז אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר. אָבער מיר טאָרן נישט אַדרעסירן קיין בריוו מיט אַזאַ נאָמען. „הערש" קלינגט יידיש. מיר מוזן זיין פּאַר־זיכטיק און אָפּגעהיט.

קודם־כל: פּאָרזיכטיק. אויסזען ווי אַלע, באַוועגן זיך ווי אַלע, נישט אונטערשיידן זיך פונעם גרויען המון נישט מיטן אָרט באַנעמען זיך, אָדער קליידונג. צי שרייבן זיי בריוו קיין גענף? — און דאָך באַשליסן מיר יאָ צו שרייבן...

לוציאַ הערש האָט אַ טאָכטער יאָאַננאַ, וואָס האָט געענדיקט פילאָ־זאָפיע און איז די שילערין פון פּראָפעסאָר אָלטראַמאַרע. מיט אַזאַ קרייז־

וועג ווילן מיר אַרויסשיקן אַ ידיעה. מיר אַדרעסירן: פּראָפעסאָר אַלטראַ־מאַרע, פאַר יאָאַננאַ, אוניווערסיטעט אין גענף — שווייץ.

איך שרייב אין קאַרטל: טייערע פריילין יאָאַננאַ, צי געדענקט איר מיך נאָך? נאָך אַזוי פיל יאָרן, מיין מאַן סטאַניסלאַוו פלעגט אייך אַלע מאָל דערמאָנען. איך בין דאָ צוזאַמען מיט מאַרישיאַ און איר זונעלע מאַציעק און מיר שיקן אייך איבער די האַרציקסטע גרוסן. — אַליציאַ מאַיעווסקאַ.

מאַרישיאַ שרייבט אין צווייטן קאַרטל: ליבע פריילין יאָאַננאַ. איך בין דאָ מיט דער מוטער און מיין זון מאַציעק. פון די שוועסטערס האָבן מיר נישט קיין שום ידיעות. גריסט פאַר אונדז די גאַנצע משפחה. — מאַריאַ מאַיעווסקאַ.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין פּאָסטמאַרקעס. אָבער אויב אונדזערע קאַרטלעך וואָלטן יאָ דערגאַנגען צו יאָאַננאַס הענט, וואָלט זי זיי איבער־געגעבן איר מוטער. און די מוטער וואָלט זיך שוין אָנגעשטויסן ווער עס איז אויסבאַהאַלטן אונטער די קאָנספּיראַטיווע נעמען.

אַזוי האָבן מיר געטראַכט, כאָטש מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום האָפענונגען. דאָך האָבן מיר אַריינגעוואָרפן די קאַרטלעך אינעם פּאָסט־קעסטל מיטן אויפשריפט: „רייכס דויטשע פּאָסט".

מיר זענען דערביי געווען שטאַרק עמאָציאָנירט. מיר האָבן דאָך אַרויסגעשיקט אַ ידיעה וועגן זיך אין דער ברייטער וועלט אַריין. מיר האָבן אויך געמיינט, אַז אפשר וועט עמעצער פון אונדזער משפחה, וואָס איז פאַרבליבן אין פּוילן, געלונגען אָנצושרייבן צו לוציאַ הערש און אפשר וועט דער צייכן פון לעבן דערגרייכן צו אירענאַ און נינאַ, וועגן וועמען מיר האָבן גאָרנישט געוווסט.

אין איינעם פון די באַראַקן אינעם ריזיקן טראַנזיט־לאַגער האָבן גע־וווינט אוקראַינער. אונטער זייערע פענצטער האָבן זיך געטרוקנט אין דער זון זייער שיינע אויסגעהאָפטענע האַנטעכער.

מאַרישיאַס האַנטעך איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דער באָד פון לינץ. איצט האָבן מיר געטראַכט אויף וואָס פאַראַ אופן מיר קענען קריגן פון די אוקראַינישע פרויען אַ שטיקל לייוונט.

איך האָב נאָך געהאַט אין מיין בייטל אַ בלוי האַלדז־טיכל מיט אויס־

גרעמאַלענע רויזן. דאָס איז געווען אַן אָנדענק. מיר האָבן שוין אָבער עפּעס אַנדערש נישט געהאַט צו טוישן.

איך בין געגאַנגען צום באַראַק פון די אוקראַינער און כ׳האָב גע־פרעגט די ערשטע בעסטע פרוי. איך האָב איר געגעבן דאָס טיכל און כ׳בין צוריקגעקומען מיט אַ לאַנגן לייוונטענעם האַנטעך.

***

ווען מיר זענען אָנגעקומען אינעם טראַנזיט־לאַגער, האָבן מיר אַלע געמוזט אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז מיר זענען פון אייגענעם ווילן אַנטלאָפן פאַר די באָלשעוויקעס. דאָס האָט מען פון אונדז געפאָדערט און יעדער איינער האָט עס אונטערגעשריבן. מאַדעיסקי האָט אַפילו אונ־טערגעשריבן צוויי מאָל. איינמאָל אין אונדזער באַראַק ווי יאַן מאַדעיסקי און אַ צווייט מאָל אינעם קעגנאיבערדיקן באַראַק ווי — מיעטשיסלאַוו שיטשינסקי.

ביז שפּעט ביינאַכט האָבן מענטשן זיך געבראָכן דעם קאָפּ צו וואָס מען האָט געפאָדערט די אונטערשריפטן. און כאָטש זיי האָבן לאַנג אַרומ־גערעדט דעם ענין, זענען זיי נישט געקומען צו קיין שום אויספיר. דערנאָך האָבן זיי אָרונטערגעדרייט די ליכט און זיך געלייגט שלאָפן אויף די שטאָקיקע בעטלעך — אויף מאַטראַצן אָנגעפילטע מיט פּאַפּיר. עס זענען נישט געווען גענוג בעטן פאַר אַלעמען און אויף פיל בעטן זענען געשלאָפן צוויי מענטשן.

מאַרישיאַ איז געשלאָפן אויפן אונטערשטן בעט מיט מאַציעק און איבער איר, אויף דער אייבערשטער טייל — אַן עלטערער מענטש אין אַ מונדיר פון אַ באַן־אַרבעטער. איך בין געלעגן קעגנאיבער אויף אַ בעט מיטן מיידל פון דער כרוביעשאָווסקאַ־גאַס און איבער אונדז, אויפן איי־בערשטן בעטל, איז געלעגן מאַדעיסקי.

דאָס מיידל האָט געהייסן העלענאַ. זי איז געווען אַ הויכע, אַ מאָ־גערע מיט שוואַרצע האָר.

— צי שטער איך אייך נישט, פרוי מאַיעווסקאַ, צי איז אייך באַ־קוועם? — זי האָט זיך באַמיט צו פאַרנעמען וואָס ווייניקער פּלאַץ אויף דער פּריטשע און זיך צוגעקוועטשט צו דער וואַנט. זי איז געשלאָפן אַזוי שטיל און רויק, אַז איך האָב קוים געהערט איר אָטעמען.

— ניין, טייער קינד, דו שטערסט מיר נישט — האָב איך איר נישט איינמאָל געוואָלט זאָגן. עס האָט מיך געוווּנדערט פון וואַנען עס נעמט זיך אין מיין האַרץ אַזוי פיל צאַרטקייט פאַרן פרעמדן מיידל, וואָס איך האָב וועגן איר גאָרנישט געוווּסט.

מאַדעיסקי, וואָס איז געווען אַ שווייגנדיקער און רויִקער דורכן טאָג, האָט זיך ביינאַכט כסדר געדרייט אויף זיין געלעגער. ער פלעגט אונדז באַשיטן מיט אַ רעגן פון פאַפּירענעם אָפּפאַל. ער האָט אויך געשריגן פון שלאָף און דערנאָך האָט ער געסאָפּעט, ווי עס וואָלט אים געיאָגט אַ באַנדע הינט.

— דאָס איז אַ באַקאַנטער גנב פון דער כרוביעשאָווסקאַ־גאַס — האָט צו מיר געזאָגט שטילערהייט העלענאַ. זי האָט עס געזאָגט שטיל אויפן אויער, כדי מאַדעיסקי זאָל נישט הערן.

— ווייסטו וואָס עס האָט מיר געזאָגט העלענאַ? — אַז מאַדעיסקי איז אַ באַקאַנטער גנב אויף דער כרוביעשאָווסקאַ. ער גייט טאַקע אַזוי מאָדנע אַז מען הערט נישט זיינע טריט. ער באַוויַזט זיך פּלוצלינג און מיט אַמאָל ווערט ער פאַרשווּנדן. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס אַ קאַסע־ברעכער?

איך האָב אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר אונדזערע זאַכן. פאַר די זאַכן, וואָס זענען אונדז פאַרבליבן נאָך דער באָד אין לינץ: פאַר מאַציעקס פאַלטן מיטן פלושענעם קראַגן, פאַר אונדזערע מאַנטלען און אַפילו פאַר אונדזערע שיך, וואָס מיר פלעגן אויסטאָן ווען מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. וואָס וועט זיין אויב מאַדעיסקי וועט אַ געוויסע נאַכט אונדז צו־גנבענען די שיך און וועט פאַרשווינדן?...

אויב אַ פרוי האָט מורא פאַר איינזאַמקייט און פאַר דער דורכנעמענדיקער קעלט אין די פאַרטאָג־שעהן און אַ מאַן האָט צוויי שטאַרקע אָרעמס און פאַרשטענדעניש פאַר איר אומצופרידנקייט און ערגערניש — איז וואָס דאַרף מען מער?

דער אינזשיניער זאַוואַדזקי איז צוגעגומען געוואָרן פון זיין ביוראָ צוזאַמען מיט דער באַאַמטין מאַרטאַ. זיין ווייב איז געבליבן אין דער היים און זי איז אפשר איצט געפאָרן מיט אַן אַנדערן טראַנספּאָרט.

קוויאַטקאָווסקין האָט מען צוגענומען אַליין, ווייל זיין ווייב מיט די קינדער זענען געווען אין דאָרף. און וועראָניקאַ טשיכאַצקאַ האָט געהאַט

איר מאַן מיטן קינד אין ברווינאָוו. אָבער זי האָט מען צוגענומען פון וואַרשע, וווהין זי איז געקומען באַזוכן אירע קרובים.

אַזעלכע פרויען און מענער, וואָס זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייערע משפחות זענען אין טראַנזיט־לאַגער געווען זייער אַ סך. זיי האָבן נישט געוווסט וואָס עס וועט זיי ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג און צי זיי וועלן נאָך ווען עס איז אַמאָל זען זייערע ווייבער אָדער מענער.

מען האָט נישט איינמאָל געזען קוויאַטקאָווסקין, וואָס איז געווען אַ פאַרכמורעטער מענטש, מיט וועראָניקאַ טשיכאָצקאַ זיצנדיק צוזאַמען לעבן דער ווינטמיל. און דעם אינזשיניער זאַוואַדזקי מיט מאַרטאַ, גייענדיקע אויפן וועג אַרויף. דווקא דאָ — אויפן זוניקן פּלאַץ — האָבן זיך געשאַפן פּאָרלעך.

זיי האָבן זיך צוגעזאָגט טריישאַפט און הילף אין אַ נויט, און אַז זיי וועלן זיך געמיינזאַם טרייסטן און דערמוטיקן אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן פאַרבלייבן אויף דער דייטשישער ערד. ווייטער האָבן שוין די צוזאָגן נישט געגרייכט. ווייל דאָס זענען געווען בלויז צוזאָגן, נישט קיין שבועות און זיי האָבן געהאַט גרענעצן — דיקטירט פון זייער געוויסן.

אָבער וואָס האָט געקענט געמיינזאַם בינדן אַ גרוזינער, אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציק, מיט דער צוואַנציק־יאָריקער מאַריאַ מיכאַלסקאַ? ער — אַ דאַרער, נישט קיין הויכער, אָבער אַ שטאַרקער מוסקולירטער מאַן מיט אַ מאַלפּע־פּנים; זי — אַ געזונטע, הויך און שטאַרק און פול מיט לעבן. זי איז געווען צוזאַמען מיט איר מוטער, נאָך אַ יונגע פרוי, אָבער שרעקלעך דיק. זיי האָבן געשטאַמט פון גוטבאַזיצערס.

מוטער צי נישט מוטער — דאָ אין דעם פאַרגעסענעם ווינקל, אַנטקעגן אַן אומבאַקאַנטן מאָרגן, האָט אַ מוטער גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. די מאַמעס זענען נישט געווען זיכער מיט זייערע קינדער און די קינדער — מיט זייערע מאַמעס. זיכער איז נאָר געווען דער איצטיקער מאָמענט. יעדע נאַכט, וואָס איז אָנגעקומען, האָט געדראָט מיט צעשיידונג. קיינער איז נישט געווען זיכער צי וועט ער פלוצלינג נישט דערהערן דעם פייף, צי ער וועט נישט ווערן אַרויסגעפירט אין דער אומבאַקאַנטער פינצטערקייט פון דאָזיקן פיינטלעכן לאַנד...

יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה האָט מען געקענט באַגעגענען דעם

גרוזינער מיט דער יונגער מאַריאַ, ווי זיי זענען געזעסן ביים ראַנד פון וועלדל אויף אַ קליין בערגל לעבן דעם וועג.

ער איז געווען זאַרגפעליק אָנגעטאָן. ער האָט געטראָגן אַ צוויקער אויף אַ שוואַרץ בענדל און געהאַט דעם אויסזען פון אַן אינטעליגענטן מענטש. פויליש האָט ער גערעדט מיט אַ רוסישן אַקצענט.

זי — אַ ברייט־היפּטיקע, אָנגעטאָן אין אַ קלייד פון קאַלירפולע בלו־מען — האָט שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו זיינע צוזאָגן. און ביים צורעדן אָט דער דאָרפישער שיינקייט איז אים בייהילפיק געווען די פּאָעטישקייט פונעם אַפּגעזונדערטן אָרט, די פאַרנאַכטיקע שטילקייט, די לילאַ־פלאַנצן, דער אַראָמאַט פון טימיאַן און דער רויטער אָפּגלאַנץ פון דער פאַרגייענ־דיקער זון.

ער פלעגט מיט זיך ברענגען פלעשלעך שוואַרצן ביר, וואָס מען האָט געקאָנט קויפן אין לאַגער און ברויט מיט חזיר־שמאַלץ, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר און געקויפט אויף „לינקס".

אין אַלגעמיין האָט געהערשט הונגער אין טראַנזיט־לאַגער. מיר פלעגן באַקומען נאָר איין זופּ אויף אַ מעת־לעת, חוץ דעם אינדערפרי און ביי־נאַכט טרוקן ברויט מיט שוואַרצער קאַווע. דער גרוזין האָט מסתמא גע־האָט געלט.

יעדן טאָג, בעתן זון־אונטערגאַנג, פלעגן מיר אויך אַרויסגיין אויפן וועג. מיר האָבן דאָרט געזען פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די דערבייאיקע פויערים. זיי האָבן געהאַט אָפּגעטראָגענע מאַנטלען מיט אַ דרייעקיקן צייכן מיט אַ בוכשטאַב אויף די פּלייצעס.

לעבן אונדז איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט ביר. מיר האָבן זיך פאַר־זאָרגט מיט אַ פּאָר מאַרק און יעדן טאָג געקויפט ביר, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז נאַרהאַפטיק. מען האָט דעם ביר אויסגעכאַפּט שטייענדיק אין לאַנגע רייען.

פון דער ווייטנס האָבן מיר געזען ווי דער גרוזין איז געזעסן מיט מאַריאַ און מיר האָבן געשמועסט וועגן דעם מאָדנעם פּאָרל.

— ווי מיינסטו, פאַרוואָס? אַזאַ יונגע מויד...

— ער האָט געלט און זי איז אפשר הונגעריק...

פון אָנהייב זענען זיי צוריקגעגאַנגען אין לאַגער, האַלטנדיק זיך ביי די הענט. דערנאָך האָבן זיי זיך געהאַלטן אונטערן אָרעם. איצט האָט זי

גערעדט אַ סך און לעבעדיק און ער האָט זיך שווייגנדיק צוגעהערט. אַזוי האָבן זיך מיט דער צייט זייערע ראָלן געענדערט.

אין אַלגעמיין האָבן מיר אָבער נישט געשאָנקען קיין סך צייט דעם גרוזינער, נישט וואראָניקאַ טשיכאַצקאַ, אָדער זאַוואַדזקי מיט מאַרטאַ. זייערע ענינים, זייערע פּראָבלעמען זענען פאַרבייגעגאַנגען לעבן אונדז.

מיר האָבן נאָר אַריינגעקוקט אינעם לעבן פון די דאָזיקע מענטשן נישט ווילנדיק און צופעליק. מיר האָבן זיך אין יענער צייט געראַנגלט מיט אונדזערע אייגענע דאגות.

איינמאָל אין אַ גרויער שעה זענען מיר אַלע דריי געזעסן אויף מאַ־רישיאַס געלעגער. דאָס קינד האָט געדרעמלט אָנגעשפּאַרט אָן איר אָרעם. איך האָב געקוקט אויף די אַראָפּגעלאָזענע וויעס, אויף זיינע בלאַסע באַקן, אויף די בלויע אָדערן פון זיינע צונויפגעפּלאַכטענע הענט. און דערביי געטראַכט: וועט ער איבערלעבן? וועט ער איבערלעבן די מלחמה? און אויב ער וועט איבערלעבן און אויסוואַקסן, טאָ מיט וואָס וועט ער זיך אָפּשלאָגן די הונגעריקע און געפּערלעכע קינדעריאָרן?

מיר האָבן שטיל גערעדט וועגן אירענאַ און נינאַ, וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזט אין ברענענדיקן וואַרשע. איך האָב כסדר געהאַט געוויסנ־ביסן, אַז מיר טראַכטן וועגן זיי צו ווייניק. מיר זענען אַזוי אַרומגערינגלט מיט פאַרשיידענע געפאַרן — אַז מיר האָבן פאַרגעסן וועגן זיי צו טראַכטן. און ווען איך האָב מיך אַזוי באַקלאָגט, האָב איך אין אַ געוויסן מאָמענט אויפגעהויבן מיינע אויגן. מאַדעיסקי איז נישט געשלאָפן. ער האָט זיך אַרויסגעבויגן און נישט אָפּגעריסן פון אונדז קיין אויג. וועגן וואָס האָט ער געטראַכט? צי האָט ער זיך אין וואָס אָנגעשטויסן, דער סודותפולער מענטש, וואָס האָט געקוקט אויף אונדז פון זיין הויכן געלעגער?...

מיר האָבן זיך עטלעכע טעג צוליב דעם געזאָרגט. שנעל אָבער זענען געקומען אַנדערע זאָרגן, וואָס האָבן פאַרלאָשן און פאַרווישט די פריער־דיקע. אונדזער לעבן איז אין יענע טעג איבערפולט געווען מיט פאַרשיי־דענע שוועריקייטן, וועלכע מען האָט געמוזט בייקומען.

אין אונדזער באַראַק האָט זיך געפינען אַ זעקסיאָריק ייִנגל מיטן נאָמען לעשעק, וואָס פלעגט זיך טייל מאָל שפּילן מיט מאַציעקן.

— לעשעק טראָגט מיין סוועטער — האָט איין מאָל געזאָגט אונדזער קליינער.

כ׳בין אַרויס פון באַראַק און כ׳האָב מיך איבערצייגט אַז דאָס איז געווען אמת.

— וואָס זאָלן מיר טאָן? לעשעקס מוטער האָט מסתמא אין לינץ ביי אונדז צוגענומען דעם סוועטער. מיר האָבן אַזוי ווייניק קליידער. זאָל איך איר זאָגן?

— זאָל גאָט אויסהיטן! מיר טאָרן גאָרנישט זאָגן. זי וועט סיי ווי זיך נישט מודה זיין און וועט דעם סוועטער נישט אָפּגעבן. און מיר וועלן אומגייטיק צי׳ען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

דורך עטלעכע טעג האָבן מיר מיט בענקשאַפט געקוקט אויף דעם סוועטער. דערנאָך האָבן מיר אויפגעהערט פון דעם צו טראַכטן. מיר האָבן איצט געטראַכט וועגן גאָר אַן אַנדערער זאַך — וועגן דעם, אַז מיר זאָלן גיין צו די פויערים אויף פערמאַנענטער אַרבעט.

אויף צייטווייליקער אַרבעט — צו פאַרזייען און רייניקן פעלדער — האָט די פאַרוואַלטונג פון לאַגער דערלויבט צו גיין נאָר צו די דערביי־איקע פויערים. און עס זענען געווען אַ סך וויליקע. וואָס אַן אמת, האָבן זיי פאַר דער אַרבעט נישט געקריגן קיין געלט — אָבער מען האָט זיי געגעבן גוט צו עסן און זיי האָבן נאָך געוויינלעך מיטגעבראַכט מיט זיך קאַרטאָפל און פּאָמידאָרן. און וואָס ס׳איז געווען דאָס וויכטיקסטע: זייערע פּאַרציעס זופּ זענען צוגעפאַלן צו דער משפחה.

זיי פלעגן אַרויסגיין זעקס אינדערפרי און צוריקקומען זייער מידע מיטן זון־אונטערגאַנג. זיי זענען גראַד צוריקגעקומען אין דער שעה, ווען אויפן בערגל, הינטער אונדזער באַראַק, האָט זיך צוזאַמענגעקליבן די יוגנט מיט אַ יונגן גלח בראש און האָבן לאַנג אין דער נאַכט אַריין געזונגען רעליגיעזע לידער.

דער גלח האָט געהאַט פּראָסטע שטריכן אויפן פּנים. ער האָט גע־טראָגן זיין לאַנגן גלחישן מאַנטל, אויף אים אַ קורץ רעקל און אויפן קאָפּ אַ געוויינלעכן היטל. ער האָט אויסגעזען האַלב־גלחיש, האַלב־וועלטלעך. עס זענען מסתמא אין לינץ פאַרפאַלן געוואָרן זיין קאַפּעלוש און מאַנטל. ווען ער וואָלט נאָך פאַרלוירן זיין גלחישן מאַנטל, וואָלט ער אויסגעזען ווי אַ פויער — אַ נידעריקער און אַ דיקלעכער מיט שטאַרקע אַרבעט־הענט. עס האָט מיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט צוליב גאָר נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין גלחישן מאַנטל.

איך האָב געקענט די רעליגיעזע לידער פונקט אַזוי גוט ווי זיי. איך האָב זיך זיי אויסגעלערנט ביי די נאָנעס אין אַנשטאַלט. ווען די מעלאָדיעס און ווערטער זענען אַריינגעפאַלן דורך די אָפענע פענצטער אינעם באַראַק, האָבן די זיצנדיקע עלטערע פרויען דאָרט אָנגעהויבן מיט אַ בענקענדיקער שטים מיטצוזינגען, טראַכטנדיק וועגן זייער פאַרשיקונג און וועגן זייערע פאַרברענטע היימען אין ווייטן וואַרשע.

„מיטן רויך פון שריפות,
מיטן שטויב פון ברידער־בלוט —
צו דיר, אָ גאָט, הייבן מיר אונדזער שטים״...

דאָס ליד האָט מען צום מערסטן געזונגען, ווייל אין דעם איז געווען אַן אַנאַלאָגיע — עס איז געווען אין דעם אמת אוןווירקלעכקייט. מען האָט עס געזונגען מיט געפיל און טרערן — דערמאָנענדיק זיך די וואָלקנס שוואַרצן רויך און די ווייך־פאַלנדיקע פאַרברענטע ווענט...

קיין פאַטריאָטישע לידער האָט מען נישט געזונגען. די דייטשן האָבן געקענט מיינען, אַז די יונגע זענען אויפשטענדלער און אויפשטענדלער האָבן זיי פאַרשיקט אין שטראָפלאַגערן.

מיר דאַקעגן זענען געווען די ציווילע באַפעלקערונג פון וואַרשע, וואָס איז פרייוויליק אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד.

**
*

אין אַ געוויסן טאָג, אַ זייגער זעקס אינדערפרי, איז מאַרישיאַ געגאַנגען צוזאַמען מיט אַנדערע צו דער אַרבעט אויף אַ פעלד. דורכן גאַנצן טאָג האָט זי, מיט קליינע איבעררייסן, אַרויסגעריסן די אומניייטיקע קרויטגראָזן. די דינע פלאַנצן האָט זי אַרויסגעריסן לייכט, אָן אָנשטרענגונג. אָבער זי האָט אויך געטראָפן טיף־איינגעוואָרצלטע דיקע קוסטעס, מיט וועלכע זי האָט זיך נישט געקענט געבן קיין עצה.

לעבן איר אין דער ריי האָט געאַרבעט אַ יונגער מענטש, מיטן נאָמען זשולקאָווסקי און ער טאַקע האָט פאַר איר אַרויסגעריסן די אַלע דיקע פלאַנצן.

אויף פרישטיק האָט זי באַקומען ברויט מיט לעבער־ווורשט, אַ געדיכטע זופּ אויף מיטיק און אַן אָוונט־מאָלצייט. זי האָט נישט געברענגט

מיט זיך קיין קאַרטאָפל און פּאָמידאָרן. זי האָט געאַרבעט נאָר פאַרן עסן, אָבער איך און מאַציעק האָבן דעם טאָג געהאַט טאָפּלטע זופּן.

אויף אַזאַ אופן איז די איינציקע פּאָזיטיווע זייט פון דעם שווערן טאָג געווען — אונדזערע זופּן און מאַרישיאַס באַקאַנטשאַפט מיט סטאַניסלאַוו זשולקאָווסקי.

אויפן פעלד, וווּ זיי האָבן געאַרבעט, איז געקומען דער גוטבאַזיצער, דער אייגנטימער פון דעם מאַיאָנטעק, אָנגעטאָן אין שטילפן, אַ לעדערן רעקל מיט אַ טיראָלישן הוט אויפן קאָפּ.

צוויי פרויען זענען צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט:

— צי וואָלט איר אונדז געוואָלט צונעמען צו אַ פּערמאַנענטער אַרבעט? מיר וואָלטן געקענט אַרבעטן אין פעלד אָדער אין קיך...

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — איך קאָן דאָס נישט טאָן. איר געהערט צו דער רייכס־באַן?

צו דער רייכס־באַן? מיר געהערן צו דער רייכס־באַן. דאָס איז אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען שקלאַפן פון דער רייכס־באַן.

אין אָוונט האָט שוין דער גאַנצער לאַגער וועגן דעם געוווּסט און איינער האָט געזאָגט צום צווייטן: — מיר געהערן צו דער רייכס־באַן.

דאָס איז געווען מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך. און ווען אין אַ געוויסן אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגיסטראַציע — האָט דאָך עפּעס באַדאַרפט ליכטיקער ווערן אין אונדזערע געדאַנקען... אין אַלגעמיין אָבער האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַראַ שייכות דאָס האָט מיט דער רייכס־באַן.

צוויי דייטשן אין מונדירן און אַן איבערזעצער זענען געגאַנגען פון איין באַראַק צום צווייטן און האָבן פאַרשריבן נעמען, צונעמען און פּראָפעסיעס.

ווער עס האָט געהאַט אַ „קענקאַרטע", האָט זי געוויזן. אָבער אַ סך האָבן נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן, ספּעציעל די פרויען. מען האָט זיי געכאַפּט פּלוצלינג, אַרויסגעוואָרפן פון די דירות און דער דאָקומענט איז געבליבן אין שאַנק.

די דייטשן האָבן זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין שום שמועס. זיי האָבן געזאָגט נאָר דריי ווערטער: באַרוף, ערשטער נאָמען, צווייטער נאָמען און פאַרטיק. יאָ, זיי האָבן נאָך געזאָגט „פערטיג" און מער גאָרנישט.

אַ סך מענער האָבן געטראָגן מונדירן פון באַן־אַנגעשטעלטע, אַפילו ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין דאָקומענטן. קוויאַטקאָווסקי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ באַן־באַאַמטער. זאַוואַדזקי האָט אָנגעגעבן זיין פּראָפעסיע: אינזשיניער־מעכאַניקער.

אַלע האָבן אין יענע צייטן געוווּסט, אַז די דייטשן האָבן צילבאַוווּסט פאַרניכטעט די אינטעליגענץ: אינזשיניערן, דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. מיר האָבן זיך געוווּנדערט, ווען זאַוואַדזקי האָט זיך מודה געווען אין זיין אמתן באַרוף.

ווען מען האָט געפרעגט דעם גרוזינער וועגן זיין פּראָפעסיע, האָט ער זיך אַ ווייל צוריקגעהאַלטן. דערנאָך האָט ער געזאָגט: אַ גלעזער.

מיר האָבן באַמערקט זיין פאַרהאַקן זיך. ער איז געווען מער פאַר־זיכטיק ווי זאַוואַדזקי און ער האָט זיך פאַרקאָנספּירירט.

דערנאָך האָט זיך צום טיש דערנענטערט דער גלח. איך האָב אים קוים דערקענט. ער האָט שוין נישט געטראָגן דעם גלחישן מאַנטל. ווען מען האָט אים געפרעגט וועגן זיין באַרוף, האָט ער געענטפערט: פעלד־אַרבעטער.

העלענאַ, מיט וועלכער איך בין געשלאָפן אין איין בעט, האָט זיך פאַרשריבן ווי אַ טריקאָטאַזש־אַרבעטערין. מאַרישיאַ און איך האָבן אויפ־געגעבן אונדזער באַרוף ווי שניידערינס. „פערטיג” — האָט געזאָגט דער דייטש. מאַדעיסקי איז געווען דער לעצטער. עס האָט זיך אים נישט גע־גלוסט צוצוגיין צום טיש. העלענאַ האָט אַ פינטל געגעבן צו מיר מיט אַן אויג.

פון דער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אַז דער גאַנצער באַראַק האָט געוווּסט וועגן מאַדעיסקיס „פּראָפעסיע”.

— באַרוף? — האָט געפרעגט דער דייטש.

— אַ שוסטער — האָט געענטפערט מאַדעיסקי — אַ שוסטער.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר געהערט זיין שטים. אַלע האָבן אויף אים געקוקט. ער האָט זיך נערוועז אַ דריי געטאָן אויפן אָרט, האָט אַ הוסט געטאָן — און איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין געלעגער. ער איז אַרויפגע־שפּרונגען בליץ־שנעל, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער געשיקטקייט. אַ רעגן פון פּאַפּיר־שטויב האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויפן נידעריקערן געלעגער.

***

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך פלעג אָפט טרעפן אין דעם לאַ־גער באַרבאַראַ גורסקאַ, אַ פרוי פון עטלעכע־און־דרייסיק, אַ שיינע פרוי מיט אַ בלאַס פּנים.

כ'האָב זי געטראָפן אין באַראַק ווען מען האָט געטיילט זופּ, אין דער ריי נאָך ביר און — אין אַפּטריט.

אָך, די לאַטרין... די ווערעם, וועלכע זענען געקראָכן אויף די ווענט.

זי האָט מיר איינמאָל געזאָגט, אַז זי האָט אַ צעניעריק טעכטערל אין סקאַלימאָוו.

— איך האָב געהאַט אַ געשעפט פון קליידער אין וואַרשע, אָבער מיין טעכטערל איז געווען אין סקאַלימאָוו.

אַן אַנדערש מאָל האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז די דייטשן האָבן זי צוגענומען גלייך, פון בעט: — איך האָב זיך נישט באַוויזן אָנצוטאָן... ווער איר דאָס גלייבן? איך האָב אַרויפגעוואָרפן אויף מיין העמד אַ קליידל און איך האָב נישט באַוויזן אָנצוטאָן קיין אונטערוועש. אַ נס, וואָס דאָס איז געווען אין אויגוסט, ווען עס איז וואַרעם.

איך האָב זי זעלטן געזען אַליין. ווען זי איז געזעסן הינטערן באַראַק אויפן גראָז, זענען לעבן איר געזעסן צוויי צי דריי מענער. זי האָט מסתמא פאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסן רייץ. עס האָט פון איר עמאַנירט אַ קראַפט, וואָס האָט געווירקט אויף די מענער אויף אַ ספּעציעלן אופן. און אַ מאָדנע זאַך: זי איז נישט געווען קיין צו לעבעדיקע, נישט קאָקעטירט און נישט געפלירטעוועט. זי האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ צוריקגעצוי־גענער, אַ מידער און אַפילו אַ פאַרשלאָפענער.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ פּערזאָן פון אַן אינטעליגענטער סביבה. זי איז געווען אַ מיטלוואוקסיקע און אַ שלאַנקע, מיט אַן אַנגענעמער שטים; זי האָט נישט געקענט קיין איין וואָרט דייטש.

אָפט פלעגט צו איר קומען צופאָרן אַ פרעמדער דייטש (ווו האָט זי זיך געקענט מיט אים באַקענען?) אַ דייטש מיט אַ בייטל. מען האָט זיך אַנגעשטויסן אַז ער האָט איר געבראַכט חזיר־פעטס, ווורשט און אַפילו פּוטער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אָפּגעטראָגענע ציווילע קליידער. ווו זי האָט געמאַכט די באַקאַנטשאַפט — איז שווער געווען צו פאַרשטיין.

זי האָט געהערט צו די טיפן שפּאַרזאַמע, אויסגערעכנטע פרויען, וואָס

באַמיִען זיך מיט אַלע כוחות צו געווינען צוריק אַלץ וואָס זיי האָבן פאַר־לוירן. היות מען האָט זי פון ווארשע צוגענומען כמעט אַ נאַקעטע, האָט זי זיך באַמיט פאַר יעדן פרייז וואָס שנעלער זיך צוריק צו באַקליידן.

זי האָט זיך, צום ביישפּיל, פאַרשאַפט אַ ליילעך אין בלויע מיט ווײַ־סע קראַטן און זיך געמאַכט דערפון אַ בלוזקע. עס איז מעגלעך, אַז אויך דאָס ליילעך האָט זי באַקומען פונעם דייטש.

איין טאָג האָב איך זי געטראָפן אין לאַטרין. אַד, די לאַגער־לאַטרין מיט די נאַסע, פולנדיקע פאָדלאָגעס...

— איך וועל אייך פאַרטרויען אַ סוד — האָט זי צו מיר געזאָגט — מען וועט אויסקלייבן אַ קליינע גרופּע פון אַ הונדערט מענטשן און אָוועק־שיקן... איך ווייס נאָך נישט וווהין. די רעשט, פרויען, קינדער און מענער אָן שום פּראָפעסיע, וועט מען אָוועקשיקן קיין האַמבורג. עס וועט קומען אַ „ספּעציעלער" און וועט אָוועקנעמען די הונדערט מענטשן.

איך בין צוריקגעקומען אין באַראַק אָן אָטעם.

— ווייסטו וואָס איך האָב מיך נאַרוואָס דערוווּסט? — אַז מען וועט אָפּטיילן הונדערט מענטשן מיט פּראָפעסיעס און די רעשט וועט אָוועק־פאָרן קיין האַמבורג אויף פאַרניכטונג.

— אויף פאַרניכטונג? פאַרוואָס אויף פאַרניכטונג?

— ווייל דאָרט וועלן זיי אומקומען אונטער די באָמבעס.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— גורסקאַ האָט מיר וועגן דעם געזאָגט. עס וועט קומען אַ ספּע־ציעלער דייטש און וועט צונעמען די גרופּע פון הונדערט מענטשן.

— איך האָב ווירקלעך געזען אויפן פּלאַץ עפּעס אַ פרעמדן מונ־דירטן דייטש. אפשר איז עס ער?

עס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַן אומרו. מיר האָבן געזען ווי מענטשן שושקען זיך שטיל אין די ווינקלען. דער „ספּעציעלער" האָט זיך באַוויזן און איז ווידער אָוועקגעפאָרן. ער האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ גאָלדע־נעם גאַלאָן און זיינע אַרבל זענען אויסגענייט מיט אַ גאָלדן שנירל.

מיר האָבן אויפגעהערט אַרויסצוגיין צום וועג און זיך כסדר געבראָכן דעם קאָפּ וואָס צו טאָן כדי זיך אַריינצובאַקומען אין דער גרופּע פון די הונדערט מענטשן און נישט צו פאָרן קיין האַמבורג.

מיר האָבן באַמערקט, אַז דער גרוזינער מיט מאַריאַ האָבן אויך אָפּ־

געשטעלט זייערע שפּאַצירן. קוויאַטקאָווסקי מיט ווראָניקאַ און זאַוואַדזקי מיט מאַרטאַ זענען אויך נישט אַרויסגעגאַנגען גאַנצע טעג פון באַראַק. אין דער לופט איז געהאַנגען אַ מאָדנע שפּאַנונג. עפּעס האָט זיך בלי־שום־ספק געטאָן הינטער אונדזערע פּלייצעס. עפּעס האָט געזאָלט אינגיכן געשען.

אויסערלעך האָט אויסגעזען, ווי דאָס לעבן וואָלט געפלאָסן פונקט ווי פריער, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס געווען אַנדערש. מען האָט נישט פאַרשפּרייט די ידיעה — אפשר האָט מען נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין אומצופרידנקייט און אַפילו — פּאַניק. ווען נישט מיין צופעליקע באַקאַנטשאַפט מיט גורסקאַ און די צופעליקע באַגעגעניש מיט איר, וואָלטן מיר זיך דערוווּסט דערפון געוויס נאָך דער געשעעניש.

טיילמאָל האָב איך מיר געטראַכט: וואָס האָט געצווונגען גורסקאַ צום אויפריכטיקן געשפּרעך — לאָיאַליטעט? זי האָט מיך געקענט אַזוי קורץ — אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב נישט־ווילנדיק דערמאָנט, אַז איך בין דאָ מיט אַ טאָכטער און איר קינד? וואָלט דאָס דעצידירט? זי האָט גאַנץ זיכער געהערט צו דער אויסגעקליבענער גרופּע. איר האַרץ האָט רויִק גע־שלאָגן...

דערפאַר האָבן אונדזערע הערצער אַלאַרמירנדיק געקלאַפּט:

— איך וועל מיט אים רעדן — האָב איך געזאָגט — איך וועל אים בעטן, ער זאָל אונדז מיטנעמען.

— עס וועט גאָרנישט העלפן. דער ענין איז אַ געחתמעטער.

עס האָט מיך געוווּנדערט וואָס מאַרישיאַ איז איצט געווען אַזוי ווי גלייכגילטיק. איך האָב מיר דאָס נישט געקענט אויסטייטשן.

מען האָט נישט געזען דעם „ספּעציעלן" דורך אַ גאַנצן טאָג. ער איז ערשט געקומען אַרום עלף אַזייגער ביינאַכט.

איך האָב אויף אים געוואַרט ביז עלף ביינאַכט אויפן פּלאַץ. ווען איך האָב אים אין דער פינצטער באַמערקט בין איך אים נאָכגעגאַנגען.

ער איז געגאַנגען פון דעם טירל אין דער ריכטונג פון די באַראַקן. ער האָט נישט געהערט מיינע טריט און ער האָט אַ ציטער געטאָן, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן.

— הער לאַגער־פירער, איך בעט אייך העלפעך איר זאָלט פאַרשרייבן אין אייער רשימה מיך מיט מיין טאָכטער. מיר זענען שניידערינס.

— ווי הייסט איר?

— מאַיעווסקאַ.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט. — ניין, — האָט ער געזאָגט — די רשימה איז שוין געשלאָסן.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: דאָס געשפּרעך איז פאַרענדיקט.

— נו, זעסטו? פאַרפאַלן. מיר וועלן פאָרן קיין האַמבורג.

— מען דאַרף גיין — האָב איך געזאָגט — אין דעם הויפּט־באַראַק און זיך אַרומקוקן.

כאָטש עס איז שוין געווען האַלבע נאַכט, איז קיינער אין דעם הויפּט־באַראַק נאָך נישט געשלאָפן. דאָס ליכט האָט געברענט און מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי עס וואָלט געווען טאָג.

— דאָרט ביים פענצטער זיצט זשולקאָווסקי — האָב איך געזאָגט — דער, מיט וועלכן דו האָסט געאַרבעט אין פעלד.

— כ׳וועל מיט אים רעדן.

זי איז געגאַנגען און איז שנעל צוריקגעקומען.

— ווייסטו וואָס זשולקאָווסקי האָט מיר געזאָגט? מען דאַרף אים עפּעס אַרײַנרוקן אין דער האַנט, וועט ער אונדז מיטנעמען.

עפּעס אַרײַנרוקן אין דער האַנט דעם „ספּעציעלן“? הייסט עס, אַז זשולקאָווסקי האָט אים עפּעס געגעבן, דער גרוזינער, גורסקאַ און קוויאַט־קאָווסקי אויך...

— אויב אַזוי — האָב איך געזאָגט — וועל איך אים געבן די בראַנ־דזאָלעט. איך וועל אויף אים וואַרטן אויפן פּלאַץ אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אַרויס פון באַראַק.

איך האָב אויף אים געוואַרט ביז דריי אַזייגער פאַרטאָג. כ׳בין גע־שטאַנען אין דער פינצטער מיט איינגעקוקטע אויגן אין דעם הויפּט־באַ־ראַק. עס האָט זיך דאָרט כסדר געלויכטן — איך האָב געזען דורך די שוואַרצע ראָלעטן, ווו דאָס ליכט האָט זיך דורכגעשלאָגן.

ער האָט נישט געהערט מיינע טריט און ער האָט ווידער אַ ציטער געטאָן ווען איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן:

— זייט נישט בייז אויף מיר. איך בין מאַיעווסקאַ. איך האָב פריער מיט אייך גערעדט אויפן זעלבן אָרט. מיר וואָלטן זייער געוואָלט מיטפאָרן מיט דער גרופּע. מיר זענען שניידערינס, איך און מיין טאָכטער. איך האָב

אַ קליי ניקייט, אַ בראַנדזאַלעט. איך וואָלט זי אייך געוואָלט געבן צום אָנדענק.

— אָך, — האָט ער נאַכלעסיק געזאָגט און אַ מאַך געטאָן מיט זיין האַנט — דאָס איז אינגאַנצן איבעריק. אָבער אויב עס איז אייך אַזוי געלעגן, וועל איך נעמען די קלייניקייט „אַלס געדעכטניסס". מיר פאָרן אַרויס מיט אַ לאַסט־וואָגן זעקס אינדערפרי, אין דריי שעה אַרום. ווער איר זיין פאַרטיק? קומט־צו פריער נאָך ווי זעקס, וועל איך אייך אַריינשטעלן אין דער רשימה.

זעקס אינדערפרי איז צוגעקומען אַ לאַסט־אויטאָ. דער דייטש אין דעם היטל מיטן גאָלדענעם גאַלאָן איז געשטאַנען דערלעבן און האָט אַרויסגעלייענט די נעמען פון אַ בויגן פאַפּיר. מענטשן האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן דערנענטערט און זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן וואָגן.

איך האָב געזען אויפן לאַסט־אויטאָ גורסקאַ, זשולקאָווסקי, קוויאַטקאָווסקי מיט ווערצאָניקאַ, זאַוואַדזקי מיט מאַרטאַ און מאַדעיסקי. מען האָט אויך אויסגערופן דעם גרוזינער און מאַריאַ מיכאַלסקאַ. איצט האָט ער אויסגערופן: „מיכאַלסקאַ עסטעראַ"!

דאָס איז געווען מאַריאַס מוטער. אָבער וואָס פאַראַ נאָמען האָט זי געטראָגן? איך האָב אַזש אַ ציטער געטאָן, ווען איך האָב עס דערהערט. איז זי אַ יידישע?

איך האָב אויף איר נייגעריק אַ בליק געטאָן. איר פּנים איז געווען אינגאַנצן רויק און פאַר איר נאָמען האָט זי געענטפערט מיט אַ הונדערטפּראָצענטיקן אַרישן אויסזען.

זי איז געווען אויסערגעוויינלעך דיק. דער גרוזינער מיט דער יונגער מאַריאַ האָבן זי מיט גרויס שוועריקייט אַרויפגעשלעפּט אויפן וואָגן.

מיר זענען געווען אויפן לעצטן אָרט אין דער רשימה.

— מאַיעווסקאַ אַליציאַ. מאַיעווסקאַ מאַריאַ און קינד!

מיר זענען געשטאַנען אומבאַהאָלפן. ווי אַזוי וועלן מיר דאָ אַרויפקריכן? עס איז געווען אוממעגלעך זיך אַרויפצודראַפּן אָן הילף.

דעמאָלט איז מאַדעיסקי אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. אין איין אויגנבליק, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער געשיקטקייט, איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן זיך אומצוקוקן, איז ער שוין געשטאַנען לעבן אונדז.

איך האָב מיך אָנגעלענט אין זיין אָרעם. ער האָט מיר געהאָלפן

אַרויפשפרינגען אויפן ראַד, פונעם ראַד העכער — און דאָרט האָב איך שוין אָנגעכאַפּט די אויסגעצויגענע הענט...

דערנאָך, ווען ער האָט גענומען אויף זיינע הענט מאַציעקן און אים פאַרזיכטיק, אָבער נישט געשיקט געהאַלטן, ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט צוגעוווינט צו טראָגן קיין קינד אויף דער האַנט — בין איך זיכער געווען אַז ער וואָלט אונדז אין קיין שום פאַל נישט געטאָן קיין שלעכטס. איך האָב מיך געשעמט, וואָס מיר האָבן אַזוי אָפּגעהיט פון אים אונדזערע מאַנטלען און שיך...

דער לאַסט־אויטאָ האָט גערירט פון אָרט. דעם גאַנצן וועג האָב איך געטראַכט וועגן מאַדעיסקין. ער איז געזעסן פאַר אונדז און איך האָב אויף אים געקוקט. ער האָט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

העלענאַ, מיט וועלכער איך בין געשלאָפן אויף איין געלעגער, האָט מיר נישט איינמאָל דערציילט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט: וויפל מאָל ער איז געזעסן אין דער תפיסה און ווי אַזוי ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן; וואָס פאַראַ שונאים ער האָט געהאַט און וואָס פאַראַ פריינט.

— ער איז געווען אַ קאַסע־ברעכער — האָט זי מיר שטילערהייט דערציילט אויפן אויער.

— וווהין פאָרן מיר? — האָב איך געפרעגט ביי גורסקאַ.

— דאַכט זיך קיין וואַנזעע — האָט זי געענטפערט.

— קיין וואַנזעע? — וואַנזעע איז געווען אַ זומערפלאַץ נישט ווייט פון בערלין, מיט די הערלעכסטע ווילעס און גערטנער אַרום אַן אָזיערע.

מיר האָבן געגלייבט, אַז מיר פאָרן קיין וואַנזעע.

מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז דער דייטש, וואָס האָט אונדז קאָנוואָירט האָט געמאַכט אַ שפּאַס. מיר זענען געפאָרן אין אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג.

דער לאַסט־אויטאָ האָט אונדז צוגעפירט צו אַ באַן־סטאַציע. דערנאָך זענען מיר געפאָרן מיט אַן עלעקטרישער באַן און פלוצלינג האָבן מיר זיך געפינען אין אַ ים פון חורבן — אין אַ ריזיקער טויטער שטאָט.

—ווו זענען מיר? — האָט מען פון אומעטום געשריגן. קיינער האָט נישט געוווּסט. נאָך אַ געוויסער צייט האָט איינער דעם צווייטן געגעבן דעם ענטפער: — אין בערלין.

אַלזאָ קיין בערלין, נישט קיין וואַנזעע.

עס האָט אויסגעזען, אַז עס וועט זיין אוממעגלעך צו לעבן אין אַזאַ שטאָט.

די טויזנטער באָמבאַרדירטע הייזער פוןביידע זייטן פון דער באַן, האָבן אויסגעזען אַזוי שרעקלעך, אַז די פרויען זענען בלאַס געוואָרן און האָבן געבראָכן די הענט. די פאַרכמורעטע מענער האָבן געשוויגן. עס איז געוואָרן שטיל אינעם לאַסט־אויטאָ...

מיר זענען פאַרפאָרן אינעם לאַגער ספּינדלערספעלד, אויף די פּעריפעריעס פון בערלין, אין דער פאָרשטאָט קעפּעניק. רייכסבאַן־לאַגער, אָדער געמיינשאַפט־לאַגער ספּינדלערפעלד, בערלין־קעפּעניק, גרונאַוער־שטראַסע 210. אַזוי האָט אויסגעזען אונדזער אַמטלעכער אַדרעס.

זעקסטע טייל

רייכסבאַנלאַנער ספינדלערפעלד – בערלין־קעפעניק

דאָס איז נישט געווען קיין גרויסער לאַגער. דאָרט איז געשטאַנען נאָר איין באַראַק, געבויט פון דיקטן. דערלעבן זענען געווען רויִנעס נאָך אַ באָמבאַרדירטן און פולשטענדיק פאַרברענטן באַראַק פון איטאַליענישע אַרבעטער.

אַרום און אַרום — נישט פאַראַקערטע פעלדער. פון איין זייט אַ וואַל איבער וועלכן עס האָט זיך געצויגן אַ באַן־ליניע. אויף אַ שטרעקע פון עטלעכע צענדליק טריט ווייטער איז געפלאָסן אַ קאַנאַל.

אַ גאַנצן טאָג זענען איבערן קאַנאַל געשווומען באַרקעס און שיפלעך. טייל מאָל איז אויך דורכגעפאָרן אַ שיף מיט אַ רויכערנדיקן קוימען. אויף דער שיף האָט זיך געפינען דער קאַפּיטאַן מיט דער גאַנצער משפחה. מיט ווייב און קינדער, מיטן הונט און מיט דער קאַץ, מיט דער וועש, וואָס האָט זיך געטרוקנט אויף דער זון. זיי זענען באַגלייט געוואָרן פון בענקענדיקע אויגן וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די באַראַק־פענצטער.

ווען מיר האָבן זיך מיט אונדזער דייטשישן באַגלייטער, וואָס איז געגאַנגען פאַרויס, דערנענטערט צום באַראַק, האָבן זיך אַ מאַן מיט אַ פרוי וואָס זענען געזעסן אויף אַ הילצערנער באַנק, שנעל אויפגעשטעלט און באַטראַכט אונדז מיט אַ שמייכל.

דאָס איז געווען דער לאַגער־פירער שמידט און די לאַגער־קעכין — פראַו גערטרודע לונד.

אַ לאַנגער קאָרידאָר האָט צעטיילט דעם באַראַק אויף צוויי זייטן. אויף רעכטס איז געווען די קיך, דער פראָוויאַנט־מאַגאַזין, וואַשצימער, די לאַטרינען און צוויי וווינצימערן. אויף דער צווייטער זייט איז געווען די קאַנצעלאַריע, אַן אָפּגעטיילטע קראַנקנשטוב, דער באַקליידונג־מאַגאַזין, אַ

צימערל פאַר דער קעכין און דריי ווינצימערן. אין יעדן צימער זענען געשטאַנען צוויי גאַרנדיקע בעטן און אַן אייזערן אייוועלע.

דער שמייכל פון לאַגער־פירער שמידט איז נישט געווען געווענדט צו אונדז, נאָר צום דייטשישן קאָנוואָיענט וואָס האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ גאָלדענעם גאַלאָן.

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט מיט אַ סך וואַרעמקייט. שמידט האָט דערלאַנגט די לינקע האַנט, ווייל זיין רעכטע איז געווען פּאַראַליזירט.

דערנאָך זענען זיי ביידע אַריין אין באַראַק, אין שמידטס צימער. זיי האָבן פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. נאָך דער קאָנפערענץ אונטער פיר אויגן זענען זיי ווידער אַרויס פאַרן באַראַק.

— הייל היטלער! — האָט געזאָגט דער קאָנוואָיענט, אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אין אונדזער זייט און געגאַנגען פאַרויס צו דער גרונוואַ־גאַס. ער האָט אויסגעפירט זיין מיסיע.

די גרויסע צימערן זענען פאַר פאַרפעלקער, די קליינע פאַר איינזאַמע פרויען. עס זענען פאַראַן זעקס איינזאַמע פרויען. דריי צוויי־גאַרנדיקע בעטן שטייען אין אַ ריי איינס לעבן צווייטן.

דריי בעטן און דריי שמאָלע שענקלעך פון נישט געהובלטן האָלץ. יעדעס שענקל איז פאַר צוויי מענטשן.

אויף יעדן געלעגער — דריי גרויסע צודעקן. קיין ליילעכער זענען נישטאָ. די מאַטראַצן אָנגעפּילט מיט שטרוי. די קישנס — אויך מיט שטרוי. איין צודעק ליגט אויפן מאַטראַץ אָנשטאָט אַ ליילעך און צוויי — צוצודעקן זיך. דאָס אייזערנע אייוועלע איז לעבן דער טיר.

דאָס ערשטע געלעגער לעבן אַריינגאַנג האָבן פאַרנומען זאָפיאַ צענט־קעוויטש און לוציאַ ווישניעווסקאַ. זאָפיאַ אונטן, ווייל זי איז עלטער און לוציאַ, אַ יונגע, האָט געקענט שלאָפן אויבן. אויפן צווייטן בעט — אונטן אַנקאַ וויטריך, אויבן — באַרבאַראַ גורסקאַ. כאָטש עלטער פון אַנקאַ האָט זי בעסער געוואָלט שלאָפן אויבן.

דאָס דריטע געלעגער, לעבן פענצטער, איז געווען פאַר אונדז. איך — אונטן און מאַרישיאַ מיט מאַציעקן — אויבן.

— עהעפּאַאַרען היער! — האָט אויסגערופן דער לאַגער־פירער שמידט — יעדער מיט זיין געזעצלעך ווייב! „יעדער מיט זיינער לעגאַלען פראַו״. ער האָט געלאַכט מיט אַ נישט־אויפריכטיקן געלעכטער. גייענדיק, האָט

ער געפּאַכעט מיטן שטעקעלע און אַ קליין, געל הינטל האָט זיך געדרייט ביי זיינע פיס.

שמידט איז געווען פון מיטעלן וווקס, אַ מאָגערער און נערוועזער. זיינע פליענדיקע אויגן זענען געווען הינטער גלעזער; די הויט פון זיין פנים איז געווען גרוי ווי ערד, די באַקן איינגעפאַלענע און ער האָט געהאַט אַ לאַנגע נאָז. זיינע באַוועגונגען זענען געווען שנעלע און אומרויקע. ער האָט געטראָגן אַ מונדיר פון דייטשישע באַן־אָנגעשטעלטע — טונקל־בלוי באַזוימט מיט רויט.

צווישן די פאַרפעלקער אין דעם צימער זענען אויך געווען קוויאַט־קאָווסקי מיט ווערעאַניקאַ, אינזשיניער זאַוואַדזקי מיט מאַרטאַ און די על־טערן מיט לעשעק, וואָס האָט געטראָגן אונדזער יינגעלעס סוועטער. עס האָט זיך דאָרט אויך איינגעאָרדנט די אַלטע זשערלינסקאַ מיט איר זון, דעם באַן־אָנגעשטעלטן.

דער גרוזינער מיט דער יונגער מאַריאַ האָבן באַקומען אַ באַזונדער צימערל, צו וועלכן מען איז אַריינגעגאַנגען פון פראָנט. אויף דער ספּע־ציעלער פּריווילעגיע האָט פון אָנהייב קיינער נישט געלייגט קיין אַכט.

מיר האָבן געהאַט אין אונדזער גרופּע אַכט קינדער, צוויי שוואַנגער־דיקע פרויען און עטלעכע עלטערע מענטשן. אין אונדזער טראַנספּאָרט האָט מען נישט צעטיילט קיין משפחות. מיר זענען געקומען „פון אונדזער אייגענעם ווילן” — דערפאַר האָבן מיר גענאָסן ספּעציעלע פּריווילעגיעס.

ווען אַלע האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט האָט דער לאַגער־פירער שמידט געהאַלטן אַ רעדע.

ווען ער האָט גערעדט האָט ער זיך געדרייט, געכאַפּט זיך פאַרן קראַגן, אונטערגעשפּאַרט זיך אויפן שטעקן, אָדער אַוועקגעיאָגט דאָס הינטל וואָס האָט געלעקט זיינע שטיוול.

— דאָס איז אַ באַנלאַגער — האָט ער גערעדט — אַ רייכס־באַנלאַ־גער. איר וועט אַרבעטן פאַר דער באַן. אייניקע אויפן באַנהאָף, אַנדערע אויף די רעלסן און נאָך אַנדערע אויף די לאָקאָמאָטיוון. אַ טייל פרויען וועט רייניקן די וואַגאָנען און די שניידערינס וועלן נייען מונדירן פאַר די באַן־אָנגעשטעלטע. איינער פון אייך וועט אַרבעטן אין קיך ביי די קעסלען און עטלעכע פרויען וועלן העלפן דער קעכין, דער פרוי לונד.

ער האָט באַשטימט אַרבעט פאַר יעדן. לוצינאַ, פון אונדזער צימער,

וועראָניקאַ און מאַרטאַ וועלן גיין רייניקן די וואַגאָנען; זאָפיאַ, אַנקאַ און באַרבאַראַ גורסקאַ וועלן נייען מונדירן אויפֿן וואַרשאַוער באַנהאָף. דער גרוזינער מיט דער יונגער מאַריאַ וועלן פֿאָרן אויף דער סטאַציע טיר־גאַרטען און וועלן אַריינשטעלן גלאָז אין די פֿינצטער. די פֿאַלקסדייטשקע לאָטטאַ וועט זיין די איבערזעצערין און וועט בלייבן אין באַראַק כדי צו העלפֿן דעם לאַגער־פֿירער. די מוטער פֿון דער יונגער מאַריאַ, פֿרוי מי־כאַלסקאַ, וועט העלפֿן דער קעכין און די מאַיעווסקאַס? ביידע מאַיעווס־קאַס וועלן אויך גיין אין דער קיך אַריין. אַ חוץ זיי, נאָך צוויי, די ווייבער פֿון די באַן־אָנגעשטעלטע: נאַטאַליאַ און וואַצלאַווא. נאַטאַליאַ איז אַ שוואַנגערנדיקע.

זיי נעמען זיך גלייך צום שיילן קאַרטאָפֿל. יאַהאַן צינדט אונטער דעם קעסל. די קעכין, פֿרוי לונד, לויפֿט אַרום איבער דער קיך און שרייט:
— יאַהאַן! יאַהאַן!

יאַהאַן, אַ יונג אַ ריז, האָט אַ געשטופּלט פּנים און אַ קאַטאַראַקט אויפֿן רעכטן אויג. ער זעט אויס ווי אַ גזלן. ער איז צוגענומען געוואָרן פֿון דער כרוביעשאָווסקאַ־גאַס צוזאַמען מיט זיין פּופּצניאַריקער טאַכטער.
— יאַהאַן! — רופֿט פֿרוי לונד — שנעל! שנעל!

— איך הייס קאָנסטאַנטי — קריצט ער מיט די ציין — וווּ איז די פֿאַרשאָלטענע איבערזעצערין? זאָל זי עס איר פֿאַרטייטשן.

נאָך שמידטן לויפֿט נאָך דאָס הינטל סטרופּי און נאָך דער קעכין — דאָס קעצל מיטצי. באַלד רופֿט דער גאַנצער באַראַק: סטרופּי! מיטצי! יעדער וואָלט גערן געגלעט דאָס הינטל און יעדער האָט אַ ליבלעכן זשעסט פֿאַר דער גרויער קאַץ.

אין דעם קליידער־מאַגאַזין רעזידירט — ריינהאָלד. ער איז אַ הויכער און אַ מאָגערער. אָנגעטאָן אין ציוויל. ער רעדט פּויליש מיט אַ מאַזורישן אַקצענט, דערפֿאַר קריגט ער גלייך דעם צונאָמען „מאַזור".

צוזאַמען מיט די דעקן טיילט ער אַלעמען צו אַן עמאַלירטע שיסל מיט צוויי הענטלעך און אַ ברוין טעפּל. די שיסל איז אויף זופּ און דאָס טעפּל — אויף קאַווע. אויך צוויי צינערנע לעפֿל, אַ גרויסן און אַ קליינעם.

אין דער קיך איז פֿאַראַן אַ פֿענצטערל, דורך וועלכן מען דערלאַנגט די זופּ. יעדער גייט נאָכאַנאַנד צו צום פֿענצטערל און שטעלט אַוועק זיין

שיסל אויף דער מעטאַלענער פּלאַטע. די קעכין גיסט אָן די זופּ אין דער שיסל מיטן האַלב־ליטערדיקן קאָכלעפל פון אַ ריזיקן קעסל.

מען טיילט אויך אויס ברויט, אַביסל מאַרמעלאַדע און מאַרגאַרין. אין אָוונט שטעלט מען אַוועק אין קאָרידאָר לעבן דער קיכטיר אַ קעסל מיט קאַווע געמאַכט פון געברענטע אייכל־ניס. מען קען טרינקען וויפל מען וויל, ווייל קאַווע טיילט מען נישט אויס.

אין קאָרידאָר ברענט עלעקטריש ליכט. די לעמפּלעך זענען אַרומגע־וויקלט מיט בלוי פּאַפּיר. ביז שפּעט ביינאַכט דרייען זיך אַרום אין דעם קאָרידאָר מענער און פרויען. אַלע זענען אויפגעלעבט און אויפגערעגט. ווי אַזוי וועט עס זיין ביי דער אַרבעט? וועט מען זיי גוט באַהאַנדלען? וועלן זיי נישט זיין הונגעריק?

אַלע פענצטער אין באַראַק זענען געניי און גוט פאַרטונקלט. אַ שוצ־גרוב איז אויפן פעלד, נישט ווייט — אפשר אַ הונדערט טריט; אַ לאַנ־גער מאַסקירטער טיפער גרוב. עס איז דאָרט אַפילו דאָ אַ סופּיט פון ברע־טער, אונטערגעשפּאַרט פון סלופּעס און ביים סופּיט ברענט טונקל אַן עלעקטריש לעמפּל.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם פאַלט צו די שטילקייט אין באַראַק.

— מען דאַרף אונדז וועקן האַלב נאָך פיר פאַרטאָג — זאָגט איינער צום צווייטן.

— ווער וועט אונדז וועקן, שמידט?

— ניין, עמעץ אַנדערש.

***

אין צימער זענען מיר געווען זעקס פרויען און מאַרישיאַס זון איז געווען דער זיבעטער. לוצינאַ, וואָס האָט געוווינט מיט אונדז אין זעלבן צימער, איז געווען אַ שיין בלאָנד מיידל אומגעפער פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ גוטמוטיקע און אַ רויִקע. אַ פוילע פון דער נאַטור, האָט זי געזוכט שוץ און פריינטשאַפט.

זאָפיאַ, מיט וועלכער זי האָט זיך באַקענט אין וואַגאָן, וואָלט גע־קענט זיין איר מוטער. האָט טאַקע לוצינאַ געהאַט פאַר איר די זעלבע געפילן, וואָס פאַר איר מוטער, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער קליינער דירה אין וואַרשע - פּראַגע. און זאָפיאַ ווידער — אָפּגעריסן פון איר איינציקער, שוין חתונה־געהאַטער טאָכטער — האָט אַרומגערינגלט

לוצינאַן מיט אַ מוטערלעכער װאַרעמקייט. אַ צופאַל האָט זיי פאַרייניקט און זיי האָבן באַשלאָסן זיך צו האַלטן צוזאַמען. די לאַנגזאַמע און גוט־מוטיקע לוצינאַ האָט זיך טאַקע געגייטיקט אין אַזאַ קלוגער און זעלבסט־זיכערער פריינדין.

— לוצינאַ, וואָס טראַכטט זיך לוצינאַ?... אַזוי זיך אַרומצודרייען? לוצינאַ וועט מיר נאָך פאַלן אויף מיין קאָפּ. די ברעטער וועלן נישט אויס־האַלטן און לוצינאַ וועט מיך צודריקן צום טויט...

אַזוי האָט זי געברומט אַראָפּנעמענדיק די ברילן און באַהאַלטנדיק זיי פאָרזיכטיק אין שיידל. זי איז געווען קורצזיכטיק און איר פּנים האָט שוין גוט אָנגעוויזן די עלטער. איר פיגור איז געווען דיקלעך און זי האָט געהאַט אַ פּאָר שטאַרקע און קרעפטיקע פיס.

— לוצינאַ ווייסט? — בעת דער סעלעקציע אין פּרושקאָוו האָבן די דייטשן גאַרנישט געקוקט אויף מיר, נאָר זיי האָבן געקוקט אויף מיינע פיס, ווי מען קוקט אויף אַ פערד, צי ער האָט שטאַרקע קנעכל־געלענקן:
— „די מיט דיזן פיסן — די קאָן נאָך אַרבייטן פיר דויטשלאַנד".

זי האָט גערעדט פּויליש מיט אַ מזרח־אַקצענט. ווען זי האָט גע־שמייכלט, האָט זי געוויזן לאַנגע, געלע ציין און אירע כיטרע דורכגעטרי־בענע בליקן האָט זי געוואָרפן פון אונטער די ברילן אָפּער:

— לוצינאַ, וואָס פאַרא שאָד וואָס מיר וועלן נישט אַרבעטן צוזאַ־מען, האַ, לוצינאַ?...

— פּאַניושו — האָט געזאָגט אַנקאַ פון אונטערשטן בעטל צו גורס־קאַ, וואָס איז געלעגן אויבן — איך בעט אייך זייער, דרייט זיך נישט אַזוי, ווייל עס פאַלט אויף מיר דער שטויב פון מאַטראַץ.

אַנקאַ האָט געהייסן וויטריך און מען האָט זי צוגענומען פון דער כרוביעשאָווסקאַ־גאַס.

— צי דאַרף נישט גיכער מאַדעיסקי טראָגן דעם נאָמען? — האָט מיך שטיל געפרעגט מאַרישיאַ.

אַנקאַ איז געווען קורץ און דיק און איר קאָפּ איז געווען באַהאַלטן אין די אַקסלען. זי האָט געהאַט לאַנגע הענט און אַ געשטופּלט פּנים: ווייסע און שטאַרקע ציין, שוואַרצע האָר און מאַנגאַלישע שטריכן פון פּנים. אָבער זי האָט געהאַט אַ הערלעכן און באַצויבערנדיקן שמייכל, וואָס האָט געענדערט איר פּנים נישט צום דערקענען.

זי פּלעגט אַרויפשפּרינגען אויפן בעטל מיט דער געשיקטקייט פון אַ מאַלפּע און זיך איינקאַרטשען. אַזוי אַרום האָט זי געגעסן איר זופּ, זיצנ־דיק איינגעקאַרטשעט אויפן בעט. האָט זי געמאַכט אָרדענונג אין אירע זאַכן און געשלאָפן איז זי — נאַקעטערהייט.

אַזאַ איז געווען אַנקאַ.

דער רינשטאָק איז געווען איר פּאָטער און די מעלינע — איר מוט־טער. זי פּלעגט זיך אויסדריקן זייער גראָב. זי האָט נישט געוווסט וואָס אַזוינס איז בושה אָדער געוויסנהאַפטיקייט.

באַלד פון אָנהייב האָט זי אונדז געזאָגט:

— איך פלעג קומען אין אַ רעסטאָראַן אויף דער כלאָדנאַ־גאַס. מען האָט דאָרט געטרונקען שנאַפּס און פאַרביסן מיט ברויט און הערינג. איך בין געגאַנגען מיט די דייטשן און כ'האָב געהאַט אַ סך זאַכן.

זי האָט געהאַסט באַרבאַראַ גורסקאַ פון דעם ערשטן אויגנבליק אָן. דער האַס האָט זיך אויסגעשיילט אין די קרומע לאַבירינטן פון איר אונ־טערבאַוווסטזיין; אין די געהיימסטע ווינקעלעך פון איר אורשפּרינגלע־כער נאַטור.

— פּאַניושו, צו אַלדע שוואַרצע יאַר, דריי זיך נישט, ווייל דו שיטסט אויף מיר דעם שטויב. און אויב דו וועסט עס ווידער טאָן, וועל איך דיר דיין קאָפּ צעשפּאַלטן, זשידאָוויצאַ! (יידישקע!).

אַזוי האָט זי געזאָגט און אונדז איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן. „דו, יידישקע״? ווי אַזוי האָט זי דאָס געמיינט?

צי האָט זי דאָס געזאָגט אין אַ פאָרעם פון גרינגשעצונג, אָדער באַ־ליידיקונג — ווייל צו זיין אַ ייד איז דאָך אַזוי ווי צו זיין מחוץ דעם געזעץ, מחוץ למחנה... אָדער אפשר האָט זי דערפילט אין איר אַ יידישע פּרוי.

מיר האָבן אַ קוק געטאָן אויף גורסקאַ. זי איז געלעגן אויף דער פּליי־צע מיטן פּנים געווענדט צום סופיט. זי האָט געקוקט אויפן טונקעלן קרייז אויפן סופיט — אויפן באַוועגלעכן שאָטן פונעם עלעקטרישן לעמפּל וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שנירל.

זי האָט זיך נישט אָפּגערופן, נישט געבייזערט, בלויז נעגירט. די ווערטער פון דעם מיידל זענען אַראָפּגעשווומען פון איר, ווי וואַסער; ווי זיי וואָלטן נישט צו איר געווען געווענדט.

אַ געמיינזאַמע שאַנק, אַ געמיינזאַם בעט — וואָס פאַראַ געפער־לעכע שכנות. צי וואָלט נישט באַרבאַראַ גורסקאַ גיכער געוואָלט אוועק־פאָרן קיין האַמבורג, ווען זי וואָלט געוווּסט וואָס ס׳וואַרט אויף איר דאָ?

אַנקאַ האָט זיך אַוועקגעלייגט נאַקעט אויף איר געלעגער, צוגעדעקט זיך ביז העלפט, זיך איינגעקאָרטשעט און גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

ביינאַכט, ווען זי איז אַרויס פאָרן באַראַק צו דערלעדיקן זיך, האָב איך דערהערט ווי גורסקאַ האָט איר צוגעוואָרפן: — סאָבאַקאַ! — און דערנאָך ווידער אַמאָל: — סאָבאַקאַ! (הונט).

די נעכט זענען געווען וואַרעמע, האָבן מיר אונטערגעלייגט צוויי דע־קעס און זיך צוגעדעקט מיט דער דריטער. ס׳קינד איז געשלאָפן אויפן אייבערשטן געלעגער און מאַרישיאַ האָט געדרעמלט דערלעבן.

עמעצער האָט פאַרלאָשן ס׳ליכט: — קאָפּע נישט, קאָפּע נישט — האָט שטיל געזאָגט מאַרישיאַ, מאַציעק איז אומרויִק געשלאָפן און האָט זי געוועקט. ווער ווייסט וואָס עס האָט זיך אים געחלומט — אפשר איז ער פון עמעצן אַנטלאָפן אויפן געלעגער. טייל מאָל האָט ער געוויינט, זיך אַוועקגעזעצט און אַ פאַרווּנדערטער זיך אַרומגעקוקט...

ער איז געשלאָפן מיט זיין מוטער. כ׳צווייפל צי ער וואָלט דעמאָלט געקענט שלאָפן אַליין. דורכן טאָג איז ער געווען זייער אַ באַהערשטער און געזעצטער, אָבער אין דער נאַכט האָט זיך זיין נאַטור געבונטעוועט אַנטקעגן דער טרויעריקערווירקלעכקייט וואָס איז געווען איבער זיינע כוחות.

אַ זייגער האַלב פינף פאַרטאָג, ווען מיר אַלע זענען פאַרזונקען גע־ווען אין אַ טיפן שלאָף, האָט זיך פלוצלינג אָנגעצונדן די ליכט און עס איז אַריינגעקומען דער וועכטער.

— אַאופשטעען! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ דונערנדיקער שטים, אַזוי האָט מען מסתמא געוועקט די זעלנער אין די קאַזאַרמעס.

זיין נאָמען איז געווען — האָפמאַן. ער איז געווען אַ מאָגערער און זייער אַ הויכער בלאָנדער מאַן מיט אַ לאַנג און שמאָל פנים. ער האָט געטראָגן ברילן און געהאַט טרויעריקע, מידע און גלייכגילטיקע אויגן. ער האָט פאַרלוירן זיין לינקע האַנט אונטער סטאַלינגראַד און ער האָט געהאַט אַ פּראָטעזע מיט אַ שוואַרצער הענטשקע.

ער איז געווען אַזוי הויך, אַז עס האָט זיך געקענט דאַכטן אַז ער גייט

אויף שטאָלצן. ער האָט גאַנץ דייטלעך געזען די פרויען, וואָס זענען גע־לעגן אויף די אייבערשטע בעטן — מאַרישיאַ, לוצינאַ און באַרבאַראַ.

פלוצלינג איז ער געוואָרן ווי פאַרכישופט פון דער סודותפולער קראַפט, וואָס האָט עמאַנירט פון באַרבאַראַ גורסקאַ. ער האָט זיך דער־נענטערט צו איר גלעגער און ער איז אַ שווייגנדיקער שטיין געבליבן לעבן איר. אַ לענגערע ווייל איז ער אַזוי געשטאַנען... זי, דערפילנדיק אַ מאַן, האָט לאַנגזאַם אָפּגעדעקט איר קאָפּ — און אַ קוק געטאָן אויף אים...

***

אינדערפרי, ווען איך בין דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, האָב איך אַריינגעקוקט דורך די אָפענע טירן אין די צימערן. זיי זענען געווען ליי־דיק — קיינער איז דאָרט נישט געווען.

ליידיק? קוויאַטקאָווסקי איז דאָך געלעגן אויף זיין פּריטשע אין דעם שוואַרצן אָנצוג אָן שיך. געלעגן און געריכערט אַ פּאַפּיראָס. זשולקאָווסקי איז געזעסן לעבן פענצטער און האָט אָנגעדרייט זיין זייגערל. די צווי מענער זענען נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. די צווי האָבן בעסער גע־וואָלט נישט אַרבעטן.

צומאָרגנס האָב איך זיי געזען אויף די זעלבע פּלעצער. ווען כ׳האָב מיך פאַרקערעוועט אין דער קיך אַריין, האָב איך דערזען שמידטן. ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם צימער און דאָס הינטל סטרופי נאָך אים.

ער איז גלייכגילטיק פאַרביי לעבן קוויאַטקאָווסקי און שטיין גע־בליבן פאַר זשולקאָווסקי.

— דו פערפלוכטער ליאַ אוז בוב! — האָט ער אַ רעווע געטאָן און האָט אים דערלאַנגט מיטן גאַנצן כוח אַ פּאַטש אין פּנים — צור אַרבייט, צור אַרבייט, פערשטאַנדען?

זשולקאָווסקי האָט פאַרשטאַנען און פון דעם טאָג אָן איז ער שוין אַלעמאָל געגאַנגען צו דער אַרבעט און קוויאַטקאָווסקי איז ווייטער גע־לעגן אויף דער פּריטשע אין זיין שוואַרצן אנצוג אָן שיך. געלעגן און גע־ריכערט פּאַפּיראָסן.

מען האָט געשמועסט, אַז קוויאַטקאָווסקי איז קראַנק אויף די אויגן, דערפאַר איז ער באַפרייט געוואָרן פון אַרבעט. אַזוי האָט מען געשמועסט.

— מאָדנע זאַכן פּאַסירן אין אונדזער באַראַק — האָב איך געזאָגט

צו מאַרישיאַ. — דער גרוזינער און די יונגע מאַריאַ האָבן אַ צימער נאָר פֿאַר זיך; דאָרטן וואָלטן געקענט זיין נאָך פיר מענטשן, און די רעשט געפינט זיך אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפט. שמידט האָט געפּאַטשט זשולקאָווסקין און איז פאַרביי גלייכגילטיק לעבן קוויאַטקאָווסקין. קיינער גלייבט נישט אין זיינע קראַנקע אויגן.

אין דער קיך האָבן זיך אויך אָפּגעשפּילט מאָדנע זאַכן. נאָך צוויי וואָכן האָט שמידט זיך נאָך אַלץ געוויצלט מיט נאַטאַליאַ און זאַוואַדזקי, נאָר פאַרבייגייענדיק לעבן מיר און מאַרישיאַ, האָט ער גרויזאַם געקנייטשט מיט די ברעמען און אַוועקגעדרייט זיין קאָפּ.

די קעכין, פרוי לונד, איז אויך נישט געווען אַזוי צוגעלאָזן צו אונדז ווי פריער.

זי האָט געזאָגט, אַז איך שייל צו לאַנגזאַם די קאַרטאָפל — און ווען מאַרישיאַ האָט זיך איינמאָל, וואַשנדיק ס׳געפּעס פאַרשניטן אַ פינגער, האָט זי געזאָגט, אַז זי טויג נישט פאַר דער קיך. מיר האָבן געפילט אין דער לופט עפּעס נישט אַרויסגערעדטס און אומפאַרמיידלעכס.

די אַרבעט אין קיך האָט געהאַט אירע מעלות און מיר האָבן זי געוואָלט ווייטער אָנהאַלטן. מיר זענען געווען צוזאַמען מיט אונדזער מאַציעק און אין פאַל פון אַן אָנגריף האָבן מיר געקענט אויף אים אַכטונג געבן. האָבן מיר טאַקע זיך גענומען צום האַרצן די באַמערקונגען פון דער פרוי לונד און זייענדיק צוגעוווינט צו שלעכטע קאַרטן — האָבן מיר נישט דערוואַרט קיין שום גוטס פונעם גורל.

פרוי לונד, אַ הויכע בלאָנדע, נאָענט צו די פופציק, אַ שטאַרק־באַרעדעוודיקע און אַ טויבע אויף איין אויער, האָט ליב געהאַט צו דערציילן פאַרשיידענע מעשות.

זי איז געווען אַן אלמנה נאָך אַ דאָקטער און זי האָט געהאַט אַ זון אין מיליטער, וואָס איז געשטאָרבן אין בערלין פון אַ לונגען־אַנטצינדונג.

— איצט האָב איך שוין קיין נאָענטן מענטשן נישט — דאַרפט איר וויסן. קיין דירה האָב איך אויך נישט, ווייל מיין הויז איז באָמבאַרדירט געוואָרן. איך בין אַן אויסגעבאָמבטע. און איר מעגט אויך וויסן, אַז פאַר דער מלחמה האָב איך אַ סך יאָרן געאַרבעט אַלס אַ דינסט — אַלס שטיצע — ביי אַ געוויסער רייכער יידישער משפחה אין בערלין...

פאַרוואָס דערציילט זי דאָס? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — און צי קוקט זי נישט אויף אונדז ווען זי רעדט וועגן דעם?

— און ווען מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה, האָב איך שרעקלעך געוויינט, ווייל איך בין צו זיי געווען זייער צוגעבונדן...

נישט נאַטאַליאַ און נישט וואַצלאַווא האָבן זיך אָנגערופן מיט אַ וואָרט. זיי האָבן נישט געוואָלט באַרירן די טעמע אין אונדזער קעגנוואַרט. אַזוי האָט זיך אונדז אויסגעוויזן. די דערציילונג פון דער פרוי לונד, אויס־גערעכנט אויף אַ געוויסן עפעקט, איז געוואָרן איבערגעריסן און ס׳איז געבליבן אַזוי ווי הענגען אין דער לופטן. עס איז נאָר פאַרבליבן נאָך דעם דאָס קלאַפּן פון אונדזערע הערצער... גאָרנישט מער.

זי האָט געהייסן, אַז נאַטאַליאַ זאָל אָנרייבן קאַרטאָפל אויפן ריב־אייזן, ווייל שמידט האָט ליב געהאַט קאַרטאָפל־לאַטקעס; — אונד די פראַו אַליס וועט גיין מיט מיר אין מאַגאַזין און וועט מיר העלפן וועגן מאַר־גאַרין.

שמידט און די קעכין האָבן צו אַלע יונגע פרויען גערעדט לויטן ערשטן נאָמען. „מאַריאַ, נאַטאַליאַ, וואַצלאַוואַ“ — פלעגן זיי זאָגן. מיך האָבן זיי גערופן „פראַו אַליס“.

אין מאַגאַזין האָט זי אויף דער וואָג אָוועקגעלייגט אַ צען־גראַם־געּ־וויכט מיט דער מאַרגאַרין און אַזוי אַרום האָט זי פּאַקטיש אָפּגעוויגן זיבעציק גראַם אָנשטאָט אַכטיק: — צען גראַם מאַכט כמעט גאָרנישט אויס און איך האָב ביי הונדערט פּאָרציעס צוויי קילאָגראַם מאַרגאַרין פאַר זיך — אַזוי האָט זי מיר געזאָגט.

איך האָב מיך אָנגעשטויסן אַז די וועכטער — צוויי זענען זיי גע־ווען: איינער האָט נישט געהאַט קיין רעכטע האַנט, דער צווייטער — קיין לינקע. אויך די וועכטערס האָבן אַהיימגענומען אַ טייל פון אונדזערע פּאָר־ציעס.

מיט דער גאַנצער זיכערקייט האָט גענומען שמידט וואָס ער האָט נאָר געוואָלט אין זיין לעדערנעם פּאָרטפעל, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינ־מאָל נישט צעשיידט.

אַלע דריי זענען געווען באַווייבטע און שמידטס און האָפמאַנס פרויען האָבן געשוואַנגערט.

פאַר שמידטן האָט מען יעדן פרימאָרגן געקאָכט אויף פרישטיק האָ־

בער־קאַשע מיט מילך. די וועכטערס האָבן אויך געגעסן די קאַשע אין דער קיך. מיר האָבן זייער געוואָלט, אַז אויך מאַציעק זאָל כאָטש איינמאָל אַ טאָג עסן אַזאַ נאַרהאַפטיקע שפּייז.

יעדעס קינד אין אונדזער לאַגער האָט עלף אַזייגער געקריגן אַ טע־פּעלע מילך. קיינמאָל נישט קיין איי, פלייש אָדער פּרוכטן. מיר האָבן אַוועקגעגעבן מאַציעקן פון אונדזערע פּאָרציעס די דינע שטיקלעך ווורשט און דעם גרעסטן טייל פון אונדזער מאַרגאַרין און מאַרמעלאַד.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען נישט גענוג. מיר האָבן געליטן פון דעם וואָס ער איז שלעכט דערנערט. מיר האָבן זיך נישט געקענט געבן קיין עצה. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקטן, כדי צו קויפן פּראָוויאַנט אויף לינקס.

דאָס איינציקע האָב איך נאָר געטאָן. איך האָב נאָך געהאַט אַן אָנ־דענק־בראָש פון שוואַרצן אַגאַט־שטיין אין אַ מעטאַלענער ראָם, זייער פיין אויסגעאַרבעט. איך האָב די בראָש אַוועקגעגעבן דער קעכין — „אַלס גע־דעכניסס" — זי זאָל געבן אַ שיסעלע זופּ יעדן פרימאָרגן פון דעם לאַגער־פירער שמידטס טעפּל.

באַלד איז די שווערע אַטמאָספער אין קיך געוואָרן לייכטער. זי האָט שוין נישט געזאָגט, אַז איך שייל לאַנגזאַם די קאַרטאָפל און אַז מאַרישיאַ איז נישט פעיִק צו דער אַרבעט אין קיך.

— פראָו אַליס, איך האָב געזען, אַז דו האָסט היינט אַרויסגענומען פון טאַש אַ שאַכטל אויף פודער — אַן אמתע צאַצקע.

זי האָט געהאַלטן אויף אירע קני די קאַץ און איר געגעבן עסן פון אַ שיין פאָרצעלאַן־שיסעלע מיט גאָלד באַזוימט און אין דער מיט מיט אַן אויסגעמאָלענער רויז.

— דאָס איז ראָזענטאַל־אויסאַרבעטונג, האָב איך געזאָגט. און זי האָט געענטפערט, גייענדיק נאָך אירע געדאַנקען: — אויב איר וועט זוכן דאָס שאַכטל אויף פודער, וועט איר עס געפינען ביי מיר.

איך האָב איר נישט געוואָלט געבן דאָס שאַכטל אויף פודער.

***

נאָך דריי וואָכן האָט מען אָנקאַ אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. זי

האָט צוגענייט קנעפּלעך צו די מונדירן אין דער שניידער־פאַבריק אויפן וואַרשאַוער באַנהאָף.

מען האָט זי געשיקט צו שטראָף־אַרבעט. זי האָט איצט געאַרבעט ביים אָפּרייניקן די באָמבאַרדירטע געביטן. דאָרט האָט זי זיך געטראָפן מיט די דייטשן און זי האָט געהאַט פאַר זיך גרויסע מעגלעכקייטן.

אין יענע שווערע צייטן פלעגט זי מיטברענגען מיט זיך זעמעלעך פון ווייסן מעל. איינמאָל האָט זי געבראַכט אַ האַלבן קילאָגראַם מאַננע־קאַשע אין אַ לייוונטן בייטל. און איינמאָל — אַפילו אַ שטיק שטאַרקן זייד פון אַ פּאַראַשוט.

— וואָס קען איך פון דעם אויפנייען, פרוי מאַיעווסקאַ? — האָט זי געפרעגט, פרייענדיק זיך מיטן שטיקל זייד, ווי אַ קינד.

—אַ בלוזע, אַ שיינע בלוזע — האָב איך איר געזאָגט — אויב איר וועט עס קענען צושניידן.

איך האָב איר געבראַכט אַ שערל. זי האָט צוגעשניטן זיצנדיק איינגעקאָרטשעט אויפן בעט און שפּרינגענדיק פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. זי האָט מיר אַוועקגעשאָנקען אַ שטיקל סחורה אויף אַ טיכעלע צו דער נאָז.

זי פלעגט אַהיימברענגען פון שטאָט אַלצדינג, וואָס זי האָט נאָר גע־קענט באַקומען. איינמאָל אַ ביוסטהאַלטער, אַ צווייט מאָל אַ העמד, אָדער אונטערוועש.

ווען זי האָט געבראַכט זעמעלעך, פלעגט זי מאַציעקן געבן איינס. איינגעקאָרטשעט אויפן בענקל, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין שטולן, נאָר הויכע דאָרפישע בענקלעך — אַזוי, איינגעקאָרטשעטערהייט, האָט זי אויסגעצויגן די האַנט און אַריינגעלייגט אַ זעמל אין זיין הענטל.

— אָט האָסטו, עס! — האָט זי געזאָגט — דאָס איז אַ זעמל פון אמתער ווייסער מעל.

ווען זי האָט פאַר זיך געקאָכט אַ געדיכטע זופּ פון מאַננע־קאַשע, האָט זי אים אויך געגעבן אַ ביסל אויף אַ שיסעלע. זי האָט דערביי חניפהדיק געשמייכלט אויף איר שטייגער און אירע שיפּע מאָנגאָלישע אויגן האָבן אויסגעזען אין דעם שמייכל ווי צוויי שפּאַרעס.

זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך, אַרומגענומען, געגלעט איבער די האָר, צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איר ברוסט און הייס געקושט זיינע בלאַסע באַקן.

— פריילן אָנקאָ — האָט איינמאָל געזאָגט מאַרישיאָ — איר זענט

דאָך אַן אינטעליגענט מיידל און איר ווייסט מסתמא, אַז מען טאָר נישט קושן קיין קינדער.

זי איז פּלוצלינג רויט געוואָרן. זי האָט זיך באַליידיקט. זי האָט געשוויגן אַ לאַנגע ווייל, דערנאָך האָט זי קאַפּריזנע אויפגעהויבן איר קאָפּ און זי האָט געזאָגט צו מאַציעקן, קוקנדיק אויף מאַרישיאַ:

„דו, מיין שיינער יידישער פּרינץ"...

די פינף שרעקלעכע ווערטער.

מאַרישיאַ איז בלאַס געוואָרן. זי האָט, אַ צערודערטע, אַ קוק געטאָן אויף מאַציעקן, נישט וויסנדיק ווי אַזוי ער וועט דערויף רעאַגירן; דערנאָך אויף אַנקאַ, וואַרטנדיק צי זי וועט נישט זאָגן נאָך עפּעס אַנדערש...

זי האָט נישט געזאָגט מער. שווייגנדיק האָט זי אויפגעגעסן איר זופּ און דערנאָך איז זי אַרויס אין וואַשצימער אָפּוואַשן די שיסל.

מיר זענען געווען צעשמעטערט. וואָס האָבן געקענט באַטייטן אַנקאַס ווערטער? צי האָט זי זיך אָנגעשטויסן? צי וועט זי נישט וועלן אויסנוצן איר חשד?

אַלץ איז געווען אָפּהענגיק ווי וויט זי האָט זיך געפילט באַליידיקט צוליב מאַרישיאַס ווערטער. עס איז נישט געווען קיין שום צווייפל, אַז דאָס לעבן פון אונדז דריי איז איצט געלעגן אין די הענט פון דעם מיידל.

און דאָך איז ביז איצט צווישן אונדז מיט איר נישט געווען קיין שום צוזאַמענשטויס. פּונקט פאַרקערט. זי האָט גיכער זיך געלאַשטשעט צו אונדז. מיט גורסקאַ איז זי געווען צעקריגט. לוציגאַ און זאָפיאַ האָט זי איגנאָרירט, ווייל זייער באַציִונג צו איר איז געווען פול מיט פאַראַכטונג.

נאָר מיר אַליין האָבן איר אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט, ווייל טראָץ איר ברוטאַליטעט און אכזריותדיקייט, האָבן מיר אַרויסגעפילט אין דער פּרימיטיווער נאַטור גוטסקייט, טרויער און בענקשאַפט.

זי האָט געקענט לאַנג דערציילן וועגן איר ברודער וואָס איז געווען אַ גלח און מיר האָבן געקענט געדולדיק אויסהערן די דערציילונגען. זי איז געווען שטאָלץ מיטן ברודער. וועגן וואָס זי זאָל נישט רעדן, איז זי צוריקגעקומען צו דער טעמע. זי האָט זיך דעמאָלט געפילט העכער אין דער געזעלשאַפטלעכער היעראַרכיע„ זי האָט געזוכט אין די אויגן פון די צוהערער רעספּעקט פאַר זיך און זי האָט אפשר געטראַכט, אַז מען איז איר מקנא מיטן גלח אין דער משפחה.

מיר האָבן געלעבט דורך אַ וואָך אָדער צוויי — אין שרעק, ווייל אַנקאַ איז שוין נישט געווען צו אונדז אזאַ האַרציקע ווי פריער. זי האָט שווייגנדיק געגעסן איר זופּ און זיך באַמיט נישט צו קוקן אויף אונדז אָדער אויפן קינד. דערנאָך איז זי אויפגעשפּרונגען אויפן בעט און זי האָט לאַנג צונויפגערוקט איבער איר קאָפּ די ברעטלעך פון באַרבאַראַ גורסקאַס געלעגער. דערביי האָט זי געמרוקעט צו זיך אַליין: — זי צעשפּרייט אומיסטן די ברעטלעך, די געמיינע שעלמע, אַז דאָס מיסט זאָל זיך שיטן אויף מיר.

נאָך אַ געוויסער צייט איז דער אינצידענט פאַרגעסן געוואָרן און אַנקאַ האָט, פּונקט ווי פריער, — באַאיינפלוסט פון אַן אינסטינקט, פון וועלכן זי האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון — געברענגט מאַציעקן זעמעלעך אָדער צוקערלעך.

יאָ, מען האָט געקענט מיינען, אַז דער אינצידענט איז פאַרגעסן געוואָרן. אַלצדינג האָט דערויף עדות געזאָגט. די טעג און נעכט זענען געפלאָסן נאָרמאַל און גאָרנישט איז צעשטערט געוואָרן. און דאָך, האָב איך, צו מיין איבעראַשונג איינמאָל געהערט ווי זי האָט ווידער געזאָגט:

— איך האָב דיך ליב, ווייל דו ביסט שיין, מיין ליבער זשידעק.

***

שוין זייט עטלעכע וואָכן זענען די מענטשן פון אונדזער באַראַק געגאַנגען צום אָפּטריט אין דרויסן און מיר — צוזאַמען מיט זיי. די לאַטרינעס אין לאַגער זענען פאַרשלאָסן געוואָרן. מען האָט בשום־אופן נישט געקענט אויסלערנען די מענטשן, אַז אויף די ברעטלעך אין אָפּטריט זיצט מען, נישט מען שטייט. יעדן טאָג זענען די אַלע אָפּטריטן — אַזעלכע ווייסע און גלאַנצנדיקע אין טאָג פון אונדזער אָנקום — געוואָרן שרעקלעך פאַראומרייניקט. אומזיסט האָט זיך שמידט אויפגערעגט און געשאָלטן.

צום סוף האָט מען פאַרקלאַפּט דעם אַריינגאַנג אין דער לאַטרינע מיט ברעטער.

אינעם אָפּטריט אין דרויסן איז געווען אַנדערש. די פּאָדלאָגע איז געווען נאַס. די טירן האָבן זיך נישט צוגעמאַכט. עס זענען אַפילו נישט געווען קיין אָפּגעטיילטע ווענטלעך. איין לאַנגע אָפּצאַמונג האָט אָפּגעזונדערט די מענער־טייל פון דער פרויען־אָפּטיילונג.

שמידט האָט געהאַט אַ באַזונדערן אָפּטריט אין באַראַק. דער שליסל

איז געהאַנגען אויף אַ טשוואַק, לעבן אַריינגאַנג צו זיין צימער. דער אַפּ־טריט איז געווען אויסשליסלעך פֿאַר אים, פֿאַר די צוויי וועכטערס, פֿאַרן מאַגאַזין־אויפֿזעער ריינהאַלד און פֿאַר דער קעכין, פֿרוי לונד.

איז טאַקע אַך און ווי געווען צו דעם יעניקן, וואָס איז קראַנק געווען אויפֿן מאָגן אָדער פֿענכער און געמוזט לויפֿן אין אַ רעגנדיקער נאַכט אין דרויסן אַרויס אין דער קאַלטער לאַטרינע. דאָס שטיקל ליכטל, וואָס מען האָט געהאַלטן אין האַנט, איז אויסגעלאָשן געוואָרן ביים ערשטן בלאָז פֿון ווינט און מען האָט געמוזט לויפֿן אין דער פֿינצטער, פֿאַלנדיק איבער די חורבות פֿונעם פֿאַרברענטן באַראַק.

ערשט אין דעם אָפּטריט האָט מען אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אַלע מאָל איז דאָרט נאָך עמעצער געווען וואָס איז געשטאַנען אויפֿן ברעטל.

ווען מאַרישיאַ איז קראַנק געוואָרן אויף בלוטיקער דיזענטעריע, איז זי איזאָלירט געוואָרן אין קליינעם שטיבל, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר קראַנקע.

— דורכפֿאַלל — האָט געזאָגט שמידט — מאַריאַ האָט דורכפֿאַלל. זי איז דאָרט אָפּגעלעגן צוויי טעג מיט צוויי נעכט.

דערנאָך האָט דעם איזאָלירטן צימער באַקומען, דורך פּראָטעקציע, באַרבאַראַ גורסקאַ, אויסשליסליך פֿאַר זיך — ווי אַן אַרבעט־וואַרשטאַט.

גורסקאַ איז געווען פֿון פֿאַך אַ שניידערין. — נייען, נייען — האָט זי געזאָגט — איך קאָן נייען פֿאַר שמידטס ווייב און פֿאַר די וועכטערס ווייבער, אָבער איך האָב נישט קיין מאַשין און נישט קיין צימער.

דער פֿאַרליבטער וועכטער האָפֿמאַן האָט איר פֿון ערגעצוווּ פֿאַר־שאַפֿט אַ האַנט־מאַשין צו נייען. שמידט האָט דערלויבט זי אַריינצושטעלן אין דעם איזאָלאַציע־צימער און גורסקאַ האָט אין משך פֿון צוויי נעכט אויפֿגענייט פֿאַר זיין ווייב אַ קלייד. דערנאָך האָט זי געמאַכט אַ בלוזע פֿאַר דער פֿרוי פֿון וועכטער רעיריך און אַ נאַכט־העמד פֿאַר דער פֿרוי פֿון וועכטער האָפֿמאַן.

צוויי וועכטערס זענען געווען. איינער איז געווען אויף דער וואַך ביי־טאָג, דער צווייטער — ביינאַכט. זיי האָבן זיך געטוישט נאָך אַ געוויסער צייט. דאָס זענען געווען קריג־אינוואַלידן אין דעם ראַנג פֿון קאַפּראַלן. יעדער פֿון זיי האָט אויף דער מלחמה פֿאַרלוירן איין האַנט. איינער האָט

געטראָגן אַ שוואַרצע הענטשקע. דער צווייטער האָט געהאַט אַ צוגעטשע־פּעטן קרוטשיק צו דער פּראָטעזע.

רעיריך האָט געהאַט דעם צונאָמען „רעריש" אָדער „הענטל". רעריש האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעדרייט איבערן באַראַק מיט אַ טעפּל, אָדער אַ שיסל פאַר זופּ אויפגעהאָנגען אויפן קרוטשיק.

ביידע זענען געווען יונגע מענטשן און האָבן זיך אָנשטענדיק אויפ־געפירט לגבי אונדז. צו די פליכטן פונעם טאָג־וועכטער האָט געהערט דאָס וואַכן לעבן טירל. ער האָט באַדאַרפט קאָנטראָלירן צי די וואָס גייען אַרויס אין שטאָט האָבן דעם צוגענייטן אות „פּ" צום אָנצוג. אין אַלגעמיין אָבער האָט מען זיך לייכט באַצויגן צו דער פאַראָרדענונג און זעלטן ווער עס האָט צוגענייט דעם בוכשטאַב. דער וועכטער האָט אויך קיינמאָל נישט געלייגט קיין אַכט דערויף.

דער נאַכט־וועכטער איז געזעסן אין שמידטס צימער, געהייצט דאָס אייוועלע מיט בריקעטן, אָדער קאָקס און אין פאַרשיידענע שעהן געוועקט מענטשן צו דער אַרבעט.

ווען גורסקאַ האָט שוין אויפגענייט די זאַכן פאַר די ווייבער פון די וועכטער און פאַר שמידטס ווייב, האָט זי זיך איינגעשאַפן צוויי ליילע־כער אין בלויע און ווייסע קראַטן און זי האָט פאַר זיך אויפגענייט אַ לאַנגן ביז דער ערד — ברייטן מאָדערנעם שלאַפראָק. נאָך דער אַרבעט איז זי אַרומגעגאַנגען אין דעם שלאַפראָק איבערן קאָרידאָר און אין קיך אַריין גע־גאַנגען נאָך איר פּראָוויאַנט. אויפן פּאָן פונעם פּאַרוואַנצטן און פאַרלאָזטן באַראַק האָט די עלעגאַנץ אויסגעזען גראָטעסקמעסיק. טראָץ דעם האָט זי געוועקט קנאה אין די הערצער פון די יונגע פרויען און זי האָט מאַגנע־טיש צוגעצויגן די אויגן פון די מענער.

אויב גורסקאַ האָט געגייט דורך די נעכט — איז ווען איז זי גע־שלאָפן? זי איז געשלאָפן אַ שעה אָדער צוויי אויפן בעט, וואָס איז גע־שטאַנען אין דעם איזאָלירטן צימער — אַחוץ דעם איז זי געשלאָפן אין טראַמוויי און אין דער עלעקטרישער באַן, וואָס האָט זי געפירט צום אַרבעט־אָרט און צוריק פונעם אַרבעט־פּלאַץ.

האָט טאַקע טיילמאָל געטראָפן, אַז זי איז אַריבערגעפאָרן די סטאַ־ציע, ווו זי האָט באַדאַרפט אַראָפּשטייגן. אויפוועקנדיק זיך פּלוצלינג צווי־

ליבן שטויס, האָט זי געזען, אַז זי געפינט זיך ערגעץ ווייט אין אַ פרעמ־דער און אומבאַקאַנטער געגנט.

באַרבאַראַ גורסקאַ איז געווען פריווילעגירט ביי די הויכע פענצטער, וואָס מען האָט נישט געקענט זאָגן וועגן אונדז — אַליציאַ און מאַריאַ מאַיעווסקאַ, די קיך־העלפּערינס.

שמידט האָט געשטשירעט מיט די ציין אין אַ שמייכל, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט גורסקאַ אין קאָרידאָר, געדענקענדיק וועגן קלייד, וואָס זי האָט אויפגעגנייט פאַר זיין ווייב. אָבער ער האָט גרויזאַם געקנייטשט זיינע ברעמען ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט אונדז.

— פאַרוואָס? — האָט זיך מאַרישיאַ געוווּנדערט — וואָס איז גע־שען? פאַרוואָס איז פון אָנהייב געווען גוט און איצט איז שלעכט? צי דאַרפן מיר אים נישט מיט עפּעס אונטערקויפן? געבן אים עפּעס אַ גע־שאַנק?

— אונטערקויפן? — האָב איך געפרעגט אַ דערשראָקענע — געבן אים כאַבאַר? פאַר אונטערקויפן און כאַבאַר קענען מיר פאַרפוילט ווערן אין תפיסה אוף וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט אונדזער יינגעלע?

— מאַריאַ! — האָבן מיר דערהערט שמידטס שטים פון קאָרידאָר. די שויבן האָבן אַ ציטער געטאָן פון זיין קול.

— ער רופט מיך — האָט זי געזאָגט — איך גיי אין זיין קאַנצע־לאַריע.

זי איז געגאַנגען און צוריקגעקומען נאָך עטלעכע מינוט.

— ווייסט וואָס ער האָט מיר געזאָגט? אַז פון מאָרגן אָן וועל איך גיין צו דער אַרבעט אויפן גערליצער באַנהאָף. דער וועכטער וועט מיך אויפוועקן האַלב נאָך דריי.

— פאַרוואָס אַזוי פרי? ער וועקט דאָך אַלע האַלב נאָך פיר?

— ווייל איך מוז פאָרן אויפן באַנהאָף אַ גאַנצע שעה צייט מיט אַ געוויינלעכער באַן.

איך האָב מיך טרויעריק אַוועקגעזעצט אויפן געלעגער.

— האָב נישט קיין פאַרדראָס — האָט זי געזאָגט — אַזוי וועט זיין בעסער. אין דער קיך וואַרפן מיר זיך צופיל אין די אויגן. אַ סך זענען

אונדז מקנא, מיינענדיק גאָט ווייסט וויפל מיר געניסן דערפון. איך בין יונג און איך דאַרף גיין צו דער אַרבעט. די הויפּט־זאַך איז,אַז דו זאָלסט דאָ פאַרבלייבן און קענען אַכטונג געבן אויפן קינד.

האַלב נאָך דריי אין מיטן דער נאַכט האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז אַריינגעקומען דער וועכטער האַפּמאַן. ער האָט נישט אָנגעצונדן די עלעקטרישע ליכט אין צימער נאָר איבערגעלאָזט אָפן די טיר צום קאָרידאָר. ער האָט זיך דערנענטערט צו מאַרישיאַס געלעגער און אַ טרייסל געטאָן מיטן קישן.

— אויפשטעהען, מאַריאַ! — האָט ער שטיל געזאָגט, כדי נישט אויפצווועקן די איבעריקע וואָס זענען געשלאָפן — עס איז שוין האַלב נאָך דריי.

אַ צעטומלטע האָט זי זיך אַראָפּגערוקט פונעם אייבערשטן געלעגער, אָנגעטאָן די פּאַנטאָפל, וואָס זענען געווען אינגאַנצן צעריסן. זי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע. גענומען אויף זיך דעם מאַנטל, אַ צו לייכטן פאַר די האַרבסטיקע קאַלטע נעכט; אַנגעשמירט אַ פּאָר שטיקלעך ברויט מיט מאַרמעלאַד און עס איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. זי איז אַריין אין דער קיך און געבראַכט אַ טעפּעלע קאַווע. זייענדיק אָנגעטאָן צום אַרויסגיין, האָט זי זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש און געגעסן.

זי האָט געזען אין דער טונקלקייט אונדזערע נעפּלדיקע, שלאָפנדיקע געשטאַלטן, אַנקאָס נאַקעטע ברוסטן, זאָפיאַס אַראָפּגעהאָנגענע האַנט און לוצינאַס פּראָפיל, וואָס האָט זיך שוואַך געצייכנט אויפן שוואַרצן פאָן פון דער וואַנט.

דערנאָך איז זי אַרויס. אויפן לאַנגן, ליידיקן, שוואַך־באַלויכטענעם קאָרידאָר האָבן הויך אָפּגעקלונגען אירע שנעלע טריט. דורך דער האַלב־אָפענער טיר פונעם איזאָלירטן צימערל האָט זי דערזען באַרבאַראַ גורסקאַ, וואָס איז געזעסן ביי דער ניי־מאַשין און איבער איר — דאָס איבערגעבויגענע פּנים פון דעם וועכטער האַפּמאַן, וואָס האָט אויסגעדריקט לייד.

אויפן הויף איז זי אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ פינצטערניש. זי האָט זיך פאַרייניקט מיט דער אָפּטיילונג, וואָס האָט געאַרבעט אויפן זעלבן באַנהאָף. פון היינט אָן וועט זי אַרבעטן „אויף גערליצע".

עס האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ דינער רעגן. זי האָט אַראָפּגעבויגן

דעם קאָפּ, ווייל דער ווינט האָט געבלאָזן אין פּנים אַריין. זי האָט שטאַר־קער אַרומגעוויקלט דעם שאַל אויפן האַלדז.

פאַרן אָפּטריט האָט זיך אַ שוועבעלע אָנגעצונדן — און פאַרלאָשן.

***

וואָס איז געשען מיט אונדזער וועכטער האָפּמאַן? ער האָט נישט געגעסן, ער איז נישט געשלאָפן; אויף אונדזערע אויגן האָט ער גענומען איינגיין, ווערן דאַרער פון טאָג צו טאָג. עס איז שוין פאַר קיינעם נישט געווען קיין סוד, אַז ער איז געווען פאַרליבט אין באַרבאַראַ גורסקאַ.

צי האָט ער זי נישט כסדר נאָכגעפאָלגט מיט זיינע אויגן? צי האָט מען דען נישט געפילט, אַז ער וואָלט געגאַנגען אין פייער אַריין אויף איר מינדסטן ווונק? צי האָט ער איר נישט געקושט די האַנט אויף אַ גוטע־נאַכט?... שוין בלויז אָט דער ריטערלעכער זשעסט אויפן פאָן פון דער באַטריבטער ווירקלעכקייט האָט געוויזן ווי שטאַרק ער איז געווען פאַר־ליבט... און דאָך איז דאָס געווען אַ טראַגישע ליבע — ווייל אַן איינ־זייטיקע.

מען האָט איבעריקנס געקענט פאַרשטיין די טראַגעדיע. ווען מען האָט אים אַראָפּגענומען די האַנט, האָט ער איבערגעלעבט אַ נערוונשאָק, נאָך וועלכן ער איז נאָך נישט געקומען צום גלייכגעוויכט. ער איז געווען אַ קאַליקע און ער האָט געמיינט, אַז אין די אויגן פון די פרויען האָט ער קיין שום ווערט נישט.

און דאָך האָט ער געהאַט אַ ווייב — אַ שיינע און אַ גוטמוטיקע — אין די ערשטע חדשים פון שוואַנגערשאַפט. זי פלעגט טיילמאָל קומען צו אונדז אין באַראַק און דערנאָך זענען זיי צוזאַמען געגאַנגען אַהיים. זי האָט שנעל באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר. אין אַ קריגערייַ האָט זי אים געוואָרפן אין פּנים אַריין דאָס נאַכט־העמד, וואָס גורסקאַ האָט פאַר איר אויפגעניייט.

צי האָט דער וועכטער האָפּמאַן געוווסט דערפון, אַז דער ציוויל גע־קליידטער דייטש, וואָס פלעגט קומען אין טראַנזיט־לאַגער איז אַריינגע־קומען אויך אין אונדזער באַראַק? ער האָט געהאַלטן אונטער זיין אָרעם דעם זעלבן לייוונטענעם בייטל מיט פּראָוויאַנט, וואָס איז געווען אַזוי שווער צו באַקומען אין יענע צייטן: פּוטער, חזיר־פעטס, וווּרשט...

ווען ער איז געקומען, האָט גורסקאַ אָן אַ וואָרט זיך אָנגעטאָן אין מאַנטל און איז אַוועק מיט אים אין שטאָט אַריין.

אָבער פריער האָט זי מיט אַ שליסל געעפנט איר שענקל און פאַר־שלאָסן דאָרט די פּעקלעך וואָס זענען געווען איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. זי האָט איר שענקל פאַרמאַכט אויף אַ שלאָס, וואָס זי האָט געקויפט אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער:

— צי איז דאָ די מאַלפּע? — האָט זי געפרעגט מיט אַ שמייכל.

זי איז געווען די ערשטע וואָס האָט פאַרשלאָסן איר שאַנק, נאָך איר האָבן אויך אָנגעהויבן לוציגאַ און זאָפיאַ צו פאַרשליסן זייער שענקל. פאַר וועמען? מיר האָבן געמיינט אַז פאַר אַנקאַ.

ערשט אַ סך שפּעטער איז אונדז איינגעפאַלן אַז אפשר פאַרשליסן זיי די שענק פאַר אונדז. מיר האָבן געהאַט מיט זיך אַ קינד, אַ נישט־דערנערט קינד. אפשר האָבן זיי געמיינט, אַז מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן צו וואָס פאַראַ מצב עס קאָן דערגיין אַ מוטער, וואָס וויל דערנערן איר קינד...

זיי זענען געווען אויפמערקזאַם און פאַרזיכטיק.

באַרבאַראַ גורסקאַ האָט זיך נישט געוואָלט צופּאַסן צו די ראַמען פון לאַגער־לעבן. זי איז געווען אַ פּראַקטישע פרוי און זי האָט באַשלאָסן צו־ריק צו געווינען — אויב נישט אַלץ — איז כמעט אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט פאַרלוירן. זי האָט זיך שוין געקויפט אַ פול־פעדער און שוין גע־האַט אַ נאַכט־העמד.

אין דער צייט האָט דער פאַרוואַלטער פון מאַגאַזין, ריינהאַלד, אָדער מאַזור, אונדז צוגעטיילט אַביסל זאַכן. יעדע פרוי האָט באַקומען אַ פּאָר וואַרעמע אונטערוועש, דיקע ביינוולנע זאָקן און אַ ביינוועלן קלייד אין קראַטן, וואָס מען האָט געטראָגן אָנשטאָט אַ נאַכט־העמד. אָבער מאַרישיאַ האָט צופעליק פון אים געקריגן אַן אַמתדיק נאַכט־העמד אין ראָזאַ־קאָליר. זי האָט עס גלייך פאַרקויפט גורסקאַן פאַר אַ שטיקל פּוטער.

אַלע פרויען אין דעם באַראַק האָבן געטראָגן די לאַגערוועש, אַ חוץ לאָטטאַ, אונדזער איבערזעצערין, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר עפּעס בע־סערס. מאַזור האָט אונדז אויך צוגעזאָגט אויף ווינטער שיך אויף היל־צערנע פּאָדעשוועס און הילצערנע שטעקשיך צו טראָגן אין לאַגער. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט לאָטטאַ... צי קאָן מען זיך

איבערהויפּט פאַרשטעלן לאַטקאַ זאָל גיין אויף הילצערנע פּאָדעשוועס?

לאַטקאַ האָט אַרויסגעהאָלפן שמידטן ביי די אויסצאָלונגען. זי האָט געמאַכט די רשימות און צענזורירט די בריוו, וועלכע זענען געקומען אין לאַגער.

איינמאָל איז צו אונדז אָנגעקומען אַ פּעקל פון דער שווייץ — פון דער שווייץ! — דאָס איז געווען אַן ענטפער פון לוציאַ הערש אויפן בריוו, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט פון טראַנזיט־לאַגער. ווי גערירט זענען מיר געווען! וואָס קאָן זיין אין דעם פּעקל? אַזאַ קליין און לייכט פּעקל. מיר האָבן געמיינט, אַז טיי, ווייל וואָס אַנדערש האָט דאָרט געקענט זיין?

אונטערגעשריבן איז געווען נישט לוציאַ הערש און נישט איר טאָכטער יאָאַננאַ, אונטערגעשריבן איז געווען לובינסקאַ — אַ געוויסע מאַריאַ לובינסקאַ. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פרוי הערש האָט אומיסטן, צוליב אונדזער זיכערקייט נישט אויפגעגעבן איר ריכטיקן נאָמען.

מיר האָבן געדרייט דאָס פּעקל אויף אַלע זייטן. איידער מיר האָבן עס אויפגעעפנט, האָבן מיר איבערגעקוקט יעדן אות, יעדן שטעמפּל, דאָס שנירל, פּאַפּיר, מאַרקעס... ווייל דאָס איז געווען די וועלט, וואָס איז צו אונדז געקומען.

אין דעם פּעקל איז געווען אַ זייגערל. אַ פּרויען־האַנט־זייגערל, וואָס האָט געלויכטן אין דער פינצטער. באַשטימט צו פאַרקויפן און מיט דעם ציל איז עס אַרויסגעשיקט געוואָרן.

מיר האָבן דאָס זייגערל פאַרקויפט דער גורסקאַ פאַר אַ קילאָגראַם פּוטער און אַ קילאָגראַם חזיר־שמאַלץ. דערפאַר האָבן מיר געקענט דורך אַ געוויסער צייט בעסער דערנערן מאַציעקן.

לאַטקאַ איז אַלט געווען פערציק יאָר. זי איז געווען אַ דיקע, נישט קיין הויכע, מיט ברוינע האָר אויפן קאָפּ, געגנוג שיין און גוטמוטיק. אַלע אין באַראַק האָבן זיך באַמיט מיט איר גוט צו לעבן. ווען לוצינאַ האָט געקריגן אַ פּעקל מיט עסן, האָט זי אַלע מאָל פאַר לאַטקאַן אַוועקגעלייגט אַ ציבעלע.

לאַטקאַ האָט געלעבט מיט אַלעק, וואָס איז אַלט געווען אַכטאונצוואַנציק יאָר, אַ הויכער, שיינער און געזונטער מאַנצפּאַרשוין. ער האָט געאַרבעט אויף דער באַן. זי האָט געבעטן גאָט אַז די לאַגע זאָל אייביק דויערן — דער באַראַק, קאָרידאָר, דאָס געלעגער און אַלעק. כאָטש שמידט

האָט איר אַרויסגעוויזן אַ סך העפלעכקייט, האָט זי דאָך נישט געהאַט קיין באַזונדער צימער. אַ באַזונדער צימער אין באַראַק האָט געהאַט דער גרוזינער מיט דער יונגער מאַריאַ.

עס האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין קלאַנגען, אַז באַרבאַראַ גורסקאַ האָט פאַרכישופט אַלעמען. ער האָט געאַרבעט אויפן זעלבן וואַרשעווער באַנהאָף און דאָרט האָבן זיי זיך אין געהיים געטראָפן.

די שוואַנגערנדיקע נאַטאַליאַ האָט וועגן דעם דערציילט אויפן אויער וואַצלאַוואַן, ווען זיי האָבן געשיילט אין דער קיך די קאַרטאָפל. דער וועכטער רעיריך האָט געזאָגט צו דער קעכין, פרוי לונד:

— איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וואָלט מיך קיינמאָל נישט אונטער־געגעבן דעם צויבער פון דער פאַטאַלער פרוי...

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער קיך און געפּאַכעט מיט דער לאַ־גער־שיסל, וואָס איז געווען אויפגעהאַנגען אויפן קרוטשיק פון דער פּראָ־טעזע. די צווייטע האַנט איז געווען אַ פּרייע. אָבער ער האָט ליב געהאַט זיך צו באַנוצן מיט דער קינסטלעכער האַנט: — מיין קאָלעגע — האָט ער געזאָגט — האָט זיך אָנגעטאָן אַן עלעגאַנטע הענטשקע, אָבער זי דינט אים גאָרנישט און מיין פּראָטעזע אַרבעט פאַר מיר.

— וועגן וואָס רעדט רעריש? — האָט געפרעגט נאַטאַליאַ, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען קיין דייטש.

— דאָס און יענץ. — האָט איר פאַרטייטשט וואַצלאַוואַ.

— אַך, דאָס הענטל... ער איז אַן אָנשטענדיקער — האָט געלאַכט נאַטאַליאַ.

אין דער צייט האָט זיך לאָטטאַ געפילט ווי אַ לייביכע, ביי וועלכער מען האָט צוגענומען דאָס קליינוואַרג. דורך איין נאַכט איז זי פּלוצלינג פאַרעלטערט געוואָרן. זי האָט מיט קיינעם נישט גערעדט. איינגעקאָר־טשעט, איינגעזונקען אין אירע געדאַנקען, האָט זי זיך געגרייט צום אָנ־גריף.

ווען לאָטטאַ האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר פון דער קאַנצע־לאַריע, איז אַרויסגעלאָפן פון דאָרט די ווייבענדיקע, שוואַנגערנדיקע פרוי פון וועכטער האָפמאַן.

— די פוילישע צויג! — האָט זי כסדר איבערגעחזרט מיט אַ צערי־סענער שטים.

זי איז געקומען צו שמידטן זיך צו באַקלאָגן אויף באַרבאַראַ, צו דער־ציילן וועגן איר אומגליק, וועגן איר איינזאַמקייט, וועגן דער גלייכגיל־טיקייט פון איר מאַן, וואָס איז דאָ נישט לאַנג צוריק געווען אַזאַ העפ־לעכער און האַרציקער.

שמידט האָט אַ פאַרכמורעטער געשוויגן און באַטראַכט די לאַגע. ער האָט שוין געהערט די קלאַנגען וועגן אַלעק מיט באַרבאַראַ. איידער לאָטטאַ איז אַריינגעקומען, האָט ער באַוויזן צו מאַכן עטלעכע זופּן פונעם פלעשל וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין שרייבטיש. ער האָט געטרונקען אין איינ־זאַמקייט, ווייל ער האָט זיך מיט דעם אויסבאַהאַלטן פון אַנדערע.

דאָס צימער פון די פאַרפעלקער האָט זיך פאַרגעשטעלט זייער מאָד־נע. עס איז באַשטאַנען אַזוי ווי פון צענדליקער קליינינקע אָפּגעזונדערטע הייזקעס, וועלכע זענען געווען ווי צוגעקלעפּט צו זיך. די מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט פוירהאַנגען, פוירהענגלעך, צי מיט שטיקלעך געבלומטע סחורה, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָפּגעזונ־דערט פון די שכנים, וועלנדיק אַזוי אַרום זיך שאַפן די אילוזיע פון אַ פּריוואַט לעבן.

פאַר די זיך מאַטערנדיקע פאַרלעך, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן וואָס פאַראַ ס׳זאָל נישט זיין אָפּגעזונדערטן ביידל, איז באַרבאַראַ גורסקאַ, וואָס האָט מיר־נישט, דיר־נישט, באַקומען אַ ליכטיק און ציכטיק צימערל — געווען ווי אַ ביין אין האַלדז און דער אָביעקט פון אַ טויטלעכער קנאה.

און דאַך, ווען זי איז אין אָוונט געגאַנגען דורכן קאָרידאָר קלאַפּנדיק מיט די שטעקשיך, אָנגעטאָן אין דעם לאַנגן שלאָפראָק, וואָס האָט גע־גרייכט ביז צו דער ערד, מיט אַ קינסטלעכער בלום אין די שיין פאַרקעמ־טע האָר — אַ ווייסע און סודותפולע, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן פון שלאָפלאָזיקייט און מיטן סודותדיקן שמייכל אויף אירע ליפּן — האָבן אַלע מענער זיך נאָך איר אומגעקוקט.

געהאָרכזאַם צום פלויד, וואָס האָט פון איר עמאַנירט, שוואַכע און פאַרכישופטע, האָבן זיי זיך נישט געוווּנדערט פאַרוואָס דער וועכטער האָפמאַן איז אַזוי שטערבלעך פאַרליבט אין איר.

***

דער הויף פון באַראַק איז געווען אָרומגעצוימט מיט שטעכלדראָט.

לעבן דעם טירל איז געשטאַנען אַ בודקע. אין דער בודקע איז געזעסן דער וועכטער. ווייטער איז געווען אַ ברייט, נישט־פּאַראַקערט פעלד.

אויפן הויף זענען געלעגן הויפנס פון קוילן־בריקעטן און קאָקס. זיי זענען אַפילו געלעגן אויפן פעלד, הינטער די שטעכלדראָטן. קוקנדיק דער־רויף האָבן די מענטשן פון אונדזער באַראַק געזאָגט:

— מיר וועלן ווייניקסטנס ווינטער נישט געפרוירן ווערן.

דער וועג דורכן פעלד — אַ געוויינלעכער דאָרפישער וועג, נישט קיין גלייכער, פול מיט בלאָטע אין אַ רעגנדיקן טאָג — האָט געפירט צו דער גרונאַוער גאַס, אַ שטאָטישע גאַס מיט הייזער, מיט אַ מיטן־וועג און אַ טראַמוויי, און ס׳איז גלייך געווען די סטאַציע. פון דער סטאַציע זענען די מענטשן פון אונדזער לאַגער געפאָרן מיטן טראַמוויי צו זייערע אַר־בעט־פּלעצער.

די אָונטן זענען געוואָרן פרײַע און די נעכט — לאַנגע. ווען זיי זענען אַרויס צו דער אַרבעט איז געווען פינצטער און ווען זיי זענען צוריקגע־קומען פון דער אַרבעט איז געווען פינצטער. אַלץ איז געווען פאַרטונקלט. מען האָט לייכט געקענט זיך אָנשטויסן אויף עפּעס און אומפאַלן. איינער פון אונדזערע אַרבעטער, אַן עלטערער מענטש מיטן נאָמען דעמבטשאַק, איז געפאַלן אונטער אַן אָנקומענדיקן טראַמוויי, וואָס האָט אים געגעבן אַזאַ קלאַפּ אין קאָפּ, אַז ער איז שוין נאָך דעם קיינמאָל נישט צוריקגע־קומען צו זיין קלאָרן פאַרשטאַנד.

אויב דאָס בלויזע פאָרן צו דער אַרבעט איז געווען אַזוי געפערלעך, איז נאָך פיל געפערלעכער געווען די סאַמע אַרבעט, אין דער פינצטער־ניש, אויף די באַן־סטאַציעס ביי די לאָקאָמאָטיוון און ביי די רעלסן. זשע־לינסקאַ, וואָס האָט געאַרבעט אויף גערליצע ביים רייניקן די וואַגאָנען, איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ לאָקאָמאָטיוו און איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט.

דאָס איז געווען אַ שטילע, רויִקע און שוין נישט קיין יונגע פרוי. זי האָט געוווינט אין אַ פאָרפאָלק־צימער מיט אַ זון, אַ באַן־באַאַמטן. אַלע האָבן באַדויערט דעם פאַל און דער זון האָט זיך שטאַרק מצער געווען. נאָך איר טויט איז געקומען אַן אויפפאָדערונג פאַר אַ באַן־אַרבעטערין און שמידט האָט טאַקע אויף איר אָרט באַשטימט מאַרישיאַ.

אויפֿן באַנהאָף אויף גערליצע האָט זיך מאַרישיאַ געווענדט צו דער באַן־קאַנצעלאַריע:

— איך וואָלט געוואָלט אייך בעטן מיר צו געבן אַרבעט אין אַ פּאַר־מאַכטן פּלאַץ. איך האָב מורא פֿאַר קעלט, ווייל איך האָב אָפּגעפרוירענע הענט.

— און וואָס קענסטו? — האָט מען זי געפרעגט.

— איך רעד און שרייב אויף דייטש — האָט זי זיך אַביסל פֿאַר־האַקט — איך האָב שטודירט אין אוניווערזיטעט — האָט זי צוגעגעבן.

— אַהאַ! — האָבן זיי זיך געוווּנדערט און זיך אָנגעהויבן צו איר בעסער צוצוקוקן.

— מיר וועלן זען וואָס פֿאַראַ האַנטשריפט דו האָסט — האָבן זיי געזאָגט.

זיי האָבן איר דיקטירט עטלעכע פֿראַזן אויף דייטש. זי האָט עס ...נעל און מיט אַ שיינער האַנטשריפט אָנגעשריבן.

— דו וועסט אַרבעטן ביי אונדז אין דער קאַנצעלאַריע, מאַריאַ — ...אָבן זיי געזאָגט.

צומאָרגנס איז זי געגאַנגען צו דער אַרבעט אין מיינע פֿאַנטאָפֿל ...ון איך בין דעם טאָג געגאַנגען אין די הילצערנע לאַגער־שטעקשיך, וואָס ...מען האָט אונדז צוגעטיילט. זי האָט געגעבן אירע שיך צו פֿאַריכטן מאַ־...עיסקין, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ שוסטער אויפֿן וואַרשעווער באַנהאָף, ...וו ער האָט פֿאַריכט די שיך פֿון די באַן־אָנגעשטעלטע.

...ניין אַזייגער ביינאַכט האָט מאַדעיסקי צוריקגעברענגט מאַרישיאַס שיך. ווען ער איז געשטאַנען אין דער טיר מיט אַזאַ אומדרייסטן שמייכל, אונטערהוסטנדיק און קוקנדיק אין אַ זייט, האָבן מיר געהאַט געוויסנביסן, ווייל דורכן גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אין שרעק, אַז ער וועט עמעצן פֿאַרקויפֿן די שיך און מיר וועלן זיי שוין מער נישט זען.

— וואָס דאַרף איך אייך באַצאָלן? — האָט געפרעגט מאַרישיאַ מיט אַ זיפֿץ פֿון פֿאַרלייכטערונג.

— אַך, גאַרנישט — האָט ער געזאָגט — איך האָב גענומען די לע־דער פֿון וואַרשטאַט.

— ווייל איך כאָטש באַצאָלן פֿאַר אייער אַרבעט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: — עס לוינט אַפילו נישט צו רעדן וועגן דעם. און דאָס האָב איך געברענגט פאַרן קליינעם.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש און נישט דרייסט דערלאַנגט מאַציעקן אַ קליינע פיגור פון בודדאַ, פון גרינעם מאַלאַכיט. ער האָט עס געוויס געפינען נישטערנדיק אין די רוינען פון אַ באָמבאַרדירט הויז.

ווען מאַדעיסקי וואָלט אַפילו גענומען פון מאַרישיאַ אַ פּאָר מאַרק, איז וואָס וואָלט ער געקענט קויפן פאַר דעם געלט? — אַ גלאָז ביר, שיד־בענדלעך אָדער אַ טוץ זיכער־שפּילקעס. ער וואָלט אויך געקענט גיין צום פריזירער. די מענטשן פון אונדזער לאַגער זענען אָפט געגאַנגען צו אַ פריזירער.

די געשעפטן זענען געשטאַנען ליידיקע. עסן האָט מען באַקומען צו־געטיילט. אין דעם גרויסן וואַרענהאַוז אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ זענען, אַ חוץ קליינינקייטן, צו נייען, געווען אויך אַביסל ביכער און אַ גרויסער אויסוואַל פון גראַמאָפאָן־פּלאַטן.

אַ מאַרקע, אַ דייטשישע פּאַפּיר־מאַרקע, איז נישט געווען אין יענער צייט קיין געלט. דאָס גאַנגבאַרע געלט אין לאַנד זענען געווען — פּאַפּי־ראָסן.

צווישן אונדזער באַראַק און דער גרונאַוער גאַס זענען געשטאַנען עט־לעכע צענדליק קליינע הילצערנע הייזקעס. דאָרט האָבן געוווינט מענטשן פון די באָמבאַרדירטע הייזער.

— אויסגעבאָמבט! — האָט געזאָגט דער וועכטער רעיריך — איך בין אויך אויסגעבאָמבט!

— אַך, דער רעריש — האָט געלאַכט נאַטאַליאַ — ער איז אַן אַנ־שטענדיקער, דאָס הענטל.

איינע פון די קליינע הייזקעס האָט געהערט צו אַן עלטערער, איינ־זאַמער פרוי. איך בין צו איר איינמאָל געגאַנגען.

איך האָב געהאַט אין מיין טאַש צען פּאַפּיראָסן. מאַרישיאַ האָט זיי באַקומען פון זשוקאָווסקין, מיט וועמען זי האָט אַמאָל געאַרבעט אין פעלד, ווען מיר זענען געווען אין טראַנזיט־לאַגער. ער האָט איר די פּאַ־פּיראָסן געגעבן אין פרייז וואָס ער האָט באַצאָלט.

איך האָב ביי דער פרוי געקויפט פאַר די צען פּאַפּיראָסן אַ פּאָר וואַ־רעמע אונטערוועש פאַר מאַרישיאַ.

עס האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז מיר האָבן צעבראָכן אַ לעפל. אונ־דזער צינערנעם לאַגער־לעפל, מיט וועלכן מיר האָבן געגעסן די זופּ.

מאַרישיאַ האָט פאַרטשעפּעט אויף דער גאַס אַ פרעמדע דייטשקע און געבעטן זי זאָל איר פאַרקויפן אַ לעפל:

— איך קאָן אין ערגעץ נישט קריגן צו קויפן קיין לעפל — האָט זי געזאָגט — און ווי אַזוי קאָן מען לעבן אָן אַ לעפל?

די פרוי האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און האָט זיך דערווייטערט. אָבער נאָך אַ ווייל האָט זי זיך צוריקגעקערט, צוגעפירט מאַרישיאַן צו איר וווינונג און איר געגעבן אַ לעפל.

— דאָ האָסטו, — האָט זי געזאָגט — איך שענק דיר דעם לעפל.

לעבן דער הייזקע פון דער איינזאַמער פרוי, ביי וועלכער איך האָב געקויפט די אונטערוועש, האָט געוווינט אין אַ הילצערנעםביידל אַ יונג מיידל פון דענעמאַרק. זי איז געקומען קיין בערלין פאַר דער מלחמה און זי האָט געאַרבעט אין די קאָפּע־הייזער ווי אַ קעלנערקע. עס איז איר גע־גאַנגען זייער גוט — זי האָט שוין אַפילו געהאַט אַן אייגענעם וועלאָסי־פּעד. איצט איז זי געווען אַ פּראָסטיטוטקע.

עס האָט מיך געוווּנדערט וואָס אירע שכנטעס, וועלכע האָבן געוווּסט וועגן איר אויפפירן זיך, האָבן איר אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטשאַפט.

איך האָב ביי איר געקויפט אַ קורצע, רויטע ספּודניצע פון דיקן וואָל, וואָס זי האָט שוין נישט געטראָגן און באַצאָלט פאַר איר אַכט פּאַפּיראָסן.

איך האָב עס געקויפט, ווייל מיר האָבן זיך גענייטיקט אין סחורה אויף הויזן פאַר מאַציעקן.

וואָס האָט מען נאָך געקענט קויפן פאַר דייטשישע מאַרקן אין יע־נער צייט? — אַ קליינע, נישט געשמאַלצענע פאַרציע זויערקרויט און אַ בילעט אין אַ קינאָ.

עס זענען נאָך געווען אָפן די קינאָס אין דעם באַמבאַרדירטן בערלין. און איך בין אַפילו איינמאָל אין אַ זונטיק בייטאָג געגאַנגען מיט מאַציעקן זען אַ ספּעציעלן פילם פאַר קינדער. די קינאָ־געביידע האָט זיך געפינען אויף דער פאַרשטאָט קעפּעניק אין אַ לאַנג הילצערן הויז. עס זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט עטלעכע הונדערט קינדער, וואָס זענען אַליין געקומען. אין זאַל האָבן זיך געפינען זייער ווייניק דערוואַקסענע.

איך האָב מורא געהאַט לעבן די קינדער צו רעדן צו מאַציעקן אויף

פּויליש. זיי האָבן אַפּלאָדירט יעדן דייטשישן זעלנער און יעדן האַרמאַט, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן עקראַן.

מיר זענען צוריקגעגאַנגען דורך דער גרונאַוער גאַס צופוס. די גאַס האָט געהאַט ברייטע טראָטוארן און אַ מיט־וועג, דורך וועלכן עס איז געפאָרן אַ טראַמוויי. נישט אומעטום איז געווען פאַרבויט. דאָ און דאָרט האָט זיך נאָך געפונען אַ ליידיק פעלד אָדער אַן אַרומגעצוימטער גאָרטן. אַ סך רויִנירטע הייזער. אין די זייטן — אָנגעזאַמלטע הויפנס ציגל, אַלטע טעפּ, שמאַטעס, שטיקלעך האָלץ און פאַרזשאַווערטע קאָנסערוון־פּושקעס.

איך האָב דעמאָלט נישט געקענט גלייכגילטיק פאַרבייגיין לעבן אַזאַ קופּע. איך האָב געקוקט אויף יעדער ליידיקער פּושקע. דאָס איז מיר פאַר־בליבן נאָך דער רייזע מיטן טראַנספּאָרט, ווען מיר האָבן אַזוי שטאַרק באַגערט אָנצוּוואַרעמען אַ ביסל וואַסער אויף די סטאַציעס און נישט גע־האַט אין וואָס...

אויף דער גאַס איז געווען אַ נידעריקער בונקער מיט אַ פלאַטשיקן דאַך. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַזוי שטאַרק געבויט, אַז קיין שום באָמבע קאָן אים נישט צעשמעטערן. אין דעם בונקער זענען געווען עט־לעכע הונדערט קאַבינעס, וואָס מען האָט פאַרדונגען. דאָרט זענען געקו־מען נעכטיקן מוטערס מיט קינדער, וואָס פלעגן אינדערפרי צוריקגיין צו זיך אַהיים. פאַרנאַכט האָבן מיר נישט איינמאָל געזען דורך די פענצטער פון אונדזער באַראַק, ווי די מאַמעס האָבן געשטופּט די וועגעלעך מיט די קינדער צום בונקער.

אויף מיין זשאַקעט האָב איך געהאַט אַ צוגענייטן צייכן „פּ״, אַ געלן בוכשטאַב אויף אַ טונקעלן פאָן — פּאָלין — אַ פּוילישע.

נישט אַלע אין אונדזער לאַגער האָבן צוגענייט דעם צייכן. אַ סך האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער פאַראָרדענונג. איך און מאַרישיאַ האָבן געטראָגן דעם צייכן צום לענגסטן. מיר האָבן זיך געפילט זיכערער אונ־טערן שוץ פונעם דייטלעכן געלן „פּ״. אויף די אַרבל פון אונדזערע מאַנט־לען האָט מען נאָך געקענט זען די שפּורן פונעם אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד, וואָס מיר האָבן געטראָגן אין געטאָ.

די ספּודניצע וואָס איך האָב געקויפט ביים דענישן מיידל, האָב איך פונאַנדערגעטרענט און אויסגעוואַשן. דערנאָך האָב איך דערפון אויפגע־נייט אַ פּאָר הויזן פאַר מאַציעקן.

ער האָט נישט געוואָלט טראָגן קיין רויטע הייזלעך. אָבער מיר האָבן אים געזאָגט, אַז די פראַנצויזישע סאָלדאַטן טראָגן דווקא הויזן פון דעם קאָליר. און אויב אַ פראַנצויזישער סאָלדאַט טראָגט רויטע הויזן, מעג ער אויך...

דער אַרגומענט האָט אים איבערגעצייגט.

***

וווהין האָט מען נאָך געקענט גיין? — אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אויפן טירגאָרטן־באַנהאָף.

אַ געוויסן זונטיק־טאָג איז מאַרישיאַ מיט מאַציעקן דאָרט אַהינגעפאָרן. זיי האָבן באַצאָלט פאַרן אַריינגאַנג און באַטראַכט די חיות אין די שטייגן.

ער האָט נישט געהאַט קיין סך פאַרווייליונגען, אונדזער מאַציעק. איינמאָל איז ער געווען אין קינאָ און איינמאָל אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. דאָס איז געווען אַלץ. און די אַנדערע קינדער אין באַראַק? עס זענען נישט געווען קיין קינדער אין זיין עלטער — אָדער ייִנגערע, אָדער עלטערע פון אים. אין דער צייט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו חברן מיט אַ דייטשיש ייִנגל. ער האָט געהייסן האַנס און איז אַלט געווען ניין יאָר. זיין מוטער האָט געוווינט אין איינעם פון די הילצערנע הייזקעס לעבן דעם ביידל פונעם דענישן מיידל. דער פאָטער און דער עלטערער ברודער זענען געווען אויף דער מלחמה. די פרוי האָט געהאַט עטלעכע קינדער.

האַנס פלעגט קומען יעדן טאָג צו אונדז אין באַראַק נאָך די רעשט־לעך פון דער קיך. זיי האָבן געהאָדעוועט הינער און קראָליקעס. טיילמאָל פלעגט האַנס מיטברענגען מיט זיך אַ שוועסטערל אָדער אַ ברודערל.

ער האָט דערציילט, אַז ער גייט נישט רעגולער אין דער שול. ער גייט נאָר אויף צוויי שעה און נישט יעדן טאָג. פיל שולן זענען באַמ־באַרדירט געוואָרן און אַ סך לערער זענען געווען אויף דער מלחמה. דאָס איז געווען אַ רויִק און אינטעליגענט ייִנגל. ער האָט זיך געשפּילט מיט מאַציעקן און אַנדערע קינדער פון אונדזער באַראַק, כאָטש לויט די רעגולאַמינען האָבן דייטשישע קינדער זיך נישט געטאָרט שפּילן מיט די קינדער פון די לאַגערס.

איינמאָל האָט ער מאַציעקן געשאָנקען אַ שטיקל זייף — און אין

יענער צייט איז זייף געווען אַן אומאָפּשאַצבאַר אַרטיקל. אַן אַנדערש מאָל האָט ער — צו מאַרישיאַס דערשטוינונג — דערציילט וואָס עס האָט אָנגעגעבן דער ענגלישער ראַדיאָ.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען אין אונדזער באַראַק, וואָס איז פול געווען מיט וואַנצן און פליי, האָבן זיך באַוויזן לייז.

— לייז אין אונדזער באַראַק! — האָט געזאָגט לוצינאַ, אויסער זיך פון שרעק — די צווייי, וועלכע אַרבעטן אויפן שלעזינגער באַנהאָף האָבן פאַרלייזטע קליידער!

— מאַזור גיט אַרויס אין מאַגאַזין אַ רפואה קעגן לייז — האָט געזאָגט זאָפיאַ — יעדער קאָן עס קריגן... קעגן לייז אויף די קעפּ.

מיר האָבן אויך גענומען די מעדיצין. אָבער, אין דער צייט, ווען זיי האָבן זיך נישט געאיילט צו שמירן דערמיט די קעפּ, האָבן מיר עס כסדר גענוצט אין שרעק מיר זאָלן נישט פאַרלייזט ווערן. מיר האָבן דעריבער אויפגעוועקט דעם חשד, אַז מיר זענען אומריין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער שטורעם צוליב מאַציעקס האָר. ער האָט נאָך אַלץ געטראָגן לענגערע האָר, וואָס האָבן פאַרדעקט זיין שטערן און די אויערן.

— די גרויסע אויערן קענען אים נאָך פאַראַטן — האָט געזאָגט מאַרישיאַ — עס איז בעסער זיי צו באַהאַלטן.

שמידט האָט זי אַרייַנגערופן אין דער קאַנצעלאַריע: — מאַריאַ! — האָט ער אַ רעווע געטאָן — אויב דו וועסט נישט לאָזן אָפּשערן דיין זון, וועל איך נעמען די שער און כ׳וועל אים אַליין אָפּשערן, ער איז זיכער פול מיט לייז!

— אָבער איך וואַש אים יעדן טאָג דעם קאָפּ און יעדע נאַכט שמיר איך זיין קאָפּ מיט דער מעדיצין.

— דאָס איז דער בעסטער באַוויז, אַז ער איז פאַרלייזט. איך גיב דיר צוויי טעג צייט, וואָס טוט זיך דאָ, דאָננערוועטער! פאַרוואָס איז ער נישט אָפּגעשוירן ווי אַלע אַנדערע יינגלעך?

די ווערטער האָבן דעציִדירט. אויב אַנדערע יינגלעך זענען געשוירן, טאָר נישט אונדזער מאַציעק זיך אונטערשיידן. ער האָט באַדאַרפט אויסזען ווי אַלע אַנדערע. אפשר איז טאָקע זיין אַנדערשקייט געווען געפערלעכער ווי זיינע גרויסע אויערן.

מאַרישיאַ האָט געזאָגט:

— מאָרגן נאָכמיטיק, גלייך מאָרגן גיי מיט אים צו אַ פריזירער. עס איז פאַראַן איינער אויף אונדזער גאַס לעבן דעם באָמבאַרדירטן הויז.

צומאָרגנס בין איך מיט אים געגאַנגען און איך האָב דעם דייטשישן פריזירער באַצאָלט מיט מאַרקן. ווען מאַרישיאַ איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט זי זיך צו אים צוגעקוקט און געזאָגט:

— ער האָט גאָרנישט אַזעלכע גרויסע אויערן און דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט.

זי איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט זעקס אַזייגער. אויב עס איז געווען אַן אַלאַרעם און אַ באָמבאַרדירונג, איז זי שפּעטער צוריקגעקומען. דער גערליצער באַנהאָף וווּ זי האָט געאַרבעט און אויך אַנדערע באַנהאָפן זענען אָפט באָמבאַרדירט געוואָרן. דעמאָלט האָט מען איבערגעריסן די אַרבעט און נאָכן אָנגריף זיך צו איר צוריקגעקערט. טייל מאָל האָט זי, צוריקפאָרנדיק פון דער אַרבעט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין אַ פרעמדן שוץ־גרוב, אָדער אונטער אַ בריק. עס האָט אויך געטראָפן, אַז זי איז צוליב די אָנגריפן צוריקגעקומען איינס אַזייגער אין מיטן דער נאַכט.

עס איז געווען אין אונדזער באַראַק איין אַרבעטער, וואָס האָט געאַרבעט אויפן זעלביקן באַנהאָף. ער האָט געהייסן אַלפרעד טכוזשעווסקי. אין וואַרשע־פּראַגע אָט ער איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קינדער.

אַפילו ווען ער האָט פריער געענדיקט זיין אַרבעט און געמעגט זיין ווי הונגעריק און מיד, איז ער קיינמאָל נישט צוריקגעגאַנגען אַליין, נאָר געוואַרט אויף מאַרישיאַ. ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל אַליין צוריקגיין אַהיים אין דער פינצטערניש. אַ נישט דרייסטער פון דער נאַטור, אַ פאַרנאַכלעסיקטער און אַ שווייגנדיקער — האָט ער געלעבט מיט זיין היים, וואָס ער האָט געמוזט פאַרלאָזן און נאָך וועלכער ער האָט שטאַרק געבענקט.

זי האָט זיך מיט אים באַקענט אין אַ ליכטיקן זונטיקדיקן טאָג, ווען זי האָט צענומען און אַרויסגעשטעלט פאַרן באַראַק אונדזער צוויי־גאָרנדיק בעט. זי האָט געבערענגט פון דער קיך צוויי טעפּלעך הייס וואַסער און דערמיט באַגאָסן די ברעטלעך. אויף אַזאַ אופן האָט זי אומגעבראַכט די וואַנצן, וואָס זענען געווען פאַרשטעקט אין די ברעטער. ווען די ברעטער זענען טרוקן געוואָרן, האָט זי זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיטן צו־

ריקשטעלן די בעטן. טכוזשעווסקי האָט איר צוגעהאָלפן און צוזאַמענגע־שטעלט די געלעגערס אין צימער. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער באַקאַנטשאַפט.

***

— צי פאַרשטייסטו ווי וויכטיק עס איז וואָס דו אַרבעטסט אין דער קיך? — האָט נישט איינמאָל צו מיר געזאָגט מאַרישיאַ — דו באַהאַלטסט דאָך דאָס קינד אין שוץ־גרוב. ווען דו וואָלסט נישט געאַרבעט אויפן אָרט, וואָלט ער אַרומגעלאָפן איבערן הויף און וואָלט צוזאַמענגעקליבן די קאָ־לירטע צעלאָפאַן־שטיקלעך פון די צינד־באָמבעס.

אין אונדזער שענקל זענען געשטאַנען אונדזערע צוויי האַנט־בייטלען איינער לעבן דעם אַנדערן. דאָרט זענען געלעגן אונדזערע נייטיקסטע זאַכן און בעת אַן אָנגריף פלעגן מיר זיי מיטנעמען מיט זיך אין שוץ־גרוב אַריין.

— געדענק וועגן די בייטלען — האָט צו מיר געזאָגט מאַרישיאַ — איך האָב געהערט, אַז אַ באַראַק איז פאַרברענט געוואָרן בעת אַ באָמבאַר־דירונג, ווען די מענטשן זענען געווען ביי דער אַרבעט, דערנאָך האָבן זיי נישט געהאַט וואָס אָנצוטאָן.

דערפאַר האָב איך אַלעמאָל, ווען איך בין געגאַנגען אין געוועלב אַריין נאָך מילך, אָנגעזאָגט מאַציעקן:

— עס קאָן זיין אַן אָנגריף, ווען איך בין נישטאָ. נעם מיט זיך מיט אין שוץ־גרוב כאָטש איין בייטל, עס זאָל זיך עפּעס אָפּראַטעווען, אויב דער באַראַק זאָל פאַרברענט ווערן.

ווען ס׳איז איינמאָל ווירקלעך פאָרגעקומען אַ באָמבאַרדירונג און איך בין נישט געווען אין דער היים, בין איך צוריקגעקומען אַ דערשראָקענע: וואָס איז מיטן קינד? צי שטייט דער באַראַק אַ גאַנצער, צי איז ער נישט פאַרברענט געוואָרן?

דער באַראַק איז געשטאַנען אַ גאַנצער. עטלעכע פרויען מיט קינדער זענען טאַקע אַרויסגעגאַנגען פון שוץ־גרוב. מאַציעק איז נישט געווען צווישן זיי. ער איז אינגאַנצן נישט אַראָפּגעגאַנגען אין שוץ־גרוב. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויף און געטוליעט צו זיך דעם קליינעם פּלושע־נעם בער.

דעם בער האָט ער געקריגן, ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד. ער האָט זיך מיט אים קיינמאָל נישט צעשיידט. געהאַט אים אין געטאָ

און אויף דער אַרישער זייט. היות מיר זענען געווען אין יענע צייטן אַבער־גלייביק, איז די שפּילצייג פאַר אונדז געווען ווי עפּעס אַ מאַסקאַט: — „גיב מיר אַ גלעט מיטן בערל אויף גליק, ווייל איך גיי צו דער אַר־בעט" — האָט געזאָגט מאַרישיאַ, ווען ס׳קינד איז נאָך דעמאָלט נישט געשלאָפן אין דער צייט פון איר אָוועקגיין.

— צי ביסטו געווען אין שוץ־גרוב? צי האָסטו מיטגענומען די זאַכן?

— האָב איך געפרעגט אָטעמלאָז.

— ניין, — האָט ער געענטפערט — אָבער כ׳האָב דאָך מיטגענומען מיין בער, האָט אַלץ דאָך געמוזט זיין גוט...

ווען עס איז געווען אַן אָנגריף אין מיטן דער נאַכט, זענען נישט אַלע אַראָפּגעגאַנגען אין שוץ־גרוב. טכוזשעווסקי איז קיינמאָל נישט אַראָפּגע־גאַנגען און זשולקאָווסקי אויך נישט.

קיינער האָט קיינמאָל נישט געזען דעם גרוזינער און אַפילו קוויאַט־קאָווסקין, ווייל אין אַלגעמיין זענען מענטשן געווען אַזוי מיד נאָך דער אַרבעט, אַז זיי האָבן בעסער געוואָלט שלאָפן, און אפשר זענען זיי געווען איבערצייגט, אַז דער שוץ־גרוב איז גאָרנישט ווערט געווען און דערפאַר זענען זיי נישט אַראָפּ.

פרויען מיט קינדער און פרויען מיט מענער האָבן זיך יאָ אויסבאַ־האַלטן אין די שוץ־גרובנס.

טיילמאָל האָט געטראָפן, אַז עס זענען געווען צוויי אָנגריפן אין איין נאַכט, און אַפילו דריי. ביים דריטן מאָל זענען שוין די מידע מענטשן אינגאַנצן נישט אַראָפּגעגאַנגען. אומזיסט האָט דער וועכטער געשריגן, גע־קלאַפּט מיט די טירן און געטריבן אין די גרובנס...

מיר זענען צוליב מאַציעקן אַלע מאָל געגאַנגען זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער מאַציעק האָט נישט געוואָלט אַראָפּגיין פון געלעגער. ער איז גע־שלאָפן און בשום־אופן נישט געוואָלט אַראָפּגיין. דעמאָלט האָט אים מאַ־רישיאַ געשלאָגן. לעבן בעט איז געשטאַנען אַ שטעקן און מיטן שטעקן האָט זי אין פאַרצווייפלונג אים געשלאָגן אין מיטן דער נאַכט, ווען פייער איז געפאַלן פון הימל, ווען אַלץ אַרום האָט געברענט, אַלץ וואָס עס האָט נאָך געקענט ברענען...

ענדלעך, וואַקלענדיק זיך אין דער פינצטער, פאַלנדיק און בלאָנדזשענ־דיק אינעם געדיכטן נעפל, וואָס די באָמבאַרדירער האָבן אַרונטערגעלאָזט

— טייל מאָל בעת אַ רעגן, טייל מאָל בעת אַ שטורעם, האָבן מיר ענדלעך דערגרייכט דעם שוץ־גרוב. נאָך אַ האַלבער שעה זענען מיר צוריקגעגאַנגען כדי אַנטשלאָפן צו ווערן אויף אַ ווײַלע און אויפשטיין. מאַרישיאַ מיט אירע מיטאַרבעטער — האַלב נאָך דרײַ און אַנדערע — האַלב נאָך פיר פאַרטאָג.

— אָופשטעען, אַופשטעען, מאַריאַ! — האָט שטיל געוועקט דער וועכטער.

ווען דאָס איז געווען דער וועכטער רעיריך, איז ער גלײַך אַרויסגעגאַנגען פון צימער; ווען — האָפמאַן, ווען — האָפמאַן — האָט ער זיך כאַטש אויף אַ מאָמענט פאַרהאַלטן, כדי אַ בליק צו טאָן אויפן ליידיקן געלעגער פון באַרבאַראַ גורסקאַ. ער האָט געטראַכט וועגן איר, זיך דערמאָנט ווי זי פלעגט לאַנגזאַם אויסדרייען דעם קאָפּ צו אים און סודותפול שמייכלען...

גורסקאַ איז שוין נישט געווען אין אונדזער צימער און נישט אין דעם ליכטיקן און ריינעם איזאָלירטן צימער. זי איז אַרײַנגעפאַלן אין אומחן. מען האָט זי פאַרטריבן און אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדערן לאַגער אונטער בערלין. די איבערזעצערין לאָטטאַ האָט אָפּגעאָטעמט און די שוואַנגערנדיקע פרוי פון וועכטער האָפמאַן — אויך.

שמידט האָט געשוווירן אויף זײַן ערע, אַז גורסקאַס פוס וועט מער נישט איבערטרעטן זײַן לאַגער.

*****

זונטיק האָט מען נישט געאַרבעט. זונטיק איז געווען דער רו־טאָג. כמעט קיינער איז נישט געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן. מען איז מערסטנס געזעסן אין באַראַק. עטלעכע פרויען זענען געגאַנגען אין דער קירך. צווישן אַנדערע — מאַלינאָווסקאַ, אַ פרוי פון פופציק יאָר, וואָס האָט געריימט די קאַנצעלאַריעס אין איינעם פון די באַנהאָפן. איר מאַן איז קראַנק געווען אויף די לונגען, און ער האָט פון צייט צו צייט געהאָט בלוט־שטורצן. ער האָט געאַרבעט ווי אַ שלאָסער אויפן באַנהאָף, אָבער מערסטנטייל האָט ער זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן טעפּ און פאַנען פון אַלומיניום. דערנאָך האָט ער זיי פאַרקויפט די מענטשן אין באַראַק. איין טאָפּ האָט ער געשאָנקען מאַרישיאַן.

פרוי מאַלינאָווסקאַ איז רעגולער געגאַנגען יעדן זונטיק אין דער קירך.

די פרוי זשעלינסקאַ, איידער זי איז דערהרגעט געוואָרן דורכן לאָקאַמאָ־טיוו, פלעגט אויך מיטגיין.

שמידטן האָט דאָס נישט אינטערעסירט.

— זונטיק דאַרפן אַלע שלאָפן פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, כדי צו קענען דערנאָך בעסער אַרבעטן — פלעגט ער זאָגן. און ער האָט געיאָגט די מענטשן צו שלאָפן, נישט צו גיין אין דער קירך.

רעליגיע האָט קיינעם נישט אינטערעסירט און וועגן רעליגיעזע ענינים האָט קיינמאָל קיינער נישט גערעדט. קיינמאָל האָט מען אויך נישט געזונגען צוזאַמען רעליגיעזע לידער. מאַרישיאַ האָט אויפגעהאָנגען איבער איר געלעגער דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער, אָבער זי האָט זיך שנעל אַרומגעזען, אַז קיינער אויסער איר האָט נישט אויפגעהאָנגען קיין בילד. נישט אַנקאַ, נישט לוצינאַ, און אַפילו נישט זאָפיאַ. און אַזוי אַרום איז זי געבליבן איינע אַליין אין באַראַק מיט אַ הייליק בילד.

אין אונדזער צימער איז נאָר איין אַנקאַ דורכגעשלאָפן דעם זונטיק. די רעשט האָט געשמועסט. דאָס איז געווען דער טאָג צו פירן געשפּרעכן, פאַר וועלכע ס׳איז נישט געווען קיין צייט אין די אַלע געוויינלעכע אַר־בעט־טעג.

— גיב נאָר אַ טראַכט, — האָב איך געזאָגט, — דער בריוו איז אָנ־געקומען צו לוציאַ הערש, כאָטש ער איז געווען אַדרעסירט אָן אַ פּאָסט־מאַרקע. ווי אַזוי האָט זי אונדז אויסגעזוכט, ווען מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט אין וועלכן לאַגער מיר וועלן ווערן אַריבערגעטראָגן? מיר האָבן נאָר געשריבן, אַז מיר געפינען זיך אין טראַנזיט־לאַגער.

און מאַרישיאַ ענטפערט:

— מסתמא האָט אַן אַנטי־היטלעריסט געאַרבעט אויף דער פּאָסט. ער האָט אַרויפגעקלעפּט אַ מאַרקע און אַוועקגעשיקט דעם בריוו, אָדער ער האָט אים דורכגעלאָזט אָן פּאָסט־מאַרקעס. און וועגן אונדזער אַדרעס האָט זי זיך געקענט דערוויסן דורכן רויטן קרייץ. מיר האָבן דאָך אָנגעגעבן אונדזער נאָמען און צונאָמען...

— אויב זי האָט געשיקט אַ פּעקל, וועט זי אפשר אין קורצן אויך שרייבן צו אונדז. איך האָב מורא פאַרן בריוו, ווייל לאָטטאַ וועט אים לייענען. און לוציאַ הערש קאָן נאָך שרייבן וועגן עפּעס, וואָס מיר באַ־האַלטן אויס. זי קאָן, צום ביישפּיל, זיך פרעגן וועגן מיינע טעכטער און

איך דערצייל אַלעמען, אַז איך האָב געהאַט נאָר אַ זון, וואָס איז דער־הרגעט געוואָרן.

לוצינאַ איז געזעסן אויף זאָפּיאַס בעט און פון אַ קאָלירט שטיקל שמאַ־טע האָט זי זיך גענייט אַ בייטעלע. זי האָט געאַרבעט ביים רייניקן די וואַגאָנען אויפן גרינאַוער באַנהאָף און זי פלעגט פון דאָרט ברענגען פאַר־שיידענע שמאַטעס. איר מומע האָט איר אין לעצטן פּעקל געשיקט אַן אַלט פוטערל און זי האָט עס טאַקע געטראָגן פון אינדערפרי אָן, ווייל עס איז איר געווען קאַלט.

— אַך, לוצינאַ, צי וועל איך אַמאָל אויפהערן צו טראַכטן וועגן דעם?

— האָט אַ רוף געטאָן זאָפּיאַ זיך האַלטנדיק פאַרן קאָפּ.

— איר וועט זיך פאַרפייניקן צום טויט. יעדן טאָג וועגן דעם צו דערציילן?

— לוצינאַ, איך פיל אַז דאָס חיות גייט מיר אויס. אַ בייטעלע מיט צירונג! פאַרוואָס? פאַרוואָס איז מיר איינגעפאַלן אַזאַ משוגעת אין קאָפּ, אַז איך זאָל אַריינוואַרפן אַ בייטל מיט צירונג אין אַ קעלער אַריין? צי וועל איך נאָך אַמאָל אין מיין לעבן צוריקקומען אין דעם קעלער אויף דער גראַניטשנאַ גאַס?

— עך, די דייטשן וואָלטן סיי ווי ביי אייך אַלצדינג צוגענומען. צי האָבן זיי דען נישט צוגענומען ביי אַנדערע מענטשן זייגערלעך און צירונג?

— אפשר וואָלטן זיי צוגענומען און אפשר וואָלט זיך איינגעגעבן און זיי וואָלטן נישט צוגענומען. דערפאַר טאַקע פאַרפייניק איך מיך, ווייל איך ווייס נישט אויף געוויס...

פון צייט־צו־צייט האָט זיך לוצינאַ אָפּגעריסן פון איר אַרבעט און געקוקט אויף אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס האָט געהערט צו זאָפּיאַן. די פאָטאָ־גראַפיע איז געלעגן אויפן בעט. עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ בילד אויפן בית־עולם; אַ דענקמאָל מיט אַ צלם און אַ דייטלעכע אויפשריפט: „יאַן צענטקעוויטש". לעבן דעם דענקמאָל איז געשטאַנען זאָפּיאַ אָנגע־טאָן אין שווערע טרויער־קליידער.

— דאָס איז מיין מאַנס דענקמאָל — האָט זאָפּיאַ געהן געוויזן דאָס בילד — ביטע זייער, איר ווילט זען די פאָטאָגראַפיע?

טראָץ די מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג צוליב דעם זעקל מיט צירונג, איז, אין אַלגעמיין, זאָפּיאַ געווען אַ גאַנץ פיינע פרוי. זי האָט זיך גוט

דערנערט. אין די פרייע שעהן האָט זי געניית קליידער און בלוזקעס פאַר די אוקראַינישע קעכינס פון אַנדערע לאַגערן. אַנשטאָט געלט האָט זי פון זיי באַקומען פּראָוויאַנט.

יעדן אָוונט האָט זי אָפּגעשיילט קאַרטאָפל אין דער לאַגער־שיסל, אַריינגעגאָסן וואַסער און צוגעלייגט אַביסל פעטס פון אַ בלעכערנער פּושקע. זי האָט עס גוט צוגעדעקט מיט אַ צודעקל און אַוועקגעשטעלט אויפן אייזערן אייוועלע. די צוגעדעקטע שיסל איז אַזוי געשטאַנען די גאַנצע נאַכט און צומאָרגנס האָט זאָפיאַ געגעסן די שפּייז און אויך געגעבן אַ ביסל לוציניאַן.

— עס שמעקט ווונדערבאַר, דאָס וואָס איר קאָכט — האָט אַנקאַ געזאָגט, זיצנדיק איינגעקאָרטשעט אויף איר בעטל.

זאָפיאַ האָט איר נישט געענטפערט. זי האָט איר פאַראַכט מיטן גאַנצן האַרצן. מיר, דאַקעגן, האָבן געלעבט פריינטלעך מיט אַנקאַן. צי האָט די פריינטשאַפט נישט אַרויסגערופן ביי דער קלוגער זאָפיאַ קיין פאַרדאַכט?..

צום גליק האָבן מיר נישט געליטן צוליב קעלט. מיר האָבן געהייצט דאָס אייוועלע מיט קוילן־בריקעטן, וואָס מיר האָבן געברענגט פון הויף אין אַן עמער. ווען דאָס אייוועלע איז פאַרלאָשן געוואָרן, האָבן מיר געברענגט פון דער קיך אָדער פון אַן אַנדער אייוועלע, רויטע, אַנגעגליטע שטיקלעך און מיר האָבן ווייטער געהייצט.

אין קיך, ביי די קעסלען, איז שוין געשטאַנען אַן אַנדערער אַרבעטער. קאָנסטאַנטי איז שוין נישט געווען. דער נייער האָט געהייסן קאַטשינסקי. פעליקס קאַטשינסקי. און כאָטש ער האָט געהייסן פעליקס, האָט אים די פרוי לונד גערופן יאָהאַן.

— יאָהאַן — האָט זי גערופן — יאָהאַן, שנעל, שנעל!

זונטיק האָבן מיר, זיצנדיק אויף די בעטן, געלאַכט דערפון און מיר האָבן זיך אַלעמאָל דערמאָנט וועגן איינעם אַן אומגעוויינלעכן מיטיק, וועלכן מען האָט פאַר אונדז אַמאָל אָפּגעקאָכט.

איינמאָל, אַן איינאונאייינציק מאָל, נישט לאַנג נאָך אונדזער אָנקומען, האָט מען אונדז געגעבן אמתע ווינער שניצלס.

פאַרוואָס? קיינער האָט עס נישט געקענט אויסטייטשן. אפשר האָבן זיי זיך געריכט אויף אַ קאָמיסיע פון רויטן קרייץ און זיי האָבן זיך געוואָלט רעהאַביליטירן — אפשר האָבן זיי דערוואַרט געוויסע פּערזענלעכ־

קייטן פון די נייטראַלע לענדער? — פאַר אַלעמען איז עס פאַרבליבן ווי אַ רעטעניש. אָבער דורך לאַנגע חדשים האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם מיטיק, וואָס איז געווען אַן אמתע געשעעניש אין אונדזער לאַגער־לעבן.

עס פלעגט אויך טרעפן, אַז מיר האָבן געקריגן צו מיטיק געפּרעגלטע פלאָנדרעס און ווי שטאַרק האָבן אונדז געשמעקט די גרויסע, פלאַכע פיש!

די וואָכעדיקע פּאַרציעס, וואָס מען האָט אונדז צוגעטיילט, זענען געווען זייער קאַרגע, כמעט מיקראָסקאָפּישע: אַביסל וווּרשט, קעז, מאַרגאַרין און פּאָווידלע — וואָס אַן אמת — פון זייער אַ גוטער קוואַליטעט, אָבער ווי ווייניק!

דערצו נאָך האָט אונדזער קעכין, די פרוי לונד, איבערגעלאָזט פון יעדער פּאַרציע פאַר זיך — און אפשר נישט נאָר פאַר זיך? — צען אָדער צוואַנציק גראַם.

וועגן די זאַכן האָבן מיר געשמועסט זיצנדיק זונטיק אויף די בעטן.

איינמאָל האָט מען אונדז געגעבן צו מיטיק — שלימאַקעס. ים־שלי־מאַקעס אין פּערגאַמין־טעפּלעך. קיינער האָט עס נישט געוואָלט עסן. מען האָט פּראָטעסטירט און פאַרלאַנגט עפּעס אַנדערש. מענטשן זענען געגאַנגען שלאָפן הונגעריקע. וואָס וועט אַלזאָ זיין? שמידט וועט אַרויסוואַרפן הונדערט פּאַרציעס שלימאַקעס אין מיסטקאַסטן?

אין באַראַק איז געווען אַן אַרבעטער מיטן נאָמען ווענגלישעווסקי. ער האָט געוווינט מיט אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ טראַגיש פּנים — זי איז געווען ענלעך צו מאַרלענאַ דיטריך. זיי האָבן געוווינט אין איין צימער מיט לאָטטאַ און אַלעק און זיי וואָלטן געקענט אַ סך דערציילן וועגן די צייטן ווען אַלעק האָט זיך געטראָפן מיט גורסקאַ אויפן וואַרשעווער באַנהאָף.

צו דער דערשטוינונג פון גאַנצן לאַגער, האָט ווענגלישעווסקי אויפגעגעסן אַלע נישט געריטע פּאַרציעס פון די ים־שלימאַקעס.

— איך האָב ליב צו עסן — האָט ער געזאָגט קלאַפּנדיק זיך איבערן בויך. ער איז אַלט געווען אַן ערך פופציק יאָר. אַן אָפּגעלאָזענער, אַ נישט־ראַזירטער, אַ שמוציקער — איז ער אַלעמאָל אַרומגעגאַנגען איבערן באַראַק אין מאַנטל. אָבער ער איז געווען אַ פריילעכער, האָט זיך געוויצלט און געלאַכט.

— לאָמיר זיך ווענדן — האָט געזאָגט זשולקאָווסקי צו קוויאַטקאָוו־סקין — ער וועט פּלאַצן אָדער נישט פּלאַצן?

אַלע האָבן געלאַכט קוקנדיק אויף ווענגלישעווסקין. אַלע, חוץ זיין פרוי. זי האָט דעליקאַט געהאַלטן אין אירע פינגער אַ פּאַפּיראָס און אַרויס־געלאָזט דעם רויך, צומאַכנדיק די מידע אויגן. זי האָט אים פאַראַכט פון גאַנצן האַרצן.

***

זונטיק, ווען מען האָט נישט געאַרבעט, האָב איך מיך צום מערסטן געערגערט. איך האָב אַלצדינג געזען אין שוואַרצע קאָלירן; כ׳האָב נישט געהאַט קיין האָפענונג און קיין גלויבן. כ׳האָב געזאָגט:

— ס׳קינד איז דורכגעגאַנגען דורך אַ פלעווויט אין געטאָ און אַ שווערע שקאַרלאַטין אויף דער אַרישער זייט. און ווי אַזוי וועט ער דער־נערט? איין גלאָז מילך אַ טאָג און קיינמאָל נישט קיין שטיקל פליש, אַן איי, פרוכטן אָדער גרינסן...

— אָבער ער לעבט — האָט געזאָגט מאַרישיאַ.

דעמאָלט בין איך אַנטשוויגן געוואָרן. מיר האָבן געקוקט דורכן פענצ־טער אויף מאַציעקן, וואָס איז געשטאַנען לעבן די שטעכלדראָטן. ער האָט געטראָגן אַ בלוי היטל אויפן קאָפּ, אַ ברוין מענטעלע מיט אַ פלושענעם קראַגן און פון אונטערן מאַנטל האָבן זיך אַרויסגעזען די רויטע הויזן, גע־מאַכט פון דער ספּודניצע פונעם דענישן מיידל.

איך האָב דערציילט מאַרישיאַן וועגן דעם מיידל. ווען איך בין דורכ־געגאַנגען לעבן די הילצערנע הייזקעס און כ׳האָב אַריינגעקוקט אין איר ביידל — איז זי אַלעמאָל געלעגן מיט עפּעס אַ מאַן. דער מאַן איז גע־שלאָפן און זי האָט געקוקט אין פענצטער און איך האָב אַלעמאָל געכאַפּט איר בליק.

זי האָט געהאַט קורצע, בלאָנדע האָר. גלאַט פאַרקעמט און אַ בלייך, שטיל און טרויעריק פּנים. אירע באַוועגונגען זענען געווען לאַנגזאַמע, נישט דרייסטע. זי איז געגאַנגען נאַכלעסיק אָנגעטאָן. געהייסן האָט זי אינגעבאָרגאַ.

טייל מאָל האָב איך זי געזען ווי זי איז געזעסן אויף אַ באַנק לעבן עמעצנס אַ הויז און רויק געשמועסט מיט עלטערע פרויען. די פרויען האָבן

קיינמאָל מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דעם אָרט לעבן, וואָס זי האָט געפירט. זייער פריינטשאַפט צו איר איז געווען פשוט רירנדיק.

— דו פאַרשווענדסט דיין געזונט. — האָבן זיי העכסטנס געזאָגט. איך האָב מיר עס אויסגעטייטשט אַזוי:

דאָס שרעקלעכע פעלד פון רוינען, וואָס ס'האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט בערלין, האָט אויסגעגליכן אַלע קלאַסן און — דאָס אויפפירן זיך און דער אויסזען פון דעם מיידל זענען געווען אין אַ שאַרפן קאָנטראַסט מיט איר פּראָפעסיע.

ווען אין אונדזער צימער האָבן זיך נישט געפינען לוצינאַ, זאָפיאַ אָדער אַנקאַ — האָבן מיר גערעדט וועגן באַרבאַראַ גורסקאַ.

— איך בין זיכער, אַז זי איז אַ יידישע — האָט מאַרישיאַ געזאָגט — אויב אַנקאַ האָט דערקענט, אַז מאַציעק איז אַ יידיש קינד, האָט זי אויך נישט געקענט מאַכן קיין טעות מיט גורסקאַ.

— אָבער זי קען דאָך נישט קיין וואָרט דייטש!

— זי מאַכט אפשר אַן אָנשטעל.

גורסקאַ האָט אונדז אינטריגירט. ווען איך האָב זי געטראָפן, האָב איך זי באַטראַכט. כ'האָב מיך צוגעהערט צו דער אינטאָנאַציע פון איר שטים, איך האָב באַטראַכט די אויסגעשטאַרטקייט פון אירע אויגן, איר גאַנג, אירע פּלייצעס, אירע האָר, איך האָב זי אויפמערקזאַם אָבסערווירט.

ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך מיך אַפילו אַריינגעגנבעט אין איר נשמה. צי האָט זי גערעדט פון שלאָף? צי האָט זי אַמאָל גערעדט פון היץ? צי האָט זי נישט אַרויסגערופן אַ נאָמען וואָס האָט געקענט אויפוועקן חשד?

עס זענען געווען טעג, ווען איך בין געווען איבערגעצייגט, אַז זי איז אַ יידישע — און ווידער אַן אַנדערש מאָל האָט זיך עס מיר אויסגעוויזן ווי אַן אוממעגלעכע זאַך.

איינמאָל אין אַן אָוונט, גייענדיק דורכן קאָרידאָר, האָב איך מיך פאַרהאַלטן פאַר דער פאַרמאַכטער טיר פון דער קאַנצעלאַריע. דאָס איז געווען אַ טאָג, ווען מען האָט אויסגעצאָלט. איך האָב דערהערט די אויפגעהויבענע שטימעס פון שמידט און זאָפיאַ. זיי האָבן הויך גערעדט אויף דייטש.

אויף דייטש?... — זאָפיאַ האָט פּשוט גערעדט ייִדיש — אַזוי ווי עס רעדן די ייִדן פון די מזרח־געביטן.

און שמידט? שמידט האָט אפשר געטראַכט ביי זיך, אַז זי רעדט מיט אַ דיאַלעקט. עס זענען דאָך געווען צענדליקער דיאַלעקטן און געוויסע דיאַ־לעקטן האָט מען זייער שווער פאַרשטאַנען.

איך אָבער, שטייענדיק הינטער דער טיר, האָב פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט פון דער ייִדישער פרוי, וואָס האָט געטראָגן ברילן. איך האָב בליק־שנעל באַגריפן אַז די קאַרטאָפל אין דער שיסל, וואָס זאָפיאַ האָט יעדן אָוונט געשטעלט אויפן הייסן אייוועלע און געבראָטן דורך אַ גאַנצער נאַכט — דאָס איז געווען טשאָלנט — דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער טשאָלנט.

— און איר פאָטאָגראַפיע אויפן בית־עולם?

אויפן דענקמאָל, אין אַ לענגלעכער ראַם, אַ מאַן מיט וואָנצעס; אַ גלאַנצנדיקער צלם איבער אַ גריכישער אורנע; די דאַטעס פון געבורט און טויט און דער אויפשריפט: „צום הייליקן אָנדענק. יאַן צענטקעוויטש״.

דאָס איז געווען אַ געניאַלער טריק. די וויציקסטע מאַסקע פון אַלע וויצן. געוויס געקויפט גלייכצייטיק מיט די אַרישע פאַפּירן פאַר גרויסע געלטער.

נישט איינמאָל האָבן מיר וועגן דעם גערעדט, זיצנדיק אויפן געלע־גער אין אַ זונטיק־טאָג.

פון דערפאַרונג האָבן מיר געקענט פאַרשיידענע מאַסקעס, אָבער זאָפיאַס מאַסקע איז געווען שאַרפזיניקער פון אַלע. דאָס איז געווען אַן אמתער אוניקאַט און איז בלי־שום־ספק ווערט געווען די גרויסע געל־טער וואָס דאָס בילד האָט מסתמא אָפּגעקאָסט.

זאָפיאַ איז פאַר אונדז געוואָרן אין יענער צייט אַ נישט־אויסגעשעפּ־טע טעמע. מיר האָבן מיט נייגעריקייט געפאָרשט וואָס פאַראַ מעטאָדן זי באַנוצט און וואָס פאַראַ סטראַטעגיע זי ווענדט אָן שפּילנדיק איר ראָל. מיר האָבן געמאָסטן און געווויגן די באַוועגונגען, וואָס זענען אין אונדזער באַגריף געווען — פאַלשע, ווי אויך די, וועלכע האָבן באַוויזן אירע איינ־פאַלן און אינטעליגענץ. די פריינטשאַפט מיט לוצינאַ איז געווען אַן שום צווייפל אַ גוטע טאַקטיק. אויפן פאָן פון דער העל־האַריקער דאָרפישער פרוי, אין די שטראַלן פון אירע בלויע אויגן האָבן זיך די סעמיטישע מידות

פון זאָפיאַן — טאַנירט. לוצינאַ איז געווען איר שילד און זאָפיאַ האָט געוווּסט ווי אַזוי זיך מיט דער שילד צו באַדינען.

אין די אָוונטן האָבן מיר געהערט אַזעלכע געשפּרעכן:

— לוצינאַ, צי שלאָפט איר, לוצינאַ? איך האָב מיך דערמאָנט דעם חלום פון יענער נאַכט און איך טראַכט וואָס קאָן דאָס באַדייטן? — עס האָט זיך מיר געחלומט אַ הויז — ווי אויף דער גראַניטשנאַ גאַס — פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעצויגן מייז.

— מייז? — האָט זיך לוצינאַ געוווּנדערט — פון וואַנען ווייסט איר, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעצויגן?

— ווייל זיי האָבן געטראָגן באַגאַזשן... און דער סטרוזש האָט זיי געיאָגט מיט אַ לאָפּעטע.

— אַ שריפה — האָט געענטפערט לוצינאַ — נו, און וואָס ווילט איר? דאָס הויז אויף גראַניטשנאַ האָבן געוויס די דייטשן פאַרברענט.

דאָס גריבלען זיך אין חלומות און דאָס זוכן אין זיי אַ באַדייטונג; דאָס פאַרשן און דרייען זיך דעם קאָפּ מיט חלומות, איז נישט געווען קיין יידישע מידה. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּוילישן קליינ־שטעטלדיקן קלאַס. און אויב זאָפיאַ האָט זיך מיט איר גאַנצן באַוווּסטזיין געגריבלט אין די חלומות און אויסגעטראַכט שדים און געשפּענסטער פאַר לוצינאַן, זענען דאָס אַלץ געווען גוטע טריקן, אָבער צי האָט זי נישט איבערגעצויגן דאָס שטריקל, אַרויסווייזנדיק אַזאַ גרויסע פאַראַכטונג צו אַנקאַן? זי האָט זיך געמוזט פילן אויסערגעוויינלעך זיכער — צי נישט צופיל?

איך האָב נישט איינמאָל געכאַפּט אַנקאַס בייזע בליקן אין זאָפיאַס ריכטונג און איך האָב געהערט איר שפּאָטישן געלעכטער נאָך דעם ווי זאָפיאַ האָט דערציילט אַ מאָדנעם חלום.

דעם אָוונט, ווען די ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן, האָט אַנקאַ — ווע־מענס קישן האָט זיך געטראָפן מיט מיין קישן — אויפגעהויבן איר קאָפּ און האָט געענוג הויך געוואָרפן אין דער פינצטערניש פון צימער, צוויי שרעקלעכע זאַצן:

— זי איז אַ יידישע. זי איז רויזע פון גראַניטשנאַ גאַס...

דאָס איז געווען איר נקמה פאַר זאָפיאַס פאַראַכטונג.

***

צו די מאַלינאָווסקיס איז געקומען צופאָרן פון פוילן זייער טאָכטער יאַדוויגאַ. זי איז פרייוויליק געקומען צו אירע עלטערן אין דעם ספינד־לערספעלד, בערלין־קעפעניק־לאַגער, און דערפאַר טאָקע האָט זי גלייך גע־קריגן אַ גוטע אַרבעט אויף איינעם פון די באַנהאָפן.

זי האָט געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פון פעקלעך, ווו זי האָט גע־בונדן די שלעכט פאַרפּאַקטע פעקלעך און טיילמאָל געבראַכט צו אירע עלטערן עפּל און אַפילו זיסוואַרג.

יאַדוויגאַ איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר. זי האָט געהאַט אַ שיינע, געשוילטע שטים און זיך געפילט זעלבסט־זיכער.

פון דער גרויער לאַגער־דעקע האָט זי זיך אויפגענייט אַ ברייטן לויזן מאַנטל מיט אַ רונדן קראַגן און אַ מופקע פאַר די הענט. און פון די שטיק־לעך וואָס עס זענען פאַרבליבן, האָט זי זיך געמאַכט אַ בערעט אויפן קאָפּ. אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ האָט זי זיך געקויפט אַ פעדער און צוגענייט צום בערעט.

דאָס איז געווען אַן עלעגאַנץ, וואָס אונדזער באַראַק, פול מיט וואַנצן און פליי, האָט געקענט פולשטענדיק אָפּשאַצן. אַזוי אָנגעטאָן איז זי גע־גאַנגען צו דער אַרבעט און אַפילו אין דעם שוץ־גרוב בעת אַ לופט־אַנגריף.

זיי זענען אַלע מאָל אַראָפּגעגאַנגען אין שוץ־גרוב. מאַלינאָווסקי מיט אַ שווערן רענצל, פרוי מאַלינאָווסקאַ מיטן בעטגעוואַנט און יאַדוויגאַ מיט איר מופקע. די מאַלינאָווסקיס זענען געווען די איינציקע אין באַראַק וואָס האָבן געהאַט בעטגעוואַנט.

— וואָס איז געשען, פרוי מאַלינאָווסקאַ? — האָב איך זי איינמאָל געפרעגט, ווען זי איז געלאָפן דורכן קאָרידאָר מיט אַ נאַסן האַנטעך אין דער האַנט.

— אַך, — האָט זי געזאָגט — מיין מאַן האָט געקריגן אַ בלוט־שטורץ פון די לונגען...

איך האָב מיך דערשראָקן, אָבער כ׳האָב באַמערקט אַז סיי די פרוי, סיי די טאָכטער האָבן זיך דערמיט גאַרנישט שטאַרק איבערגענומען.

— ער פלעגט אין דער היים אויך האָבן בלוט־שטורצן — האָבן זיי געזאָגט.

איך האָב אַריינגעקוקט אין צימער, אין וועלכן ס׳איז געלעגן מאַלי־

נאָווסקי. ער איז אַלט געווען דרייאונזעכציק יאָר. ער האָט געהאַט גע־דיכטע גרויע האָר און גרויסע גרויע וואָנצעס — אַזוי האָבן מסתמא אַמאָל אויסגעזען די פּאָליאַקן. מען האָט זיך אים געקענט פאָרשטעלן ווי ער טאַנצט אַ פּאָלאָנעז אין אַ פּוילישן נאַציאָנאַלן קאָסטיום מיט אַ שווערד ביי דער זייט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ באַדינער אויפן קעניגלעכן הויף — ביי די שווערדן, בעכערס אָדער אין שטאַל.

איצט איז ער אָבער געלעגן אין אַ הילצערנעם באַראַק און זיינע אויגן פון אונטער די גרויע ברעמען האָבן געקוקט אין פענצטער, דורך וועלכן עס האָבן זיך געזען די שטעכלדראָטן. נאָך די דראָטן האָט זיך געצויגן אַ קאַנאַל און איבערן קאַנאַל זענען געשוווּמען שיפלעך.

טאַקע איצט איז דורכגעפאָרן אַ שיפל מיטן קאַפּיטאַן וואָס איז גע־זעסן ביי רודער און די וועש, וואָס האָט זיך געטרוקנט הינטער זיינע פּלייצעס. דאָס קליינע געלע הינטל איז שנעל אַרומגעלאָפן איבערן דעק.

אַ געוויסן טאָג איז צו אונדז אין לאַגער אָנגעקומען אַ נייע גרופּע באַן־אָנגעשטעלטע. און ווער איז געווען אין דער גרופּע? — קאָנראַד, דער שיינער קאָנראַד.

פון צייט־צו־צייט האָט יאַדוויגאַ פאַר אונדז געזונגען. אונדזער לאַ־גער האָט געהאַט די גרויסע פּריווילעגיע, וואָס עס האָט מיט אונדז גע־וווינט אַ זינגערין.

זי האָט געטרוימט וועגן רום, וועגן באַזיגן טויזנטער, וועגן אַ טריומף־רייזע איבער די הויפּטשטעט פון דער וועלט — זי האָט געזונגען נאָר אָפּערע־אַריעס. אָט דאָס קלוגע מיידל וואָס האָט ערנסט באַטראַכט דאָס לעבן און געקוקט אויף אַלץ און אַלעמען פון דער הויכקייט פון איר שטים — האָט מאָדנע נישט פאַרשטאַנען ווי איר רעפּערטואַר האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דערווירקלעכקייט פון אונדזער באַראַק־לעבן. דעמאָלט ווען אַ געוויינלעך פּאָלקסליד, געזונגען מיט איר קלינגענדיקער שטים, וואָלט טיף גערירט די צוהערער. די גרויסע פּרעמדע אַריעס מיט אומפאַר־שטענדלעכע ווערטער זענען אַראָפּגעפּלאָסן פון די הערצער ווי רעגנ־וואַסער.

דאָך האָבן זיך אַלע צוגעהערט. באַצויבערט נישט פון די ווערטער און נישט פון דער מעלאָדיע — נאָר פונעם בלויזן קלאַנג, פונעם בלויזן מאָדולירן פון איר שטים.

ווען עס האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן קאָנראַד — ווען, אַן אָבגעשפּאַרטער אַן דער טיר האָט ער מיט איין גלאַנץ פון זײַנע חוצפּהדיקע אויגן אַרומגענומען די אָרעמע שטוב מיט דער זינגענדיקער יאַדוויגאַ, וואָס האָט זיך מיט איין האַנט צוגעהאַלטן בײַם טאָפּלטן בעט — האָט יאַדוויגאַ דערפילט אַז די ערד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אונטער אירע פיס. זי האָט געוווּסט אַז זי וועט פון דעם מאָמענט אָן נישט האָבן מער קיין רו. זי האָט שוין מער נישט געוואָלט זינגען. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

***

ווו זענען די צײַטן פון דער ערשטער וואָך פון אונדזער אָנקומען אין ספּינדלערספעלד־לאַגער, ווען מען האָט אונדז אַלע צוגענומען צו עפּעס אַ ווײַטער אומבאַקאַנטער פאָרשטאָט?

צוערשט האָט מען אונדז געגעבן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן מחוץ דעם דיסטריקט פון בערלין. מיר זענען געפאָרן מיט אַן עלעקטרישער באַן און אונדזער לאַגער איז געבליבן אונטערן אויפזיכט פון דער קעכין, פראַוי לונד.

דאָרט איז געווען אַ סאָסנע־וואַלד און אין דעם וועלדל זענען געווען אַ סך הילצערנע באַראַקן. אין איינעם פון זיי האָבן געוווינט איטאַליענערינס. איך האָב געזען ווי זיי זענען דאָרט טומלדיק אַרײַנגעגאַנגען מיט האַנטעכער אויף די אַקסלען — זיי זענען מסתמא צוריקגעגאַנגען פון באָד. זיי האָבן הויך גערעדט איטאַליעניש.

דאָס איז זיכער געווען עפּעס אַ טראַנזיט־לאַגער. און גלייכצײַטיק איז עס געווען אַ רעגיסטראַציע־פּונקט. דאָ האָט מען אונדז פאָטאָגראַפירט און פאַרשריבן. אַ גרויסער עולם האָט געוואַרט אויף דער ריי.

מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט אַ סך שעהן, אָן עסן. עס איז אַפילו נישט געווען ווו זיך אַוועקצוזעצן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, אין גרויען שיטערן שטויב. קיין גראָז איז נישט געווען. יעדעס פיצל גרינס איז צעטאָפּטשעט געוואָרן דורך די טויזנטער פיס.

ווען מיר זענען אַזוי געזעסן מידע און שלעפעריקע, האָבן מיר פּלוצלינג דערזען אַן אָפּטיילונג פון מענטשן — בלויז מענער. זיי זענען געגאַנגען מיט שנעלע זעלנערישע טריט צו זעקס אָדער אַכט אין אַ ריי. ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען לעבן אונדז, האָבן מיר דערהערט:

— זיעלאָנקאַ, זיעלאָנקאַ, זיעלאָנקאַ!

דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אַז מען האָט זיי צוגענומען פון זיעלאָנקאַ לעבן וואַרשע. און אַז זיי ווילן אונדז דאָס זאָגן, כדי מיר זאָלן וועגן דעם וויסן און גע־דענקען.

ווען עס זענען שוין אַריבער אַן ערך פון הונדערט — האָבן די אַנדע־רע רייען געזאָגט:

— פּראָגאַ, פּראָגאַ, פּראָגאַ! — די זענען ווידער צוגענומען געוואָרן פון פּראָגע.

זיי האָבן זיך נישט געקענט פאַרהאַלטן כדי מיט אונדז צו ריידן. זיי זענען געפירט געוואָרן דורך דייטשן און זיי זענען געגאַנגען זייער שנעל, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ מיליטער־אָפּטיילונג.

זיי האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע קלאַסן. עס זענען געווען צווישן זיי מענטשן פיין־געקליידטע און אָפּגעריסענע, אַרבעטער, סטודענטן, טרע־גער, באַאַמטע. מיר האָבן אַלע פאַרלוירן דעם מוט הערנדיק ווי זיי האָבן ריטמיש איבערגעחזרט:

— וואַרשע, וואַרשע, וואַרשע!...

דערנאָך זענען מיר געגאַנגען אין דעם אַמט, וואָס האָט זיך געפינען אין איינעם פון די באַראַקן. דאָרט האָבן מיר אונטערגעשריבן אַ דעקלאַ־ראַציע, אַז מיר זענען געקומען פרייוויליק. עס האָט עקזיסטירט אַ ספּע־ציעלער סטאַטוס פאַר די פרייוויליקע און אויף דעם סמך האָבן מיר גע־נאָסן ספּעציעלע פּריווילעגיעס.

פון וואָס זענען באַשטאַנען די פּריווילעגיעס? — מיר זענען צוגע־טיילט געוואָרן צו אַן אַרבעט־לאַגער און נישט צו אַ קאָנצענטראַציע־לאַ־גער. מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פון פרייער באַוועגונג אין דער זאָנע פון בערלין און געהאַט דאָס רעכט צו געניסן פון מעדיצינישער הילף.

בשעת דעם אונטערשרייבן די פּאַפּירן זענען אַריינגעקומען עטלעכע איטאַליענישע זעלנער — נישט־ראַזירטע, אין זייער אַלטע אָפּגעטראָגענע מונדירן. זיי האָבן מסתמא געוואָלט וועגן עפּעס זיך פרעגן, ווייל זיי זע־נען געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט.

— וואָס וואָללען הייַנט די איטאַליענישע אַפּפּען? — האָט געפרעגט איינער פון די באַאַמטע.

די איטאַליענישע זעלנער זענען שוין דעמאָלט נישט געווען די אַלי־אירטע. די באַציִונג צו זיי איז געווען ווי צו אַ שונא. איך האָב זיי נישט איינמאָל געטראָפן הונגעריקע און שמוציקע אויף די גאַסן פון בערלין. זיי פלעגן אויפהייבן פון דער ערד רעשטלעך פון אַוועקגעוואָרפענע פּאַפּיראָסן און זיי האָבן געזוכט רעשטלעך עסן צווישן די ריִונען.

נאָך אַ סך שעהן שטיין אין דער זון און זיצן אינעם שטויב איז ענדלעך געקומען אויך די ריי אויף אונדז. מיט צוגעטשעפּעטע נומערן אויף די בוזעמס האָט מען אונדז פאָטאָגראַפירט אין אַ קליין ביידל. צוליב מיד־קייט בין איך און מאַרישיאַ גאָרנישט געווען ענלעך צו זיך. מיר האָבן אויף די בילדער אויסגעזען ווי טויטע.

קורץ נאָך דעם האָט מען אונדז געגעבן לעגיטימאַציעס, וואָס זענען גלייכצייטיק אויך געווען אַרבעט־ביכלעך. אויף דער ערשטער זייט איז געווען צוגעקלעפּט די פאָטאָגראַפיע אויף וועלכער צום דייטלעכסטן האָבן זיך אָנגעזען די נומערן. די נומערן האָבן זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן.

***

נאָך אַ געוויסער צייט האָט מיך לאָטטאַ אָפּגעשטעלט אין קאָרידאָר:

— פרוי מאַיעווסקאַ, עס איז דאָ אַ בריוו פאַר אייך — האָט זי געזאָגט. זי האָט מיר געגעבן אַ פּאָסטקאַרטל אויף וועלכן עס איז געווען אַ שווייצאַרישע פּאָסטמאַרקע.

איך בין אַריין אין צימער און פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך. איך האָב נישט געוואָלט אַז עמעצער זאָל זען ווי טיף גערירט איך בין. אין דעם גאַנצן באַראַק זענען מיר געווען די איינציקע וואָס האָבן נישט דערהאַלטן קיין בריוו. נישט פון קיין משפּחה און נישט פון קיין פריינד.

וואַרשע איז געווען פאַרברענט, אָבער אַחוץ וואַרשע האָבן דאָך עקזיסטירט אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, וווּ דאָס לעבן איז געפלאָסן פריי. עמעצער האָט ערגעצוווּ באַדאַרפט זיך מיט אונדז אינטערעסירן. אויב קיינער האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט אונדז, האָט געקענט אויף אונדז פאַלן אַ חשד...

קיינער פון פּוילן און פּלוצלינג עמעצער פון דער שווייץ. וואָס אַז

אמת — פון אַ נייטראַלן לאַנד, אָבער ווער זענען מיר אייגנטלעך געווען, וואָס מען האָט צו אונדז געשריבן פון דער שווייץ? אונדזער באַגער איז געווען אויסצוגלייכן זיך, צעשמעלצן זיך מיטן גרויען המון — ווייל נישט יאָהאַן פון די קעסלען, נישט די מאַלינאָווסקיס און נישט לוצינאַ האָבן געקריגן בריוו פון אויסלאַנד.

דערפאַר האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז לאָטטאַ האָט אויף מיר געקוקט אויף אַ ספּעציעלן אופן, ווען זי האָט מיר דערלאַנגט דאָס פּאָסט־קאַרטל. זי האָט צענזורירט די בריוו — דאָס האָט געהערט צו אירע פליכטן. זי האָט מיט דער גאַנצער זיכערקייט איבערגעלייענט דאָס קאַרטל און אפשר אַפילו ראַפּאָרטירט וועגן דעם אינהאַלט שמידטן.

דאָס קאַרטל איז געווען פון לוציאַ הערש, פון גענף; דער אונטערשריפט — לובינסקאַ. די זעלבע לובינסקאַ, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן אויפן פּעקל מיטן זייגערל.

— טייערע פרוי אַליציאַ — האָט זי געשריבן — ווי שטאַרק האָט מיך דערפרייט די ידיעה פון אייך. איר זענט געזונט, אַ דאַנקען גאָט. אָבער וואָס מאַכן אייערע טעכטער — ווייל איר האָט גאָרנישט דערמאָנט וועגן זיי...

טעכטער? כ׳בין בלאַס געוואָרן.

אין יענע צייטן האָט יעדער ייִד אויף אַרישע פּאַפּירן געהאַט אַ צוגעגרייטע געשיכטע וועגן זיך. אַ לענגערע, צי אַ קורצערע, אָבער מער־ווייניק אַ קאָמפּליצירטע. מען האָט גוט געמוזט געדענקען די אייגענע געשיכטע, כדי זיך נישט צו פאַרפּלאָנטערן אָדער מאַכן אַ טעות.

לויט מיין געשיכטע האָב איך נישט געהאַט קיין שום טעכטער. איך בין געווען אַן אלמנה און מיין זון, מיין איינציקער זון איז אומגעקומען אויפן קריג. איך בין געווען מיט מיין שנור און איר קינד.

אירענאַ און נינאַ האָבן נישט געקענט זיין מיינע טעכטער, ווייל יעדע פון זיי האָט געהאַט אַ מעטריקע און אַ קענקאַרטע אויף אַן אַנדערן נאָמען. זיי האָבן נאָר געקענט זיין מיינע שוועסטערס קינדער. מאַרישיאַ האָט געהאַט אויף איר קענקאַרטע דעם זעלבן נאָמען וואָס איך. דערפאַר האָט זי געקענט זיין נאָר מיין שנור, נישט מיין טאָכטער.

אַלע אין לאַגער, מיט וועלכע מיר זענען געווען מער־ווייניק באַ־

פריינדט, האָבן גאַנץ גוט וועגן דעם געוווּסט. לאַטקאַ האָט אויך וועגן דעם געוווּסט...

דערפאַר איז פאַר אונדז יעדע קאָרעספּאָנדענץ געווען געפערלעך. די צווייטע זייט האָט נישט געקענט וויסן וועגן דעם — די צווייטע זייט האָט נישט געוווּסט אין וואָס פאַרא ליניע זיך צו האַלטן און האָט אונדז געקענט קאָמפּראָמיטירן און ברענגען שאָדן.

מיר האָבן געהאַט אונטער פּיאָטרקאָוו אַ באַקאַנטע קריסטין, וואָס איז געווען דורך לאַנגע יאָרן באַפריינדט מיט אונדזער משפחה. נישט איינמאָל האָבן מיר געוואָלט צו איר שרייבן און זיך נאָכפרעגן וועגן אי־רענאַ און נינאַ, אָבער מיר האָבן מורא געהאַט צו שרייבן טאַקע צוליב די טעמים.

עס איז נישט געווען קיין שום צווייפל, אַז מיר האָבן זיך איצט גע־פינען אין לאַטקאַס הענט. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט זי איצט געקענט אַרויס־קריגן אונדזער סוד. מיט וואָס קענען מיר איר באַצאָלן פאַרן שווייגן?

איך האָב מיט זיך מיטגענומען פון וואַרשע מיין ווינטערמאַנטל. אַ ברוינער אויסגעפּאַסטער מאַנטל, געמאַכט ביי אַ גוטן שניידער.

אין די קאַלטע טעג האָב איך — אָנגעטאָן אין דעם מאַנטל — גע־טראָגן פון הויף די קוילן־בריקעטן אין אַן עמער. לאַטקאַ איז געזעסן לעבן פענצטער און אַרויסגעקוקט. איך האָב מיך אַלעמאָל געטראָפן מיט איר בליק.

— פרוי מאַיעווסקאַ, צי וואָלט איר מיר נישט פאַרקויפט אייער מאַנטל? — האָט זי געפרעגט.

— ניין! — האָב איך געענטפערט — איך קען נישט פאַרקויפן, ווייל איך וועל פאַרפרוירן ווערן אָן דעם מאַנטל.

אָבער וואָס וועט זיין ווען לאַטקאַ וועט זיך איצט פרעגן:

— פרוי מאַיעווסקאַ, איר ווילט נאָך אַלץ נישט פאַרקויפן אייער מאַנטל? — און זי וועט צוּוואַרפן אַ באַדייטנדיקן שמייכל?...

און איך? צי וועל איך איצט אויך זאָגן: „ניין, איך וועל פאַרפרוירן ווערן אָן דעם מאַנטל"? — ניין, איצט וועל איך עס שוין נישט זאָגן.

וועגן וואָס נאָך האָט געשריבן לוציאַ הערש?

אין אָוונט, ווען מאַרישיאַ איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָבן

מיר באַטראַכט יעדעס וואָרט און יעדן אות. ווייל עס איז געווען נאָך עפּעס אין דעם קאַרטל, וואָס האָט מיט אונדז טיף אַ טרייסל געטאָן.

„אין גיכן וועט קומען אַ קאָמיסיע, וואָס וועט צונעמען קיין שווייץ די קינדער פון די לאַגערס. צי וואָלט איר געוואָלט, אַז מאַרישיאַס זון זאָל אַוועקפאָרן?..."

צי מיר וואָלטן געוואָלט? מיר האָבן זיך אים שוין פאָרגעשטעלט אין אונדזער פאַנטאַזיע, ווי ער זיצט ביי אַ טיש אין אַ שווייצאַרישער היים. פאַר אים שטייט אַ גלאָז מילך... זעמעלעך, פּוטער, אייער, עפּעל, שאָ־קאָלאַד...

זאָל ער פאָרן! ווו איז די קאָמיסיע? מען דאַרף גלייך ענטפערן: מיר ווילן! מיר בעטן אייך וועגן דעם!

אונדזערע הערצער זענען געווען צו שטאַרק איבערפולט, אַז מיר זאָלן די ידיעה אויסבאַהאַלטן פון מאַציעקן. דערווייל אָבער האָט ער נישט גע־טאָרט וועגן דעם וויסן. דאָס זענען געווען אַזעלכע ווייטע פּלענער...

פון דעסטוועגן האָבן מיר אים געזאָגט וועגן דעם. ער האָט זיך אײַ־בערגעשראָקן און געוויינט. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם גע־דאַנק — ער האָט מורא געהאַט פאַר דער צעשיידונג.

מיר האָבן איצט אויסגעמיטן לאָטטאַ. מיר האָבן אויף איר געקוקט מיט שרעק און אומזיכערקייט. יעדן טאָג, יעדן מאָמענט האָבן מיר דער־וואַרט דעם דונער.

אָבער עס זענען נישט געקומען קיין שום פאָלגן. לאָטטאַ האָט גע־שוויגן. אפשר האָט זי נישט באַמערקט? זי האָט אין דער זעלבער צייט שרעקלעך געליטן צוליב אָלעקס אומגעטריישאַפט; דערפאַר אפשר איז איר אַלץ געווען גלייכגילטיק.

גלייכגילטיק צו אַלעם איז אויך געווען די פרוי מיכאַלסקאַ, די שרעקלעך דיקע מוטער פון דער יונגער מאַריאַ, דעם גרוזינערס געליבטע. זי האָט זיך נישט איבערגענומען מיט גאָרנישט. אינטריגעס, ליבעס, אָדער קריגערייען זענען פון איר אַראָפּגעשווומען ווי וואַסער. טעג און נעכט האָט זי געטראַכט נאָר פון איין זאַך: צוריקצופאָרן קיין פּוילן. קייענדיק קנאָבל, צי שיילנדיק קאַרטאָפל פלעגט זי צו מיר ריידן מיט צוטרוי:

— איך בין אַ גוטבאַזיצערין, מיין משפחה מאַכט באַמיונגען אונדז

צו באַפרייען. און שוין נישט לאַנג וועלן מיר פאָרן אַהיים. איך און מייז טאָכטער.

פרוי מיכאַלסקאַ האָט גלייכצייטיק מיט מיר געקריגן אַ בריוו. זי האָט געהאַט אַ מאָדנעם נאָמען: אסתר.

— איר וווּנדערט זיך? — האָט זי צו מיר גערעדט אין דער קיך — מיין מוטער האָט מיר געגעבן דעם נאָמען. אַזוי האָט זי געוואָלט. ביי אונדז זענען קינדער אויסגעשטאָרבן.

דער בריוו איז געווען פון פוילן; אַ רעקאָמענדירטער, פון איר מאַן. אין דעם בריוו איז געווען אַ דאָקומענט אַרויסגעגעבן דורך דער דייטשישער מאַכט. אויפן סמך פון דעם דאָקומענט קענען מיכאַלסקאַ עסטעראַ און איר טאָכטער מאַריאַ צוריקקומען אַהיים.

פרוי מיכאַלסקאַ האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז פיר אַזייגער, ווען מאַריאַ קומט צוריק פון דער אַרבעט. דערווייל האָט זי פאַרפאַקט אירע זאַכן.

אַזייגער פיר מיט דרייסיק האָט זי געשיקט נאָך איר דעם זעכצןיאָריקן יינגל, וואָס האָט געאַרבעט אויפן באַנהאָף אין דער שלאָסעריי צוזאַמען מיטן באַן־אַרבעטער מיללער.

— איר פאַרשטייט, פרוי מאַיעווסקאַ, איך האָב געמוזט נאָך איר שיקן, ווייל מיין פוס האָט נאָך נישט איבערגעטראָטן זייער שוועל.

נאָך דעם איז די טאָכטער זייער שנעל געקומען.

— מאַניושאַ, — האָט זי צו איר געזאָגט. זי איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט און דער בריוו האָט געציטערט צווישן אירע פינגער; זי האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם — עס איז דאָ אַ בריוו, מיר קענען מאָרגן אַהיימפאָרן!

— עס איז דאָ אַ בריוו? — האָט מאַריאַ געענטפערט און איז אַנטשוויגן געוואָרן פאַר אַ לאַנגער ווייל...

— דו פאָר, מאַמעלע, ווייל דער פאָטער איז אַליין אינדערהיים, אָבער איך מוז פאַרבלייבן, איך וועל בלייבן...

— פרוי מאַיעווסקאַ, דאָס איז דער ערשטער מאָן אין איר לעבן. און דאָס איז אַ גרוזינער — ער האָט זי פאַרשיכורט. וויאַזוי קען איך אַוועקפאָרן און זי דאָ איבערלאָזן? ער וועט זי קיינמאָל נישט באַפרייען.

מאַריאַ איז צוריקגעגאַנגען אין איר צימער. צוויי שיסלען מיט

זופּ זענען געשטאַנען אויפן טיש. דער גרוזינער האָט אויף איר געוואַרט. זיי האָבן געגעסן שווייגנדיק. קײַענדיק דאָס ברויט האָט מאַריאַ געקוקט אויפן אָרעמען געלעגער, אויף די געמיינע לאַגער־שיסלען, אויף די היל־צערנע ווענט, אויפן פענצטער הינטער וועלכן עס איז געפאַלן אַ דין רעגנדל און אויפן אַלטן און מיאוסן מאַן, וואָס האָט געפּאַרשט דעם צופּלוס און צוריקפּלוס פון די געפילן אויף איר פּנים. מיט יעדן נערוו האָט ער גע־פילט איר אויפרעגונג און כאָטש זי האָט גאָרנישט געזאָגט — האָט ער פאַרשטאַנען דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין איר נשמה.

זיבן אַזייגער איז זי געקומען צו לויפן צו איר מוטער, זי האָט זי אַרומגענומען און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער מוטערס אָרעם:

— איך וועל פאָרן מיט דיר — האָט זי זיך אָפּגערופן — ווייל וואָס וואַרט דאָ אויף מיר?

— אַזוי איז זי מיט מיר געזעסן צוויי שעה, פרוי מאַיעווסקאַ, און זי האָט געלאַכט און געוויינט... ווייל זי איז נאָך אַ קינד. זי איז שטאַרק און גרויס, אָבער זי איז נאָך ווי אַ קינד. מיר האָבן גערעדט וועגן אונ־דזער היים, וועגן אונדזער הונט, וועגן די מענטשן פון אונדזער געגנט... איך וועל אַפילו נישט גיין נאָך מיינע זאַכן — האָט זי געזאָגט — איך וועל ביי דיר איבערזיצן די גאַנצע נאַכט און אינדערפרי וועלן מיר פאָרן.

ניין אַזייגער האָט זיך מאַריאַ אויפגעריסן פון בענקל:

— מיינע דאָקומענטן זענען געבליבן אין דער שאַנק! ווי אַזוי קען איך פאָרן אָן מיינע פּאַפּירן? איך וועל אַ שפּרונג טאָן און באַלד צוריק־קומען. אַלע איבעריקע זאַכן וועל איך איבערלאָזן, ווייל זיי גייען מיך נישט אָן. אָבער ווי קען איך פאָרן אָן דאָקומענטן?

זי איז אַרויס פון באַראַק אויפן רעגן און איז אַריינגעפאַלן צו זיך אין צימערל. זי האָט געעפנט די שאַנק, אַרויסגענומען די דאָקומענטן און זיי אַריינגעלייגט אין איר טאַש. אין דעם צימער איז געווען פינצטער און זי האָט געמיינט, אַז קיינער איז נישטאָ.

ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט האָט זי אים באַמערקט. ער איז גע־שטאַנען ביים פענצטער און אַ קליינער שטראַל פון ליכט איז געפאַלן אויף זיין פּנים. ער האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די אויגן און ער האָט אינגאַנצן אויף איר נישט געקוקט. אָבער די הענט! ביידע הענט האָט ער געהאַלטן אויסגעצויגן פאַר זיך...

זי איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל ביי דער טיר מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע. און ווען זי האָט דערזען די אויסגעצויגענע הענט, איז זי אין זיי אַריינגעפאַלן ווי אַ פייגעלע. צומאָרגנס איז פרוי מיכאַלסקאַ אַוועקגעפאָרן אַליין.

***

מאַרישיאַ איז יעדן טאָג געפאָרן צו דער אַרבעט אויף גערליצע. זי פלעגט אַרויסגיין פון דעם באַראַק אין אַ נעפלדיקער פינצטערער נאַכט און צוריקקומען אין אָוונט, ווען עס איז שוין אויך געווען פינצטער. די נאַכט האָט זי פאַרשלונגען און די נאַכט האָט זי צוריקגעבראַכט. אָבער וואָס זי האָט געטאָן בייטאָג, האָב איך נישט געוווּסט.

איך האָב מיר געמוזט איר וועלט אַליין אויסמאָלן, אַליין פאָרשטעלן און שאַפן זיך די אילוזיע אויפן גרונט פון אירע ווערטער און שילדע־רונגען. טייל מאָל האָט זי גערן און פיל דערציילט — טייל מאָל האָט זי אויסגעמיטן מיינע פראַגעס מיט שטילשווייגן.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז דער הויפּט פון דער סטאַציע האָט גע־הייסן קאַסקאַ; אַז ער האָט געשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער עסט־רייכישער משפּחה. אַ רויִקער און געזעצטער מענטש. ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבן זיין קול. ער האָט באַהאַנדלט זיינע אונטערגעוואָרפע־נע און אַפילו די אויסלענדישע אַרבעטער אויף אַ העפלעכן אופן. אין אַלגעמיין איז ער געווען אַ מענטש, וואָס האָט געטאָן טובות — און אויב ער האָט געקענט עמעצן העלפן מיט אַן עצה אָדער אַ געפעליקייט, האָט ער עס גערן געטאָן.

אין דעם צימער, ווו מאַרישיאַ האָט געאַרבעט, זענען געזעסן צוויי באַאַמטע: מערזיצקי און ביטטער. זיי האָבן געפירט די בוכהאַלטעריע און זי האָט געציילט די אַרבעט־שעהן פון די מאַשיניסטן און באַהייצערס.

— צי זענען זיי צו דיר העפלעך? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, זיי זענען מיך מכבד מיט צוקערלעך און רופן מיך מאַריאַננאַ;

— מאַריאַננאַ וועט פאָרן מיטן ראַפּאָרט צו דער רייכס־באַן־צענטראַלע.

איז זי אַלזאָ געפאָרן. און די פון דער צענטראַלע האָבן איר גע־שטעלט מאָדנע פראַגעס: — זאָג נאָר — האָבן זיי גערעדט — וואָס פאַראַ זענען געווען די פּוילישע ייִדן? איז דאָס אמת אַז אַלע האָבן זיי גע־האַנדלט מיט וואַלוטע?

אַדער: — זאָג נאָר, וואָס איז דאָרט געשען אין פּוילן מיט די ייִדן?

פון די פראַגעס האָט זי זיך אַנגעשטויסן, אַז די ידיעות וועגן דער עקסטערמינאַציע פון ייִדן, זענען צו זיי דערגאַנגען. די פראַגע האָט זיי אינטערעסירט. זייער עקשנותדיק האַלטן זיך ביי דער טעמע, זייער עמ־פּינדלעכקייט אויף דעם פּונקט, האָט וועגן דעם עדות געזאָגט. אָבער זי האָט מורא געהאַט אונטערצוהאַלטן די געשפּרעכן, ווייל זי האָט נישט געוווּסט צי זענען דאָס פּראָוואָקאַטאָרישע פראַגעס, צי סתם אַזוי צוליב נייגעריקייט.

— איך האָב נישט געקענט קיין ייִדן, — האָט זי אויסמיידנדיק גע־זאָגט. — איך האָב אַמאָל געהאַט אַ ייִדישע שול־חברטע, אָבער איך האָב קיין ייִדן נישט געקענט און איך ווייס וועגן זיי גאָרנישט. — אַזוי האָט זי געענטפערט. יעדע קריסטין אויף איר אָרט וואָלט געקענט אַזוי ענטפערן.

— איך האָב געגעבן ביטטערן צוויי פּאַפּיראָסן און ער האָט מיר גע־געבן אַ ציבעלע — האָט זי מיר איינמאָל געזאָגט.

און אַן אַנדערש מאָל:

— איך האָב עפּעס געבראַכט פּאָר מאַציעקן. ביטטער האָט מיר גע־געבן אַ שטיקל קוכן, וואָס זיין פרוי האָט געבאַקן. און ווייסטו ווער זי איז? — זי איז היטלערס קעכין.

— היטלערס קעכין? — מיין וווּנדערן זיך איז געווען אָן אַ גרענעץ.

ביטטער און מערזיצקי האָבן געוווּסט אַז מאַרישיאַ האָט אַ זון און אַ מוטער. ביטטער האָט איינגעוויקלט דעם קוכן אין דין פּאַפּיר, דערנאָך אין אַ שטיקל צייטונג־פּאַפּיר און ער האָט עס אַריינגעלייגט דעם קוכן אין איר אָפּגעטראָגענעם בייטל, לאַכנדיק אין זיך — ווייל איז עס דען נישט געווען מאָדנע, אַז איר קינד וועט עסן אַ שטיקל קוכן, וואָס איז געבאַקן געוואָרן דורך היטלערס קעכין?

— דו האָסט נישט קיין אַנונג, ווי שטאָלץ ער איז מיט זיין פרוי. ווען ער דערציילט וועגן איר... ווייזט זיך אויס, אַז ער קוקט מיט פאַראַכ־טונג נישט נאָר אויף מיר, נאָר אַפילו אויף מערזיצקי.

און וואָס האָב איך געוווּסט וועגן דעם מערזיצקי? — כמעט גאָרנישט, נאָר אויף אַזויפיל, אַז ער האָט לאַנגע יאָרן געוווינט מיט זיין ווייב נישט ווייט פון פּויזן. אַז ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער און ער האָט זייער דערפון געליטן.

דער קאָנטאַקט אַלזאָ איז געווען אָנגעבונדן. ווען עס האָט געדעגנט און מאַרישיאַ איז געגאַנגען אין פלאַכע, דינע פּאַנטאָפל, האָט זי זיך געווענדט צו ביטטערן:

— צי וואָלט איר מיר געהאָלפן זיך צו פאַרשאַפן אַ פּאָר קאַלאָשן, צי באָטן? איך וועל אייך באַצאָלן מיט פּאַפּיראָסן.

ער האָט איר געבראַכט די באָטן פון זיין ווייב, ווייל יענע האָט זיי שוין נישט געטראָגן. פּאַפּיראָסן האָט זי גענומען ביי זשולקאָווסקי — ער האָט איר אַלע מאָל אָפּגעטראָטן פּאַפּיראָסן פאַרן קאָסטנפּרייז — און געגעבן ביטטערן אין אויסטויש פאַר די באָטן. די באָטן זענען געווען צו גרויס און שטאַרק אָפּגעטראָגן. מען האָט געזען, אַז זיי וועלן זיך שנעל צערייסן. מיר האָבן זיי באַטראַכט מיט גרויס נייגעריקייט. דאָס האָט געטראָגן פריער היטלערס קעכין און איצט — מאַרישיאַ. איז דאָס נישט געווען מאָדנע?

— וואָס טוסטו דאָרט אויפן באַנהאָף? — האָב איך געפרעגט.

טיילמאָל איז זי געווען אָן איבערזעצערין. זי האָט נישט געקענט קיין רוסיש אָדער אוקראַיִניש, אָבער זי האָט פאַרשטאַנען וואָס יענע האָבן גערעדט און זי האָט געקענט איבערזעצן.

— מאַריאַננאַ! — האָט מען זי גערופן — קום אַהער און פאַרטייטשט וואָס עס רעדט די אוקראַיִנישע פרוי!

אויפן באַנהאָף האָט מען געשולט די אוקראַיִנישע פרויען צו זיין באַנהייצערינס. אָנצופילן אַ שווערע לאָפּעטע מיט קוילן און זי אַריינוואַרפן אין לאָקאָמאָטיוו־קעסל. דאָס איז נישט געווען קיין אַרבעט פאַר פרויען. האָט זיך טאָקע איינע צעבונטעוועט און אַ העכערן מייסטער געשפּיגן אין פּנים אַריין. זי האָט זיך געקלאַפּט אין די ברוסטן און מיט זשעסטן האָט זי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי קען שוין נישט מער, אַז זי איז אינגאַנצן אויסגעשעפּט פון די כוחות. דער מייסטער האָט איר דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים — איין מאָל און נאָך אַמאָל. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אומגעפאַלן. אָבער מען האָט זי אונטערגעהאַלטן און אַוועקגעשטעלט אויף די פיס. זי האָט זיך גלייך באַרויִקט אין איין מאָמענט. זי האָט זיך אַוועקגעדרייט און וואַקלענדיק זיך נאָך אויף די פיס, האָט זי זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן לאָקאָמאָטיוו און אָנגענומען די לאָפּעטע...

זי האָט אויך דערציילט, אַז זי קען איינעם אַ פראַנצויז אויף גערלי־צע, וואָס היט טאַקע די אוקראַאינישע פרויען, וואָס רייניקן די וואַגאָנען. זיי האָבן נישט גוט אויסגעפירט זייער אַרבעט. צו לאַנגזאַם:

— דאָס איז דאָך סאַבאָטאַזש! — האָט געבורטשעט דער עלטערער מייסטער — שריי אויף זיי! — האָט ער אַ רעווע געטאָן. — שריי אויף די צויגן! וואָס איז דאָס? מען דאַרף דיך לערנען? פאַרוואָס שרייסטו נישט אויף זיי?

דעמאָלט האָט דער פראַנצויז — אַ קליינער, מאָגערער פראָוואַנסאַ־ליער געענטפערט: — מיר פראַנצויזן שרייען נישט אויף קיין פרויען.

מאַרישיאַ האָט איבערגעזעצט זיינע ווערטער פאַרן מייסטער.

אַן אַנדערן אָוונט האָט זי ווידער געברענגט אַ שטיקל קוכן איינגע־וויקלט אין אַ פּאַפּיר.

— דאָס איז פון אַן איטאַליענישן באַהייצער, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט מיר.

זי האָט אים צום ערשטן מאָל געזען אין אַ קאַלטן, שנייענדיקן נאָכ־מיטאָג, ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען פון שוט־גרוב נאָך אַ באָמבאַרדי־רונג. ער איז אַריינגעקומען אין דער קאַנצעלאַריע — אַ שוואַרצער פון סאַזשע און קוילן. ער האָט געשטאַמט פון הינטער מילאַן, פון באַרוף איז ער געווען אַ בעקער. ער האָט איר גלייך געזאָגט:

— אין מיין געבורטשטעטל בין איך געווען ווייס פון מעל; דאָ בין איך שוואַרץ פון קוילן.

ער האָט געבאַקן, קיינער זאָל נישט וויסן, פאַרשיידענע קיכלעך און דערנאָך האָט ער זיי פאַרקויפט אויף לינקס. און היינט האָט ער איר גע־שאָנקען אַ קיכל...

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן רעגנס און שנייען האָט מאַרישיאַ וואָס אַן אמת געטראָגן די באָטן, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין וואַרעמען מאַנטל און נישט קיין גאַנצע שיך.

סטאַניסלאַוו זשולקאָווסקי האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיִען ערגעצוווּ צו שאַפן אַ וואַרעמען מאַנטל. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אי־בער בערלין און געפירט געוויסע געשעפטן, וועגן וועלכע ער האָט נישט גערעדט דייטלעך. אין אָוונט האָט ער געבראַכט אַ מענערישן האַרבסט־מאַנטל וועלכן ער האָט אָפּגעטראָטן מאַרישיאַן אין קאָסטנפּרייז. ער האָט

ביי איר גאַרנישט געוואָלט פאַרדינען, געדענקענדיק דעם טאָג ווען זיי האָבן צוזאַמען אויסגעריסן די ווילדע גראָזן אויף אַ קרויטפעלד. פאַנטאָפל איז אונדז געלונגען צו קויפן ביי דער פרוי לונד, אונדזער לאַגער־קעכין. דאָס זענען געווען שוואַרצע האַלבע שיך אויף פלאַטשיקע אָפּצאַסן, וועלכע עס האָבן געוויינלעך געטראָגן עלטערע דייטשקעס.

ווען עס איז פון פוילן אָנגעקומען אַ נייע גרופּע פון באַן־אַרבעטער, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפינען דער שיינער קאָנראַד — האָט מען מער ווי אַ צענדליק פון דער דאָזיקער גרופּע געשיקט אויף גערליצע. צווישן זיי האָט זיך אויך געפינען אַנטאָניוק און זיין פרוי.

אַלע אין באַראַק האָבן געוווּסט, אַז מאַרישיאַ אַרבעט אין דער באַן־קאַנצעלאַריע. געוויסע מענטשן האָבן איר געבעטן זי זאָל זיך באַמיִען זיי צו העלפן קריגן אוניפאָרמען. אַנטאָניוקאָוואַ האָט ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל איר העלפן צו באַקומען אַרבעט אין די מאַגאַזינען.

— פרוי מאַיעווסקאַ — האָט זי צו איר הייס געשעפּטשעט — פאַר מיר איז עס זייער וויכטיק, ווייל איך קען זיך נישט צופיל באַוועגן. איך האָב מיין פוס אויף אַ טשוואָק.

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וואָלט געוואָלט אויפהייבן דאָס קלייד און איר ווייזן דעם טשוואָק, אָבער זי האָט זיך פאַרהאַלטן. זי האָט געהאַט דעם טשוואָק אין דער קני אָדער אין היפט. טראָץ דעם האָט זי נאָר אַביסל אונטערגעהינקען. זי איז געווען אַ הויכע און שיינע פרוי, דער־ביי אַ קלוגע און ענערגישע. זי האָט געהאַסט יידן פונעם גאַנצן האַרצן. ווען זי האָט אָנגעהויבן צו ריידן אויף דער טעמע, האָט זי געקענט ריידן אָן אַ סוף.

אַדאַנק מאַרישיאַס פאַרמיטלונג האָט זי ווירקלעך געקריגן אַרבעט אין מאַגאַזין און דעמאָלט איז נישט געווען קיין גרענעץ צו איר דאַנק־באַרקייט. זי האָט איינמאָל אַפילו געבראַכט פאַר מאַציעקן — ווען ער איז געווען קראַנק — אַ הויפן רייז אין אַ בייטעלע. דאָס איז געווען אין יענע צייטן אַן אומשאַצבאַרע זאַך.

מאַרישיאַ האָט זיך אויך באַמיט ביי דעם הויפּט, קאַסקאַ, אַז מען זאָל געבן מונדירן פאַר אונדזערע באַן־אַרבעטער. און וואָס איז דערנאָך געשען? זיבן פון זיי זענען דערנאָך אַנטלאָפן צוריק קיין פוילן. ווען זיי האָבן געטראָגן די מונדירן איז זיי דאָס אַנטלויפן גאַנץ לייכט אָנגעקומען,

דאָס אַנטלויפן פון די באַן־אַרבעטער האָט בלי־שום־ספק אין אַ גרוי־סער מאָס אַ וואַקל געטאָן איר פּאָזיציע אין דער קאַנצעלאַריע. מען האָט שוין צו איר נישט געהאַט דעם זעלבן צוטרוי וואָס פריִער.

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך באַוויזן אין דער קאַנצעלאַריע אויף גער־ליצע אַ מיידל, וואָס איז פרייוויליק געקומען צו פאָרן פון פּוילן.

זי איז געווען עלעגאַנט אָנגעטאָן און האָט געגעסן ברויט מיט חזיר־שמאַלץ. זי האָט געהאַט אַ סך זאַכן אָנצוטאָן און אַ סך עסנוואַרג. אָבער קיין שום אָנונג נישט וועגן קאַנצעלאַריע־אַרבעט.

מאַרישיאַ האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל איז געקומען כדי צו פאַרנעמען איר פּלאַץ. זי האָט זיך פאַרלאָזט אויפן גורל. די מלחמה האָט זיך דערנענטערט צו אַן ענד — דאָס האָט זיך געפילט אין דער לופטן און אין דער וואָס אַמאָל שווערער אַטמאָספער, וואָס האָט גע־הערשט ביי דער אַרבעט.

זי האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם און געדולדיק אַריינצופירן דאָס מיידל אין דער קאַנצעלאַריע־טעטיקייט. מאַרישיאַ האָט פון איר געקריגן ברויט מיט שמאַלץ. דאָס מיידל האָט זי מכבד געווען מיט עסן, אָבער פאַקטיש איז דאָס געווען אַ בלוינונג פאַר דער לערע.

ווער ווייסט? אפשר טאַקע דערפאַר איז זי אימשטאַנד געווען אַרי־בערצוטראָגן די שווערע צייט? כמעט אַלע אונדזערע פּאַרציעס פון פּעטס און וווּרשט האָבן מיר אַוועקגעגעבן מאַציעקן. מיר האָבן געוואָלט ער זאָל איבערהאַלטן. עס איז, דעם אמת געזאָגט, געווען אין דעם אַ געוויסער אומ־זין — ווייל ווען מיר וואָלטן אומגעקומען פאַר אים, וואָס וואָלט מיט אים געשען?

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט מיר מאַרישיאַ געזאָגט:

— שוין נישט לאַנג וועט מען מיך באַזייטיקן פון מיין אַרבעט אין דער קאַנצעלאַריע און מען וועט מיך אַריבערטראָגן ערגעץ אַנדערש.

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי? — האָב איך געפרעגט.

— ווייל איך האָב שוין אויסגעלערנט דאָס מיידל טאָן די אַרבעט, און צו איר האָט מען מער צוטרוי ווי צו מיר. זי איז געקומען אַליין, נישט מיט קיין טראַנספּאָרט, נאָר אַליין, פון איר גוטן ווילן.

און מען האָט ווירקלעך מאַרישיאַן אַריבערגעטראָגן אויף דער דריי־פלאַטפאָרמע, צו דער דריי שייבע. זי האָט געפירט די לאָקאָמאָטיוון אויף

די ריכטיקע רעלסן. דאָס איז געווען אַן עלעקטרישע דריישייבע. אָבער נאָך אַ באָמבאַרדירונג איז אָפט נישט געווען קיין עלעקטריש ליכט — דעמאָלט האָט זי געמוזט שטופּן די דריי־פּלאַטפאָרמע צוזאַמען מיט די אַרבעטער.

***

איצט איז איר סטאַציע, איר פּונקט, געווען אַ קליינע הילצערנע בודקע צווישן אַ נעץ מיט רעלסן. טאָג און נאַכט האָט דאָרט געברענט אַן אייזערן אייוועלע. ביים אייוועלע האָט זי געוואַרעמט אירע קאַלטע הענט — רויטע און געשוואָלענע. דאָ האָט זי געגעסן איר האַרט שטיקל ברויט, דין אָנגעשמירט מיט מאַרמעלאַד און געטרונקען שוואַרצע קאַווע פון אַ פלאַש.

אויף דעם אייוועלע האָט זי געקאָכט אין אַ בלעכערנער פּושקע — בוראַקעס, וואָס זי האָט געברענגט מיט זיך פון לאַגער. עס זענען לעבן איר געזעסן דייטשישע באַן־אַרבעטער און איינער פון זיי האָט איינ־מאָל געזאָגט:

— מען דאַרף האָבן רעספּעקט און אָנערקענונג פאַר די אַליאירטע, ווייל זיי קעמפן און קומען־אום כדי אונדז אַרויסצוציִען פון דעם דרעק.

ער האָט געאַרבעט אויפן באַנהאָף זיבנאונצוואַנציק יאָר. ער האָט גע־הייסן קראַוז.

— די מיטן שוויין־סטעמפּל — האָט געזאָגט אַן אַנדערער — אָ, די מאַכן שוין אין די הויזן פון שרעק!

ווען איך האָב, לויטן שטייגער פון אַ מאַמע, זיך געקלאָגט איבער איר אַרבעט און באַדויערט וואָס זי איז נישט אין דער קאַנצעלאַריע, האָט זי געזאָגט:

— אָבער דאָ איז אינטערעסאַנטער, דאָ טרעף איך פאַרשיידענע מענטשן, און נאָך איין זאַך: אין דער קאַנצעלאַריע האָב איך געמוזט קעמפן מיט מיין שלעפעריקייט. דאָ בין איך אין אַ כסדרדיקער באַוועגונג...

איינמאָל האָט זי אויף דער דריישייבע באַקומען אַ זעץ מיט דער קאַרבע פון דער מאַשין. זי איז אַוועקגעפאַלן און געחלשט.

זי האָט באַקומען דעם זעץ אין שטערן צווישן די אויגן און אין דער ברוסט. זי איז געשטאַנען אויף דער דריי־פּלאַטפאָרמע און האָט געשטופּט דעם לאָקאָמאָטיוו צוזאַמען מיט אַנדערע. דאָס איז געווען נאָך אַ באָמ־

באַרדירונג און דאָס ליכט האָט נישט פונקציאָנירט. פלוצלינג איז צוריק־געקומען דאָס עלעקטרישע ליכט...

מען האָט זי אַריינגעטראָגן אין דער קאַנצעלאַריע. איר באַקאַנטער אַרבעטער, דער איטאַליענער פון הינטער מילאַן איז געווען דערביי ווען ס'איז מיט איר געשען דער אומגליקלעכער פאַל. ער האָט געביילט זיינע הענט און איז געלאָפן איבער דער פּלאַטפאָרמע שרייענדיק:

— באַרבאַרן, אָ באַרבאַרן! אַזאַ אַרבעט גיבן זיי פרויען!

אין אָוונט איז זי צוריקגעקומען אין באַראַק צוזאַמען מיט אַלפרעד טכוזשעווסקי.

***

יעדער אַרבעטער פון אונדזער לאַגער האָט געהאַט אַ פאַרזיכערונג־פונקט אַזוי ווי די דייטשן. אויב ער איז געווען קראַנק און האָט געהאַט איבער 38 גראַד היץ — איז ער געגאַנגען אין אַדלערסהאָף־לאַגער, ווו עס האָט אַמטירט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אים באַפרייט פון דער אַרבעט. ווען מאַרישיאַ האָט איינמאָל אין דער פינצטער זיך אויסגעדרייט אַ פוס אויפן באַנהאָף, האָט מען איר געמאַכט אַ רענטגען־אויפנאַמע.

ווען עמעצער האָט זיך באַקלאָגט אויף די אויגן, האָט מען אים געשיקט אין דער אויגן־קליניק און ער האָט באַקומען ברילן אָן געלט.

עס איז אויך געווען אַ דענטיסט, צו וועלכן מען איז נאָך דער אַרבעט זיך געגאַנגען היילן די ציין. מאַרישיאַ איז אויך צו אים אַ געוויסע צייט געגאַנגען, ווייל עס האָט איר ווי געטאָן אַ פאָדערשטער צאָן.

דער דענטיסט איז געווען אַ גוטמוטיקער מענטש און ער האָט ליב געהאַט אַמאָל זיך צו ווינצלען:

— וואָס איז געשען? — האָט ער געזאָגט — איז דאָס אמת אַז אַלע יידן אין פוילן זענען פלוצלינג געשטאָרבן? זיי זענען קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער גריפּע און געשטאָרבן? אַזוי מיט אַמאָל? און אַלע צוזאַמען? ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען? דערציילט מיר עפּעס וועגן דעם...

זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט קיינמאָל קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט יידן. זי האָט מיט יידן קיין שום געמיינזאַמס נישט געהאַט און זי ווייסט נישט, צי זיי לעבן, צי זיי זענען געשטאָרבן.

זי האָט נישט געקענט פּטור ווערן פון דעם דענטיסט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן יידן.

עס זענען צו אים געקומען מערסטנטייל די עלטערע פרויען פון אונ־דזער לאַגער. ער האָט זיי אַרויסגעריסן די וואָרצלען פון די ציין.

— ער האָט מיר אַרויסגעריסן זעקס וואָרצלען, פרוי מאַיעווסקאַ, — האָט מיר דערציילט כאַינאַצקאַ. זי האָט מיך שטאַרק צוגערעדט איך זאָל צו אים גיין: — עס קאָסט גאָרנישט דאָס אַרויסרייסן, איך האָב נישט באַ־צאָלט קיין גראָשן — האָט זי געזאָגט.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז דער דעמבטשאַק האָט — וואַרטנדיק אין דער פינצטער אויף דער סטאַציע — נישט באַמערקט דעם אָנקומענדיקן טראַמוויי און ער האָט באַקומען אַ זעץ אין קאָפּ. מען האָט אים צוגענו־מען אין שפּיטאָל. צוויי חדשים האָט מען אים געהיילט. וואָס אָן אמת, איז ער פון דאָרט אַרויס, אָבער אינגאַנצן ווי אַ געענדערטער. טיילמאָל האָט ער געלאַכט און נישט געענטפערט צו דער זאַך. ער האָט געהאַט אַ טיפן שראַם פונעם אויג ביז צום אויער — אָבער ער האָט דאָך געלעבט און איז אַפילו געגאַנגען צו דער אַרבעט. אַלע האָבן געמיינט אַז ער וועט שטאַרבן.

די לוטשאַקס האָבן געהאַט מיט זיך אַ בילד־שיינע טאָכטער וואָס איז געווען אין פינפטן חודש פון שוואַנגערשאַפט. מען האָט זיך מיט איר פאַרנומען און איבערגעריסן די שוואַנגערשאַפט. זי האָט גאָרנישט דער־פאַר באַצאָלט.

אַן ענלעכע זאַך האָט פּאַסירט מיט וועראָניקאַ, די וועלכע האָט גע־לעבט מיט קוויאַטקאָווסקי. זי האָט זיך געוואָלט איבערצייגן צי זי איז נישט שוואַנגער און מיך געבעטן איך זאָל מיט איר גיין צו אַ גינעקאָלאָג.

ער האָט געוווינט אויף קעפּעניק.

— איך בעט אייך זייער, פרוי מאַיעווסקאַ! איך האָב מורא אַליין צו גיין צו אים.

איך האָב זי גענומען אונטערן אָרעם און מיר זענען ביידע געגאַנגען דורך דער גרינאַווער גאַס, אַראָפּגעבויגן די קעפּ אונטערן שאַרפן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן. פּלוצלינג האָט זי זיך אָנגערופן:

— איך וויל אייך עפּעס זאָגן. אין עפּעס זיך מודה זיין. קוויאַט־קאָווסקי איז נישט מיין מאַן. איך האָב אַ מאַן מיט צוויי קינדער אין ברווינאָוו הינטער וואַרשע... מישפט מיך מיט חסד, פרוי מאַיעווסקאַ.

מען האָט געשמועסט אַז לוטשאַקס טאָכטער איז נישט פאַרהײראַט, אָבער צי האָט זיך עמעצער מיט דעם איבערגענומען? פונקט ווי רעלי־גיעזע פּראָבלעמען האָבן נישט געהאַט קיין פּלאַץ אין די ראַמען פון אונ־דזער באַראַק־לעבן, אַזוי האָבן אויך ענינים אין שײכות מיט מאָראַל קײ־נעם נישט אינטערעסירט. די צופעליקע פאַרלעך האָבן אין אַלגעמײן גאַנץ רויִק און מוסטערהאַפט געלעבט צווישן זיך, אַקצעפּטירנדיק פון פאַרויס די זיכערקײט, אַז נאָכן קריג וועלן זיך זײערע וועגן פונאַנדער־גײן. דערפאַר האָבן מיך אַזוי געוווּנדערט און גערירט די פּאַטעטישע ווער־טער פון ווערעאַניקאַ: „מישפּט מיך מיט חסד״...

אויב אַ מײדל, אָדער אַ ווײבל איז טראַגעדיק געוואָרן, האָט מען איר די שוואַנגערשאַפט איבערגעריסן. מען האָט אַפילו צו דעם דערמוטיקט. אָבער נאַטאַליאַ, וואָס האָט געאַרבעט מיט מיר אין דער קיך, איז געקו־מען זײענדיק אין אַכטן חודש פון שוואַנגערשאַפט און זי איז געווען צו־זאַמען מיט איר מאַן. איר האָט מען צורו געלאָזט. זי האָט געבוירן דאָס קינד אין שפּיטאָל און עס געבערענגט אין באַראַק אַרײַן.

עס האָט אײנמאָל אין מיטן דער נאַכט פּאַסירט, אַז מאַציעק האָט פּלוצלינג באַקומען אַן אַנטצינדונג אין אויער. ער האָט געקרעכצט און געוויינט פון ווייטיק. איך האָב אויפגעניײט זעקעלעך פון די נאַזטיכלעך און מיר האָבן אים צוגעלייגט די זעקעלעך מיט הייסן זאַמד צום אויער.

— מאָרגן וועל איך מיט אים גיין אין אַדלערסהאָף — האָב איך גע־זאָגט.

אונדזער אײוועלע איז פאַרלאָשן געוואָרן יענע נאַכט, אָבער עס האָט זיך געבערענט דאָס אײוועלע אין שמידטס קאַנצעלאַריע, ווו עס האָט די־זשורירט דער וועכטער האָפמאַן. ער איז דאָרט געזעסן אויסצײַענדיק זײַ־נע לאַנגע פיס און ער האָט געלײענט אַ דעטעקטיוו־מעשה.

ער טאָקע האָט געוואָרעמט די זעקעלעך און דורך דער גאַנצער נאַכט האָט ער יעדעס מאָל זיי געבערענגט אין צימער אַרײַן:

— מאַריאַ — האָט ער געזאָגט — דאָ בין איך ווידער.

און מיר? מידע און פאַרצווייפלטע האָבן מיר אָנגענומען דעם גוטן אויסדרוק פון זײַן האַרץ, גלײַך ווי ער וואָלט אונדז דאָס שולדיק געווען — און איך ווייס אַפילו נישט צי מיר האָבן אים דערפאַר באַדאַנקט.

***

מער־וויניק אין דער צייט האָט דער לאַגער־אָנפירער שמידט און זיין אונטערגעוואָרפענע, די לאַגער־קעכין פרוי לונד, אָנגעהויבן צו פאַר־פאָלגן אַליציאַ מאַיעווסקאַ.

ער האָט געהייסן מיך וועקן האַלב נאָך צוויי אינמיטן דער נאַכט, אַז איך זאָל מאַכן פייער אונטערן קעסל מיט קאַווע. ביז איצט האָט דאָס געטאָן יאַהאַן, איצט זאָל עס מאַיעווסקאַ טאָן...

— עך, — האָט ער געזאָגט, שפּאַצירנדיק איבער דער קיך און פאַר־ציִענדיק זיינע גרויזאַמע ברעמען — די פרוי טויג צו גאָרנישט. זי קען אַפילו נישט מאַכן קיין פייער אונטערן קעסל. זאָל זי אויפהערן צו אַר־בעטן אין קיך! זאָל זי גיין אויפן באַנהאָף!

נאָך צוויי טעג בין איך שוין געווען אויפן באַנהאָף. אין די צייטן האָט מען זיך נישט געשפּילט אין קיין לאַנגע צערעמאָניעס. אויפן באַנ־האָף גרינאַו האָט מען מיר געגעבן אַ בעזעם און שמאַטעס. איך האָב צו־געקערט די פּלאַטפאָרמעס און געוואַשן טרעפּ און פענצטער.

איך האָב גערוימט די פּלאַטפאָרמעס אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם עלע־גאַנטן מאַנטל פון אַ גוטן שניידער אין וואַרשע, אויף וועלכן עס האָט גע־וואָרפן אַן אויג די איבערזעצערין לאָטטאַ. אויפן מאַנטל איז געווען צו־גענייט אַ געלער בוכשטאַב „פּ". די דייטשן האָבן זיך געוווּנדערט קוקנ־דיק אויף מיר.

כדי זיך אָנצוּוואַרעמען פלעג איך אַריינגיין אין דער באַן־בודקע, ווו עס איז געשטאַנען אַן אייזערן אייוועלע. דאָרט האָב איך געגעסן מיין האַרט ברויט מיט מאַרמעלאַד און כ'האָב מיר צוגעוואָרעמט אין אַ בלע־כערנער פושקע די קאַווע וואָס איך האָב געבראַנגט אין אַ פלעשל.

אויפן זעלבן באַנהאָף האָט געאַרבעט אַ יונג מיידל פון אונדזער באַ־ראַק מיטן נאָמען פעלאַגיאַ.

ווען עס איז אָנגעקומען די עלעקטרישע באַן האָט צו די פליכטן פון פעלאַגיאַ געהערט דאָס אַרומגיין איבער די וואַגאָנען און קאָנטראָלירן צי עמעצער פון די פּאַסאַזשירן האָט נישט איבערגעלאָזט אַ רעגנצל, אַ פּעקל אָדער אַ שירעם. געפינענע זאַכן האָט זי באַדאַרפט אָוועקגעבן אין דער באַן־קאַנצעלאַריע.

מיט פעלאַגיאַ בין איך אַמאָל געגאַנגען נאָך קוילן אין מאַגאַזין

אַריין, נאָך צוויי עמערס מיט קוילן. יעדע פון אונדז האָט געטראָגן אַן עמער.

ווען מיר האָבן אָנגענומען די קוילן און מיר זענען צוריקגעגאַנגען, האָט פּעלאַגיאַ געטראָפן אַ באַקאַנטן און זי האָט זיך פאַרהאַלטן כדי מיט איר צו כאַפּן אַ שמועס. איך האָב אויף איר געוואַרט פון דער ווייטנס.

— צי ווייסט איר, וואָס ער האָט געזאָגט? — האָט זי זיך הויך צע־לאַכט — ער האָט געזאָגט אַז איר זענט אַ ייִדישע... וואָס רעדט איר דאָרט? — האָב איך געענטפערט — זי איז פון אונדזער לאַגער, איך קען זי שוין אַ סך חדשים!...

אַ שוידער האָט מיך אַרומגענומען און גלייכצייטיק האָב איך מיך נישט געקענט אָפּוואונדערן ווי דורכדרינגלעך דער מענטש איז געווען. ער האָט אַנטדעקט מיין סוד מיטן ערשטן בליק און פון דער ווייטנס. איך האָב מיר אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט מסתמא די זעלבע פּרימיטיווע נאַטור ווי אַנקאַ, וואָס האָט אונדז גלייך דערקענט. נישט נאָר אונדז.

אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט פּעלאַגיאַ צוגעגנבעט אַ פּעקל וואָל, וואָס עמעצער האָט איבערגעלאָזט אין דער באַן. די גנבה איז אַנטדעקט געוואָרן און מען האָט זי אַוועקגעשיקט אין אַ שטראָפלאַגער. מיר האָבן זי שוין מער נישט געזען.

פאַר יעדן סאָרט פון גנבה האָבן די דייטשן זייער שטרענג באַ־שטראָפט. טייל מאָל האָט מען אַוועקגעשיקט אין שטראָפלאַגער, אָבער טייל מאָל זענען אויך פאָרגעקומען קריגס־געריכטן. אין אַדלערסהאָף־לאַגער האָט מען אַמאָל אויפגעהאַנגען דריי מענטשן: צוויי פרויען און אַ מאַן. ביי אונדז אין לאַגער האָט מען געזאָגט, אַז דאָס האָט געמוזט זיין נישט אַבי־וואָס פאַר אַ גנבה. עטלעכע נייגעריקע זענען געגאַנגען אָנקוקן די אומגליקלעכע געהאַנגענע.

איצט בין איך אַליין געפאָרן אויפן באַנהאָף; אַליין געבראַכט די קוילן אייַנצוהייצן דאָס אייוועלע אין דער בודקע. אָבער גייענדיק צום מאַגאַזין האָב איך אַלע מאָל מורא געהאַט אַז איך וועל טרעפן פּעלאַגיאַס באַקאַנטן, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע דורכדרינגלעכע אויגן.

ביים אייוועלע האָבן זיך געוואַרעמט באַן־אָנגעשטעלטע און פּשוטע אַרבעטער. זיי זענען געקומען אויף אַ קורצע אָדער אויף אַ לענגערע ווייל. טייל מאָל כדי אָנצוואַרעמען די קאַווע און טייל מאָל נאָר אָנצוואַרעמען

די הענט. עס פלעגט אויך קומען אַ רוסישער אַרבעטער, אַ יונגער פון אַ יאָר צוואַנציק.

איך האָב גערעדט מיט אים אויף רוסיש. ער איז געווען פון סמאָ־לענסקער גובערניע, אַ זון פון אַ פויער.

— און דו ווער ביסט?

— איך בין אַ לערערין.

— אַ געבילדעטע פרוי — האָט ער אויסגערופן — און טראָגט קוילן? איך וועל דערויף נישט דערלויבן.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם עמער און ער האָט פאַר מיר געטראָגן די קוילן פונעם מאַגאַזין.

אַלע דריי מינוט זענען אָפּגעגאַנגען די עלעקטרישע באַנען פון דער סטאַציע. זיי פלעגן זיך פאַרהאַלטן אָן גערויש. די טירן האָבן זיך אויטאָ־מאַטיש געעפנט און דער עולם, וואָס האָט געוואַרט אויף דער פלאַטפאָר־מע, האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער באַן. נאָך דריי מינוט האָט די באַן געריררט פון אָרט.

אויף די פלאַטפאָרמעס זענען פאַרבליבן נישט אויסגערויכערטע שטיקלעך פון פאַפּיראָסן. קליינע יינגלעך האָבן זיך אויף זיי גלייך גע־וואָרפן. אָבער נישט בלויז דאָס קליינוואַרג — נאָר אויך די פראַנצויזישע און איטאַליענישע געפאַנגענע. אייניקע פון זיי פלעגט נאָך געלינגען אַרויפצוכאַפּן זיך אויף דער באַן און אין משך פון די דריי מינוט צונויפ־קלייבן די רעשטלעך פון פאַפּיראָסן פון די פאָדלאָגעס אין די וואַגאָנען.

די פרויען, וואָס האָבן גערייניקט די באַנען, האָבן אַלע מאָל מיט זיך מיטגעבראַכט אין זעקעלעך אַביסל טאַבאַק פון די נישט־אויסגערויכערטע פאַפּיראָסן .פון דעם טאַבאַק האָבן זיי געמאַכט נייע פאַפּיראָסן, וואָס זע־נען אין דער צייט געווען ווי גאַנגבאַר געלט.

איינמאָל האָט מען מיך אַריינגערופן אין ביוראָ. דאָס איז געווען אַ צוויי־צימערדיקע קאַנצעלאַריע און אין יעדן צימער איז געשטאַנען אַ הויכער קאָכל־אויוון.

דער באַאַמטער איז געזעסן ביים שרייבטיש און ער האָט קוים גע־וואָרפן אַ בליק אויף מיר: — מאַך פייער אין ביידע אויוונס — האָט ער געזאָגט.

איך האָב געברענגט קליינע שטיקלעך האָלץ און אַן עמער מיט קוילן.

איך האָב אָנגעהויבן צו הייצן, אָבער דאָס פייער איז יעדע רגע פאַרלאָשן געוואָרן.

דער באַאַמטער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון הינטער דעם שרייב־טיש.

— וואָס ביסטו געווען פון באַרוף?

— אַ לערערין — האָב איך געענטפערט.

— און דו האָסט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פייער?

— קיינמאָל נישט.

מיין האַרץ האָט פון שרעק אָנגעהויבן צו צאַפּלען אין מיר. וועט ער איצט אויף מיר שרייען? צי וועט ער קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש?

ער איז אויפגעשטאַנען און ער האָט אַליין געמאַכט פייער אין אויוון. ער אַליין האָט איינגעהייצט ביידע אויוונס.

איך בין געשטאַנען און איך האָב אויף אים געקוקט. גאָט אין הימל! דאָס האָט געמוזט זיין אַ גוטער מענטש. יעדער צייכן פון מענטשלעכע געפילן — טאַקע אין יענע צייטן — האָט מיך טיף גערירט.

פיר אַזייגער, נאָכן פאַרענדיקן מיין אַרבעט, ווען כ׳האָב מיך אַריינגעזעצט אין טראַמוויי, זענען מיט מיר צוזאַמען אויך אַריין די פרויען פון אונדזער לאַגער, וואָס זענען צוריקגעפאָרן נאָכן רייניקן די וואַגאָנען. דער טראַמוויי איז געווען איבערגעפאַקט. מיר זענען אַלע געשטאַנען אָדער אין דורכגאַנג, אָדער צווישן די בענק. פּלוצלינג האָט זיך אָן עלטערע דייטשקע אָנגערופן:

— שטייט־אויף, דייטשישע פרויען! זיי זענען מיד, זיי אַרבעטן פאַר אונדז. לאָמיר זיי אָפּטרעטן די ערטער!

אין איר שטים איז געווען אַזויפיל פּאַטאָס, אַז צוויי צי דריי זענען אויפגעשטאַנען, אָבער מיר זענען געווען אַזוי פאַרגאַפט מיט דער אומגע־וויינלעכקייט פון דער געשעעניש, אַז מיר האָבן נישט געהאַט די דרייסט־קייט זיך אַוועקצוזעצן. דערצו נאָך, אַז לויטן געזעץ זענען מיר מחויב גע־ווען אָפּצוטרעטן דאָס אָרט יעדן שטייענדיקן דייטש, אָדער דייטשקע.

דערנאָך האָבן מיר זיך דאָך אַוועקגעזעצט. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר זיך געוווּנדערט און דערציילט וועגן דער אויסערגעוויינלעכער פּאַסירונג.

נאָך דריי וואָכן פון מיין אַרבעט אויף דער פרייער לופט — אויף רעגנס און ווינטן — בין איך געווען זיכער אַז איך וועל עס לענגער נישט

אויסהאַלטן. צו דעם האָט מיך נאָך באַומרויקט די כסדרדיקע שרעק וועגן מאַציעקן. איך האָב געוווסט, אַז ער גייט נישט אַראָפּ אין שוץ־גרוב בעת די לופט־אַנגריפן. און אַז אַ גאַנצן טאָג האָט ער נישט קיין ביסל וואַרעמס אין זיין מויל.

דעמאָלט טאַקע האָט מען מיך צוגעטיילט צו אַן אַנדערן באַנהאָף. אויף דעם באַנהאָף האָט צוגערוימט די קאַנצעלאַריעס די פרוי מאַלינאָווסקאַ, די מוטער פון יאַדוויגאַ, דער זינגערין.

דעם ערשטן טאָג האָב איך איר געהאָלפן ביים רוימען. בעת אונדזער אַרבעט איז אונדז נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט עפּעס אַ האַלב־משוגענע מכשפה, וואָס האָט אונדז געצויגן ביי די אַרבל, געשטופּט צו די טירן און גערעדט:

— קומט, קומט מיט מיר. איך וועל אייך ווייזן איין וואַגאָן אויף די בלינדע רעלסן. ווייסט איר ווער עס געפינט זיך דאָרט? דאָ זינד די פּופּכען אַוס פראַנקרייך!

אַזוי האָט זי גערעדט.

— מאָדנע זאַכן קומען־פאַר אויף דעם באַנהאָף — האָט צו מיר שטיל געזאָגט פרוי מאַלינאָווסקאַ.

אויפן צווייטן טאָג האָט מיך אַריינגערופן דער סטאַציע־אָנפירער.

— ביי וואָס זאָל איך דיך באַשעפטיקן, מאַיעווסקאַ? מען האָט דיך צו מיר געשיקט און איך ווייס נישט וואָס מיט דיר צו טאָן... עס אַרבעט ביי אונדז אַ פּאַרטיע אוקראַינישע פרויען... וועסט צוזאַמען מיט זיי דורכגראָבן דעם גאָרטן.

— הער שעף, — האָב איך געזאָגט, טראַכטנדיק וועגן מיינע אייניקלעך און הערנדיק דאָס קלאַפּן פונעם רעגן אין די שויבן — צי קענט איר מיך נישט באַשעפטיקן ביי עפּעס אַנדערש? איך קען פיר פרעמדע שפּראַכן...

— איך קען דיך נישט באַשעפטיקן ביי עפּעס אַנדערש — האָט ער געזאָגט.

איך בין צוריקגעקומען דעם טאָג אינגאַנצן אויסגעשעפּט. אין מיין גרויסער פאַרצווייפלונג האָב איך באַשלאָסן עפּעס אויפצוטאָן: איך וועל גיין אין דער צענטראַלע און זיך ווענדן צו דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער רייכס־באַן.

גלייכצייטיק האָט מאַרישאַ — אַן איבערגעשראָקענע צוליב מיין פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד — אָנגעהויבן צו מאַכן באַמיִונגען דורכן אָנפירער קאָסקאַ, אַז מען זאָל מיך צוריק אַריבערטראָגן אין לאַגער אַריין. שוין נישט אין דער קיך, נאָר ווי די לאַגער־פראַו: צו רוימען דעם לאַגער און זיך פאַרנעמען מיט די קינדער.

אָבער קען מען דען וויסן ווען עס וועט אָנקומען אַן ענטפער? און איך האָב געפילט אַז איך גיי אויס. איך בין געווען קראַנק און דאָך האָב איך נישט געהאַט קיין היץ — לויטן געזעץ איז מיר נישט געקומען אַפילו קיין צוויי־טאָגיקער אָפּרו. עס האָט מיך געשטאָכן אין די לונגען, אָבער קיין היץ איז נישט געווען. לויטן געזעץ בין איך געווען פעיִק צו אַרבעט.

די נאַכט, ליגנדיק אויף דער פּריטשע, האָב איך געקוקט אין פענצ־טער, וואָס איז געווען איבערגעשניטן מיטן שאַרפן ווינקל פון אויבערשטן געלעגער. איך האָב געטראַכט: איך וועל זיכער אומקומען. וואָס וועט זיין מיט זיי?

דער געדאַנקט צו גיין אין דער באַן־צענטראַלע האָט מיך אינגאַנצן באַהערשט. דאָס איז געווען אַ משוגעת. און דאָך, געשטויסן פון אַ קראַפט, פון וועלכער איך האָב זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, בין איך פאַרטאָג נישט געגאַנגען אויף מיין באַנהאָף, נאָר אַרויסגייענדיק פון באַ־ראַק, האָב איך זיך פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג פון דער דייטשישער רייכס־באַן.

ווען כ׳בין אַרויס פון באַראַק, האָב איך מיך אויף אַ ווייל אָוועקגע־שטעלט אויף דער בריק און זיך אָנגעלענט אָן דער באַלוסטראַדע. צי האָב איך מיך געקענט נישט פאַרהאַלטן?

גראָד איז דורכן וואַסער געשווומען אַ שיף. דער קאַפּיטאַן מיט דער לולקע אין מויל לעבן רודער און דער צוזאַמענגעקאָרטשעטער הונט לעבן זיינע פיס. אויף די אויסגעצויגענע שנורן הינטערן קאַפּיטאַנס פּלייצעס האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט די אויפגעהאָנגענע העמדער.

ווי האָט מיך תמיד גערירט און באַרויִקט דאָס בילד. אפשר דערפאַר, ווייל די שיף איז געשווומען אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג — און אפשר דערפאַר, ווייל אין דעם בילד איז געווען פּאָעזיע, פּשוטע און צוגענגלע־כע, וואָס האָט אַפּעלירט צו אַלע באַטריבטע הערצער.

אַ ריזיקע געביידע פון דער דייטשישער רייכס־באַן איז געשטאַנען

אַ נישט־באַרירטע צווישן די אַרומיקע רויִנען. קיין איין מאָל איז זי נישט געטראָפן געוואָרן פון קיין באָמבע.

איך האָב געטראַכט: אָט שטיי איך אויף אַ ווענדפונקט פון מיין לעבן. וועט זיך נישט איינגעבן, וועל איך אומקומען, ווייל איך וועל דאָך נישט אויסהאַלטן ביי דער אַרבעט אויף די באַנהאָפן — דאָס איז זיכער. איך האָב מיך פלוצלינג דערפילט אַזוי איינזאַם אין דעם גרויסן רויִנירטן בערלין...

די טיר צום האָל איז געווען אָפן. אין דעם מאָמענט ווען איך בין אַריין, האָב איך דערזען די פלייצעס פון דעם פאַרטיער, וואָס האָט זיך דערווייטערט. ער האָט מיך נישט באַמערקט.

אויף דער רעכטער זייט איז געווען אַ קאַנטאָר, ווו ער איז געוויינלעך געשטאַנען דער פאַרטיער. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַן אויפשריפט:

„פאַר אויסלענדער און לאַגער־מענטשן — איינטריט פאַרבאָטן".

טרעפ צום שטאָק. ווען איך בין געגאַנגען מיט די טרעפ, האָב איך געטראַכט וועגן דעם בוכשטאַב „פ" אויף מיין מאַנטל. אַ געלער בוכשטאַב. איך האָב נישט געהאַט קיין רעכט אַריינצוגיין אין דער געביידע. מען וועט מיך אַרעסטירן און אפשר דערהרגענען... איך בין שטיין געבליבן פאַר אַ טיר מיט אַן אויפשריפט:

„אינספעקטאָר דער דויטשען רייכסבאַן".

איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר.

ביים שרייבטיש איז געזעסן אַ שייגער מאַן, אַ ברונעט פון אַ יאָר פינפאונפערציק. ווען איך בין אַריין, האָט ער אויפגעהויבן אויף מיר די אויגן:

— וואָס ווינשען זי זיך? — האָט ער געפרעגט.

— איך בין אַ פוילישע פון באַן־לאַגער — האָב איך געזאָגט — איך אַרבעט אויף די באַנהאָפן, אָבער איך בין נישט בכוח אויסצופירן די אַרבעט. איצט בין איך צוגעטיילט צו גראָבן אַ גאָרטן. איך בין פון באַרוף אַ לערערין. איך רייד און איך שרייב פראַנצויזיש, רוסיש, דייטש און פויליש. צי וואָלט מען מיך נישט געקענט באַשעפטיקן ערגעץ אַנדערש ווו?

ער איז אויפגעשטאַנען פון הינטערן שרייבטיש און זיך דערנענטערט מיט אַ פאָר טריט. וואָס האָט ער זיך געטראַכט? איך בין פאַר אים גע־

שטאַנען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, מיט אַ טונקל טיכל אויפן קאָפּ און מיטן בוכשטאַב „פּ" צוגעניית צום מאַנטל. איך האָב געזאָגט אַלצדינג, קיין איין וואָרט מער וואָלט איך נישט געקענט צוגעבן...

ער וועט באַלד זיך פרעגן: „ווי אַזוי האָסטו זיך דאָ אַריינבאַקומען? צי האָסטו נישט געזען דעם אויפשריפט אויף דער וואַנט? ווו איז געווען דער פאָרטיער? דער איינטריט איז דאָך פאַרבאָטן — פערשטאַנדען?"

איך האָב דערהערט אַ רויִקע און העפלעכע שטים:

— צי וואָלט איר געוואָלט אַרבעטן ווי אַן איבערזעצערין? מעכטען זי אַרבייטען אַלס דאָלמעטשערין?

— יאָ! — האָב איך געענטפערט.

— גיט מיר אייער נאָמען און אַדרעס.

— אַליציאַ מאַיעווסקאַ, רייכסבאַן־לאַגער ספּינדלערספעלד, קעפּע־ניק, גרונאַוער שטראַסע 210.

— אַ דאַנק, דאָס איז אַלץ.

טיילמאָל האָט זיך מיר געטראָפן בעת דעם קריג אַז איך האָב מיך געריכט אויף עפּעס שרעקלעכס, איך האָב מיך געריכט אויף אַ קאַטאַס־טראָפע... כ'בין געווען זיכער, אַז איך וועל עפּעס נישט אויסהאַלטן. אַז געוויסע פיינטלעכע כוחות וועלן מיך פאַרניכטן און פאַרטיליקן — און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. דאָס זעלבע האָט אויך דאָס מאָל פּאַסירט.

כ'בין אַרויס פון צימער לאַנגזאַם, אַ טריט נאָך אַ טריט; האַלטנדיק זיך פעסט אינעם פּאַרענטש בין איך אַראָפּ פון די טרעפּ. קיינער האָט מיך נישט אַרויסגעיאָגט, קיינער האָט מיך נישט געהייסן אַרעסטירן. מען האָט מיך אויסגעהערט. אָבער וואָס פאַראַ אָנשטרענגונג דאָס איז געווען, וואָס פאַראַ שרעקלעכע שוואַכקייט אין די קני...

אין דעם האָל איז געשטאַנען דער פּאָרטיער און האָט מיט פאַרוווּנ־דערטע אויגן אויף מיר געקוקט. איך בין פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים — איינגעקוקט אין זיך, אַ גלייכגילטיקע און אַ ווייטע.

אָבער כ'האָב מיך אָוועקגעזעצט. כ'האָב מיך געמוזט אַוועקזעצן אויף די רויִנען פון אַ באָמבאַרדירט הויז ,לעבן דעם טראָטואַר. כ'האָב אַרויס־גענומען פון טאַש אַ שטיקל ברויט און כ'האָב געגעסן דאָס ברויט וויי־נענדיק...

***

דעם זעלבן טאָג, אַרום פינף אַזייגער, אין דער ריי נאָך זופּ, האָט מאַרישיאַ געטראָפן דעם גרוזינער. ער איז געשטאַנען פאַר איר האַלטנ־דיק צוויי טעלער: פאַר זיך און פאַר מאַריאַ.

זי האָט צו אים געזאָגט:

— עס גייט איבער די גרענעצן וויפל מיר לײדן לעצטנס צוליב שמידטן. מען וואַרפט מיין מוטער ווי אַ פּילקע פון איין באַנהאָף אויף אַ צווייטן. און איך האָב אַזוי געוואָלט אַז זי זאָל בלייבן אין לאַגער.

ער האָט דערויף געענטפערט:

— שמידטן דאַרף מען עפּעס געבן.

— וואָס רעדט איר? — האָט זי זיך אָנגערופן — מיר האָבן נישט איינמאָל וועגן דעם געטראַכט, אָבער מיר האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט אונדז הייסן אַרעסטירן פאַר כאַבאַר.

— ווי נאַיִוו איר זענט — האָט ער זיך צעלאַכט. — כמעט אַלע אין דעם באַראַק קויפן אים איבער. צי וואָלט איך געהאַט אַ באַזונדער צימער, ווען איך וואָלט דערפאַר נישט געצאָלט? און קוויאַטקאָווסקי? ער האָט דאָך נאָך קיין טאָג נישט געאַרבעט. יעדעס מאָל ברענגען אים אונ־דזערע מענטשן עפּעס צום אָנדענק.

— איך דאַנק אייך פונעם גאַנצן האַרצן, וואָס איר האָט עס מיר געזאָגט. איך באַדויער נאָר, וואָס איך האָב מיך אַזוי שפּעט וועגן דעם דערוווּסט.

אין אָוונט האָב איך מאַרישיאַן געגעבן דאָס רינגל, וואָס איך האָב געהאַט נאָך מיין מוטער. זי איז אַרויס אין קאָרידאָר און געוואַרט אויף אַ מאָמענט ווען עס איז קיינער נישט געווען ביי שמידטן. דעמאָלט האָט זי אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר.

זי האָט געזאָגט גלייך, באַלד ווי זי איז אַריין, געזאָגט פּראָסט און פּשוט, אַז זי האָט אַ קלייניקייט וואָס זי וואָלט אים געוואָלט געבן צו געדענקען — „אַלס געדעכטניס״ — פון אַליציאַ און מאַריאַ מאַיעווסקאַ און פון דעם קליינעם מאַיעווסקי — האָט זי מיט אַ שמייכל צוגעגעבן.

זי האָט אָוועקגעלייגט פאַר אים אויפן טיש אַ גאָלדענעם רינג מיט פיר קליינע שמאַראַגדן און פיר דימענטן.

מיט אַ פּרייען און נאַכלעסיקן זשעסט האָט ער גענומען דעם רינג אין זיין האַנט.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — דאָס איז אַ שיינע קלייניקייט. איך וועל אייך האָבן אין זינען.

— יאָ, יאָ מאַריאַ, זאָ איסט עס.

שפּעט אין אָוונט, ווען מיר אַלע זענען שוין געלעגן אויף אונדזערע פּריטשעס — ווען די ליכט איז שוין פאַרלאָשן געוואָרן — האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט אַ טראַסק, אַ טומל, אַ קראַך. צי האָט אַ באָמבע אַ זעץ געטאָן אין באַראַק? — ניין. דאָס איז לוצינאַ צוזאַמען מיט איר געלעגער, מיט די צודעקן און צעבראָכענע ברעטער אַראָפּגעפאַלן אויף זאָפיאַס פּריטשע.

— געוואַלד! — האָט אַ געשריי געטאָן זאָפיאַ — איך שטאַרב!

איר שטים איז געווען דערשטיקט, מען האָט זי קוים געקענט הערן פון אונטערן געלעגער, אויף וועלכן עס איז געזעסן לוצינאַ. זי איז גע־בליבן זיצן גראָד אויף זאָפיאַס קאָפּ. ס׳גאַנצע געלעגער פון לוצינאַ איז געווען צעשמעטערט.

מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן און פון אונטערן אַראָפּגעפאַלענעם געלעגער מיט לוצינאַ, אַרויסגעשלעפּט די אויף טויט איבערגעשראָקענע זאָפיאַ.

— צי האָב איך נישט געזאָגט? האָב איך נישט געוואָרנט, אַז לו־צינאַ דרייט זיך צופיל? די ברעטער זענען נישט פון אייזן. נישט איינמאָל האָב איך געקוקט און זיך געוווּנדערט, אַז זיי קענען אויסהאַלטן אַזאַ לאַסט.

— פרוי זאָפיאַ — האָט גערעדט לוצינאַ מיט טרערן אין די אויגן — איך בין נישט שולדיק. איך האָב אַליין צעקלאַפּטע זייטן.

— גוט, שוין גוט — האָט זאָפיאַ געענטפערט — די נאַכט וועלן מיר שוין מוזן שלאָפן צוזאַמען.

זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע לוצינאַס בעטגעוואַנט און זיך צוזאַמען געלייגט שלאָפן אויף זאָפיאַס פּריטשע. ביידע האָבן זיך אַרומגעבינדן די קעפּ מיט נאַסע האַנטעכער.

דריי מיט דרייסיק פאַרטאָג האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען דער וועכטער רעיריך, וועלכן מ׳האָט אַ צונאָמען געגעבן

„ס׳הענטל״. ער האָט זיך אַנגעשטויסן אויף לוצינאַס זאַכן און האָט אָנגעהויבן צו שעלטן:

— יעזוס דאַננערוועטטער! ווער שלאָפט דאָ אויף דער פּאָדלאָגע?

ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש דאָס עלעקטרישע לעמפל און באַלויכטן דאָס צימער. שאַטנס האָבן אַ טאַנץ געטאָן אויף די ווענט. די לאַגער־שיסל, וואָס האָט געהאָנגען אויפן קרוטשיק פון זיין קינסטלעכער האַנט, האָט פלוצלינג אַ קלינג געטאָן אין דער שטילקייט.

ער האָט דורכגעשפּרייזט דורך די זאַכן און זיך דערנענטערט צו אונדזערע געלעגערס:

מאַריאַ — האָט ער געזאָגט — אויפשטיין!

ער האָט ווידער אָנגעצונדן זיין עלעקטריש לעמפל, באַלויכטן איר בלאַס פּנים און אַ קלינג געטאָן מיט דער שיסל ווי מיט אַ גלאָק.

מאַרישיאַ האָט זיך אויפגעזעצט און געווישט די אויגן.

רעיריך איז אַריינגעפאַלן צום צווייטן מאָל: — אופשטעען! — האָט ער אַ רעיוע געטאָן.

מיר האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן און געווישט די אויגן. די נאַקעטע אַנקאַ, לוצינאַ, זאָפיאַ און איך, די צעבראָכענע און צעווייטיקטע אַליציאַ.

כ׳בין אַריין אין קיך און איך האָב געבראַכט פון קעסל, וואָס איז אַלעמאָל געשטאַנען אויפן פייער, אַביסל וואַרעם וואַסער זיך צו וואַשן. וויפל וואַרעם וואַסער איך האָב גענומען אַזוי פיל קאַלט וואַסער האָב איך צוגעגאָסן צום קעסל. אַזוי האָט אונדז געלערנט פרוי לונד. איך האָב מיך שטרענג געהאַלטן ביי דעם פּרינציפּ און דאָך — האָט זי אויף מיר געוואָרפן אַן אומפריינטלעכן בליק.

איך האָב אָנגעגאָסן ס׳וואַסער אין דער שיסל, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אונטערן בעט און כ׳האָב מיך אָפּגעוואַשן.

דערנאָך בין איך ווידער אַריין אין דער קיך. איך בין אַריין נאָך אַביסל האָבער־קאַשע מיט מילך, וואָס כ׳האָב גענומען פונעם לאַגער־פירער שמידטס טעפּל. דאָס איז געווען די פּאַרציע פאַר מאַציעקן. דאָס דאָזיקע רעכט האָב איך געקויפט פאַרן פּרייז פון מיין מוטערס בראָש. וואָס איך האָב געגעבן ווי אַ געשאַנק דער קעכין, פרוי לונד.

טראָץ דעם האָט זי דעם פרימאָרגן געקוקט אויף מיר נישט פריינטלעך.

איך האָב אָװעקגעשטעלט די זופּ אין אונדזער צימער אויפן טישל לעבן די צעשניטענע שטיקלעך ברויט, װאָס האָבן באַדאַרפט סטאַיען פאַר מאַציעקן ביז אונדזער צוריקקומען. דערנאָך האָב איך צוגעלייגט צום אײי־װעלע אַביסל קוילן־בריקעטן.

— ער װעט זיכער עסן אַ קאַלטע זופּ — האָב איך אַ פאַרזאָרגטע אַ טראַכט געטאָן — ער װעט זי נישט אָנװאָרעמען.

איך האָב שנעל איינגעװיקלט אין אַ צייטונג־פּאַפּיר מיין ברויט מיט מאַרמעלאַד, אָנגעגאָסן קאַװע אין דער פלאַש אַריין, אָנגעטאָן דעם מאַנטל, גענומען דאָס טיכל אויפן קאָפּ און כ׳בין אַרויס פון באַראַק.

כ׳בין אַװעקגעפאָרן אויפן באַנהאָף.

*
**

דער זעכצניאַריקער מאַניוש, װעלכן די פרוי מיכאַלסקאַ האָט געשיקט צו איר טאָכטער, װייל זי אַליין האָט נישט געװאָלט איבערטרעטן זייער שװעל, האָט נישט געהייסן אין דער אמתן מיללער. ביים פאַרשרייבן זיך, האָט דער באַן־אָנגעשטעלטער מיללער אָנגעגעבן, אַז דאָס איז זיין ברודער. עס איז אַפילו נישט געװען באַװוסט, צי מיללער איז דער אמתער נאָמען פון דעם באַן־אָנגעשטעלטן. עס קען זיין, אַז ער האָט זיך ספּעציעל אויסגעקליבן דעם נאָמען, װאָס קלינגט דייטשיש, כדי מען זאָל מיינען, אַז ער איז אַ פאָלקסדייטש. קיינער האָט נישט געװוסט װאָס פאַראַ געדאַנקען, װאָס פאַראַ פּלענער און פּראָיעקטן ער האָט געהאַט.

ער איז געװען אַ הויכער, שיינער און גוט־דערנערטער מאַן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט מאַניושן. ביידע האָבן זיי געאַרבעט אין דער שלאָסערײ אויף געורליצע.

אַ געװיסן טאָג איז מיללער אַנטלאָפן. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין לאָקאָמאָטיװ, װאָס איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון פּוילן און אַנטלאָפן. ער איז געװען אָנגעטאָן אין אַ נייעם מונדיר, װאָס מאַרישיאַ האָט זיך באַמיט צו קריגן פאַר אים. אפשר האָט ער איבערגעקױפט דעם מאַשיניסט און אפשר האָט ער אים גאָרנישט געגעבן. ער האָט קיינעם נישט דערציילט װעגן זיינע פּלענער — אַפילו נישט מאַניושן. ער איז אַװעק אַ געװיסן פרימאָרגן און שוין מער נישט צוריקגעקומען.

— אים איז נישט געװען שװער צו אַנטלויפן — האָבן גערעדט אונ־

דזערע מענטשן אין באַראַק — ער האָט געטראָגן אַ מונדיר פון אַ באַ־אַנגעשטעלטן. אָבער פאַרוואָס האָט ער נישט מיטגענומען מיט זיך מאַ־ניושן?

דער בלאָנדער מאַניוש האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבערן באַראַק אַ פאַרלאָזענער און אַ פאַרנאַכלעסיקטער.

— אינגאַנצן ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע — האָט געזאָגט די פרוי מאַלינאָווסקאַ.

— ווייסט איר צו וועמען ער איז ענלעך? — האָט געפרעגט יאַדווי־גאַ, אויסנוצנדיק די מעגלעכקייט צו ריידן מיטן שיינעם קאָנראַד כאָטש אַ ווייל — צו יאַנטעקן, דעם פאַרלאָזענעם יאַנטעק פון דער אָפּערע האַלקאַ...

מענטשן האָבן געהערט ווי מאַניוש האָט געוויינט דורך די נעכט. ער האָט געצויגן מיט דער נאָז, געריינִיקט און געשנייצט די נאָז, זיך געדרייט אויפן געלעגער.

— וויין נישט — האָבן זיי אים געזאָגט — מעגלעך אַז ער וועט קומען נאָך דיר, אָדער ער וועט שיקן געלט און דו וועסט פאָרן צו אים.

אַזוי האָבן זיי גערעדט, כדי אים צו טרייסטן, אָבער זיי אַליין האָבן אין דעם נישט געגלייבט.

און נאָך האָבן זיי געזאָגט:

— מאַניוש, וואָס טרויערסטו אַזוי? ער איז דאָך נישט געשטאָרבן, ער לעבט. און אַז ער לעבט — וועט ער זיך אָפּרופן.

און נאָך:

— איז ער דען געווען דיין ברודער, צי דיין קרוב? דאָס איז דאָך גע־ווען אַ פרעמדער מענטש...

ער האָט זיך צוגעהערט, אָבער די ווערטער זענען צו אים נישט דער־גאַנגען. ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל דאַרער און טרויעריקער און אַפילו אויפגעהערט צו גיין צו דער אַרבעט.

אין דעצעמבער איז שוין געוואָרן פינצטער פיר אַזייגער נאָך מיטאָג.

אין דער צייט האָט מאַניוש פאַרלאָזט דעם באַראַק. איך בין גע־שטאַנען אָנגעשפאַרט אָן דער טיר און איך האָב געזען ווי ער האָט זיך דערווייטערט טריט ביי טריט.

אויף דער בריק איז ער שטיין געבליבן אַ ווייל — צי האָט ער דען

געקענט נישט בלייבן שטיין? גראַד דעמאָלט איז דורכן קאַנאַל געשווו־מען די באַקאַנטע שיף. דער קאַפּיטאַן מיט דער לולקע, דער צונויפגע־קאַרטשעטער הונט און די פלאַטערדיקע העמדער אויפן ווינט...

איך האָב געמיינט, אַז דאָס בילד וועט אים איינשטילן און באַ־רויקן: ער וועט אַביסל וויינען און צוריקקומען. אָבער ער האָט זיך פאַר־קערעוועט אין דער זייט פון פעלד. געגאַנגען פאָרויס, שטעלנדיק מיט אָנשטרענגונג די נישט גלייכע טריט.

— מאַניוש! — האָט אים נאָכגערופן די פרוי מאַלינאָווסקאַ.

ער האָט נישט געהערט. ער איז געגאַנגען דורכן פעלד אין דער קווער און ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער און וואָס אַמאָל האָט מען אים אַלץ ווייניקער אָנגעזען.

עס האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ דינער רעגן און דערנאָך אַ נאַסער שניי — און מאַניוש איז צעשווימען געוואָרן אין דעם גרויען נעפּל...

***

אין מיטן טאָג איז אָנגעקומען אַ בריוו, מיט אַ שטעמפּל, מיט אַ סך שטעמפּלען. דער בריוו פון דער צענטראַלע פון דער דייטשישער רייכס־באַן — צום לאַגער־פירער שמידט. רעקאָמענדירט, וויכטיק, געהיים.

„אַליציאַ מאַיעווסקאַ... אויפן שלעזינגער באַנהאָף... אַלס דאָלמע־טשערין...״

זעקס אַזייגער, ווען כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, האָב איך געטראָפן שמידטן. ער איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט און דאָס הינטל סטרופּי איז אים נאָכגעלאָפן.

— פרוי אַליס! — האָט ער זיך צו מיר געווענדט — ביטע, קומט אַריין צו מיר אין דער קאַנצעלאַריע.

אַזוי ער ווי די קעכין האָבן מיך אַלע מאָל גערופן „פראַו אַליס״. אַפילו אין דער צייט ווען זיי האָבן זיך צו מיר צום מיינסטן געטשעפּעט, האָבן זיי צו מיר אַנדערש נישט גערעדט. יונגע פרויען האָט מען גערופן ביי זייערע ערשטע נעמען און מען האָט צו זיי גערעדט פער דו: „מאַריאַ״ האָט גערופן דער וועכטער — שטיי אויף!״

דער וועכטער רעריך מיטן צונאָמען „הענטל״ האָט, ווענדנדיק זיך

צו מיר, מיך גערופן „יונגע פראַו״ — פון וואָס איך האָב געלאַכט, אָבער איך האָב גלייכצייטיק אויך געקענט אָפּשאַצן די העפלעכקייט.

איך האָב געוווּסט, אַז נאָכן דערהאַלטן דעם רינג וועט שמידט ענ־דערן זיין שטעלונג צו מיר און וועט זיך מער נישט דערלויבן אויף קיין שום גראָבקייטן אָדער בייסנדיקע באַמערקונגען קעגן מיר.

אָבער איך בין אין יענער צייט געווען אַזוי עמפּינדלעך, אַזוי אויס־געמאַטערט פון דער אַרבעט איבער מיינע כוחות, אז איך בין אַריין אין זיין קאַנצעלאַריע מיט אַ פאַרחלשט האַרץ, מיט אַ געפיל פון אומזיכער־קייט און מורא.

— פראַו אַליס, — האָט ער געזאָגט — איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו. פון מאַנטיק אָן וועט איר אַרבעטן אויפן שלעזינגער באַנהאָף ווי אַ דאַלמעטשערין.

דער בריוו איז אָנגעקומען אומדערוואַרט שנעל, נאָך עטלעכע טעג. שמידט האָט גוטמוטיק געשמייכלט, ער איז געווען צופרידן. ער האָט גע־פּויקט אויפן טיש מיט די פינגער פון דער געזונטער האַנט, דעמאָלט ווען די צווייטע, די טרוקענע, האָט געהאָנגען אָן לעבן.

ער איז געווען צופרידן — און דאָך איז דאָס איבערטראָגן מיך אינ־גאַנצן נישט געווען זיין פאַרדינסט. דאָס איז געווען דער ענטפער אויף מיין פאַרצווייפלטן שריט, וועגן וועלכן ער האָט דאָך גאָרנישט געוווּסט. אָבער עס האָט זיך גראָד אַזוי צונויפגעלייגט, אַז עס האָט געקענט אויס־זען ווי ער אַליין האָט אויסגעצויבערט דאָס אַוואַנסירן.

ער האָט אויף מיר געקוקט אויף אַזאַ אופן ווי מיר וואָלטן געהאַט אַ געמיינזאַמען סוד — עפּעס אַ סעקרעט פון וועלכן נאָר מירביידע ווייסן. איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך אויפשטעלן פון דער שטול און וועט מיר פון גרויס נחת אַ קלאַפּ געבן אין דער פּלייצע. איך האָב גע־וווּסט אַז זיין גוטע שטימונג שטאַמט פון דעם וואָס די מאַיעווסקיס האָבן ענדלעך פאַרשטאַנען אין וואָס פאַראַ ליניע זיך צו האַלטן.

ער האָט געזונג לאַנג געדולדעט די מאַיעווסקיס. דער דייטש מיטן גאָלדענעם גאַלאָן אויפן היטל, וואָס האָט אונדז אַהערגעפירט אין לאַגער, האָט אים זיכער געזאָגט, אַז ער האָט פון אונדז באַקומען אַ פּרעזענט. צי וואָלט ער דען אונדז צוגעטיילט צו דער קיך־אַרבעט, ווען ער וואָלט פון דעם נישט געוווּסט?

מיר האָבן יענעם געגעבן אַ פּרעזענט — האָט ער זיך אויך אַוודאי געריכט צו קריגן... מיר האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט ווי פּאָפּולער כאַבאַר איז געווען צווישן די דייטשן. מיר האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז שמידט וואָלט אימשטאַנד געווען צו נעמען כאַבאַר. און טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט עס נישט געקריגן, האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון באַראַק צוערשט איין מאַיעווסקאַ, דערנאָך די צווייטע.

— יאָ, יאָ פראַו אַליס — האָט ער געזאָגט — זאָ איסט עס.

איך בין צוריקגעגאַנגען אין מיין צימער. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין געלעגער און זיך פאַרטראַכט. אַ שווייגנדיקע בין איך לאַנג געזעסן מיט אַנגעשטעלטע אויגן אויפן פענצטער, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שוואַרץ פּאַפּיר — אַ טויבע און גלייכגילטיקע צו אַלץ. די אַנשטרענגונג איז געווען צו גרויס. איך האָב מיר געקויפט דעם גוטן גורל מיטן פּרייז פון אַ גרויסן פאַרלוסט פון מיינע כוחות. אין מיין גאַנצן אָרגאַניזם האָט זיך נישט געפינען קיין איין קעמערל אין וועלכן עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר פרייד.

דערנאָך האָב איך מיך מיט גרויס שוועריקייט אויפגעהויבן און שלעפּנדיק די פיס האָב איך געעפנט די טיר.

עטלעכע קינדער זענען מיט אַ הילכיקן קלאַנג געלאָפן איבערן קאָרידאָר. צווישן זיי איז אויך געווען אונדזער קליינער מאַציעק. ער האָט געטראָגן די רויטע הויזן צו וועלכע ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט.

דער באַראַק איז געשטאַנען אויף קורצע סלופּעס און אונטער דער פּאָדלאָגע איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ. דערפאַר האָט דאָס טופּען מיט די פיס פון די קינדער געוועקט טויזנטער עכאָס, וואָס האָבן, אָפּשלאָגנדיק זיך אָן די ווענט, געמאַכט אַן אומבאַשרייבלעכן גערויש. מענטשן האָבן זיך באַקלאָגט אויף די אַרומלויפענישן. אָבער עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום דראָונגען — נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן. די קינדער, וואָס האָבן געבענקט נאָך אַביסל פאַרווייילונג, האָבן געוואָלט דווקא הויך טופּען מיט די פיס.

איך האָב פאַרהאַלטן מאַציעקן:

— לייג זיך היינט פריִער — האָב איך אים געזאָגט — שלאָף זיך אויס, ווייל די נאַכט קען ווידער זיין אַ לופט־אַנגריף.

איך בין אַריין אין קיך און כ׳האָב גענומען פאַר אים פון קעסל

אביסל וואַסער זיך צו וואַשן. די קעכין, פרוי לונד, האָט געפּרעגלט פאַר שמידטן קאַרטאָפל־לאַטקעס און די שוואַנגערנדיקע נאַטאַליאַ האָט גע־ריבן די קאַרטאָפל אויף אַ ריבאייזן.

געדענקענדיק אירע קרומע בליקן און די נישט־פריינטלעכע פונקען אין אירע אויגן — האָב איך מיך גלייך פאַרקערעוועט צום אַרויסגאַנג. אָבער זי האָט מיך פאַרהאַלטן:

— איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, פראַו אַליס — האָט זי געזאָגט — איר מוזט פאַרזוכן אַ שטיקל קאַרטאָפל־פלעצל.

עס איז געווען אין אירע ווערטער, אין דער טאָנאַציע פון איר שטים — די זעלבע גוטמוטיקייט וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן שמידט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: איז דאָס מעגלעך, אַז זי האָט שוין דערהאַלטן דעם באַפעל פון אויבן, אַז זי זאָל זיך באַציִען צו אונדז אַנדערש?

איך האָב דערפילט, אַז עפּעס האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער אונ־דזערע פּלייצעס, עפּעס האָט זיך אָן צווייפל געענדערט — די שנאה איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

דאָס אַלץ איז געשען נאָר אַדאַנק דעם פינגערל, מיט וועלכן עס איז מיר געווען אַזוי שווער זיך צו שיידן...

***

מיר האָבן זיך נאָך רעכט נישט באַוויזן צו לייגן שלאָפן, — זאָפיאַ האָט נאָר־וואָס אָוועקגעשטעלט איר טשאָלנט אויפן אייוועלע, לוצינאַ האָט נאָך נישט פאַרענדיקט איר דערציילונג וועגן דער מומע פון סקער־ניעוויץ, — ווען מיר האָבן דערהערט דעם גאַנג אין קאָרידאָר. דאָס איז געווען דער סיגנאַל אויף אַן אַלאַרעם און מען האָט באַדאַרפט ווי צום שנעלסטן אַראָפּגיין אין שוצגרוב אַריין.

עס איז געווען ניין אַזייגער, אפשר אַביסל שפּעטער. אין דרויסן איז געווען אַ גאָס־רעגן און עס האָט זיך אונדז נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן דאָס וואַרעמע געלעגער. אָבער ווען מיר האָבן דערהערט גאַנץ נאָענט דאָס רוישן פון אַעראָפּלאַנען און ווייטע אויפרייסן פון די באָמבעס, זענען מיר אַרויסגעשפּרונגען פון די בעטן.

עמעצער האָט אַ רוף געטאָן אין קאָרידאָר: — מען באָמבאַרדירט די באַן־ליניעס! אַ צווייטער האָט זיך אָפּגערופן: — אַ באָמבע איז געפאַלן

אין קאַנאַל אַריין! און נאָך איינער: — עס ברענט אַ הויז הינטערן פעלד!
— אָבער ווי אַזוי קען מען אַרויסגיין אין אַזאַ גאַס־רעגן?

און אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס עס האָט געגאָסן אַ שלאַגס־רעגן, האָט אַ פּאַניק אַרומגעכאַפּט די מענטשן.

כמעט אַלע האָבן זיך געוואָרפן אין שוצגרוב און ווייניק ווער עס איז פאַרבליבן אין דרויסן. אָבער קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט גיין אין אַזאַ מבול אין אונדזער שוצגרוב אַריין — אַלע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן גאָר ערגעץ אַנדערש.

גלייך לעבן דעם באַראַק איז געווען אַ קליינער קעלער באַוואַקסן מיט גראָז. די טרעפּ זענען שוין פון לאַנג געווען פאַרפוילט — אַראָפּגיין האָט מען נאָר געקענט דורך אַ ליימיק שטעגל. קיין טירל איז אינעווייניק נישט געווען און דער רעגן האָט זיך אַריינבאַקומען דורכן איינגעבויגענעם שטעגל.

ווען די מענטשן האָבן דערהערט דאָס רוישן פון די אַוויאָנען גלייך איבער די קעפּ — האָבן זיי זיך געוואָרפן אין דעם קעלער. אין אַ שרעק־לעכער ענגשאַפט, אַקסל לעבן אַקסל, זענען זיי געשטאַנען אין דעם וואַ־סער. די איבערגעשראָקענע קינדער האָבן הויך געוויינט.

אין באַראַק איז געווען אַ שלאָסער, שוין נישט קיין יונגער מענטש. ער האָט געוווינט מיט אַ פרוי, וואָס האָט געאַרבעט ביים רייניקן די וואַ־גאָנען. ער האָט געהייסן ציסקאַ און זי — באַשיאַ. זי איז אין דער צייט געווען קראַנק אויף אַ רויז אויפן פוס.

מיר האָבן פּלוצלינג דערזען דעם שלאָסער, וואָס האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די קראַנקע באַשיאַ. ער האָט זי אַראָפּגעטראָגן אין קעלער, וואָס איז געווען איבערפולט מיט וואַסער, און ווען ער איז אַזוי געגאַנ־גען אונטערן שלאַקס־רעגן, האָט ער זיך אַ גליטש געטאָן אויפן ליימיקן שטעגל — ער איז אומגעפאַלן און באַשיאַ האָט זיך פון זיינע פּלייצעס אַראָפּגעקייקלט אין דער בלאָטע.

דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע לופט־אַנגריפן אויף בערלין. אַרום און אַרום האָט געברענט און דער רויך איז געשוואומען נידעריק איי־בערן האָריזאָנט.

מאַרישיאַ איז צוריקגעקומען צוויי אַזייגער פאַרטאָג. די רעלסן אויף געַרליצע זענען געווען צעשטערט און זי האָט געמוזט גיין צופוס זיבעצן קילאָמעטער.

— אַ גליק וואָס איך האָב געהאַט אין מיין בייטל אַביסל צוקער — האָט זי געזאָגט — און טכוזשעווסקי איז געווען מיט מיר...

— צי וועט זיך ס׳קינד נישט פאַרקילן? — האָט זי אַ פאַרזאָרגטע געפרעגט. ער איז שוין געלעגן אויף דער פּריטשע, אַרומגעוויקלט מיט די דעקעס און זיינע נאַסע שיך און זאָקן האָבן זיך געטרוקנט לעבן אייוועלע.

— אויב עס וועט זיין נאָך אַן אָנגריף וואָס וועלן מיר דעמאָלט טאָן? וואָס וועט ער אָנטאָן? די נאַסע שיך? ער האָט דאָך נישט קיין אַנדערע...

מיר זענען ביידע געזעסן לעבן אים און זיך צוגעהערט צו זיין אָטעם. דאָס קינד איז געווען די זאָרג און דער אינהאַלט פון אונדזער יעדער רגע. דער אינהאַלט פון אונדזערע געשפּרעכן, די סיבה פון אונדזער פּיין, דער אימפּולס פון אונדזערע האָפענונגען און ווילן איבערצולעבן. צי זענען מיר נישט אַראָפּגעגאַנגען אין שוצגרוב הויפּטזעכלעך צוליב אים?

פאַר אונדז האָט דאָס לעבן נישט געהאַט קיין שום ווערט. איבעריקנס איז פאַר קיין שום אויסבאַהאַלטענעם יִידן אין יענע צייטן נישט געווען שרעקלעך דער טויט פון אַ באָמבע. יִידן האָבן זיך דערפאַר נישט געאיילט אַראָפּצוגיין אין די שוצגרובנס. ווי גוט האָבן מיר פאַרשטאַנען די מענטשן פון אונדזער באַראַק, וואָס זענען אויך נישט אַרונטערגעגאַנגען, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן. און מיר האָבן אַפילו אין אונדזערע הערצער חושד געווען, אַז דאָס זענען יִידן, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך די דאָזיקע געוווינהייט פון דער אַרישער זייט אין וואַרשע.

דאָ אין בערלין האָבן מיר אַלצדינג געמאָסטן לויט דער מאָס פונעם קינד. און טאַקע צוליב דעם האָט מאַרישיאַס און מיין לעבן געהאַט אַ גרויסן באַטייט. אויב מיר זענען געווען צוויי — האָט ער געהאַט טאָפּלטע שאַנסן דורכצולעבן. דערפאַר האָב איך מיט אַזאַ אָנשטרענגונג געקעמפּט, ווען איך האָב געזען אַז מיין לעבן איז באַדראָט. ס׳האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן מיר — דאָס איז זיין יונג לעבן געווען באַדראָט.

— איך האָב נישט באַוויזן דיר צו דערציילן. עס איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער רייכס-באַן־צענטראַלע. מען טראָגט מיך איבער אויפן שלעזינגער־באַנהאָף, ווו איך וועל זיין אַן איבערזעצערין.

זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. עס איז בלי־שום־ספק געווען אַ זיג, אָבער — נאָר אַ האַלבער זיג. טיף אין איר האַרצן האָט זי באַגערט, אַז איך זאָל זיין באַשעפטיקט ביי אונדז אין באַראַק. דעמאָלט וואָלט איך

נישט פאַרלוירן אַזוי פיל כוחות און ענערגיע אויפן פאָרן אין די קעלטן און אין די שלעכטע וועטערן, און כ׳וואָלט געקענט אַכטונג געבן אויף מאַציעקן — וואָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע.

זי האָט זיך פאַרטראַכט.

— איך וועל מאַרגן איבעררײדן מיט שמידטן — האָט זי געזאָגט — איך וועל אים בעטן, ער זאָל זיך ווענדן צו דער מאַכט, אַז עס איז אים נייטיק אַ לאַגער־פּרוי. מיר וועלן זען ווי אַזוי ער וועט אונדז אַפּצאָלן פאַרן פינגערל.

מיר האָבן דעם געשפּרעך געפירט גאַנץ שטיל, ווי צום שטילסטן, קיינער זאָל נישט הערן.

צומאָרגנס איז געווען זונטיק. דער טאָג פון רייניקן און וואַשן די פאַדלאָגעס. נישט די גאַנצע פאַדלאָגע נאָר דער טייל וואָס איז געווען לעבן אונדזערע געלעגערס. די פאַדלאָגעס אין די צימערן זענען געווען צעטיילט אויף אַזוי פיל טיילן, וויפל עס זענען געווען טאָפּלטע געלעגערס.

אונדזער פאַדלאָגע איז צעטיילט געווען אויף דריי חלקים. מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין יאָ און ניין מיט לוצינאַ און זאָפיאַ. יעדן זונטיק האָט לוצינאַ רויק געשייערט צווי מעטער פון דער פאַדלאָגע וואָס האָבן באַלאַנגט צו איר און צו זאָפיאַ. זאָפיא איז געווען באַפרייט פון דער אַרבעט. איבעריקנס די לאַנגזאַמע און קאַלטע לוצינאַ איז געווען אין יעדער הינזיכט דער בעל־חוב פון זאָפיאַ. צי האָט זי זיך נישט געעצהט מיט איר ביי יעדער געלעגנהייט? צי האָט זי נישט געגעסן יעדן טאָג זאָפיאַס טשאָלנט?

יעדן זונטיק האָט מאַרישיאַ געשייערט די צווי מעטער פון דער פאַדלאָגע, וואָס האָט באַלאַנגט צו אונדז. קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט. זי איז געווען מיין שנור און זי האָט געטאָן די אַרבעט פאַר זיך און פאַר מיר.

גאָר אַנדערש איז געווען מיט אַנקאַ און באַרבאַראַ גורסקאַ אין דער צייט ווען זי האָט נאָך געוווינט מיט אונדז.

אַנקאַ האָט זיך באַקלאָגט:

— די כאָלערע דרייט זיך אויף איר פּריטשע. זי צעשפּרייט אומיסטן די ברעטער פון איר געלעגער, וואַרפט שטויב און שטרוי אומעטום אַרום

זיך... אויב די שקאַפּע שמוציקט, דאַרף זי רייניקן די צוויי מעטער פֿאַד־לאַגע, נישט אַזוי?

זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַן אויפגעהויבענער שטים און זיך געווענדט צו לוציַנאַ, צו זאָפיאַ, צו מיר, פּונקט ווי זי וואָלט אונדז גענומען פֿאַר עדות: — נישט אַזוי? — האָט זי געפרעגט, און מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס אויף דעם צו ענטפערן, ווייל גורסקאַ איז געווען אין צימער און די ווערטער זענען טאַקע געווען געשיקט אויף איר אַדרעס. אָבער גורסקאַ האָט געהאַט איר אופן פון אומגיין זיך מיט אַנקאַן — זי האָט געשוויגן, נישט געענטפערט קיין וואָרט.

כמעט יעדן טאָג איז אויסגעבראָכן אַ קריגערייִ וועגן דער פאַדלאַגע צווישן אַנקאַ און גורסקאַ.

אונדזער קליין יינגעלע, וואָס האָט געצייכנט ביים טיש, אָדער באַ־קוקט די מאַפּעס, וואָס זענען געווען אויסגעשניטן פון די צייטונגען — האָט געהערט געמיינע ווערטער, וואָס אַנקאַ האָט גערעדט, אַרומקוקנדיק זיך גרויזאַם — און נישט איינמאָל האָט זיך איר בליק נישט־ווילנדיק טאַקע פאַרהאַלטן אויף אים. דעמאָלט פלעגט ער בלאַס ווערן, ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין קריגערייִ. אפילו ווען ער איז נאָך געווען אַ פּיצעלע — האָט ער אַלעמאָל געוויינט בעת אַ קריגערייִ.

דערנאָך ווען עס איז שוין געווען שטיל און רויק, האָט ער — פירנ־דיק מיט די פינגער זיינע איבער די מאַפּעס — אויסגערעכנט, שטעט, טייכן און בערג. ער האָט געוווּסט וואָס פאַראַ פּאָזיציעס עס פאַרנעמט דאָס צוריקגעצויגענע דייטשישע מיליטער; ער האָט געקענט די נעמען פון די קעמפנדיקע גענעראַלן פון ביידע צדדים. ער האָט געוווּסט וואָס פאַראַ אַוויאָנען עס געפינען זיך און ווי אַזוי זיי הייסן.

ער האָט צופיל געוווּסט, ער איז געווען צו אינטעליגענט — וואָס דאָס אַליין האָט שוין געקענט אַרויסרופן אַ חשד.

די איינגעקאַרטשעטע אַנקאַ אויפן בענקל האָט געקוקט מיט באַגייס־טערונג אויף זיינע פינגער, וואָס האָבן געצייכנט די גרענעצן פון פראַנק־רייך — און ווען ער האָט אויפגעהויבן די אויגן — האָט זי צו אים גע־שמייכלט אויף איר טיפּישן באַצויבערנדיקן אופן.

ווען באַרבאַראַ גורסקאַ איז פאַריאָגט געוואָרן פון אונדזער לאַגער,

האָט איר בעט פאַרנומען יאַדוויגאַ. די זינגערין האָט אויך נישט געוואָלט וואַשן דאָס שטיקל פּאָדלאָגע.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט אַנקאַ, בליצנדיק מיט די אויגן.

— ווייל איך שמוציק נישט אָן. איך בין נישטאָ דעם גאַנצן טאָג... איך שלאָף נאָר דאָ.

— אַהאַ! הייסט עס, אַזוי איז עס? וועל איך אויך נישט וואַשן די פּאָדלאָגע.

אָבער זי האָט נישט אויפגעהויבן איר שטים. זי האָט נישט געשאָלטן. זי האָט געהאַט רעספּעקט פאַר יאַדוויגאַס טאַלאַנט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז קיינער האָט נישט געוואָלט וואַשן דאָס שטיקל פּאָדלאָגע — נישט אַנקאַ, נישט גורסקאַ, נישט יאַדוויגאַ. מאָדנע האָבן אויסגעזען די שמוציקע און פאַרבלאָטיקטע ברעטער צווישן די אַרומיקע ריינע. צום סוף האָט מאַרישיאַ נישט קענענדיק פאַרטראָגן דעם ברוד, געשייערט אויך דאָס שטיקל פּאָדלאָגע.

אין דער צייט האָבן מיר געשריבן צו לוציאַ הערש און איר געענטפערט אויף דער פראַגע, וואָס זי האָט אונדז געשטעלט: „צי וואָלט איר געוואָלט אַז אייער קינד זאָל קענען אַרויספאָרן אין דער שווייץ? ווייל עס דאַרף אָנקומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע“...

וויפל קאָמפּליצירטע האָפענונגען האָבן אין זיך פאַרמאָגט די דאָזיקע ווערטער! אַפילו אין דער קעגנוואַרט פון מאַציעקן האָבן מיר גערעדט און געטרוימט אויפן קול, כדי אים צוצוגעבן חשק, אָבער אומזיסט זענען געווען אונדזערע באַמיִונגען. ער האָט נישט געוואָלט פאָרן.

נאָך אַ געוויסער צייט, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעקילט, האָבן מיר עס אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אַנדערש. נאָך וועלכע קינדער קומט צו פאָרן אַ קאָמיסיע? מסתמא נאָך אַזעלכע וואָס עס איז זיי שלעכט אין די לאַגערס. צוואָס ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט? פאַרוואָס האָט גראָד אונדזער קינד באַדאַרפט פאָרן אין דער שווייץ? — צי וואָלט עס נישט געווען פאַרדעכטיק?

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, אונטערן איינפלוס פון אונדזערע נאָכטראַכטענישן זענען אונדזערע האָפענונגען איינגעשרומפּן און פאַרוויאַנעט געוואָרן ווי פלאַנצן אונטער אַ פראָסט.

„טייערע פריינדין — האָבן מיר ענדלעך געענטפערט — מיר דאַנקען

האַרציק פאַרן געדענקען אונדז. דער קליינער האָט גוטע דערנערונג און עס פעלט אים גאָרנישט"...

**

אין דער קאַנצעלאַריע אויפן שלעזישן באַנהאָף — פּונקט ווי אין יעדער קאַנצעלאַריע — איז אין מיטן צימער געשטאַנען אַן אייזערן איי־וועלע, וואָס מען האָט געהייצט מיט קוילן־בריקעטן. זיבן אַזייגער אינ־דערפרי, אין אַ פראָסטיקן דעצעמבער־טאָג, בין איך צום ערשטן מאָל צו־געגאַנגען צום אייוועלע כדי אָנצוווארעמען מיינע פאַרפרוירענע הענט. איך האָב אויסגעצויגן מיינע ביידע הענט איבער דער צעגליטער פּליטע. אַלע דריי באַאַמטע האָבן געקוקט אויף מיר.

זיי זענען געזעסן לעבן די שרייבטישן, איינער לעבן פענצטער, דער צווייטער — אויף דער רעכטער זייט פון צימער און דער דריטער — אויף דער לינקער זייט. אויפן שרייבטיש לעבן פענצטער איז געשטאַנען אַ ראַ־דיאָ, אויף אַ קליין טישל — אַ שרייבמאַשין.

באַלד ביי מיין אָנקומען האָבן זיי צו מיר געזאָגט:

— דו ביסט פון וואַרשע? זאָג אונדז נאָר, מיר האָבן געהערט, אַז דאָרט האָבן געברענט גאַנצע גאַסן, אַ הויז לעבן אַ הויז. איז דאָס אמת אַז די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן וואַרשע?

איך האָב געשוויגן.

— זי האָט מורא — האָבן זיי געזאָגט. — האָב נישט קיין מורא פאַר אונדז. דו מעגסט אונדז גאַנץ דרייסט זאָגן דעם אמת. קיינער וועט זיך אַחוץ אונדז נישט דערוויסן.

— די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן וואַרשע — האָב איך געזאָגט.

— יאָ, יאָ, דאָס איז זייער טרויעריק. אָבער דיר, אַליציאַ מאַיעווסקאַ, וועט ביי אונדז אויפן באַנהאָף זיין גוט. מיר וועלן דיך רעספּעקטירן. מיר וועלן דיר ווייזן דעם מאַגאַזין, מיר וועלן דיך אויסלערנען צו שרייבן אויף דער מאַשין.

עפּעס מאָדנע דייטשן.

אַ דייטשישע באַאַמטין, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ דערבייאיקן צי־מער, האָט זיך ביי מיר אויך געפרעגט וועגן דעם ברענענדיקן וואַרשע. זי האָט אומבאַדינגט געוואָלט וויסן ווער ס'האָט געמאַכט די שריפות: די דייטשן, צי די רוסן?

יעדעס מאָל זענען געקומען אין דער קאַנצעלאַריע אַרבעטער: רוסן, פראַנצויזן און פּאָלאַקן. איך האָב איבערגעזעצט אויף דייטש זייערע רייד און פאַרקערט. איך האָב איבערגעזעצט אויף זייערע שפּראַכן וואָס עס האָבן גערעדט די באַאַמטע. די אַרבעט האָט מיך אַמוזירט. דאָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין שום אַרבעט.

איינס דרייסיק בייטאָג האָבן זיי אַנגעשטעלט דעם ראַדיאָ און אַלע דריי האָבן זיך פאַרזאַמלט לעבן אים. קאָפּ לעבן קאָפּ, אַקסל לעבן אַקסל. די באַאַמטין פונעם צווייטן צימער איז אויך געקומען צו לויפן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די דריי מענער לעבן ראַדיאָ און זיך מיט אויפ־מערקזאַמקייט צוגעהערט צו דער שטילער און סודותפולער אוידיציע.

איך האָב בשעת־מעשה געקלאַפּט אויף דער מאַשין, צוליב איבונג, עפּעס אַ דייטשיש געדיכט.

— דאָס איז אַן ענגלישע סטאַציע, דאָס רעדט לאָנדאָן — האָט גע־זאָגט דער אָנפירער פון באַנהאָף, קוקנדיק אויף מיר אויפמערקזאַם — אָבער אַליציאַ וועט דאָך אונדז נישט פאַרמסרן; אמת, אַליציאַ?

איך האָב אַ שמייכל געטאָן. די ווערטער האָבן מיך זייער גערירט, זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַזאַ פאַרלעגנהייט, פונקט ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט און געבעטן דיסקרעציע. נישט געפאָדערט, נאָר טאַקע געבעטן.

מיר געפינען זיך צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג פון בערלין — האָב איך געטראַכט — און איך זע צייכנס פון הומאַניטאַרע געפילן פאַר די לאַגער־מענטשן. מיט וואָס קען זיך דאָס פאַרטייטשן? צי איז עס אויך געווען אַזוי מיט צוויי צי מיט דריי יאָר צוריק?

אַ דייטשקע — די אייגנטימערין פון אַ קליינעם שענק אויף דער גרינאַוער גאַס, צו וועלכער מיר פלעגן טייל מאָל אַריינגיין נאָך אַ גלאָז ביר — האָט זיך מיט אַ סך מיטגעפיל צוגעהערט צו אונדזערע געשיכ־טעס. דאָס דייטשישע יינגעלע, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט מאַציעקן; דער באַאַמטער, וואָס האָט פאַר מיר איינגעהייצט די אויוונס; די עלטע־רע פרוי אין טראַמוויי וואָס האָט גערופן אַז מ׳זאָל אָפּטרעטן די פּלעצער פאַר די מידע אַרבעטערינס — און איצט די פריינטלעכע ווערטער פונעם באַנהאָף־אָנפירער — דאָס אַלץ האָט געקענט אויפטייען, אויפוועקן אין אונדז אַ לאַנג אומבאַקאַנט פאַרבאָרגן געפיל פון אַ שטיקל טרייסט.

צי איז עס נישט געווען דער סוף פון דער מלחמה — וואָס מען האָט געפילט אין דער לופטן — וואָס האָט זיך דערנענטערט — וואָס איז שוין נאָענט?

טיילמאָל האָט מאַרישיאַ דערציילט וועגן בעטטערן, דעם מאַן פון היטלערס קעכין. וואָס אַן אמת האָט שוין מאַרישיאַ איצט נישט געאַר־בעט אין דער קאַנצעלאַריע, נאָר ביי דער דריישייבע — אָבער זי האָט אים פון צייט צו צייט געזען.

— ער לעשט זיך אויס — האָט זי געזאָגט — ער ווערט פאַרלאָשן מיט יעדן טאָג. ער גייט אויס ווי אַ פלאַם פון אַ לאָמפּ, וואָס מען זעטיקט נישט מיט קיין הייץ־מאַטעריאַל...

— ניין, — האָט שפּאַסיק איבערגעחזרט דער אָנפירער פון באַנהאָף — זייט רויק, חברים, זי וועט אונדז נישט פאַרמסרן, די אַליציאַ פון וואַרשע.

איך האָב מיך איצט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט זייער באַציִונג צו די אַרבעטער. כ'האָב געמיינט, אַז אפשר וועלן זיי זיין אין באַצוג צו די אַרבעטער מילדער, אָדער אַפילו מער צוגעלאָזן.

דערווייל אָבער זענען זיי פאַרבליבן מיט דער זעלבער שטייפער אַפּי־ציעלקייט ווי ביז איצט. ענערגיש און אַנטשיידן האָבן זיי געטאַדלט יעדער פאַרלעצונג. אין דער קעגנוואַרט פון פאַרשיידנשפּראַכיקע אַרבעטער, וואָס זענען טעגלעך דורכגעגאַנגען דורך דער קאַנצעלאַריע, האָבן זיי — נישט מיט קיין זשעסט, נישט מיט קיין אויסדרוק פון פּנים, נישט מיט קיין איין וואָרט — נישט פאַראַטן זייערע געדאַנקען.

דערפאַר האָב איך מיך געוווּנדערט, אַז פאַר מיר, פאַר איינער פון אַזוי פיל פון זייערע אַרבעטערינס — האָבן זיי גלייך דעם ערשטן טאָג אויפגעדעקט זייערע קאָרטן.

איך האָב עס מיר פאַרטייטשט, אַז דאָס איז געווען אַ טיף געהיים געפיל, פּונקט ווי עס האָט געהאַט אַנקאַ, ווען זי האָט געטראָפן, אַז מאַ־ציעק איז אַ יידיש קינד. זיי האָבן דערפילט אַז איך וואָלט זיי בשום־אופן נישט געקענט פאַראַטן, קיינמאָל אין לעבן נישט — און אַז זיי מעגן מיר פאַרטרויען אָן שום צווייפל. כאָטש דער גלויבן אין מיר האָט נישט גע־האַט קיין שום גרונט און קיין שום פונדאַמענט.

**

נאָך אַכט טעג איז אָנגעקומען אַ בריוו צום לאַגער־פירער שמידט, מיט אַ שטעמפּל, מיט אַ סך שטעמפּלען.

דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף דער ביטע, וואָס עס האָט אַרויס־געשיקט דער אָנפירער פון גערליצער באַנהאָף, קאָסקאַ, צו וועמען מאַרי־שיאַ האָט זיך געווענדט.

אָבער אַ מאָדנע זאַך איז געשען. קאָסקאַ האָט אין זיין ביטע פאַר־דרייט אונדזערע נעמען. די ביטע איז אָנערקענט געוואָרן, אָבער נישט פאַר אַליציאַ. מאַריאַ מאַיעווסקאַ איז באַשטימט געוואָרן ווי די לאַגער־פרוי פאַר אונדזער באַראַק.

— אפשר איבערלאָזן אַזוי ווי עס איז — האָב איך געזאָגט — און נישט אויסבעסערן דעם פעלער? דו פאָרסט אַזוי ווייט צו דיין אַרבעט, דאָ וואָלסטו זיך געקענט פאַרנעמען מיט מאַציעקן בעסער ווי איך. און איך וועל בלייבן אויף מיין באַנהאָף — מען באַהאַנדלט מיך דאָרט ווי אַ גלייכע און זיי שענקען מיר אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי...

זי האָט זיך פאַרטראַכט.

— אָבער איך בין יונג — האָט זי געזאָגט נאָך אַ מאָמענט, — עס וואָלט געווען אויפפאַלנדיק אַז איך זאָל אַרבעטן אין באַראַק. איבעריקנס, דאָס איז דאָך נאָר אַ טעות, ווייל דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן דיר, נישט וועגן מיר. דאָס איז אַ טעות וואָס מוז ווערן אויסגעבעסערט.

מען האָט דעם טעות פאַרבעסערט. דערצו נאָך אַז שמידט האָט, נאָך אַ געשפּרעך מיט מאַרישיאַ, אַליין געשריבן דעם בריוו צו דער אַנט־שפּרעכנדיקער מאַכט, אַז מען זאָל אים צוטיילן אַליציאַ מאַיעווסקאַ ווי אַ לאַגער־פרוי אין זיין לאַגער.

איך בין נישט געווען קיין יונגע פרוי און קיינעם האָט אַזאַ ענדערונג נישט געוווּנדערט.

בין איך אַלזאָ געוואָרן אַ לאַגער־פרוי און איך האָב מיך שנעל איינ־געשפּאַנט אין מיינע נייע פליכטן.

יעדן פרימאָרגן אַרום זעקס בין איך — מיטן עמער, בעזעם און שמאַטעס — געגאַנגען אין וואַשצימער. כ׳האָב דאָרט געוואַשן די פּאָד־לאָגע און גערייניקט די אָפּטריטן, אויב זיי זענען נאָר נישט געווען פאַר־קלאָפּט מיטברעטער.

דערנאָך בין איך געפֿאָרן נאָך מילך צוזאַמען מיט דער פּערצניאַרי־קער יאַשיאַ, וואָס האָט מיר געהאָלפֿן טראָגן די בלעכערנע קאַנען מיט מילך.

איך האָב גערוימט שמידטס צימער. ביז איצט האָט עס געטאָן יאַשיאַ.

— אָבער איך האָב אַ פֿאַרדאַכט — האָט ער געזאָגט — אַז זי האָט לייז. פֿון היינט אָן וועט איר ביי מיר רוימען, פּרוי אַליס.

אַ געוויסן טאָג, ווען איך האָב געבראַכט טליענדיקע רויטע שטיקלעך קוילן פֿון קיך, כּדי איינצוהייצן זיין אייוועלע — האָב איך געטראָפֿן די פֿרוי שמידט, וואָס איז געזעסן לעבן שרייבטיש. מען האָט וועגן איר דערציילט, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש און קען ריידן פּויליש. איך האָב צופֿעליק אַ בליק געוואָרפֿן אויף איר האַנט — זי האָט געטראָגן אויף איר פֿינגער מיין מוטערס רינג.

זי האָט געשוואַנגערט, די יונגע טונקלהאָריקע פֿרוי. פֿאַר איר איז געשטאַנען אַ שאַכטל מיט טאַבאַק. זי האָט געמאַכט פּאַפּיראָסן. דאָס רינגל אויף איר פֿינגער האָט געגלאַנצט און געפֿינקלט.

דאָס שייערן דעם לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט איינגעטיילט דעם באַראַק אויף צוויי העלפֿטן, האָט אויך געהערט צו מיר. דעם קאָרידאָר האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געריניקט, אָבער פֿאַר דעם ווייַנאַכטן־יום־טוב האָב איך עס באַדאַרפֿט טאָן.

איין אָוונט האָב איך מיך גענומען צו דער שווערער אַרבעט. כ׳האָב געברענגט אַן עמער מיט וואַסער, אַ באַרשט און אַ שמאַטע און אָנגעהויבן צו שייערן די פּאָדלאָגע. מאַרישיאַ איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער און האָט ביי מיר צוגענומען די באַרשט און זיך אַליין גענומען צו דער אַרבעט. ווען זי איז מיד געוואָרן האָט אַנטאָניוקאָוואַ גענומען די באַרשט און נאָך איר — יאַשיאַ, לוצינאַ און אַפֿילו אַנקאַ. די באַרשט מיט דער שמאַטע האָבן געוואַנדערט פֿון האַנט צו האַנט — ביז דער גאַנצער קאָרידאָר איז אָפּגעריייניקט געוואָרן.

צו מיר האָט אויך געהערט די אויפֿזיכט איבער אַכט קינדער. אייגנט־לעך זענען שוין געווען ניין קינדער, ווייל נאַטאַליאַ האָט אינצווישן גע־בוירן אַ קינד, אָבער זי האָט זיך אַליין פֿאַרנומען מיט איר קינד, אַרבעטנ־דיק גלייכצייטיק אין דער קיך.

יאַשיאַ, קאַזיאַ און מיעטשיאַ — דריי טעכטער פֿון פּאַוולאָווסקאַ,

וואָס האָט גערייניקט די וואַגאָנען; אָלעשיאַ, די טאָכטער פון כאַינאַצקאַ, ביי וועלכער דער דענטיסט האָט אַרויסגעריסן צוועלף וואָרצלען; די צווייי־יאָריקע קאַשיאַ און דריי קליינע יינגלעך: מאַציעק, לעשעק און טאָמעק — דאָס זענען געווען די קינדער מיט וועלכע איך האָב מיך פאַרנומען.

איך בין אַראָפּגעגאַנגען מיט די קינדער אין שוצגרוב ווען עס איז געווען אַן אָנגריף; עלף אַזייגער האָב איך זיי אין קיך געגעבן צו טעפּ־לעך מילך; אין אַ זוניקן טאָג האָב איך זיי געפירט שפּאַצירן מיטן ברעג פון קאַנאַל ביז צום אַדלערסהאָף־לאַגער.

טייל מאָל זענען מיר געגאַנגען אין דער קווער דורכן פעלד ביז צו דער באַן־ליניע; טייל מאָל זענען מיר געגאַנגען בלויז צו דער בריק און דאָרט געשטאַנען אַ לאַנגע צייט, קוקנדיק אויף די דורכפאָרנדיקע שיפלעך.

די מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און געזונגען:

אַ פלאָם פון אַ פייער — אַ פעלד מיט שטיינער
מיין שיינע חתונה וועט נישט זען קיינער.
ווייל מיין חתונה וועט אין אויסלאַנד זיין
און אויף מיין חתונה זיבן מלכים וועלן זיין.
זיבן מלכים וועלן טאַנצן אין אַ גאַלאָפּ
און דעם קראַנץ בלומען פאַרבעסערן אויף מיין קאָפּ.

אין רעגנדיקע טעג האָב איך די קינדער פאַרזאַמלט ביי אונדז אין צימער. זיי האָבן געצייכנט, געזונגען און אַפילו געטאַנצט. איך האָב זיי דערציילט געשיכטעס פון די פוילישע קעניגן. זיי געלערנט אַריטמעטיק און געשמועסט מיט זיי וועגן פייגל, חיות און פלאַנצן.

יאַשיאַ האָט אָפּגעהיט דאָס עסן פון אירע שוועסטער און אָלעשיאַ. לעשעקס עסן האָט זיך געפינען אויף דער שאַנק אין דעם צימער פון די פאָרפעלקער. יעדעס מאָל האָב איך אים געגעבן אַ שטיקל ברויט אָנגע־שמירט מיט חזיר־שמאַלץ. די מוטערס פון טאָמעק און דער קליינער קאַ־שיאַ האָבן געאַרבעט אין דער קיך — האָבן זיי דעריבער אַליין געקענט טראַכטן וועגן דער דערנערונג פון זייערע קינדער.

דער טרויעריקער וועכטער האָפמאַן האָט פאָטאָגראַפירט די קינדער און געשאַנקען די מוטערס די פאָטאָגראַפיעס. ער האָט אויך פאָטאָגראַ־

פירט דעם באַראַק מיטן שטעכלדראַט אַרום אים און ער האָט געגעבן יעדן איינעם, ווער עס האָט אים געבעטן, אַזאַ בילד צום אָנדענק.

אַזוי זענען דורכגעגאַנגען די טעג ביז די מוטערס זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט.

אין דער צייט האָב איך צום אַרויסגיין געטראָגן שיך אויף הילצערנע פּאָדעשוועס, וואָס מיר האָבן באַקומען צוגעטיילט פונעם מאַגאַזין־אָנפירער מיטן צונאָמען מאַזור. אוןביים אַרומגיין אין לאַגער — ווייסע הילצערנע שטעקשיך. איך האָב הויך געקלאַפּט מיט די שטעקשיך, ווען איך האָב געטראָגן די עמערס מיט וואַסער און גערוימט די אָפּטריטן אין דעם שוואַכן שיין פון טאָג, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען דורך די מוטנע שויבן.

איך האָב אַרומגעבונדן מיין קאָפּ מיט אַ טונקל טיכל און דעם סוועטער מיטן שוואַרצן זשאַקעט, וואָס איך האָב געטראָגן אויף זיך, האָב איך אַרומגעבונדן מיט אַ ברייטן בלויען פאַרטעך.

עס איז נישט פאַרביי קיין טאָג, קיין איין שעה, איך זאָל נישט בעת דער אַרבעט טראַכטן וועגן די ווערטער פון אַננאַ ביאַלקאָווסקאַ:

— דו האָסט גאָרנישט איבערגעלעבט, אַליציאַ. דו ווייסט פון גאָרנישט. איך בין געווען אין אַ לאַגער און כ'האָב גערייניקט אָפּטריטן...

***

צוויי טעג פאַר ווייַנאַכט איז יאַהאַן, דער וואָס האָט געמאַכט פייער אונטערן קעסל און געהאָלפן פרוי לונד, געגאַנגען אין סאָסנע־וועלדל אונטער אַדלערסהאָף און האָט געבראַכט אַ ווייַנאַכט־בוים.

ערב די ווייַנאַכטן האָט מען דעם בוים אויסגעפוצט מיט קאָלירטע פּאַפּירלעך, גאָלדענע פליטערלעך און אַפילו מיט צוקערלעך און ניס. מען האָט אים אַוועקגעשטעלט אינעם צימער פאַר פאַרפעלקער. אַלע טאָפּלטע בעטלעך זענען געוואָרן אַוועקגערוקט אין אַ זייט. אַרום דעם בוים איז געבליבן אַ פרייער פּלאַץ באַשטימט אויף טענץ.

דער מאַגאַזין־אָנפירער ריינהאָלד האָט גערעדט פויליש ווי אַ פּויער, מיט אַ פרעמדן אַקצענט. ער איז, ווי מען האָט געזאָגט, געבוירן געוואָרן אין דער געגנט פון די מאַזורער בלאָטעס. ער האָט ליב געהאַט וועגן דעם

צו דערציילן אונדזערע אַרבעטער און דערפאַר האָט מען אים, ווי שוין דערמאָנט, געגעבן אַ צונאָמען — מאַזור.

מאַזור האָט געבראַכט פון שטאָט אַ גראַמאָפאָן און אים אַוועקגע־שטעלט אויפן קיכבענקל, וואָס איז אַרומגעדעקט געוואָרן מיט אַ ריינע שמאַטע.

דעם טאָג האָט יעדער איינער געקריגן אַן איי. מיר האָבן גלייך אין דעם יום־טובדיקן אָוונט אָפּגעקאָכט איין איי פאַר מאַציעקן.

אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט לעבן דעם ווייַנאַכט־בוים. אַלע אָפּגעוואַשן און אָנגעטאָן אינעם בעסטן וואָס יעדער האָט פאַרמאָגט. מען האָט געזונ־גען די ווייַנאַכט־לידער, מען האָט געזונגען „הייליקע נאַכט" און יעדער איינער איז געווען גערירט — ווייל כאָטש דאָס איז געווען אַ דייטשיש ליד, האָט מען געטראַכט וועגן דער היים און וועגן דער משפחה וואָס איז דאָרט פאַרבליבן.

מאַזור, וועגן וועלכן מען האָט גערעדט, אַז ער איז די „גרויע עמי־נענץ" פונעם לאַגער, דעם לאַגערס אויג און אויער — צו וועמען מ'האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי, כאָטש ער האָט גערעדט פויליש — איז גע־שטאַנען צווישן צוויי באַן־אַרבעטער, האַלטנדיק זיינע הענט אויף זייע־רע אַקסלען. אַ הויכער, אַ מאָגערער און אַ שיינער — אַלע מאָל ציוויל געקליידט — האָט ער דעם אָוונט דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעוויזן פריינט־שאַפט צו אַלע.

דערנאָך האָט יאַדוויגאַ מאַלינאָווסקאַ געזונגען אַן אָפּערן־אַריע. און ווען איר שטים האָט מיט אַ ברייטן רעזאָנאַנס זיך צעגאָסן איבערן באַ־ראַק — איז געקומען שמידט מיט זיין הינטל און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער טיר און געשמייכלט אויף זיין שטייגער.

יעדער וואָס האָט אים געזען, האָט זיך געקענט אָנשטויסן אַז ער האָט שוין אַ זופּ געטאָן פונעם פלעשל.

מען האָט אין ערגעץ נישט געזען קיין בראָנפן און דאָך איז יאַהאַן געווען שיכור. ווען יאַדוויגאַ האָט געענדיקט זינגען, האָט מען אָנגע־שטעלט דעם גראַמאָפאָן און יאַהאַן האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו טאַנצן מיט אונדזער קעכין, דער פרוי לונד. ער האָט געעפנט דעם באַל און נאָך אים האָבן זיך אויך אַנדערע אַ לאָז געטאָן אין טאַנץ.

אָך, איז דאָס געווען אַ טענצער פון גאָטס גענאָד דער יאַהאַן פונעם

קעסל — גרוי ווי אַן אָקס און גרינג ווי אַ פעדער. זיין האַנט, זיינע פינ־
גער! דער קלײנער פינגער שטיפעריש אויפגעהויבן. זיין פּנים איז געווען
פאַרכמורעט און פאַרביסן; זיין קאָפּ באַהאַלטן אין די אַקסלען; די אויגן
תאוודיקע און ווילדע. און דאָך האָט ער די פרוי לונד געהאַלטן אַזוי
דעליקאַט, פונקט ווי זי וואָלט געווען אַ לילי־בלום...

אָבער וואָס האָט זי געוווסט — צי האָט זי זיך אויף דעם דערקענט,
די דייטשישע קעכין, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין זיינע אָרעמס?

אַלץ איז אַוועק אין אַ טאַנץ — דער גרוזינער מיט דער יונגער מאַ־
ריאַ, מאַזור מיט לוציגאַ, דער שלאָסער ציסקאַ מיט באַשיאַ, ווענגלישעוו־
סקי מיט זיין פרוי, וואָס איז געווען ענלעך צו מאַרלענאַ דיטריך, אַלעק
מיט לאַטטאַ, און די פאַרליבטע יאַדוויגאַ אין די אָרעמס פונעם שיינעם
קאָנראַד...

צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך האָט זיך געדרייט דער טרויעריקער
וועכטער האָפּמאַן; שמידט האָט זיך באַלד פאַרמאַכט אין זיין צימער און
זיך מער נישט באַוויזן.

צוועלף אַזייגער האָט יאַהאַן, פולשטענדיק אַ שיכורער, קושנדיק די
הענט פון דער פרוי מאַלינאָווסקאַ, געוויינט: — „מאַמעלע, מאַמעלע!"...
— און זיין טאָכטער, די פופצניאָריקע צעצילקאַ האָט אין דערבייאיקן צי־
מער געזונגען איר באַליבט לידל:

„הויטע ניכט אַרבייטען
די מאַשין קאַפּוט
אַלעקסאַנדער־פּלאַץ
אַלעס, אַלעס גוט."

פּלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר פון איר צימער און אויף דער
שוועל האָט זיך באַוויזן שמידט. ער איז געווען שיכור. ער האָט אַרויס־
גענומען פון זיין טאַש דעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסן אין סופיט. די
מיידלעך וואָס זענען שוין געשלאָפן האָבן זיך אויפגעוועקט מיט אַ געשריי.

צעצילקאַ איז געווען די גרעסטע חוצפּהניצע פון אַלע מיידלעך אין
בערלין. זי האָט אַרויסגעריסן פון זיין האַנט דעם רעוואָלווער און דער־
נאָך האָט זי אים נאָך דערלאַנגט איבערן קאָפּ מיט דער שיסל פון וועל־
כער זי האָט געגעסן זופּ.

— דו גראָססער שוויין! — האָט זי געזאָגט, ווען ער האָט איר גע־

וואָלט אַ קוש טאָן. און זי האָט אים מיטן גאַנצן כוח אַ זעץ געטאָן מיט איר פויסט אין זיין בויך. צום סוף האָט זי אים אַרויסגעוואָרפן פון צימער און ער איז אַריינגעפאַלן גלייך אין די אָרעמס פונעם דורכגייענדיקן וועכטער.

צומאָרגנס האָט ער גאָרנישט געדענקט און ער האָט קיין שום טענות נישט געהאַט צו צעצילקאַ. ער איז געווען דער זעלבער וואָס אַלע מאָל.

**
*

אין דער צייט האָב איך שרעקלעך געבענקט נאָך מיינע טעכטער. איך האָב אַפילו נישט געוווּסט צי זיי לעבן. נישט געהאַט קיין שום ידיעה פון זיי אין דער צייט פון אויפשטאַנד. מען האָט ביי אונדז אין באַראַק געזאָגט, אַז אין וואַרשע זענען אומגעקומען 250 טויזנט מענטשן בעתן אויפשטאַנד — מעגלעך אַז קרובֿים און פריינט האָבן וועגן דעם געשריבן.

איך בין נישט געשלאָפן דורך די נעכט. איך האָב געזיפצט און גע־וויינט. כ'האָב געזאָגט צו מאַרישיאַ:

— אפשר אָנשרייבן צו דער פרוי זשעראָמסקאַ? אפשר ריזיקירן?

דאָס איז געווען אַ פּוילישע פרוי, וואָס איז אַ סך יאָרן באַפריינדט געווען מיט אונדזער משפחה. איך האָב געטראַכט אַז אויב מיינע טעכטער לעבן וואָלטן זיי אויך צו איר געשריבן.

אָבער מיר האָבן מורא געהאַט צו שרייבן צו איר. די פרוי זשע־ראָמסקאַ האָט נישט געוווּסט אונדזער לאַגע און זי האָט נאָך געקענט מיט איר ענטפער אונדז פאַרשיטן.

אין אונדזער היפער־עמפּינדלעכער פאַנטאַזיע האָבן מיר אין אַלעם איבערגעטריבן. מיר האָבן זיך געראַנגלט און געקעמפט מיט אונדזער באַ־גער צו שרייבן, אָבער צום סוף האָבן מיר דאָך יאָ אָנגעשריבן צו איר אַ בריוו.

„טייערע פרוי מאַריאַ! צי ווייסט איר נישט וואָס עס איז געשען מיט מיינע שוועסטערס טעכטער אַניעלאַ גאָלאָגאָווסקאַ און יאַדוויגאַ טאָ־קאַרסקאַ? אויב עס זענען דאָ פון זיי וואָס פאַראַ נישט ידיעות, בעטן מיר זייער איר זאָלט אונדז שרייבן"...

נאָך אַ געוויסער צייט האָבן מיר דערהאַלטן אַן ענטפער:

„היינט האָב איך דערהאַלטן דאָס דריטע קאַרטל פון יאַדוויגאַ טאָ־

קאַרסקאַ. זי ווענדט זיך צו מיר שוין דאָס דריטע מאָל נאָך אינפאָרמאַציעס, נישט פאַרלירנדיק די האָפענונג, אַז דורך מיין פאַרמיטלונג וועט זי געפינען איר משפחה. זי ווייסט וועגן אַניעלאַ. לויט ווי זי שרייבט, אַרבעט אַניעלאַ אין שפיטאָל אויף אָקענטשע. זיי האָבן זיך שוין ביידע געפינען, זיי באַאומרויִקן זיך וועגן אייך. איך שרייב צו איר ווידער...״

דערנאָך איז אָנגעקומען אַ קאַרטל פון נינאַ, מיט דער דאַטע פונעם 11טן יאַנואַר 1945:

„מיינע ליבע! איך ווייס אַליין נישט וואָס איך דאַרף פריִער טאָן — צי פרייען זיך, צי זיך באַאומרויִקן וועגן אייך... עס ווילט זיך מיר נישט גלייבן, אַז איר זענט אין בערלין. מאָמענטנווייז ווייזט זיך מיר אויס ווי עס וואָלט געווען אַ חלום... איך גיב אייך אויף אַניעלאָס אַדרעס: שפּיטאָל נומער 2, באַראַקן, פּרושקאָוו, הינטער וואַרשע.״

אויף אַזאַ אופן האָב איך געפינען אירענאַ און נינאַ. איך בין אַרומגעגאַנגען אַ גליקלעכע איבערן באַראַק. וואָס איך זאָל נישט האָבן געטאָן אין דער צייט — צי איך האָב געטראָגן די שווערע קאַנען מיט מילך, צי אַן עמער מיט קאָקס, צי איך האָב געשייערט די פּאָדלאָגעס — האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיי. און דאָך האָב איך אין דעם ערשטן אויגנבליק, ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז זיי לעבן — נישט דערפילט מער ווי אַן אומבאַגרענעצטע מידקייט. איך האָב נישט געהאַט קיין כוח זיך צו פרייען. די נאָכאַנאַנדיקע זאָרג וועגן זיי איז געווען צו שטאַרק.

ערשט נאָך עטלעכע שעה איז געקומען די אָנטשפּאַנונג. מיין נשמה האָט, ווי אַ צונויפגעדרייטע פּרוזשינע, לאַנגזאַם זיך אויפגעוויקלט און האָט געשלינגען די גליקלעכע בשורה.

*
* *

ווען איך האָב געאַרבעט אויפן גרינאַו־באַנהאָף, וווּ איך האָב גערייניקט די סטאַציע, האָב איך איינמאָל געזען אַ דורכפאָרנדיקן צוג. דאָס האָט מיט מיר אַ טרייסל געטאָן.

עס איז געווען זייער פרי. די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען. אַרום און אַרום איז געווען נעפלדיק און גרוי. אין די הימלען איז נאָך געשוועמען די לבנה און די שטערן האָבן געפינקלט.

פלוצלינג האָט זיך דורכגערוקט אַ צוג אויף איינעם פון די פּעראָנען אַזוי ווי אַ געשפּענסט. ער איז באַשטאַנען פון בלויז פי־וואַגאָנען. אין די אָפענע טירן און טיפער אינעווייניק האָב איך געזען זיצנדיקע און שטייענדיקע פרויען.

דאָס איז געווען אַ טראַנספּאָרט וואָס מען האָט ערגעצוווּ געפירט, אָבער דאָס אויסזען פון די פרויען, זייערע פּנימער, זייערע שטריכן זענען מיר געווען באַקאַנט... דאָס זענען געווען ייִדישע פרויען! אפשר ייִדישע פרויען פון אונגאַרן און אפשר אַנדערע. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט מיר, אויסגעמיטן און פאַרשווּנדן אָן אַ וואָרט און אָן אַ צייכן.

איך בין געשטאַנען לאַנג אויפן אָרט — מיטן בעזעם אין איין האַנט און מיטן הילצערנעם מיסטקעסטל אין דער צווייטער — און איך האָב געקוקט ווי די באַן האָט זיך דערווייטערט...

אין דער העלפט פון יאַנואַר, ווען איך האָב שוין פון לאַנג געאַרבעט אין באַראַק ווי אַ לאַגער־פרוי און כ׳האָב שוין באַדאַרפט פון לאַנג אַרויסוואַרפן פון מיין זכרון אַלצדינג וואָס האָט פּאַסירט אויפן גרינאַו־באַנהאָף — דווקא איצט האָב איך כסדר געטראַכט וועגן די ייִדישע פרויען. ווייל מען האָט אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן ריזיקע טראַנספּאָרטן פון אונגאַרישע ייִדן וואָס מען האָט געפירט קיין אָשוויענטשים.

אַנקאַ האָט דערציילט:

— איך האָב געהערט, אַז איצט קען מען אין אָשוויענטשים קריגן עפּל, מאַראַנצן און ציטרינען — וויפל ס׳האַרץ גלוסט...

לוצינאַ האָט צוגעגעבן:

— און איך האָב געהערט, אַז פּאָר גראָשנס, פּאָר נישטיקע גראָשנס קען מען דאָרט קויפן זיידענע קליידער, הערלעכע וועש און אַפילו פוטערס.

זאָפיאַ האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. זי האָט נאָר פּלוצלינג אויפגעהויבן איר קאָפּ אויף איר אייגענעם שטייגער און דאָס ליכט פון דעם לאָמפּ האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן אין די גלעזער פון אירע ברילן. פּונקט ווי מיר האָט זי גאַנץ גוט געוווּסט וואָס עס האָט זיך געטאָן אין אָשוויענטשים.

ביז דעמאָלט האָט מען קיינמאָל נישט גערעדט וועגן ייִדן אין אונדזער באַראַק. מיטן אויסנאַם פון אַנטאָניוקאָווּאַ, וואָס וואָלט זיך געלאָזט שעכטן צוליב מאַרישיאַ, איז דאָס וואָרט „ייִד״ נישט געפאַלן פון קיין

שום מויל. און מיטן אויסנאַם פון אַנקאַ, וואָס האָט אין כעס איינמאָל געזאָגט אויף גורסקאַ: זשידאָוויצאַ; אויף זאָפּיאַ — רויזא פון גראַניטשנאַ גאַס און אויף מאַציעק מיט ליבע — „דו מיין ליבער זשידעק".

קיינער האָט נישט גערעדט וועגן ייִדן און זיי זענען דאָך געקומען פון וואַרשע, ווו זיי האָבן אין משך פון דריי וואָכן געזען די שרעקלעכע שריפות אין דער ייִדישער געגנט.

פאַרוואָס? צי איז דאָס געווען אַ שטילער אָפּמאַך?

און אפשר האָבן זיי געגלייבט אַז די דייטשן האָבן פאַרברענענדיק דאָס געטאָ, אָפּגעווישט און פאַרניכטעט אַלע ייִדן — דערפאַר מעגן זיי שוין די ייִדן אַרויסוואַרפן פון זייער זכרון?...

איז טאַקע אַנקאַס אַנרופן זיך, אָדער לוצינאַס באַמערקונג און די אַנדערע דערציילונגען וועגן טראַנספּאָרטן מיט ייִדן — געווען פאַר אונדז אַזוי ווי אַ צוריקגעקומענע כוואַליע פון אונדזער איינגעשלאָפענעם, פאַר־שטילטן אומגליק.

דאָס ראַד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. און אָט האָבן מיר זיך געפּיי־ניקט, געמאַטערט און אויסגעגאַנגען צום צווייטן מאָל.

אין דער צייט האָב איך מער קיין בריוו נישט דערהאַלטן פון נינאַ. די רוסן האָבן זיך גערוקט פאָרויס און איך האָב ווידער פאַרלוירן מיינע טעכטער. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז עפּעס אַ ריזיקער מויער, אַ וואַנט פון דער ערד ביז צום הימל האָט מיך אָפּגעטיילט פון זיי.

איך האָב געהאַט אין מיינע הענט דריי פּאָסטקאַרטלעך פון נינאַ און איינס — פון פרוי זשעראַמסקאַ. דאָס איז געווען דער בילאַנס פון אונ־דזער קאָרעספּאָנדענץ. דאָס שפּייזפּעקל, וואָס נינאַ האָט אונדז אַרויסגע־שיקט, האָבן מיר שוין נישט באַוויזן צו דערהאַלטן. דווקא אין דער צייט, וואָלט אַ שפּייזפּעקל געהאַט פאַר אונדז אַ גרויסע באַדייטונג.

וואָס מער עס האָט זיך גערוקט די צייט — איז דאָס עסן אין באַ־ראַק געוואָרן ערגער. מיר האָבן געקריגן וואָס אַמאָל ווייניקער קאַרטאָפל צו מיטאָג. דאָס ברויט איז געווען אַלט און פאַרשימלט און די זופּ — שיטער און אָן שום פעטס.

אַלע זענען מאָגער געוואָרן און מען איז געפאַלן פון די כוחות. אַ גרויסער פאַס פון געזאַלצענע הערינגלעך האָט אונדזערע מענטשן פון באַראַק צוריקגעשטעלט אויף די פיס. ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט

געקענט פאַר ביליקע געלטער זיך איינקויפן די הערינג אַפילו אַ פּאָר קילאָ. מיר האָבן זיי געווייקט אין וואַסער אַ גאַנצן מעת־לעת. די הערינג־לעך זענען געווען פעטע און געשמאַקע, אָבער זיי האָבן זיך שנעל געענ־דיקט און יעדער האָט באַדויערט פאַרוואָס ער האָט נישט געקויפט מער.

כדי זיך צו פאַרזאָרגן מיט פּראָוויאַנט האָבן די מענטשן פון אונ־דזער לאַגער זיך באַמיט צו קריגן דערלויבענישן אַרויסצופאָרן אין די געגנטן אַרום בערלין. זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען זאַכן אויסצוטוישן אויף עסנוואַרג. זיי האָבן צוריקגעבראַכט קאַרטאָפל, אַרבעס, קאַשע און טייל מאָל אַפילו חזיר־שמאַלץ.

עס איז געווען פאַרבאָטן אַריינצופירן פּראָוויאַנט אינעם לאַגער, אָבער די וועכטערס האָבן דערויף געקוקט דורך די פינגער.

די פרוי פּאַשקאָווסקאַ האָט איינמאָל געברענגט אַ שטיק פלייש פון אַ פאַרברענטער יאַטקע. די וועלכע האָבן געאַרבעט אויף די באַנהאָפן האָבן טייל מאָל געברענגט קאָרן פון די באָמבאַרדירטע וואַגאָנען, וואָס זענען געוואָרן פאַרברענט. די צעשאָטענע קערנדלעך זענען געווען טונקל, ענלעך צו געברענטער קאַווע.

אין באַראַק האָבן זיך באַוויזן האַנט־מילעכלעך ענלעך צו קאַווע־מילן, אין וועלכע מען האָט די קערנדלעך געמאָלן און דערנאָך געקאָכט אויף אַ קליין קוילן־אייוועלע מיט עטלעכע פייערקעס, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער קיך. מיר האָבן אויך געקויפט אַביסל קערנדלעך.

פון צייט צו צייט איז געקומען צו פאָרן אַ לאַסט־אויטאָ און האָט אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד אַ הויפן מייערן און בוראַקעס. איידער מען האָט זיי אַראָפּגעטראָגן אין קעלער אַריין, האָבן די מענטשן אַ העלפט אַרויסגעגנבעט און אָפּגעקאָכט אויפן אייוועלע אָדער זיי האָבן עס אויפ־געגעסן רויערהייט.

אין דער קריטישער צייט, ווען נישט קיין פּאַפּיראָסן — נאָר ברויט האָט שוין פאַרטרעטן געלט — האָט איינער פון אונדזערע מענטשן גע־קויפט פאַר אַ לאַבן ברויט אַ נייעם האַרבסט־מאַנטל פאַר זיין זון.

מיר האָבן געהאַט אין לאַגער אַ שוסטער. ער האָט געהייסן קוטשינ־סקי. מען האָט אים צוגעטיילט ווערקצייג, אַביסל לעדער און גומענע שטיקלעך פון אויטאָמאָביל־רעדער; ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַ ווערק־שטאָט און געלאָטעט שיך.

כאָטש עס איז געווען פאַרבאָטן, האָט ער גענומען ברויט פאַר פאַריכטן די שיך. מען האָט געזאָגט אַז ער האָט דערפאַר געגעבן בעסערע סחורה. איך האָב דערפון געוווסט און ווען ער האָט באַדאַרפט צוקלאַפּן גומענע זוילן צו מיינע שיך, האָב איך אים שטילערהייט געבראַנגט אונטער מיין פאַרטעך אַ שטיקל ברויט פון מיין פּאָרציע.

דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט מיט מענטשן פון אָשוויענטשים — ס'רוב פרויען און קינדער. מען האָט זיי איינגעאָרדנט אין די באַראַקן פון דער „טאָדט"־אָרגאַניזאַציע, נישט ווייט פון אונדזער לאַגער. מען האָט דערציילט, אַז זיי גייען אַרום איבער די מיסטקאַסטנס און קלויבן צונויף די שאָלעכץ פון קאַרטאָפל. מיר האָבן זיי געזען פון דער ווייטנס, ווען זיי האָבן אויפגעהאָנגען זייערע אויסגעוואַשענע וועש אויף די שטעכלדראָטן.

היות די רוסן האָבן זיך כסדר געריקט פאָרויס, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו עוואַקויִרן די באַדראָטע לאַגערס. די וועלכע מען האָט געבראַכט צו אונדז, האָבן נישט געהאַט קיין גענוג פּראָוויאַנט. אויב אין אונדזער אַרבעט־לאַגער איז געווען אַזוי שלעכט, היינט ווי איז שוין געווען ביי זיי?

— צי ווייסט איר וואָס ס'איז געשען? — די נאַכט האָט מען צוגעגנבעט ביי די אומגליקלעכע זייער גאַנצע וועש, וואָס זיי האָבן אויפגעהאָנגען אויף די דראָטן. בלויז שמאַטעס. און וועמען האָט זיך דאָס געקענט פאַרגלוסטן צוצוגנבענען?

ווען די עוואַקויִרטע פרויען האָבן זיך דערוווסט אַז מיר זענען פון פוילן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קומען אין אונדזער באַראַק. זיי האָבן אונדז דערציילט פון דער צוגעגנבעטער וועש.

איבעריקנס, נישט נאָר פון דעם.

— די ייִדישקעס האָבן אונדז געפּאַטשט איבערן פּנים -- האָבן זיי דערציילט — זיי זענען געווען די אויפזעערינס אין אונדזערע קאַמערן. און די, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער קיך האָבן געגנבעט און פאַרקויפט דאָס צוגעגנבעטע.

— זיי האָבן אייך געפּאַטשט אין פּנים? — האָט געשריגן אין אַ ווילדן כעס אַנטאָניוקאָווא — אָ! זיי זענען די ערגסטע! איך וואָלט קיינ־

מאָל קיין ייִדן נישט געגעבן קיין קריש ברויט אָדער אַ טראָפּן וואַסער, אָ, ווי איך האַס זיי!

מיר האָבן געהערט די ווערטער, ווייל זי האָט געשריגן אויפן גאַנצן קאָרידאָר. מיר האָבן אויך געהערט וואָס עס האָט גערעדט יענע פרוי.

דעמאָלט טאַקע, אין די קריטישע טעג, איז צו אונדז אָנגעקומען אַ פּעקל מיט שפּייז פון רויטן קרייץ — אויך דורך דער פאַרמיטלונג פון לוציאַ הערש.

מיט ציטערנדיקע הענט האָבן מיר געעפנט דאָס פּעקל. אַ זעקעלע מיט צוקער, אַ זעקעלע מיט געטרוקנטע סוכאַרעס און צוויי פלאַכע שאַכט־לען מיט פיש־קאָנסערוון.

איין שאַכטל האָט מאַרישיאַ גלייך געגעבן שמידטן ווי אַ פּרעזענט. זי האָט עס אים דערלאַנגט אַ טריומפירנדיקע און אים געבעטן ער זאָל עס אָננעמען ווי אַן אָנדענק פון דער משפחה מאַיעווסקי.

זי האָט געעפנט דאָס צווייטע שאַכטל. דערנאָך האָט זי צעשניטן אויף קליינע שטיקלעך אַ האַלבן ברויט פון אונדזער פּאַרציע — אָט דאָס ברויט, וואָס איז געוואָרן ווי געלט — און האָט עס אָנגעשמירט מיט די פיש־קאָנסערוון. זי איז אַרומגעגאַנגען איבערן באַראַק און מכבד געווען אַלע וויפל עס האָט געסטאַיעט. מיר אַליין האָבן אַפילו נישט פאַרזוכט די קאָנסערוון.

— איך האָב נישט געקענט אַנדערש האַנדלען. האָסט געהערט וואָס עס האָט דערציילט די עוואַקויִרטע? — זי האָט אַלע אָנגעצונדן מיט שנאה און האַס צו ייִדן, אפשר וועלן זיי איצט אָנהייבן זיך בעסער צוצוקוקן — וואָס קען מען וויסן?

דערווייל האָבן די רוסן אַלץ מער זיך גערוקט פאָרויס אויף די פראָנטן.

פאָרויסזעענדיק אַ הונגערצייט און אין שרעק פאַרן קינדס לעבן — האָבן מיר אָנגעהויבן צו זאַמלען פּראָוויאַנט. אין גרונט גענומען האָט מען דאָס עסן, וואָס מיר האָבן געזאַמלט, אַפילו נישט געקענט אָנרופן פּראָוויאַנט; טרוקענע שטיקלעך ברויט — צי האָבן מיר זיך אַליין נישט באַגנבעט? — אַביסל פאַרברענטע קערנדלעך, אַ בייטעלע מיט צוקער, אַ בייטעלע מיט אַרבעס...

איצט האָבן מיר קודם־כל מיטגענומען מיט זיך אין שוצגרוב אַריין

דעם ווערטפולן פּראָוויאַנט. מיר האָבן אים געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. דאָס זעלבע, איבעריקנס, האָבן געטאָן לוצינאַ, זאָפיאַ און אַנקאַ. זיי האָבן שוין נישט אַראָפּגענומען מיט זיך אין שוצגרוב די פּעקלעך מיט קליידער, זיי האָבן מיטגענומען דעם פּראָוויאַנט.

— פּרוי מאַיעווסקאַ, — האָבן זיי געבעטן, — ווען עס וואָלט אויס־געבראָכן אַ פייער און דער באַראַק וואָלט זיך אָנגעצונדן — וואַרפט צו־ערשט אַרויס דורכן פענצטער די פּעקלעך וואָס שטייען פון אויבן...

זיי זענען קיינמאָל נישט געווען זיכער, ווען זיי זענען געפאָרן צו דער אַרבעט, אַז זיי וועלן — צוריקקומענדיק — טרעפן דעם באַראַק אַ גאַנצן. צי איז נישט פאַרברענט געוואָרן דורך אַ צינד־באָמבע דער באַראַק פון די איטאַליענער, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון אונדזערן? צי זענען מיר דען נישט געגאַנגען אויף די רויִנען פון דעם באַראַק?

עס איז שוין געווען מערץ און עס האָט זיך דערנענטערט דער פרי־לינג. קליינינקע לילאַ־בלימעלעך האָבן זיך געשאָקלט אויפן ווינט צווישן די פאַרברענטע ברעטער און דורך די רויִנען האָבן זיך דורכגעשלאָגן גראָזן און ווילדע פלאַנצן. קוקנדיק אויף דעם ווידערגעבורט פון דער ערד, האָב איך געטראַכט: צי איז דער באַראַק פון די איטאַליענער פאַרברענט געוואָרן אין דער נאַכט, צי בייטאָג? צי איז קיינער אין אים נישט פאַר־בליבן? און אפשר האָבן עטלעכע, מידע נאָך דער אַרבעט, נישט געוואָלט אַרויסגיין אין שוצגרוב און זענען אומגעקומען?

***

מיר האָבן אויך געהאַט אַ שניידער אין אונדזער באַראַק. ער האָט געהייסן קאַזוב.

לויט מיר איז קאַזוב געווען אַ סודותפולער מענטש. יונג, הויך, גוט אָנגעטאָן. ער האָט געהאַט סעמיטישע שטריכן פון פּנים און ער האָט נישט געקענט קיין איין וואָרט דייטש.

— איך קען נישט און פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט אויף דייטש — האָט ער געזאָגט.

באַרבאַראַ גורסקאַ פלעגט אויך אַזוי ריידן: — איך קען קיין איין וואָרט דייטש נישט. גאָרנישט.

ער האָט געוווינט אינעם קליינעם צימערל צוזאַמען מיטן שוסטער

קוטשינסקי. איינער האָט געלאַטעט שיך, דער צווייטער האָט גענייט און געפּרעסט מיט אַ פּרעסאײַזן אויף קוילן. ער האָט כסדר געטראָגן דעם פינגערהוט אויפן פינגער און די נאָדל־פאָדעם אין דער קלאַפּע פון זיין רעקל.

ער האָט אויפגענייט פאַר אונדזער קעכין, די פרוי לונד, אַ פּאָר הויזן. זי איז אַרומגעגאַנגען אין די הויזן איבער דער קיך און דער גאַנ־צער באַראַק האָט זי באַוואונדערט.

טייל מאָל האָב איך געקוקט אויף דעם שניידער קאָזוב און כ׳האָב מיר געטראַכט: אפשר איז ער אַ ייִד? — ער האָט זיך געקויפט אַרישע פּאַפּירן מיט אַזאַ פּשוטן נאָמען.

ער האָט טאַקע געקענט זיין אַ שניידער פון באַרוף און ער האָט גע־קענט ריידן פּויליש גאַנץ גוט. אָבער מעגלעך, אַז ער האָט נאָך בעסער גערעדט ייִדיש, און ווען ער וואָלט אָנגעהויבן צו ריידן דייטש — וואָלט ער נאָך געקענט בלי־שום־ספק פאַרמישן די דייטשישע ווערטער מיט ייִדי־שע און ער וואָלט זיך אין אַזאַ פאַל פאַראַטן.

צי איז דען מיט באַרבאַראַ גורסקאַ נישט געווען אַן ענלעכער פאַל? גאַנץ מעגלעך, אַז אויך איר מוטערשפּראַך איז געווען ייִדיש — דערפאַר האָט זי זיך נישט מודה געווען אַז זי קען דייטש.

נישט אַלעמען האָט געקענט אַזוי געלינגען ווי זאָפיאַ. נישט יעדער האָט געהאַט איר דרייסטקייט און איר זעלבסטזיכערקייט. נישט יעדער וואָלט געוואַגט צו ריידן מיט שמידטן אויף ייִדיש ווי זי האָט עס געטאָן.

אויב קאָזוב איז געווען אַ ייִד, האָט ער גלענצנדיק געשפּילט זיין ראָל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם האַרבסט־מאַנטל מיט ברייטע אַקסלען אויסגעפּולטע מיט וואַטע און אַ גרינעם הוט אויפן קאָפּ. ער האָט גלייך פון אָנהייב נישט געאַרבעט אויף קיין שום באַנהאָף. מאַזור האָט זיך באַמיט און אים פאַרשאַפט אַ ניימאַשין און אַ פּרעסאײַזן. ער האָט איבערגעניצעוועט פאַר די וועכטערס זייערע הויזן, איבערגעמאַכט זייערע אַנצוגן און פאַריכט די מונדירן.

טייל מאָל האָט מען אים אויך אָנפאַרטרויט אַנדערע פונקציעס. איינ־מאָל האָט ער געבראַכט פון אַדלערסהאָף אַ וואָגן מיט בוראַקעס.

קאָזוב איז אַלע מאָל געווען אין אַ גוטער שטימונג, אָבער מיט קיי־נעם האָט ער זיך נישט באַפריינדעט נענטער. ער האָט נישט געהאַט קיין

שום פּראָוויזאָרישע פּרוי, וואָס דאָס אַליין איז שוין אויך געווען מאָדנע...

אויב עס זענען ביי אונדז אין לאַגער געווען אויסבאַהאַלטענע ייִדי־שע פּרויען, האָבן זיך אויך געקענט געפינען ייִדישע מענער. מיר האָבן איצט אָבסערווירט דעם קאָזוב, פּונקט ווי פריִער — גורסקאַן.

אויב ער האָט מיט עמעצן גערעדט און מיר זענען געווען נאָענט — האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דער מאָדולאַציע פון זיין שטים. מיר האָבן געהערט ווי אַזוי ער אַקצענטירט די ווערטער, געשטעלט די פראַגעס און ווי אַזוי ער האָט געענטפערט.

מיר האָבן אָבסערווירט זיין אַרט גיין, די זשעסטן פון זיינע הענט, אַפילו זיין אויפפירן זיך בעת די לופט־אַטאַקעס.

ער פלעגט אַלע מאָל אַראָפּגיין אין שוצגרוב אָנגעטאָן אינעם עלע־גאַנטן מאַנטל, גרינעם הוט און מיטן רענצל אין דער האַנט. ער איז גע־ווען איינער פון די ערשטע. אין קעלער איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ סלופּ וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם באַלקן און ער האָט נערוועז געררויכערט פּאַפּיראָסן. מיר האָבן געטראַכט קוקנדיק אויף אים: אפשר וויל ער פאַר יעדן פּרייז ראַטעווען זיין לעבן, ווען ער האָט שוין אַזוי פיל דורכגעמאַכט...

מיט דער צייט, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס, האָט מען אויפגעהערט צו מאַכן אַלאַרמען, ווייל עס איז געווען אַ פּערמאַנענטער אַלאַרעם. מען האָט פּלוצלינג געהערט דאָס רוישן פון אַוויאָנען און דאָס קראַכן פון די באָמבעס וואָס זענען געפאַלן פון הימל.

אויב דאָס איז געשען אין מיטן דער נאַכט און אַפילו בייטאָג — און שמידט איז געווען אין לאַגער — האָט ער מיטגענומען מיט זיך דעם ראַדיאָ אין שוצגרוב אַריין. מיר האָבן זיך צוגעהערט צום שיפר, נישט וויסנדיק אינגאַנצן וועגן דער לאַגע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפינען. מיר האָבן נאָר געוווּסט אַז בערלין איז איינגעטיילט אין קוואַדראַטן און דער ראַדיאָ האָט מודיע געווען אין וועלכן פּלאַץ און סעקטאָר עס געפינען זיך די באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען.

געוויינלעך האָט שמידט נישט געגעכטיקט אין לאַגער. אַזייגער אַכט אין אָוונט פלעגט ער צוריקגיין צו זיין ווייב און איבערלאָזן דעם באַראַק אונטער דער אויפזיכט פון די וועכטערס.

ווען ער איז געגאַנגען דורכן קאָרידאָר אין דער ריכטונג צום אַרויס־

גאַנג מיט אַ גוט אָנגעשטאָפּטן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם — האָבן די פאַרבײַגייענדיקע מענטשן צו זיך געשמייכלט, ווייזנדיק מיט אַ פינגער פון אויג אויף זײַן פּאָרטפעל. האַלב ניין איז מען אַרײַן אין זײַן צימער און מ׳האָט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ. מען האָט געכאַפּט פון לאָנדאָן די פּוילישע אוידיציע.

מיט דער גאַנצער זיכערקייט האָט וועגן דעם געוווּסט די קעכין, פרוי לונד, און דער וועכטער, וואָס איז געזעסן מיט איר אין קיך. און אפשר זענען זיי טאַקע ספּעציעל אין דער שעה נישט אַרײַנגעגאַנגען אין דער קאַנצעלאַריע. עס איז אַפילו מעגלעך אַז שמידט אַליין האָט אויך געוווּסט וועגן דעם — און אפשר אויך מאַזור, וועגן וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ער איז דאָס אויג און אויער פון אונדזער לאַגער...

אָבער מען האָט געשוויגן. די צײַטן זענען געווען אַזעלכע, אַז זיי האָבן געמוזט שווײַגן. מען האָט אַפילו אַרויסגעפילט אַז זיי שטרעבן נושא־חן צו זײַן, צו געווינען די סימפּאַטיע, די פרײַנטשאַפט...

ווײַל ווי ווײַט זענען געווען די רוסן? עס איז געווען באַוווּסט אַז זיי מאַרשירן אויף בערלין. און פון מערב האָבן זיך דערנעענטערט די אַמע־ריקאַנער מיט די ענגלענדער.

די מענטשן אין באַראַק האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אומגעהויער ווײַט האָבן זיך אויסגעוויזן די טעג, ווען מען האָט געגלעט שמידטס הינטל און געצערטלט דער קיכינס קאַץ.

אין דער צײַט איז פּלוצלינג צוריקגעקומען באַרבאַראַ גורסקאַ. זי איז צוריקגעקומען אין לאַגער מיט אַ רענצל און אַ דעק איבערגעהאַנגען אויף איר אַקסל. עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט. שמידט האָט זי נישט געקענט אין אַזאַ שעה אַרויסוואַרפן. איז זי אַלזאָ פאַרבליבן.

— די כאָלערע איז ווידער געקומען — האָט געזאָגט אַנקאַ. — אָבער איר געלעגער אין אונדזער צימער איז שוין פון לאַנג געווען פאַרנומען דורך יאַדוויגאַ די זינגערין. וואָס זשע וועט זײַן מיט באַרבאַראַ?

עס האָט זיך נאָך געפינען איין פרײַ געלעגער אינעם צימער, ווו עס זענען געווען מוטערס מיט קינדער און די חוצפּהדיקע ציצילקאַ, יאַהאַנס טאָכטער. דאָס איז געווען דאָס צום מערסטן פאַרוואָנצטע צימער פונעם גאַנצן באַראַק. דאָרט האָט זיך באַרבאַראַ אײַנגעאָרדנט.

שמידט האָט נישט געוואָלט שלום־מאַכן מיט איר צוריקקומען. ער

האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט זיך ווידער אָנהייבן צו טומלען אין באַ־ראַק, און באַשלאָסן צו האַנדלען ענערגיש.

עס זענען דעמאָלט געגאַנגען טראַנספּאָרטן קיין ערפורט. עס האָט אויסגעזען אַז מען האָט דעם נישט־פּראָדוקטיוון עלעמענט געשיקט צו מערב. מיט דעם צוג האָט ער אויך מיטגעשיקט באַרבאַראַ גורסקאַ, זשול־קאָווסקי, צו וועמענס פּאַרדינסטן ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי, און נאָך עטלעכע — ווי ער האָט געזאָגט — טויגעניכצן און פוילנצער, וועל־כע האָבן זיך תמיד אַרויסגעדרייט פון דער אַרבעט און מעגלעך גאָר, אַז זיי האָבן אים נישט געוואָלט צאָלן קיין כאַבאַר. און אַ מאָדנע זאַך — צו דעם טראַנספּאָרט האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן דער גרוזינער מיט מאַריאַ.

— וואָס? — איר פאָרט קיין ערפורט?!

יאָ. זיי זענען געפאָרן קיין ערפורט, אָבער זיי ווילן זיך באַמיִען צו פאָרן ווייטער, אין אַ קליין שטעטל אויף דער שווייצאַרישער גרענעץ. אין וואָסער ס׳זאָל נישט זיין גרענעץ־שטעטל, כדי זיך פון דאָרט אַריינצו־באַקומען אין דער שווייץ.

— מיר האָבן נישט קיין סודות פאַר אייך — האָט געזאָגט דער גרו־זינער — אַזאַ פּלאַן האָבן מיר.

ער האָט געטראָגן אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס און אַ שטעקן אין דער האַנט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק אינעם גרויען נעפּל פון דעם פרימאָרגן. די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען. מיר האָבן זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פונעם שוצגרוב. מאַריאַ איז געגאַנגען מיט צוויי טריט נאָך אים — אַ געהאָרכזאַמע און אַ שווייגנדיקע.

***

אין די ערשטע טעג פון אַפּריל, ווען איך בין צוריקגעגאַנגען מיט אַ קאַן מילך פון דער גרינאַוער גאַס — האָב איך דערזען וולאַסאָווס אַרמיי.

איך האָב אַוועקגעשטעלט די קאַן מיט מילך אויפן טראָטואַר און זיך צוגעקוקט צו דער פאַרבייגייענדיקער פּראָצעסיע.

וולאַסאָוו איז געפאָרן אין אַ קאַרעטע. ער איז געווען פּראַכטפול אָנ־געטאָן. ער האָט געטראָגן אַ הויך סאַמעטן היטל פון רויטן קאָליר און אַ הערלעך פוטער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז איך בין אין אַ טעאַטער און איך קוק אויף דער בינע. אַזוי האָט מסתמא אויסגעזען פּוגאַטשאָוו —

ער איז אויך געפאָרן אין אַ קאַרעטע, אַרומגערינגלט מיט קאָזאַקן. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פאָן.

די דייטשישע ציַיטונגען האָבן אָנגעהויבן אַ טרעוואָגע:

— פאַרטיידיקט יעדעס שטיקל ערד! — האָבן זיי גערופן — דייטשיש פאָלק! די רוסן זענען באַנדיטן און פאַרגוואַלדיקער! דאָס זענען הונען!

אָבער די טויט־מידע באַפעלקערונג האָט נישט געגלייבט די ציַיטונגען: — גרויל־פּראָפּאַגאַנדע — האָבן זיי געזאָגט — מיר גלייבן נישט. די ציַיטונגען פאַרשפּרייטן אומיסטן אַזעלכע ידיעות.

איינמאָל האָט דורך דער גרינאַוער גאַס דורכמאַרשירט מיליטער אויף וועלכן אַלע האָבן געקוקט מיט נייגעריקייט — און ווען זיי האָבן אָוועקגעדרייט די קעפּ — האָבן אַלע שמייכלענדיק זיך אַפילו אַמוזירט. מען האָט גאַנץ פריי חוזק געמאַכט פון דעם מאָדנע מיליטער.

דאָס איז געווען דער לאַנדשטורעם פונעם עלטסטן יאַרגאַנג. יעדער פון די זעלנער איז אַלט געווען איבער זעכציק יאָר. אָנגעטאָן זענען זיי געווען אין אַלטע, אָפּגעבלאַקעוועטע, שלעכט־צוגעפּאַסטע מונדירן. דאָס איז נישט געווען קיין מיליטער — דאָס איז געווען אַ גראָטעסק.

זיי האָבן אָנגעהויבן צו בויען טראַנשייען לענגאויס דער גרינאַוער גאַס — אין די גערטנער, הינטער די פאַרצוימונגען און אויף די נישט־פאַרמויערטע פּלעצער.

אין פרימאָרגן האָבן מיר זיך אויפגעוועקט — די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען, עס איז געווען גרוי און נעפּלדיק — ווען מיר האָבן דערזען דעם לאַנדשטורעם לעבן אונדזער באַראַק. אייניקע דיקע, אַנדערע מאָגערע, אייניקע מיט וואָנצעס, אַנדערע מיט גלאַטע פּנימער — און אַלע אַלטע.

זיי האָבן אויסגעגראָבן לאַנגע טראַנשייען הינטער די דראָטן און טיפע גרובנס לענגאויס דעם וועג, מיט וועלכן אונדזערע מענטשן זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. גלייך דעם ערשטן אָוונט איז באַרבאַראַ גורסקאַ אַריינגעפאַלן אין גרוב, ווייל זי איז דעם טאָג צוריקגעקומען שפּעט און עס איז נישט געווען קיין ליכט. זי איז געשטאַנען אין דעם גרוב מער ווי אַ שעה צייט, ביז עס איז ענדלעך עמעצער פאַרבייגעגאַנגען דורך דעם וועג און ער האָט איר געהאָלפן זיך אַרויסצובאַקומען פון דאָרט.

באַרבאַראַ איז שוין ווידער צוריקגעקומען אין אונדזער לאַגער. זי האָט איבערגעקויפֿט אָדער פֿאַרכישופֿט דעם קאָנדוקטאָר און פֿון העלפֿט וועג קיין ערפֿורט איז זי צוריק געקומען צו פֿאָרן. איצט האָט שוין שמידט אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט. דער גאַנג פֿון פּאַסירונגען האָט צונישט געמאַכט זיין קאַמף מיט דער פֿרוי.

און אַזוי האָבן די זעלנער פֿון לאַנדשטורעם אויסגעגראָבן טיפֿע טראַנשייען לענגאויס דעם וועג, וואָס האָט געפֿירט צו דער גרינאַווער גאַס און אין די גרובן וואָס זיי האָבן געמאַכט אין פֿעלד הינטערן דראָטצאַם, האָבן זיי אַריינגעשטעלט הילצערנע קוקלעס, וואָס האָבן מיט זיך פֿאַר־געשטעלט זעלנער מיט היטלען. פֿון די גרובנס האָבן זיך אַרויסגעזען נאָר די קעפּ.

טייל מאָל זענען זיי געקומען צו אונדז אין באַראַק — אין וואַשצי־מער, כדי זיך אָפּצוואַשן די הענט: — „הע־הע!" — האָבן זיי געלאַכט צו אונדז. זיי זענען געווען באַריידעוודיק. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען אונדזער לאַגע און אַרויסגעוויזן רחמנות צו אונדז: — „יאַ, יאַ — האָבן זיי גע־זאָגט — שוין נישט לאַנג און איר וועט צוריקפֿאָרן אַהיים. אַללעס איסט דרעק."

טייל מאָל האָט מען געזען עטלעכע מיט פֿאַנצער־פֿויסטן. זיי זענען אַראָפּ אין די גרובנס און דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַ האַנט, וואָס האָט גרויזאַם געדראָט מיט דער פֿאַנצער־פֿויסט.

פֿון די צוגרייטונגען, מאַנעווערס און איבונגען האָבן מיר זיך אָנגע־שטויסן, אַז די רוסן זענען שוין נאָענט און שוין נישט לאַנג וועלן מיר דערהערן דאָס דונערן פֿון האַרמאַטן. עס וועט זיך אָנהייבן די באַלאַגע־רונג און ווי קען מען דען וויסן ווי לאַנג דאָס וועט דויערן?

איך האָב מיך אָנגעהויבן צו ערגערן. וואָס וועט זיין אויב די רוסן וועלן קומען און מאַרישיאַ וועט זיין ביי דער אַרבעט? און אפֿשר וועלן די רוסן איינגעמען די פֿאַרשטאָט קעפּעניק, און גערליץ וועט זיין אָפּ־געשניטן? די געדאַנקען האָבן אונדז געפּייניקט. מיר האָבן מורא געהאַט פֿאַר פֿונאַנדערטיילונג און צעשיידונג. ווי אַזוי קען מען דאָס אויסמיידן?

אונדזערע מענטשן, וואָס זענען צוריקגעקומען פֿון פֿאַרשיידענע באַנ־האָפֿן, האָבן יעדעס מאָל דערציילט עפּעס נייעס. מיר האָבן שוין לאַנג געהערט פֿון סאַבאָטאַזשן. נישט אַלע מאָל זענען די וואַגאָנען מיט קאָרן

פאַרניכטעט געוואָרן דורך באָמבעס. איצט אָבער, אין די לעצטע טעג, זענען די סאַבאָטאַזשן פאַרשטאַרקט געוואָרן און האָבן אָנגענומען אַ נישט געהערטן ביז איצט מאַסשטאַב.

— זאָג, וואָס וועט זיין — האָב איך כסדר גערעדט — זאָג, וואָס וועט זיין, אויב דיין באַנהאָף וועט ווערן אָפּגעשניטן?

— איך וועל שוין דערפילן — האָט זי געענטפערט. — עס האַנדלט זיך נאָר אין דעם, אַז מ׳זאָל עס אין דער צייט דערפילן. איך האָב קיינמאָל נישט געגומען קיין קראַנקייט־אורלויב, כמעט קיינמאָל נישט. נאָר איינ־מאָל בלויז — ווען איך האָב מיר אויסגעלענקט דעם פוס. אַפילו ווען די דריישייבע האָט מיר אַ זעץ־געטאָן בין איך צומאָרגנס געגאַנגען אַרבעטן, און טאַקע איצט, ווען עס וועט אָנקומען דער ריכטיקער מאָמענט, וועל איך זאָגן, אַז איך בין קראַנק.

— יאָ, אָבער ווען?

— ווען מיר וועלן דערהערן די האַרמאַטן.

מאַרישיאַס אַרבעט אויפן באַנהאָף האָט געהאַט די גינסטיקע זייט, וואָס זי האָט דאָרט געהאַט די מעגלעכקייט אָנצובינדן קאָנטאַקטן און קויפן עפּעס צו עסן. כמעט יעדן טאָג האָבן מיר געגעסן אַ וואַסערדיקע זופּ פון ריבן. שוין פון לאַנג האָט מען צו אונדזער עסן נישט צוגעגעבן קיין פעטס, און מיר האָבן געוואָלט אומבאַדינגט זיך פאַרזאָרגן מיט אַביסל פעטס אין פאַל פון אַ באַלאַגערונג.

— דער איטאַליענער — האָט געזאָגט מאַרישיאַ — דער בעקער פון הינטער מילאַן, דער וואָס האָט מיר געברענגט אַ שטיקל קוכן, קען מיר פאַרקויפן אַ קילאָ חזיר־שמאַלץ און אַ פלאַש אייל פאַר אַ גאָלדן זייגערל. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל צו אונדז קומען.

איך האָב נאָך געהאַט אַ גאָלדן זייגערל, וואָס איז געווען אַריינגע־נייט אין וואַטענעם אַקסל פון מיין ווינטער־מאַנטל.

אין אָוונט איז ער געקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אונ־דזער בעט און אַרויסגענומען פון אונטערן מאַנטל אַפּער אַן איינגעוויקלט פּעקל. איך האָב אים געגעבן דאָס זייגערל.

דאָס שמאַלץ איז געווען געל און טוכלע; פאַרן אייל האָט ער נישט גאַראַנטירט: — מעגלעך אַז ער איז פאַרגיפטעט — האָט ער געזאָגט.

— אָבער ער האָט עס געזאָגט, נישט באַהאַלטן פאַר אונדז — האָט

באַמערקט מאַרישיאַ ווען ער האָט זיך געזעגנט און איז אַוועק — דאָס איז אַן אַנשטענדיקער מענטש. ער האָט דאָך געקענט גאָרנישט זאָגן. מיר וועלן מוזן זיין פאָרזיכטיק מיטן אייל.

דאָס שמאַלץ און די פלאַש מיט אייל איינגעוויקלט אין מאַציעקס העמד, האָבן מיר אַריינגעלייגט אין בייטל. מיר האָבן געהיטן דעם בייטל ווי אַן אויג אין קאָפּ. אויפן וועג צום שוצגרוב, אַנשטויסנדיק זיך אין דער פינצטער אָן אַ שטיין, צי אַ קופּע זאַמד, אָדער גליטשנדיק זיך אַראָפּ אויפן ליימענעם שטעגל אין קעלער אַראָפּ — האָבן מיר קראַמפּהאַפטיק געדריקט דעם בייטל — כדי נישט צעברעכן, גאָט באַהיט, די פלאַש מיט אייל.

און דאָך, האָב איך באַדויערט דאָס זייגערל. דאָס איז געווען אַן אָנ־דענק נאָך מיין מוטער.

איך האָב געוווּסט, אַז דאָס זענען געווען צייטן, ווען מען האָט אַלץ געמאָסטן מיט אַנדערע מאָסן. ווערטן האָבן געביטן זייערע פּרייזן און דער געוויינלעכער גאַנג פון געשעענישן איז איבערגעאַנדערשט גע־וואָרן נישט לויט דעם ווי מ'האָט זיך פאַרגענומען. פאַרוואָס זשע האָב איך עס באַדויערט? צי האָב איך פאַרהאַנדלט דאָס זייגערל צוזאַמען מיטן געדעכעניש? — ניין, די דערינערונגען זענען געבליבן ביי מיר, כאָטש אָנעם אָנדענק.

עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זענען פאַרבליבן ביי מיר. אָבער צי וועלן זיי נישט אָפּשטאַרבן, אויב עס וועט זיי נישט לעבעדיק מאַכן אַ מיט ניסים געראַטעוועטע זאַך פון די צייטן וואָס וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן?

אַלץ איינס וואָס פאַראַ זאַך — אַ פינגערל, אַ זייגערל, אַ בראָש אָבי וואָס — נאָר עפּעס וואָס האָט געבונדן מיט דער פאַרגאַנגענהייט; וואָס איז געווען אַ בריק צווישן דעם נאָכאַנאַנדיקן אומעטיקן היינט און בע־סערן טאָג וואָס איז פאַריבער.

***

אין אַ געוויסן רעגנדיקן נאָכמיטאָג, אין דער צווייטער העלפט פון אַפּריל, האָבן מיר דערהערט דעם געקנאַל פון די האַרמאַטן.

— דאָס קלאַפּט מען אויפן אַלעקסאַנדער פּלאַץ — האָבן געזאָגט די וואָס האָבן געאַרבעט אויף יענעם באַנהאָף.

— אויב אַזוי — האָט געזאָגט מאַרישיאַ — וועל איך מאָרגן גיין צום דאָקטאָר. דער מאָמענט איז געקומען.

זי איז געגאַנגען אין דעם אַדלערסהאָף־לאַגער צום דאָקטאָר, וואָס האָט דאָרט אַמטירט. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי ליידט פון שמערצן אין רוקנביין און זי קען נישט אַרבעטן. — ביז איצט האָב איך קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט קיין אַרבעט.

ער האָט איר אונטערגעזוכט און געגעבן צוויי וואָכן אורלויב. מיר האָבן גליקלעכע אָפּגעאָטעמט, זייענדיק זיכער, אַז אין משך פון צוויי וואָכן וועלן די רוסן פאַרנעמען בערלין.

אין דער צייט האָט אויסגעזען ווי די דייטשן וואָלטן אינגאַנצן פאַר־לוירן די קעפּ. זיי האָבן אָנגעהויבן איבערצופירן אויפן פעלד — צווישן אונדזער באַראַק און דעם שוצגרוב — אַ ריזיקע צאָל ברעטער און סלופּעס. זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט פון אַדלערסהאָף אַרבעטער — מוזיקאַנטן מיט בערד.

— וואָס גייט איר בויען? — האָבן מיר געפרעגט.

— באַראַקן. אַ סך נייע באַראַקן. די מענטשן פון אַדלערסהאָף וועלן זיך דאָ אַריבערטראָגן.

— איר וועט זיך דאָ אַריבערטראָגן? די רוסן זענען דאָך אַזוי נאָענט... מען הערט שוין דאָס קלאַפּן פון האַרמאַטן. אין אַ וואָך צוויי וועלן זיי אַריין קיין בערלין!...

— זיי וועלן אַריין, פרוי מאַיעווסקאַ, מיר וועלן אַפילו נישט וויסן ווען. אין אַ געוויסן טאָג וועלן מיר זיי זען. — האָט געזאָגט די פרוי מאַ־לינאָווסקאַ, טראָגנדיק איר בעטגעוואַנט אין גרוב אַריין.

אונדזער לעבן איז אין דער צייט געווען אַ כסדרדיקע וואַנדערונג פון באַראַק אין קעלער אַריין. שוין נישט קיין וואַנדערונג, נאָר אַ געלויף אין איילעניש, אין מידקייט און הונגער. אַ סך פון די מענטשן האָבן זייע־רע זאַכן איבערגעלאָזט אין שוצגרוב.

די טעג און נעכט זענען געווען ענלעך צו זיך. מיר האָבן שוין נישט רעאַגירט אויף די אויפטרייסלונגען און דעטאָנאַציעס. נאָך די נעכט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין קעלער, האָבן מיר זיך דורכגעשלאָגן דורכן געפּל אין בלאַסן שיין פון פרימאָרגן, שלעפּנדיק די מידע פיס. מיר זע־

נען צוריקגעגאַנגען אין באַראַק. שטייט ער נאָך? — האָבן מיר געטראַכט פאַרזאָרגטע. יאָ, טראָץ אַלעמען, איז ער נאָך געשטאַנען.

אָבער עס זענען שוין מיט אונדז נישט געווען — נישט קיין וועכטער, נישט שמידט און נישט מאַזור. פון דער גאַנצער אָנפירערשאַפט איז פאַרבליבן נאָר די קעכין, פרוי לונד. און קיינער איז שוין נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט.

— קיין ערפורט — האָט אונדז געעצהט שמידטביים פאַרלאָזן אונדז — עוואַקויִרט אייך קיין ערפורט.

אונטערן אָרעם פון זיין געזונטער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ער האָט נישט פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך דעם ראַדיאָ און דעם פּאָרטפעל. דאָס הינטל האָט ער נישט מיטגענומען; דאָס הינטל איז פאַרבליבן אין לאַגער.

דעם וועכטער רעיריך האָט מען שוין נישט געזען זייט עטלעכע טעג.

— אָ, — האָט מען געזאָגט — רעיריך איז נישטאָ. רעיריך האָט געמאַכט אַ ויברח.

אַנדערע האָבן געפרעגט: — און ווו איז מאַזור? — מאַזור האָט אויך געמאַכט ויברח.

פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן דער וועכטער האָפמאַן און ער האָט פאַרבראַכט מיט אונדז אין שוצגרוב אַ גאַנצע נאַכט. ער איז געווען ציוויל אָנגעטאָן, אין אַ לאַנגן שוואַרצן מאַנטל מיט אַ געוויינלעך היטל אויפן קאָפּ. זייער אויסטערליש און אָרעם האָט ער דעריִן אויסגעזען. דאָס איז שוין נישט געווען קיין מאַכט. עס איז נישט באַוווסט געווען פאַרוואָס ער איז געקומען, וואָס פאַראַ אימפּולס האָט אים געפירט.

נישט באַוווסט געווען? — באַרבאַראַ גורסקאַ איז דאָך שוין ווידער געווען אין באַראַק — און ער איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף דעם, אַז ער זאָל זיך דרייען אין איר קרייז ווי אַ פלאַטערל אַרום אַ פייער.

אַ נידערגעשלאָגענער צוליב די געשעענישן פון די לעצטע טעג — ענלעך צו אַ שאָטן — האָט ער אַפילו מיט איר נישט גערעדט, נישט געקוקט צומאָל אין איר זייט. פאַר אים איז געווען גענוג, אַז ער האָט געקענט אָטעמען מיט דער זעלבער לופט וואָס זי.

ווען עס וואָלטן אַפילו נישט געווען קיין אַנדערע אָנדייטונגען, וואָלטן מיר קוקנדיק אויף אים, אויך געוווסט אַז דער גורל פון בערלין איז אַ

געחתמעטער. אונדזערע מענטשן האָבן אים געזאָגט אַז שמידט האָט זיך אָפּגעטראָגן.

— ער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם ראַדיאָ און אָן דעם ראַדיאָ וועלן מיר נישט קענען הערן דעם שיפר, מיר וועלן נישט קענען וויסן ווו עס געפינען זיך די באָמבע־וואַרפערס — האָבן זיי געלאַכט.

— דרעק! — האָט ער דערויף געענטפערט.

קאָזוב האָט אים געגעבן אַ פּאַפּיראָס. איצט, אינעם מוטנעם שיין פונעם פאַרטונקלטן לעמפל, האָט גיכער קאָזוב אויסגעזען צו זיין — די מאַכט. קאָזוב און יאָהאַן פונעם קעסל, דער שוואַרצער הייצער פּאַזשינסקי, דער שיינער קאָנראַד... דער ציוויל געקליידטער וועכטער האָט אויסגעזען ווי אַ בעטלער.

אָבער זיי האָבן נישט געפילט צו אים קיין האָס. זיי וואָלטן אים נישט געטאָן קיין שום שלעכטס.

פאַרטאָג, ווען עס האָט אָנגעהויבן ליכטיק צו ווערן, איז ער געגאַנ־גען דורכן פעלד אויף דער גרינאַווער גאַס און מיר האָבן אים שוין מער נישט געזען.

היות עס איז געווען אַ געפאַר, אַז בעת די כסדרדיקע באָמבאַרדירונ־גען וועט דער באַראַק זיך אָנצינדן, האָט מען אַראָפּגעטראָגן אין קעלער אַריין דעם אָנגעזאַמלטן פּראָוויאַנט פון לאַגער־מאַגאַזין. די מענטשן האָבן אויך אַראָפּגעטראָגן אין שוצגרוב די וואַליזעס און די זעק מיט קליידער. דאָס אַלץ איז געלעגן אָנגעפּאַקט אין די ווינקלען. טעג און נעכט האָט מען איצט פאַרבראַכט אין קעלער. דער באַראַק איז געשטאַנען עלנט, פאַרלאָזן, ענלעך צו אַ פויגלנעסט פון וואַנען מען האָט אַרויסגענומען די קליינע. קיין איין לאַנדשטורמיסט האָט זיך נישט געפינען אין די אויס־געגראָבענע טראַנשייען און גרובנס.

***

דעם 25סטן אַפּריל, פאַרטאָג, איז דער שלאָסער דיקסאַ צוגעגאַנגען צום הינטערשטן אַרויסגאַנג, וועלכן מען האָט כמעט קיינמאָל נישט באַ־נוצט. ער איז גלייך צוריקגעקומען.

— אַ סאָוויעטישער זעלנער שטייט לעבן דעם אַריינגאַנג — האָט ער געזאָגט.

עס איז דאָרט ווירקלעך געשטאַנען אַ זעלנער אין אַ פּוטערנעם היטל, אָנגעשפּאַרט אָן זיין ביקס. ער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, ער איז נאָר געשטאַנען. ער האָט געקוקט אויף אונדז — און מיר אויף אים.

און שוין איז עמעצער אַרויס אויפן פעלד און נאָך אים אַנדערע. נאָך אַ קורצער צייט זענען זיי צוריקגעקומען און האָבן געמאָלדן, אַז לעבן באַראַק שטייען לאַסט־אויטאָס און אַרום זיי דרייען זיך סאָוויעטי־שע סאָלדאָטן.

— זיי האָבן אונדז געגעבן סאָכאַרין און אַ פּושקע מיט לאַקס — האָבן זיי דערציילט.

אַן אומגעהייערע פרייד איז געווען אין זייערע שטימען: — עס איז געשען! זיי זענען דאָ!

אין גרונט האָבן די מענטשן מורא געהאַט פאַרן דעצידירנדיקן מאָ־מענט: דעם אַריינמאַרש פון סאָוויעטישן מיליטער.

אפשר וועלן זיי אָנהייבן צו שיסן צו אונדז, איידער מיר וועלן זיי זאָגן ווער מיר זענען? אפשר וועלן זיי מיט גראַנאַטן צעשמעטערן אונ־דזער קעלער, חושד זייענדיק אַז דאָס באַהאַלט זיך אויס דאָס דייטשישע מיליטער?...

אַ פרייד האָט צעשפּאַרט די ברוסט! — דער זעלנער וועלכער איז געשטאַנען אין שוטגרוב — אַ שיקלדיקער, אַ פרעמדער, אַ פאַרוואַקסע־נער, אין אַ דיקן וואַטענעם רעקל און וואַרעמע הענטשקעס — האָט גע־שמייכלט צו אונדז.

זענען זיי הייסט עס דאָ! עס איז געשען! און מיר לעבן! אָ, גליקלע־כע שעה!!! מיט וואָס קען מען דאָס באַצייכענען?

עפּעס האָט מען דאָך געמוזט טאָן כדי צו געבן אָן אָפּפלוס דער וויל־דער פרייד! עפּעס האָט מען געמוזט טאָן כדי צו מאַניפעסטירן דעם האַס צו די דייטשן! מיר האָבן פּלוצלינג דערהערט דאָס בילן און וואַיען פון אַ הונט — דאָס האָבן זיי דערהרגעט שמידטס הינטל.

דערנאָך איז פאַרבייגעלאָפן דורכן לאַנגן קאָרידאָר אין קעלער די קאַץ מיטצי. זיי האָבן זיך אויף איר געוואָרפן.

זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פונעם קעלער דורכן ליימיקן שטעג די זעק מיט מעל און קאַשע, וואָס מען האָט דאָרט אַראָפּגעטראָגן פונעם מאַגאַ־זין. זיי האָבן געקאַפּעט די זעק, געמאַכט לעכער מיט די שטיוול און וועז

עס האָט זיך אָנגעהויבן צו שיטן דאָס מעל מיטן ווייסן שטראָם און די פעדלדיקע קאַשע האָט זיך אויך אַ שיט געטאָן — האָבן זיי געשריגן:

— מיר האָבן אַזאַ שיינע קאַשע קיינמאָל נישט געזען פאַר די אויגן!

די קעכין, פרוי לונד, איז געשטאַנען לעבן די געעפנטע זעק — אַ פאַרעלטערטע, אַ ציטערנדיקע און דערשראָקענע.

— צי האָט איר נישט געזען דאָס קעצל מיטצי? — האָט זי יעדן איינעם געפרעגט.

די פּאַזשינסקאַ האָט געזאָגט: — ניין, כ'האָב נישט געזען. — און דער פּאַזשינסקיס מאַן האָט צוגעגעבן: — זאָל עס פאַרכאַפּט ווערן און פגרן.

— נעמט! האָט געזאָגט די קעכין, ווי נישט מיט איר שטים, ווייזנ־דיק אויף דער קאַשע — נעמט וויפל איינער וויל!

אָבער קיינער האָט נישט גענומען.

— אַהיים! — האָט מען געהערט שרייען — קיין וואַרשע!

זיי האָבן געשריגן ווי קינדער, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט. מען האָט געקענט מיינען, אַז וואַרשע ליגט גלייך, נאָך דער באַן־סטאַציע, אָדער אויף דער צווייטער זייט פון קאַנאַל.

— פרוי אַליס — האָט געזאָגט די קעכין — מען האָט דערהרגעט מיין קאַץ... — פון אירע אויגן זענען געפלאָסן טרערן.

איניקע זענען געגאַנגען לענגאויס די הילצערנע הייזקעס, ווו עס האָבן געוווינט די אויסבאָמבאַרדירטע דייטשן — און זיי האָבן געבראַכט קליינע האַנט־וועגעלעך. אָנגעלאָדן אויף די וועגעלעך זייערע זאַכן און שוין זענען זיי געגאַנגען אויפן וועג קיין וואַרשע, גלייך פון אָרט, נישט פאַרלירנדיק קיין מינוט צייט.

אַזוי איז אַרויס נאַטאַליאַ, די פרוי פון באַן־אָנגעשטעלטן, וואָס האָט געאַרבעט אין קיך און ערשט נישט לאַנג געבוירן אַ קינד. זי האָט דאָס קינד טאַקע אַרויפגעלייגט אויפן וועגעלע, וואָס זי האָט צוגענומען ביי אַ דייטשקע.

צוזאַמען מיט איר איז געגאַנגען וואַצלאַוואַ מיטן מאַן און זון. די נאַוואַקאָווסקיס מיט לעשעק, קוטשינסקי מיט קאַזוב, נאָך זיי — יאַהאַן מיט זיין טאָכטער צעצילקאַ און וועגלישעווסקי מיט זיין פרוי, וואָס איז געווען ענלעך צו מאַרלענאַ דיטריך.

זיי האָבן צוגענומען ביי די דייטשקעס נישט נאָר די וועגעלעך, נאָר אויך הינער. זיי האָבן עס אָפּגעקאָכט אויף שנעל אין דער קיך און מיט־גענומען אין וועג אַריין.

איין גאָט האָט געוווסט וואָס אַלץ זיי האָבן נאָך צוגענומען ביי די דייטשקעס. די פרוי מאַטושעווסקאַ האָט צוגענומען אַ ריזיקע ליאַלקע און זי האָט עס געוויזן אַלעמען. די ליאַלקע איז געווען פּרעכטיק אָנגעטאָן — אין אַ הוט, פּאַנטאָפל און אַ ראָזע קלייד — און זי איז געווען גרויס ווי אַן איין־יאָריק קינד. קיינער האָט קיינמאָל נישט געזען עפּעס אַזוינס.

זיי זענען אָוועקגעגאַנגען אין קליינע גרופּעס, צו אַכט מענטשן, צו צוועלף. די רוסישע זעלנער זענען געשטאַנען אַרום און האָבן זיך שווייגנדיק צוגעקוקט.

צי זענען דאָס געווען רוסן? דאָס זענען געווען עפּעס מאָדנע מענטשן. זיי האָבן געהאַט אויסגעשטאַרצטע קינען, שיפּע קאַלמיקישע אויגן און געלע פּנימער. פון הינטערן באַראַק האָבן זיך באַוויזן שליטנס איינגע־שפּאַנטע אין עטלעכע צענדליק הינט. לעבן זיי איז געלאָפן איינער מיט מאָנגאָלישע שטריכן פון פּנים, אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען שעפּסענעם פּו־טער. דאָס איז אַ לאַפּלאַנדער — האָב איך מיך פאַרווונדערט. לאַפּלאַנד איז צו אונדז געקומען! איך האָב לאַנג נאָכגעקוקט נאָך דעם געשפּאַן. ער האָט זיך פאַרקערעוועט צו דער בריק, פון וועלכער איך האָב אַזוי פיל מאָל געקוקט אויף די שווימענדיקע שיפלעך...

— פרוי אַליס, — האָט געזאָגט די קעכין, מיך אָננעמענדיק פאַר דער האַנט, — אָ, פרוי אַליס, נעמט מיך מיט זיך מיט!

זי האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס און געבראָכן די הענט, אָבער קיינער האָט אויף איר נישט געלייגט קיין שום אַכט. זי איז אַריינגעגאַנ־גען אין באַראַק און אַרויסגעגאַנגען — אַ פרעמדע, אַ צעווייטיקטע און איינזאַמע.

דער באַראַק איז געווען צעשמעטערט, אָבער ער איז געשטאַנען. עס האָבן זיך דאָרט געדרייט די זעלנער און אונדזערע מענטשן.

לוצינאַ און זאָפיאַ זענען שוין אַוועק, אַנקאַ האָט זיך געגרייט צום אַוועקגיין. זי האָט אַריינגעבראַנגט אין צימער אַ טאָפּ מיט אַן אָפּגעקאָכ־טע הון: — איך האָב צוגעגנבעט צוויי הינער — האָט זי געזאָגט. זי

האָט חנוודיק אַ שמייכל געטאָן צו מאַציעקן, אים אָנגעגאָסן אַ שיסעלע יויך און אים געגעבן אַ שטיקל פלייש האַרט ווי אַ שטיין.

— איך האָב אויך צוגענומען אַ וועגעלע אויף זאַכן ביי אַ דייטשקע — האָט זי נאָך צוגעגעבן — און איך גיי שוין!

אין באַראַק איז נאָך געווען אַלפרעד טכוזשעווסקי. מאַרישיאַ האָט אים אַרויסגערופן אין קאָרידאָר.

— ווען גייט איר?

— מאָרגן, זיבן אַזייגער אינדערפרי — האָט ער געזאָגט. — איך האָב אַ וועלאָסיפּעד.

— מיר וואָלטן גערן מיט אייך געגאַנגען — האָט זי געזאָגט.

— גוט! אָבער דאָ קענט איר נישט נעכטיקן.

— פאַרוואָס?

— ווייל זיי זענען אַלע שיכור.

— וועלן מיר גיין צו דער דייטשקע, צו דער פרוי אולריך, וואָס וווינט אין דער קליינער הייזקע. מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר זיך טרעפן.

אויף אַ שטח פון עטלעכע הונדערט טריט פון אונדזער באַראַק האָט אַן אָפּטיילונג פון דייטשישע זעלנער איבערגעלאָזט עטלעכע צענדליק וועלאָסיפּעדן.

עמעצער האָט וועגן דעם געגעבן צו וויסן — און אונדזערע מענטשן האָבן זיך אויף זיי אַ וואָרף געטאָן. טכוזשעווסקי האָט פאַרכאַפּט איינעם, דאָס איז געווען אַן אומשאַצבאַר באַוועגונג־קראַפט אין יענער צייט, קיין שום אַנדערע זאַך האָט ער פון די דייטשן נישט גענומען.

***

עס האָט אונדז אַרומגענומען אַ פּלוצימדיקע שרעק פאַר די סאָוויעטישע סאָלדאַטן. מיר האָבן באַשלאָסן גלייך צו פאַרלאָזן דעם באַראַק. מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך דעם ביטל מיטן פּראָוויאַנט, דעם אייל, שמאַלץ און די סוכאַרעס. די אַרבעס און דעם פאַרברענטן קאָרן האָבן מיר איבערגעלאָזט אין שענקל. מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך עטלעכע דעקעס, כדי דערמיט צו באַצאָלן דער דייטשקע פאַרן שלאָפן. ווען מיר זענען אַזוי געלאָפן דורכן קאָרידאָר איז מאַרישיאַ אַריינגעפאַלן אין אַ לאָך, אויפגעריסן פון אַ שראַפּנעל. איר רעכטער פוס איז שטעקן געבליבן אינעם לאָך.

— האָסט צעבראָכן דעם פוס? — האָב איך אַ געשריי געטאָן.
— ניין!

כ'האָב מיר געטראַכט — און ווען זי וואָלט טאַקע צעבראָכן אַ פוס, דערצו אין אַזאַ מאָמענט? פאַרן בלויזן געדאַנק האָב איך אַ ציטער געטאָן.

פאַרן באַראַק זענען געשטאַנען די מאַלינאָווסקיס מיט זייער טאָכטער יאַדוויגאַ, וואָס האָט נאָך אַלץ געטראָגן איר בערעט מיטן פעדער און די מופקע.

— איר פאַרבלייבט נאָך? — האָבן מיר געפרעגט.

— יאָ! — האָבן זיי געזאָגט. — מיר וואָלטן געוואָלט אַריבערגיין אויף דער ענגלישער זייט און זיך נישט אומקערן קיין וואַרשע.

מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז מיר גייען צו דער פרוי אולריך און מיר וועלן ביי איר נעכטיקן. ווען מיר זענען אַזוי געגאַנגען צום טירל, אַנגעהאַנגען מיט די בייטלען און דעקעס — האָבן מיר געזען אַ סאָוויעטישן אָפיציר אויף אַ פערד. דאָס טויער איז געשטאַנען אָפן. איבערן טויער איז געווען אַ דאַך פון ברעטער. כדי אַריינצופאָרן האָט דער רייטנדיקער געדאַרפט אַראָפּבייגן נאָר דעם קאָפּ. דער אָפיציר האָט זעט אויס נישט געוואָלט בייגן זיין קאָפּ. ער האָט צעשמעטערט דאָס טויער מיטן דאַך. אין דעם מאָמענט האָבן מיר פאַרשטאַנען וואָס דאָס הייסט נצחון.

אויף אַ באַנק פאַר דער הייזקע פון דער דייטשקע איז געזעסן דאָס דענישע מיידל אײַנגעבאָרגאַ. דערזעענדיק אונדז איז זי צוגעגאַנגען און האָט אויסגעצויגן פאָרויס ביידע הענט. אויף יעדן פינגער פון אירע ביידע הענט האָבן געשיינט גאָלדענע פינגערלעך.

— דאָס האָבן זיי מיר געגעבן — האָט זי געזאָגט.

זי האָט אונדז אַריינגעפירט אין איר הילצערנעםביידל. דאָרט איז געשטאַנען איינגעוויקלט אַ גרויסער פערסישער טעפּיך.

— דאָס האָבן זיי מיר אויך געגעבן — האָט זי געזאָגט — זיי טראָגן מיר צו אַלץ, וואָס זיי נעמען צו ביי אַנדערע.

זי האָט טרויעריק געשמייכלט.

— פרוי אולריך — האָבן מיר געזאָגט צו דער דייטשקע — צי קענען מיר ביי אייך נעכטיקן? מיר וועלן אייך שענקען צוויי דעקעס.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אונדז געוויזן אַ בעט, אויף וועלכן ס'איז געלעגן אַ באַרג מיט דעקעס.

— מיר קענען נישט מיט עפּעס אַנדערש באַצאָלן — האָבן מיר גע־זאָגט.

— לייגט אייך אויפן בעט, איך גיי שלאָפן אין קעלער. צוויי האָלענ־דישע מענער נעכטיקן דאָרט אויך — האָט זי געזאָגט.

די האָלענדערס האָבן געוווינט ביי איר. עס האָט אונדז געוווּנדערט וואָס זיי שלאָפן אין קעלער.

ווען עס איז פינצטער געוואָרן, האָבן מיר אָנגעצונדן אַ ליכטל. מיר האָבן אָנגעהויבן איבערצולייגן די דעקעס און גרייטן אַ געלעגער פאַר דער נאַכט. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין פענצטער.

— פּרוי מאַיעווסקאַ! — האָבן מיר דערהערט יאַדוויגאַ מאַלינאָווס־קאַס שטים — באַלד אינדערפרי גייען מיר קיין וואַרשע, מיר האָבן גע־ביטן דעם פּלאַן. מיר גייען מאָרגן באַלד אינדערפרי. שרעקלעכע זאַכן קומען פאָר.

— און ווו נעכטיקט איר היינט?

— היינט? אין ערגעץ נישט. מיר וועלן איבערזיצן די נאַכט אין עפּעס אַ לאָך.

איך האָב מיך געוווּנדערט וואָס זיי גייען אין מיטן דער נאַכט.

— איר האָט נישט קיין מורא אַרומצוגיין אין דער פינצטער?

— מיר זענען אַנטלאָפן פון דער הייזקע ווו מיר האָבן געזאָלט נעכ־טיקן.

אַרום ניין אַזייגער האָט זיך געעפנט די טיר און עס זענען אַריין צוויי סאָוויעטישע אָפיצירן. איינער פון זיי האָט געהאַט צעשויבערטע האָר, דאָס היטל האָט ער געהאַט פאַרשאַרט אויף הינטן און אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ליידיקע פלאַש. ער איז געווען שיכור און ער האָט זיך גלייך אויסגעצויגן אויפן בעט.

דער צווייטער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן טיש און אונדז געפרעגט ווער מיר זענען און וואָס מיר טוען דאָ. איך האָב אים געזאָגט אויף רו־סיש אַז מיר זענען פּוילישע פונעם לאַגער הינטער די דראָטן, מיר ווילן דאָ איבערנעכטיקן און אין דער פרי וועלן מיר גיין קיין וואַרשע.

דערווייל האָט זיך דער צווייטער אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו מאַ־רישאַ און איר געזאָגט זי זאָל מיט אים אַרויסגיין. זי האָט זיך פאַרווונ־

דערט: — איך בין אַ פּוילישע. מיר האָבן אויף אייך געוואַרט ווי אויף דערלייזער, איך בעט אייך, לאָזט מיך צורו.

ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו אירע רייד. ער האָט איר דער־לאַנגט מאַציעקס מאַנטעלע וואָס איז געלעגן אויף דער שטול. ער איז גע־ווען אַזוי שיכור אַז ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פּיס. זי האָט זיך גע־ווענדט צום אַנדערן:

— זאָגט איר אים! פאַרטייטשט איר אים!

ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך וועל מיר מיט אים נישט געבן קיין עצה, ער האָט צופיל אויסגעטרינקען. כ׳וועל גיין און עמעצן רופן.

ער איז אַוועק און די טיר האָט זיך נאָך אים פאַרמאַכט.

דערווייל האָט דער ערשטער אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און אים צוגעלייגט צו מאַרישיאַס קאָפּ. אין דער צווייטער האַנט האָט ער די גאַנ־צע צייט געהאַלטן מאַציעקס מאַנטעלע. דאָס איבערגעשראָקענע קינד האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ מורא. איך בין אַרויס אויף דער פינצ־טערער גאַס און כ׳האָב אָנגעהויבן צו רופן הילף.

עס איז גראָד דורכגעגאַנגען אַ פּאַטרול. צוויי זעלנער מיט אַן אָפי־ציר. איך האָב אָנגעכאַפּט דעם אָפיציר ביים אַרבל און אים געצויגן צו דער הייזקע. איך האָב צו אים גערעדט רוסיש. ער איז גלייך מיט מיר גע־לאָפן וווּנדערנדיק זיך אַז איך רייד מיט זיין שפּראַך.

ווען ער איז אַריין אין צימער, איז יענער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

— פּוילישע? — האָט געזאָגט דער אָפיציר — איז פאַרוואָס טראָגט איר נישט אייערע צייכנס?

— מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז מען דאַרף טראָגן.

— פאַרשטייט דאָך — האָט ער געזאָגט — זיי זענען פאַרשיכורט מיטן זיג, דערפאַר זענען זיי ווילד.

ביים געזעגענען זיך האָט ער סאַלוטירט.

נאָך אַ פּאָר מינוט איז אַריינגעקומען איינער פון די האָלענדישע מענער. ער איז געווען בלאַס און איבערגעשראָקן.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

— נעמט אונדז מיט זיך מיט אין קעלער — האָט געזאָגט מאַרישיאַ.

מיר האָבן איבערגעלאָזט אַן אָפענע טיר מיט אַלע אונדזערע זאַכן אויפן טיש, אַפילו דעם לעדערנעם בײַטל מיט אונדזערע דאָקומענטן און אַביסל געלט.

דער קעלער איז געווען מיט דרײַ טריט ווײַטער. דער ריכטיקער שוץ־גרוב האָט זיך געפינען אונטערן קעלער. דער האַלענדער האָט אויפגע־הויבן אַ קלאַפּע און מיר זענען אײַנער נאָכן צווייטן אַרײַנגעשפּרונגען דורך דער עפענונג אינעם אונטערערדישן לאָך, ווו עס זענען געווען פאַר־נאַנדערגעלייגט קישנס און פּערענעס.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. מיר האָבן מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. פון דער הייך זענען צו אונדז דערגאַנגען די טריט פון אַרײַנגייענדיקע און אַרויסגייענדיקע זעלנער פון דער הייזקע. מיר האָבן אַפילו געהערט געשפּרעכן איבער אונדזערע קעפּ.

— טשטאָ עטאָ? — האָט אײנער געפרעגט.

— עטאָ טשולאַנטשיק קאַקאָי טאָ...

— נאַדאַ פּאָסמאָטריעט — האָט געזאָגט דער ערשטער.

ווי האָבן אונדזערע הערצער געקלאַפּט, ווען זיי זענען אַרײַן אין קע־לער. צום גליק האָבן זיי נישט געפינען די קלאַפּע.

ווען עס איז געוואָרן טאָג, איז די דײַטשקע אַרויס די ערשטע. נאָך איר זענען אַרויס די האָלענדער — זיי האָבן אונדז דערלאַנגט די הענט און געהאָלפן זיך אַרויסצובאַקומען פונעם גרוב.

מיר זענען שטיין געבליבן אין דער טיר פון דער הייזקע אויסער זיך פון שרעק. אַלצדינג פון די שענק און שופלאָדן איז געלעגן אויף דער ערד. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זאַמלען אונדזערע זאַכן: דאָ האָב איך געפינען אַ פּאָר זאָקן, אויף אַן אַנדער אָרט — מאַציעקס העמדל. דער לעדערנער בײַטל איז געלעגן אונטערן טיש. די דאָקומענטן זענען געבליבן, אָבער זיי האָבן צוגענומען דאָס געלט, אַ שערעלע און די שטיקלעך צוקער וואָס מיר האָבן געהאַט. איך האָב געפינען דעם שמאַלץ, די פלאַש מיט אייל און די סוכאַרעס.

די גאַנצע נאַכט אין קעלער האָבן מיר געטראַכט וועגן טכוזשעווסקי. ער האָט געזאָגט אַז ער וועט גיין אין וועג אַרײַן זיבן אינדערפרי —

אָבער צי האָט ער נישט געענדערט זיין פּלאַן? אפשר איז ער שוין נישטאָ אינעם באַראַק? אפשר איז ער נאָך נעכטן אַרויס?

זעקס אַזייגער בין איך געלאָפן אין לאַגער אַריין. אויפן לאַץ פון מיין זשאַקעט האָב איך צוגעניייט אַ שלייף פון רויטן און ווייסן באַנד, וואָס מיר האָבן געפינען צווישן די צעוואָרפענע זאַכן ביי דער פרוי אולריך. אויפן וועג האָב איך קיינעם נישט געטראָפן.

לעבן באַראַק זענען געשטאַנען ריזיקע לאַסט־אויטאָס און עס האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ סך שיכורע זעלנער, אַ גאַנצע מחנה.

איז דאָס געווען מיליטער? רעגולער רוסיש מיליטער? — ניין. דאָס איז געווען אַזיע, דאָס זענען געווען די סטעפּעס... אַזעלכע שבטים פון וועלכע איך האָב דעם נאָמען נישט געקענט: שיפע אויגן, אויסגעשטאַרצ־טע קינבאַקן, פלאַטשיקע נעז. נאָר די אָפיצירן זענען געווען רוסישע. דער שטאָם פון מיליטער איז באַשטאַנען פון אַזיאַטישע פעלקער.

טכוזשעווסקי איז געשטאַנען לעבן זיין פריטשע און ער האָט גע־פּאַקט דאָס רענצל.

— מיר גייען מיט אייך קיין וואַרשע — האָב איך געזאָגט. — מיר וואַרטן אויף אייך אין פרוי אולריכס הייזקע. איך בין געקומען כדי אייך דאָס צו זאָגן.

— גוט! — האָט ער געענטפערט — זיבן אַזייגער וועל איך זיין ביים טירל.

— פרוי מאַיעווסקאַ, אונדזערע מענטשן האָבן איבערגעלאָזט אַ סך סוכאַרעס, אפשר וועלן זיי אייך צונוצקומען?

— ניין! — האָב איך געענטפערט — מיר האָבן אונדזערע אייגע־נע סוכאַרעס. מיר וואָלטן סיי־ווי נישט געקענט אַזוי פיל טראָגן מיט זיך.

ער איז געווען אָנגעטאָן צו זיין רייזע קיין וואַרשע ווי דער לעצטער בעטלער. אין אַ צעריסענעם, שמוציקן, אויסגעלאַנצטן סוועטער איז שי־פּע פּאַסן; צעפליקטע הויזן און אויסגעדרייטע אַלטע שיך. איך וועל וועגן דעם זאָגן מאַרישיאַן — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. מיר מוזן זיך אויך אויף אַזאַ אופן אָנטאָן, כדי נישט צו ציִען קיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיך.

איך בין נאָך אַריינגעלאָפן אין אונדזער צימער און כ'האָב מיטגענו־

מען צוויי פּאַרטעכער, וואָס מיר האָבן געטראָגןביים רייניקן. מיר וועלן דאָס אָנטאָן אויפן וועג — האָב איך געטראַכט.

טכוזשעווסקי האָט מיך באַגלייט ביז צום לאַגער־טירל. איך האָב פון דערווייטנס געזען ווי מאַרישיאַ און מאַציעק זענען געשטאַנען פאַר דער הייזקע.

ווען כ׳בין געווען אויף דער בריק, האָב איך דערפילט אַ שוואַכקייט אין די קני. כ׳האָב מיך אָוועקגעזעצט אויפן זאַמדביים ראַנד פון וועג און כ׳בין אַזוי געזעסן דורך אַ מאָמענט מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן בעטאָנענעם סלופּ, קוקנדיק אויפן וואַסער אין קאַנאַל...

פונקט זיבן אַזייגער איז טכושעווסקי געווען לעבן טירל. ער האָט געהאַט אַ וועלאָסיפּעד מיטן צוגעטשעפּעטן רענצל.

מאַרישיאַ האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ טעפּעלע הייסע קאַווע און אַ סוכאַרע אָנגעשמירט מיט שמאַלץ. ער האָט עס אויפגעגעסן שטייענדי־קערהייט און זיך גלייך גענומען צום צובינדן אונדזערע האַנטבייטלען צום וועלאָסיפּעד.

די טיכלעך אויפן קאָפּ און די פּאַרטעכער האָבן אונדז געמאַכט אויס־זען ווי דאָרפישע ווייבער. מיר האָבן זיך אויך גלייך אָפּגערעדט אַז מיר זענען אַ משפּחה. מיר האָבן זיך אַזוי אָפּגערעדט צוליב אַ שטאַרקערע זי־כערקייט: טכוזשעווסקי וועט זיין מאַרישיאַס מאַן, מאַציעק זייער זון און איך די מוטער.

מיר זענען נאָך אויף אַ מאָמענט אַריין אין דער הייזקע. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער פרוי אולריך און מיט די צוויי האָלענדישע מענער. איינער פון זיי איז נאָך אונדז אַרויסגעלאָפן. ער האָט געשאָנקען מאַרי־שיאַן אַ גרויע דעקע אין ראָזע קעסטעלעך.

— נעמט דאָס מיט — האָט ער געזאָגט — עס וועט אייך צונוץ קומען פאַרן קליינעם.

פאַרבייגייענדיק דעם הילצערנעםביידל, האָט איך אַ קלאַפּ געטאָן אין פענצטער. דאָס איז געווען אַ זיי־געזונט פאַר אינגעבאָרגאַ.

דערנאָך האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

זיבעטע טייל

דער וועג צוריק

מיר גייען מיטן פעלד צו דער גרינאַוער גאַס. אַ מענטש וואָס קוקט פון דער זייט זעט: אַ מאַן, אַ ווייב, זייער קינד און מוטער. אַלע פיר אָרעם אָנגעטאָן, מידע און בלאַסע. זייער גאַנץ אייגנטום איז אַ רענצל און אַ פּאָר פּעקלעך, וואָס זענען צוגעבונדן צום וועלאָסיפּעד. די מוטער טראָגט אַ מאַנטל, אַריבערגעוואָרפן אויפן אַקסל; ס'ווייב האַלט דאָס קינד ביי דער האַנט; דער מאַן גייט דער ערשטער און שטופּט דעם וועלאָסיפּעד פאָרויס.

אויף דער לינקער זייט פון זייערע קליידער זענען צוגענייט ווייס־רויטע שלייפן. דאָס זענען לאַגער־מענטשן, וואָס קערן זיך אום צוריק צו זייער לאַנד — יעדער פאַרשטייט דאָס.

און אַזוי גייען זיי דורך דער גאַס. אַ שרעקלעכער שטורעם איז אויפן וועג דורכגעגאַנגען און איבערגעלאָזט נאָך זיך שטרוי, רויִנען, קלומפּיקע ערד און אַ צעלעכערטן אַספאַלט, דערהרגעטע פערד, און די טויטע — אײנגאַנצן פאַרשוואַרצט־געוואָרענע קערפּערס פון די דייטשישע זעלנער. דאָס סאָוויעטישע מיליטער רוקט זיך פאָרויס צופוס און אויף פערד, שלעפּנדיק נאָך זיך אומענדלעכע טאַבאָרן.

טייל מאָל פאָרט פאַרביי אַ קאַוואַלעריסט אויפן טראָטואַר. טייל מאָל פאַרשטעלט אונדז דעם וועג אַ פאַרברענטער טאַנק, אָדער מען מוז אַרום־גיין אַ טיפן גרוב וווּ עס האָט אויפגעריסן אַ באָמבע.

דאָ געפינט זיך אַ שוצגרוב, אין וועלכן עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די לופט־אַטאַקעס דייטשישע מוטערס מיט קליינע קינדער. פריהער־דערט יונגע מוטערס האָבן דאָרט געהאַט זייערע קאַבינעס. די סאָוויעטי־שע זעלנער האָבן זיך — האָט מען דערציילט — אַריינגעריסן אינעם שוצגרוב און פאַרגוואַלדיקט די מוטערס.

און ווו איז דאָס געוועלב וווּ איך האָב געקויפט מילך פאַרן לאַגער?

— די טיר צעשמעטערט, דאָס געשעפט צעראַבעוועט — מען זעט נישט קיינעם אין אים.

קיין איין דייטשישע פרוי זעט מען נישט אין דעם אַפּריל־פרימאָרגן, קיין איין מיידל. אַלע זענען אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס, אויף די בוי־דעמס און אין אומדערגרייכבאַרע באַהעלטענישן.

די זעלנער גייען אַריין אין די וווינונגען און ראַבירן. זיי נעמען צו טעפּיכער, פּוטערס, מעבל און לאָדן עס אָן אויף די לאַסט־אויטאָס. קייטן פון לאַסט־אויטאָס מיט טעפּיכער און מעבל ציִען זיך פון בערלין.

ווען די טעפּיכער און מעבל וואָלטן געקענט ריידן — ווער ווייסט? אפשר וואָלטן זיי דערציילט אַז זיי שטאַמען פון ייִדישע הייזער און קערן זיך צוריק אום?

ווען מיר גייען אַזוי ווייטער מיט דער ברייטער און שיטער־פאָרמוי־ערטער גאַס, זעען מיר, אַז פון פאַרשיידענע שמאָלע געסלעך — אַזוי ווי קליינע טייכלעך לויפן צום טייך — שטראָמען גרופּעס מענטשן; גרעסע־רע און קלענערע. מען פאַרייניקט זיך און מען גייט אין דער זעלבער ריכ־טונג: אויף מזרח.

כמעט אַלע שלעפּן וועגעלעך, און אויף זיי — פּעקלעך. זיי ריידן רוסיש, אוקראַיִניש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש און פּויליש. זיי טראָגן פאַרשיידענע קאָלירן פון שלייפן אין די לאַצן.

אויף די קרייצוועגן פון די גאַסן שטייען סאָוויעטישע זעלנער און רעגולירן די באַוועגונג. נידעריקע און פעסטע מיט פּנימער אָפּגעברענט פון זון און ווינט.

די לאַגער־מענטשן קוקן דערשטוינטע אויף די ריזיקע פּלאַקאַטן, אויף די פאַרטרעטן פון סטאַלין, אויף די אויפשריפטן און לאָזונגען. יעדע פאָר צענדליק טריט — אַ פּלאַקאַט. אויף איינעם זע איך אַ חיה מיט אויסגעשטאַרצטע ציין און אונטער דעם אַן אויפשריפט.

„מיר וועלן דערהרגענען די חיה אין איר באַהעלטעניש!

דאָס ייִנגעלע וואָס האַלט זיין מוטער ביי דער האַנט, איז רויִק און שטיל. ער פרעגט נישט, ער רעדט נישט, ער וווּנדערט זיך נישט. אויף אונדז וואַרט נאָך אַן אומבאַקאַנטער וועג, נעכט וואָס מען ווייסט נישט ווו מען וועט זיי פאַרברענגען, לאַנגע וואַנדערונגען צופוס דורך די פוס־

טע וועגן — אין רעגנס, פרימאָרגנדיקע פרעסטלעך, וואָס נעמען דורך יעדן אבער — ער טראַכט גאָרנישט וועגן דעם אַלעם.

דאָס איז נישט קיין קינד — דאָס ייִנגל וואָס גייט איבער די גאַסן פון בערלין. דאָס איז אַ וואַנדער־חבר.

אַפילו דאָס טויטע קערפּערל פון אַ זויגקינד, וואָס ליגט אונטערן פּלויט, — איבערגעלאָזט אויפן וועג דורך אַן אומגליקלעכע מאַמע, — מאַכט נישט אויף אים קיין איינדרוק. ער ווייזט אויס צו זיין פאַרזונקען אין די געדאַנקען — גלייכגילטיק צו אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום.

פּונקט אַזוי איז אַלפרעד טכוזשעווסקי. מיט אַ געלאַסענעם גלייכן טריט פירט ער זיין אָנגעלאָדענעם וועלאָסיפּעד. ער גייט און שווייגט.

דאָס שווייגנדיקע וואַנדערן האָט זיינע טיף־פאַרוואָרצלטע סיבות. מיר זענען אָפּגעשוואַכט און מיד. די שלאָפלאָזע נעכט און די האַסטיקע געשעענישן פון די לעצטע צוויי טעג וואָס האָבן אַריינגעברענגט אַן אי־בערקערעניש אין אונדזער לאַגער־לעבן, האָבן אונדז צוגענומען די כוחות. אפשר פילן מיר אומבאַוווּסטזיניק, אַז אויב מיר וועלן שווייגן — וועלן אונדז די כוחות קלעקן אויף לענגער, ווייל אין אַזעלכע אומשטענדן מאַ־טערט אַלץ אויס — אַפילו אַ וואָרט וואָס גייט אַרויס פון מויל.

***

בערלין פאַרמאָגט אַ סך באַן־סטאַציעס, זאַנעס און פאַרשטעט. פון איין זאָנע צו דער צווייטער פאָרט מען מיט אַ באַן. נישט קיין וווּנדער, אַז נאָך עטלעכע שעה וואַנדערן, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיט אָפּטן אָפּרו — האָבן מיר זיך נאָך אַלץ געפינען אין בערלין. עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז מיר וועלן קיינמאָל נישט אַרויס פון דעם פאַרכישופטן קרייז.

ווען מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ ברונעם, אָדער אַ קראַן מיט וואַ־סער לעבן אַ הויז — האָבן מיר זיך אָפּגערוט. דעמאָלט האָט מאַרישיאַ געגעבן מאַציעקן אַ סוכאַרע מיט חזיר־שמאַלץ, דערנאָך טכוזשעווסקין וואָס איז געווען דער קאַפּיטאַן פון אונדזער קאַראַוואַן.

מיר האָבן געגעסן די סוכאַרעס און געטרונקען דאָס וואַסער ווי ביי אַ רעליגיעזן צערעמאָניאַל. מיר האָבן גערוט אויפן ברעג פון אַ טראָטואַר, ביי אַ שטיינערן מויערל אָדער אויף אַ גרויען איבערגעקערטן בוים.

דערנאָך זענען מיר געגאַנגען װייטער אָן אַ װאָרט. מיר האָבן געקענט די מאָס פון צייט. אינסטינקטיװ האָבן מיר געפילט װען מען דאַרף זיך אױפהייבן און גיין פאָרױס. טכוזשעװסקי — אָן אַ היטל, מיט צעשױבערטע, שױן לאַנג נישט געשױרענע בלאָנדע האָר — האָט געשטופּט דעם װעלאָסיפּעד און זיך נישט אומגעקוקט אױף צוריק. און מיר — נאָך אים — מיט צוטרױ, דיסציפּלינירט, פאַרקוקט אין זיין פאַרשטױבטן קאָפּ.

אַלטע מענער װאָס זענען געזעסן אױף די טרעפּלעך, אַלטע פרױען אָנגעטאָן אין ברייטע פאַרטעכער, האָבן אונדז נאָכגעקוקט, פינטלענדיק אין דער זון מיט די פאַרטרערטע אױגן — ביז מיר זענען פאַרשװונדן.

נאָך אונדז און פאַר אונדז זענען געגאַנגען אַנדערע. גרופּנװייז — צו פופצן, אָדער צען מענטשן. אַלע האָבן געטראַכט נאָר פון איין זאַך: נישט מאַכן קיין טעות אין דער ריכטונג, נישט פאַרבלאָנדזשעט צו װערן, גיין מיטן ריכטיקן װעג, װאָס פירט אַהיים.

אונדזער גרופּע איז געװען די קלענסטע — אינגאַנצן פיר פערזאָן. מיר האָבן באַגערט נאָר איין זאַך: נישט צו פאַרבלאָנדזשען אין דער נעץ פון די װעגן און גיין מיטן ריכטיקן שליאַך װאָס פירט אױף אַהיים. כאָטש פון אונדז פיר האָט נאָר דער איינציקער טכוזשעװסקי געהאַט אַ היים — װייל װוּ איז געװען אונדזער היים?

עס זענען פאַרבייגעפאָרן לאַנגע שנורן פון מיליטערישע אױטאָס. מיר האָבן שױן נישט געהאַט קיין כוח צו גיין און באַשלאָסן צו פּרוּװן אונדזער מזל.

װען עס איז אָנגעפאָרן אַ דזשיפּ מיט צװיי סאָװיעטישע זעלנער — האָבן מיר אױפגעהױבן אונדזערע הענט. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן. מיר האָבן זיך אַרױפגעזעצט פון הינטן און אַרױפגעשלעפּט דעם װעלאָסיפּעד.

— מען דאַרף זיי באַצאָלן — האָב איך געזאָגט. איך האָב געהאַט אַריינגענייט אין מיין קלייד אַ דין גאָלדן קייטעלע פון אַ זייגער.

כ׳האָב אין מיטן דער רייזע אַרױסגעצױגן דאָס קייטל פונעם קלייד.

— איך װיל זיי געבן נאָר אַ טייל — האָב איך געזאָגט — מיר האָבן נישט קיין געלט.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין צװענגל, אָדער אַ העקל, אָדער אַ שער — טכוזשעװסקי האָט דאָס קייטל איבערגעביסן מיט זיינע ציין.

זיי זענען פֿאַרפֿאָרן צו עפּעס אַ זומערפּלאַץ און געבליבן שטיין.

— ווייטער פֿאָרן מיר נישט — האָבן זיי געזאָגט.

דעמאָלט האָב איך זיי געגעבן דעם טייל פֿונעם גאָלדענעם קייטל:

— נעמט דאָס פֿון אונדז — האָב איך געזאָגט — דערפֿאַר וואָס איר האָט אונדז אונטערגעפֿירט.

לאַכנדיק האָבן זיי זיך אַמוזירט מיטן קייטל ווי מיט אַ שפּילעכל. דעמאָלט האָבן מיר פֿאַרשטאַנען אַז זיי האָבן זיך נישט גערעכנט אויף קיין שום באַלוינונג. די חדשים, וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אינעם לאַ־גער האָבן אונדז אויסגעלערנט, אַז מען דאַרף צאָלן פֿאַר יעדער טובה און אַפֿילו גלייכגילטיקייט. לאַנגזאַם האָבן מיר זיך אָנגעהויבן איבערצושטעלן אויף אַן אַנדערן אופֿן פֿון טראַכטן. אַפֿילו איצט, נאָך דער באַפֿרייונג האָבן מיר נישט געקענט גלייבן אין אַ נישט־באַצאָלטער פֿריינטלעכקייט.

מיר זענען איצט געגאַנגען אויף אַ ברייטער אַספֿאַלטירטער גאַס. אויף ביידע זייטע — פֿאַרצאַמונגען. הינטער די פֿאַרצאַמונגען — ווילעס און גערטנער.

פּלוצלינג האָבן זיך פֿאַר אונדז באַוויזן צוויי סאָוועטישע זעלנער מיט ביקסן. זיי האָבן אונדז פֿאַרהאַלטן און אָן אַ וואָרט צו זאָגן, האָבן זיי צוגענומען דעם וועלאָסיפּעד און אַראָפּגעוואָרפֿן אויף דער ערד דאָס רענצל מיט די פּעקלעך.

מישנדיק ווערטער רוסישע מיט פּוילישע, האָט מאַרישיאַ געבעטן:

— נעמט נישט צו ביי אונדז דעם וועלאָסיפּעד. דאָס איז אַלץ וואָס מיר פֿאַרמאָגן. דאָס איז מיין מאַן און דאָס איז אונדזער קינד און די מו־טער. מיר האָבן נישט קיין היים...

— מיר האָבן אַ באַפֿעל צו רעקווירירן וועלאָסיפּעדן — האָבן זיי גע־זאָגט — אָבער גאָט איז מיט אייך, גייט ווייטער.

פֿאַרויסזעענדיק אַז עס קען ווידער עפּעס אַזוינס פּאַסירן, האָט טכור־זשעווסקי אַראָפּגענומען פֿון וועלאָסיפּעד עטלעכע טיילן כדי עס זאָל אויסזען ווי ער וואָלט קאַליע געוואָרן — ער האָט אים צענומען.

***

אויפֿן הימל האָט אַ שיין געטאָן אַ שטערן. אַרום אונדז איז געווען

אַ געדיכטע טונקלקייט, אונטער אונדז — אַ שמאָל שטעגל, רעכטס און לינקס — פונאַנדערגעשפּרייטע פּוסטע פעלדער.

פון צייט צו צייט האָבן מיר געזען אַ סטאַדע קי וואָס די סאָוויעטי־שע זעלנער האָבן געטריבן. דאָס זענען געווען שוואַרץ־ווייסע האָלענדישע קי, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די דייטשן.

פאַר אונדז און נאָך אונדז — אַזוי ווי אַן ענדלאָזער קאַראַוואַן פון מוראַשקעס: הונדערטער און טויזנטער מענטשן פון די לאַגערס — מע־נער און פרויען וואָס האָבן געשלעפּט וועגעלעך מיט זייער האָב־און־גוטס.

אייניקע מידע האָבן אַראָפּגעוואָרפן די זאַכן. מיר האָבן געזען אויפן וועג ליגנדיקע קעפּ פון ניימאַשינען, מאַנטלען, קישנס, קליידער, וועש, גאַנצע וואַליזעס, וואָס מען האָט אַוועקגעוואָרפן אין פעלד. דאָס זענען געוויס געווען צוגערויבטע זאַכן פון די דייטשישע היימען, פּאַרלאָזטע דורך די איינוווינער, און ווען די זאַכן זענען געוואָרן צו שווער צו שלעפּן, האָט מען אַן אַ געפיל פון באַדויערן זיי אַוועקגעוואָרפן.

מיר האָבן געטראָגן אַלטע און אָפּגעריבענע קליידער, טכוזשעווסקי אויך — מעגלעך אַז ער האָט נישט געהאַט קיין שום בעסערע אין זיין אָפּ־געקראַכענער פיבערנער וואַליזע. מיר האָבן זיך געקענט איבערטאָן פון קאָפּ ביז פיס אין די קליידער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין באַלעבאַטים. אָבער מיר האָבן דאָס נישט געטאָן צוליב אונטערבאַוווסטזיניקע סיבות וואָס האָבן אונדז טיף דורכגעדרונגען. מיר האָבן געגלייבט אַז די דיי־טשישע זאַכן וואָלטן אונדז קיין גליק נישט געבראַכט. דער זעלבער סו־געסטיע האָט זיך אויך טכוזשעווסקי אונטערגעגעבן.

מיר האָבן מיט נייגעריקייט געקוקט אויף די אוקראַינישע פרויען, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען אין רייכע קאַראַקולענע מאַנטלען — אויך אַנגעראַבירטע פון די דייטשישע היימען.

דאָס זענען ייִדישע פּוטערס — האָבן מיר צו זיך געוווּנקען — וואָס גייען צוריק אויף מזרח...

און דאָך, ווען איך האָב אויפן וועג געזען אַ שירעם — האָב איך נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון. דער שירעם איז געווען אַן אַלטער און אָפּגעריבענער, אָבער פאַר אונדז האָט ער באַטייט אַ גאַנצער אוצר.

עס איז געווען סוף אַפּריל — די צייט פון רעגנס. אַזוי ווי מיט נסים איז דער היינטיקער טאָג געווען אַן אַ וואָלקן אויפן הימל. אָבער

יעדע ווייל האָט געקענט געשען אַן ענדערונג אין וועטער: אַ שטורעם מיט אַ גאָס־רעגן, אַ האָגל צי אַ וואָלקן־בראַך און דעמאָלט וואָלט אונדז צונויף געקומען אַפילו אַזאַ שירעם.

צווישן די זאַכן, וואָס זענען געלעגן פאַרלאָזן אויפן וועג, האָבן מיר זיך אויך אָנגעשטויסן אויף אַ האַנט־וועגעלע. עמעצער האָט עס אַוועק־געוואָרפן — אפשר האָט ער געפינען אַ בעסערס. דאָס וועגעלע איז גע־ווען באַשעדיקט. אָבער מען האָט עס געקענט פאַריכטן. טכוזשעווסקי האָט געהאָט ביי זיך אין טאַש טשוועקעס. ער האָט זיי אַריינגעהאַקט מיט אַ שטיין.

מיר האָבן אַוועקגעלייגט אויפן וועגעלע די זאַכן, וואָס מיר האָבן געטראָגן אין די הענט, מיין ברוינעם ווינטער־מאַנטל און דעם שירעם. מאַרישיאַ האָט אָנגעכאַפּט פאַרן דישעל און איך מיט מאַציעקן האָבן גע־שטופּט פון הינטן.

אַזוי האָבן מיר זיך כסדר גערוקט פאָרויס קיין וואַרשע. די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן. אָבער עס זענען געווען אַ סך מענטשן אויפן וועג. אייני־קע האָבן זיך אויסגעלייגט אַ נאַכטלעגער אונטער אַ בוים. אַנדערע זענען געגאַנגען פאָרויס. נאָך אַנדערע — מער מידע — זענען געבליבן הינטער אונדז.

— צי וועט דאָס האַנט־וועגעלע אונדז נישט שטערן אין וועג? — האָט געפרעגט מאַרישיאַ — דער דזשיפּ וואָס האָט אונדז געפירט וואָלט אונדז זיכער נישט אויפגענומען צוזאַמען מיטן וועגעלע. איז נישט בעסער עס אַוועקצוואַרפן?

זי האָט גערעדט מיט אַ מאָנאָטאָנער שטים, איינגעקוקט אין טכו־זשעווסקיס פּלייצע.

— אַוועקוואַרפן קענען מיר אַלע מאָל — האָט ער געזאָגט. — זאָל עס אונדז נאָך דערווייל דינען.

עס איז שוין געווען אינגאַנצן פינצטער, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין אַ דאָרף. מיר זענען געגאַנגען נאָך אַ סטאַדע קי — גלייך אין שטאַל אַריין.

די שטאַל איז געווען באַדעקט מיט אַ בעטאָנענער פּאָדלאָגע אויף וועלכער עס איז געווען צעוואָרפן שטרוי.

דאָס האָט פריִער געדינט ווי אַ שפּייכלער פאַר סעטשקע און פּאַשע

פאַר פּי. הינטער דער פאַרצאַמונג זענען געשטאַנען די קי און מען האָט פון דאָרט געהערט דאָס קלינגען פון די קייטן און דאָס וואָרטשען און בורטשען פון די בהמות.

אויף דער ערד זענען שוין געלעגן און געשלאָפן אַ סך וואַנדערער, אויסגעמאַטערטע ווי מיר פונעם לאַנגן מאַרש. טכוזשעווסקי האָט צוזאַ־מענגענומען אַ הויפן שטרוי אין אַ ווינקל, האָט אַוועקגעשטעלט דעם ווע־לאָסיפּעד לעבן זיך און אים צוגעדעקט מיט שטרוי. ער האָט אויך אַרונ־טערגענומען די זאַכן פונעם וועגעלע און אַוועקגעלייגט לעבן זיך. מיר האָבן זיך צוגעגרייט צום שלאָפן.

מאַרישיאַ האָט, שרעקנדיק זיך פאַר דער קעלט וואָס האָט געצויגן פון דער פּאָדלאָגע, געמאַכט פאַר מאַציעקן אַ געלעגער אויפן וועגעלע. זי האָט אים אונטערגעלייגט אַ דעקע מיטן מאַנטל, אָבער ער האָט בשום־אופן נישט געוואָלט שלאָפן אויפן וועגעלע. ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען ער וועט שלאָפן וועט אים עמעצער אַרויספירן צוזאַמען מיטן וועגעלע.

ווען עס איז געוואָרן ליכטיק זענען מיר אויפגעשטאַנען פון די פּאָד־לאָגעס. די זעלנער האָבן גראַד געמאָלקן די קי. מיר האָבן געהערט זייע־רע געשרייען: — סטאַי — האָבן זיי געשריגן — עי מאַשקאַ, סטאַי פּאַ־טישע!

עס האָט זיך אונדז געוואָלדיק פאַרגלוסט צו כאַפּן אַ טרונק מילך.

אָנגעשפּאַרט אָן דעם טויער פון דער שטאַל איז געשטאַנען אַ זעל־נער, אַ מיטליאָריקער, פון אַ ריזיקן וווּקס, מיט אַ שעפּסן היטל אויפן קאָפּ.

— צי וואָלט איך געקענט קריגן אַביסל מילך? — האָט געפרעגט מאַרישיאַ — מיר האָבן אַ קינד מיט זיך.

— פאַרוואָס נישט? — האָט ער געענטפערט — גיי אַריין אין שטאַל, מעלק אויס אַ קו און נעם מילך וויפל דו ווילסט.

— אַלפרעד — האָט זי אַ רוף געטאָן טכוזשעווסקין — איך וועל אַ זוך טאָן אויפן הויף אַ שיסל, אָדער אַ טעפל, מיר וועלן אויסמעלקן אַ קו, וועלן מיר האָבן אַביסל מילך.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען — אַ צעשויבערטער, מיט שטרוי אין זיינע האָר, אַ שמוציקער און ציטערנדיקער פון קעלט.

— מאַרישקאַ — האָט ער געזאָגט אומאַנטשלאָסן, ווי דאָס וואָרט וואָלט מיט שוועריקייט אַרויס פון זיין מויל; זי גענומען פאַרן אַרבל און

געזאָגט שטיל: — איך האָב קיינמאָל נישט געמאָלקן קיין קו, וואָס וועלן מיר טאָן?

זי האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש אַ פּאַפּיראָס — דער זעלנער האָט איר דערלאַנגט פייער — און זי האָט זיך פאַרצויגן מיטן רויך. זי האָט געקוקט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אויף דער מאָרגן־דעמערונג וואָס האָט זיך גערויטלט איבערן דאַך פון דער שטאַל.

טכוזשעווסקי איז געשטאַנען לעבן איר אומבאַהאָלפן און רירנדיק אין דער ראָל פונעם מאַן — דער ראָל מיט וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. ער איז געווען אַ שלעכטער אַקטיאָר. דער אויס־דרוק פון זיין פּנים איז געווען צעמישט און ער האָט זיך זייער לייכט פאַרלוירן.

אַ סאָוויעטישער זעלנער, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן, מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ דאַר פּנים ענלעך צו אַ רויבפויגל, האָט געקוקט אויפן אַ פּאַפּיראָס און פון אַ זייט געקוקט אויפן אומגעוויינלעכן פּאָרל.

— דאָס איז דיין מאַן? — האָט ער געפרעגט און געשוויגן אַ וויילע — מיר דאַכט זיך, אַז ער איז נישט דיין מאַן. ער — אַן אַרבעטער, דו — אַן אינטעליגענטקע... אָבער וואָס אינטערעסירט דאָס מיך?

— נו, אַלזאָ — האָט זי שאַרף אַ זאָג געטאָן, כדי איבערצורייסן דאָס געפּערלעכע געשפּרעך — איך גיי מעלקן די קו.

זי האָט זיך ביי עמעצן געבאָרגט אַן עמאַלירטע שיסל און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקעלע לעבן דער קו. זי האָט אַ ציי געטאָן פאַר די אייטער איינמאָל און אַ צווייט מאָל... ווען די קו האָט אַ מעקע געטאָן, האָט זי זיך איבערגעשראָקן און פאַרגאָסן דאָס ביסל מילך וואָס זי האָט שוין געהאַט אויסגעמאָלקן.

זעענדיק אַז עס וועט גאָרנישט דערפון אַרויסקומען, האָט זי אין דער קעשענע אַ זוך געטאָן דעם לעצטן פּאַפּיראָס און אים דערלאַנגט דעם זעלנער, וואָס האָט דערלעבן געמאָלקן אַ קו. זי האָט אים געבעטן און ער האָט איר געגעבן די מילך פון זיין עמער.

טויט־דאַרשטיקע האָבן מיר געטרונקען די מילך גלייך פון דער שיסל — איינער נאָכן אַנדערן. מיר האָבן דערפילט אַז נייע כוחות זענען אין אונדז אַריין.

די זעלנער האָבן אונדז געגעבן מיליטערישן שוואַרצן ברויט. אויפן

הויף האָבן זיי געקאָכט הינער אין אַ עמער. איך האָב ביי זיי געבעטן אַ שטיקל פאָרן „רעביאָנאָק״. דער עמער איז געשטאַנען אויף אַן אימפּראָ־וויזירטן אויוון פון ציגל — און דער רויך, צוגלייך מיט די פונקען, האָבן זיך געטראָגן און געקרייזלט אויף דער גאַנצער ברייטקייט פון הויף.

מיר האָבן אַרומגעבונדן די קעפּ מיט די טיכלעך, אַראָפּגערוקט זיי טיף אויף די אויגן און געגאַנגען. דאָס וועגעלע האָט זיך אַ קלעטער גע־טאָן מיט אַ געפּילדער. די שלעכט־צוגעפּעסטיקטע רעדער האָבן זיך אויס־געקרימט. טכוזשעווסקי איז מיטן וועלאָסיפּעד געגאַנגען פאָרויס; נאָך אים מאַרישיאַביים דישעל און איך מיט מאַציעקן פון הינטן. מיר האָבן געהיט דעם אייל, ער זאָל זיך נישט אויסגיסן און די סוכאַרעס — זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין.

די סוכאַרעס זענען געווען אונדזער כסדרדיקע און שטענדיקע זאָרג. מיר האָבן זיי געבראַכט קיין פּוילן...

מיר זענען אַרויס אויפן וועג. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ בריק — דאָס וועגעלע האָט פאַרנדיק אָפּגעקלונגען מיט אַן עכאָ. גלייך ביי דער בריק איז געשטאַנען דעם בירגערמייסטערס ווילע.

הויפנס מיט קליידער און וועש זענען געלעגן צווישן די קוסטעס אין גאָרטן וואָס האָט אַרומגערינגלט די ווילע. צעבראָכענע פאָרצעלאַן, קריש־טאָלענע וואַזאַנען, בלויע דעלפינס... מיר האָבן געטרעטן אויף וואָלענע סוועטערס. מיר האָבן אויפגעהויבן אַ לעפל באַדעקט מיט שטויב, אַ קליין טעלערל און אַ שטיקל קאָלירטע שמאַטע און עס אַרויפגעלייגט אויפן וועגעלע ווי סימבאָלישע טראָפייען. דערנאָך זענען מיר פאַר אַ לאַנגע צייט געגאַנגען מיטן שאָסיי. אויפן וועג האָבן מיר געזען ריזיקע פּלאַקאַטן מיט סטאַלינס פּאָרטרעט. מיר זענען פאַרביי אַ קליינעם בית־עולם און מיר האָבן געקוקט אויף די שפּיציקע מצבות פון די געפאַלענע סאָוויע־טישע זעלנער.

פאַר אונדז און נאָך אונדז האָבן געקלעטערט וועגעלעך. און אין איין מאָמענט זענען מיר געוואָרן איינגעשפּאַנט, איינגעפּרעסט אינעם מוראַש־קע־וועג. מיר זענען געוואָרן איינס פון די טויזנטער פאַרבונדענע קייטע־לעך אין דער אומענדלעכער באַוועגלעכער טאַשמע.

נאָך עטלעכע שעה זענען מיר שטיין געבליבן אומאַנטשלאָסענע; פונעם שאָסיי איז ביי אַ קרייצוועג דורכן פעלד געגאַנגען אַ זאַמדיקער

שליאַך. אייניקע זענען געגאַנגען גלייך מיטן שאָסיי און אַנדערע האָבן זיך פאַרקערעוועט אין פעלד.

— דאָס איז אַ פאַרקירצטער וועג — האָט מען געזאָגט — מיט קנאַפּע דריי קילאָמעטער ווינציקער. דער וועג פירט אַרויס אויפן זעל־ביקן שאָסיי.

— אַי, צי האָט איר נישט קיין טעות? — האָבן געוואָרנט אַנדערע — איז דען נישט בעסער צו גיין מיטן גלייכן וועג?

וואָס האָט אונדז געצווונגען אויסצוקלייבן דעם כלומרשט קירצערן וועג? צי איז דאָס געווען אַ וועג?

— דאָס איז געווען די סאַכאַראַ! אונדזער ביז איצטיקע וואַנדערונג איז געווען אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט די עטלעכע קילאָמעטער צע־ברעקלטע, טיפע זאַמדן.

דאָס שטופּן דעם וועלאָסיפּעד און וועגעלע האָט אונדז פאַרשאַפט געברענטע צרות. דאָס וועגעלע איז יעדע מינוט קאַליע געוואָרן, און טכו־זשעווסקי האָט כסדר געמוזט אַריינקלאַפּן טשוועקעס און בינדן מיט שנורן. ער איז אויפגעשטאַנען פון דער אַרבעט אַ פאַרשוויצטער, געאָטעמט שנעל און שווער... אויפן פעלד זענען אונדזערע זאַכן איצט אָפטער אַרונטער־געפאַלן. אויפן וועג איז נישט געווען קיין שום בוים, קיין שום קוסט, כדי זיך אַביסל אָפּצורוען אין דער הייסער מיטאָג־שעה.

פאַרוואָס האָבן מיר נישט אַוועקגעוואָרפן אונדזערע זאַכן, כדי זיך צו פאַרלייכטערן דעם וועג, פונקט ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן? מיר האָבן דאָך געהאַט בלויז אַלטע שמאַטעס מיט זיך. טכוזשעווסקיס צונויפ־געלייגט רעקל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום וועלאָסיפּעד, איז דאָך אויך געווען אַן אַלטע שמאַטע.

אַזאַ געדאַנק איז אונדז אַפילו נישט געקומען אין קאָפּ אַריין. מיר זענען צו די שמאַטעס געווען צוגעבונדן, ווייל די זאַכן האָבן מיר געהאַט מיטגענומען פון דער היים. אַזוי פיל מאָל האָבן מיר די זאַכן אַראָפּגע־טראָגן אין שוצגרוב... מיר האָבן נישט געהאַט קיין כוח זיך מיט זיי צו־צעשיידן.

אַרום און אַרום איז אַ וויסטעניש. מען זעט נישט קיין אַקעראייזן. אַ סטאַדע קראָען דרייט זיך איבער אונדזערע קעפּ און פאַלט ווייך אַראָפּ אויפן פעלד. מיטן זאַמדיקן וועג גייען נישט קיין סך מענטשן און דער

שטח צווישן די גרופּעס איז אַ גרעסערער. טייל מאָל ווייזט זיך אויס אַז די וואָס גייען הינטער אונדז, וועלן זיך צוריקציִען און די וואָס גייען פאַר אונדז וועלן אפשר זיין שטאַרקער פון אונדז און וועלן גיכער דערגיין צום ציל. דעמאָלט וועלן מיר בלייבן אַליין אויפן וועג.

צי וועט דער וועג זיך אַמאָל ענדיקן? ער וועט זיך מסתמא קיינמאָל נישט ענדיקן און מיר וועלן דאָ אַוועקשטאַרבן פון גרויס אָנשטרענגונג...

אין אַ געוויסן מאָמענט — ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אויף אַ בערגל — האָבן מיר פון דערווייטנס דערזען אַ לאַנגע ריי טאָפּאָלן־ביימער. די מענטשן וואָס זענען געגאַנגען פאַר אונדז האָבן געמאַכט צו אונדז צייכנס: — „דאָס איז דער שאָסיי — האָבן זיי גערופן — דער שאָסיי!"

דאָס וועגעלע האָט זיך ווידער אַ קלעטער געטאָן פאָרויס. מיר האָבן שוין געזען אַ ציל פאַר זיך. מאַרישיאַ, אַ פאַרשטויבטע, איז שוין געגאַנגען איינגעבויגן אין דרייען און איך מיט מאַציעקן האָבן זיך שוין קוים נאָכגעשלעפּט פון הינטן.

פּלוצלינג איז געשען אַן אומדערוואַרטע זאַך: מאַציעק, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַזאַ געזעצטער און רויִקער, און מוטיק איבערגעטראָגן אַלע שוועריקייטן — איז איצט געווען בייז. ער האָט מיך אַוועקגעיאָגט, ער האָט אַליין געוואָלט שטופּן דאָס וועגעלע.

איז דאָס געווען אַ קאַפּריז? און אפשר האָט ער געזען מיין מידקייט און מיך געוואָלט שוינען. אָבער ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי אַרויסצווייזן זיין געפיל אויף אַן אַנדערן אופן?

ענדלעך, ענדלעך האָבן מיר דערגרייכט אַ ציל.

אַ גרויסער דייטשישער דאָרף. קיין ציווילע באַפעלקערונג זעט מען נישט. נאָר לעבן איין הויז האָב איך באַמערקט ווי עס איז געזעסן אויף דער באַנק אַ גאָר אַלט פּאָרל. זיי האָבן פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט. זייער אַלטקייט איז געווען זייער שוצבערעט.

אין יעדן הויז זענען די טירן און פענצטער געווען ברייט געעפנט. אַרום און אַרום פול מיט סאָוויעטישע סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס. אויף אַ הילצערנעם שטאַנג — אַ צוגעקלאַפּט ברעטל. אויפן ברעטל איז מיט ריזיקע אותיות אויפגעשריבן דער נייער נאָמען פונעם דאָרף: פּאַוולאָווא.

דער דאָרף איז געלעגן לעבן דעם זאַמדיקן זייטנוועג, אָבער גלייך

לעבן דאָרף איז געווען דער הויפּטוועג. מיר האָבן געטרונקען וואַסער פונעם ברונעם, גלייך פון עמער און זיך אַוועקגעזעצט ביים וועג, קעגנאיבער דעם ברעט מיט דער אויפשריפט „פּאַוולאָוואַ". יעדער האָט אָפּגעגעסן זיין שטיקל ברויט מיט שמאַלץ. אַביסל זיך אָפּגערוט זענען מיר איצט געגאַנגען ווייטער.

איבערן וועג האָבן זיך געצויגן קאָלומנעס. דאָרפישע וואָגנס געשפּאַנט צו צוויי קליינע שטאַרקע פערדלעך. די וואָגנס — מערסטנס ליידיקע — זענען געפאָרן צוריק פון דער זייט פון פראָנט.

אויף די וועגענער זענען געזעסן באַבערדיקטע פויערים. זיי האָבן געטראָגן אויף די קעפּ וואָלענע אָדער פוטערנע היטלען מיט אויערן־באַשיצער און וואַרעמע מאַנטלען. מיר האָבן געקוקט אויף זיי מיט אַ געפיל פון בענקשאַפט.

— פּאַטערל — האָב איך געבעטן איינעם פון זיי — מיר זענען מיד און אייער וואָגן איז ליידיק. נעמט אונדז מיט אַ שטיק וועג, מיר בעטן אייך זייער.

ער איז איינגעגאַנגען: — שנעלער! שנעלער! — האָט ער געזאָגט — איילט אייך צו!...

אין איין מאָמענט, אין איין אויגנבליק האָבן מיר זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן וואָגן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטרוי צוזאַמען מיטן וועלאָסיפּעד און אונדזער וועגעלע.

ווען די פערד האָבן גערירט פון אָרט, האָבן מיר נישט געהאַט קיין כוח צו ריידן. מיר זענען געזעסן איינגעהויקערט און געדרעמלט. די זון מיטן בלויען הימל, די פליִענדיקע פייגל, די פונאַנדערגעשפּרייטע פעלדער — קיין שום זאַך האָט פאַר אונדז נישט עקזיסטירט.

עס פלעגט טרעפן, אַז די פערד האָבן זיך פלוצלינג פאַרהאַלטן. נישט וויסנדיק פאַרוואָס האָט זיך געמאַכט, אַז דער שנור פון די וועגענער האָט געמוזט בלייבן שטיין אויף אַן אָרט. דעמאָלט האָבן מיר געעפנט די אויגן.

אַך, זיצן אַזוי אויפן הויפן שטרוי ביז עק וועלט. זאָל זיך די וועלט דרייען, אָבער אָן אונדז, אָן אונדזער אָנטייל. ווייל וואָס און וועמען זענען מיר נייטיק? צי זענען מיר נישט געווען אַ פאַרלוירענער אָפּפאַל אויף די אומענדלעכע וועגן פון דער פרעמדער ערד?

שוין אַזוי לאַנג און אויף אַזאַ דורכגעטריבענעם אופן קעמפן מיר

פארן לעבן — איז ווען ענדלעך, ווו איז ענדלעך דער סוף פון דעם קאמף?

און טראָץ דעם אַלעם, טראָץ דער מידקייט — ביים אַקאַמפּאַניאַ־מענט פונעם טרייסלענדיקן וואָגן און קלאַפּנדיקע קאָפּיטעס — האָבן זיך אונדז געחלומט פיר ווענט, אַ דאַך איבערן קאָפּ און פיר ווענט... אַן אייגן ווינקל, אַ לעצטער האַפן, אַ בעט און אַ שאַנק; אַ טיש און אַ שטול. און איין פענצטער און אַ שטילקייט הינטערן פענצטער... אַן אייגן טעפּל אויף אַן אייגן פייער, אַ רויטער פלאַם, איבער וועלכן מען קען אין די ווינטערנעכט דערוואַרעמען די געפרוירענע הענט. און וואָס נאָך? — אַ טעפּעלע מיט פּוטער, אַ גלאָז מיט מילך, אַ לאַבן ברויט און אַ שאַכטל מיט צוקער... דאַרף מען דען נאָך מער?

איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן אויף טכוזשעווסקי. כ׳האָב מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז כאָטש ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שוואַכן ווילן, אָן שום איניציאַטיוו — האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיט די גע־שעענישן ווי די בלעטער אינעם ווינט — איז ער דאָך געווען פאַר אונדז אַ באַשיצער און אַ חבר. ער האָט געטיילט אונדזער מאַלצייט, געדרעמלט אַ מידער לעבן אונדזער זייט און געטרונקען וואַסער פונעם זעלבן ברונעם וואָס מיר.

און ווען ער וואָלט געוווּסט? ווען ער וואָלט זיך דערוווּסט דעם אמת וועגן אונדז? וואָס וואָלט דאַן געווען? איך האָב מיר אַליין געענטפערט: גאָרנישט וואָלט געווען. איך בין געווען זיכער, אַז ער וואָלט אויף אַ האָר נישט געענדערט זיין האַנדלונג און באַציִונג צו אונדז. ער וואָלט געבליבן דער זעלבער ווי געווען.

***

אין אַ פאַרנאַכטיקער שעה, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, זענען מיר אַריינגעפאָרן אין דער פאַרשטאָט פון לאַנדסבערג. האַלטנדיק זיך קוים אויף די פאַרחלשטע פיס, זענען מיר צוגעגאַנגען צו אַן איינשטאָ־קיק הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ שמאָלער גאַס, נישט ווייט פונעם וועג.

עפּעס אַ מאַן איז געזעסן ביים פענצטער. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך אָפּגערוט נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט.

— צי וואָלטן מיר דאָ געקענט ערגעץ נישט ווייט איבערנעכטיקן?

— האָבן מיר געפרעגט אויף דייטש.

ער איז אַלט געווען ביי די פערציק. ער האָט געטראָגן וואָנצעס און זיינע האָר זענען געווען פאַרקעמט אויף אַרויף.

ער האָט אויף אונדז געקוקט. מיר זענען געשטאַנען לעבן אַ נידע־ריקן גאָרטן־פּלויט — מידע, פאַרשטויבטע און שמוציקע. ער האָט באַ־מערקט די רויט־ווייסע שלייפן אויף אונדזערע קליידער און זיך אָנגע־רופן אויף פויליש:

— איבערנעכטיקן? — ער האָט געמאַכט אַ קרייז מיט דער האַנט

— ווייניק האָט איר דאָ ליידיקע הייזער?

די הייזער אויף דער צווייטער זייט גאַס האָבן געמאַכט דעם איינ־דרוק ווי עס וואָלט ווירקלעך קיינער דאָרט נישט געוווינט. אויף אַלע היי־זער האָבן געפלאַטערט ווייסע פענער. דערלעבן האָט זיך נישט גערדרייט נישט קיין פרוי, קיין קינד, אַפילו נישט קיין הונט.

— איר קענט איבערנעכטיקן אין יעדן הויז, ווייל אַלע זענען אָפן און ליידיק. אָבער זעלנער קענען אייך אין דער נאַכט באַאומרויִקן. ביים ראַנד פון גאַס איז פאַראַן אַ געל הויז. דאָרט וווינען דייטשקעס, וואָס זע־נען אויסגעזידלט געוואָרן פון בעסאַראַביע. ביי זיי קענט איר איבער־נעכטיקן.

זעענדיק אַז מיר שטייען נאָך אַלץ אָנהאַלטנדיק זיך ביים פּלויט — האָט ער צוגעגעבן:

— איך בין דער בירגערמייסטער. עס וווינט ביי מיר אַ סאָוויעטי־שער פּאָלקאָווניק. אויב איר וועט קומען מאָרגן אינדערפרי, וועט איר קריגן אַ שיסל זופּ פון זיין קיך.

איצט האָבן מיר באַדאַרפט אַוועקגיין. מיר האָבן געהאַט פאַר זיך אַ פּערספּעקטיוו פון אַ שיסל זופּ און מיר האָבן געוווּסט ווו צו קריגן אַ נאַכטלעגער.

דאָס געלע הויז איז געשטאַנען ביים עק פון דער גאַס אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן. פון דער גרינער געדיכטקייט האָט זיך אויסגעטיילט אַ שטיקל מויער מיט אַ קוימען אויף אַ רויטן דאַך. אין דעם מאָמענט איז דאָס געווען אונדזער צילפּונקט און דאָך האָבן מיר זיך נישט גערירט פון אָרט.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען און צוזאַמען מיט דער קעלט, וואָס האָט דורכגעדרונגען די ביינער, האָט אונדז איבערגעוועלטיקט אַזאַ מידקייט,

אַז מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד — דאָרט ווו מיר זענען גע־שטאַנען. ערשט ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן מיר זיך אויפגע־הויבן און געגאַנגען לענגאויס דער גאַס...

מיר האָבן געקלאַפּט אין דער טיר פונעם געלן הויז, אָבער קיינער האָט אונדז נישט געעפנט. היות עס איז וואָס אַמאָל פינצטערער געוואָרן — האָבן מיר אַליין געעפנט די טיר.

אין דעם צימער מיט צוויי פענצטער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש ביי וועלכן עס זענען געזעסן אַ דרייסיק פרויען מיט קינדער. דער טיש האָט זיך געפינען לעבן די פענצטער. אַ ליכטל האָט געברענט אין אַ בלע־כענער פושקע פון קאָנסערוון, אויף די פּאָדלאָגעס איז געווען פונאַנדער־געוואָרפן שטרוי, אויף וועלכן עס זענען געלעגן דעקעס און מאַנטלען. דורך דער אָפענער טיר האָט מען געזען אַ צווייט צימער אויך איבערגע־פולט מיט שטרוי.

— צי קענען מיר ביי אייך איבערנעכטיקן? — האָבן מיר זיך גע־פרעגט אויף דייטש.

— נעכטיקט איבער — האָט געענטפערט אַ געלהאָריקע פרוי.

זיי האָבן געגעסן וועטשערע. די מוטערס האָבן געהאַלטן די קינ־דער אויף די קני און זיי געקאָרמעט.

אויף אַ טאַץ זענען געלעגן צעשניטענע שטיקלעך שוואַרץ ברויט. אין מיטן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער טאָפּ מיט קאַשע אָדער קאַרטאָפל.

די געלהאָריקע פרוי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און נאָך איר איז אויפגעשטאַנען אַ צווייטע מיט אַ קינד אויף דער האַנט.

זי איז אַלט געווען העכסטנס אַכצן יאָר און איז שוין געווען אַ מו־טער. איר פּנים איז געווען נאָך קינדיש. זי האָט זיך באַוועגט מיט אַן אומבאַשרייבלעכן רייץ.

די אַלע פרויען זענען געווען דאָרפיש אָנגעטאָן אין אויסגעפּאַסטע וועסטלעך און לאַנגע, ברייטע קליידער. זיי זענען געווען פאַרמערקעס פון די דייטשישע קאָלאָניעס, וואָס די דייטשן האָבן עוואַקויִרט. זיי האָבן גע־רעדט רוסיש פונקט אַזוי גוט ווי דייטש.

— דאָ, אין דעם ווינקל אויפן שטרוי קענט איר איבערנעכטיקן — האָט אונדז געזאָגט די געלהאָריקע פרוי. זי האָט אונדז אַריינגעפירט אי־נעם צווייטן צימער און אָנגעוויזן אויף אַ ווינקל.

איך האָב זי פאַרהאַלטן ביים אַרבל: — זאָגט מיר — האָב איך גע־פרעגט — ווי קען זיך באַשיצן אַזאַ שיינהייט? ווי אַזוי איז דאָס מעג־לעך אַז מען האָט זי נאָך נישט אַוועקגערויבט?

— מיר באַהאַלטן זי אויס און היטן זי אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ — האָט זי געענטפערט. — זי גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון דער היים. ווען עמעצער קומט אַריין, באַהאַלט זי זיך גלייך. און די טיר עפנט מיין שוויגער.

זי האָט אָנגעוויזן אויף אַן אַלטיטשקע, וואָס איז געזעסן ביים טיש. זי איז אַלט געווען ווייניקסטנס אַכציק יאָר און האָט אויסגעזען ווי אַ מכשפה.

מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן שטרוי מיט די דעקעס און מאַנט־לען. מיר זענען גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

צוויי אַזייגער אין מיטן דער נאַכט האָט אונדז אויפגעוועקט אַ גע־רויש פון אַן אויטאָ און גלייך נאָך דעם האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּן אין דער טיר.

אין בלאַסן שיין פון דער לבנה האָט איך דערזען ווי די אַלטיטשקע, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ מכשפה, האָט זיך צוגעשלעפּט אויף די היל־צערנע שטעקשיך צו דער טיר.

איך האָב דערהערט אַ שטים: — נישט מורא האָבן, נישט מורא האָבן...

און נאָך אַ ווייל ווידער: — זדראַסטוויטיע! דאָ זענען פאַראַן, זאָגט מען, פריילעכע דאַמאַטשקעס...

די געלהאָריקע פרוי, וואָס איז געשלאָפן לעבן אונדז, האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער פּאָדלאָגע, אָבער דער אָפיציר איז שוין געגאַנגען אי־בער דער וווינונג און געלויכטן אין די ווינקלען מיט אַן עלעקטריש לעמפּל. אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רעוואָלווער.

— גאָט איז מיט אייך! — האָט געזאָגט די פרוי — קיין שום דאַ־מאַטשקעס זענען דאָ נישטאָ. בלויז אַלטע און קינדער.

— גוט, שוין גוט — האָט ער געענטפערט. — כ׳בין נאָר אַזוי זיך אַריין אויף אַ רגע, כ׳בין שיכור.

ער האָט אויסגעשאָסן צוויי מאָל אין סופיט און איז אַרויס.

— שלאָפט — האָט געזאָגט די פרוי — מיר זענען שוין דערצו צו־געוווינט.

זי האָט אויפגעקנעפּלט איר קאַמזויל און האָט זיך אַ קראַץ געטאָן איבער דער נאַקעטער ברוסט, ווייל דאָס שטרוי איז געווען איבערגעפּולט מיט פליי. זי האָט זיך צוגעדעקט מיט אַ שמאַטע, אָוועקגעדרייט זיך אויף אַ זייט און געזאָגט:

— אונדזער שיינהייט און אַלע יינגערע פרויען נעכטיקן אויפן בוי־דעם, צו וועלכן מען קריכט אַרויף דורך אַ לייטער צו דער עפענונג אין סופיט פון קאָרידאָר. דעם לייטער באַהאַלטן מיר אונטערן שטרוי.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען האָבן מיר זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן רייניקן אונדזערע קליידער, וואָס זענען פול גע־ווען מיט שטרוי. די אַלטע „מכשפה" האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טיר און געקוקט ווי מיר האָבן אויסגעלייגט אונדזערע זאַכן אויפן ווע־געלע, אפשר האָט זי נישט געהאַט קיין צוטרוי און מורא געהאַט, אַז מיר וועלן צוגנבענען אַ טעפּל אָדער אַ שמאַטע. זי איז געשטאַנען אין שיין פון די ערשטע זונשטראַלן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און קייענדיק די קאָרע פון ברויט אין איר ציינלאָז מויל.

ווי נאָר מיר האָבן גערירט אין וועג — טכוזשעווסקי דער ערשטער, מאַרישיאַ מיטן וועגעלע נאָך אים און איך מיט מאַציעקן ביים סוף — איז צוגעטראָטן צו אונדז אַ זעלנער און ער האָט אָוועקגעלייגט זיין האַנט אויפן וועלאָסיפּעד.

— דאָס דאַרפן מיר האָבן — האָט ער געזאָגט — איך רעקוויזיר דעם וועלאָסיפּעד.

מיר האָבן שוין געהאַט דערפאַרונג אין דער הינזיכט. ברעכנדיק די הענט, האָבן מיר זיך געבעטן ביים זעלנער, ער זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן און נישט אָוועקנעמען אונדזער איינציקן אוצר. די טעאַטראַלישע פאַרצווייפלונג האָט אַלעמאָל געווירקט. טכוזשעווסקי האָט אין אַזעלכע פאַלן קיינמאָל קיין וואָרט נישט גערעדט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אַראָפּגעלאָזענע אויגן — אַ מאַלטרעטירטער און אומגליקלעכער...

— געלויבט צו גאָט, וואָס דאָס מאָל איז אויך געלונגען — האָט ער געזאָגט.

מיר זענען שטיין געבליבן לעבן דעם בירגערמייסטערס הויז. דער וועלאָסיפּעד איז געבליבן אונטער אונדזער אויפזיכט און טכוזשעווסקי איז אַריין אין קיך. ער האָט געבעטן ביי דער באַלעבאָסטע די זופּ, וואָס מען האָט אונדז מיט אַ טאָג פריִער צוגעזאָגט.

ער האָט געברענגט די זופּ אין אַ גרויסער עמאַלירטער שיסל. די זופּ איז געווען געקאָכט אויף שעפּסנפליישׁ און עס זענען אין איר געשווומען שטיקלעך פעטס.

דערלעבן איז געווען אַ ווינונג צו וועלכער מען איז אַריין דורך דריי טרעפּלעך. טכוזשעווסקי האָט אַוועקגעשטעלט די שיסל מיט זופּ אויף דעם העכסטן טרעפּל. דורך אַ מאָמענט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער האָט אַוועקגעשטעלט עסן פאַרן הונט. אַזוי האָט עס אויסגעזען.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דער שיסל. געגעסן די זופּ איינער נאָכן אַנדערן. דער איינאייינציקער לעפל איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דאָס איז געווען אַן אמתע נאַרהאַפטיקע זופּ, אַ הייסע און פעטע, וואָס האָט אונדז אָנגעפילט מיט נייע כוחות, מיט ניי לעבן.

— גענוג — האָט געזאָגט מאַרישיאַ — ווייל מיר וועלן קראַנק ווערן און שטאַרבן. מען טאָר נישט עסן קיין פעטע פּאַטראַוועס מיט אַ הונגעריקן מאָגן.

דער בירגערמייסטער איז געשטאַנען און האָט זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צו אונדז צוגעקוקט: — וואָס זענט איר פון באַרוף? — האָט ער געפרעגט.

טכוזשעווסקי האָט געענטפערט דער ערשטער:

— איך האָב געאַרבעט אין וואַרשע אין אַ פאַבריק פון פּרעציזע אינסטרומענטן. ביי די דייטשן האָב איך געאַרבעט אויף דער באַן.

— און מיר זענען שניידערינס — האָט געזאָגט מאַרישיאַ.

— שניידערינס? — האָט ער זיך דערפרייט. — הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: בלייבט דאָ אין דער שטאָט, אין לאַנדסבערג. איך וועל אייך געבן אַ ווינונג אין דעם שענסטן געמויערטן הויז מיט מעבל און בעטגעוואַנט, נאָך די דייטשן.

— ניין! — האָבן מיר געזאָגט. — מיר קענען בשום־אופן דאָס נישט טאָן. מיר האָבן אַ משפחה אין וואַרשע — ברידער און שוועסטער.

— שוועסטער און ברידער? טאַ ברענגט זיי דאַ אַריבער. זיי וועלן דאַ האָבן אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט!

— מיר וועלן עס איבערטראַכטן — האָט טריב געענטפערט טכור־זשעווסקי. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון די טרעפּ, גענומען די שיסל און איז צוגעגאַנגען באַדאַנקען דער באַלעבאָסטע. זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל. פערצן יונגע מיידלעך האָבן צוגעקערט די גאַס.

זעענדיק אַז מיר קוקן זיך צו צו די מיידלעך, האָט זי געזאָגט:

— דאָס זענען פאַרגוואַלדיקטע און אָנגעשטעקטע מיידלעך. זיי זע־נען געווען אין שפּיטאָל און אַ סאָוויעטישע דאָקטאָרקע האָט זיי אויס־געהיילט. איצט זענען זיי צוריקגעקומען צו דער אַרבעט.

אַלע מיידלעך האָבן געהאַט גלייכגילטיקע און מידע פּנימער. זיי האָבן געזונגען עפּעס אַ טאַנגאָ. די אַרבעט איז צוגעגאַנגען פויל. זייערע באַוועגונגען זענען געווען שווערע און לאַנגזאַמע.

אונדזערע געדאַנקען האָבן זיך בליץ שנעל צוריקגעקערט צו די געטאָ־צייטן. עס האָבן זיך אונדז דערמאָנט די מחנות יידן, וואָס האָבן אָפּגעקערט דעם שניי אויף די גאַסן...

און דאָך, נישט קוקנדיק אויף אַלץ האָבן זיך אונדזערע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן, ווען מיר האָבן געקוקט ווי אַזוי מען האָט דערנידעריקט דעם ווייבלעכן מין. עס זענען צווישן זיי געווען פּופּצניעריקע מיידלעך. צום שרעקלעכסטן איז געווען דאָס ליד וואָס זיי האָבן געזונגען אַן פרייד.

— ניין, — האָבן מיר געזאָגט, — מיר קענען בשום־אופן נישט פאַרבלייבן. מען וואַרט אויף אונדז אין וואַרשע. אפשר וועלן מיר דאַ אַמאָל צוריקקומען צוזאַמען מיט דער משפּחה.

מיר האָבן אָנגעהויבן שנעל צו ברענגען אין אָרדענונג אונדזערע זאַכן אויפן וועגעלע, פּונקט ווי מיר וואָלטן מורא געהאַט אַז דער בירגערמייס־טער וועט אונדז בגוואַלד פאַרהאַלטן. פּלוצלינג איז דורכן וועג דורכגע־פאָרן אַ לאַסט־אויטאָ. מיר האָבן אויפגעהויבן די הענט כדי אים צו פאַר־האַלטן. ער איז שטיין געבליבן און איינער פון די זעלנער איז אַראָפּגע־שפּרונגען.

— פירט אונדז צו אַ שטיקל וועג — האָבן מיר געבעטן.

— מיר קענען נישט — האָט ער געענטפערט — ס'איז פאַרבאָטן.

— פאַרוואָס? פירט אונדז כאָטש אַ שטיקל וועג.

— מיר פירן מתים — האָט ער געזאָגט. — עס איז פאַרבאָטן, דאָס איז שוין אַזאַ געזעץ.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ פּאַפּיראָס און דער בירגער־מייסטער האָט אים געגעבן פייער. ער האָט פאַרויכערט, אַרויפגעשפּרונגען אויפן לאַסט־וואָגן און זיי זענען אַוועקגעפאָרן.

דער בירגערמייסטער האָט אונדז נישט פאַרהאַלטן.

— זאָל אייך גאָט פירן — האָט ער געזאָגט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צום געזעגענען זיך.

דאָס וועגעלע האָט אַ סקריפּע געטאָן און מיר זענען ווידער געגאַנגען דורכן שטעגל לעבן שאָסיי אין דער זעלבער אָרדענונג וואָס פריִער.

— מאַציעקל — האָט געזאָגט מאַרישיאַ — וואַרף עפּעס אַראָפּ פון זיך אויף גליק. אפשר האָסטו עפּעס אין טאַש?

— איך האָב אַ בלייפעדער — האָט ער געזאָגט.

— וואַרף אַוועק די בלייפעדער. אפשר וועלן מיר דערפאַר היינט מצליח זיין.

ער איז אויף אַ רגע שטיין געבליבן, אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ בלייפעדער און ער האָט אים אַוועקגעוואָרפן הינטער זיך.

מיר זענען געגאַנגען. אונדזערע טריט זענען געווען ריטמיש און געמאָסטן. נישט צו שנעלע, אָבער אויך נישט קיין צו לאַנגזאַמע. מיר האָבן געשוויגן. יעדער פון אונדז איז פאַרזונקען געווען אין געדאַנקען. אונטערבאַוווסטזיניק האָבן מיר געשוינט אונדזערע כוחות וואָס האָבן אין אונדז אַזוי שוואַך געטליִעט.

אויפן דריטן צי פערטן קילאָמעטער איז דאָס וועגעלע געוואָרן צעבראָכן.

— עס איז קאַליע געוואָרן — האָט געזאָגט טכוזשעווסקי — שוין אוממעגלעך עס צו פאַריכטן.

ער האָט דאָס וועגעלע אַריינגעוואָרפן אין רינשטאָק און אָט איז עס געלעגן מיט די רעדער אַרויף פּונקט ווי דעמאָלט ווען מיר האָבן עס געפינען.

טכוזשעווסקי האָט צוגעבונדן דעם בייטל מיט עסן צו זיין וועלאָסיפּעד און די רעשט האָבן מיר איינגעטיילט צווישן זיך.

די זון האָט געוואָרעמט, עס איז געווען כמעט מיטאָג־צייט. אונדז איז שווער געווען צו טראָגן אַפילו אַזאַ קליינע לאַסט. יעדעס מאָל האָבן מיר זיך געמוזט אָוועקזעצן און אַביסל אָפּרוען. דערביי האָבן מיר כסדר געהאָפט, אַז עס וועט דורכפאָרן עפּעס אַ לאַסטוואָגן וואָס וועט אונדז צופירן אַ שטיקל וועג.

דערווייל זענען מיר געווען אַליין צווישן די ענדלאָזע פעלדער, פול מיט גרינסן וואָס האָבן זיך געריסן צום לעבן. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך געצויגן דער לאַנגער שטרייף פונעם שאָסיי, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער פּערספּעקטיוו. הינטער אונדז — די ליידיקע שטאָט לאַנדסבערג.

פּלוצלינג האָט אונדז אַרומגענומען אַן אומרו צוליב דער אַרומיקער שטילקייט און פּוסטקייט. מיר האָבן זיך געפינען אין אַ צענטער פון אַ ריזיקן ראָד, אין וועלכן עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן יעדער פונק פון לעבן. מיר האָבן אָנגעשטעלט די אויערן און קיין שום קלאַנג איז נישט דערגאַנגען צו אונדז. ס'איז בכלל איצט גאָרנישט דערגאַנגען צו אונדזער באַוווסטזיין — אַחוץ טשוויטשערן פון די פייגל און זשומען פון די פליגן.

— צי גייען מיר מיטן ריכטיקן וועג? — האָט געזאָגט דער נידער־געשלאָגענער טכוזשעווסקי — צי בלאָנדזשען מיר נישט? שוין אַ לאַנגע צייט ווי קיינער איז נישט דורכגעפאָרן און מען זעט נישט קיין שום באַוועגונג אויף דעם וועג.

ער האָט פאַרהאַלטן דעם וועלאָסיפּעד און זיך אויפמערקזאַם אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: ווען עס וואָלט אונדז אויף דעם פּלאַץ פאַרכאַפּט אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן — ווו וואָלטן מיר זיך אויסבאַהאַלטן?

— און אפשר איז דאָס צעבראָכענע וועגעלע געווען אַן אָנצוהערעניש — האָב איך געזאָגט. — אפשר איז עס געווען אַ וואָרענונג כדי נישט צו גיין ווייטער?

אין דעם מאָמענט האָט יעדער פון אונדז אַ טראַכט געטאָן וועגן אַ שיסל זופּ. צי דאַרף מען נישט צוריקגיין קיין לאַנדסבערג? אין דער פאַר־צווייפלונג און נישט־אַנטשלאָסנקייט האָבן מיר געדענקט וועגן דער זופּ און וועגן דעם שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע, ווו מען וואָלט געקענט נאָך אַ נאַכט איבערנעכטיקן...

עס איז קיין צווייפל נישט געווען, אַז אָן דעם וועגעלע, וואָס איז דאָך געווען אַ געוויסער אָנשפּאַר, האָבן מיר זיך אַ וואַקל געטאָן. איך האָב אַ פאַרזאָרגטע געקוקט אויפן קינד.

אין די מינוטן פון נישט־אַנטשלאָסנקייט, אין די מינוטן פון אייג־ברעכן זיך — האָב איך אַלעמאָל געקוקט אויף מאָציעקן.

צי איז ער דען נישט געווען די גלייכע פערטע פּערזאָן אין אונדזער גרופּע? צי האָבן אים דען נישט געדראָט די זעלבע געפאַרן? צי האָט ער נישט געקעמפט מיט דער מידקייט? צי האָט ער נישט געלעכצט נאָך אַ וואַרעם ביסל עסן? צי האָט אים נישט, פּונקט ווי אונדז, אַרומגענומען אַ פּלוצימדיקער אומרו צוליב דער אומזיכערקייט אין דער פרעמדער וועלט?

טאָ זאָל ער זיך אויך אַרויסזאָגן. איך האָב געוואַרט אויף זיינע ווער־טער, אויף אַ באַקלאָגן זיך, אויף אַ פאַרלאַנג, אויף אַ קאַפּריז ענדלעך — אָבער קיינמאָל נישט, קיינמאָל האָב איך — אַחוץ אַ שאַרפן זשעסט, אַן אויסדרוק פון אומגעדולד אויף זיין פּנים און אַ שווייגנדיקע דערוואַר־טונג — עפּעס אַנדערש ביי אים נישט געזען.

ווען מיר זענען אַזוי געשטאַנען צעבראָכענע, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן — צי גיין פאַרויס, צי גיין אויף צוריק — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קלאַפּן פון רעדער און פון אַ זייטיקן וועג איז אויפן שאָסיי אַרויסגעפאָרן אַ דאָרפישער וואָגן איינגעשפּאַנט אין אַ פערד.

— נעמט אונדז מיט, באַלעבאָס! מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט!

ער האָט אונדז צוריקגעפירט קיין לאַנדסבערג און אַראָפּגעלאָזט אויפן זעלבן פּלאַץ פון וועלכן מיר האָבן דעם זעלביקן טאָג אָנגעהויבן אונדזער וואַנדערוועג — פאַרן הויז פון דעם בירגערמייסטער.

גראָד איז אין דער צייט געשטאַנען דאָרט אַ ריזיקער לאַסט־אויטאָ אָנגעלאָדן מיט גומענע רעדער. אַ באַרג פון גומענע רעדער און אונטער זיי — ביקסן.

— צי פאָרט איר אין דער ריכטונג פון וואַרשע? — האָבן מיר גע־פרעגט.

— יאָ, מיר פאָרן אין דער ריכטונג — האָבן זיי געענטפערט.

— צי וועט איר אונדז מיטנעמען?

— צי וועט איר זיך קענען אַרויפדראַפּען אויף די רעדער?

צי מיר וועלן קענען? ס'קינד האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אין איין

רגע, אָבער די מוטער — וואָס וועט זיין מיט דער מוטער? אַלפּרעד! האַלט דאָס קינד, ווייל עס וועט אַריינפאַלן אין לאָך!

דערנאָך האָט זיך אַרויפגעקליבן טכוזשעווסקי, שלעפנדיק מיט זיך דעם וועלאָסיפּעד — שנעל און געשיקט, ווייל דאָס איז דאָך געווען אַן אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייט. ער האָט דערלאַנגט די האַנט מאַרישיאַן און זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף אַ גומענעם ראָד, ענדלעך — די מוטער. אַך, אַפילו די מוטער האָט אַרויפגעקלעטערט שנעל און געשיקט — דער שאָפער זאָל אַמאָל נישט חרטה האָבן.

דער בירגערמייסטער האָט געקוקט דורכן פענצטער. ער האָט אונדז געזען ווי מיר זענען אַראָפּ פון דער דאָרפישער פור און ווי מיר האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן אָנגעלאָדענעם לאַסט־אויטאָ.

ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו אונדז צו ריידן און צו מאַכן מיט די הענט, אָבער מיר האָבן שוין זיינע ווערטער נישט געהערט. אפשר האָט ער געוואָלט אונדז צוריידן, אַז מיר זאָלן בלייבן אָדער אונדז איבעראַשן מיט אַ נייעם פאָרשלאָג.

— צי וואָלסטו געקענט עפּעס אַוועקוואַרפן, מאַציעק? — האָט געפרעגט מאַרישיאַ — צי האָסטו נאָך עפּעס אַן אוצר אין דיין טאַש?

— איך האָב אַ סטאַטועטקע — האָט ער געזאָגט — וואָס עס האָט מיר געשאָנקען מאַדעיסקי.

— אַך, וואַרף זי אַוועק — האָט מאַרישיאַ געבעטן — ווען־סט זען אַז דאָס וועט אונדז ברענגען גליק!

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש די סטאַטועטקע פון גרינעם שטיין, וואָס מאַדעיסקי האָט געפינען אין די רוּינען פון אַ באָמבאַרדירט הויז — און עס אַרויסגעוואָרפן הינטער זיך אינעם שטויב. ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. מען האָט נישט געטאָרט זיך אומקוקן. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט די שפּיל — אָדער דער כישוף — אונדז צוגעגעבן מוט. און גאַנץ באַשטימט האָט עס צוגעגעבן זיכערקייט און צוטרוי דעם מידן קינד.

דער לאַסטוואַגן האָט גערירט פון אָרט. אין די ערשטע מינוטן האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז דער באַרג מיט די גומענע רעדער וועט צוזאַמען מיט אונדז זיך אַראָפּגליטשן און מיר וועלן אַריינפאַלן אין די גריבער. די צוויי סאָוויעטישע זעלנער וואָס זיצן פון פאָרנט וועלן עס אַפילו

נישט באַמערקן. די רעדער האָבן זיך געטרייסלט און געהוידעט אונטער אונדז. מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז נאָר אַדאַנק אונדזער מאַסע האַלטן זיי זיך אויפן אָרט.

מיט אַ גרויסער שנעלקייט זענען מיר פאַרבייגעפאָרן די זעלבע גיטער, די זעלבע גערטנער, וואָס מיר האָבן דערקענט פונעם פרימאָרגנדיקן וואַנדערן. דער זעלביקער הונט איז אַרויסגעשפרונגען פון דער בודע. דער ברונעם, פון וועלכן מיר האָבן געטרינקען וואַסער האָט אַ בליץ געטאָן און איז פאַרשוווּנדן הינטער די צווייגן פון די ביימער. דער עמער איז נאָך געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט...

דערנאָך האָבן מיר נאָך אַמאָל געזען דאָס צעבראָכענע וועגעלע, וואָס טכוזשעווסקי האָט אַריינגעוואָרפן אין גרוב — אינעם זוניקן פאַרבייג פונעם שאָסיי אויף וועלכן מיר זענען געשטאַנען אומאַנטשלאָסענע צוהערנדיק זיך צו דער שטילקייט און איינקוקנדיק זיך אין דער וויסטעניש. אינעם זאַמדיקן וועג אויפן פעלד אויף וועלכן עס האָט זיך באַוויזן דאָס מאָגערע פערדל וואָס האָט געשלעפּט דעם קלאַפּנדיקן וואָגן.

מיטאַמאָל האָט זיך טכוזשעווסקי אָנגערופן:

— סוף־כל־סוף זענען מיר געגאַנגען מיטן ריכטיקן וועג און אפשר האָט מען גאָרנישט באַדאַרפט זיך צוריקקערן. דער זעלבער לאַסט־אויטאָ וואָלט אונדז מיטגענומען.

— דאָס איז נישט זיכער. — האָב איך געזאָגט. — אַ פאָרנדיקער לאַסט־אויטאָ וואָלט זיך אפשר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. פאַרן הויז פונעם בירגערמייסטער איז ער געשטאַנען אויף אַן אָרט און מיר האָבן געקענט בעטן דעם שאָפער.

דערנאָך זענען מיר אַנטשוויגן געוואָרן. מיט שווערקייט איז אונדז אָנגעקומען צו עפענען דאָס מויל און נישט גערן האָבן מיר אַרויסגערעדט אַ וואָרט. מידע און הונגעריקע האָבן מיר שלעפעריק געשאָקלט מיט די קעפּ. אונדזערע אויערן זענען געווען פול מיטן וואָיענדיקן ווינט. מיר זענען כסדר אויפגעשפרונגען, אויפגעוועקט זיך פון באַטויבונג און פאַרוווּנדערט זיך אַרומגעקוקט.

מיר האָבן איצט געזען אויף די פעלדער צעשמעטערטע טאַנקען און גרויסע גריבער פון באָמבעס. דאָ איז געווען די שלאַכט — האָבן מיר אַ טראַכט געטאָן גערירטע.

דערנאָך זענען מיר דורך אַ הילצערנער בריק אַריינגעפאָרן אין אַ פאַרברענטער שטאָט. אַ שטאָט — אַ געשפּענסט. עס האָט אויסגעזען ווי דאָרט וואָלט זיך נישט געפינען קיין איין איינוווינער. פון איין עק ביזן אַנדערן — פאַרברענטע הייזער.

— ווי הייסט די שטאָט?

— קאָסטרין — האָט געענטפערט דער שאָפער.

— דאָס איז טאַקע די שטאָט ווו עס האָט געוווינט די שוועסטער פון אונדזער לאַגער־קעכין. וועגן דער שטאָט פלעגט זי אָפט דערציילן.

די זון האָט זיך אַ בייג געטאָן צו מערב ווען מיר זענען שטיין גע־בליבן אויפן מאַרקפּלאַץ. צווישן די לאַסט־אויטאָס איז געשטאַנען אַ וואָגן — גרייט אַוועקצופאָרן. עטלעכע זעלנער האָבן נאָך געלאָדן קאַסטנס און דעקעס.

— וווהין פאָרט איר?

— קיין פּאָזנאַן — האָבן זיי געענטפערט.

מיר האָבן זיך געוואָרפן אויפן טענדער ווי וועלף אויף רויב. אין איין רגע האָבן מיר איבערגעטראָגן אונדזערע פּעקלעך, אַ שפּרונג געטאָן אויף די רעדער. טכוזשעווסקי האָט אַריבערגעוואָרפן דאָס רענצל מיטן וועלאָסיפּעד, אָבער ער האָט נישט באַוויזן אַרויפצוגיין. דער אויטאָ האָט גערירט פון אָרט און ער איז פאַרבליבן אַנגעטשעפּעט פון הינטן. מען האָט נאָר געזען זיין שרעקלעך איבערגעשראָקן פּנים און זיינע צוויי הענט, וואָס האָבן ספּאַזמאַטיש געדריקט די קלאַפּע פונעם אויטאָ.

— מיין מאַן! מיין מאַן! — האָט מאַרישאַ אויסגעשריגן. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, וואַקלענדיק זיך און פאָכענדיק מיט די הענט — האָט זי געמאַכט אַ פּאָר טריט, אַנידערגעקניט און אים אָנגע־כאַפּט פאַר די צוויי הענט.

— שטיין בלייבן! שטיין בלייבן! — האָט געשריגן מאַציעק. ער איז געווען ווייס ווי קרייד און זיך צעוויינט. ער האָט נישט געקענט מאַכן קיין אַנשטעל. אַפילו אין דאָזיקן טראַגישן מאָמענט, האָט ער נישט גע־קענט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „פאָטער". „מיין פאָטער — האָט ער באַ־דאַרפט רופן — ראַטעוועט מיין פאָטער!"

ענדלעך האָט איין זעלנער אַ כאַפּ געטאָן טכוזשעווסקין פאַרן קאָפּ, אַ צווייטער פאַר די הענט און זיי האָבן אים אַריינגעשלעפּט אין וואָגן.

ער איז אַנידערגעפֿאַלן ווי אַ שטיק געפּעק, אָבער ער האָט זיך שנעל אויפֿגעהויבן און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מאַרישיאַ.

דערנאָך האָט אָנגעהויבן פֿאַלן אַ דין רעגנדל. איך האָב געעפֿנט אי־בער מאַציעקס קאָפּ דעם שירעם, וואָס כ׳האָב געפֿינען אין פֿעלד. איצט איז ער מיר צונוץ געקומען צום ערשטן מאָל.

טכוזשעווסקי איז געזעסן אַ גלייכגילטיקער אויף אַ קאַסטן אַרומ־נעמענדיק מיט די הענט זיינע קני. די טראָפּנס רעגן זענען אַראָפּגעשווו־מען פֿון זיין פּנים ווי גרויסע טרערן.

די זעלנער האָבן זיך איינגעוויקלט אין דעקעס. איינער פֿון זיי האָט זיך אויפֿגעהויבן, גענומען מאַרישיאַן פֿאַר דער האַנט, אַוועקגעזעצט לעבן זיך און זי אַרומגעדעקט מיט זיין דעקע.

דעמאָלט האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען. אונטערן שטילן קלאַנג פֿו־נעם דריבנעם רעגן, אונטערן געטראַסק פֿון די רעדער, אונטערן קלאַפּן פֿון אונדזערע הערצער, אין דער דעמערונג וואָס איז וואָס אַמאָל געדיכ־טער געוואָרן...

דער „געראַי״ (העלד), וואָס איז געזעסן לעבן מאַרישיאַ איז געווען דער „זאַפּיעוואַלאַ״ פֿונעם כאָר. ער האָט געהאַט אַ ריינע, קלינגענדיקע און טרוימענדיקע שטים.

דערנאָך האָט ער געזונגען אַליין. אַ טיפֿע פֿאַרבענקטקייט איז גע־לעגן אין דאָזיקן איינזאַמען געזאַנג — צו די ווייטע פֿעלדער, צו דער נעפּלדיקער נאַכט און אפֿשר גאָר צו דער פֿרוי וואָס איז געזעסן לעבן אים.

דער טריומף פֿון יוגנט, די פֿרייד פֿון נצחון, די בענקשאַפֿט נאָך לי־בע און דער צער נאָך דער פֿאַרגייענדיקער רגע...

— און וווהין וועט איר גיין, מיר זענען שוין נישט ווייט פֿון פּאָז־נאַן? וווּ וועט איר נעכטיקן? — האָט פּלוצלינג געפֿרעגט וואַסיל — דער זינגער.

— מיר האָבן קרובים אין פּאָזנאַן — האָט געענטפֿערט מאַרישיאַ.

— אָבער איר קענט נישט גיין ביי נאַכט איבער די גאַסן, עס איז שוין נאָך דער פּאָליציי־שעה. פֿאָרט צו אונדז אין די קאַזאַרמעס, איר וועט נעכטיקן אין דער קאַזאַרמע.

— אין דער קאַזאַרמע? ניין. מיר וועלן איבערנעכטיקן אין דער פּאָ־

ליציי־געביידע. לאָזט אונדז אַראָפּ לעבן דער פּאָליציי, מיר בעטן אייך זייער.

— עך, איר נאַראָנים! — האָט ער געזאָגט. — ביי אונדז אין דער קאַזאַרמע איז פריילעך. מען שפּילט אויף דער גאַרמאָשקע, מען טרינקט בראָנפן, מען טאַנצט. מיר זינגען און זענען פריילעך אין דער קאַזאַרמע. איר וועט אויך גוט פאַרברענגען צוזאַמען מיט אונדז.

— ניין...

— נו לאַדנאָ, לאַדנאָ, דוראַטשקי — האָט ער געזאָגט.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין די פּעריפעריעס פון פויזן פאַר 12 אַזייגער ביינאַכט. דער וואָגן האָט זיך פּלוצלינג פאַרהאַלטן אויף אַ פוסטער גאַס, פיל גערטנער אַרומגעצאַמטע מיט הויכע פאַרקאַנעס.

— נו, גייט אַראָפּ — האָבן זיי געזאָגט — ווייטער קענט איר נישט פאָרן. עס איז אונדז פאַרבאָטן צו פירן ציווילע לייט.

זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן נאָך אונדז די פּעקלעך און טכוזשעווסקיס רענצל. זיי האָבן אים אויך געהאָלפן אַרונטערנעמען דעם וועלאָסיפּעד.

— אַ דאַנק, — האָבן מיר געזאָגט, — ספּאַסיבאָ גראַי!

מיר זענען אַ געוויסע צייט נאָך געשטאַנען און זיך איינגעהערט. זיי זענען שוין אַוועקגעפאָרן, זיי זענען שוין פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

**
*

ווען מיר זענען אַזוי געשטאַנען פאַרלוירענע אויפן וועג, נישט וויסנדיק וווּהין צו גיין — צעטרייסלטע פונעם לאַנגן פאָרן און דעזאָריענטירטע צוליב דער פינצטערניש — האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן צוויי פּאָליציאַנטן. צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן האָבן אונדז געלויכטן אין די אויגן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל.

— און וואָס איז דאָס? וואָס זענען דאָס פאַראַ פייגל? — האָט איינער געפרעגט.

און דער צווייטער: — פון וואַנען האָט איר זיך דאָ גענומען? פון הימל אַראָפּגעפאַלן?

זיי האָבן מיט חשד געקוקט אויף אונדזער געפּעק וואָס מיר האָבן צוזאַמענגעקליבן אין דער פינצטער.

— גנבים צי וואָס? וואָס זענען דאָס פאַראַ זאַכן און וועמענס זע־

נען זיי? צי ווייסט איר נישט, אַז עס איז שוין לאַנג נאָך דער פּאָליציי־שעה? עס קומט אייך דערפאַר צו אַרעסטירן.

זיי האָבן אונדז נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. מיר האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי זיי צו טיטולירן און ווי אַזוי זיי צו מילדערן.

— הער אינספּעקטאָר, — האָט זיך ענדלעך אָפּגערופן טכוזשעווסקי, — מיר פאָרן פון בערלין, פון אַ לאַגער. מיר זענען מיט אַ ווייל צוריק געקומען, די זעלנער האָבן אונדז פון דעם טענדער אַרונטערגעזעצט אויפן וועג.

— קומט אין דער פּאָליציי — האָבן זיי געזאָגט — מיר וועלן קאָנטראָלירן אייערע דאָקומענטן.

עס האָט אונדז געוווּנדערט פאַרוואָס מען האָט אונדז מיט אַזאַ אומצוטרוי און אַזוי שאַרף אויפגענומען אויף דער פּוילישער ערד. דער קריג האָט זיך דאָך שוין פאַר אונדז געענדיקט. צי זעען מיר אויס ווי באַנדיטן? צי גייט מען אַרויס אויף אַ באַנדיטישע עקספּעדיציע מיט אַ קינד און מיט צוויי פרויען וואָס שלעפּן קוים די פיס?

— צי איז ווייט צום פּאָליציי־אַמט? — פרעגן מיר.

— נישט ווייט, גלייך הינטערן ראָג.

מיר געפינען זיך שוין אינעם פּאָליציי־אַמט; אינעם קאָרידאָר, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טאַבאַקרויך, שטייט אַ הילצערנע באַנק. מיר זעצן זיך אַוועק.

— דאָקומענטן! — זאָגן זיי צו אונדז. מיר זוכן איבער די טאַשן און מיר דערלאַנגען די וואַרשעווער קענקאַרטעס און די לאַגער־פּאַפּירן.

זיי נעמען עס מיט זיך. מיר בלייבן אַליין און גרייטן זיך צו נעכטיקן. די דעק אויף דער פּאָדלאָגע איז פאַר טכוזשעווסקין, מאַרישיאַ מיטן קינד, זיי לייגן די מאַנטלען אונטער די קעפּ און ווערן גלייך אַנטשלאָפן.

פאַר מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט די באַנק. איך זיץ; דערנאָך לייג איך מיך אַוועק. אָבער כ'קען לאַנג נישט אַנטשלאָפן ווערן. איך קוק אויף די ווענט, אויפן פענצטער, הינטער וועלכן עס רוישן די צווייגן פון דיביימער, אויף דער טיר, אויפן סופיט, אויפן גאַנצן ווינקל, וואָס איז אַזוי קאַלט און נישט גאַסטפריינטלעך. און איך טראַכט: פאַרוואָס זענען מיר זיך נישט מודה אַז מיר זענען יידן? פאַרוואָס וואַרפן מיר נישט אַראָפּ די מאַסקע? — עס זענען דאָך שוין נישטאָ קיין דייטשן?

דער קריג האָט זיך געענדיקט און דאָך איז אונדז אַפּילו אין זינען נישט געקומען צו זאָגן ווער מיר זענען אויף אַן אמת. נישט נאָר די סאָוויעטישע זעלנער האָבן מיר נישט געזאָגט, נישט די פּאָליציאַנטן — נאָר אַפּילו טכוזשעווסקין אויך נישט...

איך ליג אויף דער האַרטער באַנק. ערגעץ אין אַ דערבייאיקן הויף קרייען די הענער, עס בילן הינט. אַ פּייף פון אַ באַן רייסט איבער די נאַכטיקע שטילקייט און איך קוק נאָך כסדר אין דער צוקונפט, וואָס ווייזט זיך מיר אויס אין דעם מאָמענט צו זיין מיט אַזוי פיל זאָרג, ווי דער קריג וואָלט זיך פאַר אונדז אינגאַנצן נישט געענדיקט...

זעקס אַזייגער אינדערפרי עפנט זיך אויף אַ טיר פונעם דערבייאיקן צימער און עס קומט אַריין אַ יונגער מענטש, ציוויל אָנגעטאָן. אָפּגעבנדיק מיר און מאַרישיאַן די דאָקומענטן זאָגט ער:

— צי זענט איר נישט אַמאָל קיין זשידוועטשקעס?

אַך! — האָבן מיר אַ טראַכט געטאָן — דאָס איז דאָך אַן אַגענט פון די נישט־ווייטע צייטן. פּונקט אַזוי האָבן אויסגעזען די „שמעקערס״ אויף דער כלאָדנאַ־גאַס אין וואַרשע. צוליב זיין באַשעפטיקונג האָט ער אַזאַ געניט און געאיבט אויג אַז קיינער קען זיך פון אים נישט אויסבאַהאַלטן.

מאַרישיאַ גיט זיך אַ רייס אויף פון דער פּאָדלאָגע.

— ווער? מיר? צי זענט איר פון זינען אַראָפּ? מיר — יידישע?

איצט האָט זיך אויך טכוזשעווסקי אַוועקגעשטעלט אויף זיינע פיס און ס'קינד איז אויך אויפגעשטאַנען.

— מאַרישקאָ! — האָט רויק געזאָגט טכוזשעווסקי — לייג נישט קיין אַכט אויף דעם וואָס ער רעדט...

פון וואַנען די אויפרעגונג? פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי דענערווירט?

— דאָס איז די דערינערונג פון יענע צייטן. זי האָט רעאַגירט אויף אַזאַ אופן ווי דער קריג וואָלט נאָך אָנגעהאַלטן.

זי האָט פאַרבעסערט אירע קליידער, אַרויסגענומען אַ קעמעלע און זיך פאַרקעמט די האָר.

— צי קענען מיר נאָך זיצן אַ פּאָר מינוט? מיר האָבן גאָרנישט געגעסן פון נעכטן ביי טאָג.

— איר קענט — האָט געענטפערט דער ציווילער.

ער איז געשטאַנען פאַר אונדז מיט די הענט אין די קעשענעס, מיט

אַ פּאַפּיראָס אין מויל און מיט אַן איראָנישן אויסדרוק אויף זיין פּנים. ער האָט געקוקט אויף אונדז, ער האָט קיין איין וואָרט נישט געגלייבט מאַרישיאַן און זיך גאַנץ אָפן אַמוזירט אויף אונדזער חשבון.

מיר האָבן אַרויסגענומען דאָס שוואַרצע ברויט, וואָס עס האָבן אונדז געגעבן די זעלנער — און מיט טכוזשעווסקיס מעסערל האָבן מיר פאַר יעדן פון אונדז אָפּגעשניטן אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ. דאָס ערשטע שטיקל האָט זי דערלאַנגט טכוזשעווסקין.

— עס! — האָט געזאָגט מאַרישיאַ און האָט אויף אים וואַרעם אַ קוק געטאָן.

דערנאָך זענען מיר אַרויס פון פּאָליציי־אַמט און זיך פאַרקערעוועט צו דער באַן־סטאַציע. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין קראָקע, ווייל מיר האָבן דאָרט געהאַט דעם אַדרעס פון דער פרוי פּרומיקאָוואַ, ביי וועלכער עס האָט אַמאָל געוווינט נינאַ. זי האָט נאָך באַוויזן אין אירע בריוו צו אונדז אין לאַגער אַריין, אויפצוגעבן דעם אַדרעס.

„ביי דער פרוי פּרומיק וועט איר זיך דערוויסן וווּ איך בין" — האָט זי געשריבן.

— דאָ, אין פּאָזנאַן וועלן מיר זיך צעשיידן — האָבן מיר געזאָגט צו טכוזשעווסקין — איר וועט פאָרן קיין וואַרשע און מיר — קיין קראָקע.

ער האָט נאָך אַלץ געפירט זיין וועלאָסיפּעד. ער איז געגאַנגען פאַרויס אין אונדזער גרופּע — פּונקט אַזוי ווי אויף די דייטשישע וועגן און שאָסייען.

אויף יעדן טריט האָבן מיר געטראָפן סאָוויעטישע זעלנער און זעלנערקעס, גרויסע לאַסט־וואָגנס זענען געפאָרן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. די שטאָט האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיליטערישן לאַגער.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מאַרישיאַ אַ בליק געטאָן אויף אַ שילדל, וואָס איז געהאָנגען פאַר איינעם פון די הייזער און זי האָט אויסגערופן:

— דאָ וווינט דאָקטאָר סטאַבראָווסקי, ער האָט געהיילט מאַציעקן ווען ער איז קראַנק געווען אויף שקאַרלאַטין. מיר וועלן גיין צו אים.

איך און טכוזשעווסקי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און זי איז, אָננעמענדיק מאַציעקן פאַר דער האַנט, אַריין אין טויער פון דעם הויז.

ווען זיי זענען אַרויף אויף די טרעפּ — האָבן זיי זיך אויף אַ רגע צוגעזעצט אויפן פענצטער צווישן דעם ערשטן און צווייטן שטאָק.

— מאַציעקל — האָט זי געזאָגט — צי האָסטו שוין גאָרנישט מער אָוועקצוואַרפן אויף גליק? מיר זענען נאָך נישט צוגעפאָרן (זי האָט גע־וואָלט זאָגן „אַהיים", אָבער זי האָט זיך פאַרהאַקט), אונדזער וואַנדערן האָט זיך נאָך נישט געענדיקט.

— איך האָב אַ שאַכטל פון פאַרבן — האָט ער געזאָגט.

— וואַרף עס אַוועק. מיר וועלן דערפאַר גיכער פאַרפאָרן קיין קראָקע.

— איך וועל עס איבערלאָזן אויפן פענצטער — האָט ער געזאָגט.

ער האָט נישט געוואָלט אַוועקוואַרפן דאָס שאַכטל. דאָס איז געווען זיין לעצט שפּילצייג, וואָס איז אים וואַרשיינלעך געווען טייער.

ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס שאַכטל אויפן פענצטער.

— נו, און וואָס? — האָבן מיר זיך געפרעגט ווען זיי זענען צוריק־געקומען — האָסט געטראָפן דעם דאָקטאָר סטאַבראָווסקי?

— ער איז אַוועקגעפאָרן — האָט זי געענטפערט — אָבער מיר האָבן געטראָפן זיין פרוי. זי האָט אונדז געגעבן פרישטיק און דריי האַרטע אייער אויפן וועג.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער. יעדעס מאָל האָבן מיר ביי די דורכ־גייער געפרעגט דעם וועג און ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע.

— דאָ וועלן מיר זיך געזעגענען — האָט געזאָגט טכוזשעווסקי — ווייל איר וועט גיין אויף אַן אַנדער פלאַטפאָרמע און איך — אויף אַן אַנדערע.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט.

— ווען איך וועל זיין אין וואַרשע, וועל איך אייך גאַנץ זיכער באַ־זוכן — האָט מאַרישאַ געזאָגט, פאַרשרייבנדיק זיין אַדרעס.

מיר זענען געגאַנגען זוכן אונדזער פלאַטפאָרמע, דורכשטופנדיק זיך צווישן אַ מחנה מענטשן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר באַמערקט טכוזשעווסקין, וואָס איז געלאָפן צו אונדז מיטן רענצל אין דער האַנט. ער איז געווען בלאַס און אָטעמלאָז. דער שווייס איז אים גערונען פון פּנים.

— וואָס איז געשען? — האָבן מיר געפרעגט.

— ווען מיר האָבן זיך צעשיידט — האָט ער געזאָגט, כאַפּנדיק דעם

אַטעם — זענען צו מיר צוגעקומען צוויי סאָוויעטן און האָבן ביי מיר צו־גענומען דעם וועלאָסיפּעד.

— אָ, ווען איך וואָלט געווען דערביי, — האָט געזאָגט מאַרישיאַ, קוים איינהאַלטנדיק די טרערן, — וואָלט איך אויך דאָס מאָל אויסגעווינט פאַר אייך דעם וועלאָסיפּעד.

דער צוג פּאָזנאַן־קראָקעוו איז שוין געשטאַנען אויף די רעלסן. ער איז געווען אַזוי אָנגעפּאַקט, אַזוי איבערפולט, אַז עס איז אוממעגלעך גע־ווען זיך אַריינצובאַקומען אין וואַגאָן, ווען מיר וואָלטן אַפילו געוואָלט אַריין דורכן פענצטער. מיר זענען טרויעריקע אַרומגעגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרמע מיט אַ ווייטיק אין האַרץ און מיט אַ פעסטער איבערצייַ־גונג, אַז אין אַ ווייל אַרום וועט די באַן רירן פון אָרט און מיר וועלן בלייבן פונקט ווי הונדערטער אַנדערע, וועלכע מיר האָבן געזען זיצנדיק אויף די רענצלעך און געפּעק — רעזיגנירטע און פּאַסיווע.

אַזוי האָבן מיר זיך געריקט פון אַ וואַגאָן צו אַ וואַגאָן ביזן סאַמע לאָקאָמאָטיוו. פאַרן לאָקאָמאָטיוו איז געווען אַ פּאָסטוואַגאָן און אַ באַ־גאַזש־וואַגאָן. דער מאַשיניסט איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע. מיר זענען צו אים צוגעגאַנגען.

— מיר מוזן אומבאַדינגט נאָך היינט פאָרן קיין קראָקעוו — האָבן מיר געזאָגט. — מיר בעטן אייך, אָרדנט אונדז איין ווו ס'זאָל נישט זיין און — פאַר אַ שטיקל גאָלד.

— אַנו ווייזט נאָר דאָס שטיקל גאָלד — האָט ער גלייך געענטפערט.

איך האָב אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטיקל פון דער קייט, וואָס טכוזשעווסקי האָט איבערגעביסן מיט זיינע ציין — און איך האָב עס אים געוויזן צוזאַמענגעוויקלט אויף דער האַנט.

ער האָט זיך נישט געשפּילט אין קיין שום צערעמאָניעס, ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין וויכוחים, נישט געמאַכט קיין אָנשטעל פון אַ באַליידיקטן. ער איז ניכטער צוגעטראָטן צום ענין. ער האָט אָנגענומען דאָס קייטל מיט צוויי פינגער, באַטראַכט עס און שנעל אַריינגעלייגט אין זיין וועסטל־קעשענע.

— איך וועל אייך איינאָרדענען אינעם באַגאַזש־וואַגאָן — האָט ער געזאָגט — עס איז דאָרט פול מיט מענטשן, אָבער אפשר וועט איר זיך נאָך דאָרט אַריינקריגן און וועט נישט דערשטיקט ווערן.

ער האָט אונדז צוגעהאָלפן אַרויפצוגיין אויף די הויכע טרעפּלעך און אַריינגעוואָרפן אונדזער געפּעק. אין דעם איבערגעפּולטן וואַגאָן מיט קאַסטנס, קופערטס און מענטשן האָבן מיר זיך דורכגעשטופּט אין אַ ווינקל און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע פאַרשאַרנדיק די פיס אונטער זיך.

דער וואַגאָן איז געווען כמעט דער זעלבער, ווי יענער מיט וועלכן מיר זענען אַוועק פון וואַרשע אין דער אומבאַקאַנטער ריכטונג. פּונקט ווי דעמאָלט זענען דאָ אויך די מענטשן געזעסן און געלעגן אין אַן אומ־באַשרייבלעכער ענגשאַפט. דער חילוק איז נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס איצט זענען מיר געפאָרן צוריק, און דער ראָד האָט זיך אַ קייקל געטאָן.

מיר זענען אָנגעקומען קיין קראָקע פאַרטאָג. ערשט פאַרטאָג, ווייל לאַנגע שעהן זענען מיר געשטאַנען אויף די זייטיקע רעלסן, וואַרטנדיק ביז עס וועלן דורכפאָרן די מיליטערישע טראַנספּאָרטן.

עס איז שוין געווען די מאָרגן־דעמערונג. אין דער גרויער טריבקייט פונעם אויפוואַכנדיקן טאָג האָבן די שטערן געגלאַנצט און די לבנה איז געשוועמען צווישן די וואָלקנס. עס האָט נאָך געהערשט די פּאָליצײ־שעה — מען האָט נאָך נישט געטאָרט גיין איבער דער שטאָט. מיר האָבן גע־מוזט זיצן אין וואַרטצימער אויפן וואָקזאַל עטלעכע שעה.

זיבן אַזייגער האָבן מיר פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל. שלעפּנדיק די מידע פיס האָבן מיר זיך לאַנגזאַם גערוקט פאָרויס. מענטשן האָבן זיך אומגע־קוקט אויף אונדז, געבליבן שטיין און געפרעגט:

— פון וואַנען זענט איר?

— מיר קומען צוריק פון לאַגער.

— פון וואָס פאַראַ לאַגער?

— פון בערלין.

— פון בערלין? מען האָט נאָך קיינעם נישט געטראָפן וואָס איז צו־ריקגעקומען פון בערלין. בערלין איז דאָך באַלאַגערט און איז נאָך נישט געפאַלן.

— אָבער אונדזער לאַגער איז געווען אין דער פאָרשטאָט קעפּעניק און די רוסן האָבן שוין איינגענומען די פאָרשטאָט.

— ווי לאַנג זענט איר געווען אין וועג?

— דריי טעג און דריי נעכט.

זיי האָבן אונדז נישט געגלייבט. מיר האָבן דאָס דערקענט אין זייערע אויגן.

איך האָב אַרויסגענומען פון בײַטל און זיי געוויזן אַ שטיקל שמאַטע — דער אות „פּ" אויף אַ געלן פאָן — וועלן זיי אונדז איצטער גלייבן?

אַ מאָדנע זאַך: דער אומצוטרוי פון די מענטשן האָט אויך אונדז אָנגעהויבן אָנצושטעקן. צי קומען מירווירקלעך צוריק פון בערלין? צי איז דאָס מעגלעך? וואָס פאַראַ דאַטע האָבן מיר הײַנט? דעם 29סטן אַפּריל. דריי נעכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין וועג. איין נאַכט אינעם קעלער פון דער דייטשקע, און דעם 25סטן פאַרטאָג האָבן די רוסן גענומען קעפּעניק...

אָבער צי איז דאָס אַלץ אויף אַן אמת געשען? — און אויב יאָ — טאָ וווּ זענען איצט די מענטשן פון אונדזער לאַגער? אויף וועלכע שאָסייען וואַלגערן זיי זיך?

— צי גייען מיר גוט אויף דער זיגמונט־אויגוסט גאַס? — פרעגן מיר.

— יאָ, גוט. גייט גלײַך און דערנאָך אויף רעכטס.

— אויב אַפילו מיר וועלן געפינען די פּרוי פּרומיק — האָב איך געזאָגט — וועט זי סײַ־ווי־סײַ אונדז נישט אַרײַנלאָזן אין שטוב אַרײַן.

— פאַרוואָס? — פרעגט מאַרישיאַ.

— זי וועט מורא האָבן אַז מיר זענען פאַרלײַזיקט, ווײַל מענטשן פון אַ לאַגער קענען האָבן לײַז.

— אָבער פרעגן זיך וועלן מיר קענען. מיר וועלן בלײַבן שטיין אויף דער שוועל און זיך פרעגן וועגן נינאַ.

צי איז דאָס זיגמונט־אויגוסט גאַס? — יאָ, דאָס איז די גאַס, און דער נומער 5? — עס געפינט זיך דער נומער 5. און די וווינונג נומער 1. מיר קלינגען בײַ דער טיר און עס עפנט אונדז די פּרוי פּרומיקאָווא.

— איך בין די מוטער פון יאַדוויגאַ טאַקאַרסקאַ, — זאָג איך, — וואָס האָט בײַ אײַך געוווינט. און דאָס איז איר שוועסטער. מיר קומען צוריק פון לאַגער. צי האָט איר אַ ידיעה פון יאַדזשיאַ?

מיר שטייען אויף דער שוועל. מיר זאָגן אַפילו נישט אַז מיר קומען צוריק פון בערלין — ווײַל מיר ווייסן, אַז זי וועט אונדז נישט גלייבן.

— יאַדזשיאַ איז אין וואַרשע. זי וווינט אין פּראַגע אויף דער סטאַ־

לאָוואַ־גאַס. זי אַרבעט אין מיניסטעריום. איר שוועסטער איז אויך אין וואַרשע. זי וווינט אויף נאַרבוטאַ־גאַס. אָבער ביטע, קומט אַריין, קומט אַריין! לייגט אייך צו און רוט אייך אויס! איך וועל אייך באַלד געבן הייסע טיי.

איך טרעט איבער די שוועל פון דער היים. איך קוק אויף דער פרוי, וואָס האָט אַמאָל צוגעטוליעט מיין טאָכטער — און איך טראַכט אַ טיף־געררירטע: און אפשר האָט זיך דאָך, טראָץ אַלעמען, דער קריג אויך פאַר אונדז געענדיקט?...

(סוף)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווישאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאַ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...

36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פערזענלעכקייטן

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע

43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אַש — פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָר. (זכרונות)

69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)

74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד

75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן

76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע, 1937

77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן

78) דניאל טשארני — ווילנע

79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן

80) יזכור־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)

81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך

82—83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)

84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע

85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספארקויפט)

87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים

88) זלמן שזר — שטערן פארטאג (זכרונות)

89) משה דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)

90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אנדערע כתבים

91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע

93) שמעון האראנטשיק — אין גערויש פון מאשינען (ראמאן)

94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)

95—96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954).

97—98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)

99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין

100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור

101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאס־איירעס, 1955).

102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע

103) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע

104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)

105־106־107) מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958).

108—109) מרדכי שטריגלער — געארעמט מיטן ווינט (ראמאן)

110—111) ד״ר א. מוקדוני — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956).

112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956).

113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)

114) **פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען**
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון ביידע זייטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באַריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפֿאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
139) ב. טערקעל — זכרונות פון דער מלחמה־צייט
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאַנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
שלמה ברײַנסקי — זשעליכאָווער מענטשן
שלמה פּריזאַמענט — בראָדער זינגער

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

א. גאָלאָמב שרייבט וועגן דעם בוך פון הירש אַבראַמאָוויטש „פאַרשווונדענע געשטאַלטן״ („דער וועג״, מעקסיקע, 28סטער פעברואַר 1959):

מיין חשובער בן־עיר וואָס איז אַ סך מער ווילנער איידער איך — דער וואַנדערער — בין דאָס געווען, פריינד הירש אַבראַמאָוויטש, האָט האָט מיר צוגעשיקט אַ וויכטיקע מתנה — זיין לעצט דערשינענעם בוך „פאַר־שווונדענע געשטאַלטן״, וואָס איך האָב געלייענט מיט אַן אמתן אינטע־רעס. איך האָב אין ווילנע געקענט דעם מחבר ווי דעם דירעקטאָר פון איינציקאַרטיקער שול „הילף דורך אַרבעט״. ווילנע האָט זיך אויך אַזאַ מין שול געקענט פאַרגינען — אויס־לערנען ייִדישע בחורים און מיידלעך אַ פאַך און אָרגאַניזירן נאָך דעם אויך זייער אַרבעט. פריינד אַבראַמאָוויטש איז די גאַנצע צען יאָר פון מיין זיין אין ווילנע, געווען דער דירעקטאָר פון דער שול. צופעליק איז ער פאַר דער מלחמה געווען אין אַמעריקע און אַדאַנק דעם געוואָרן געראַטעוועט.

דאָס איצטיקע בוך זיינס באַשטייט פון עטלעכע טיילן. צום אָנהייב קו־מען באַשרייבונגען פון די אַמאָליקע געשטאַלטן — זיבן און צוואַנציק ווילנער טיפּן, ווילנער באַרימטע ייִדן פון פאַרשיידענע קרייזן און פון אַ פּאָר דורות טאַקע. דאָס זענען ייִדן וואָס האָבן ווילנע געגעבן אַ נאָמען פאַר אַן עיר ואם בישראל. געווען פאַרשטייט זיך מערער. אָבער דאָס איז ווילנע. מיט עטלעכע פון זיי בין איך אויך פּערזענלעך געווען גאָר נאָ־ענט באַפריינדעט פּערזענלעך. אָבער איך וויל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די ביאָגראַפיעס. עס האָט אָבער אויף מיר פון די באַשרייבונגען אַ שמעק געטאָן מיט ווילנע. דער שרייבער גופא — אויך אַ ליטוואַק — שרייבט דאַכט זיך קאַלט, איינגעהאַלטן, אָן דעם טעמפּעראַמענט פון אַ פּוילישן ייִדן, און דאָך גיט עס אַ צי ביים האַרצן — דאָס איז געווען ווילנע.

זאָל דאָ פאַרבייגייענדיק געזאָגט ווערן נאָך עפּעס: אָט די „ווילנער״ טיפּיש פיינע ייִדן באַשטעטיקן פאַר מיר דעם כלל, אַז... ווילנע ווי אויך אַלע אַנדערע גרויסע שטעט האָבן בלויז געזאַמלט דאָס וואָס קליינע שטעטלעך האָבן געזייט און געהאָדע־וועט. דאָס רוב פון די, מיט וועמען ווילנע שטאָלצירט, זענען געקומען

קיין ווילנע פון קליינע שטעטלעך. די
אויספירן וואָס איך מאַך פון דעם כּלל
זענען אָהער נישט שייך.

דער צווייטער טייל פון בוך באַ־
שטייט פון זיבן באַזונדערע מעמוארן.
איך וועל זיי דאָ אָנרופן: פון הירש
לעקערט צייטן, אין אַ צאַרישער תּפֿי־
סה, יידישע גימנאַזיעס אָן פּראַצענטן,
חיים ווייצמאַן און קאַליאַ טעפּער אין
אַ היסטאָרישער דעבאַטע, איך ווער
אַ מיליציאַנער, די דייטשן אין דער
ערשטער וועלט־מלחמה און אין די
אַפּריל־טעג 1919.

איטלעכער פון די מעמוארן איז אַ
שטיק יידישע געשיכטע, וואָס האָט
אַן אינטערעס ווייט נישט בלויז פאַר
פאַכמענער. איך וועל דאָ זיך עט־
וואָס אָפּשטעלן אויף איין קליינעם
קאַפּיטל. די דיסקוסיע פון חיים ווייצ־
מאַן מיט קאַליאַ טעפּער. ווער איז
געווען דער לעצטער? איך גלייב קוים
אַז עמעצער פון די לייענער האָט גע־
הערט איצט דעם נאָמען. עס שמעקט
מיט דעם אָנהייב פון יאָרהונדערט,
עס איז די צייט פון אידעאָלאָגישע
ריכטונגען, ווען פּאַרטייען זענען ביי
יידן געבוירן געוואָרן, ווען מען האָט
דיסקוטירט און געפירט וואָרט־קאַמפן
צווישן די פּאַרטייען. האָט זיך דע־
מאָלט אין בונד אויסגעצייכנט ווי אַ
שאַרפער, אייגנאַרטיקער דיסקוטאַנט,
און אַ שאַרפזיניקער קעמפער, אַ ני־
דעריקער, דראָבנער קאַליאַ טעפּער,
און אַזאַ איינער וואָס קען אויף אומ־
לעגאַלע, פאַרבאָרגענע מיטינגען און
פאַרזאַמלונגען ריידן לאַנגע שעהן
און „שניידן די קעגנער ווי אין
קרויט" זענען אין יענע צייטן געווען
באַליבט און געשעצט... פאַר אַ טייל
פון יענע פּאַרטיי־קעמפער איז עס גע־
ווען אַ פּאָליטישע שול (חיים ווייצ־
מען, בער באָראָכאָוו, וולאַדעק און
אַנדערע). אַ גרויסער טייל פון די
דיסקוסיע־ספּעציאַליסטן זענען פאַר־
לוירן געוואָרן. אַזוי אויך אָט דער קאַ־
ליאַ טעפּער. ער איז אַוועק קיין אַמע־
ריקע. נאָך דער רעוואָלוציע איז ער
געפאָרן קיין רוסלאַנד. אין יאָר 1921
ווען איך בין געקומען פון רוסלאַנד,
האָב איך אים געטראָפן אין ווילנע.
ער האָט זיך אויך דעמאָלט געצאַצ־
קעט מיט אויסטערלישע צולהכעיס־
געדאַנקען וועגן ליטעראַטור וכדומה.
שפּעטער איז ער ווידער אַוועק קיין
רוסלאַנד, און מען האָט דערציילט, אַז
ער האָט זיך דאָרטן... געשמדט און
געוואָרן אַ פּראַוואָסלאַווער גלח.
מאַלע וואָס אַ פּיפּיקער ייד קען אָפּ־
טאָן ווען ער וויל זיין און גילטן פאַר
אַן אָריגינאַל און אויסטערלישן מענ־
טשן. צי עס איז אמת צי נישט, ווייס
איך נישט, אָבער דער קלאַנג אַליין
איז שוין כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזאַ
מין קאַליאַ טעפּער.

אין דריטן טייל דערציילט אונדז
אַבראַמאָוויטש וועגן די אָנשטרענגונ־
גען פון יידן אין פּוילן צו פּראָדוק־
טיוויזירן די יידישע יוגנט. דעם פאַך
קען דער שרייבער פון זיין אייגענער
דערפאַרונג אין משך פון לאַנגע יאָרן.

זייער אינטערעסאַנט איז פאַר מיר
געווען דער פערטער טייל וועגן דעם
יידישן ליטווישן שטעטל. דאָ קומט
צום אָנהייב אַ מאָנאָגראַפיע וועגן
דעם שרייבערס שטעטל (וויסאָקע
דוואָר). אונדזער ליטעראַטור איז פול

מיט אונדזער שטעטל. אונדזער קולטור איז דאָך דורך און דורך שטעטל. אָבער מיין פריינד אַבראַמאָוויטש האָט אונדז געגעבן אַן אָביעקטיוו וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם שטעטל און אַלע זייטן פון זיין לעבן. און ער קען זייער גוט דאָס שטעטל, אַלע פּרטים פון דעם ייִדישן לעבן אין שטעטל. דאָ האָט דער חשובער קאַלטער ליטוואַק אַפילו באַוויזן אַז ער פאַרמאָגט אויך גוטמוטיקן הומאָר אין זיין באַשרייבן די „אָרעמע און פריילעכע״ פון שטעטל. עס איז אָפט צו באַוווּנדערן וויפל הומאָר און סאַטירע עס האָט פאַרמאָגט דאָס אָרעמע ייִדישע שטעטל! ווען מען פאַרגלייכט דעם רייכן פאָלקלאָר פון דעם אָרעמען שטעטל מיט דעם אָרעמען גייסט פון אונדזערע רייכע שטעט, זעט מען ערשט קלאָר אַרויס די טיפע קולטור פון שטעטל.

איבערהויפּט האָט מיך פריינד אַבראַמאָוויטש פאַרוווּנדערט מיט זיין גראַנדיעזן וויסן די ייִדישע מאכלים אין שטעטל, וואָס ער ווייזט אַרויס אין דעם קאַפּיטל „אכילות ביי ייִדן אין ליטע״. דאָס איז פּשוט אַן אוצר, און ווי קומט עס צו אַ מאַן, אַן אינטעליגענט, אַ לערער, אַ סטודענט, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן פאַרבראַכט ווייט פון שטעטל, ווי קומט עס צו אים אַזאַ גענויער וויסן פון דער ייִדישער קיך. און עס ווייזט זיך אַרויס אַז עס איז דאָ וואָס צו וויסן, וואָס צו לערנען.

נישט ווייניקער וויסן ווייזט אַרויס אַבראַמאָוויטש אין דעם קאַפּיטל „דאָרפישע ייִדישע פּרנסות אין ליטע״. מיט איין וואָרט, יעדער וואָס וויל קענען דאָס ייִדישע לעבן אין ליטע קען אָן דעם בוך פון פריינט הירש אַבראַמאָוויטש נישט אויסקומען. עס פאַרשטייט זיך, מען קען דאָס דורותדיקע ייִדישע לעבן אין דעם לאַנד ליטע אין איין בוך נישט אויסשעפּן, אַפילו אין אַ צענדליק ביכער אויך נישט. ס'איז דאָך אַ דורותדיק איינגעפונדעוועט לעבן פון גאַנצע יאָרהונדערטער. דאָס קליינע לענדל ליטע איז זייער גרויס אין דער ייִדישער געשיכטע. דאָ האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ ספּעציפישער טיפּ ייִד מיט אַ ספּעציפישן דיאַלעקט און אויסשפּראַך, דאָ האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע אייגנאַרטיקע ייִדישע קולטור און טיפּ מענטש מיט אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, שטייגער און פּסיכיק. יעדער צושטייער צו דער מסיכתא „ליטווישע ייִדן״ איז פאַר אונדז ווערטפול. און דאָס בוך פון פריינד הירש אַבראַמאָוויטש איז אָביעקטיוו־ערלעך געשריבן, אָפּגעהיט ווי נאָר אַ ליטוואַק קען זיין. עס קומט אים אַ בפירושער יישר כוח פאַר זיין היפּשן צושטייער צו אונדזער „ליטוואַקאַלאָגיע״.

Este libro se terminó de imprimir el día 23 de julio de 1959, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes Nº 1976, Buenos Aires, Rep. Argentina.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 146

Copyright by
HELENA SZERESZEWSKA, Israel

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

HELENA SZERESZEWSKA

ENTRE LA CRUZ Y LA MEZUZA

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1959